STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01640

OYF DER ARISHER ZAYT

Khaia Elbaum-Dorembus

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיה עלבוים - דארעמבוס

אויף דער ארישער זייט

פארלאג „לעצטע נייעס"
תל־אביב — 1957

KHAIA ELBAUM-DOREMBUS

OYF DER ARISHER SEIT

אלע רעכט געהערן דעם מחבר
כל הזכויות שמורות למחבר

דפוס „הכרמל"
תל־אביב, לוינסקי 54
Printed in Israel

מיינע טייערסטע
ישראלן און יאַנקלען געווידמעט

אויף דער ערישער זייט

קיין שום היסטאָרישע תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור און קיין שום תקופה אין וועלכער עס איז אנדער ליטעראַטור האָט נישט געגעבן אזא גרויסע צאָל ביכער אין אזא קורצער צייט, ווי די אזוי גערופענע חורבן־ליטעראַטור. זייט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און מיט דעם זייט דעם סוף פון דעם ביאָלאָגישן חורבן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געליטן פון די דייטשן און זייערע קאָלאַבאָראַנטן פון אַנדערע פעלקער — זענען דערשינען הונדערטער ביכער: זכרונות, גבית־עדות יזכור־ביכער, געשיכטלעכע סטודיומס, פאָרשונגען, דאָקומענטן־זאמלונגען, בעלעטריסטישע ווערק און אין אַנדערע קינסטלערישע פאָרמען.

נישט מינערנדיק דעם קינסטלערישן, אָדער היסטאָריש־דאָקומענטאָרן ווערט פון די ביכער, וואָס זענען אָנגעשריבן דורך מחברים, וועלכע „זענען אין טרעבלינקע נישט געווען״ — ליגט אָבער דער טראָפּ אויף די מחברים, וואָס האָבן אַליין איבערגעלעבט דעם ביאָלאָגישן חורבן. זיי, די עדות און די שארית הפליטה פון דעם חורבן, האָבן אויף זייערע אייגענע פּלייצעס געפילט די שווערד פון די רוצחים און איבערגעלעבט אלע פּיבערן, וואָס די פארפאָלגטע האָבן געפיבערט. קינסטלער מיט דער שטארקסטער אינטואיציע און מיט דער פלאמיקסטער פאנטאזיע אפילו (אויב זיי „זענען אין טרעבלינקע נישט געווען״) זענען נישט פעאיק זיך פאָרצושטעלן און איבערגעבן יענעם פּיין, וואָס רייסט זיך ארויס פון צווישן די שורות פון יענע שרייבער, וואָס זענען נישט קיין קינסטלער, נאָר באשרייבן זייערע חורבן־איבערלעבונגען לאפידאַר און נישט פאכמעניש. דאָס איז דער כוח פון דעם „רעקאָשעט״, דורך וועלכן דער חורבן קומט צום אויסדרוק — דורך שרייבן אלס מיטל פון אויסרעדן זיך, פון באפרייען זיך פון דעם לאסט־קאָשמאַר. אזוי ארום פארווישט זיך אָפט די גרענעץ צווישן קינסטלער און נישט קינסטלער.

דערפאר אָבער זענען פון ספּעציעלן באדייט יענע ביכער אין דער חורבן־ליטעראַטור, וואָס זייערע מחברים האָבן אליין דורכגעמאכט דעם גרויל און זענען גלייכצייטיק באשאָנקען מיט קינסטלערישן טאלאנט, מיטן כוח פון נישט געוויינטלעכער אָבסערוואציע און אויסדריק־מעגלעכקייטן.

צו די דאָזיקע ביכער געהער בלי־שום־ספק דאָס דאָזיקע בוך, „אויף דער אַרישער זייט”, פון חיה עלבוים־דאָרעמבוס. דער גורל האָט פאַר חיה עלבוים־דאָרעמבוס צוגעגרייט פון אַלע ליידן — אַלס פרוי, אַלס מאַמע און אַלס טאָכטער. און דער גורל האָט איר אוועקגעפירט אויף דער אַרישער זייט, ווו זי האָט אַלס פאַרמשפּטע פונעם רוצחים־געזעץ און פון דער סביבה, געפירט אַ העראָאישן געראַנגל פאַר איר לעבן, אין אַ וועלט וואָס איז דאָך — פון דער זייט — געווען לפּי ערך נאָרמאַל, ווי אין מלחמה־באַדינגונגען אונטער פרעמדער אָקופּאַציע. פון איין זייט דער אייביקער טויט־פּחד און דאָס אייביקע שפּילן די ראָל פון אַן אַריערין און פון דער צווייטער זייט — די אויסגעצייכנטע אָבסערוואַטאָרין, וואָס גאָרנישט מיידט אויס איר אויג. אין אָט דעם פאַרמעסט מיט זיך אַליין זעצט זיך אָפּ דער עפּאָפּעאישער שטאָף, וואָס געפינט זיין תיקון אין דעם בוך.

„אויף דער אַרישער זייט” געהער צו די עפּיש־רעטראָספּעקטיווע און דער־פאַר אַזוי טיף ווירקנדיקע ביכער אין דער חורבן־ליטעראַטור. עפּעס פון דער שטילקייט פון אַ סעלמאַ לאַגערלעף איז פאַראַן אין דעם בוך. דאָס איז אַ שטילקייט, וואָס שניידט זיך אַריין אין בלוט, אַ שטילקייט, וואָס ווירקט אויף שפּעטער און באַשטענדיק.

איז דאָס דאָזיקע בוך נישט נאָך איין בוך אין דער גרויסער חורבן־ליטעראַטור, נאָר איז אַ וויכטיקער עפּישער און גלייכצייטיק דאָקומענטאַר־באַשרייבנדיקער צושטייער צו אונזער ליטעראַטור פון דער חורבן־תּקופה.

מ. צאַנין

2

1



3

1. די מחברין, אין יאָר 1935
2. ישראל, איר מאַן אין יאָר 1935
3. א יאָר פאַר דער מלחמה

קאפיטל איינס

א בריוו צום ברודער

מיין טייערער יאנקל!

ווער ווייסט, אויב מיר וועלן זיך נאָך זען. דער טויט לויערט יעדע רגע.

דיין לעצטן בריוו פון ארכאנגעלסק האָבן מיר דערהאלטן צוויי טעג פאר דעם מלחמה־אויסברוך צווישן דייטשלאנד און רוסלאנד.

נעכטן בין איך אַרויס פון געטאָ. איך געפין זיך ביי סטאַכן, דעם ברודער פון אונדזער פלאַצקער אַרישן שכן וולאַדעק קוכאַרסקי. חוץ ישׂ־ראלן האָב איך שוין דאָ קיינעם נישט. אָבער אויך ער איז נאָך אין געטאָ, ווייל ער וויל ארויסראטעווען זיין פאָטער און שוועסטער.

נעכטן, דעם 14־טן אויגוסט, האָבן די דייטשן דערהרגעט די מאמעשי און די זיסע תמרהלען. דערהרגעט? און אפשר צעשלאָגענע אוועקגעפירט מיטן טראנספּאָרט קיין טרעבלינקע? שווער פעסטצושטעלן. באלד וועסטו הערן, ווי עס האָט אויסגעזען.

כ'האָב די גאנצע צייט אין געטאָ, במשך פון דריי יאָר, נאָטירט וועגן אונדזער לעבן דאָרט. די בלעטלעך האָב איך ביי זיך. אויך דאָ, אויף דער אַרישער זייט, וועל איך ממשיך זיין. אויב איך וועל אומקומען, וועט דיר סטאַך איבערגעבן די זכרונות. סטאַך וועט זיכער איבערלעבן. ער האָט מיר צוגעזאָגט אָפּצוזוכן דיך נאָך דער מלחמה. ער וועט דיך רופן דורכן ראַדיאָ און אויך געבן אַנאָנסן אין צייטונגען. איך גלייב אים, אַז ער וועט האַלטן וואָרט. אונדזער באַקאַנטשאַפט האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם ברודער זיי־נעם, אונדזער געוועזענעם שכן. מיר האָבן אים אַמאָל געהאָלפן אין אַן עת צרה.

סטאַך האָט זיך מיט אונדז נעגטער באַפריינדעט נאָך אין די געטאָ־צייטן. ער איז צו אונדז זייער צוגעבונדן, שוין לאַנג פלעגט ער וואַרטן ביי דער געטאָ־מויער אויף א פאסיקע מינוט צו קענען אדורכשמוגלען א פעקל עסנוואַרג פאַר אונדז. ער איז אַ פשוטער און אָרנטלעכער מענטש, פון באַרוף א גערטנער, קען קוים שרייבן. זיין ווייב פראַניע קען נאָך ווייני־קער, אָבער ביידנס הערצער זענען נישט פאַרסמט.

ביים ארויסגיין פון געטאָ האָבן יידישע פּאָליציאַנטן אדורכגעפירט די טראַנזאַקציע. זיי האָבן גענומען א גרעסערע סומע געלט, איבערגעקויפט דעם זשאַנדאַרם און אליין אויך גוט פאַרדינט. האַנדל, האַנדל!

ישראל איז שטאַרק צעבראָכן און צעטומלט. ער האָט נישט געוווּסט, צי ער זאָל מיך לאָזן גיין, אָדער פאַרהאַלטן. ביים אדורכגיין דעם וואַך־טויער, טרעפט, אז דער זשאַנדאַרם שיקט נאָך א קויל. איך האָב אָבער נישט געוואָלט בלייבן. עס האָט זיך מיר כסדר געדאַכט, אז דו רופסט מיך און בעטסט: „גיי ארויס!".

אין געטאָ איז אַ גיהנום, אַ מוראַדיק שלאַכט־פעלד. קיין מענטשלעכע פאַנטאַזיע איז נישט בכוח זיך פאָרצושטעלן ווי אזוי די דייטשן פאַרניכטן אונדזער פאָלק.

ערשט נעכטן האָט מען אוועקגעריבט פון מיר די מאַמע מיטן קינד און עס דאַכט זיך מיר, אז יאָרן זענען אוועק. הער ווי עס האָט אויסגעזען:

זיבן אַזייגער אין דער פרי, ווען איך האָב זיך געאיילט אַהיים נאָך אַ נאַכט ארבעט ביי טעבענסן (א דייטשע פאַבריק פון מיליטערישע מאַנט־לען) האָט דער ווערקשוץ אָפּגעשלאָסן דעם טויער און נישט דערלויבט קיינעם ארויסצוגיין. אויף די גאַסן פון קליינעם געטאָ ווו מיר האָבן גע־וווינט, נישט ווייט פון ווערקשטאַט, האָבן די דייטשן געבושעוועט. דאָס קורצע וואָרט „אקציע" האָט אָנגעוואָרפן א טויט־שרעק. נאָך יעדער אקציע ווערט דאָס געטאָ קלענער מיט עטלעכע טויזנט יידן. אויך נעכטן, ווי טאָג נאָך טאָג, אין משך פון די לעצטע דריי וואָכן, האָבן די דייטשן ארומגע־רינגלט א געוויסן שטח און באַפוילן אלע איינוווינער צו פאַרלאָזן די היימען און אויסשטעלן זיך אין רייען. די, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן, האָט מען ביים געפינען זיי — אויפן אָרט דערשאָסן.

ווען די טויערן פון פאַבריק האָבן זיך געעפנט, איז יעדער געלאָפן אהיים. אויף די גאַסן — דערשאָסענע, פעקלעך מלבושים, פעדערן, גלאָז אונטער די פיס, אן אימה, אן אָנגעשוואָלענע שטילקייט. אהיים! וואָס שנעלער אהיים, אפשר איז דאָך עמעצער פון די אייגענע געבליבן!!

ביי אונדז אין הויף, אויף אַ גרויסער קופּע טליענדיק מיסט, צווישן צע־בראָכענע שטיקער מעבל, טעפּ, שמאַטעס — אן אייגזאַם פאַרבליבענער שכן, מיט צום הימל אויסגעשטרעקטע הענט: „אלי, אלי, למה עזבתני".

אלע טירן אָפן. אין די שטובן קיין לעבעדיקער מענטש. איך רוף: „מאַ־מעניו, תמרהלע, מאַמעניו!" — אפשר האָבן זיי זיך באַהאַלטן, אָבער א ווידערקול הילכט אָפּ אין חלל און בלייבט הענגען אין דער מוראַדיקער שטילקייט.

אויפן טיש אין א גלעזערן טעלערל — א ביסל נישט אויסגעטרונקענע טיי. נעבן טעלערל א שטיקל ברויט מיט צייכנס פון תמרהלעס דראָבנע ציינדעלעך. מען האָט דאָס קינד, ווייזט אויס, אוועקגעריסן פון פרישטיק. אויף אַ שטול — אַן איבערגעדרייט פיסבענקעלע מיט די פיסלעך אַרויף. אין בענקעלע ווי אין א בעטעלע — תמרהלעס ליאלקע, ארומגעטוליעט אין אַ האַנטעך. אין אַ ווינקל — מיין קינדס שיכעלעך, מיט אויסגעקרומטע אָפּצאַסעלעך און אויפגעבונדענע שיכבענדלעך. אויפן בעט — דער מאַמעס שווארצער מאנטל, אויפן מאנטל — אירע צוויי גרויע האָר.

דאָרט אויף דער ניזקע־גאַס לאָדנט מען אין פּי־וואגאָנען די טראַנס־פּאָרטירטע. אויפן וועג צום „אומשלאַג־פּלאַץ" — דערהרגעטע, אַזוי פיל דערהרגעטע.

כ'לויף און עס דאכט זיך מיר, אז דער וועג איז אָן א סוף. כ'וואַרף אַראָפּ די שיך, זיי שטערן מיר. „מאמעניו, תמרהלע, כ'זאָל אייך כאָטש נאָך אָנטרעפן !".

דער אומשלאַג־פּלאַץ. א גרויס אָפן טויער. רייען מענטשן, וואגאָנען. ארום דעם טויער — יידישע און פוילישע פּאָליציאנטן. לינקס — א בודקע מיט א דייטש. כ'וויל צו אים צולויפן, בעטן — צוויי רוצחישע אויגן פּאַ־ראַליזירן מיין ווילן.

די רייען מארשירן צו די וואגאָנען. כ'דערזע פון ווייטנס די מאמעשי מיטן קינד אויף אירע הענט. כ'האָב זיי גלייך דערקענט צוליב דעם רויטן טיכל אויף תמרהלעס קעפּל. די מאמעשי באמערקט מיך ; זי איז אוודאי זיכער, אז כ'קום זיי אָפּראַטעווען. זי שאַרט זיך ארויס פון דער ריי, לויפט מיטן קינד אין מיין ריכטונג. אן אוקראַינער האָט זיי פארהאלטן און גע־שלאָגן מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס. איך האָב דערהערט א גרויליק געשריי פונעם קינד. די מאמע איז געפאלן און מיט איר קערפּער פאר־שטעלט תמרהלען, דאָס איינציקע אייניקל אירס. זי האָט דאָס קליינע קער־פּערל אַרונטערגענומען אונטער זיך, ווי אַ הון טוט עס מיט איר קליינוואַרג.

איך האָב זיך געוואָלט צו זיי אריינרייסן און צוזאמען אומקומען, אָבער א יידישער פּאָליציאנט, וועלנדיק מיך אָפּראַטעווען, האָט מיט זיין גומענע פאלקע מיר א שטארקן קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. איך האָב פארלוירן דאָס באַוווסטזיין. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז דער פּלאַץ געווען ליידיק. מיינע טייערסטע זענען פארשוווּנדן.

פוילישע און יידישע פּאָליציאנטן האָבן זיך ארומגעדרייט רואיק און ערנסט. טיפער אין הינטערגרונט האָבן מארשירט דייטשן מיט אוקראַינער.

אין מיין מידן צעקלאפּטן קאָפּ האָט זיך ווי א פיש אין מוטנע וואסער, געשליידערט א געדאנק, אז ישראל אהיימקומענדיק נאָך דער ארבעט און

נישט אַנטרעפנדיק קיינעם, וועט אויך אומקומען. ווי א שיכורע, מיט דער ארבעטס־קארטע אין האנט, האָב איך זיך געשלעפּט אין דער ריכטונג צום וואך־טויער אויף לעשנאָ עק אייזנגאַס.

ווי שטארק קאָן זיין א מענטש! איך האָב געוואָלט בלייבן לעבן, כאָטש אין יענע מינוטן האָב איך נישט געדענקט וועגן אונדזער שטילן אָפּמאַך, ברודער מיינער. דאָס לעבן האָט א מאָדנעם כוח. און אפשר טאקע דערפאר איז מיר דער געדאנק וועגן מיין מאן געקומען צו הילף, כדי איך זאָל האָבן זיך אָנצוכאפּן אין עפּעס, וואָס זאָל מיך בארעכטיקן אין מיינע אייגענע אויגן.

איך האָב זיך באַהאַלטן אין ווינקל פון אַ טויער, דער זשאַנדאַרם אויף דער וואך זאָל מיך נישט באמערקן. איך בין געשטאנען לאנגע שעהן, ווארטנדיק ביז ישראל וועט מיט זיין גרופּע יידן אָנקומען פון דער ארבעט. ער האָט צוזאמען מיט א פּאָר צענדליק יונגע ארבעטער אָפּגעלאָדן קוילן פון וואגאָנען אויף דער ארישער זייט, ביים מזרח־וואָקזאל אין פּראגע.

כ׳האָב געזען אין יענע שעהן פון ווארטן שווידערלעכע בילדער, אָבער נאָר וועגן איינס אַזאַ בילד וועל איך דיר דערציילן.

דער זשאנדארם, מיט א רעוואָלווער אין האנט, האָט געשפּרייזט אהין און צוריק אויפן קליינעם שטח ביים טויער, ווי א היענע אין שטייג. פון ערגעץ ווו האָט מען געהערט איינצלנע שאָסן. דורך דער שפּארע פון טויער האָב איך געזען די פּוסטע אָפּגעשטאָרבענע אייזנגאַס און א שטיק לעשנאָ. אַ שוואַרצע עגלה, אויף צוזאַמענקלייבן די טויטע קערפּערס פון געשאָסענע, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים סוף פון לעשנאָ גאַס. צוויי יידן אין שווארצע אוניפאָרמען האָבן געשלעפּט די עגלה (קיין פערד זענען שוין אין געטאָ נישט געווען). נאָר אויסדערוויילטע האָבן געהאַט דאָס גליק צו באַקומען אַ „שוואַרץ היטל״: גבירים, דיפּלאָמירטע, אָדער גאַנץ פרומע, האָבן זיך צייטווייליק פארזיכערט אויף אזא „שטעלע״.

פלוצלינג באַווייזט זיך אויף דער אייזנגאַס אַ יונגער בחור מיט זיין ברייט־צעעפענטער ארבעטס־קארטע.

„קאָם הער!״ — שרייט־אויס דער זשאנדארם.

דאָס בחורל, א שלאנקער, צעשראָקענער, א קינד נאָך כמעט, לויפט צו און ציט אויס די האנט מיט זיינע פּאפּירן. דער דייטש הייסט די פּאַ־פּירן אנידערלייגן אויף דער ערד און באפעלט דעם יינגל צו רופן די עגלה.

באלד קומט אָן דער וואָגן. דער זשאנדארם הייסט דעם יינגל ארייננגיין אינעווייניק, ווו עס ליגן שוין עטלעכע טויטע. ווען דער בחור איז מיט אַ האַלבן קערפּער אין דער עגלה, שיסט דער דייטש אין זיין רוקן. די צוויי ווי פערד־איינגעשפּאנטע יידן, אנטלויפן שנעל מיטן וואָגן. די פּיס

פונעם ייִנגל שלעפּן זיך נאָך און קלאַפּן מיט די שפּיצן שיך אינעם אַספאַלט. א שנירל בלוט, ווי רויטע בלימעלעך, באַצירט די גאַס...

ווייזט אויס, אַז דעם מערדער איז געווען לאַנגווײַליק, האָט ער געמאַכט „שפּאַס".

די וואַכן טוישן זיך. אַ הויכער, דאַרער דײַטש מיט בלוטיקע אויגן פאַר־נעמט דעם ערשטנס פּלאַץ. ער קוקט אויפן טויער, וווּ איך בין באַהאַלטן. איך ווער פּלאַטשיק, ווי צוגעקלעפּט צו דער וואַנט. דאָס טירל פון טויער פאַרשטעלט מיך.

די שעהן ציען זיך אַזוי אומדערבאַרעמדיק לאַנג. איך בין שטײַף ווי אַ שטעקן. דער זשאַנדאַרם שיסט אין די פענצטער פון קעגנאיבערדיקן הויז. ענדלעך דערהער איך אַ טעמפּן אָפּקלאַנג פון צענדליקער טריט. דאָס האַרץ הייבט אָן קלאַפּן. די ערשטע גרופּע אַרבעטער קומט אָן, אָבער מײַן מאַן איז צווישן זיי נישטאָ. די גרופּע איז באַגלייט דורך עטלעכע דײַטשן, דאָך ווערט יעדער ייִד רעווידירט דורכן וואַך־זשאַנדאַרם. די, בײַ וועלכע ער געפינט אַ שפּור פון עסנוואַרג, ווערן געשטעלט אין אַ זײַט. זייער גורל איז געחתמעט. אָט קומט אָן די צווייטע גרופּע. איך דערזע ישראלן. זײַן קאָפּ שטאַרט אַרויס פון דער צוזאַמענגעדרענגטער גרופּע אַרבעטער, זײַן שיין פּנים איז אויסגעדאַרט און אומעטיק. ער האַלט די הענט, ווי אַלע, אין דער הייך, וואַרטנדיק אויף דער רעוויזיע. איך באַמערק, אַז אין זײַן לינקער האַנט זענען די פינגער איינגעבויגן. עפּעס באַהאַלט ער דאָרט אַ קלייניקייט. איך שרעק זיך און בעט צו גאָט, ער זאָל מיר כאָטש אים איבערלאָזן.

ער איז אַדורך. שוין בין איך נעבן אים. זײַנע גרויסע, טרויעריקע אויגן ווערן נאָך גרעסער און צעשראָקענער. ער כאַפּט מיך אָן בײַם אָרעם און פרעגט שנעל:

— געגנומען? וועמען?

— כמעט אַלע.

— תמרהלע?!

— אויך זי...

ישראלס ביטער געוויין הילכט אָפּ מוראַדיק אין דער קאַרמעליצקע־גאַס, וווּ מיר זענען אָנגעקומען און בלײַבן שטיין. ער צאַפּלט, ציטערט און פאַלט פון די פיס, ווי אַ נישט דערשאָכטן עוף. ער נעמט אַרום מײַן קאָפּ און קלאָגט. אויף דער גאַס זענען מיר די איינציקע. קיין שאָרך, קיין סימן נישט פון מענטשלעך לעבן; אַ בית־הקברות פון וועלכן גאָט אפילו איז אַנטלאָפן. נישטאָ בײַ וועמען צו בעטלען הילף. אַלץ אַרום האַלט אײַן דעם אָטעם פון שרעק. די פּוסטע, שוואַרצע טויערן זעען אויס ווי אָפענע מײַלער פון דערהרגעטע הײַזער. די וועלט איז ענג און עס שטיקט.

איך דערזע אין ישראלס האַנט אַ קליינטשיקן רויטן טאָמאַט. נעכטן האָט דאָס קינד זיך געבעטן: „טאַטעלו, איך האָב שוין פאַרגעסן ווי עס זעט אויס אַ טאָמאַטע, ברענג מיר כאָטש אַ פּיצקעלע, אַט אַזאַ ניוניעלע טאָמאַטעלע."

דורך ישראלס פינגער רינט דאָס בלוט פון צעקוועטשטן פּאָמידאָר.

איך ווייס נישט ווי לאַנג מיר זענען ביידע געשטאַנען צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן און געקלאָגט.

באַלד אָבער איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז פּערלשטיין וועט קאָנען אַרויסראַטעווען דאָס קינד. ער איז אַ פּאָליציאַנט; מיר האָבן געוווינט אַ צייט צוזאַמען, געווען באַפריינדעט. די פּאָליציי איז קאַסאַרירט אויף דזשעלנע גאַס, צוויי טריט פון דאַנען — — — ס'איז מיר אוממעגלעך אַצינד צו דערציילן וועגן דער וויזיט, אפשר אַ צווייט מאָל.

מיר זענען ווידער אַרויס אויף דער גאַס.

— ישראליק, כ'וויל מיר זאָלן היינט אַרויס פון געטאָ, כ'קען דאָ לענגער נישט בלייבן.

— היינט? ניין — האָט ער קוים געענטפערט — איך קאָן נישט איבערלאָזן דעם טאַטן מיט דער שוועסטער אָט אַזוי הפקר. האָבן זיי זיך יאָ אָפּגעראַטעוועט, מוז איך זיי העלפן.

— גיי איך אַליין, כ'קאָן נישט מער, כ'קאָן נישט מער.

ישראל שטייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען, די הענט הענגען ווי אַרבל פון אַ ליידיק מלבוש, אַ צעשמעטערטן, פאַריתומטן, אָט אַזעלכן האָב איך אים נעכטן פאַרלאָזט און בין אַרויס פון געטאָ.

אויף די פינצטערע, פּוסטע גאַסן, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט דער געטאָ־מויער, זענען יעדע צוויי מעטער געשטאַנען באַוואָפנטע אוקראַינער. איך בין געווען איינגעהילט אין אַ גרויסער פּאַטשיילע און אויסגעזען ווי אַ פּויערטע פון דאָרף. ביי זיך האָב איך געהאַט תמרהלעס קליידעלע, וואָס זי האָט מיט אַ טאָג פריער געטראָגן, דער מאַמעס צוויי זילבערנע האָר, פּאָטאָגראַפיעס, דאָס פּעקל זכרונות, מיין צירונג און אַ שפּאָר ביסל געלט. עס איז געווען אַכט אַזייגער ביינאַכט. ביז האַלב ניין האָבן די אַריער געמעגט זיך באַוועגן אין גאַס. אויב די דייטשן האָבן עמעצן געכאַפּט נאָך דער באַשטימטער שעה אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש, האָבן זיי געשטעלט צו דער וואַנט און דערשאָסן.

אַרויסקומענדיק אויף דער פריי האָב איך פאַרלוירן די אָריענטאַציע און אָנשטאָט צו גיין לינקס, וווּ עס פירט דער וועג צו דער קאַשטשעלנע גאַס, צו סטאַכן, בין איך געגאַנגען רעכטס — אין דער ריכטונג צום פּאַוואָנזקער פּוילישן בית־הקברות.

איינער פון די אוקראַינער, נעבן וועלכן איך בין אדורכגעגאַנגען, האָט אַ געשריי געטאָן „סטאָי״! (שטיי!). איך האָב אים גוטמוטיק געפרעגט, ווי שפּעט עס איז און ווי אזוי איך קען אָנקומען אויף אלטשטאָט.

„ניע זנאיו״ — האָט ער בייז געענטפערט און אויסגעדרייט זיך צו מיר מיטן רוקן.

האַלב ניין בין איך געווען אויף דער וואַלסקע גאַס, ווו איך האָב באַגעגנט אַ „ריקשע״ (אַ וועגעלע אויף דריי רעדער). דער ריקשאַזש איז מסכים פאַר א „דיכא״ (צען זלאָטעס) אָפּצופירן מיך אויף קאָשטשעלנע גאַס. כאָטש איך וואָלט אים גערן געגעבן אפילו הונדערט זלאָטעס, דאָך האָב איך זיך געדונגען מיט אים, גערעדט מיט א פּויערישן אקצענט, כדי עס זאָל אים נישט איינפאלן, אז איך בין א יידישקע.

ביי סטאכן, צום גליק, איז דאָס טויער געווען נאָך אָפן. ווען איך בין אריינגעקומען אין דעם קליינעם, וואַרעמען שטיבל, ווו דאָס לעבן פליסט אזוי רואיק, האָט סטאַך זיך אָפּגעצלמט, ווי עס וואָלט זיך באוויזן א געשפּענסט. פּראַניען, זיין פרוי, איז ארויסגעפאלן פון דער האנט דער לעפל, וואָס זי האָט געווישט. מיין באווייזן זיך האָט ארויסגערופן עפּעס א קורצשלוס אין זייער שטיל לעבן. מיר זענען אלע דריי געשטאַנען ווי עלעקטריזירט.

— יעזוס מאַריאַ, ווי דו זעסט אויס, פּרוי העלענאַ! — האָט דער ערשטער אויפגעוואַכט סטאַך.

— קאָן איך ביי אייך איבערנעכטיקן? — האָב איך שטיל געפרעגט.

סטאַך האָט פון מיין האנט ארויסגענומען דאָס פּעקעלע און דער־לאַנגט א שטול. נאָך א ווילע ווענדעט ער זיך צו מיר:

— וואָס הייסט איבערנעכטיקן? און מאָרגן וואָס רעכנסטו צו טאָן, פּרוי העלענאַ? און ווו איז דיין מאַן, די מוטער, דאָס קינד? די גאנצע משפּחה?

— הער אויס, פּאַניע סטאַכו, איך טראָג אויף זיך א טויט־אורטייל, אָבער אייך צו פאַראורטיילן האָב איך קיין שום רעכט נישט. מאָרגן וועל איך ארויס ערגעץ אין א דאָרף, אפשר וועל איך באַקומען ארבעט. מיין מאַן איז נאָך אין געטאָ. מיין מוטער מיטן קינד, מיין מאַנס מוטער — נישטאָ מער.

סטאַך פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און וויינט:

— דו בלייבסט ביי אונדז — זאָגט ער, באַהערשנדיק זיך — און אויך דיין מאַן וועל איך צו מיר אריינגעמען. איך מיט פּראַניען זענען מיר שטויב קעגן אייך. אויב מען מעג אייך שיסן, טאָ זאָל אויך אונדז דער טייוול נעמען! איך האָף אָבער צו גאָט, אַז ער וועט אונדז שיצן. אָט גראָד בייסט

מיר דאָס לינקע אויג, דאָס איז דער בעסטער סימן, אז עס וועט גוט זיין!

זיינע מענטשלעכע ווערטער, אויף וועלכע איך האָב זיך נישט גע־ריכט, האָבן מיך אויפגעטרייסלט און איך שרייב דיר דערפון, כדי דו זאָלסט ויסן, וואָס סטאַך מיט פראַניאַן טוען פאַר מיר. אַפילו אַזאַ קליי־ניקייט, ווי דאָס דערלאַנגען מיר וואַרעם וואַסער זיך ארומצוואַשן, האָט אויף מיר געוואַלדיק געווירקט. אויפן בלוטיקן וועג קענען, ווייזט אויס, אויך קלייניקייטן באַדייטנדיק גרינגער מאַכן דעם שווערן גורל.

פראַניע גרייט צום טיש. ברויט, פּוטער, סמעטענע. אויף דער קיך זשומעט דער טשייניק. א מילדע וואַרעמקייט טראָגט זיך פון די צעגליטע קוילן אונטער די פייערקעס. איך פאַרשטיי נישט, ווי מען קאָן אַזוי נאָרמאַל לעבן! א פאָר גאַסן ווייטער הוליעט דער מלאך המות. אויסגעליידיקטע, פינצטערע הייזער; צעשראָקענע, הונגעריקע, קרעציקע, פאַרצווייפלטע מענטשן אין קעלערס, לעכער, מיסט־קאַסטנס, הינטער טאָפּעלע ווענט. און דאָ, דאָ אזא שטילקייט, אזא ריינקייט. ווי איז עס מעגלעך?!

פראַניע רעדט עפּעס צו מיר, זי רוקט מיר אונטער עסן און רעדט מיט א שטיל, ווייך קול. איך קאָן זיך נישט באַוועגן. די הענט און פיס זענען ווי פון וואַטע. א מענטשלעכע האַנט גלעט מיינע האָר. עפּעס טוט זיך אינעם בית־הקברות פון מיין האַרץ. א מבול טרערן גיסט פון מיינע פאַרשוואָלענע אויגן.

פראַניע מיט סטאַכן שטופּן מיר אין מויל אריין א לעפל בראָנפן, דערנאָך נאָך איינעם און נאָך איינעם. זיי לייגן מיך אויפן שמאָלן סאָפע־קעלע, געבעט מיט קלאָר בעטגעוואַנט. פראַניע דעקט מיך ארום. איך ליג ווי אין פּוך. וויפל וואָכן בין איך נישט געלעגן אין קיין בעט? עס טוט וויי, עס ברענט דאָס ווייסע ליילעך! מאַמע, תמרהלע, וווּ זענט איר איצט? און דאָרט, אין מיין פאַרניכטעטער נעסט, צאַפּלט אין טויט־שרעק דאָס איבערבלייבעכץ, די נאָך לעבן געבליבענע און איך — ליג מיר אין קלאָרן, ווייכן בעטגעוואַנט!!

פאַרטאָג, איידער סטאַך איז געגאַנגען צו דער ארבעט, האָבן מיר באַשלאָסן, אז צוויי־דריי טעג, ביז איך וועל קומען צו זיך, דאַרף מיך קיין פרעמד אויג נישט זען. מען האָט געמאַכט אַן אָרט אין שאַנק, כדי צו באַהאַלטן מיך ווען עס וועט עמעצער אָנקלאַפּן אין טיר. פראַניא האָט פאַררוקט דעם פאָרהאַנג ביים פענצטער און נישט אויפגעהערט צו מורמלען פּאַטשער. זי האָט מורא. ביים פרישטיק האָט זי נישט געקאָנט עסן; איך אויך נישט. פון שרעק באַקומט זי שילשול. זי וויל אויך נישט בלייבן

מיט מיר אין שטוב און גייט אוועק צו איר שטיקל פעלד, וואָס געפינט זיך אויף די פעריפעריעס פון ווארשע.

סטאַך נעמט ביי מיר אַ בריוול פאַר ישראלן און גייט אים אָפּוואַרטןביים געטאָ־טויער, ווו מען פירט אַרויס די גרופּע צו דער אַרבעט. אפשר וועל איך באַקומען ענטפער? ישראל וועט זיך שטאַרק פרייען, דערהערנדיק, אַז איך בין בשלום אָנגעקומען.

איך וואָלט שוין אַזוי געוואָלט אים האָבן לעבן זיך! איך שרעק זיך, אַז עס וועט עפּעס געשען און מיר וועלן זיך מער נישט זען. ער ריזיקירט צו פיל, בלייבנדיק דאָרט, אָבער איך קאָן פון אים נישט פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל פאַרלאָזן זיין טאַטן און שוועסטער.

סטאַך האָט מיר היינט דערציילט, אַז אין סטאָצק זענען נאָך אַלע יידן אויפן אָרט. שטעל זיך פאָר, אַז די מומע בושע, אסתר, יעקב־מאיר מיט זיין פרוי און קינד — אַלע לעבן נאָך (הוטקאַ איז אין טיפן רוסלאַנד). נעכטן איז גראָד געווען ביי סטאַכן פּאָפּלינסקי, דער פּאָליציאַנט, וועלכער דערליידיקט פאַר אסתרן געשעפטלעכע ענינים און ער האָט עס טאַקע דערציילט, אַז די יידן אין סטאָצק פאַלט נישט איין, אַז עס קאָן מיט זיי פּאַסירן דאָס זעלבע, וואָס מיט די לובלינער און וואַרשעווער יידן. איך וועל נאָך היינט אָנשרייבן אַ בריוו צו אסתרן, זאָלן זיי וויסן דעם אמת, אפשר וועלן מיינע ווערטער משפּיע זיין.

איינציקער ברודער מיינער, מיר האָבן זיך געשווירן, צו טרעפן נאָך דער מלחמה. שווער איז געווען דאָס צעשיידן זיך. אויב איך וועל אָבער נישט דערהאַלטן מיין שבועה, באַשולדיק מיך נישט. נישט פון מיר איז אָפּהענגיק מיין מאָרגן.

איך וועל זיך באַמיען צו נאָטירן, ווי עס לעבט זיך מיר צווישן די אַריער. אויב איך וועל דיך נישט אָפּוואַרטן נאָך דער מלחמה, וועסטו כאָטש פון די בלעטלעך געוויר ווערן, ווי אַזוי און ביז ווען איך האָב געלעבט.

וויין נישט נאָך מיר. אפשר וועט מיין ישראל איבערלעבן — זיי צו אים אַ ברודער. זיינע הענט זענען ריין. אין דעם גרעסטן געוויטער, אין די שווידערלעכע מינוטן פון פאַרצווייפלונג — האָט ער זיין כבוד נישט פאַרלוירן. עס איז מיר זייער שווער אָן אים, איך בענק ווי אַ קינד.

איך קוש דיך, יאַנקעניו.

דיין חיה

וואַרשע, דעם 15־טן אויגוסט, 1942.

אויבן רעכטס: די מוטער פון דער מחברין

„ לינקס: די מוטער פון דער מחברין אַ טאָג פאַרן דערמאָרדן זי אין געטאָ

אונטן רעכטס: תמרה, דאָס טעכטערל, אַ קורצע צייט פאַרן דערמאָרדן זי

„ לינקס: ישראלס מוטער

קאַפּיטל צוויי

ביי סטאַכן

.1

שוין דריי טעג בין איך אויף דער „פריי״. סטאַך האָט מיר נעכטן און אויך היינט געברענגט בריוולעך פון ישראלן. היינט האָב איך דורך סטאַכן געשיקט אַ האַלבע אָפּגעקאָכטע הון פאַר ישראלן. סטאַך האָט דאָס פּעקעלע געוואָרפן צו זיינע פיס, ווען ער איז מיט זיין גרופּע אַרויס פון געטאָ. ישראל שרייבט, אַז ביז איצט האָט ער זיך נאָך נישט פאַרבונדן מיטן פאָטער און שוועסטער, וואָס געפינען זיך אין דעם קליינעם געטאָ, אָבער ער האָפט, אַז עס וועט זיך געפינען אַ „קאָנטאַקט״ און דעמאָלט וועלן זיי אַלע דריי צוזאַמען אַרויס. אויב ס׳איז מעגלעך — בעט ער מיך — זאָל איך דער־ווייל צוגרייטן אַן אָרט פאַרן פאָטער און שוועסטער. סטאַך איז אויפגע־רעגט און זאָגט, אַז ישראל וועט אַזוי לאַנג מאַנעווורירן, ביז ער וועט „איינ־זינקען״ אין געטאָ. איך בין אומבאַהאָלפן. אַ גאַנצן טאָג זיץ איך איינע אַליין אין שטיבל און ביז דאָס פאָרפאָלק קומט פאַר נאַכט אַהיים, באַוועג איך זיך נישט. כ׳האָב מורא, אַז עמעצער פון די שכנים, וואָס ווייסן, אַז קיינער געפינט זיך נישט אין שטוב, זאָל נישט דערהערן אַ שאָרך. איך זיץ אין די זאָקן, שרייב, קלער, וויין, מאַטער זיך, און לעב איבער אויף ס׳ניי מיין אומגליק.

איך קעמף מיט זיך אַליין און ווער וואָס אַמאָל שוואַכער. די לאַנגע שעהן האַלטן מיך אין אַ כסדרדיקער שפּאַנונג. איך בין וואַכזאַם ווי אַ פויגל, און פיל אין יעדער זאַך, אַפילו אין דעם, וואָס דראָט נישט מיט קיין סכנה, אַ פאַרהוילענעם ציטער.

איך האָב מורא צו עטעמען, מורא צו קלערן.

פראַניאַ קאָכט דאָס מיטאָג פאַר נאַכט, ווען ביידע, זי און סטאַך, קומען אַהיים. זי שווייגט און וואַרפט בייזע בליקן אויפן מאַן. נעכטן איז אַ שכנה ביי אונדז געזעסן אַ לאַנגע צייט. איך בין געווען באַהאַלטן אין שאַנק. טויזנטער קליינע שפּילקעלעך האָבן געשטאָכן מיינע איינגעשלאָ־פענע פיס.

די שכנה האָט גערעדט וועגן דער ליקווידאַציע פון געטאָ; זי האָט דערציילט, אַז איר שוועסטער, וואָס וווינט נישט ווייט פון טרעבלינקע, הערט שרעקלעכע קולות פון יידן, וואָס ווערן דאָרט געמאָרדעט און פאַר־גאַזט. די קולות הערט מען אַמשטאַרקסטן ביינאַכט. די שכנה דערציילט אויך וועגן אַ פוילישער משפחה פון פּרעטאַ־גאַס, וואָס האָט ביי זיך אויס־באַהאַלטן א ייד. א שכן האָט זיי געמסרט. זשאַנדאַרמעריע האָט אַרומגע־רינגלט דאָס הויז און אויפן הויף דערשאָסן אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער דירה פון פּאַליאַק. אַפילו אַ מיידעלע פון 6 יאָר, און אַ באָבע פון 68 יאָר, האָבן די רוצחים דערמאָרדעט. „אָבער גוט אַזוי — האָט זיך געביי־זערט די שכנטע — דאָס וועט זיין אַ לערע פאַר אַלע נאַרישע פּאַליאַקן, וואָס ראַטעווען אַ יודאַש".

מיינע בעלי־בתים זיצן שטיל, פּלוצלינג הייבט פּראַניאַ אָן נערוועז צו גענעצן. סטאַך זאָגט צו איר: „גיי שלאָפן, מאַטקאַ, האָסט היינט גענוג גע־אַרבעט אין פעלד!"

די שכנה ווינטשט אַ גוטע נאַכט און פאַרשווינדט. איך קריך אַרויס פון שאַנק. דאָס פענצטער איז פאַרהאָנגען מיט אַ ראָלקע שוואַרץ פּאַפּיר: קריגס־צושטאַנד.

סטאַך דערלאַנגט מיר ציגאַרעטן. אַ גאַנצן טאָג טאָר איך נישט רייכערן, דער רויך קאָן פאַרראַטן.

פּראַניאַ בעט די געלעגערס און מורמלט: „יעזוס מאַריאַ, היט אונדז פאַר שלעכטס! אונטער דיין שוץ זאָלסטו אונדז האַלטן, הייליקער גרויסער, אַל־מעכטיקער גאָט אין די הימלען!"

סטאַך קוקט מיך אָן מיט צאַרטפּילעוודיקע אויגן און זאָגט: „אָרעמע, פּרוי העלענאַ, וויפיל מוזסטו נעבעך ליידן, „ניעבאָראַטשקאָ!"

—◆—

נאַכט. חושך. עס שטיקן מיך וויזיעס פון טרעבלינקע. איך הער די קו־לות, וועגן וועלכע סטאַכס שכנה האָט דערציילט. קולות וואָס טראָגן זיך אין די האַרבסט־נעכט און צעלייגן זיך אויף די פעלדער מיט אַ געיאָמער, מיט „שמע ישראל"; קולות וואָס שווימען מיטן ווינט ערגעץ אין דער וועלט אריין, אָבער דער גערויש פון לעבן פאַרשטעלט זיי דעם וועג. קומען זיי צו מיר, וויינען ביי מיין צוקאָפּנס, הילן מיך ארום, דרינגען אין מיר אַריין און ווערן אַ שטיק פון מיין וועזן, א שותף פון מיין בלוט און שלעפן מיך אַוועק צום אַרומגעצוימטן טרעבלינקער וואַלד...

— מאַמעניו, ביזטו דערפאַרן מיט תמרהלן ביז צו דער גאַז־קאַמער, אָדער אַ צעשלאָגענע, פאַרמוטשעטע — אָפּגעשטאָרבן אין צוג? ווער האָט דעמאָלט

צוגעטוליעט מיין קינד, מיין מיידעלע אין אירע לעצטע מינוטן פאַרן טויט?
זי האָט מיך זיכער גערופן און ברוגז געווען אויף מיר, ווייל כ'האָב זי פאַרלאָזט מיט אירע אָרעמע פיר יאָר לעבן!

ווער האָט זי אויסגעטאָן פאַרן טויט? זי האָט נאָך נישט געקענט אויפקנעפלען די קנעפלעך ביים קליידעלע פון הינטן...

גאָט, וווּ ביזטו? גאָט פון רחמים, גאָט פון צדק, גאָט פון יושר, וווּ ביזטו?!

.2

די וועלט האָט אַזוי פיל מענטשן! פאַר יעדן גייט אויף די זעלבע זון, פאַר יעדן דער זעלבער הימל, באַצירט מיט שטערן ביינאַכט, אַלע דרייען זיך אין זייער פאַרכישופט ראָד פון קלייניקייטן, וועלכע זיי שענקען אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט, — נאָר פאַר מיר איז דאָס לעבן ערגעץ הינטער אַ פאַרמאַכטער אייזערנער טיר, צו וועלכער איך וועל שוין קיין מאָל נישט געפינען דעם שליסל. בלויז קנאה ברענט אין מיר, אַ ווילדע קנאה, ווען איך הער אַ קינדעריש קול, אַ געלעכטער אויפן הויף, אַ געזאַנג, און אַפילו אַ הויך, פריי גענעצן.

די טעג פאַרגייען, כאָטש עס האַכט זיך מיר, אַז יעדער פון זיי איז אָן אַ סוף. סטאַך ברענגט יעדן טאָג פון ישראלן איין אָדער צוויי קופּאָנען אַנצוג־שטאָף. ביים אַרויסגיין פון געטאָ ווערן די יידן כמעט נישט רעווידירט. וויקלט זיך ישראל אַרום מיט שטאָף ווי מיט אַ באַנדאַזש און ביים וואַקזאַל, ווו די יידן אַרבעטן, קומט סטאַך אונטער און נעמט שנעל צו דאָס פּעקל. מיר האָבן נאָך אַ שפּאָר ביסל סחורה אין געטאָ, דאָס איבערבלייבעכץ פון אונדזער מאַנופאַקטור־געשעפט. אויך ביי סטאַכן ליגט אין קעלער אַ פולער קאַסטן און אין שטוב, אַ האַלבע שאַנק מיט טייערע סחורות. מיר האָבן דאָס ביי אים באַהאַלטן איידער די דייטשן האָבן פאַרמאַכט דאָס געטאָ. סטאַך שעלט זאַפטיק ישראלס לייכטזיניקייט. „האָט ער נאָך אַלץ ווייניק"? — פרעגט ער מיך מיט כעס. איך בין אינגאַנצן איינשטימיק מיט סטאַכן. אויף מיינע אַלאַרמירנדיקע בריוו, אַז ער זאָל אַרויס פון געטאָ און דעמאָלט וועט זיין לייכטער אַרויסצונעמען דעם טאַטן מיט דער שוועסטער, באַקום איך אָן ענטפער, אַז אין אַ צוויי, דריי טעג אַרום וועלן מיר זיך ארומנעמען.

יעדן טאָג דערלאַנגט סטאַך ישראלן פליייש און אנדערע גוטע זאַכן; ער שרייבט מיר, אַז אין די שיך פאַרשטעקט ער אַ העלפט פאַר פישל לובאַרט, וועלכער איז קראַנק און באַהאַלט זיך ביי ישראלן אין צימער.

עס האָט היינט עמעצער שטאַרק געקלאַפּט אין טיר און איך האָב

געהערט ווי דעם שכנס יינגל דערקלערט דעם מענטש הינטער דער טיר, אַז די סטאַכעס קומען אַהיים צווישן פיר און פינף אַ זייגער פאַרנאַכט.

האַלב זעקס איז געקומען פּאַפּלינסקי מיט אַ בריוו פון אסתרן, פון סטאַצק: דאָס האָט ער אַזוי געקלאַפּט בייטאָג.

אסתר טרייסט מיך... אויך אין איר מוטערס נאָמען שיקט זי מיר טרייסט־ווערטער. זי שרייבט, אַז דער מאָגן איז ביי איר עפּעס נישט אין אָרדענונג און די מוטער פילט זיך שוואַך, דעריבער קען זי איצט בכלל נישט קלערן וועגן פאַרלאָזן סטאַצק. דערצו נאָך האָט דער דייטשישער קאָמענדאַנט פאַרזיכערט, אַז סטאַצקער יידן וועט מען נישט ..אויסזידלען״, ווייל זיי קויפן זיך יעדן חודש אָפּ מיט אַ גרויסע סומע געלט, טאָ וואָס זשע כאַפּן און לויפן אומבאַרעכנט?...

פּאַפּלינסקי, אַ סטאַצקער פּאָליציאַנט, אַ פּאָליאַק, אַן אַלטער גוטער באַקאַנטער פון אונדזער משפחה, צו וועלכער ער האָט קיין מאָל נישט דער־לייגט — זיצט אַנטקעגן מיר, אַ רואיקער, אַ פעטער, ווי אַן אויסגעשטופּטער בער, מיט קליינע אייגעלעך און רעדט פּאַמעלעך, גוטמוטיק. ער דערציילט, אַז די יידן האַנדלען, עסן פעטע הינער, באַקן קוכנס און קלערן נישט וועגן אַנטלויפן. אין זיין קול פיל איך אויס איראָניע און גרינגשעצונג. איך קריץ מיט די ציין. אַ ווילדער כעס דיקטירט מיר אַ שאַרפן זידל־בריוו. איך דערמאָן אסתרן וועגן די גרויזאַמע געשעענישן וואָס דערוואַרטן זיי, וועגן טרעבלינקע און רוף צום ראַטעווען זיך, צום אַנטלויפן, צום אויסבאַהאַלטן זיך. פּאַפּלינסקי נעמט דעם בריוו און גייט אַוועק. ווי רואיק ער איז! ער דאַרף זיך נישט שרעקן, ער דאַרף נישט אַנטלויפן, ער מעג שלאָפן געשמאַק.

— ווייסטו וואָס, פרוי העלענאַ — זאָגט סטאַך, דערלאַנגענדיק מיר אַ ציגאַרעט — מאָרגן וועסטו אַרויס פון באַהעלטעניש. דו וועסט פאַרקעמען די האָר מיט אַ גרעק, וועסט אָנטאָן אויפן האַלדז אַ צלמל און איך וועל דיך פאַרשטעלן אַלס מיין קוזינע פון סטערדין. וועסט דערציילן, אַז דו ביסט געקומען צו אַ דאָקטער, ווייל דו ביסט קראַנק, לאָמיר זאָגן, אויף דער לעבער, אָדער קלויב דיר אויס אַ וואָסער קרענק עס געפעלט דיר...

איך בין מסכים.

שוין דעם דריטן אָוונט האָב איך אָנגעהויבן שטודירן אַ גראָב תפילה בוך. איך באַהערש שנעל אַלע געבעטן, כלערליי מנהגים, ווי צום ביישפּיל, דאָס צוטרעטן צו דער „הייליקער קאָמוניע״, די באַדייטונג פון דער „הייליקער „האָסטיע״, פון „ספּאָוויעדזש״, „גרויסער וואָך״, „פּאַסט־טעג״ און אַנדערע ריטואַלן.

אויךביים צלמען ווייס איך, אַז דאָס ערשטע דאַרף מען מיט צוויי פינגער אָנרירן דעם שטערן, דערנאָך דעם לינקן אקסל, דעם רעכטן, דאָס האַרץ און

צום סוף צוזאַמענלייגן די הענט. איך קאָן שוין אַלע תפילות פון אויסנווייניק. סטאַך מיט פראַניען באַוווּנדערן ווי שנעל איך באַהערש דעם „קאַטעכיזם", זיי באַקומען פאַר מיר רעספּעקט און טרוימען צו זיין מיינע שמד־עלטערן.

איך האָב סטאַכן מיט פראַניאַן געשענקט מתנות: אים — אויף אַן אַנצוג, איר — אויף אַ קאָסטיום. פאַר דעם עסן צאָל איך. איבעריקנס האָב איך זיי געזאָגט, אַז אַלץ וואָס מיר האָבן ביי זיי, איז אַזוי גוט זייערס ווי אונדזערס און זיי קאָנען עס פאַרוועגדן אויף וואָס זיי ווילן. ווען איך האָב דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט זיך סטאַך אויסגעגלייכט און מיט אַ שמייכל געענטפערט: „די מלחמה האָט זיך נאָך נישט געענדיקט, מיין טייערע, און נישט היינט איז די צייט פון צעטיילן זיך מיטן פאַרמעגן. וואַרט, שוועסטערשי, עס קאָן דיר נאָך אויספעלן געלט, דער גורל איז ווי אַ פלוי — שפרינגט פון איינעם צום צווייטן און —

— ציט אויס דאָס בלוט פון יעדן... — פאַרענדיקט פראַניאַ.

איך קוק זיך איין אין סטאַכן, ווי איך וואָלט אים איצט געזען דאָס ערשטע מאָל. אַ ברייטביייניקער, געזונטער האַרעפּאַשניק, אין עלטער פון איבער פערציק יאָר. אין זיין פּויעריש אָפּגעברענט פנים שטעקן בלאָע, פאַר־מרוזשעטע אויגן, ייִנגלערישע און דאָך ערנסטע. סטאַך לאַכט זעלטן און ווען ער איז פאַרזאָרגט, דאַכט זיך, אַז ער איז שטאַרק בייז. די פינגער אויף זיינע גרויסע, צעוואָקסענע דלאָניעס, זענען באַצויגן מיט אַ דיקע האַרטע הויט, ווי אויף די קניען פון אַ קעמל.

פראַניאַ איז אַ הויכע, שיינע פרוי, מיט אַ צוויי יאָר יונגער פון איר מאַן. אירע טונקעלע האָר קעמט זי גלאַטיק, מיט אַ גרעק אויפן קאַרק. זי האָט שיינע געזיכט־שטריכן, אַ פלאַכן בוזעם, שלאַנקע פיס און אַריסטאָקראַטישע הענט. קיין קינדער האָבן זיי נישט. דאָס פאַרפאָלק לעבט בשלום, אָבער ווען סטאַך האָט נעכטן געהאַקט האָלץ אין קעלער, האָט פראַניאַ מיר דער־ציילט, אַז מיט אַ צייט צוריק האָט ער זי פאַרראַטן.

אַ פעליק יאָר האָט זי נישט געוווּסט, אַז ער האָט אַ געליבטע, ביז איין מאָל האָט זי ביי אים אין קעשענע געפינען אַ פאָר זיידענע זאָקן. דעם זעלבן טאָג האָט זי אים נאָכשפּיאָנירט און ווען ער איז געווען ביי דער געליבטער, האָט פראַניאַ אָנגעקלאַפּט אין טיר. די פרוי, אַ צעשויבערטע, נישט קיין יונגע און דערצו אַ מיאוסע — האָט געעפנט. פראַניאַ האָט זי גלייך „מכבד" געווען און צעקלאַפּט איר די נאָז אויף „קאָטלעטן פלייש", ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט. און אַזוי האָט זיך דער ראָמאַנס פאַרענדיקט. אָבער פון דעמאָלט אָן גלייבט פראַניאַ נישט מער אין ערלעכקייט פון מענער...

אין מיטן דער נאַכט האָבן סירענעס גרויזאַם אָנגעהויבן וואָיען.

אַן אַלאַרם! דאָס געלויפעריי אויף די טרעפּ, דער געפּילדער פון די שכנים האָט מאָדנע דערמונטערט מיין אָפּגעשטאָרבן האַרץ. פּראַניאַ מיט סטאַכן טוען זיך שנעל אָן. איך באַשליס צו בלייבן אין שטוב. אַלע זענען אַראָפּ אין קעלער. איך שטיי ביים פענצטער, בייג אָוועק אַ שטיקל שוואַרץ פּאַפּיר און פּלוצלינג דערזע איך אויפן הימל אַ גרויסן צעלויכטענעם, פלאַ־מיקן באַלעם. באַלד באַווייזן זיך נאָך דריי אַזעלכע ריזיקע לאָמפּן, ווי צעגלי־טע באַרנעס אויף גאָלדענע שנורן. עס איז ליכטיק ווי בייטאָג. אין אַ רגע אַרום צערייסט די לופט אַ געוואַלדיקע עקספּלאָזיע. עס פאַלן באָמבעס איינע נאָך דער צווייטער, עס דונערט, אַז דאָס שטיבל וואַקלט זיך ווי פאַרשיכורט, די ווענט ציטערן!

דער געברויש פון צענדלינגער אעראָפּלאַנען, די דעטאָנאַציעס פון זעניט־האַרמאַטן פאַרשאַפן מיר אַ ווילדע הנאה. איך בעט צו גאָט, אַז דאָס באָמבאַרדירן זאָל געדויערן וואָס לענגער און זאָל זיין וואָס שטאַרקער! צוויי שעה האָט געדויערט דער אַמעריקאַנישער לופט־אָנגריף. אין די צוויי שעה האָב איך זיך געפילט אינגאַנצן זיכער.

3.

היינט דעם 22־טן אויגוסט האָט פּראַניאַ מיך פאַרגעשטעלט פאַר צוויי פון אירע שכנטעס אַלס די קוזינע פון סטאַכן, באַטאָנענדיק, אַז איך בין געקומען גאַנץ פרי צו פאָרן און דעריבער האָט זי רעזיגנירט פון איר אַרבעט אין פעלד.

דאָס געשפּרעך צווישן מיר מיט די צוויי פרויען — דרייט זיך אַרום דעם לופט־אָנגריף ביינאַכט.ביידע דערציילן מיט אַ געלעכטער ווי די דייטשן זענען אין די אונטערוועש געלאָפן איבער די גאַסן, ווי זעלנער האָבן פון שרעק אַוועקגעוואָרפן די ביקסן, ווי די אַמעריקאַנער האָבן גענוי געוווּסט, וווּ עס געפינען זיך די דייטשע נעסטן, פאַבריקן און מיליטערישע באַפעסטיקונגען. דאָרט טאַקע זענען געפאַלן אַלע באָמבעס, צעשמעטערנדיק די וויכטיקסטע סטראַטעגישע פונקטן.

איך האָב זיך געפילט פריי, נישט קרעמפּירט, דערציילט, אַז כ׳בין געקומען צו אַ מאָגן־דאָקטאָר, און געפרעגט אויב זיי ווייסן נישט פון אַ גוטן, ערלעכן ספּעציאַליסט. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, געוווּיר צו ווערן. איך האָב באַטאָנט, אַז כ׳דאַרף אַדורכמאַכן אַ לענגערע קוראַציע און אַ דאַנק דער גאַסטפריינטלעכקייט פון מיינע קוזינען — סטאַך מיט פּראַניאַן — קען איך זיך אויף דעם דערלויבן.

מיין אויג האָט זאָנדירט יעדע פון די פרויען און נישט געקאָנט פעסט־שטעלן, צי זיי קוקן אויף מיר מיט חשד. ווען איך האָב דאָס געזאָגט פראַניאַן, האָט זי מיך אויסגעזידלט און מיט אַ האַלב דאָרפישן אַקצענט געזאָגט: „אויפן גנב ברענט דאָס היטל״.

אין פרייע מינוטן דערציילט מיר פראַניאַ איינצלהייטן וועגן זייער משפחה. סטאַך פאַרמאָגט צוויי ברידער און צוויי שוועסטער. איין ברודער אין פלאַצק, וולאַדעק, אַ שומר פון דער דאָרטיקער תפיסה, אונדזער געווע־זענער שכן. ער טאַקע האָט מיך באַקענט מיט סטאַכן. דער צווייטער ברודער, פראַנעק, אַ גאַסן־קערער, אַ וואָרשעווער איינוווינער. פראַנעקס ערשטע פרוי איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אים צוויי טעכטערלעך. לוציאַ און האַלינאַ. די ערשטע איז איצט 13 יאָר אַלט און די צווייטע — 11. פראַנעק האָט נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט. די צווייטע פרוי, אַ בתולה (ביי די ווערטער רירט פראַניאַ אָן מיט דער רעכטער האַנט דעם לינקן עלנבויגן און מאַכט אַן „אייגל״), יאָ, אַ בתולה פון אַריבער פערציק יאָר, אַ פאַרביסענע, פאַר־עקשנטע דאָרפס־טאָכטער מיט „פליי אין דער נאָז״. לויט ווי פראַניאַ כאַראַק־טעריזירט זי, פיל איך אויס, אַז פראַנעקס איצטיק ווייב, דאַנקאַ איז נישט שטאַרק באַליבט אין דער משפחה.

זאָשקאַ, די עלטערע פון די שוועסטער, איז מיר באַקאַנט. אויך ביי איר ליגט אונדזערס אַ שפּאָר ביסל סחורה. זי וווינט אין פּראַגע, האָט אַ פיר־יעריק ייִנגעלע, און אַ זייער שיינעם, הויכן מאַן, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען קאַפּראַל אין דער פּוילישער אַרמיי. היינט האַנדלט ער מיט יידישע זאַכן. ער קויפט זיי אויף ביי שמוגלער און פאַרקויפט דערנאָך אין דערפער מיט אַ גרויסן פאַרדינסט. דער פאָטער מיטן ייִנגעלע הייסן דעם זעלבן נאָמען: וויעסלאַוו, אַזוי, אַז דעם פאָטער רופט מען „דער גרויסער״ וויעסלאַוו.

אַ סך מאָל קומט דער גרויסער וויעסלאַוו אַהיים פון אַ רייזע אָן געלט: ער האָט זייער ליב שיינע פרויען און בראָנפן... דעריבער טאַקע בעט איך סטאַכן, אַז ער זאָל זאָשקאַן נישט דערציילן, אַז איך געפין זיך ביי אים. איך האָב מורא, אַז צוליב דער ירושה נאָך מיר, קאָן מיך וויעסלאַוו אויסגעבן.

די צווייטע שוועסטער צעשקאַ, אַן איינוווינערין פון אַ שטעטעלע נעבן מאַלקין, איז דאָס ווייב פונעם פעלד־אַרבעטער יאַנעק מ. זיי מאַטערן זיך ביים באַאַרבעטן אַ שטיק מאָגערע ערד און ציען קוים אַרויס חיונה פאַר זיך מיט די קינדערלעך. די שוועסטער און ברידער לעבן מיט זיך בשלום, כאָטש אין האַרצן איז איינער דעם צווייטן מקנא מיט יעדער קלייניקייט.

.4

היינט, אינעם אַכטן טאָג אויף דער אַרישער זייט, האָט מיך געטראָפּן דער ערשטער קלאַפּ. פראַניאַ האָט מורא צו בלייבן מיט מיר אין דער היים, איז זי ווידער אַוועק אויפן פעלד, מיך האָט זי פאַרשלאָסן אין שטוב. פאַר דער שכנה האָט זי געזאָגט, אַז איך בין געפאָרן צו זאָשקאַן קיין פראַגע און וועל זיכער דאָרט בלייבן ביז פאַר נאַכט. איך בין שטיל געזעסן ביים טיש און געשריבן. אַרום עלף אַ זייגער קלאַפּט עמעצער שטאַרק אין טיר. איך צי איין דעם אָטעם און בלייב ווי פאַרשטייפט מיט דער פעדער אין האַנט. די טיר פון דער שכנה עפנט זיך און צוויי פרויען באַגריסן זיך הילכיק און וואַרעם.

— פאַני זאָשו, סטאַכס קוזינע איז דאָך באַלד אין דער פרי געפאָרן צו דיר. האָט זי דיר נישט געזאָגט, אַז דייַ ברודער מיט דער שוועגערין זענען נישטאָ אין דער היים?

— סטאַכס קוזינע? — וווּנדערט זיך זאָשקאַ — וואָס פאַרא קוזינקע? ווי הייסט זי?

— זי איז פון דאָרף, הייסט העלענאַ, איז געקומען צו אַ דאָקטער און פאַרבלייבט דאָ אַ לענגערע צייט. אָבער איז זי דען היינט ביי דיר נישט געווען? — הער איך דער שכנטעס קול.

— ניין — פאַני באַנטשקאָווסקאַ — עס איז ביי מיר קיין קוזינקע נישט געווען, איך קום גלייך פון דער היים און איך פאַרשטיי נישט די גאַנצע מעשה. ווען סטאַך וואָלט געהאַט אַ קוזינקע, וואָלט איך זי דאָך אויך געהאַט, איך בין דאָך סטאַכס שוועסטער, און בכלל האָבן מיר נישט קיין קוזינקעס אין דאָרף און פאַר וואָס האָט מיר סטאַך דערפון נישט דערציילט, זייענדיק נעכטן ביי מיר? עפּעס אַ רעטעניש, עפּעס אַ רעטעניש! איך וועל ביינ[...] נאָך אַ מאָל קומען.

עס האָט נישט געדויערט קיין פינף מינוט נאָך זאָשקאַס אַוועקגיין, ווי די באַנטשקאָווסקאַ האָט אָנגעהויבן רופן מיט אַ סודותדיק קול: „פאַני זאַסלאַווסקאַ, פאַני גזשעשאַק, פאַני גאַלאָמבקאָווצ, קומט נאָר שנעלער אַהער! שנעלער, עפּעס, עפּעס וויכטיקס!"

שוין לויפן די באַבעס. איך ווער ווי איין געהער. אין די זאָקן, אויף די שפּיץ פינגער, דערנענטער איך זיך צו דער טיר און לייג צו דאָס אויער. עס דערגייט צו מיר אַ גאַנץ דייטלעך געשפּרעך, וואָס פאַרגליווערט אין מיר דאָס בלוט.

באַנטשקאָווסקאַ רעדט טריאומפירנדיק:

— איך שווער אייך, אַז ביי די סטאַכעס איז דאָ אַ יידישקע! שוין נעכטן זענען מיר נישט געפעלן אירע אויגן, און ווען מען האָט געהערט שיסערייען פון געטאָ, האָט זי זיך פאַרשטעלט די אויערן. זי זעט גאָר נישט אויס ווי אַ דאָרפישע, זי איז בלאַס, נ׳שט אָפּגעברענט פון דער זון און האָט איידעלע הענט!

— אַזאַ אומגליק! — שרייט אַ צווייט קול — מען קען אונדז נאָך אַלע אויסשיסן ווי די הינט צוליב דער פאַרכעוואַטער יידישקע. לאָמיר גיין מעלדן דער פּאָליציי!

— איך גיי מיט אייך! — רופט אויס די דריטע — איך וועל נאָר צומאַכן די טיר, וואָרט׳ס אויף מיר!

— לאָמיר וואַרטן ביז מאָרגן, מיר וועלן זיך נאָך צוקוקן ווען זי וועט צוריקקומען. לאָמיר זיך נאָך מיט איר אָפּשפּילן ווי אַ קאַץ מיט אַ מייזל!

— עד קומאַ, מיין לעבן איז מיר טייער, איך וועל נישט וואַרטן.

עס קומען אָן נאָך אַ פּאָר מענטשן, דאָס פאָדער־הויז איז פול. מיינע פיס ציטערן. איך שטיי ווידער איבער אַן אָפּגרונט. דער מוח איז אויסגעשפּאַנט פון קלענסטן ווילן, די פעאיקייט פון אַ נאָרמאַל קלערן — פּאַראַליזירט. איך ווייס, אַז איך מוז עפּעס באַשליסן, אַז איך מוז וואָס שנעלער פון דאַנען אַנטלויפן, אָבער יעדער וועג, וואָס דאַרף מיך אַרויספירן פון פּלאָנטער, רייסט זיך אָפּ. און עס דאַכט זיך מיר, אַז ס׳איז נישטאָ פאַר מיר קיין אָרט אויף דער גאַנצער וועלט. אַלע מענטשלעכע פאַרלאַנגען, האָפענונגען, שטרעבונגען — אַלץ פאַלט פון מיר אַראָפּ ווי צעריסענע שמאַטעס, ווי בלעטער פון אַן אָפּגעדאַרטן בוים. זאָל געשען, וואָס עס מוז געשען.

איך באַהערש זיך און הייב ווידער אָן שרייבן. דאָס קלאַפּן פון זייגער אויפן טישל, אונטער יעזוסעס בילד, הילכט אָפּ טרויעריק און מאָנאָטאָן, ווי ער וואָלט שוין געווען מיד פון הערן דאָס אייגענע קול. איך פיל אַן עקל צו דער גאַנצער וועלט. אַ ביטערקייט פאַרפלייצט מיין האַרץ...

קאַפּיטל דריי

ביי פראַנעקן

.1

און אַט בין איך שוין אויף אַ נייעם מקום, ביי פראַנעקן, סטאַכס עלטערן ברודער. זונטיק אַ גאַנצן פרימאָרגן האָבן געקלונגען די גלאָקן פון דער קאַטעדרע „שוויענטעגאָ יאַנאַ", וועלכע שטייט קעגן איבער מיין פענצטער. פראַנעק מיטן ווייב און ביידע טעכטערלעך זענען אין קאָשטשאָל. די איינציקע טרייסט אין מיין איינזאַמקייט איז די מעגלעכקייט פון שרייבן, אָבער דאָס אָנגעשריבענע איז נישט מער, ווי אַ שאָטן פון מיינע איבערלע־בענישן. נישט אמת, אַז מלחמה־יאָרן רעכענען זיך טאָפּל, ניין! יעדער טאָג איז אַ יאָר און אפשר נאָך מער. ווען מען זאָל אויף איין וואָגשאָל אַרויפלייגן אַ פּלאַנעט, וואָס וואַנדערט טויזנטער יאָרן און אויף דער צווייטער זייט — מיין לעצטע וואָך, וואָלטן אפשר די פּאָר טעג איבערגעוווגן...

נעכטן, ווען פראַניאַ מיט סטאַכן זענען פאַר נאַכט אָנגעקומען, האָב איך זיי שנעל איבערגעגעבן, וואָס עס האָט פּאַסירט אַ דאַנק זאָשקאָס וויזיט און אַז איך מוז תיכף פאַרלאָזן זייער שטוב. פראַניאַ איז געוואָרן גרין פון שרעק. סטאַך האָט זיך נערוועז געקראַצט דעם קאָפּ. „אויב פּאָליציי איז ביז איצט נישט געקומען איז אַ סימן, אַז זיי האָבן נאָך נישט געמסרט" — זאָגט ער שטיל.

מיר באַשליסן אַט וואָס: קודם־כל וועט סטאַך צופאָרן צו זאָשקאָן און איר דערציילן דעם אמת, זאָל זי געבן אַן עצה וואָס צו טאָן. דערנאָך וועט ער צופאָרן צו פראַנעקן, אפשר וועט ער מיר דערלויבן אַ קורצע צייט אויסצובאַהאַלטן זיך ביי אים אין שטוב. די שכנים דאַ אין הויז דאַרף פראַניאַ זאָגן, אַז איך בין אין דער פרי געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר און דערנאָך געזאָלט פאָרן צו זאָשקאָן און אויב איך בין נאָך נישטאָ, האָט מיך זאָשקאָ, ווייזט אויס, פאַרהאַלטן אויף נאַכט. אין אַ טאָג אַרום וועט פראַניאַ מודיע זיין, אַז איך בין אין שפּיטאָל. אין פראַניאַס ענגן קאָפּ קאָן זיך דאָס אַלץ נישט איינסדרן, שעלט זי מיט „פּיערונעס" און וואַרפט אַראָפּ מיט ווילדן כעס די שטיקער האָלץ פון קיך.

סטאַך דערלאַנגט מיר אַ בריוול פון ישראלן, וואָרפט ארונטער אונטערן בעט צוויי קופּאָנען שטאָף, און אַזוי שמוציקערהייט אין די אַרבעטס־קליידער, גייט ער שנעל אַוועק. איך קריך אַריין אין שאַנק און פּרוּוו ביי דער שפּאַרע צווישן די טירן אַרויסצולייענען עפּעס פון בריוו, אָבער עס איז פינצטער. ווען איך לעֶן קוים, קוים אָפּ די שאַנק־טיר, גיט האַסטיק אַ קום אַריין איינע פון די שכנטעס און בעט אַ גלאָז זאַלץ, ווייל עס האָט איר גראָד אויסגעפעלט..

אין אַ קורצע צייט אַרום קומט ווידער אַריין אַ צווייטע שכנה און פרעגט ווי שפּעט עס איז. קוים האָט זי פאַרמאַכט די טיר, רוקט זיך אַריין די באַנטשקאָווסקאַ און וואונדערט זיך פאַרוואָס סטאַך איז עפּעס אַוועק פאַרן עסן.

פּראַניאַ ענטפערט איר מיט אַ מאַט קול, אַז ער איז געגאַנגען אויפמאָנען אַ חוב, און ביז זי וועט פאַרטיק מאַכן דאָס מיטאָג, וועט ער זיין צוריק.

— דיין קוזינקע איז נאָך נישט געקומען? — פרעגט די שכנה.

— ניין — ענטפערט פּראַניאַ — העלענאַ איז, ווייזט אויס, געבליבן נעכ־טיקן ביי זאָשקאַן — בלאָזט זי אויף די קוילן אונטער דער קיך.

— זאָשקאַ איז דאָ היינט געוועזן און האָט געזאָגט, אַז קיין שום קוזינקע האָט זי נישט באַזוכט — זאָגט ווידער די באַנטשקאָווסקאַ

— עס קען זיין, אַז זיי האָבן זיך אויסגעמיטן, ווייל העלענאַ איז אין דער פרי געגאַנגען אויך צום דאָקטאָר — ענטפערט פּראַניאַ.

איך זיץ שטייף, די האַנט מיטן בריוו ציטערט. כ׳האָב מורא דאָס פּאַפּיר זאָל נישט אַרויסגעבן קיין שאָרך.

אין שטוב איז שטיל. פּראַניאַ הייבט אָן קלאַפּן מיט די טעפּ, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז מען קען דערהערן מיין אָטעם. ענדלעך גייט דער שונא אַוועק. איך זעץ זיך באַקוועמער, פּראַניאַ מאַכט צו פעסט די שאַנק־טיר און איך אָטעם אַריין דעם ריח פון נאַפטאַלין, געטריקענטן פיזעם און נאַפט, מיט וואָס פּראַניאַ שמירט די ווענט פון שאַנק, אַלס שוץ קעגן מילבן. איך שטעל זיך פאָר, ווי אַזוי עס האָבן זיך געמוזט שטיקן, זיי אַלע דאָרט, אין די גאַז־קאַמערן...

פון די טרויעריקע מחשבות וועקט מיך אויף אַ געלויפעריי אויפן הויף. עפּעס טומלט זיך דאָרט. אויסגעמישטע קולות רייסן זיך אַריין אין באַ־העלטעניש און עס באַפאַלט מיך אַ שרעק: אפשר האָט עמעצער געמסרט און דאָס גייט מען מיך נעמען? איך דריק צו צום האַרץ ישראלס בריוול, איך קוש עס און געזעגן זיך אַזוי מיט מיין טייערסטן. פּראַניאַ לויפט אַרויס און עס ווערט שטיל.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי דאָ צוריק. זי קומט צו און רעדט אַריין

שטיל אין דער שפּאַרע פון שאַנק: „מען האָט געכאַפּט אַ ייד און אַלע זענען געלאָפן קוקן, ווי אַזוי מען פירט אים צום קאָמיסאַריאַט".

עס איז שוין געווען גוט פינצטער, ווען סטאַך איז צוריקגעקומען. ער האָט געהאַט אַ פריילעך פּנים, און אַראָפּשלעפנדיק די שטיוול פון די פיס, האָט ער שטיל אַריינגערעדט אין מיר: „איך האָב אַלץ דערליידיקט, פרוי העלענאַ, שרעק זיך נישט, מאָרגן פאַר טאָג וועל איך דיך צופירן צו פראַנעקן. ער איז מסכים, כאָטש זיין „האָניק לעקעך" שרייט „ניין" און „ניין". אָבער פראַנעק האָט דאָס מאָל געהאַנדלט ווי אַ מאַנספּאַרשוין! מאַטקאַ, האָסט עסן? איך בין טויט הונגעריק!" — ווענדעט ער זיך צו פראַניאַן.

שפּעט ביינאַכט, ווען עס איז אַוועק דער פּחד, אַז עמעצער פון די שכנים קאָן אונדז באַזוכן, בין איך אַרויס פון שאַנק, פאַררייכערט אַ ציגאַרעט און ליגנדיק אויפן שמאָלן סאָפּקעלע — געלייענט ישׂראלס בריוו. ענדלעך, שרייבט ער, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז פון דער אַרישער זייט וועט זיין לייכטער אַרויסצוראַטעווען דעם טאַטן מיט דער שוועסטער, און דעריבער וועט ער אָנהייב וואָך „אָפּרייסן" זיך פון זיין גרופּע, ווען זיי וועלן ענדיקן די אַרבעט, פאַר נאַכט. איך פריי זיך ווי אַ קינד. איך וועל נישט זיין מער איינזאַם און פאַרלאָזט. און כאָטש דער מאָרגן איז פאַרנעפּלט, מוראדיק, אָבער זאָל ער שוין זיין, ישׂראל, זאָל ער שוין קומען!

סטאַך דערציילט, אַז זאָשקאַ האָט געוויינט, הערנדיק, אַז די דייטשן האָבן דערהרגעט מיין קינד. אויך וויעסלאַוו, איר מאַן, האָט באַדויערט אונ־דזער גורל. סטאַך פאַרזיכערט, אַז דאָס פּאַרפאָלק וועט מיר נישט שאַטן, נאָר פאַרקערט — העלפן מיט וואָס זיי וועלן זיין בכוח.

פאַר טאָג האָבן מיר זיך ביידע, סטאַך און איך, צוגעגרייט צום גיין. איך האָב מיטגענומען אַ שטיקל שטאָף אויף אַ קלייד פאַר דאַנקאַן, פראַנעקס ווייב און קלענערע געשאַנקען פאַר די טעכטער. אַן ארומגעהילטע אין מיין פּאָטשיילע, בין איך אויף די שפּיץ־פינגער אַראָפּ אויפן הויף. סטאַך האָט אויפגעשלאָסן דאָס טויער. ביים הויז־וועכטער האָבן פון די זייטן פענצטער אַרויסגעשיינט ליכט־שטראַלן. גאָט אין הימל, עס זאָל נאָר קיינער פון די איינוווינער נישט אָנקומען! איך דערהער אַ הייזעריקן סקריפּ פון טויער. איך בין שוין אויף דער גאַס! סטאַך גייט פאָרויס, איך מיט אַ צוויי מעטער נאָך אים. איך האָב דאָס פון אים פאַרלאַנגט, נישט וועלנדיק אים שטעלן אין סכּנה, אויב מען וועט מיך פאַרהאַלטן.

אַ פרישע, קאַלטע לופט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אין די שמאָלע, שטילע, האַלב־פינצטערע געסלעך פון אַלטשטאָט, הילכן אָפּ אונדזערע טריט סודותדיק און אומהיימלעך. ענדלעך שאַרט זיך סטאַך אַריין אין אַ שמאָל, זייער הויך הויז. איך — נאָך אים.

געדרייטע, אייזערנע טרעפּ ווי אין אַ טורעם. אין דער פינצטער זוך איך מיט די פיס דעם וועג. אַלץ זעט אויס אַזוי פאַרבאָרגן, אַזוי שרעקעוו־דיק ווי אין אַ „פראַנקענשטיין־פילם". סטאַק קלאַפּט אָן אין אַ טיר, וואָס עפנט זיך גלייך. אַ שוואַרצער שאָטן שטייט פאַר אונדז און רעדט שטיל, ווי פון אונטער אָן איבערבעט. סטאַק געזעגנט זיך באַלד, זאָגט צו נאָך דער אַרבעט אַרויפצוקומען און אַלס צייכן, אַז דאָס איז ער, וועט ער אין דער טיר אָנקלאַפּן דריי מאָל. און אַזוי איז דאָס דריי מאָל אָנקלאַפּן געבליבן אַלס האַסלע פון אַן אייגענעם.

—◆—

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן טאָגן, ווי פון אַ באַהעלטעניש האָבן זיך אַרויסגערוקט די קאָנטורן פון דער שאַנק, טיש מיט שטולן, צוויי בעטן פוןביידע זייטן וועגט און דאָס קיך־ווינקל, וואָס געפינט זיך ביים אריינגאַנג. אין איין בעט זענען געשמאַק געשלאָפן ביידע מיידלעך. פון צווייטן בעט האָט זיך מיר זייטיק צוגעקוקט אַ בייז, פויעריש, לאַנג פּנים מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר. איך האָב זיך דערנענטערט צום בעט פון פראַנעקס ווייב און דערלאַנגט דאָס פּעקעלע מיטן שטאָף, אָבער קיין האַנט האָט זיך נישט אויסגעשטרעקט עס צוצונעמען; האָב איך עס אַוועקגעלייגט אויף דער דעק. אַ שנעלע באַוועגונג מיט דער האַנט און דאָס פּעקל פליט אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע. גלייכצייטיק טוט זיך דער גוף אַ דריי אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט און אויפן בלאַנק־ווייסן בעטגעוואַנט שוואַרצט זיך אַ רונדער פלעק, וואָס שרעקט.

ביים פרישטיק שווייגט די פראַנקאָוואַ עקשנותדיק. איר אויסגעצויגן פּנים, ווי אין איילעניש פון ליים פאָרמירט, איז ווייט נישט סימעטריש: די גאָמבע צו לאַנג, דער שטערן צו קורץ, איין אויג נאָענט צו דער נאָז, דאָס צווייטע נענטער צום שלייף. אין מויל — זייער גרויסע, ווייסע ציין, וואָס שטרייכן אונטער די טונקלקייט פון דער הויט.

ביידע מיידלעך — בלאָנדע, פרישע באַשעפענישן. ווען איך גיב זיי דאָס געשאַנק, קושן זיי מיך. די עלטערע ווייסט ווער איך בין, די יונגערע — נישט. פראַנעק איז זייער גאַסטפריינדלעך. ער רוקט מיר צו אַלץ, וואָס שטייט אויפן טיש, כ׳קען אָבער נישט עסן, כ׳פיל זיך קראַנק. דער קאָפּ טוט וויי, דער רוקן איז ווי איבערגעבראָכן; כ׳האָב עס אָבער מורא אַרויס־צוברענגען, זיי קאָנען מיינען, אַז מיין קראַנקייט איז אָנשטעקיק.

פראַנעק איז כמעט נישט ענלעך צו סטאַכן. כאָטש מיט אַ פּאָר יאָר עלטער, איז ער דאָך לייכטזיניקער, פריילעכער און זאָרגלאָזער. ער גייט

פּאַוואַליע, רעדט פּאַוואַליע און באַוועגט מיט די הענט, ווי זיי וואָלטן געווען הינטער די אַרבל צוגעבונדן צום קאַרק מיט גומענע שטריקלעך.

2.

איך בין קראַנק. שוין דריי טעג האָב איך פיבער און ברעך מיט גריץ, ביטער וואַסער. נעכטן איז דאַנקאַ אַוועקגעפאָרן צו אירע עלטערן אין דאָרף. זי האָט מורא צו זיין אין איין שטוב מיט אַ יידישקע, כאָטש מיר האָבן זיך פיין צוזאַמענגעלעבט אין די פּאָר טעג.

זונטיק, ווען איך בין אָנגעקומען, האָט זי געפירט אַ שטילע מלחמה מיטן מאַן. ביינאַכט האָב איך געהערט אַזאַ געשפּרעך:

„ניין, פראַנעק, זי וועט ביי מיר נישט זיין, די יידישקע! זיי האָבן געקרייציקט אונדזער גאָט און איצט קריגן זיי באַצאָלט. אין דער וואַנגעליע שטייט געשריבן: „אויף זיי, אויף זייערע קינדער און קינדס קינדער", פאַרשטייסט?"

„אָבער, דאַניו — ענטפערט פראַנעק ווייך — דאַנושו טייערע, העלענאַ וועט דאָך ווערן אַן אונדזעריקע, מיר ביידע וועלן זיין אירע שמד־עלטערן, און ווען דו וועסט אַהינקומען אויף יענער וועלט, וועט מען דיר אָנערקענען דעם זכות".

דאַנקאַ ליגט שטיל. די טראַנזאַקציע איז איר, ווייזט אויס, געפעלן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום, הער איך ווי זי פליסטערט: „איך בין מסכים, פראַנעק, אַז זי זאָל בלייבן, אָבער איין באַדינג: איך וועל פאָרן צו דער מאַמען, ווייל כ'האָב מורא, שרעקלעך מורא, אַז מען וועט מיך שיסן צוזאַמען מיט איר".

איך הער ווי פראַנעק קושט זי און פלאַפּלט אַ צופרידענער: „זעלבסט־פאַרשטענדלעך, דאַניו, אדרבא, פאָר! איך וועל יעדן זונטיק קומען צו דיר".

פאַרן אָפּפאָרן האָט דאַנקאַ מיר צוגעזאָגט צו שיקן צוויי מעטריקעס — פאַר ישראלן און פאַר מיר. אין שטוב זענען מיר איצט דריי: פראַנעק, לוציאַ און איך. האַלינאַ געפינט זיך ביי איר מוטערס אַ קוזין — יאַן קאָפּלוק.

האַלינאַ ווייסט, אַז איך בין אַ קריסטין, אַן אַנטלאָפענע פון דייטשלאַנד, וווּ איך בין געוואָרן פאַרשיקט אויף אַרבעט. אַזעלכע פּאָליאַקן, ווי איך, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן טויזנטער.

סטאַך קומט צו מיר יעדן טאָג. ער ברענגט מיר פון ישראלן שטאָף און בריוולעך. ישראל האָט זיך געטראָפן מיט דער שוועסטער. דער פאָטער און זי וועלן אַריבער צו ישראלן און צוזאַמען וועלן זיי אַרויס פון געטאָ. עס איז מיר שווער אין דעם צו גלייבן. כ'בין מוטלאָז, פאַרצווייפלט און קראַנק.

לוציאַ איז זייער אָפּנהאַרציק, מיר שלאָפֿן ביידע אין איין בעט. אַ צו־געטוליעטע צו מיר, דערציילט זי וועגן שלעכטן כאַראַקטער פֿון דער שטיפֿ־מוטער און וועגן דעם, אַז דער פֿאָטער שטייט שטענדיק פֿון ווייבס זייט. זי פֿאַרטרויט מיר אַלערליי אייגענע און משפּחה־סודות.

—◆—

ווען פֿראַנעק גייט אַרויס צו דער אַרבעט איז אין דרויסן נאָך פֿינצ־טער און ווען ער קומט צוריק ציען מחנות פֿאַרנאַכט־שאָטנס און לייגן זיך מידע אויס אויף די גאַסן.

פֿראַנעק שליסט פֿאַוואָליע אויף די טיר, קומט אַריין שטיל, ווי ער וואָלט מיך נישט געוואָלט אויפֿוועקן. ער שאָקלט צו מיר פֿריינדלעך מיטן קאָפּ, טוט אויס די אַרבעטס־קליידער, וואַשט די הענט, דאָס פּנים און ציט אַרויף אויף זיך זיין גרינעם, אָפּגענוצטן סוועטער. זיין בלאַס, צעקנייטשט פּנים צוזאַמען מיטן פֿליך אויפֿן קאָפּ, וואַרפֿט אַ העלן שיין אינעם האַלב־טונקעלן שטיבל. ווייך, פֿרידלעך און מיד קוקן אויף מיר זיינע קינדישע, בלויע אויגן.

„ווי פֿילסטו זיך, פּרוי העלענאַ, האָסטו עפּעס געגעסן?" — פֿרעגט ער שטיל און צערטלעך.

איך לאָז אַראָפּ די פֿיס פֿון בעט, עס דאַכט זיך מיר, אַז כ'האָב כּוח, אָבער ווען כ'וויל אויפֿשטיין, דערפֿיל איך ווי די שטוב דרייט זיך און אָט וועט די שאַנק אויף מיר אַרויפֿפֿאַלן. איך לייג צוריק דעם קאָפּ אויפֿן קישן און בלייב אַזוי מיט די אַראָפּגעלאָזטע, אוממעכטיקע פֿיס, וואָס הענגען אַראָפּ פֿון בעט ווי שטעקנס. .

„איך וועל דיר מאַכן אַ הייס גלאָז טיי, פּרוי העלענאַ, דו וועסט זיך מחיה זיין" — זאָגט ער ווי צו אַ קינד און באַלד פֿאַרעט ער זיך ביי דער קיך.

פֿאַר און נאָכן עסן זאָגט פֿראַנעק ס'געבעט. ער איז רעליגיעז און ער־לעך. ווען איך טרינק די טיי און ער עסט אָונטברויט, זאָגט ער מיט פֿרייד אין די אויגן: „כ'האָב עפּעס פֿאַר דיר, פּרוי העלענאַ, עפּעס, וואָס כ'האָב פֿאַר טאָג געפֿונען, קערנדיק די גאַס".

נאָך אַ רגע שטילשווייגן הער איך ווידער זיין רויק קול: „דאָס איינציקע וואָס כ'האָב אויפֿן געוויסן, זענען די געפֿונענע קלייניקייטן, וועלכע כ'נעם מיר צו. כ'האָב שוין, צום ביישפּיל, אַ פּאָר טוץ נאָז־טיכלעך, און כ'זאָג דיר, פּרוי העלענאַ, פֿון יעדן טיכל קאָנסטו לייענען זיין אָפּשטאַמונג". פֿראַנעק האָט פֿאַנטאַזיע, שטעלט ער מיר פֿאָר אין וואָסערע אומשטאַנדן „פֿאַרלעך" פֿאַרלירן כל מיני זאַכן אין דער נאַכט, וועלכע שדכנט זיי אויס.

נאָכן אָונטערוויט ציט ער אַרויס פון קעשענע אַ פּאָר ראָזע, זיידענע דאַמען־רעפּאָרמען און הענגט זיי פונאַנדער אויף די ווייז־פינגער פון ביידע הענט. ער שטודירט די תחתונים, מאַכט אַזעלכע קאָמישע מינעס, אַז איך צעלאַך זיך. איך דערפיל אָבער, ווי איבער די באַקן שווימען טרערן, הייסע, געזאַלצענע טרערן. זיי פליסן, פליסן אָן אַ סוף. פראַנעק מיינט, אַז כ׳בין נישט נאָרמאַל, איך אָבער ווייס, אַז דאָס געפיל פון לאַכן עקסיסטירט שוין נישט מער פאַר מיר...

—◆—

דאָס געטאָ איז אָפּגעשלאָסן. סטאַך האָט היינט געוואַרט אַ לאַנגע צייט ביים וואַך־טויער, אָבער קיין יידישע גרופּן זענען נישט אַרויס צו דער אַרבעט.

„אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט מיר דאָס רעכטע אויג געביסן. כ׳האָב באַלד געוווסט, אַז עפּעס שלעכטס וועט פּאַסירן" — זאָגט סטאַך אַ באַזאָרגטער.

זיינע ווערטער שניידן און ברענען. כ׳בין ווי אַ געשריי, וואָס לויפט אַדורך דעם מדבר פון ווייטאָג. ישראל, ישראל, פאַר וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט?!

עס איז מיר שווער צו שרייבן. נישטאָ ממש קיין כוח. פון געטאָ פירן די דייטשן ווידער אַרויס טראַנספּאָרטן קיין טרעבלינקע. סטאַך פּאָרלירט די האָפענונג צו זען ישראלן. ער דערציילט, אַז די שיסעריי אין געטאָ הערט נישט אויף.

.3

מען זאָגט, אַז אַ מענטש וואָס טרינקט זיך, דערזעט פאַר זיך פּלוצלינג זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט. אין די לאַנגע שעהן, טעג און נעכט פון גוסן, שווימען פאַר מיר אַדורך יענע הערלעכע יאָרן פון מיין קינדהייט, פון מיין יוגנט. דער ערשטער קוש אויפן בריקל הינטער דער שטאָט, די ערשטע ליבע, די חתונה, דאָס שיינע צוזאַמענלעבן מיט ישראלן, קינדערישע פרייד פון זאָרגלאָזע טעג, די גרויסע צאָל ביכער, דאָס רחבות, די אינטערעסאַנטע אויספלוגן. דאָס געבוירן ווערן פון תמרהלען, ישראלס פרייד אַלס טאַטע...

עס קומען די זכרונות ווי שטיקער זון, זיי באַשטראַלן פראַנעקס אָרעמע שטוב, זיי דערוואַרעמען דאָס האַרץ און פאַרשטעלן מיט זיך אַלץ, וואָס רינגלט מיך אַרום. אומבאַוועגלעך קאָן איך אַזוי ליגן לאַנגע שעהן מיט פאַרמאַכטע אויגן. עס שאַרט זיך דעמאָלט אַדורך מיין גאַנץ לעבן. עס רוישט דער גרינער וואַלד, ווו מיר האָבן אַלע דריי פאַרבראַכט דעם לעצטן זומער פאַר דער מלחמה. איך דערזע גאַנץ דייטלעך אַן אָפּגעשניטן קאָרן־פעלד,

וואָס פירט צום וואַלד, אַ שמאָל סטעזשקעלע צווישן די שטעכעדיקע בייטן און מיך, אַ יונגע, אָפּגעברענטע, לוסטיקע און געזונטע מיט אַ גרויסן קויש עסן, וואָס כ׳טראָג אין וואַלד אַריין. אונטער די פיס שאַרכט. די אָפּגעשני־טענע זאַנגען שטעכן די נאַקעטע פיס, די זון ברענט, אַ הייסער ווינט גלעט דאָס פּנים, אין די אויערן קלינגט דער געוויש פון וואַלד...

עס דערוואַכן אין מיין זכרון איינצלנע, לאַנג פאַרגעסענע עפּיזאָדן, כל מיני קלייניקייטן, וועלכע מען פאַרלירט אַזוי פיל אויפן וועג, אינעם גע־איילעניש צום טויט.

ווי אויף אַ פילם־לענטע גייען פאַרביי נאָענטע געשטאַלטן. איך דערזע ס׳בילד פון געזעגענען זיך מיטן ברודער: די פאַרנעפּלטע, טרויעריקע ווייסל, די צעשמעטערטע בריק און אים, אַן איינגעבויגענעם, מיט טרערן אין די אויגן, מיט ציטערנדיקע ליפּן, דעם היימלאָזן, אומגליקלעכן ייד...

אַממיינסטנס קומען זכרונות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט ישראלן. אפשר דערפאַר, ווייל די זאָרג וועגן זיין גורל פאַרלאָזט מיך נישט אויף קיין רגע און אַלץ וואָס בינדט מיך נאָך דאָ מיטן לעבן, איז געקניפּט מיט אים. עס איז גענוג אַ קלער צו טאָן וועגן אים און דאָס האַרץ הייבט אָן האַסטיקער קלאַפּן און פלאַטערן.

עס טרעפט, אַז פראַנעק שטייט נעבן בעט, רעדט צו מיר, פרעגט מיך עפּעס און איך הער נישט, פאַרשטיי נישט. איך מוז צווינגען מיין ווילן, ער זאָל מיר העלפן דערמאָנען זיך, ווו איך געפין זיך איצט.

שוין לאַנגע טעג ווי בלויז ציגאַרעטן מיט וואַרעם וואַסער האַלטן מיך אויף.

פון ישראלן איז קיין לעבעדיקער צייכן נישטאָ.

4.

איצט, צען אַ זייגער ביינאַכט, איז סטאַך געקומען צו לויפן מיט דער בשורה, אַז ישראל לעבט! עמעצער האָט טעלעפאָנירט און געבעטן איבער־צוגעבן סטאַכן, אַז העלענאַס מאַן וועט אין גיכן צו איר קומען.

גאָט אין הימל, איז דאָס נישט קיין טעות?! ווער האָט עס געקאָנט קלינגען? אין געטאָ איז דאָך שוין פון לאַנג נישטאָ קיין טעלעפאָן!

אַ האָפענונג, אַ נייער כוח האָט זיך אין מיר צעוואַקסן. ישראל לעבט!

פראַנעק שמייכלט און קאָמענטירט: „אַ פרוי אָן אַ מאַן, איז אַזוי ווי הויזן אָן אַ פויער: אַליין קאָנען זיי נישט שפּאַצירן! זעסטו, פרוי העלענאַ, די בלויזע ידיעה, אַז דיין מאַן לעבט האָט דיך גלייך לעבעדיק געמאַכט; וואָס וועט נאָך זיין, ווען ער וועט קומען?". אָבער ווען איך האָב פראַנעקן

געבעטן, ער זאָל מיר קויפן צוויי ליכט, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן: „פילסטו זיך דען אַזוי שלעכט, פרוי העלענאַ? האָלסטו דען ביי שטאַרבן? אַ יעזו! שטאַרב נישט, העלענאַ, איך בעט דיך, באַהערש זיך! וואָס וועל איך טאָן מיט דיין טויטן קערפּער? איך וועל איינזינקען צוזאַמען מיט דיר, דערבאַרעם זיך, העלענאַ!".

איך האָב אין אָנהייב געמיינט, אַז ער לאַכט און וויצלט זיך. אָבער זיין פּנים איז געווען אויסגעצויגן, די הענט האָבן ביי אים נערוועז געציטערט, ער האָט עס געמיינט ערנסט.

— וואָס פעלט דיר עפּעס איין אַזאַ נאַרישקייט, פאַניע פראַנקו? פאַרקערט, איך פיל זיך בעסער און וויל אָנצינדן די ליכט אַלס דאַנקבאַרקייט צו גאָט פאַר דער גוטער בשורה; און באַזונדער האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ בענקשאַפט נאָך מיין מאַמען מיטן קינד. און דעם אמת זאָגנדיק, ווייס איך אַליין נישט, פאַר וואָס עס ווילט זיך מיר אָנצינדן ליכט.

— פרוי העלענאַ, איך גיי רופן דעם גלח, זאָל ער דיך זאַלבן מיט הייליקע אייל און באַזאָרגן מיט סאַקראַמענטן. ווּעסטו בלייבן לעבן — וועט עס דיר נישט שאַטן, און טאָמער נישט — ווּעסטו לכל הפּחות אַהינקומען אַ געריייניקטע. איך וועל דעם גלח דערציילן דעם גאַנצן אמת, ער וועט מיר אויך העלפן אַרויסצודרייען זיך פון פּלאָנטער. איך גיי, העלענאַ.

— אָבער פאַניע פראַנקו, איך שווער דיר, אַז כ׳שטאַרב נישט. איך וויל לעבן און האָף, אַז מיין מאַן וועט קומען. קוק נישט אַזוי טרויעריק און צעשראָקן אויף מיר. גלייב מיר, אַז ביי אונדז, יידן, זענען פאַראַן אַנדערע מנהגים ווי ביי אייך.

— ביי אונדז צינדט מען אָן ליכט — שטאַמלט פראַנעק — ביי דער חתונה און ביים טויט. ווען מיין ווייב האָט געבעטן ליכט, האָב איך געוווסט, אַז די מלאכים טאַנצן שוין ביי איר בעט און ווילן באַלייכטן איר וועג צו גאָט.

כ׳האָב געזען, אַז ער פאַרשטייט מיך נישט. דאָך האָט ער צוגעזאָגט צו ברענגען ליכט.

ווען ס׳איז מיר שווער צו שרייבן, ליג איך מיט אָפענע אויגן און טראַכט. איך קען שוין פון אויסנווייניק אַלץ, וואָס געפינט זיך אין שטיבל. איבער מיין בעט הענגען צוויי גרויסע, פאַרביקע, אויף אַ יאָר־יאַריד געקויפטע בילדער: איינס — יעזוס אויפן קרייץ מיט רויטע טראָפּנס בלוט אויף די הענט און פיס און דאָס צווייטע — די הייליקע מאַריע מיטן קינד ביי דער נאַקעטער ברוסט. די ברוסט איז גרויס, קיילעכדיק ווי אַ פולע לבנה. איבער פראַנעקס בעט איז צוגעקלאַפּט צו דער וואַנט אַ בלעכןביידל. אינעווייניק — די הייליקע משפּחה, אויסגעמאָלט אויף אַ רונד שטיקל פאַרצעליי,

באַצויגן מיט עמאַליע. איןביידע זייטן — אָפּגעדאַרטע קרענצלעך מיט רויטע פאַרשטויבטע באַנד־שלייפן. דאָס איז אַן אָנדענק פֿון עולה־רגל זיין קיין טשענסטאָכאָוו. פראַנעק גלייבט אין נסים. ער פלעגט מיר מיט אַ מאַט קול דערציילן פון אַ וואָסערע צרות די הייליקייטן האָבן אים שוין אַרויס־געצויגן און געהאָלפן.

פון דרויסן רייסט זיך אַריין אַ געזונט, פריש קול פון אַ פּאָמידאָרן־פאַרקויפערין: „רויטע, פרישע פּאָמידאָרן, רויטע עפּל־פּאָמידאָרן, רוי־טעעעע!".

איר קול צעשווימט זיך ווייט און הויך. שעהן לאַנג, יעדן טאָג. עס טויכן אויף בילדער אין צוזאַמענהאַנג מיט פּאָמידאָרן. איך דערמאָן זיך אויך וועגן קליינטשיקן פּאָמידאָר אין מיין מאַנס האַנט אויף דער קאַרמעליצקע אין אונדזער לעצטן פאַרנאַכט... געשטאַלטן, זאַכן, געשעענישן, אַפילו חלו־מות פאַרוואַנדלען זיך ביי מיר אין אַ קללה פון אייביקן געדענקען. דורך די שויבן רייסן זיך אַריין די נישט באַגרייפלעכע געשעענישן מיט אַ געיאָמער: נישטאָ! נישטאָ!! מיטן ערשטן טאָג־שיין, ווען מען מאַכט אויף די טויערן פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער קאָטעדרע שאַרט זיך שוין אַריין די בשורה, אַ הייזעריקע, אַ גרויזאַמע: נישטאָ! נישטאָ!

כ'זינק איין וואָס אַ מאָל טיפער אין אַ פּיינלעכע פוסטקייט. דאָס איינ־ציקע, וואָס האַלט מיך אויף, איז דער גרויסער באַגער צו זען מיינע טייער־סטע: ישראלן און יאַנקלען. פילן זיי נעבן זיך און קאָנען וויינען, וויינען...

5.

און ווידער איז אַוועק אַ טאָג. ס'האָבן מיך היינט באַזוכט זאָשקאַ און פראַניאַ מיט סטאַכן. סטאַך האָט דערציילט, אַז ער איז געוועזן ביים געטאָ און געזען עטלעכע גרופּן אַרויסגיין צו דער אַרבעט, נאָר ישראל איז צווישן זיי נישט געווען. איך האָב אים נאָך אַ מאָל אויסגעפרעגט וועגן טעלעפאָ־נישן געשפּרעך, אָבער ווידער האָב איך באַקומען דעם זעלבן ענטפער, אַז דאָס קול איז געווען אַן אומבאַקאַנטס און האָט בלויז געבעטן איבערצוגעבן פּרוי העלענאַ, אַז איר מאַן וועט אין גיכן קומען.

עס פאַרגנבעט זיך אין מיר אַ חשד, אַז ישראל לעבט שוין נישט, נאָר סטאַך נאַרט מיך אָפּ; ער וויל מיר צוגעבן מוט. ווער איך נאָך אומרואיקער און פרעג ווידער, ביז סטאַך ווערט בייז. זיינע קליינע אייגעלעך ווערן נאָך קלענער און ער שרייט אויס: „אומגלייביקע!". אָט דאָס וואָרט באַרואיקט מיך מער, ווי צען שבועות. איך דערפיל, אַז ער נאַרט מיך נישט.

זאָשקאַ, אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אויפן טיש, קנאַקט באַניע־קערן.

זי איז מיט די געזיכטס־שטריכן זייער ענלעך צו פראַנעקן, אָבער מיט אַ צוועלף יאָר ייִנגער פון אים און צו גלייך דער היפך פון זיין נאַטור. אַ פלינקע, ענערגישע, אָפט אויפגערעגט, אַ לייכטע צו באַליידיקן זיך און נאָך לייכטער צום איבערבעטן. זי בייזערט זיך, זידלט, וויינט, דערציילט עוולות פון מאַן, אָבער זאָל נאָר ווער אָנרירן זיין כבוד, פאַרטיידיקט זי אים מיט איר גאַנצן אייפער. אין דער משפחה גייט זי אָן אַלס קלוגע, לעבנס־פּעאיקע און גוטהאַרציקע. זאָשקאַ דערציילט מיר, אַז מיט יאָרן צוריק האָט זי געדינט ביי אַ ייִדישער משפחה אויף זלאָטאַ־גאַס און אין די לעצטע וואָכן האָט זי זיך שוין דריי מאָל אַריינגעגנבעט אין געטאָ, כדי אָפּצוזוכן אירע געוועזענע ברויט־געבער און זיי אַריבערנעמען צו זיך. ליידער האָט זי זיי נישט געפונען. ווען זאָשקאַ רעדט וועגן „אירע" ייִדן, האָט זי פולע אויגן מיט טרערן. באַלד אָבער גיט זי אַ שאָקל מיטן בלאָנדן, צעפלאָשעטן קאָפּ און שוין רעדט זי וועגן עפּעס אַנדערש.

פראַניאַ קוקט אויף זאָשקאַס נייע לאַטשן און פרעגט, ווי עס גייען די געשעפטן. זאָשקאַ גלייכט אויס די אַקסלען, קנעפּלט אויף דעם זשאַקעט, עס דאַכט זיך, אַז באַלד וועט זי זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ גוט געזאָטלט פערד. זי ענטפערט: „געלויבט איז גאָט, נישט שלעכט! שטעל זיך פאָר, פראַניאַ, מיר האָבן מיט אַ וואָך צוריק אָפּגעקויפט אַ גאַנצע מאַסע טליתים פאַר שפּאָט ביליק; ווען דו זעסט, ווי דער שמאַטע־מאַרק איז פאַרפלייצט מיט ייִדישע הייליקייטן, וואָלסטו געמיינט, אַז דו חלומסט. האָבן מיר אָפּגעקויפט צוויי וועגעלעך פונק נייע, ריין וואָלענע טליתים, אָפּגעפּאַרבט זיי און פאַרקויפט אויפן דאָרף מיט אַ שיינעם פאַרדינסט!". איך הער זיך צו צום געשפּרעך און די ווערטער פאַלן ווי צעגליטע קוילן אויף מיין האַרץ. כ'בין אַזוי איינזאַם און פאַרקלעמט! איבערן פנים רינען טרערן. זאָשקאַ ווערט פלוצלינג שטיל, אַלע קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ זעלטן באַשעפעניש אין אַ שטייג.

— העלענאַ, אפשר האָסטו אַפּעטיט אויף קאַרטאָפל־קליסקעס? — רייסט פראַניאַ איבער די שטילקייט.

— כ'דאַנק דיר, פראַנוליאַ, כ'וויל נישט קיין קליסקעס, אַפילו אַ זעמל איז מיר שווער צו עסן.

פראַנעק קומט אָן. ער טראָגט ליכט און אַ בריוו פון דאַנקאַן מיט צוויי בייגעלייגטע מעטריקעס: איינע פאַר ישראלן, די אַנדערע — פאַר מיר. אַ וואָרעם געפיל כאַפּט מיך אַרום. דאַנקאַ האָט דאָך אין זיך עפּעס מענטשלעכעס; זי האָט נישט פאַרגעסן צו שיקן מעטריקעס! איך פרעג פראַנעקן וואָס זי שרייבט.

„עט — קרימט ער אויס דאָס מויל — זי וויל נישט פריער אַהיימקומען, ביז דו וועסט האָבן אַ צווייטע דירה. זאָל זי דאָרט זיצן! ס'שאַדט נישט.

ווען זי וועט זיך אויסבענקען, וועט זי ווי אַ קאָזע קומען צו לויפן!".

די „געזעלשאַפט" לאַכט, פּלאַפּלט נאָך אַ ביסל און פאַרלאָזט אונדז. פראַנעק מאַכט פייער אין דער קיך, פּאָרעט זיך; דערלאַנגט מיר טיי מיט אַ סוכאַר און ווען ער עסט זיין אונטברויט, באַקענט ער מיך מיט אַלע הייליקע: „דער שוועינטי אַנטאָני — זאָגט ער רואיק און איבערצייגנדיק — איז פון גנבות, פאַרלוסטן און היזקות, צו אים איז מען מתפלל, ווען עס קומט אַוועק אַ בייטל געלט, אַ קו, ווען אַ מאַן פאַרלאָזט אַ ווייב, אָדער פאַרקערט. בעט צו אים, העלענאַ, וועט דיין מאַן קומען. די הייליקע טערעסאַ איז די פּאַטראָנין פון סיחרים; די הייליקע באַרבאַראַ — די באַשיצערין פון שרפות; די הייליקע גענאָוועפאַ..." — זיין מאָנאָטאָן קול שלעפערט מיך איין.

.6

אַ זוניקער פרימאָרגן שלאָגט זיך אָפּ אויף דער גרויער וואַנט פון דער מאַיעסטעטישער און מרה־שחורהדיקער קאַטעדרע. אַרום און אַרום איז אַזוי שטיל, אַז כ'הער דאָס פּאַמעלעכע קלאַפּן פון האַרץ.

כ'האָב נישט געהערט, ווען פראַנעק איז אַוועק צו דער אַרבעט.

שוין עטלעכע טעג ווי לוציאַ וווינט ביי סטאַכן. זי האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי אַ שניידערין און קומט זעלטן ווען אַהיים. מעגלעך, אַז אויך זי האָט מורא צו זיין מיט מיר אין שטוב. זי איז אַ פרימיטיווו, גוטהאַרציק מיידל, און כאָטש אַ צעשטרייטע, דאָך איז זי דיסקרעט. צוליב איר צעשטרייטקייט, פלעגן אָפט אויסברעכן קריגערייען מיט דער שטיפמוטער, וועלכע איז באַקאַנט פון איר פעדאַנטישקייט און פינקטלעכקייט. לוציאַ האָסט די שטיפמוטער מער ווי היטלערן. דאַנקאַ, פאַרן אָפּפאָרן צו אירע עלטערן, האָט לוציאַן געוואָרנט, זי זאָל נישט פאַראומרייניקן די שטוב און דערזעענדיק לוציאַס איראָנישן שמייכל, האָט זי אויסגערופן: „לוציאַ, קוק מיך נישט אַזוי אָן! שפּיגל זיך בעסער איין, וועסטו זען, אַז דו האָסט אַ קאָפּ מיט גאָלדענע לאָקן, אָבער אינעווייניק, אָנשטאָט מוח, שטעקט אַ בלויע, פאַרפוילטע שמאַטע, וואָס שיינט אַרויס דורך דיינע אויגן, ווי דרעק צווישן בלומען".

לוציאַ זעט אויס, ווי אַ מלאכל אויף אַ לוקער־קיכעלע. ווען זי קומט אַהיים אויף אַ שעה, אַ פאַרסאָפּעטע, אַ צעטראָגענע, כדי עפּעס צו נעמען פון אירע זאַכן, מאַכט זי אויף די שופלאָדן, וואַרפט אָן אויף די שטולן קליידער, וועש, קליינקייטן; פּאָרעט זיך, פּלאַפּלט, דערציילט בייעסן פון זאָשקאַן, פראַניאַן און אַפילו פון דער משפחה אין דאָרף, וועלכע איז מיר

אומבאַקאַנט. נאָך לוציאַס פאַרלאָזן די שטוב, בלייבט אַן אומאָרדענונג און אַן אָפּהילך פון איר קינדישער זאָרגלאָזיקייט.

איך בין גאַנצע טעג אַליין. פראַנעק האָט נישט קיין געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. דעריבער טאַקע פיל איך זיך דאָ רואיקער און זיכערער, ווי ביי סטאַכן. אין דער פרייער צייט לאָטעט פראַנעק אַלט שוכוואַרג, מאַכט צו רעכט עפּעס ביים שטוב־מעבל, קלאַפּט אַריין אַ טשוואָק דאָ אָדער דאָרט, און אָפּט מאָל האַקט ער האָלץ אין קעלער. ווען עס גליסט זיך אים נישט צו אַרבעטן, — שטופּט ער אָן ציגאַרעטן־גילזן מיט טאַבאַק און זיצנדיק אַזוי ווי אַ קאַץ אויף אַ קאַלטער קיך, שערט ער אַרום די צויטן ביי די פאַרטיקע ציגאַרעטן, לייגט זיי איין גלייך אין אַ הילצערן שאַכטל, פאַר־רייכערט איינעם פון זיי און אַ פאַרקלערטער, אינעם נעפּל־רויך — שווייגט ער אַ שעה צוויי. קיין בוך האָט פראַנעק אין זיין לעבן נישט געלייענט. ער איז ווי אַ גרויס קינד, פול מיט פאַנטאַזיע, וועלכע ער פאַסט צו לויט זיינע מעגלעכקייטן. דעריבער טאַקע באַגענוגנט ער זיך מיט דאַנקאַן, כאָטש ער טרוימט וועגן פרויען מיט צעלאָזטע, לאַנגע האָר, דינע טאַליעס, זיי־דענע וועש און שמעקעוודיקע, ווי אַ קאַדזילע אין קאָשטשאָל.

פראַנעקס ערשט ווייב האָט לאַנג געקרענקט אויף טובערקולאָז און דעמאָלט האָט ער געפירט אַ „ליבע" מיט אַ פריילעכער אלמנה, אָבער ביז זיין ווייב איז אָפּגעשטאָרבן, האָט די אלמנה, נישט קאָנענדיק זיך דער־וואַרטן אויפן צוקונפטיקן אלמן, חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן. ער רעדט נאָך היינט וועגן יענע הייסע שעהן, אַזוי ווי פראַניאַ רעדט וועגן „גרינעם דאַנערשטיק", ווען זי טראָגט בעת דער פּראָצעסיע אַ שאַרף פון אַ גלאַנציקן אַטלאַס־קישן.

מיט אומגעדולד וואַרט איך היינט אָפּ סטאַכן. אפשר וועט ער מיר ברענ־גען אַ גוטע בשורה? שוין אַ פּאָר טעג הערט מען נישט קיין שיסערייען פון געטאָ, אויך טראַנספּאָרטן קיין טרעבלינקע גייען זעלטענער. פון אסתרן האָב איך נישט קיין שום ידיעה. ווען כ'הייב אָן צו קלערן, פאַרגעס איך, ווו כ'בין. אין קאָפּ רוישט אַ ווידערקול פון אַ לויפנדיקן צוג. אינעם גערויש טויכן אויף בילדער פון די לעצטע טעג אין געטאָ: קינדער אויף צווייגן; אַ קליינטשיק יינגעלע מיט העל־בלאָנדע לאָקן, מיט צעפּלאַטערטע הענט־לעך, צוגעבונדן ביי אַ פּיסל, ווי אַ זומער־פייגעלע צווישן בלעטער: ער דינט אַלס ציל פאַר אַ גרופּע זייטשן.

דאָס קליינוואַרג פון שליסקער קינדער ־שפּיטאָל, באָרוועסע, אין די העמדלעך, אַרומגערינגלטע און געטריבענע דורך אוקראַינער צום „אומשלאַג־פּלאַץ". עס פּרושעט אַ דראַבנער, עקשנותדיקער רעגן. טייל קינדער זענען אַרומגעהילט מיט האַנטעכער, אַנדערע האָבן אַרויפגעצויגן די העמדלעך

איבער די קעפלעך, צום „באַשיצן״ זיך קעגן רעגן. אויסגעדאַרטע, בלויע פיסעלעך, קליינטשיקע, אָפּגעדעקטע געזעסעלעך...

עס באַפאַלן מיך, ווי היישעריקן, אַ סך פריערדיקע בילדער: יחיאל לערער בשעת זיין לעצטן באַזוך ביי אונדז אין שטוב; בּרוי ראַפּאַפּאָרט, די מוטער פון דעם סקולפּטאָר, מיט וועלכן זי האָט זיך אַזוי געגריסט. זי האָט געגלייבט, אַז איך וועל איבערלעבן און האָט געבעטן איבערצוגעבן איר זון אַ קלייניקייט: אַ לעפל, מיט וועלכן ער האָט, פאַרן אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד, געגעסן דאָס לעצטע מאָלצייט אין דער היים. דעם לעפל האָב איך מיט זיך מיטגענומען, ער וועט זיכער איבערלעבן... חיים העלער, אַ באַדעקטער מיט מכות, ביים פענצטערל פון פאַוויאַק. דער ליפּנער רב, אַ צעשלאָגענער און פאַרבלוטיקטער; טויזנטער מענטשן צו פיר אין דער ריי; דאָס שטילע קלאַפּן פון זייערע פיס אויפן ברוק ביים מאַרשירן צום טויט.

אינעם האַלבן וואַכן, האַלבן חלומען, פרעסן זיך איין אין מוח די זכרו־נות, ווי צעגליטע קוילן און ברענען, שרפהנען. דער ווייטאָג דערגרייכט ביז צו די גרענעצן פון מענטשלעכער אויסהאַלטעוודיקייט.

— — — — — — — — — —

פראַנעק איז נאָך נישטאָ. איך צינד אָן אין ווינקל, ביים קיכל, צוויי ליכט. אַ ים טרערן גיסט פון מיינע אויגן. איך נעם אַרום די לופט און רוף מיין מיידעלע, מיין מאַמען, מיין מאַן, מיין ברודער. די הענט זוכן אינעם פוסטן חלל און פאַלן אַראָפּ שווער, פאַראייניזאַמט.

אָט אַזוי ביי די ליכט, אַ פאַריתומטע, האָט מיך אָנגעטראָפן פראַנעק. ער האָט מיך צוגעפירט צום בעט און געמורמלט: „בידולאַ, בידולאַ, דו זעסט שוין אויס ווי מיין עלטער־באָבע, וואָס האָט זיך מיר נעכטן גע־חלומט, גאָט באַלייכט איר נשמה! אויב דו וועסט זיך נישט באַהערשן, העלענאַ, וועסטו משוגע ווערן און דאָס איז ערגער ווי דער טויט״.

— אַ דערשעפּטע, אַן אָנמעכטיקע בין איך אַרויפגעפאַלן אויפן בעט.

.7

ישראל איז דאָ! נעכטן ביינאַכט, דעם 11־טן סעפּטעמבער, איז ער געקומען! מיין גליק איז נישט צו באַשרייבן. איך חלום נישט, ער איז דאָ! איך בין ווידער מוטיק און פון שעה צו שעה קומען צו פרישע כוחות. אי־נעם שטיבל בליט דאָס גליק, ווי אַ בלום אין אַ זומער־פרימאָרגן.

נעכטן ביינאַכט, ווען דער זייגער האָט אָפּגעקלונגען אַכט מאָל, האָט מען דערהערט אַ שטיל קלאַפּן אין דער טיר. פראַנעק האָט געעפנט. אין דער

אָפּענער טיר זענען געשטאַנען ישראל מיט סטאַכן. סטאַך, נישט איבער־טרעטנדיק די שוועל, איז גלייך אַוועק. מיט אַ בליץ־שנעלקייט בין איך אַראָפּ פון בעט און זיך איינגעקלאַמערט אין ישראלס אָרעמס, וואָס זענען אָבער מאַטכלאָז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ שטיל געבעט: „כ׳האָב נישט קיין כוח, גיט מיר עסן!“.

פראַנעק האָט אָנגעהויבן אַרויפלייגן אויפן טיש אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אין שטוב: ברויט, אייער, וווּרשט, געקאָכטע קאַשע, טאָמאַטן, עפּל...

ישראל איז געשטאַנען און געגעסן. דאָס ברויט איז שנעל פאַרשוווּנדן. אויפן טיש איז געוואָרן וואָס אַ מאָל ליידיקער און ער האָט געגעסן, געגעסן אָן אויפהער, ווי ער וואָלט מיך נישט געזען; ווי איך וואָלט נישט עקסיס־טירט, ווי אַ חוץ דעם עסן, וואָלט אַלץ געווען אָן אַ ווערט...

ווי אויף אַ טעאַטער־בינע זענען מיר אַלע דריי געשטאַנען שטום און געשפּאַנט. איך מיט פראַנעקן פאַרקוקט אין ישראלס אויסגעדאַרט פּנים, ער — מיט צוגעשמידטע אויגן צום עסן.

פּלוצלינג האָב איך אויפגעוואַכט פון דער געליימטקייט און פאַרווערט ישראלן מער צו עסן. עס איז מיך באַפאַלן אַ פּחד, אַז אַזוי פיל עסן מיט אַ מאָל קאָן קאַטאַסטראָפאַל ווירקן אויף זיין אויסגעליידיקטן מאָגן. פראַ־נעק האָט אים דערלאַנגט אַ טעפּל טיי און מיך באַרויקט: „שרעק זיך נישט, העלענאַ, איך האָב פון פאַר דער מלחמה אַ פלאַש ריצנאייל. אַ האַלב גלאָז אויסגעמישט מיט הייסע מילך וועט אים ווידער אָפּרייניקן דעם מאָגן, אויב ער וועט זיך פאַרדאַרבן. שטער אים נישט איצט! אַ גוט ווייב לאָזט דעם מאַן אַפילו זיך אַליין אויפפרעסן“.

עס האָט זיך מיר געגלוסט וויינען. ישראל פרייט זיך נישט מיט מיר. ער זעט נישט, ווי אויסגעדאַרט איך בין, ער פרעגט נישט וועגן מיינע טרויעריק־פאַרגאַנגענע, איינזאַמע טעג, אין וועלכע כ׳האָב אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך אים...

ערשט נאָכן אויסטרינקען די טיי האָט ער מיט זיינע גרויסע דלאָניעס אַרומגענומען מיין קאָפּ, געגלעט מיר די איינגעשרומפּענע באַקן און שטיל, צאַרט געקוקט אין מיינע אויגן.

עס זענען זיך צעשוווּמען אַלע מאַטערנישן; איך האָב מיך דערפילט, ווי אַ באַגנעדיקטע פון קאַטאָרגע, ווי אַ רעקאָנוואַלעסצענט נאָך אַ האָפּע־נונגסלאָזער אָפּעראַציע. לעבן מיר איז מיין איינציקער פריינד, וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר געשפּרייזט אויף די גאַסן פון טויט, אין די קאַטאַקאָמבען פון שווידערלעכע ליידן.

— האָסטו געוווּסט, אַז היינט איז ערב ראש־השנה? — ווייזט ישראל אויף די אָנגעצונדענע ליכט.

— היינט איז ערב ראש־השנה? — ווונדער איך זיך. — ניין, כ׳האָב נישט געוווסט, כ׳האָב גלאַט אַזוי אָנגעצונדן ליכט.

פראַנעקס פּנים שיינט, ווי באַלויכטן פון אינעווייניק. ער איז לעבעדיק, וויצלט זיך, נעמט פּאַוואָליע אַראָפּ פון שאַנק אַ גרויס טעקטורן שעכטל, ציט אַרויס אַ פּאָר לאַפּן, וועלכע ער טראָגט ווינטער, כדי נישט אָפּצופרירן די אויערן, טוט זיי אָן און שיקלט מיט איין אויג צו אונדז.

„איצט, קינדערלעך, קאָנט איר רעדן און קושן זיך וויפל איר ווילט״.

סטאַך האָט נעכטן אָפּגעוואַרט ישׂראלן ביי דער אַרבעט, צוגעפירט אים ביז צו פראַנעקס טיר און אַוועק אַהיים. היינט באַגינען איז ער שוין ביי אונדז געווען. ער פילט זיך יום־טובדיק, ווי אַ טאַטע, וואָס מאַכט חתונה אַ האַרבאַטע טאָכטער. דאָך זעט מען, אַז עס נאָגט אים עפּעס אַ זאָרג. ער איז מינוטנווייז פאַרטראַכט און איבער זיין פּנים שווימען שאָטנס פון גע־דאַנקען.

און וואָס טאָקע ווייטער? וואָס וועט אונדז ברענגען דער מאָרגן? ווי לאַנג קאָנען מיר אַזוי פאַרבלייבן ביי פראַנעקן?

8.

איבער די געסלעך פון אַלט־שטאָט גייט דער טאָג מיט נאָרמאַלע טריט און ביי אונדז דאָ, אין שטיבל, האָט זיך די צייט אָוועקגעלייגט ביי דער פאַרמאַכטער טיר, ווי אַ ברומענדיקע, אומפאַרשטענדלעכע, געהיימעניש־פולע בעסטיע.

ישׂראל שלאָפט. איך קוק זיך איין אין זיין אויסגעמאָגערט פּנים, איי־בער וועלכן עס לויפט דורך פון צייט צו צייט אַ ציטער. די ליפּן באַוועגן זיך און די וויעס ביי די אויגן הייבן זיך אויף און פאַלן ווידער אַראָפּ. שוין אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך האַסטיק אויפגעזעצט און מיט צעשראָקענע אויגן געקוקט, געזוכט און נישט פאַרשטאַנען, וווּ ער געפינט זיך. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט אַ ווייכער שמייכל אויסגעלייטערט זיין פּנים און ווידער איז ער איינגעשלאָפן.

ביידע זענען מיר שוואַך, דערשעפּט און אומבאַהאָלפן, ווי צווויי נאָר וואָס אויסגעבריטע פייגעלעך. עס דאַכט זיך, אַז ס׳איז אַפילו נישטאָ קיין כוח אויפצוהייבן דאָס גליק, וואָס ליגט ביי אונדזערע פיס. ביינאַכט האָט ישׂראל צוויי מאָל אויסגעשריגן „פישל, פישל״ און זיך אויפגעוועקט. אויף מיין פראַגע, פאַר וואָס ער האָט זיך צעשריגן, האָט ער דערקלערט אַט וואָס: ווען איך האָב פאַרלאָזט דאָס געטאָ, האָט ער זיך געוואָלט פאַרבינדן מיטן פאָטער און שוועסטער, וואָס געפינען זיך אין קליינעם געטאָ, כדי זיי אַריבער־

צונעמען צו זיך אינעם אַרבעטער־בלאָק אויף נאַלעווקעס 43. אַלע זיינע באַמיאונגען זענען געבליבן אָן דערפאָלג. זוכנדיק אַ באַקאַנטן יידישן פּאָליציאַנט, וואָס האָט געוווינט אויף דזשעלנע 9, האָט ער דערהערט אַ קול, ווי פון אונטער דער ערד. „ישראל, ישראל, בלייב שטיין, גיי נישט ווייטער!". ווען ער האָט זיך, אַ דערשראָקענער, אָפּגעשטעלט, איז פון הינטער די טרעפּ אין קאָרידאָר אַרויסגעקראָכן מיין קוזין פישל לובאַרט. ישראל האָט זיך נישט געריכט, אַז ער לעבט נאָך. ביידע מענער זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס. פישל האָט אויסגעזען ווי אַ טויטער, וואָס האָט פאַרבלאָנקעט צווישן לעבעדיקע. דאָס איינגעפאַלענע, געלע פּנים — ווילד באַוואָקסן מיט באָרד און פּאות. ער איז געווען אַזוי שוואַך, אַז ישראל האָט אים אונטערגעהאַלטן, ער זאָל נישט פאַלן. פישל האָט שטיל געוויינט און געפּליסטערט: „גאָט האָט זיך אויף מיר מרחם געווען און דיך אַהערגעשיקט, ישראל! איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר דערלויבן נאָך איין מאָל זען אַ נאָענטן און נישט לאָזן מיך שטאַרבן, ווי אַ קאַץ הינטער די טרעפּ".

ישראל האָט פישלען אַרויפגענומען צו זיך אין דער דירה אַריין, וווּ ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט נאָך אַכט אַרבעטער, און פאַרגעשטעלט אים אַלס זיין שוואָגער, כדי די איבעריקע זאָלן אים נישט אַרויסטרייבן. פאַר באַהאַלטן אַ „נישט־נוצלעכן" האָבן אַלע אין דער וווינונג געקאָנט באַצאָלן מיטן לעבן. דער האַלב־אָפּגעשטאָרבענער פישל איז געבליבן מיט ישראלן. יעדן טאָג האָט ער מיטגעבראַכט פון דער אַרבעט פאַר פישלען פלייש, ברויט, אַ האַרט איי און טייל מאָל אַפילו אַן עפּל. דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן ביזן 6־טן סעפּטעמבער, ביז צו דער גרויסער סעלעקציע אויפן פּלאַץ פּאַריסאָווסקי. פישל איז, פאַרשטייט זיך, פון שטוב נישט אַרויס. ער האָט זיך באַהאַלטן און ווידער ניצול געוואָרן פון טויט. פישלס פרייד, ווען ער האָט דערזען ישראלן נאָך דער סעלעקציע, האָט געגרענעצט מיט משוגעת. שעהן לאַנג האָט ער געזאָגט תהלים, געוויינט, געדאַנקט גאָט פאַרן חסד, געקושט ישראלן, געגלעט זיינע הענט; מורא געהאַט איינצושלאָפן, טאָמער וועט ישראל פאַרשווינדן. ווי אַ קינד האָט ער געבעטן ביים באַשעפער, ער זאָל זיי נישט צעשיידן.

די פאָר טעג, ביז מען האָט די גרופּע ווידער אַרויסגעפירט צו דער אַרבעט, האָבן אַלע, און צווישן זיי ישראל מיט פישלען, מוראדיק געהונגערט. זיי האָבן פּשוט געזויגן די פינגער, אַבי עפּעס צו האַלטן אין מויל. פישל איז געוואָרן נאָך שוואַכער און נישט געקאָנט אַראָפּגיין פון בעט. דעם טאָג, ווען ישראל איז געוואָרן איינגעשלאָסן אין דער גרופּע און באַשטעטיקט צו דער אַרבעט, האָט פישל אים צוגערופן צום בעט אין קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן, מיט אָפּגעריסענע ווערטער, געזאָגט: „אויב דו קאָנסט

זיך פאַרשטעלן ווי שטאַרק כ׳וויל דיך נאָך דער אַרבעט ווידער זען און באַקומען עפּעס צו עסן — ווייסטו פאַרשטיין, ווי שווער עס איז מיר אָנ־געקומען זיך צו אַנטשליסן צו פאַרלאַנגען פון דיר, אַז דו זאָלסט מער אין געטאָ אַריין נישט צוריקקומען. הערסט, ישראל? דיין אַוועקגיין איז אַ טויט־אורטייל אויף מיר, אָבער חילול־ איז מיר טייערער, ווי איך אַליין. דו זאָלסט זי קיין מאָל נישט פאַרלאָזן! איך פריי זיך, אַז כ׳האָב זיך דער־הויבן צו דער מדרגה מקריב צו זיין מיין לעבן, כדי איינצושפּאָרן אַ נאָ־ענטן מענטש יסורים און צער. זאָל אייך גאָט העלפן. כ׳וועל פאַר אייך בעטן ביז צו דער לעצטער רגע פון מיין לעבן". ער האָט ישראלן געגעבן אַ קוש און געהייסן אים מיר איבערגעבן...

דער געדאַנק וועגן פישלען לאָזט מיך נישט רוען. ישראל טרייסט מיך, באשר ס׳איז געבליבן אַ סך סחורה און פישל וועט באַקומען פון די אַרבע־טער עפּעס צו עסן פאַר אַן אָנצוג־שטאָף. איך ווידער האָב מורא, אַז אויב די אַרבעטער וועלן נישט אַהיימקומען (ווייל זיי האָבן געזאָלט בלייבן ביי דער אַרבעט עטלעכע טעג דורכאַנאַנד), קאָן מיט פישלען עפּעס שלעכטס געשען. איך דערצייל אַלץ סטאַכן און ער געפינט אַן עצה: אין שכנות מיט זאַשקאָן וווינט אַ פּוילישער פּאָליציאַנט מיטן נאָמען זדאַנאָוי. ער וועט אַרויפטראָגן פישלען עפּעס עסן. פאַרשטייט זיך, פאַר אַ גרויסער באַלוי־נונג. איך כאַפּ אַן סטאַכן און דריק זיין אויסגעאַרבעטע, האַרטע האַנט.

9.

ישראלס מעטריקע, וואָס דאַנקאַ האָט געשיקט, איז באַצייכנט מיטן נאָ־מען יאַן רוזשאַלסקי, מיינע — יאַדוויגאַ פּוכאַלסקאַ. מיר לערנען זיך פון אויסנווייניק די נעמען פון „אונדזערע עלטערן", דעם טאָג און יאָר פון גע־בורט, די פּאַראַפיע, וועו מען האָט אונדז געטויפט און נאָך אַנדערע איינצל־הייטן. מיר וועקן זיך אויף ביינאַכט און פרעגן אויס איינער דעם צווייטן וועגן אַלע פּרטים.

אין דער פינצטער, שטילינקערהייט, ווי ס׳וואָלטן זיך געשושקעט בלעטער אויף אַ בוים, שאַרכן אונדזערע ווערטער, וואָס ווערן לייב און בלוט פון ישראלס עטלעכע צאַרנדיקע געטאָ־עפּיזאָדן.

„איין בילדל" — שעפּטשעט ער — „פאַרפאָלגט מיך ספּעציעל. דאָס איז געווען אַ דריי טעג נאָך דער גרויסער סעלעקציע. די יידישע פּאָליציי האָט באַקומען אַ באַפעל צוצושטעלן יעדן טאָג פון זעקס ביז אַכט טויזנט יידן צום טרעבלינקער טראַנספּאָרט. אַזוי ווי אין געטאָ זענען געווען באַ־שעפטיקט צוויי טויזנט פּאָליציאַנטן, איז אויסגעקומען יעדן פון זיי אויסצו־

פילן דעם קאָנטינגענט: 4—3 יידן אַ טאָג. דער, וואָס האָט זיין „פליכט" נישט דערפילט און נישט צוגעשטעלט די צאָל קרבנות — איז געוואָרן דערשאָסן. זענען זיי אַרומגעלאָפן ווי פון קייטן אַראָפּגעלאָזטע בעסטיעס און אַרויסגעשלעפּט פון באַהעלטענישן יעדן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין לעגאַלירטע אַרבעטס־קאַרטע".

„אויף נאַלעווקעס 43, ווו איך האָב געוווינט מיט דער גרופּע באַן־אַרבעטער, האָבן צוויי יידישע פּאָליציאַנטן געכאַפּט אַ בחור, אַן אייגנטימער פון אַ „ריקשע". דאָס ייִנגל האָט זיך ביי זיי געבעטן, געוויינט, געוואָלט אַוועקגעבן דאָס גאַנצע געלט וואָס ער פאַרמאָגט, אָבער זיי האָבן אַפילו נישט געוואָלט מיט אים רעדן. דעמאָלט איז דער הויז־וועכטער, אויך אַ ייד, צוגעגאַנגען צום בחור, גענומען דאָס געלט און צוגעזאָגט אים צו באַפרייען. דערנאָך האָט דער וועכטער זיך געוואָנדן צו די פּאָליציאַנטן און פאָרגעשלאָגן, אַז פאַר דעם באַפרייטן בחור קאָן ער זיי געבן דריי אַנדערע נפשות. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך שטאַרק דערפרייט פון דער „טראַנזאַקציע" און גלייך מסכים געווען. דעמאָלט האָט דער הויז־וועכטער זיי אַראָפּגעפירט אין קעלער, ווו אין אַ ווינקל צווישן פעסער זענען געווען באַהאַלטן אַ מוטער מיט צוויי קינדער. דער געיאָמער פון די דריי געפאַנגענע האָט אָנגעפילט דעם הויף מיט גרויל און ווייטאָג. אַפילו די קאַלטע מויערן האָבן געטרויערט. אָבער אומזיסט האָבן די אומגליקלעכע גערופן הילף. ווען ס'האָט עמעץ מיט עקל געפרעגט דעם הויז־וועכטער, פאַר וואָס ער איז באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעכן, האָט ער רואיק געענטפערט, אַז די פרוי און קינדער וואָלטן סיי ווי סיי געשטאָרבן פון הונגער און דער יונגער בחור האָט גרעסערע שאַנסן צו בלייבן לעבן..".

ישראל דערציילט מיר אויך וועגן יחיאל לערער, וועלכן ער האָט געטראָפן אויף לעשנאָ־גאַס, זונטיק אין דער פרי, דעם 6־טן סעפּטעמבער. דאָס איז געווען אינעם טאָג פון דער גרויסער סעלעקציע. יידן זענען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע. יעדער האָט געזוכט אַ מעגלעכקייט אַרויסצובאַקומען זיך פון געטאָ, אָדער געפינען אַ לאָך ווו זיך צו באַהאַלטן. יחיאל לערער האָט אויסגעזען שוידערלעך. זיינע גרויסע, בלויע אויגן זענען געווען צעטראָגן און פאַרלאָפן מיט בלוט. ישראל האָט אים פאָרגעשלאָגן זיי זאָלןביידע צוזאַמען אַרויס פון געטאָ און נישט וואַרטנדיק אויף יחיאלס הסכמה, האָט ער אים מיטגעצויגן מיט זיך צו דער מויער פון דער עוואַנגעלישער קירכע, ווו אַ סך יידן זענען שוין אַדורך אויף דער אַרישער זייט. די ערשטע פראַגע יחיאלס, דערזעענדיק ישראלן, איז געווען וועגן מיר. און ווען ער האָט דערהערט, אַז איך בין שוין אויף „דער פרײ" — האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט.

וועןביידע זענען אָנגעקומען צו דער וואַנט פון דער קירכע, האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ שפּאָר ביסל יידן, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ ידיעה ווען מען קאָן אַדורך...

יחיאל איז געווען שטאַרק צעשטרייט. נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט געקוקט, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. פּלוצלינג דערהערט זיך אַ פייפעריי און אַן אויסגעשריי: דייטשן!". אַלע פאַרזאַמלטע צעלויפן זיך און פאַרשווינדן. אויך ישראל מיט יחיאלן באַהאַלטן זיך שנעל אין אַ חורבה פון אַ צעשמעטערט הויז און הערן זיך איין אין די דייטשישע קולות. נישט ווייט פון דער חורבה הערט זיך אַ שיסעריי. ווען עס ווערט נאָר שטיל — דערלאַנגט יחיאל ישראלן די האַנט און זאָגט: „גריס חיהטשן, גריס זי האַרציק פון מיר, איך גיי נישט מיט דיר, איך בלייב צו ווישן אייגענע, דאָ איז מיין פּלאַץ"...

אויף ישראלס אַלע בקשות און באַמיאונגען אים איבערצוצייגן, אַז ער דאַרף און מוז אַרויס פון געטאָ, האָט ער קאַטעגאָריש געענטפערט: „ניין, איך בלייב דאָ!" און איז אַוועק.

„דער איידעלער און ערלעכער — זשומעט מיר ביים אויער ישראל — איז דאָרט געוואָרן נאָך איידעלער, נאָך ריינער און דער אומווערדיקער — נאָך געמיינער, נאָך נידערטרעכטיקער".

די באַמערקונג דערמאָנט מיר מיין געוועזענעם שכן פון שוו.־יערסקע 30, טוליע, אַ וואַלוטע־סוחר. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די „אויסזידלונג", איז ער אַרומגעלאָפן ווי אַ ווילדער און אַזוי מורא געהאַט פאַרן טויט, אַז ער האָט זיך פאַרשריבן צו דער הילפס־פּאָליציי און אָנגעטאָן אַ ווייסע באַנד אויפן אַרבל... טוליע איז געווען אַ דרייסיק־יעריקער בחור מיט אַ רויט, פעט פּנים, אַ געזונטער, ברייטביייניקער און מוסקולערער. אין פינפטן טאָג פון דער אַקציע בין איך צופעליק געווען אויף נאַוואָליפּיע עק קאַרמעליצקע. וועלנדיק אַרויסגיין פון טויער האָב איך באַמערקט אויף דער צווייטער זייט גאַס אַ הויכן וואָגן מיט געפּאַנגענע יידן. דעם וואָגן האָבן געהיטן עטלעכע יידישע פּאָליציאַנטן, קיין דייטש האָט מען נישט געזען. כאָטש כ'האָב געהאַט אַן אַרבעטס־קאַרטע, דאָך בין איך געבליבן שטיין הינטערן טירל פון טויער און מיט אַ שוידער זיך צוגעקוקט, ווי צוויי פּאָליציאַנטן שלעפּן אַרויס פונעם קעגנאיבערדיקן הויז אַ יונגע, הערלעך שיינע, פעסט געבויטע פרוי. זי איז אַלט געווען אפשר 19 יאָר, אַ הויכע, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע, צעוואָרפענע לאָקן, פולע באַקן, און אויגן — צוויי צאָרנדיקע, צעברענטע פאַקעלן. פּלוצלינג טוט זיך דאָס מיידל אַ ריס אַרויס פון די פּאָליציאַנטן און, ווי אַ ווינטמיל, שפּרייט זי פונאַנדער די הענט מיט אַזאַ כוח, אַז ביידע אָנגרייפער פאַלן ווי בלעכענע זעלנער. באַלד אָבער זענען זיי ווידער נעבן איר.

איינער כאַפּט זי אָן ביי די האָר, דער צווייטער צערייסט אויף איר די בלוזע. אָבער זי קאָפּעט, שלאָגט, דראַפּעט און רייסט זיך אַרויס. זי איז צעבלוטיקט. פון הינטער דער צעריסענער בלוזע קוקן אַרויס צוויי רונדע, ווי פון מאַר־מאָר געטאָקטע ברוסטן. אַ קאַריאַטידע, אַ קעמפנדיקער טיטאַן, וואָס שפּייט מיט פייערדיקע בליצן און צעשמעטערט אַלץ, וואָס קומט אונטער דער האַנט.

צוויי פּאָליציאַנטן, פון די וואָס האָבן געהיטן דעם וואָגן, קומען צו הילף זייערע חברים. עס אַנטשטייט אַ קאַמף, ווי אין דזשונגל צווישן חיות. שמשון הגבור אין געשטאַלט פון אַ פרוי באַהאַלט נישט דעם קאָפּ פאַר די קלעפּ פון גומענע פּאַלקעס. זי רייסט אַרויס אַ פּאַלקע פון אײנעמס האַנט און קלאַפּט מיט אַזאַ כוח, אַז עס קלינגט אָפּ מיט אַ געקראַך אין דער געשפּאַנטער שטיל־קייט. פון וואָגן קוקן זיך צו די געפאַנגענע. טייל נוצן אויס די געלעגנהייט, שפּרינגען אַראָפּ און אַנטלויפן. די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געקומען צו הילף זייערע חברים, לויפן צוריק צום וואָגן. דאָס מיידל, אַ צעבלוטיקטע, אין צעריסענע קליידער, אַנטלויפט אין דער ריכטונג פון קאַרמעליצקע־גאַס. ווי פון אונטער דער ערד וואַקסט אויס טוליע און שטעלט אונטער אַ פוס דער לויפנדיקער העלדין... ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים פאַלט איר מעכטיקער קערפּער מיט אַזאַ טראַמאַסק, אַז די לופט פּילט זיך אָן מיט אַ טרויעריקן יאָמער, וואָס טראָגט זיך פונאַנדער ווייט, ווייט, מיט דער ביטערער בשורה. טוליע, קניענדיק, האַלט פעסט צו דעם מיידלס קערפּער, צוויי פּאָליציאַנטן בינדן אירע פיס... אַ געבונדענע, אָפּגעמאַטערטע, שלעפּן זיי זי אַזוי ביי די פיס צום וואָגן...

טוליע פאַררייכערט אַ ציגאַרעט. אין דעם אויגנבליק באַקומט ער מיט אַ טאַמאַטע צווישן די אויגן. פון עוואַנגעלישן שפּיטאָל האָט אַ פּאָלאַק גע־צילט אין אים און געטראָפן. זיין פּרצוף ווערט ווי באַגאָסן מיט בלוט. אויך איך וואַך אויף פון מיין לעטאַרגיע, לויף צו צו אים און שריי אויס: „מער־דער! דו נידערטרעכטיקער מערדער!". ער ווישט מיטן אַרבל דאָס פּנים און סיקעט: „אַנטלויף, אויך דיך וועט מען כאַפּן!".

איך לויף אַהיים און וויין פון אָנמאַכט, הילפלאָזיקייט און דערנידעריקונג.

.10

סטאַך האָט היינט געברענגט צו פירן זאַשקאָס שכן, דעם פּאָליציאַנט זדאַנאָווי. אַ מאַן נאָענט צו פערציק יאָר, מיטעלער וווקס, אַ ברייטביינ־קער, באַהערשטער, מיט קעצישע באַוועגונגען. פון הינטער זיינע געדיכטע ברעמען אינעם רונדן פּנים קוקן אָפּיר גרינע, כיטרע אויגן. זיי קוקן קאַלט און עקשנותדיק אויף מיר מיט מיין מאַן, ווי זיי וואָלטן אונדז טאַקסירט.

זדאַנאָווי ווערט אויך נישט נתפעל, ווען ער טרעפט זיך אָן מיט מיין פאַרשנ־דיקן בליק, וואָס וויל אַרויסלייענען, צי מען קאָן האָבן צוטרוי צו אים. אָבער נישטאָ קיין ברירה. פישל לעבט נאָך אפשר און ער, זדאַנאָווי, קאָן אים דערלאַנגען ברויט. מיר רעדן אָפּ דעם פּרייז, איך פאַרפּאַק אַ פּעקעלע מיט עסנוואַרג, וואָס זאָל טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פּרישטיק פאַרן פאָליציאַנט, לייג צו אַ בריוול, שרייב אויף דעם געגויען אַדרעס פון פּיש־לען, גיב איבער דעם פּאַראַל ביים אַנקלאַפּן אין זיין טיר און בעט צו ברענ־גען אונדז נאָך היינט אַן ענטפער.

די שעהן פון וואַרטן ציען זיך אָן אָ סוף. אַרום אַכט אַ זייגער בייגאַכט קומט זדאַנאָווי. ער ברענגט אַ בריוול פון פּישלען. מיר לייענען און לייענען און קאָנען אַ סך ווערטער נישט פאַרשטיין; האַלב פּויליש, האַלב יידיש. פונעם בריוול שלאָגט פרייד און צעטומלטקייט. עס רייסן זיך אַרויס ווער־טער: „ראַטעווע אייער פאַרמעגן און פאַרגעסט אויך נישט אין מיר; נעמט אַרויס אייער סחורה, וועל איך זיין פריי". ביים סוף איז געשריבן אויף פּויליש: „גאָט מיט אייך, מיינע ליבע". מיר הייבן אָן אויספרעגן זדאַנאָווין, ווי עס איז צוגעגאַנגען זיין באַזוך, מיר באַוואַרפן אים מיט קשיות. ער וואַרט ביז מיר באַרואיקן זיך און דערציילט פאָלגנדיקס: ער האָט לאַנג געקלאַפּט, ביז אַ האַלב משוגענער, האַלב נאַקעטער, גרויער ייד האָט גע־עפנט די טיר. דאָס איז געווען טאַקע פּישל. ווען זדאַנאָווי האָט אים דער־לאַנגט דאָס פּעקעלע עסן און געזאָגט, אַז דאָס איז פון אונדז, האָט פּישל זיך צעוויינט. ער האָט עפּעס געמורמלט צום סופּיט, געמורמלט און געוויינט. די אַרבעטער זענען דריי טעג געווען קאַשאַרירט אויף דער אַרישער זייט, אָבער איצט קומען זיי שוין ווידער צוריק נעכטיקן אין געטאָ. ווען זדאַנאָווי איז געווען ביי פּישלען, זענען זיינע שכנים נאָך געווען ביי דער אַרבעט. דער פאָליציאַנט רעדט קורץ, קאַלט און איראָניש. ווען כ'פרעג אים, צי ער וואָלט געקאָנט פּישלען אַרויספירן פון געטאָ, איבערגעטון אַלס אַן אַלטע פּוילישע שמוגלערקע, לאַכט ער און ענטפערט: „פאַר געלט קאָן מען אַלץ מאַכן, אָבער ער וועט דאָך אָפּשטאַרבן, איידער כ'וועל אים פון דאָרט אַרויס־נעמען".

ישראל, דערהערנדיק, אַז זדאַנאָווי קאָן אַרויספירן עמעצן פון געטאָ, כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט און זאָגט צו יעדן פּרייז פאַרן אַהערברענגען דעם פאָטער מיט דער שוועסטער פון קליינעם געטאָ. דער פאָליציאַנט קלערט אַ רגע, זאָגט צו אין אַ טאָג אַרום צו געבן ענטפער און פאַרלאָזט אונדז.

מיר לייענען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל פּישלס בריוו. איך דערמאָן זיך, אַז אין יאַבלאָנע־לעגיאָנאָווא וווינט אַ קריסטלעכע משפחה שוויאָב־

טעק, וואָס האָט יאָרן לאַנג געהאַנדלט מיט פישלען, געווען צו אים זייער פריינדלעך און צוגעבונדן. צומאָרגנס בעט איך סטאַכן, ער זאָל אַרויס־פאָרן קיין יאַבלאָנע, אָפּזוכן די שוויאָנטקעס און פרעגן, צי זיי ווילן ביי זיך אויסבאַהאַלטן פישל לובאַרט. סטאַך האָט נישט קיין חשק צו פאָרן. איך פרעג, צי עס לוינט זיך נישט אַ ביסל אָנצושטרענגען, כדי צו ראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן. ער בלייבט אַ רגע שטיין און קלערט.

— אוי, העלענאַ, העלענאַ — הייבט ער מיט די אַקסלען און פאַרלאָזט די שטוב.

נאָך אַנדערטהאַלבן שעה איז ער דאָ צוריק: פרוי מאַריאַננאַ שוויאָנ־טעק באַשטייט פישלען אַריינצונעמען, אָבער איר מאַן וויל אַפילו נישט הערן דערפון! ער זאָגט, אַז נאָר איין לעבן האָט ער פון גאָט באַקומען און וויל עס נישט לייכטזיניק פטרן.

איך שפרינג אויף, כאַפּ די פאַטשיילע און באַשליס צו פאָרן קיין יאַב־לאָננע. איך פיל, אַז מיר וועט עס יאָ געלינגען צו דערליידיקן. אָבער ישראל פאַרווערט מיר קאַטעגאָריש, ער האָט מורא, אַז איך וועל פאַרבלאָנדזשען. אים איז דער וועג באַקאַנט און טאָקע ער וועט פאָרן. מיין מוח אַרבעט שנעל: ס'איז בין־השמשות, ישראלס וואָנסעס, דער רויטער קראַוואַט, ברוי־נער הוט מאַכן אים אין גאַנצן ענלעך צו אַ פּאָלאַק און סוף־כל־סוף מוז ער דאָך אַרויס פון באַהעלטעניש — גוט, זאָל ער פאָרן. סטאַך בייזערט זיך און וואָרנט ישראלן, אַז עס לוינט נישט איינצושטעלן דאָס לעבן פאַר אַ נישט־זיכערן דערפאָלג. דאָך, אויף אונדזער פאַרלאַנג, גיט ער איבער גענויע פּרטים פון וועג און ישראל געזעגנט זיך מיט מיר, ווי ער וואָלט געפאָרן קיין אַמעריקע.

אין שטוב ווערט שטיל. מען הערט ווי אַ קאַץ מיאַוקעט אויפן הויף. פראַנעק, סטאַך און איך — רייכערן און שווייגן.

— זאָג מיר, פאַניע סטאַכו, פאַר וואָס שטעלסטו איין דאָס לעבן און פאַרנעמסט זיך מיט אונדז? — רייס איך איבער די שטילקייט.

ער ציט אַריין טיפער דעם רויך פון ציגאַרעט, טוט אַ לאַך מיט זיין אייגנאַרטיק, האַלב חיהש געלעכטער, לענגערט זיך אויס און, נישט קלערנ־דיק, ענטפערט ער ווילעריש:

„דער טייוול ווייסט עס! אָט, אַ מאָל גלוסט זיך אַפילו דעם קאָפּ איינצו־שטעלן! דאָס לעבן ווערט דעמאָלט אינטערעסאַנטער, היציקער, פאַרביקער. מיט פראַניאַן איז מיר לאַנגווייליק, ווי כ'וואָלט געגעסן טאָג נאָך טאָג, פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט — צעגאָסענע קעז־קליסקעס... און דאָ — גיט ער זיך מיט זיין ברייטער דלאָניע אַ קלאַפּ אינעם האַרץ־ברעטל — דאָ זיצן ווילדע כוחות און רייסן, ווי די קרייעס אויף דער ווייסל אין סוף ווינטער!

דערצו האָט מיר וולאַדעק אַ סך וועגן אייך דערציילט און געהייסן אַלץ טון, כדי אייך צו העלפֿן. און, אמת זאָגנדיק, האָב איך אייך ליב, איר זענט גוטע יידן, טאָ פֿאַר וואָס זשע זאָלן מיר נישט טאַנצן אויף דער טייוולאָ־נישער חתונה, וואָס אייער גאָט האָט אויסגעשדכנט צווישן שד און זיין אויסדערוויילט פֿאָלק, האַ?״.

איך באַמערק, אַז סטאַך איז שטאַרק אויפֿגערעגט און רעדט וואָס עס קומט אים אויף דער צונג, ווי ער וואָלט געוואָלט מיר ווי טון. ער האָט אין זיך צוויי, אָדער דריי נשמות און כ׳ווייס קיין מאָל נישט, וואָס עס קאָן אים איינפֿאַלן אין אַ שעה אַרום.

— און דו, פֿאַניע פֿראַנקו — ווענד איך זיך צום עלטערן ברודער — פֿאַר וואָס טוסטו אַזאַ נאַרישקייט?

אַ פֿאַרחלומטער שאָקלט ער אָפּ דאָס אַש פֿון ציגאַרעט, קלערט, קלערט, ווי ער וואָלט פֿאַרגעסן צו ענטפֿערן. נאָך אַ ווײַלע דערהערט זיך זיין שטיל, האַלב פֿאַרשלאָפֿן קול:

— אין דער הייליקער עוואַנגעליע שטייט געשריבן: „עס וועט קומען אַ צייט, ווען פֿאַרפֿאָלגטע וועלן זוכן אַ באַהעלטעניש אין דיין טויער, זאָלס־טו זיי נישט אויסגעבן״. אויך יעזוס האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיין ווי די קינדערלעך און דאָס אייביקע קעניגרייך וועט אונדז געגעבן ווערן. צו וואָס זשע אַריינקלערן, פּרוי העלענאַ, איך גיי מיטן וועג, מיט וועלכן גאָט פֿירט מיך און זאָל געהייליקט ווערן זיין נאָמען.

— פּרוי העלענאַ — רייסט איבער סטאַך — דו זעסט דען נישט, אַז פֿראַנעק איז אַ ביסל נישט דערבאַקן? אַפֿילו זיין פּנים איז ווי אַ האַלב רויע בולקע און דערצו איז זיין נשמה, אויף דער לינקער זייט, אַ ווייבערישע, לאָז צו רו, פֿרעג נישט! דאָס לעבן דאַרף מען נעמען און נישט פֿרעגן!

— ביסט באַטרונקען?! — קוקט פֿראַנעק מיט פֿאַרוווּנדערונג אויפֿן ברודער.

— אפֿשר יאָ — ענטפֿערט סטאַך און שטעלט זיך אויף — כ׳בין בייז אויף העלענאַן, וואָס זי האָט איר מאַן אַרויסגעשיקט, ווי אַ שעפּסל צו וועלף. גיך, איך וואָלט איצט, ווי אַ פּי־אַניצע, אָנגעהויבן אַ געשלעג!

ער באַוויזט קוים צו ענדיקן די ווערטער, ווי ס׳אַנטשטייט אַ פּאַניק אויף דער גאַס. צענדליקער פּיס לויפֿן און טופּען אויפֿן ברוק. מיר שפּרינ־גען צו צום פֿענצטער און קוקן זייטיק אַרויס פֿון הינטער דער פֿאָרהאַנג: פֿרויען און מענער באַהאַלטן זיך אין טויערן, געוועלבער, אָדער לויפֿן ווײַ־טער און ווייטער. ביז די גאַס ווערט ליידיק, שטיל, אָפּגעשטאָרבן. מיר באַמערקן אויף דער זייטיקער גאַס, וואָס גרענעצט זיך מיט דער שוו. יאַנסקע,

אַ גרופּע דייטשן מיט רעוואָלווערן אין די הענט. זיי פאַרהאַלטן און לעגי־טימיר'ן יעדן דורכגייער.

— זיי כאַפּן צו אַרבעט, די זונהשע זין — סיקעט סטאַך און זיין האַנט פאַרמאַכט זיך אין אַ סענקאַטער פּויסט.

איך בין ווי געליימט. ישראל זאָל נאָר איצט נישט אָנקומען! גאָט, נעם אים מיר נישט צו! ווו קאָן ער איצינד זיין? אפשר האָבן זיי אים גע־כאַפּט? איך מאַך מיר שרעקלעכע פאַרווורפן, רייכער איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן, לויף אַלע מאָל צו צום פענצטער. דאָס האַרץ צאַפּלט אַזוי מוראדיק!

סטאַך ציט אַרויף זיין קאַשקעט אויפן קאָפּ און, אַ צעררייצטער, ברומט ער אין מיין זייט:

„איך גיי אַפּזוכן יאַנעקן" (זינט מיר האָבן דערהאַלטן די מעטריקעס, רופט מען ישראלן — „יאַנעק").

איך הער סטאַכס טריט אויף דער אויסגעליידיקטער גאַס. פּראַנעק פאַרעט זיך ביים אָווגטברויט. איך ברעך די פינגער און שווייג. אַ טעמפּע בייזקייט אויף זיך אַליין שטיקט מיך. דער געדאַנק וועגן פישלען צעשווימט ווי רויך. איין פאַרלאַנג באַהערשט מיך: ישראל, ישראל, זאָל ער אַהיימ־קומען!

ס'איז שוין האַלב אַכט דער זייגער. ס'איז שוין אַכט! ביז האַלב ניין מעג מען זיך באַוועגן אויף דער גאַס. ביז איצט האָבן זיך די ווייזערס גע־רוקט פאַמעלעך און דווקא איצינד, ווען כ'וויל זיי זאָלן בלייבן שטיין, לויפן זיי. ס'איז שוין פופצן נאָך אַכט, האַלב ניין!.. גאָט אין הימל, שטראָף מיך נישט מער!

עס רוישט מיר אין קאָפּ, פּשוט משוגע צו ווערן. איך שטעל זיך פאַר דאָס שוידערלעכסטע און פּלוצלינג — מ'קלאַפּט מיטן פאַראַל־צייכן. איך שפּרינג צו צו דער טיר. ישראל! טייערער! געלויבט איז גאָט!

— האָסטו באַגעגנט סטאַכן?

— ניין.

— אין יאַבלאָנגע האָסטו נישט באַוויזן צו זיין?

— יאָ געווען, זיי באַשטייען.

.11

היינט, דעם 17־טן סעפּטעמבער, איז געקומען זדאַנאָווי און מודיע גע־ווען, אַז ער באַקומט 15 טעג אורלויב און מאָרגן, אין זיין לעצטן אַרבעטס־טאָג, קאָן ער אַרויספירן פישלען פון געטאָ. ער וויל דערפאַר 500 זלאָטעס. איך בין גלייך מסכים. ישראל בלייבט שטיין אַ פאַרגליווערטער, אַ פאַר־

צווייפלטער און טוט מיך אַ פרעג: „און דער טאַטע? וואָס וועט זיין מיטן טאַטן, מיט דער שוועסטער? איבערלאָזן זיי אויף הפקר ביז זדאַנאָווי וועט צוריקקומען פון אורלויב? טאָמער וועט מיט זיי עפּעס געשען?". איך שלאָג פאָר זדאַנאָווין, ער זאָל מאָרגן אַרויסנעמען פון געטאָ ביידע מענער און מיר זענען גרייט צו באַצאָלן יעדן פּרייז, אַפילו דער סכום זאָל אויסזען פאַנטאַסטיש, אָבער זדאַנאָווי וויל דערפון נישט הערן. ער טענהט, אַז צום אַריינגיין אין געטאָ מוז ער באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש און אין איין טאָג צו באַזוכן ביידע געטאָס איז פאַר אים אוממעגלעך. ער וויל נישט איינשטעלן דעם קאָפּ. ניין, ער וועט דאָס נישט טון. אַפילו פאַר אַ מיליאָן זלאָטעס! מוזן מיר דערום שנעל דעצידירן: אָדער אַרויספירן פישלען פונעם גרויסן געטאָ, אָדער דעם פאָטער פון קליינעם.

איך שטיי אַ פאַרקלעמטע און שווייג. ישראל באַשליסט, אַז זדאַנאָווי וועט קודם־כל ברענגען צו פירן זיין פאָטער און אין צווישנצייט וועט אפשר אונטערקומען אַ געלעגנהייט אויך פישלען אַרויסצוראַטעווען. אַ געפיל פון אומרעכט צעוואַקסט זיך אין מיר: פישל איז פאַר מיר אַזוי ווי אַ טאַטע, דער איינציק פאַרבליבענער פון מיין גאַנצער משפחה. כ׳האָב אים ליב, ער איז מיר איבערגעגעבן ביז צום זיך מקריב זיין פאַר מיר. איך בין צעטומלט.

ישראל באַמערקט מיין אינערלעכן קאַמף. ער נעמט מיך אַרום און בעט: „חיהלע, דאָס איז דאָך מיין טאַטע, אויב כ׳וועל אים פאַרלאָזן, וועל איך מיך אויפן גאַנצן לעבן נישט באַפרייען פון געוויסן־ביסן. איך ווייס, ווי שווער עס איז דיר איצט, אָבער טרעט אָפּ. איך בעט דיך, טרעט אָפּ. פישל איז דאָך נאָר אַ קוזין און אַפילו על פּי דין וואָלט מען געפּסקנט, אַז דאָס ערשטע דאַרף מען ראַטעווען אַ פאָטער".

איך באַהאַלט דאָס פּנים אין שויס און וויל נישט זען, ווי ישראל שרייבט אויף דעם אַדרעס פון זיין פאָטער, ווי ער פאַרפּאַקט אַ פּעקל עסנוואַרג פאַר דער שוועסטער, וואָס וועט נאָך בלייבן ציטווייליק אין געטאָ, ביז מיר וועלן געפינען אַ מעגלעכקייט זי אַרויסצונעמען פון דאָרט.

— ווו אַהין וועסטו נעמען דעם טאַטן? — פרעג איך.

ישראל בלייבט שטיין אַ צעטומלטער. אמת ער האָט דאָך טאַקע נישט צוגעגרייט קיין אָרט. איך שלאָג פאָר, אַז זדאַנאָווי זאָל ס׳ערשטע אַרויס־פירן די שוועסטער. אויב סענטימענטן שפּילן נישט קיין ראָל — האָט זי מער רעכט ווי ביידע מענער: זי איז יונג און האָט פון איר לעבן נישט פיל גענאָסן. איך גלייב, אַז זאָשקאַ וועט מיר נישט אָפּזאָגן און זי אַריינגעמען צו זיך אויף אַ קורצער צייט, ביז מיר וועלן זיך דערפילן קרעפטיקער און געפינען אַ צווייטן פּלאַץ. ישראלן ציט מער צום פאָטער, ווי צו דער שוועס־

טער, דאַך נעמט ער אָן מיין פאָרשלאַג. איך גיי מיט זדאַנאָווין צו זאָשקאַן, וואָס וווינט מיט אים אין שכנות, אין דעם זעלבן הויז.

זאָשקאָס דירה באַשטייט פון איין שמאָל און לאַנג שטיבל, אין וועלכן עס געפינט זיך אויך די קיך צום קאָכן. ביי דער לינקער וואַנט שטייט אַ טישל מיט דריי שטולן, דאָס קינדער־בעטל און דאָס בעט פונעם פאָר־פאָלק. אין דער רעכטער זייט — אַ מלבושים־שאַנק, אַ פּאָליצע מיט כלים, אונטער דער פּאָליצע — אַ באַנק מיט אַ שיסל און אַן עמער וואַסער. די קיך פאַרנעמט דאָס גאַנצע ווינקל ביי דער טיר. דער איינציקער פרייער פּלאַץ איז לענגאויס פונעם אַריינגאַנג ביז צום פענצטער, ווו עס קאָנען קוים שטיין צוויי מענטשן אין דער ברייט.

זאָשקע קאָרמעט איר יינגעלע. אין קורצע ווערטער גיב איך איבער וועגן ציל פון מיין באַזוך. איך שלאָג פאָר טויזנט זלאָטעס אַ חודש בלויז פאַרן ווינפלאַץ, כ׳שילדער אין העלע פאַרבן ישראלס שוועסטער, כ׳פאַרזי־כער, אַז דעם איינציקן פריינד וועט זי האָבן אין דעם ייִדישן מיידל און דערצו וועט יענע איר פירן די ווירטשאַפט, קאָכן, רוימען, נייען, דערציען דאָס קינד און אין אַלעם זיין בייהילפיק.

— ווו וועט זי שלאָפן ? — פרעגט זאָשקאַ.

— אויף דער פּאָדלאָגע, אויף אַ שעניק מיט שטרוי — ענטפער איך שנעל.

— איז זי אַ שיינע ? האָט זי ליב צו פלירטעווען ? — דערהער איך ווידער.

איך פאַרשטיי מאָמענטאַל אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— זאָשאַ, זיי רואיק! זי דערגרייכט נישט צו דיינע פיס! זי איז אַ פלעגמאַטיש, דורכשניטלעך און פרימיטיוו מיידל! אויסערלעך — וועסטו שוין אַליין זען!

— וויעסלאַוו וועט באַלד אָנקומען. אויב ער וועט מסכים זיין, בין איך אויך איינשטימיק. אָבער איין באַדינג: זי מוז האָבן אַ דאָקומענט, כדי מיר זאָלן זי קאָנען גלייך איינמעלדן.

איך קלער נישט קיין רגע, נעם אַרויס פונעם בייטל די מעטריקע, וועלכע דאַנקאַ האָט פאַר מיר געשיקט און דערלאַנג זי זאָשקאַן. זי לייענט: „יאַדוויגאַ פּוכאַלסקאַ, געבוירן אין יאָר...

עס מאַכט זיך ברייט אויף די טיר און עס קומט אַריין אַ בילד־שיינער מאַן. אַ הויכער, שלאַנקער, מיט אַ בלאָנדע טשופּרינע איבערן צעשטראַלטן, זאָרגלאָזן פנים. זיינע פרייע באַוועגונגען זענען, ווי אַן אָפּשיין פון אַ צעהור־ליעט געמיט. מיט זיין באַווייזן זיך צעטרייבט ער די שאָטנס אין שטיבל און עס ווערט מיט אַ מאָל עפּעס ליכטיקער, פריילעכער.

„מיין מאַן — פרוי העלענאַ״ — שטעלט אונדז זאַשקאַ פאָר. אַ כוואַליע מיט פריינדשאַפט און היימישקייט שטראָמט צו מיר, ווי מיר וואָלטן זיך געקענט אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. זאַשאַ וואַשט דאָס קינד. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איבער די קינדערישע פּיסלעך, וועלכע זי באַזייפט — דערציילט זי וויעסלאַוון וועגן מיין פאַרשלאַג.

— איז זי אַ שיינע? — גיט ער מיך שטיל אַ פרעג. איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ. דאָס גאַנגאַטשען פּונעם קליינעם וויעשיאָ פאַרשלינגט זיין פאָטערס פראַגע.

— איך מיין, מאַטושקאַ — זאָגט ער מיט אַ לויטער קול — אַז מען קען פּרובירן. מיר וועלן זי איינמעלדן אַלס דינסט־מיידל און אויב עס וועט אפילו פאַלן אַ חשד, זענען מיר אין גאַנצן אין אָרדענונג.

וויעסלאַוו קאָן, ווייזט אויס, דאָס לעבן פאַרמירן מיט אַ זעלטענער לייכט־קייט און פאַרשלאָפּט נישט דערצו יעדע „גינסטיקע געלעגנהייט״. עפּעס שרעקט מיך, ווי אַ קאַלטע האַנט וואָלט אין דער פינצטער אָנגערירט מיין שטערן. עס דערנידעריקט מיך אויף מיין טאָפּעלע ראָלע, וואָס איך האָב איצט אָפּגעשפּילט. ס׳איז אָבער זיכער, אַז אַנדערש וואָלט איך גאָרנישט דערגרייכט. די דעמאָראַליזאַציע גנבעט זיך אַריין און קוועלט ווי אַ דאָרן אין פיס. אָבער אַזאַ קלייניקייט ווערט אויטאָמאַטיש אָפּגערוקט אין אַ זייט. זאָל קוועטשן, זאָל ווײ טאָן אָבי נענטער צום ציל, אָבי ראַטעווען אַ מענטש.

דאָס קינד ליגט אין בעטל, זאַשקאַ קוקט אויף איר מאַן מיט איבערגע־געבנקייט, ליבשאַפט און אונטערטעניקייט. ווען ער באַמערקט איר ווייכן בליק, שטעלן זיך ביי אים אויף די באַזלעכער, ווי ביי אַ פערד פאַרן געיעג.

ביים געזעגענען זיך, כאַפּ איך אַרום זאַשקאַן און מיר צעקושן זיך. זי פאַרבעט מיך מיט מיין מאַן אויף מאָרגן אָוונט צום באַגעגענען זיך מיט יאַדוויגאַן. איך לויף „אַהיים״, ישראל וועט זיך שטאַרק פרייען פון דער „דערגרייכונג״.

איבער די כמעט פּוסטע, שטילע גאַסן שאַרן זיך שאָטנס. אַלץ איז ווי אין אַ חלום. די ערד עטעמט מיט שרעק. איינצלנע דורכגייער פאַרשווינדן שנעל. עס דאַכט זיך מיר, אַז מען יאָגט מיך, מען רינגלט מיך אַרום און איך וועל נישט באַוויזן אָנצוקומען צו ישראלן.

עס גייט מיך נאָך וויעסלאַווס געלעכטער ווי אַ צעברויזטער מדבר־ווינט. זאַשקאַס קוש אויף מיינע ליפּן ברענט מיט תרעומות, פּרעסט זיך איין מיט אַ פלעק אויפן געוויסן. אָבער אַלץ פאַרשווינדט מיטן אויפטויכן פון פישלס פּנים, וואָס בעט זיך: ראַטעווע מיך״!

ביים דערנענטערן זיך צו דער בריק, וועקן מיך אויף פון די מחשבות דייטשישע קולות: היהשע, ווילדע, מוראדיקע. איך בלייב אַ רגע נישט־

דעצידירט: אומקערן זיך אַדער גיין ווייטער? אַ הילכיקער קנאַל פון אַ שאָס צערייסט די שטילקייט. עס באַפאַלט מיך אַ שרעק און ווי מיט אַ פייערדיקער בייטש געשמיסן — לויף איך פאָרויס.

אויף דער בריק — אַ שוואַרצע מאַסע יידישע אַרבעטער. נאָך אַן אַרבעטס־טאָג טרייבן די דייטשן זיי צוריק אין געטאָ אַריין. איך דערקען, אַז דאָס איז די גרופּע צו וועלכער ישראל פלעגט געהערן...

אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַמעריע — גייען זיי מידע, איינגעהויקערטע, צוזאַמענגעפּרעסט אין אַ באַוועגלעכן פּירעק, וואָס דערווייטערט זיך און צעשווימט אין דער פינצטערניש. נאָר איינער איז געבליבן ליגן אין מיטן וועג ווי אַן אָפּגענוצטע, איבעריקע שמאַטע... דורכגייער קוקן זיך נישט אום. אויך איך וויל זיין וואָס ווייטער פון דעם אָרט, וווּ עס ליגט מיין פאַרפייניקטער, אויסגעלייזטער ברודער...

אין מיינע טריט און אין מוח קלאַפּט אָפּ אַ קראַקען פון צעשריגענע קראָען, וואָס פליען זיך צונויף פון אַלע עקן שטאָט און פלאַטערן מיט שוואַרצע פליגל און בלוטיקע שנאָבלען איבער מיין קאָפּ — — —

ישראל וואַרט מיך אודאי אָפּ מיט אומגעדולד. יעדעס מאָל, ווען איינער פון אונדז פאַרלאָזט דאָס באַהעלטעניש, פאַלט אַ פּחד אויפן איבערגעבליבענעם. די צייט ציט זיך דעמאָלט פונאַנדער ווי גומי און האַלט אין שפּאַן דאָס צעשראָקענע האַרץ.

.12

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר דריי מאָל. די ערשטע איז אַריינגעקומען פּראַניאַ, נאָך איר — אסתר!!

מיר כאַפּן זיך נישט אַרום. יובלען נישט, נאָר שטייען איינע אַנטקעגן דער צווייטער, האַלטן זיך ביי די הענט און וויינען שטיל. וויינען, ווי נאָך אַ לויה פון אַלע טייערסטע, אַלע נאָענטסטע. אסתר איז בלאַס און צאַרט.

פּראַניאַ דערמאָנט זיך, אַז זי האָט נישט קיין צייט און גייט אַוועק. ישראל שטעלט די ערשטע פראַגע: „וווּ זענען אַלע?"

אסתר טוט אויס איר גרין היטעלע, אַ באַשלייערטס מיט אַ וואַל, באַפרייט זיך פונעם מאַנטל מיטן בלוי־פוקס, וואָס שטרייכט אונטער איר אַרישן אויסזען, און ווען מיר זיצן שוין אַלע דריי ביים טיש, דערציילט זי אין קורצע, אָרעמע ווערטער די געשיכטע, וואָס איז מיר אַזוי באַקאַנט און דאָך אַזוי אומפאַרשטענדלעך, אַזוי שווער צו באַגרייפן.

דעם 16־טן, אייערנעכטן פאַר טאָג, זענען אָנגעקומען קיין סטאַצק אַ סך לאַסטאויטאָס מיט זשאַנדאַרמעריע און אויך הונדערטער פּוילישע פּאָליציאַנטן. באַלד איז דאָס שטעטל אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ געדיכטן קאָרדאָן,

ווי מיט אַ פייערדיקער רייף. א בהלה, אַ מהומה כאַפּט אַרום אַלע יידן. ווי פאַרסמטע לויפן זיי איבער די גאַסן, שלעפן זעק סחורות, זייער גאַנץ האָב און גוטס און באַהאַלטן עס ביי באַקאַנטע פּאָליאַקן, וועלכע ווערן אין משך פון אַ פּאָר שעה באַגליקט.

טייל יידן וואָס ווילן זיך אַרויסבאַקומען פון שטעטל — פאַלן פון דייטשישע קוילן. דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם יודן־ראַט, באַפעלן די דייטשן אַלע יידישע איינוווינער זיך צוגרייטן צום אָפּמאַרשירן אין אַ שכנותדיק שטעטל, וווּ זיי וועלן צוזאַמען מיט אַלע יידן פון דער אַרומיקער געגנט קאָנצענטרירט ווערן אין אַ געטאָ. יעדער מעג מיט זיך מיטנעמען זיינע ווערטפולע זאַכן און אויך דאָס, וואָס ער איז אומשטאַנד צו דערשלעפּן.

אינעם שטעטל ראָיעט, ווי אין אַ נעסט פון מוראַשקעס. אַ געיאָמער, אַ געוויין טראָגט זיך פון אַלע גאַסן, פון יעדן הויף, פון יעדער שטוב.

עטלעכע פויערישע פורלעך, וואָס געפינען זיך אין מאַרק, ווערן באַלאַ־גערט פון קראַנקע, אַלטע לייט, שוואַנגערע פרויען און קאַליקעס. שטופּנדיק זיך איינער איבערן אַנדערן, שטרעקן זיי אויס די הענט מיט פּעקלעך באַנק־נאָטן, אָבער אַ נייער באַפעל, אַז אַלע אָן אויסנאַם מוזן זיך שטעלן אין די רייען — טרייבט זיי פונאַנדער. אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון דעם „יודנ־ראַט" איז דערלויבט אויפצולאָדענען זאַכן — וואַקסן שנעל אויס אויף די פויערישע וועגעלעך האַרבאַטע בערג. אויך אסתרן איז געלונגען פאַר אַ הויכן פּרייז, אַרויפצולייגן אַ פּעקל בעטגעוואַנט מיט מלבושים. גוט וואָס זי האָט מיט אַ צייט צוריק איבערגעטראָגן צו דער פרוי נענצקאַ אַ טייל פון איר סחורה, אויך אויסלענדישע וואַלוטע. די נענצקאַ איז אַ גוטבאַזיצערין אינעם דערפל זגערניצע, וואָס געפינט זיך ביים ראַנד פון סטאָצק.

יעקב מאיר, אסתרס ברודער, באַהאַלט אין קעלער די רעשט סחורות, וועש, באַגראָבט דאָס גאַנצע זילבערוואַרג און פאַרשליסט דעם קעלער אויף אַ שלאָס....

ווען אַלץ איז פאַרטיק, די רוקזעק פאַרפּאַקט, דאָס קינד אָנגעטון אין יום־טובדיקע בגדימלעך, באַפאַלט זיי פּלוצלינג אַ שרעק: וואָס וועט זיין מיט דער מאַמען? זי האָט דאָך קראַנקע פיס, ווי אַזוי וועט זי דערגיין, אויב אַפילו אין שטוב איז איר שווער צו שטעלן אַ טראָט?!

יעקב מאיר באַשליסט צו פירן די מוטער אויף זיין ראָווער, אפשר וועלן די דייטשן נישט באַמערקן דאָס „פאַרברעכן".

אסתר פאַרשטעלט דעם וועלאָסיפּעד — פון איין זייט און שרה, יעקב מאירס ווייב מיטן קינד — פון דער צווייטער זייט. די מוטער מיטן זון — אין דער מיט. פון יעקב מאירס שטערן רינען טראָפּנס שווייס. געלויבט איז גאָט, זיי שטייען שוין אין דער ריי....

אויף אַ ווייס פערד אין מיטן מאַרק — דער דייטשישער קאָמענדאַנט. חנטשע רובינשטיין, וועלכע קען אים צופעליק, לויפט צו אים צו, פאַרברעכט די הענט און וויינט. ער באַרואיקט זי און שווערט ביי זיין „ערנוואָרט", אַז די יידן וועט גאָרנישט געשען, מען פירט זיי נאָר קיין פּאַריסאָוו, וווּ זיי וועלן באַקומען אַרבעט און וווינונגען...

צווישן די יידן — אַן אַנטשפּאַנונג: דער קאָמענדאַנט אַליין האָט געשוווירן.... די רייען ווערן וואָס אַ מאָל לענגער און לענגער. משפּחות מיט קינדערלעך, פרויען מיט נאָר וואָס געבוירענע שוועלבעלעך,קראַנקע, אַלטע לייט — אַלע שטעלן זיך אויס צו פיר אין דער ריי. די פאַרלאָזטע הייזער ווערן פּלוצלינג אַזוי טייער, אַזוי אומגעהייער טייער!

אַ שוואַרצער טייך מענטשן פליסט אָפּ פון שטעטל, ווי די יידן וואָלטן געגאַנגען אויף זייער אייגענער לויה. די פורלעך מיט זאַכן פאָרן נאָך. פוןביידע זייטן וועג — פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרן מיט ביקסן אין די הענט. טרויעריק קלאַפּט אָפּ דאָס ווידערקול פון טויזנטער פיס אויפן בריקל הינ־טער דער שטאָט...

די מוטער בעט אסתרן זי זאָל אַנטלויפן. זי דערמאָנט וועגן דער יינגע־רער טאָכטער אין רוסלאַנד, וועגן מיר, רעדט קלוג, רואיק, ווי ס׳איז גע־ווען איר שטייגער.

ביי די זייטן פון שאָסיי וואַקסן ווערבעס. אויף איין אָרט, וווּ די צווייגן הענגען אַראָפּ ביז צו דער ערד — באַהאַלט זיך אסתר. זי באַוויזט נישט צו געזעגענען זיך מיט דער מאַמען. ווען אַרום און אַרום ווערט שטיל — קריכט זי אַרויס פון באַהעלטעניש.

ווייט, ווייט וויגט זיך אויפן שאָסיי, אין אַ וואָלקן־שטויב, אַ שוואַרצער פלעק... פּלוצלינג צערייסט די לופט אַ שאָס, באַלד דערהערט זיך נאָך איי־נער און נאָך איינער. אסתר לויפט אַריין אין ערשטן פּויערישן הייזל און בעט מען זאָל איר דערלויבן אַ האַלבע שעה איבערצוואַרטן. דער פּויער מיט אַ האַק אין דער האַנט טרייבט זי אַרויס. ווען זי שטייט ביים טירל, פאָרט פאַרביי מיט אַ בליץ־שנעלקייט אַן אויטאָ מיט דייטשן.

זי באַשליסט אויסצומיידן דעם שאָסיי און גיין דורכן פעלד. איר ציל איז אָנצוקומען צו דער נענצקאַ. ווי אַ געליימטע שלעפּט זי די פיס אינעם זומפּיקן פעלד. קוים ציט זי איינעם אַרויס, זינקט דער צווייטער איין אין דער ליימיקער בלאָטע. בייזע געדאַנקען באַפאַלן זי ווי היישעריקן. וועמען האָבן די מערדער דערשאָסן? אפשר איר מוטער מיטן ברודער? און אפשר האָט זיך וועלכער ייד, ווי זי, באַהאַלטן אין אַ ראָוו און זיי האָבן אים באַ־מערקט? דער וועג ציט זיך אָן אַ סוף. זי שטייט אָפּ. די פיס טראָגן נישט מער. ענדלעך קומט זי אָן צו דער וואַסער־מיל. אַ פאַרחלשטע, שמוציקע,

אַנגעזאַפּט מיט געוויסן־ביסן צוליבן שיידן זיך מיט די נאָענטסטע און אַ נישט זיכערע צי מען וועט זי נישט כאַפּן און דערשיסן — קלאַפּט זי אָן אין דער טיר פונעם מילנער סטאַלאַרסקי. די מילנערין, אסתּרס אַ קונהטע, עפנט און דערשרעקט זיך. דאָך ציט זי זי שנעל אַריין צו זיך און דערציילט איר, אין איין אָטעם, גרויליקע מעשׂיות, אַז איבער דער וואַנט, אין צווייטן צימער געפינען זיך דייטשן פון דער „רוימונגס־קאָמאַנדאָ" און כאַטש זיי טרינקען און שפּילן מיט איר מאַן אין קאָרטן דאָך איז אסתּר אין אַ סכּנה, ווייל יעדע רגע קאָנען זיי אַריינקומען; זיי פילן זיך אין איר הויז היימיש, איז בעסער אסתּר זאָל פון דאַנען אַנטלויפן.

מיט טרערן אין די אויגן בעט אסתּר ביי דער מילנערין אַ דערלויבעניש איבערצוּוואַרטן ביז עס וועט ווערן טונקל, ביז זי וועט קאָנען אַוועקגיין צו דער נענצקאַ. די סטאַלאַרסקאַ קלערט אַ רגע און איז מסכּים. זי זאָגט אַפילו צו אַריינצוּברענגען אַ שיסל וואַסער. ביים אַרויסגיין פאַרשליסט זי די טיר...

אסתּרן באַפאַלט אַ פּחד. פאַר וואָס האָט די מילנערין זי פאַרשלאָסן? עס דערגייען דייטשישע שטימען, געלעכטערס, פּרעכע, האַלב־שיכּורע קולות, געזאַנגען. זיי דערנענטערן זיך. באַלד וועט זיך דערהערן אַ סקריפּ פונעם שליסל... מערדערישע אויגן וועלן זיך אין איר איינקוקן און אַ הייסע, צע־גליטע קויל וועט צעשמעטערן דעם קאָפּ!.. אַנטלויפן! אַנטלויפן פון דאַנען וואָס שנעלער! דער דאָזיקער געדאַנק באַהערשט זי מיט אַ ווילדן כּוח. אויף די שפּיץ פינגער גנבעט זי זיך אונטער צום פענצטער, דעם איינציקן אַרויסגאַנג פון דער פאַרשפּאַרטער שטוב. שטיל מאַכט זי אויף דעם ריגל, לענט אָפּ אַ האַלב פענצטער און דערהערט אַ פויעריש קול האַרט ביי דער וואַנט:

„איך זאָג דיר, קומיע, אַז מיין פּשוטער שׂכל קאָן נישט באַגרייפן דאָס אַלץ, וואָס די דייטשן פּראַוועון מיט די יידן. ווען כ'בין איצט געפאָרן מיט קאָרן אין מיל אַריין, איז מיך באַפאַלן אַן אימה: אַלע פאָר מעטער ליגט אויפן שאָסיי אַ דערשאָסענער ייד. דאָס פערד האָט זיך מיר אַזוי געפלאָ־שעט, אַז שיער, שיער האָט עס נישט איבערגעדרייט דעם וואָגן!".

„דיין פערד שטאַמט אפשר פון יידן — ענטפערט אַ צווייט קול, — חיות האָבן אויך אַ נשמה. הער, ווי די הינט וואָיען! זיי פילן די קאַסטוכע"...

אסתּר, וואָס די געדאַנקען אירע זענען העט ווייט צווישן די דערשאָ־סענע, הערט נישט ווי די טיר מאַכט זיך אויף און עס קומט אַריין די מילנערין.

„די דייטשן פאַרלאָזן באַלד מיין הויז — זאָגט זי אַ צופרידענע — און דעמאָלט וועסטו מיט מער זיכערקייט קאָנען גיין ווייטער".

ווען ס'איז געוואָרן טונקל איז אסתר אַריבער צו דער נענצקאַ. די פּוילישע פרוי האָט זי אויפגענומען מיט אַ געוויסן רעזערוו און געוואָלט וואָס שנעלער פּטור ווערן פון דעם ניַישט־געוואונטשענעם גאַסט. נאָך אַ מעת־לעת פון פיַינלעכן אויסבאַהאַלטן זיך, פאָרט אסתר אַן אויסגעפּוצטע, אין אַ פאַרמאַכטער קאָטש קיין וואַרשע צו סטאַכן.

„דיַינע בריוו, ווי אויך דער געדאַנק, אַז כ'וועל נישט בליַיבן אַליין – האָבן מיר צוגעגעבן מוט" — פאַרענדיקט אסתר איר טרויעריקע דערציילונג

איך האָב חשק אַרומצונעמען איר פּנים, גלעטן איר מידן קאָפּ, צוטוליען זי צו מיר, אָבער כ'באַהערש זיך: מיר מוזן זיַין קאַלט, רואיק און באַרעכנט.

פראַנעק קומט אָן. איך באַמערק, אַז אסתר געפעלט אים גאָר שטאַרק. ער ווערט ריטערלעך, נאָך העפלעכער ווי שטענדיק און שפּילט אויס אַלע גאַמען פון זיַין גאַסטפריַינדלעכקייט.

דער איינציקער, צו וועמען כ'האָב אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי — איז ער, פראַנעק. סטאַך דערוועקט אין מיר טייל מאָל אַ חשד... זיַין נאַטור איז אַ צעברויזטע, אַ ווילדע, אָפט מאָל פעלט אים אויס געדולד. אַפילו זיַין שילדערן, ווי אַזוי ער האָט אין דאָרף געשלאַכטעט אַ חזיר, באַאומרואיקט מיך. אָבער ווען מען טרינקט זיך — פרעגט מען נישט קיין קשיות, יעדעס צווייגל איז ווי אַ רעטונגס־ברעט. אַבי זיך צו דערהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך, אַבי נישט איַינזינקען.

מיט שוואַרצע שאָטנס שאַרט זיך אַריַין דער אָוונט — אונדזער פאַרבינדעטער. ישראל און איך גייען צו זאָשקאַן אָפּוואַרטן יאַדוויגאַן; אסתר — צו די סטאַכעס. וואָס פינצטערער ס'איז די נאַכט, אַלץ זיכערער פילן מיר זיך אויף דער גאַס. אין פאַרוואָלקנטע רעגנטעג און געוויטערן — געפינען מיר שוץ.

מיר גייען צו פוס. דער וועג איז אונדז גוט באַקאַנט. אָט איז דער שלאָס־פּלאַץ מיטן הויכן „זיגמונט־מאָנומענט", וואָס רייסט זיך אַריַין איינעם שוואַרצן הימל ווי אַן איינזאַמע תפילה פון אַ פרומען ייד. אָט שפּרייזן מיר אויף דער לאַנגער קערבעדזש־בריק, וווּ עס שוועבט נאָך דער קאָשמאַר פון מיין נעכטיקער איבערלעבונג. פון אונטן רייסט, רוישט און שוימט די ווייסל עקשנותדיק, ווי אין געראַנגל מיטן אייגענעם גורל. דער ווינט הוליעט איבערן פרייען שטח, קלאַפּט אין די אייזערנע שטאַנגען, וואָס זעען אויס אין דער פינצטער מיט זייער בויגן־פאָרם ווי צענדלינגער פאַרבראָכענע הענט. אַן אומבאַגרייפלעכער פּחד באַגלייט אונדזערע טריט. מינוטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז ביי די אַקסלען שלעפּן זיך מיר נאָך פליגל, שווערע, באַלאַסטיקטע מיט ליידן און פּיַין, און דעריבער קאָנען זיי מיך נישט דערהייבן און אַוועקפירן אַהין, וווּ עס אָטעמט מיט פריַיהייט און רו.

13.

זדאַנאָווי האָט אַרויסגעפירט יאַדוויגען פון געטאָ אָן שטערונגען. דעם טאַטן האָט ער איבערגעלאָזט דאָס פון ישראלן געשיקטע געלט און אַ שפּאָר ביסל עסנוואַרג.

יאַדוויגאַ איז גליקלעך מיט איר אומגעריכטער „פרייהייט". איך אַנאַליזיר איר אויסזען אַלס פּאָלקע און בין נישט שטאַרק צופרידן: אַ ספּעציפיש סעמיטישער טיפּ. שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן, אַ טונקעלע הויט. דאָס איינציקע נישט טיפּיש יידישע בײַ איר זענען די דינע ליפּן און די גריכישע נאָז. מעגלעך, אַז ווען יאַדוויגאַ וואָלט נישט געווען אַזוי אויסגעדאַרט, וואָלט איר פּנים באַקומען ווייכערע ליניעס און פאַרלוירן דעם בייזן און אָנגעשפּיצטן געטאָ־אויסזען. איך האָף, אַז אין משך פון אַ קורצער צייט, ווען זי וועט קומען צו זיך און זיך איינלעבן אין דער נייער אַטמאָספער, וועט זי ביסלעכווייז ווערן „גויִיש".

פון אַ זייט פאָלג איך נאָך די רעאַקציע פון די שטוב־מענטשן און באַמערק, אַז וויעסלאַוו איז פאַרזויערט, אויפגערעגט און אומצופרידן. ער זיצט אויפן בעט, רייכערט און שווייגט. ווען דער קליינער יונג פרעגט אים עפּעס — בייזערט ער זיך און שרייט. אויך מיט מיר איז ער כמעט ברוגז.

זאָשקאַ שטעלט אַרויף אויפן טיש כוסות, אַ פלאַש בראָנפן, צעשניידט ברויט מיט וווּרשט, פאָרעט זיך. זי כאַפּט אַ שמועס מיט זדאַנאָווין, פרעגט אונדז וועגן פראַנעקן, שטעלט פראַגן יאַדוויגאַן און פאַרבעט אַלע צום טיש.

זדאַנאָווי איז אין אַ געהויבענער שטימונג. יאַדוויגאַ דערציילט וועגן דער לאַגע אין קליינעם געטאָ. אין די לעצטע טעג איז דאָרט אַ ביסל רואיקער. גוישע הענדלערקעס קויפן איבער די וואַנט, טוישן אויס בײַ יידן עסנוואַרג אויף סחורות, אָדער חפצים, אַזוי אַז דער טאַטע הונגערט נישט דערווייל און אין פאַל פון אַ „בלאָקאַדע" האָט ער אַ זיכער באַהעלטעניש. די ידיעה באַרואיקט אונדז. איך נוץ אויס אַלע מיינע פעאיקייטן, כדי משפּיע צו זיין אויף זדאַנאָווין, וואָס איז אַזוי בגילופין פון היינטיקן דערפאָלג — ער זאָל אַרויספירן פישלען פון גרויסן געטאָ, ווו אַ חוץ אַלע אַנדערע סכּנות, דראָט אים אַ הונגער־טויט. כ'וויל דערוועקן אַ פונק פון געפיל בײַם פּאָליציאַנט און דערצייל אים, וואָס פישל האָט אַלץ געטון פאַר מיר יאָרן־לאַנג, ווען כ'בין געווען איינזאַם און אומבאַהאָלפן, ווי אַזוי ער האָט באַאיינפלוסט זיין פרוי מיט די קינדער, זיי זאָלן מיך אַרומנעמען מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט. איצט שטייט פישל איין טריט פאַרן טויט. עס איז גענוג אויסצושטרעקן די האַנט, כדי אים צו ראַטעווען.

זדאַנאָווי רייבט זיך דאָס לינקע אויער און געגעצט. מיינע רייד לאַנג־ווייליקן אים.

— וויפל וועל איך באַקומען? — גיט ער אַ פרעג.

— וויפל פאַרלאַנגסטו, פּאַניע זדאַנאָווי?

— 800.

— מסכים!

ובכן מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן וועט ער פּישלען, אָן איבערגעטועגעם אין פרויען־קליידער, איבערשמוגלען קיין יאַבלאָננע. ער זאָגט אויך צו אין קורצן צו ברענגען דעם טאַטן אויף דעם זעלבן אופן. מיר דאַרפן נאָר צוגרייטן אַ פּאַסיק אָרט פאַר אים. איך בין פּשוט גליקלעך. פישל וועט אויך בלייבן לעבן און וועט נישט הונגערן מער! מיין טייערער פישל, איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן!

— — — — — — — — — — — — — — —

צוריקקומענדיק אויף דער שוו.־יאַנסקאַ גאַס, באַמערקן מיר פאַרן הויז אסתרן. ס׳באַפאַלט אונדז אַ שרעק. זי דערציילט, אַז לאַנג שוין דרייט זי זיך אַרום און וואַרט אויף אונדז, ווייל אַ שלעכט פאַרגעפיל הייסט איר נישט נעכטיקן היינטיקע נאַכט ביי די סטאַכעס.

גוט וואָס פראַנעק איז אין דאָרףביים ווייב און זיין בעט איז פריי. שטיל, ווי קעץ, גייען מיר אַלע דריי איבער די פינצטערע טרעפּ און שלייכן זיך אַריין אין שטוב.

.14

ביינאַכט ליג איך מיט אָפענע אויגן און די מחשבות טראָגן מיך אַוועק קיין סטאָצעק, ווו איך פלעג אין זומער־טעג אַרומלויפן מיט אַלע קינדער באָרוועס אויף די צעהיצטע שטיינער פון מאַרק און געסלעך, ווו כ׳האָב געקלעטערט אויף די בערג פון זגערניצע און מיט חברה אַרומגעפּלושקעט אינעם „זאַסקערער” טייך, ווו כ׳האָב מיט שיקסלעך געקליבן שטשאַוו אויפן גלחס לאַנקעס און געפונען דאָרט אַ נעסט מיט דריי אייעלעך...

כ׳הער דאָס קלאַפּעריי פון קיאַנקעס ביים טייך, ווען ווייבער וואַשן וועש, כ׳זע רעכל שרה־פייגעס ווי זי שטייט אין וואַסער מיט אַ הויך פאַר־שאָרצט קלייד און פון אַנטקעגן איבער רופט פריילעך פייגע די וועשין: „רעכל, רעכל, טונק זיך נישט איין דאָס... קנעכל!”.

עס קומען די שבתדיקע נאָכמיטאָגס, ווען גאַנצע משפחות, באַלאָדנט מיט קוישן עסנוואַרג, ציען אין וואַלד אַריין, צום „גרינעם פּלאַץ”. אין די קוישן — פלעשער שטשאַוו־באָרשט, צעשניטענע חלות, האַרטע אייער.

...ליכטיקע זומער־נעכט. פֿאַרליבטע פּאָרלעך, פֿאַרחלומטע אויפֿן וועג צו דער „שמיענסקער" בריק, אַרום וועלכער ס'שוועבן סודותדיקע לעגענ־דעס...

...דער וואַלד ביים ראַנד פֿון דער שטאָט, אַ צערוישטער, מיסטעריעזער אין ימים־נוראים־צייט, ווען דער גרעלער מלך וועקט צו סליחות.

ראש־השנה, יום־כיפּור אינעם שטעטל: יידן אין יום־טובדיקע בגדים, אין קיטלען; נעכע שמחהס מיט איר יאָמערדיקן „בעט אייך אויס אַ גוט יאָר!".

דאָס אָנגעפּאַקטע בית־המדרש מיט דאַווענער; דער שול־הויף; די ווענט און פֿענצטער פֿון אַרומיקע הייזלעך; די אָפֿענע טיר פֿון דער „באָבע־לעך־בעקערין"; די מיט קרייד פֿאַרשריבענע וואַנט פֿון „פּייגע די לערערקע"; יחזקאל מלמדס חדר; דעם רבס הויז...

...עס טויכט אויף אַן ערב סוכות: פֿויערישע פֿורלעך מיט סכך, יינג־לעך מיט אַלטע שטיקער ברעטער, טירן, פֿענצטער. חוה־ברכהס מיט האָניק־לעקעכער, ברײנדעלע די „זיצערקע" מיט מולטערס אַנטאָנער עפּל, „ווי־ניאַוועקעס", „וועגנגערקעס"; קעסטלעך ווײנטרויבן אויף אַ „שהחיינו", וואָס פֿאַרשפּעטיקן זיך שטענדיק צו ראש־השנה און קומען אָן אויף סוכות.

...די מאַמע ביים בענטשן ליכט אין סוכה. אַ ווייס טישטעך, זילבערנע הויכע לייכטער, און זי, אַזאַ שיינע, אַזאַ יום־טובדיקע, אין אַ רויטער סאַ־מעטענער „פּרינצעסקע", באַהאַנגען מיט צירונג. איבער די קעפּ, אונטערן סכך — פּאַפּירענע, פֿאַרביקע פֿייגל, ביי יעדן — אַ גוף פֿון אַן אויסגע־בלאָזן איי.

... חנוכה: לאַטקעס, קאָרטן, טעקטורענע לאַמטערלעך מיט אויסגע־שניטענע אותיות, אונטערגעקלעפּטע מיט קאָלירטער ביבולקע, דורך וועל־כער ס'שיינט אַדורך פֿון אינעווייניק דאָס אָנגעצונדענע ליכטל מיט אַזוי פֿיל פֿאַרבן!

...גרויע פּרימאָרגנס, ווען די מאַמע קאָכט אויף פֿרישטיק אַ גריץ מיט קוגעלעך...

שבת־שירה: אַ שניי, אַ פֿראָסט, די שויבן פֿאַרצויגן מיט פֿאַרכישופֿטע, זילבערנע בלומען און מיר, קינדער, אַרומגעבאַבעטע, שיטן פֿונאַנדער אויפֿן בלענדיקן שניי גאָרשטן קאַשע פֿאַר די הונגעריקע פֿייגל...

אין שטוב אַ מילדע וואַרעמקייט; אין „פּיעטשניק" פֿונעם הייסן אויוון — אַ זשומענדיקער טשייניק. ביינאַכט מאַכט מען צו פֿון דרויסן די לאָדנס מיט אַן אייזערנער שטאַבע. „שוין?" — פֿרעגט אַ הייזעריק קול פֿון יענער זייט, אַריינשטופּנדיק דעם פֿרענט. „נאָך אַ ביסעלע, נאָך אַ ביסעלע" — ענטפֿערט עמעץ פֿון שטוב.

...דער אויסגעטרוימטער ערב פּסח; דאָס באַקן מצות ביי טישקע די בעקערין: אויף פּעסער — געהזובלעוועטע, גלאַנציקע ברעטער אין פאָרם פון אַ „ח״, דריי שורות וועלגערקעס, די קנעטערקע הינטער אַ געבלומט פאַרהענגל, אַ „מעל־שיטער״, אַ „וואַסער־גיסער״...

„אַ מיירע, אַ פאַרטיקע מיירע!״ רופט אויס די קנעטערקע.

„מצות אין אויוון אַריין, מ־צ־ו־ת!״ — ענטפערט טישקע ביים צע־גליטן אויוון.

...דאָס קלאַפּעריי פון וואַלגער־העלצער, דאָס קראַצן די ברעטער מיט שטיקלעך גלאָז, דער „רעדלער״, די גרינע, גרויסע קוישן מיט וואַ־רעמע מצות, די לעצטע קליינע מצהלעך, געלעכערט אַרום און אַרום, ווי באַשלייערט מיט שפּיצן — אַ מתנה פאַר די קינדער.

אַלץ לעבט אויף אינעם פּילפּאַרב־יקן קאַראַהאָד, אַפילו די יאַרידן, האַר־דעס פּויערים, וועגענער; יידן ביי זייערע שטעלן באַלאָדנט מיט אַלערליי סחורות: שוכוואַרג, היטלען, טעפּ, פאַרטיקע מלבושים, טעקסטיל, שפּילצייג...

אויף דער ערד, אין מיטן געפילדער — אַ בלינדער בעטלער מיט אַ ברייט־צעעפנטער האַרמאָניע, פאַרזינקען אין זיין טרויעריק געזאַנג, וואָס מיט די יאָמער־טענער דערמאָנט עס דאָס „שערעלע״ אויף סטאָצקער חתונות.

...סטאָצקער חתונות; איינע ענגלעך צו דער צווייטער, ווי ליליעס אין אַ גאָרטן. אויף אַ גרויסער, מיט ווייסער לייוונט באַדעקטער, באַליע — אַ פאָטעל — דער כלהס טראָן; איןביידע זייטן — בלומען־טישלעך מיט הויכע זילבערנע לייכטער; אויף דער ערד — אַ געבאַרגטער טעפּעך און אויפן טראָן — אַ צעלויכטענע כלה אין אַ וועלאָן איבערן ווייסן חופּה־קלייד — אַ יידישע מלכה.

דער „שוואַרצער פּנחס״, דער שטאָט־וויצלער, וואָס רוימט איין יעדן חתן אונטער דער חופּה: „אַנטלויף, האָסט נאָך צייט!״, „חברה״ וואַרטן אָפּ דעם מאָמענט און לאַכן האַרציק, ווען דער חתן וויל נישט פאָלגן און באַדויערט דערנאָך...

— — — — — — — — — — — — — —

איך בלאָנקע אַרום אינעם געפלאָנטער פון געדאַנקען אָנגעזאַפּט מיט קולות פון תפילות, שבועות, אויסרופן, זידלערייען, צעהירזשעטע פערד, קלינגענדיקע קאָסעס; אינעם גאַנצן טומל און גערויש פון מיין שטעטל, ווו יעדער איינער איז מיר נאָענט, יעדער האָט אַ נאָמען, אַ לעבנס־געשיכטע, אַ האַרץ, אַ דראַנג צו עקסיסטירן, אַ האָפענונג...

אַרויסגעריסן זיי אַלע מיט אַ מאָל פון זייערע היימען, אַוועקגעריסן

אַפילו פון אייגענעם בית־הקברות און צוגענומען דעם בטחון פון קומען צו קבר ישראל.

— — — — — — — — — — — — — —

נאָענטע פּנימער מיט צעשראָקענע אויגן רופן מיך ביים נאָמען. עס קומט דער „געלער געצעלע״ מיט זיין אָפּגעציטערט קינד, דאָס אויסגע־בעטלטע ביי גאָט פופצן יאָר נאָך דער חתונה. עס יאָמערט חיה הערש־פישלס — זי וויל נישט מען זאָל פאַרגאַזן איר בן־יחיד, דעם איינציק פאַר־בליבענעם פון פינף קינדער...

עס שפּרייזן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ די איינוווינער פון די באַראַקן — די קעמפער פאַר אַ בעסערן מאָרגן. צי ווערט זיי כאָטש דער טויט אָנקומען גרינגער, ווי דאָס שווערע, ביטערע ־לעבן זייערס? עס גייען די צאַלקעס, טרייבערס, לאַטאָוויצקיס, לערמאַנס, פעלדמאַנס, פּיעקאַרסקיס, פּאַקטשאַר־סקיס — הונדערטער משפּחות האָרעפּאַשניקעס, בכבודיקע, פּשוטע און טרוימערישע, גוט־האַרציקע און אַנטויסטע, פרומע און פרייע — אַלע קומען זיי צו מיר, דערציילן וועגן גרויסן אומגליק, ברעכן די הענט, יאָמערן, קלאָגן...

אַפילו נאָטע וואַסערטרעגער קלאַפּט מיט די עמערס און שאַנדרעס איבער מיין קאָפּ, ברומט מיט זיין הייזעריק קול און פרעגט אַ פאַרצווייפל־טער: „פאַר וואָס, דערקלער מיר, חיהלע, פאַר וואָס דערהרגעט מען אונדז, פאַר וועלכע זינד?״...

.15

נישטאָ, נישטאָ מער פישל! ער איז געשטאָרבן פון הונגער. היינט איז זדאַנאָווי דאָרט געווען. די אַרבעטער, וואָס זענען צוליב זונטיק נישט גע־גאַנגען צו דער אַרבעט, האָבן געעפנט די טיר און זדאַנאָווין אַריינגעפירט צו פישלען. „ער איז געלעגן אין בעט מיט אָפענע אויגן און מיט אַ שמייכל אויפן פּנים״. — האָט דערציילט דער פּאָליציאַנט — „איך האָב אים באַ־גריסט און געזאָגט: קום, איך וועל דיך אַרויספירן פון געטאָ און דעמאָלט האָב איך באַמערקט, אַז ער איז טויט. איך ווייס נישט, צי די אַרבעטער האָבן געוווסט און פון מיר חוזק געמאַכט, אָדער זיי זענען דערפון געוואָר געוואָרן גלייכצייטיק מיט מיר״.

יסורים פאַרשלאָגן מיר דעם אָטעם. אַ פוסטקייט רוישט אין קאָפּ. איך וויל שרייען, וויינען, רופן פישלען, אָבער כ׳בין שטום. עס דערגייען צו מיר, ווי פון דער ווייטנס, ישראלס שאלות און זדאַנאָוויס תשובות.

נעבן פישלען איז געלעגן אַ סידור, ביים סידור אַ צעטעלע. זדאַנאָווי האָט עס מיטגעבראַכט. אַ פּאָר ווערטער. אותיות פאַרקריפּלטע, ווי פאַר־

דרייטע אין ספּאַזמען: „חיהלע לבט גלק־לך זגט אַ מאָל נאָך מר קדש״. —

— — — — — — — — — — — — — —

פראַנעק איז אין דאָרף ביי יאַנקאַן. איך מיט ישראלן — אַליין אין שטוב, כאָטש כ׳פיל, אַז אויך פישל איז מיט אונדז צוזאַמען. איך בין פול מיט צער און געוויסן־ביסן.

אינעם געוועב פון מיין טרויעריקער דערפאַרונג גנבעט זיך אַריין אַ געדאַנק, ווי אַ שוואַרצער פאָדעם, אַז דאָך קאָן מען יעדן נאָענטסטן איבערלעבן און ווייטער קעמפן פאַר דעם אייגענעם קיום.

אסתר איז נאָכן פרישטיק אַוועק צו סטאַכן. זי האָפט צו באַקומען אויף זיין אַדרעס אַ ידיעה פון דער מוטער. אסתר באַוועגט זיך פריי אויף די גאַסן, זי זעט אויס ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקע פאָלקע. דאָס, וואָס זי האָט די גאַנצע מלחמה־צייט נישט געהונגערט, האָט משפיע געווען, אַז איר פּנים איז גלאַטיק און פריש. איר׳ע בלויע אויגן, דאָס קליינע נעזל, די דינע קינדערישע ליפן אַרום צוויי שורות ווייסע ציין — אַלץ מאַכט זי ענלעכער צו אַ שליאַכטשאַנקע, ווי צו אַ געפּלאָגטער יידישקע. אויך איר פיגור און שיין־געשניצטע פיס — פאַרראַטן זי נישט. דאָך האָט פראַניאַ מורא זי צו האַלטן ביי זיך און סטאַך באַמיט זיך צו געפינען פאַר אסתרן אַן אָרט צום וווינען. דאָס ערגסטע אָבער איז דאָס, וואָס זי איז אָן אַ דאָקומענט. אמת, אַז זי האָט אַדרעסן פון באַקאַנטע, וועלכע לעבן אין וואַרשע אויף אַרישע פּאַפּירן און זאָגן צו אויך פאַר איר אויסצואַרבעטן אַ „קענקאַרטע״, אָבער דאָס מוז געדויערן. פּירט דערווייל פראַניאַ אַ שטילע מלחמה מיטן מאַן. זי וויינט, זיצט אָפּ האַלבע טעג אין קאָשטשאָל, פאַסט און שלאָפט כמעט נישט ביינאַכט. איך גופא האָב אַ חשד, אַז זי איז אייפערזיכטיק און האָט מורא סטאַך זאָל זיך נישט פאַרליבן. „די מענער — האָט זי צו מיר געזאָגט — זענען ווי „פּאָוואָי״ (קלעטער־פלאַנץ), אַרום יעדן דראָנג וויקלען זיי זיך אַרום״. ווען כ׳פּרווו זי איבערצייגן, אַז דאָס איז ביי איר אַן איינרעדעניש, גלאָצט זי מיט די אויגן און וואָרנט מיך: „ווען דיינער וועט דיך פאַרראַטן, וועסטו דערנאָך אַנדערש זינגען, קעצעלע, וואַרט!״.

.16

פראַנעק איז היינט צוריקגעקומען פון דאָרף אַ דערשלאָגענער, אַ בלאַסער און „אַנגעלאָדנט״, ווי מיט דינאַמיט. כ׳שטעל מיר פאָר, ווי די משפחה האָט אים דאָרט אָפּגעפרעסן די לעבער און געהעצט קעגן אונדז! באַלד נאָכן איבערטאָן זיך גייט ער צו דער אַרבעט.

ישראל און איך פילן זיך שולדיק: מיר האָבן צעשטערט פראַנעקס פאַמיליע־לעבן, אַרויפגעזעצט זיך אויף זיין קאַרק און זוכן אַפילו נישט

קיין אויסוועג. איך בין בייז אויף זיך אַליין. יעדער געדאַנק אָבער, אין וועלכן מיר כאַפּן זיך אָן, אַלס אָנהאַלט־פּונקט — רייסט זיך ווי שפּינוועבס; יעדע האָפענונג צעגייט, ווי טינט אויף נאַס פּאַפּיר. אַן אומבאַגרענעצטע דעפּרעסיע פּייניקט און פּרעסט. ווען פראַנעק קומט אַהיים דערציילן מיר אים וועגן דעם, ווי עס מוטשעט אונדז דאָס געוויסן כלפּי אים און ווי גערן מיר וואָלטן פון אים אַוועק, אויב ס׳וואָלט זיך נאָר געפינען אַ צווייטער פּלאַץ, אַ וואָסער לאָך עס זאָל נישט זיין. פראַנעקס בלאַס פּנים ווערט לעבעדיקער. זיינע מידע, האַלב־פאַרמאַכטע אויגן עפענען זיך מיט פרייד:

— מיר וועלן זוכן, קינדערלעך. „זוכט און איר וועט געפינען" — שטייט געשריבן. גאָט וועט העלפן. כ׳האָב מיר אַזוי אַ גאַנצן טאָג געטראַכט, אַז גאָט וועט אונדז נישט פאַרלאָזן!".

פראַנעק ווערט אויפגעהייטערט, אויך אונדזערע געמיטער ווערן לייכטער און פרייער. באַלד נאָכן עסן שאַרט זיך פראַנעק אַרויס פון שטוב; אין אַ האַלבע שעה אַרום קומט ער צוריק מיט אַ שמייכל אויפן פּנים און פינטלענדיק מיט אַן אויג, רימט ער זיך: „דירות איז דאָ אַ סך, נאָר פראַנעק איז איין־און־איינציק! הערט, קינדערלעך, כ׳האָב גראָד געטראָפן ביים טויער קאָוואַלטשיקן דעם הויז־וועכטער און אים געפרעגט, צי ער ווייסט נישט פון אַ שטיבל אין אונדזער געגנט פאַר מיין קוזינע, וואָס מוז זיך אַ לענגערע צייט קורירן ביי אַ דאָקטער און מעגלעך, אַז צוליב דעם וועט אויך איר מאַן זיך באַזעצן אין וואַרשע, ווו מען זאָגט אים צו אַרבעט אין אַ פאַבריק. — „טאַטש" ביי אונדז אין הויז, אויפן פינפטן שטאָק, וויל דאָך די אַגאַטאָווע פאַרדינגען איר שטיבל, ווייל זי פאָרט אַרויס אין דאָרף צו דער טאָכטער" — רייסט מיר קאָוואַלטשיק איבער. בין איך גלייך אַרויף צו דער אַגאַטאָווע און זיך איבערצייגט, אַז עס איז אמת. זי וויל 40 זלאָטעס דירה־געלט און לאָזט איבער דאָס מעבל".

— גוט, זייער גוט! — רוף איך אויס — שוין נעמען מיר עס!

פראַנעק הייבט אויף די האַנט, אַלס צייכן איך זאָל זיך באַרואיקן און דערציילט ווייטער:

— כ׳האָב איר געזאָגט, אַז ס׳איז צו טייער, ווייל משוגעים, אָדער יידן קאָנען צאָלן אַזאַ פרייז פאַר אַ בוידעם־שטיבל אָן אַ פענצטער און דערצו בסך־הכל מיט דריי פייכטע ווענט. האָט זי גלייך מסכים געווען אויף 30 זלאָטעס אַ חודש. איצט וואַרט זי אויף אייך און אויף האַנטגעלט — פאַרענדיקט פראַנעק מיט טריאומף.

שנעל פאַרקעם איך די האָר מיט אַ גרעק אויפן שפּיץ־קאָפּ, קנעפּל אויף צוויי קנעפּלעך פון דער בלוזע ביים האַלדז, כדי עס זאָל אַרויסקוקן דער מעדאַליאָן מיט דער הייליקער מאַריאַ, פאַרוואַרף אויף די אַקסלען מיין

טוך און בין פּאַרטיק צום אַרויסגיין. פראַנעק צינדט אָן אַ ליכט. דאָס טרעפּנהויז איז נישט באַלויכטן. ישראל בלייבט אין שטוב. דאָס האַרץ דיקטירט מיר, אַז אַזוי איז זיכערער: ישראל זעט אויס צו עלעגאַנט פאַר אַזאַ פּאַצעיאַטע, בעסער וועט זיין, אַגאַטע זאָל אים נישט זען.

מיר גייען. פאָרזיכטיק שטעלן מיר די פיס אויף די געדרייטע טרעפּ, אַרומגעצוימטע מיט אַן אייזערנער פּאָרענטש, ווי אין אַ טורעם. פראַנעק גייט פאָרויס, איך נאָך אים. דאָס ליכט צאַנקט. עס וואַקסן אויס און מערן זיך מחנות שאָטנס, ווי קעמפּנדיקע, פיינדלעכע אַרמייען. זיי שפּרינגען, צאַפּלען, וואַרפן זיך איינער אויפן אַנדערן, באַזיגן זיך און פאַלן אין אָפּגרונט אונטער אונדזערע פיס. טראָט נאָך טראָט אַנטשטייען און רינגלען אונדז אַרום פרישע שאָטנס, עקשנותדיקע, פאַרביסענע, ווי מיין ווילן צו בלייבן לעבן.

אויף יעדן שטאָק קוקן אַרויס דריי טירן מיט פאַרבאָרגענער שנאה. אין יעדן ווינקל טשאַיעט זיך אַ שרעק. ווען כ'בין געווען אַ קינד האָט מיר די באָבע דערציילט, אַז אַרום טירן אָן מזוזות טאַנצן שדים. ס'איז אָבער געגנוג צו זאָגן קריאת־שמע, פאַרלירן זיי די שליטה. איך האָב פאַרגעסן, ווי אַזוי מען זאָגט קריאת־שמע, „גאָטס מאַמע" אויפן האַלדז איז היינט מיין באַשיצערין...

מיר קלעטערן העכער און העכער. ענדלעך זענען מיר אויפן פינפטן שטאָק. דאָס האַרץ שפּרינגט אין מיר ווי אַ הוידלקע. פראַנעק קלאַפּט אָן אין אַ קליין בוידעם־טירל, וואָס עפנט זיך גלייך אויף. אַן אַלטע, איינגעשרומפּענע, אין שמאַטעס אַרומגעהילטע פרוי, באַגריסט אונדז מיט אַ הייזעריק קול. איך קוק זיך אַרום: אַ קליינטשיק פאַרחושכט קעמערל מיט אַ טונקל, פּירעקיק פענצטערל אינעם משופּעדיקן דאַך. דאָס שטיבל האָט נאָר דריי ווענט, די פערטע, אַנטקעגנאיבער דער טיר, איז ווי פאַרשלונגען פונעם איינגעבויגענעם, טיף־געבייגטן דאַך. דער דיל איז באַדעקט מיט שטיקער בלאָטע. אויפן שמוציקן ליימענעם קיכל — עטלעכע פאַרפּעצטע, אַלטע טעפּ. אין ווינקל, אָפּגערוקט פון די פייערקעס, אויף צוויי ציגל — אַ פאַרקאָפּטשעט, קליין נאַפט־לעמפּל. קיין עלעקטריש ליכט איז דאָ, ווייזט אויס, קיין מאָל נישט געווען. ביים קיכל — אַן אַלט שענקל, באַוואַקסן אין משך פון לאַנגע יאָרן מיט „פליגן־פּראָדוקציע" אַזוי דיק, אַז אויף פיל ערטער שיילט זיך אָפּ דער שמוץ, ווי שטיקלעך אָפּגעקלעפּטער פורניר. איין טירל הענגט אַראָפּ. ביי דער געלבער וואַנט — אַ שמאָל אייזערן בעטל. אַנטקעגן איבער — אַ מלבושים־שאַנק. אין ווינקל צווישן דער שאַנק און טיר — אַ קליין טישעלע מיט איין שטול.

די אַלטע באַמערקט מיין בליק, וואָס פאַרהאַלט זיך אויף דער מלבושים־שאַנק.

„דאָס איז אַ פריש מעבל־שטיק „פּאָ זשידאַך" (פריער געהערט צו יידן), — דערקלערט זי — כ׳וואָלט מיר געקאָנט אַ סך זאַכן איינשאַפן, אָבער די הענט זענען שוואַך, שווער צו שלעפן אויפן פינפטן שטאָק"...

די שאַנק ווערט מיר מיט אַ מאָל נאָענט. עס דאַכט זיך מיר, אַז כ׳וועל אינעווייניק געפינען די געשיכטע פון די, וועלכע האָבן זי באַנוצט און געלעבט אין איר שכנות.

איך פאַרענדיק שנעל די טראַנזאַקציע, גיב האַנטגעלט און שמועס אָפּ צו מאַכן אַ קאָנטראַקט אין אַ צוויי טעג אַרום. איך טו עס מיט אַ כוונה: אַזוי וואָלט געהאַנדלט יעדע פּאָלקע.

—◆—

סטאַך קומט אָן. ער הערט אויס אונדזער באַריכט און גיט אַ פרעג: „ווי וועט זיין מיטן איינמעלדן, אויב העלענאַ האָט אָוועקגעגעבן איר מעטריקע יאַדוויגאַן?". אמת, מיר האָבן דערפון נישט געטראַכט. אין באַהעלטעניש דאַרף מען נישט קיין דאָקומענטן, און די נייע ראָלע, וועלכע מיר וועלן איצט שפּילן, איז געקומען אַזוי אומגעריכט.

אין שטוב ווערט אומעטיק, שטיל. מיר רייכערן און שוויגן; יעדער איז פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. פראַנעק שאָקלט מיטן קאָפּ און הייבט אָן רעדן, ווי צו זיך אַליין: „זיכער מוז אַלץ זיין געמאַכט „גאַלאַנט", אַז עס זאָל נישט פעלן קיין חשד! דער הויז־וועכטער מעלדט איין, דערנאָך גיט ער די לעבנס־מיטל־קאַרטן, ער פרעגט אויס פון וואַנען מען קומט, ווו מען אַרבעט און אַזוי ווייטער. ער פרעגט אַזוי לאַנג, ביז ער באַקומט אויף ביר"...

פּלוצלינג גיט סטאַך אַ שנעל מיט צוויי פינגער אין דער לופט און שרייט אויס: „כ׳האָב! כ׳האָב אַן אויסוועג! ביי מיר ליגן דאָקומענטן פון מיין קוזין, וועל איך זיי אייך געבן. אויך פאַר העלענאַן וועל איך אַרויס־באַקומען די מעטריקע פון מיין קוזינע און איר וועט זיך קאָנען איינמעלדן אַלס מאַן און ווייב". „מאַלאַרסקיס דאָקומענטן — דערקלערט סטאַך — געפינען זיך ביי מיר דערפאַר, ווייל ער איז אַ מלחמה־אינוואַליד (באַשע־דיקטע לונגען) און איך נעם פאַר אים אָפּ יעדן חודש די רענטע; דעריבער טאַקע איז ער איינגעמאָלדן ביי מיר אויף קאָשטשעלנע, כאָטש אין דער אמתן וווינט ער אין דאָרף. ובכן, יאַנעק, דו וועסט באַלד מאָרגן, אָדער איבער־מאָרגן איינגעבן אין מאַגיסטראַט אויף אַ „קענקאַרטע" און פאַר העלענאַן וועט מען אויך עפּעס אויסקאָמבינירן, אַז עס זאָל זיין גוט;

מיר ווייסן נישט וואָס צו טון מיט סטאַכן פון פרייד. ער ברענגט שטענ־דיק מיט זיך מיט אַ פרישע לופט, אַ ניי לעבן.

— ווייסטו וואָס — שטעלט ער זיך אויף — קום, העלענאַ, מיר וועלן אַרויפגיין צו אַגאַטאַן זען די „דירה״.

פאַר אַגאַטאַן שטעלט ער זיך פאַר אַלס מיין ברודער. באַקוקנדיק דאָס שטיבל, דרייט ער מיטן קאָפּ און זאָגט: „אוי, מאַטקאַ, מאַטקאַ, וועלכער הייליקער האָט זיך פאַר דיר געמיט, אַז דו זאָלסט באַקומען מיין שוועס־טער פאַר אַ לאָקאַטאָר? מן הסתם דיין מאַן, וואָס צעשווימט זיך אין הימל פון גליק, אַז ער האָט דיך מיטן קעמערל געפטרט״. פאַרן אַראָפּגיין שמו־עסט ער אָפּ מיט אַגאַטאַן, אַז מאָרגן וועלן מיר מאַכן דעם קאָנטראַקט אויף אַ האַלב יאָר. די אַלטע, אַן אַנטמוטיקטע פון סטאַכס דרייסטקייט, באַשטייט אויף אַלעם, אַפילו אויף דעם, אַז סוף וואָך זאָל זי אונדז איבערגעבן דאָס שטיבל.

ווען מיר קומען אַראָפּ זאָגט סטאַך: „נו, זענען מיר יאָ משפחה, מוזן מיר „באַגיסן״ אונדזער קרובהשאַפט מיט אַ „לחיים״ פון „ברודערשאַפט״.

פראַנעק שלעפּט אַרויס אַ האַלבע פלאַש בראָנפן, צעשנייט אַ שטיק וווּרשט; איך פיל אָן די כוסות, מיר פלעכטן צוזאַמען, אַלע פיר, די הענט, טרינקען אויס דעם בראָנפן, צעקושן זיך, דאָס ערשטע איך מיט סטאַכן און ישראל מיט פראַנעקן, דערנאָך פאַרקערט און אַלע שרייען מיר אויס דריי מאָל „דו״ און צעקושן זיך נאָך אַ מאָל. סטאַך קוועלט: זיין נייע משפחה געפעלט אים! אונדז — נאָך מער...

.17

פאַרטאָג, פאַרן גיין צו דער אַרבעט, האָט סטאַך ביי אונדז אָפּגעטרעטן און געברענגט די דאָקומענטן פון יאַז מאַלאַרסקי.

— יאַנעק, — דערמאָנט ער — ביים אָנגעבן אויף אַ „קענקאַרטע״, מוזסטו האָבן צוויי פאָטאָגראַפיעס. טו עס נאָך היינט, אַמבעסטן לאָז זיך אַראָפּנעמען ביי אַ גאַסן־פאָטאָגראַף, וועסטו אין משך פון אַ האַלבער שעה האָבן די בילדלעך פאַרטיק. ביים זאַקסישן גאָרטן שטייט אַזאַ מומחה מיט אַ קעסטל, שפּאַציר זיך איבער און זאָל עס זיין צום גליק!

נאָכן פרישטיק איז ישראל, אָן אויסגעפּוצטער, אַוועק זיך פאָטאָגראַ־פירן. שוין דאָס דריטע מאָל גייט ער אַרויס, אָבער אויך איצט בין איך אומ־רואיק. עס ווילט זיך מיר אים שוין זען צוריק. שטיי איך ביים פענצטער הינטער דער גאַרדין און קוק אויפן געסל, הער זיך איין אינעם פלוידערן פון באַבעס און וואַרט, וואַרט, אַ שרעקעוודיקע, אַן אומגעדולדיקע. איך ווער פרום און בעט גאָט, ער זאָל מיטשיקן מיט ישראלן צוויי מלאכים, וואָס זאָלן אים היטן...

נאָך אַ שעה אַפּוואַרטן, דערזע איך אים פון דער ווייטנס! ער גייט אַ ביסל איינגעבויגן און וואַרפט זייטיקע, צעשראָקענע בליקן. ווען ער דער־נענטערט זיך צו אונדזער הויז, דערהער איך, ווי אַן עלטערע פּאָלקע פון אַנטקעגן איבער שרייט אויס צו אַ צווייטער, וואָס שטייט הינטער מיין פענצטער: „וולאַדקאָווא, וולאַדקאָווא! זשידזשאַק ווקראַדל שען דאָ דאָמו, אַ זאַבאַטש טאַ נאַ דאָ קאָגאָ אידזשע!" („וולאַדקאָוואַ, וולאַדקאָוואַ! אַ יידל האָט זיך אַריינגעגנבעט אין הויז אַריין, קוקט צו וועמען ער גייט!). איך שפּרינג שנעל צו צו דער טיר, מאַך זי קוים אויף און ווען ישראל קומט אָן, גיב איך שטיל אַ זאָג: „גיי העכער, ביז צום סוף, שנעלער!". איך הער זיינע שווערע איילִיקע טריט און נאָך אים אַ שטיל טאָפּטשען, ווי אַ שד וואָלט געטאַנצט אויף די שפּיצן פינגער אינעם פינצטערן, געדרייטן און סודותדיקן טרעפּנהויז. דורך דער שפּאַרע פון דער אויפגעלענטער טיר קוק איך אַרויף. ישראל איז שוין אויפן פינפטן שטאָק, די פּאָלקע לויפט צוריק אַראָפּ. איך שפּרינג צו צום פענצטער, ווער ווי איין געהער און כאַפּ אויף די ווערטער: „איר ווייסט, צו וועמען ער איז געגאַנגען? צו דער זונהשער מאַרישקאַ! אַזאַ טייוולאָנישע זריעה! אַפילו מיט יידן ליבט זי זיך, די אויסגעלאַסענע „סוקע"! — לאָמיר וואַרטן ביז ער וועט אַרויס און אים אויפנעמען מיט אַ קאַצן־מוזיק!

שנעל און שטיל לויף איך אַרויף אויף די טרעפּ און גיב ישראלן אַ צייכן ער זאָל אַראָפּ. ווען פראַנעק קומט אַהיים, דערציילן מיר אים די געשיכטע. ער לאַכט קינדעריש און האָט הנאה פון דעם, אַז די באַבעס האָבן זיך גע־לאָזט אַריינגאַרן אין זאַק און דערצו מן הסתם קיין מיטאָג נישט געגעסן, שטייענדיק אויף דער וואַך...

פראַנעק עצהט אָבער ישראלן אַ פּאָר טעג נישט צו פאַרלאָזן די שטוב ביז די „קומעס" וועלן פאַרגעסן זיין פּנים.

— אויך אין דעם אַנצוג גיי נישט מער אַרויס אין איצטיקן „סעזאָן" — וואָרנט ער מיטן פינגער און זאָגט דערביי:

— הער, יאַנעק, ווען דו שפּרייזט איבער די גאַסן — האַלט דעם קאָפּ הויך, שטאָלץ, טרעט זיכער און קוק נישט אין די זייטן!

.18

אסתר איז היינט געקומען צו לויפן מיט אַ גוטער בשורה: זי האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון דער מוטער. אויך דער ברודער מיט דער שוועגערין האָבן צוגעשריבן. אַ צעטומלטע דערלאַנגט זי מיר דעם בריוו. אירע נאָ־ענטע דאָרט אין פּאַריסאָוו זענען שטאַרק באַזאָרגט און ווייסן נישט, צי זי, אסתר, איז בשלום אָנגעקומען צו סטאַכן. זיי גופא פילן זיך גוט, האָבן

אַ דאַך איבערן קאָפּ און הונגערן נישט. פּאַריסאָוו איז איבערגעפּולט מיט יידן פון אַרומיקע שטעטלעך און עס קען זיין, אַז יעקב מאיר וועט באַקומען סטאַבילע אַרבעט...

דער ברודער שרייבט, אַז עס וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, אסתר זאָל קומען קיין פּאַריסאָוו און פאַרבלייבן צוזאַמען מיט דער משפחה.

אַ צעטומלטע, פאַרוויינטע, פרעגט זי, וואָס איך זאָג דערצו. זאָל זי פאָרן, אָדער נישט?

— איך קאָן דיר נישט עצהנען — ענטפער איך, קוים באַהערשנדיק זיך פון כעס. — איך האָב דיר צוויי מאָל געשריבן, וואָס דו דאַרפסט טון און האָסט מיך נישט געפאָלגט. אויך איצט זענען נאָך פאַראַן שאַנסן, זיי דאַרט זאָלן זיך ראַטעווען און אַנטלויפן. דו ווייסט אַלץ אַזוי גוט ווי איך. פאַרשטייסטו נישט, אַז אַנשטאָט דו זאָלסט פאָרן צו זיי, דאַרף מען אַהערנעמען דאָס קינד? דעמאָלט וועלן זיי האָבן פרייע הענט. ביז דו וועסט זיך איינאָרדענען וועט דאָס קינד זיין מיט מיר. שרייב גלייך ענטפער דורך פּאָסט, שרייב דאָס, וואָס איך האָב געשריבן צו דיר, ווייל יעדער טאָג קאָן זיין דער לעצטער״.

אסתר פאַרשטייט מיך גוט, דער אמת רעדט צו איר איבערצייגעוודיק און טרויעריק. מיר באַשליסן צו בעטן סטאַכן, ער זאָל פאָרן נאָכן קינד. דערווייל שיקט אסתר אַ בריוו מיט דער פּאָסט.

אין אָוונט, ווען כ׳שלאָג פאָר סטאַכן, ער זאָל פאָרן קיין פּאַריסאָוו, בייזערט ער זיך און זאָגט אָפּ. „איך קאָן דאָך נישט נעמען אַלע יידן צו זיך, העלענאַ, פאַרשטיי דאָס!״. איך גלעט זיין האַנט און רעד צו אים ווי צו אַ קינד: „סטאַכו, איך וועל דאָך האָבן אַן אייגן שטיבל, וועט דאָס קינד צייטווייליק זיין ביי מיר און דערנאָך וועט מען זוכן אַן עצה״.

— אויב מיך וועט דער טייוול נעמען, וועט איר אַלע אונטערגיין — ווערט ער מלא כעס. — ערשט נעכטן האָבן די דייטשן דערהרגעט מיינס אַן אַרבעטס־חבר, ווייל ער האָט געטראָגן אַ וואַליזע מיט יידישע זאַכן. דו פאַרלאַנגסט פון מיר צו פיל, העלענאַ!

— פאָר איך אַליין, — רוף איך אויס — און דאָס קינד וועל איך ראַטעווען!

אַלע אין שטוב שווייגן. סטאַך רייכערט. פּלוצלינג נעמט ער דאָס צעגליטע קעפל פון ציגאַרעט צווישן צוויי פינגער און צעקוועטשט עס; פונקן פאַלן פון אונטער זיין האַנט, ווי אַ גאָלדענער רעגן.

— אָט אַזוי טוסטו מיט מיר, העלענאַ, ביסט שטאַרקער פון מיר. מסכים, איך פאָר, אָבער נישט פריער ווי שבת, מיטאָג־צייט, נאָך דער אַרבעט.

איך פיל מיך באַזיגט, הגם דער נצחון איז אויף מיין זייט.

— דאָס קינד, סטאַכו, מיין טייערער, נאָר דאָס קינד. ברענג נישט קיין שמאַטעס, קיין זאַכן שלעפּ נישט, נאָר דאָס ברעקעלע, דאָס ברעקעלע, דאָס וויל איך האָבן נעבן זיך! — זאָג איך צו אים מיט טרערן אין די אויגן.

ווען כ׳דערצייל צומאָרגנס אסתרן וועגן געשפּרעך מיט סטאַכן, בייזערט זי זיך: „פאַרוואָס האָסטו אַזוי אָפּגערעדט, אַז ער זאָל נישט ברענגען די זאַכן?".

איך ווער אויפגעברויזט און ענטפער מיט כעס: „פאַר אַליין! ווען איך וואָלט געהאַט דיין פּנים, וואָלט איך שוין געווען אין פּאַריסאַוו!".

באַלד אָבער באַדויער איך מיינע ווערטער. אסתר איז איינזאַם און איך האָב נעבן זיך ישראלן. זי איז אומבאַהאָלפן, אַן „אָנפאַנגערין" אויף דער אַרישער זייט און איך — אַ דערפאַרענע, מיט לאַנגע וואָכן פּראַקטיק. און ווען אַפילו זי באַשליסט צו פאָרן, וואָלט איך איר דען געלאָזט? ווי אַזוי האָב איך איר געוואַגט צו זאָגן די ווערטער?! איך נעם זי אַרום, קוש זי און גיב צו פאַרשטיין, צוליב וועלכע סיבות מיר מוזן סטאַכן שאַנעווען, און דער עיקר דערפאַר, ווייל ער איז באמת ווי אונדזערס אַ ברודער, אין פאַרגלייך מיט וואָס אַלע טייערסטע שמאַטעס פאַרלירן זייער ווערט.

אסתר באַרואיקט זיך און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי פאַרשטייט מיך. איך האָב זי ליב און פיל זיך, ווי כ׳וואָלט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר עקסיסטענץ, מוט און שטאַנדהאַפטיקייט.

ביים דערלאַנגען טיי גיב איך לייכט אַ גלעט אסתרן איבער די האָר. איר פּנים לייטערט זיך אויס און, ווי אַ פרישׂ דערוואַכטע פון שלאָף, דער־ציילט זי, אַז נעכטן, גייענדיק צו סטאַכן, האָט זי באַגעגנט קאַזשימיעראַן, די געוועזענע דינסט פון סטאַצקער דאָקטער האַניגמאַן. אסתר האָט אין דער ערשטער רגע געוואָלט אַנטלויפן און געמאַכט זיך נישט באַמערקן קאַזשימיעראַן, אָבער זי איז איר פאַרלאָפן דעם וועג, אָנגעכאַפּט אונטערן אָרעם און אַריינגעשלעפּט אין אַ טויער. דאָרט האָט קאַזשימיערא זיך אָפּ־געצלמט און געשווירן ביי אַלע הייליקייטן, אַז זי וועט אסתרן נישט אויס־געבן און אַפילו נישט איבערחזרן אין סטאַצק וועגן דעם באַגעגעניש. פון דעסטוועגן האָט אסתר מורא געהאַט און געוואָלט וואָס שנעלער אַנטלויפן. ווען די קריסטין האָט אָבער דערמאָנט, אַז זי איז געווען אין פּאַריסאַוו, איז אסתר געבליבן שטיין ווי אַ געליימטע און איינגעהערט זיך אין קאַזשימיע־ראַס טרויעריקן באַריכט. אָט וואָס זי האָט דערציילט:

אויפן וועג קיין פּאַריסאַוו האָבן די דייטשן דערשאָסן 108 יידן, צווישן זיי אויך פישעלע פעלטשערס זון, אייזשע דעם „מיניסטער"; אַ שוך האָט אים געקוועלט, האָט ער זיך איינגעבויגן, כדי אויפצובינדן די שנוראָוואַד־לעס; דעמאָלט האָט ער באַקומען אַ קויל אין קאָפּ. אַלע טראַנספּאָרטירטע,

וואָס זענען געבליבן אַ ביסעלע הינטערשטעליק, האָבן די מערדער דער־הרגעט. אויך די אַלע, וועלכע האָבן נישט געפינען קיין חן אין זייערע טייוולאָנישע אויגן — זענען שוין קיין פּאַריסאָוו נישט אָנגעקומען.

קאַזשימיערזאַ האָט אויך געדערט מיט אסתר׳ס מוטער און מיט די איבע־ריקע פון דער משפחה. בערך צוואַנציק קילאָמעטער איז יעקב מאיר גע־גאַנגען, פירנדיק די מוטער אויפן ראָוווער. דער וועג איז געווען געצייכנט מיט זיין שווייס. אויך דאָס פינף־יעריקע טעכטערל זיינס האָט העלדיש גע־שלעפּט די פיסלעך און נישט דערלויבט, אַז איר מוטער זאָל זי טראָגן. יעקב מאיר איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געראַטעוועט זיין מאַמען, אויך אַנדערע יונגעלייט האָבן אַפילו אויף די פּלייצעס געטראָגן אַ פאָטער, אָדער אַ מוטער און „גליקלעך״ אָנגעקומען ביז פּאַריסאָוו...

לויט ווי קאַזשימיערזאַ האָט איבערגעגעבן, געפינען זיך אונטערן פרייען הימל טויזנטער יידן פון לאַטאָוויטש, קאַלושין, מינסק, גאַרוואָלין, סטאָצק און אַנדערע שטעטלעך; קראַנקע, געשוואָלענע פון קעלט און הונגער, הונ־דערטער משפחות מיט קליינע קינדער ליגן טאָג און נאַכט אויפן קאַלטן ברוק פונעם פּאַריסאָווער מאַרק.

קאַזשימיערזאַ האָט נישט געוווּסט, אַז אסתר געפינט זיך אין וואַרשע. די מוטער האָט דערפון נישט דערמאָנט. אויך אסתר האָט זיך נישט פאַרראַטן און געזאָגט, אַז זי וווינט איצט אין קראָקע.

ביים געזעגענען האָט זיך קאַזשימיערזאַ נאָך עפּעס דערמאָנט: דינסטיק, אינעם יאַריד־טאָג, אַזוי געקומען קיין סטאָצק אין פריערישע קליידער נאָטע וויינטרויבס ווייב, די עטלעכע־צוואַנציק־יעריקע טאָכטער פון בעריש פּיעקאַר סקי. זי האָט געבעטן ביי אַ גוי, ביי וועלכן ס׳איז געבליבן איר טעקסטיל־סחורה, ער זאָל איר געבן אַ פּאָר מעטער שטאָף, ווייל זי דאַרף דאָס אַוועק־געבן אַלס געשאַנק פאַר אַ פריערטע, וואָס באַהאַלט זי אויס. דער גוי האָט זי אַרויסגעשלעפּט אין מאַרק אַריין און, שרייענדיק „זלאַפּאַלעם זשידוווקע״ (כ׳האָב געכאַפּט אַ יידישקע), געשלאָגן זי איבערן קאָפּ מיט אַ שטעקן. באַלד האָבן זיך געפונען מיטהעלפער און נאָך איידער ס׳איז אָנגעקומען זשאַנדאַר־מעריע, איז די יונגע פרוי געווען טויט. „מיט קלאָניצעס האָבן זיי זי פאַר־טליקעט״ — האָט קאַזשימיערזאַ פאַרענדיקט איר דערציילן.

.19

ישראל ליגט אויפן בעט און לייענט אַ צייטונג, איך מיט אסתרן — ביים טיש. צוגעטוליעטע צו זיך, דערמאָנען מיר בשותפותדיקע באַקאַנטע פון וואַרשעווער געטאָ.

ווי פון אַ טיפן ברונעם ציען מיר אַרויס פון זכרון דעם, אָדער יענעם. צי דאָס איז אַדעלאַ און אברהם יודקעוויטש פון שוו. יערסקע 20, צי שמעון פעלדמאַן מיט דער פרוי און זייערע ציויי בילד־שיינע טעכטערלעך, וועלכע כ׳האָ געזען אין איינעם פון די טראַנספּאָרטן, צי גאָר מיינע, אָדער אסתרס קרובים. אַלץ לעבט אויף, באַקומט לייב און בלוט, באַזעצט זיך אַרום אונדז און וויקלט פונאַנדער לייוונטן פון באַרבאַרישע און סאַדיסטישע בילדער.

— האָסטו נישט באַגעגנט מיין קוזינע, עוואַ האַלפּערן, די אַקושערקע — טוט מיך אסתר אַ פרעג.

די פראַגע בלייבט הענגען ווי אַ פאָרהאַנג, וואָס פאַרדעקט דעם אַרום און ווי אין כישוף טויכט אויף דאָס בילד פון צעגלאַנע 17:

אין די ערשטע טעג פון דער „אויסזידלונג״ האָב איך, אַדורכגייענדיק אויף עק סמאָטשע און נאָוואָליפּיע, דערהערט ווי עמעצער שרייט און רופט מיך ביים נאָמען. כ׳בלייב שטיין און קוק זיך אום:

אַ וואָגן מיט געפּאַנגענע יידן שטייט אויף סמאָטשע גאַס. פון וואָגן אַראָפּ רופט מיך עדזשאַ האַלפּערן. „העלו״ — ליאַרעמט זי אַ פאַר־צווייפלטע — „לויף, זאָג מיין עוואַן, אַז מען האָט מיך געכאַפּט, זאָל זי מיך ראַטעווען! עוואַ איז אין קליניק אויף צעגלאַנע 17!״.

אַ פּאָליציאַנט כאַפּט מיך אָן ביים אָרעם: „אַן אויסווייז!״. איך האָב אים שטענדיק גרייט, מיין „לעבנס־שיין״. ער לאָזט מיך פריי. איך לויף צו עוואַן.

די קליניק פאַרנעמט דעם גאַנצן דריטן שטאָק. אויף די טרעפּ פון צווייטן שטאָק שטויס איך זיך אָן אויף צוויי דערשאָסענע פרויען,ביידע אין נאַכט־וועש. ביי דער ערשטער איז דאָס פּנים פאַרדעקט מיטן ראַנד פון העמד. זי איז, ווייזט אויס, דערשאָסן געוואָרן ביים אַנטלויפן און פאַלנ־דיק אויף די טרעפּ, האָט איר קערפּער זיך איבערגעקאָלערט און געבליבן ליגן מיטן קאָפּ אונטן און מיט די פיס אין דער הייך.

די צווייטע אין אַ האַלב־זיצנדיקער פּאָזע, מיט די הענט ביים בויך. איר יונג שיין פּנים האָט נישט פאַרלוירן גאָרנישט פון זיין פּראַכט, אַפילו נאָכן טויט. פון הינטער די אין פּיין צוזאַמענגעצויגענע ברעמען גלאַנצן פאַרנעפּלט האַלב־אָפענע, שוואַרצע אויגן. אַ לאָק האָר, ווי אַן איידל גע־וועב, איז צוגעקלעפּט צו דער באַק, אויף וועלכער דער טויט האָט שוין אַרויפגעוואָרפן אַ געל־בלויען שאָטן.

אַ דערשראָקענע ציי איך זיך צוריק און וויל אַנטלויפן, אָבער אין די אויערן קלינגט מיר עדזשאַס רוף: „זאָל זי מיך ראַטעווען!״.

די מוראדיקע שטילקייט אַרום זאָגט עדות, אַז דאָ אין הויז איז פאָר־געקומען אַן „אַקציע״ און איצט דראָט שוין נישט קיין סכנה...

די טיר פון קליניק איז אָפן. ביים איבערטרעטן די שוועל פאַרכאַפּט מיך אַ שווידערלעך בילד: אינעם צימער אַנטקעגן איבער — פיר בעטן, אין יעדן — אַ דערשאָסענע פרוי. איך לויף ווייטער און שריי: „וואָ, וואָ!.. אַן אָפּהילך צערוישט זיך: „וואָאָאָ, וואָאָאָ!".

אומעטום דערשאָסענע, טייל מיט צעשמעטערטע קעפּ... אין געבורטס־זאַל אויפן טיש — אַ דערהרגעטע פרוי אין מאָמענט פון געבוירן. ביי אירע פיס — אַ קליין, בלוי, פאַרשליימט קערפּערל, אַ נישט אָפּגעטיילטס פון דער מוטערס לייב... האַרט ביים טיש, אויף דער ערד — וואָ. אויף איר האַרץ־ברעטל — אַ גרודע בלוט, ווי אַ בינט רייפע, צעקוועטשטע ווײַמ־פּערלעך. אויסגעשטשירעטע ציין — אינעם רויטן מויל...

איך וויל אַרויס, אַנטלויפן, אַנטלייפן וואָס שנעלער, אָבער איך געפין נישט דעם אַרויסגאַנג. ווי אין אַ גרויזאַמען חלום לויף איך דורך טירן און די פיס זענען אַזוי שווער, אַזוי אויסטערליש שווער.

אין איין צימער — דריי שורות הויכע בעטלעך מיט שטייפע קערפּער־לעך; איינס מיט אַן אויסגעשטרעקט בלוי פויסטעלע. אויף דער פּאָדלאָגע קניענדיק, ווי ביים געבעט — אַ שוועסטער אין איר ווייסן כאַלאַט, פאַר־גליווערט, שטייף.

איך לויף פון איין צימער אין צווייטן. געשפּענסטפולע בילדער קומען מיר אַנטקעגן: האַלב נאַקעטע פרויען אין אַלערליי פּאָזעס, צוויי מיט קינ־דער ביים האַרצן, איינע שטייענדיק הינטער אַ פּאַראַוואַן, צווישן וואַשטיש און וועש־שאַנק, צוליב וואָס זי איז נישט אומגעפאַלן...

אַ פּאַנישע שרעק באַהערשט מיך. איך זוך דעם אַרויסגאַנג, אָבער ווידער געפין איך זיך אין די זעלבע צימערן, וואָס דרייען זיך מיט מיר ווי אַ קאַרוזעלע. אַ קאַלטער שווייס באַדעקט מיך פון קאָפּ ביז פיס. איך פיל, ווי די האָר שטעלן זיך מיר אויף. איך הער נישט אויף צו לויפן ווי אין אַ לאַבירינט פונעם מלאך המות. אָ, פון דאַנען וועל איך שוין קיין מאָל נישט אַרויס.

ס'ווילט זיך מיר שרייען, אָבער אַ פעסטע, נישט אַנטפּלעקטע האַנט שטיקט מיין האַלדז. ווי אַ משוגענע לויף איך אָן אויפהער. מיינע טריט הילכן אָפּ גרויזאַם און פאַרבאַרגן. אָט דאַכט זיך מיר, אַז פון אַ בעט ווינקט אַ יונגע באַקאַנטע פרוי, פון צווייטן רופט מיך אַן אַנדערע און באַוועגט לאַנגזאַם מיט איר געלער האַנט...

ווי געצווונגען פון אַ געהיימען כוח, דערנענטער איך זיך צו יעדן בעט, צו יעדער פרוי, טו אַ גלעט דאָ און דאָרט אַ האַנט, דעק איבער די גופים און פיל דערביי, ווי זיי האָבן מיך געפּאַנגען, געבונדן מיט טויזנטער פעדעם און פאַרשלאָסן פאַר מיר דעם צוריקוועגס...

אַ ווילדער כאַאָס צעזעצט דעם מות. אַלץ איז אַזוי מאַקאַבריש, אַזוי אומגלויבלעך שרעקלעך, אַז עס איבערראַשט מיך נישט דער פלוצ־לינגדיקער און גרויליקער געיאָמער אין איינעם פון די צימערן.

איך גיי נאָכן קול, וואָס טראָגט זיך אין דער וויסטער שטילקייט, ווי אַ ווייגעשריי, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט. ביי אַ בעט, קניענדיק — אַ יונגער, האַלב־פאַרחלשטער מאַן. ער קושט אַ דאַרע, שטייפע פרויען־האַנט און יאָמערט, וואָיעט, קלאָגט...

ער איז געקומען אין דער קליניק באַזוכן זיין פרוי מיטן ניי־געבוירע־נעם זון...

די שטוב מיט אונדז צוזאַמען זינקט אין שטילשווייגן; ישראל איז איינגעשלאָפן. דורכן פענצטער קוקט אַריין פון ווייט, ווייט אַ שטיקל גרויער פאַרנאַכט־הימל. אין אַש פון דער ברענענדיקער קיך פינקלען קוילן. אַ גאָל־דענער שטויב שווימט אין דער קוואַל פון אָפענעם טירל.

פון יענער זייט טיר שטעקט עמעצער פּאַוואָליע אַריין אַ שליסל אינעם שלאָס. כאָטש כ׳דערקען פראַנעקס אַרט אָנקומען אַהיים, ציטער איך אויף. מיר לעבן, ווי האָזן. עס דאַכט זיך מיר, אַז אַפילו אין שלאָף האַלט איך איין אויג אָפן און ביי יעדן קלענסטן קלאַפּ, לויפט אַדורך אַ פראָסט איבערן לייב. איך גלייב נישט, אַז כ׳וועל זיך ווען עס איז דערפון באַפרייען.

פראַנעק באַגריסט אונדז האַרציק און באַלד נעמט ער זיך צו זיין טואַ־לעט. ביי אַ שפיגעלע איבער דער קיך שמירט ער איין די באַקן מיט ראַזיר־זייף. ער קלאַפּט זיי מיט אַ בערשטעלע, ביז עס באַווייזט זיך אַ ווייסער שוים.

— העלענאַ — פרעגט ער רעדנדיק צום שפיגל — איז עס אמת, אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ ווייַן, וואָס שיסט אַליין אַרויס דעם קאָרעק און דערנאָך שוימט ער זיך, ווי אַ פיסק פון אַן אָפּגעמאַטערט פערד, אַדער ווי דער זייף איצט אויף מיינע באַקן?

— אמת, פראַנעק. אויב מיר וועלן איבערלעבן היטלערן, וועלן מיר טרינקען אַזאַ ווייַן ביז צום שיכור ווערן!

— דערצייל מיר, העלענאַ, ווי אַזוי מיר וועלן זיך משמח זיין נאָך דער באַפרייאונג. איך האָב זייער, זייער ליב צו הערן פריילעכע מעשיות, דערצייל, העלענאַ!

— איך קאָן איצט נישט, פראַנעק, זיי מיר מוחל. אַ צווייט מאָל וועל איך דערציילן.

— אָבער איינס נעם איך זיך אויס, — פינטלט ער קונדאַצקע מיט אַן אויג — אָט אַזאַ ווייַן וועט זיין דער „ברודערשאַפט־געטראַנק״ צווישן מיר מיט פריילין מאַגדאַ, אַפילו אויב מיין דאַנקאַ וועט פון כעס אויסשיסן ווי דער קאָרעק און שוימען זיך ווי דער ווייַן!..

אסתר זאָגט אים צו.

נאָכן אָפּגאָלן זיך, דערלאַנגט אונדז פראַנעק אַ געהיימען ביולעטין — אַן אויסגאַבע פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. זיינס אַן אַרבעט־חבר ברענגט אים פון צייט צו צייט אַזאַ בלעטל.

איך באַמערק, אַז ישראל שלאָפט שוין נישט. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער זיך צוגעהערט צום געשפרעך, אָבער ווען פראַנעק דערלאַנגט דעם בולעטין, וואַכט ער אויף אין גאַנצן און צוזאַמען מיט אונדז פאַרטיפט ער זיך אין לייענען די ידיעות.

.20

אסתר קאָן זיך נישט דערוואַרטן אויפן שבת (אויף סטאַכס פאָרן קיין פאַריסאָוו), עס איז איר שווער איינצוזיצן אין שטוב, לויפט זי אַרום און זוכט אָפּ באַקאַנטע. אויך ביי אַדאַמען מיט וולאַדאַן איז זי געווען. אַדאַם איז אַ קריסט, זיין פרוי וולאַדאַ — אַ קעלצער יידישקע. זיי זענען אונדז באַקאַנט נאָך פון דער געטאָ־צייט, ווען מיר האָבן דורך אַדאַמען זיך צוגעגרייט „אַרישע פאַפּירן", וואָס זענען אין איינער פון די „אַקציעס" פאַרלוירן געגאַנגען.

אסתר האָט געהאָפט, אַז עמעצער פון אירע באַקאַנטע וועט פאָרן קיין פאַריסאָוו פאַר שבת. אָבער פון אַלע באַזוכן קומט זי צוריק אַ נידערגעשלאָגענע, מידע און טרויעריקע.

אַדאַם מיט וולאַדאַן זאָגן צו אויסצואַרבעטן פאַר אסתרן אַן אַרישן פאַספּאָרט, וואָס רופט זיך „קענקאַרטע". קענקאַרטעס זענען פאַראַן צווייערליי: אַזוינע וואָס שטיצן זיך אויף אָריגינעלע דאָקומענטן און אַנדערע, אַזוי געררופענע „ליפּעס".

פוילישע באַאַמטע אין מאַגיסטראַט גנבענען אַרויס פּעסער־בלאַנקעטן, פילן אויס די פּערזענלעכע פּרטים לויט דער פאַנטאַזיע פון „קליענט" און באַזאָרגן מיט דייטשישע שטעמפּלען. אַזאַ „ליפּע" קאָסט פון 200 ביז 800 זלאָטעס. דער אונטערשיד פון אַ פאַלשער ביז אַן אמתדיקער „קענקאַרטע" באַשטייט אין דעם, וואָס אַ באַזיצער פון אַ „ליפּע" איז נישט פאַרשריבן אינעם שטאָטישן איינוווינער־רעגיסטער און באַקומט נישט קיין לעבנסמיטל־קאַרטע. אויב עס פאַלט אויף אים אַ חשד, איז גענוג אָנצופרעגן אין מאַגיסטראַט און דעמאָלט דעקט זיך אויף דער אמת.

דאָך האָבן הונדערטער יידן, אויך פאַרטיי־חברים (אַדאַם, וולאַדאַ און איר שוועסטער וויצקאַ, זענען קאָמוניסטן), אַזעלכע „ליפּעס". עס טרעפט, אַז דייטשן רינגלען אַרום אַ געוויסן שטח און לעגיטימירן דורכגייער. די,

וואָס האָבן נישט קיין דאָקומענטן, ווערן פאַרהאַלטן; בלויז צוליב דעם איז כדאַי צו האָבן אַ „ליפּע".

עס זענען אויך פאַראַן פאַלשע אויסמעלדונגס־אָפּשניטן, ווי צום ביי־שפּיל פון קראָקע, ראַדאָם אָדער אַנדערע שטעט. אויפן סמך פון אַזאַ אָפּ־שניט קאָן מען זיך איינמעלדן און מען באַקומט אפילו אַ שפּייז־קאַרטע, אָבער דאָס מוז געדויערן און איז אויך פאַרבינדן מיט הוצאות. אסתר האָט באַשלאָסן צו קויפן דערווייל אַ געוויינלעכע „ליפּע" און אין משך פון דער צייט איינצוהאַנדלען אויך אַן אויסמעלדונגס־אָפּשניט.

זי עצהט זיך מיט אונדזביים אויסקלייבן אַ נאָמען. מיר קלערן, זוכן און ווילן אויס דעם נאָמען „מאַגדאַלענאַ סקופּינסקאַ". אויך די איבעריקע איינצלהייטן קאָמפּלעטירן מיר לויט אונדזער צעשפּילטער פאַנטאַזיע.

און פון דער מינוט אָן רופן מיר אסתרן — „מאַגדאַ".

היינט האָבן מיר געמאַכט דעם קאָנטראַקט מיט אַגאַטאַן און באַצאָלט איר פאַר אַ האַלב יאָר דירה־געלט. איבערמאָרגן באַקומען מיר דאָס שטיבל. דאָס אויסקאַלעכן און ברענגען אַלץ אין אָרדענונג וועט געדויערן אַ טאָג צוויי; זונטיק, דעם 27־טן סעפּטעמבער, פאַרלאָזן מיר פּראַנעקן.

איך האָב פאַרגעשלאָגן ישראלן מיר זאָלן דעם טאַטן נעמען צו זיך. ער באַקומט טרערן אין די אויגן פון פרייד און כאַפּט מיך אַרום. מיר שטעלן זיך פאַר דעם טאַטנס שמחה, ווען ער וועט שוין זיין מיט אונדז צוזאַמען; זיין ערשטע נאַכט אויף דער „פריי"... עס ווערן געבוירן אַלערליי פּלענער, פאַנטאַזיעס, וואָס פאַרטרייבן מינוטנווייז דעם טרויעריקן אמת.

סטאַך האָט בעת זיין פאַרנאַכטיקן באַזוך דערציילט, אַז וולאַדעק מיט זיין ווייב אַניעלאַ (סטאַכס ברודער און שוועגערין) באַזעצן זיך אין וואַרשע. זיי האָבן שוין אַ דירה און סטאַך האָט אַ פּלאַן איינצואָרדענען דאָרט אסתרן — מאַגדאַן. די איינציקע זאַך, וואָס באַאומרואיקט אים אָבער, איז אַניעלאַס ברודער, וואָס דאַרף בשום אופן נישט וויסן ווער אסתר איז. דע־ריבער מוז זי קודם כל באַקומען די „קענקאַרטע" און דעמאָלט וועט זיך שוין אַלץ איינסדרן.

סטאַך פרעגט, צי מיר האָבן זדאַנאָווין „באַפרידיקט" פאַר זיין נישט געלונגענעם באַזוך ביי פּישלען און ווען ער דערהערט, אַז מיר האָבן באַ־צאָלט די גאַנצע סומע פון אַכט הונדערט זלאָטעס — שפּייט ער אויס און שיקט נאָך אַ זאַפטיקע קללה: „אַ חזיר! אַפילו די העלפט האָט ער נישט געדאַרפט נעמען!".

— הערסט, סטאַך — זאָגט ישראל מיט זיין רואיק קול — איך ווייס נישט פאַר וואָס, אָבער זדאַנאָווי וועקט אין מיר אַ געפיל פון מורא און

שרעק. מ׳דאַרף מיט אים זיין פּאַרזיכטיק און זיך היטן, ווי פֿאַר אַ שונא.
— עט, איר זענט ביידע צו פיל עמפּינדלעך, צו פיל איבערגעשראָקן! מאָרגן, יאַנעק, גייסטו אין מאַגיסטראַט איינגעבן אויף אַ „קענקאַרטע", האַ? זאָל עס זיין צום גליק, ברודער! אַט דאָס לינקע אויג בייסט מיך, „קלאַוואַ"! עס וועט זיין גוט!

21.

אַגאַטאַ האָט אונדז היינט אין דער פרי געגעבן דעם שליסל. אַ האַלבן טאָג האָב איך געאַרבעט ביים קאַלעכן, וואַשן און רוימען דאָס שטיבל. עס זעט שוין אויס אין גאַנצן אַנדערש. איבערמאָרגן ציען מיר זיך איבער.

מיט מיינע נאָענטסטע שכנים פון פינפטן שטאָק האָב איך זיך באַקענט ביים נעמען וואַסער (אויף יעדן שטאָק געפינט זיך דער וואַסער־קראַן מיט אַ שיסל אינעם שותפותדיקן קאָרידאָר פונעם טרעפּ־געלענדער). רעכטס פון מיין טיר וווינט אַן איינזאַמע, דרייסיק־יעריקע בלאָנדע פרוי — אַ שפּי־טאַל־וועכטערין. אַנטקעגן איבער — אַ קינדערלאָז פּאָרפאָלק: ער אַ פופציק־יעריקער אַרבעטער, באַשעפטיקט אין אַ רימער־וואַרשטאַט; זי, וואַלעריאַ, אַ דאַרע, קליינע פרוי מיט גוטע קעלבישע אויגן — אַרבעט דריי טעג אין דער וואָך ביי דער שטוב־ווירטשאַפט פון אַ רייכן שניידער.

זיי שטייען ביי דער שוועל און קוקן ווי איך אַרבעט. „יעזוס, מאַריאַ! — רוף איך אויס — איך האָב מיר שוין די נעגל אָפּגעריבן ביים קראַצן דעם שמוץ; עס פּאַסט גאָרנישט פאַר אַן „אונדזעריקע" אַזוי צו פאַראומרייניקן אַ שטוב, ווי אַגאַטאַ האָט עס געטון".

אויך דער הויז־וועכטער קומט אַרויף, שאָקלט אַ צופרידענער מיטן קאָפּ און דרייט זיינע „שטרויענע" וואָנסעס: „יונגע הענט זענען נישט אַלט! אַ גוטן לאָקאַטאָר האָט זי אָנגעטראָפן, אַגאַטאַ, ווי כ׳האָב די באָבע ליב, זי וועט איר שטוב נישט דערקענען, די אַלטע!".

איך פיל אויס, אַז זיי אַלע פאַלט אַפילו נישט איין חושד צו זיין, אַז מיר זענען יידן. אויך ישראל קומט דאָס ערשטע מאָל אַרויף אָנגעטון אין פראַנעקס אַלטן קאַפּטאַן מיט גרינע לאַמפּאַסן אַרום דעם קאָלנער און מאַנ־קעטן. דאָס שטיבל געפעלט אים זייער. ער נעמט זיך באַלד צו דער אַרבעט און ציט אַרויס דאָס איינגערעמטע שייבעלע פונעם סופיט, קלאַפּט צו אַ זאַוויאַסע און שוין קאָן מען דאָס פענצטערל עפענען. ווען איך מאַך צו די טיר, רוימט מיר ישראל איין אין אויער: „זעסט אויס ווי אַן אמתע גויע". דאַנקאַס גאָספּאָדאַרסקע שירץ, לוציאַס אַלטער רויטער סוועטער, די פּאַר־שאַרצטע אַרבל, דאָס מיט קאַלך באַשפּריצטע פנים און דאָס בונטע, גע־בלומטע טיכל אויפן קאָפּ — גיבן מיר צו זיכערקייט און חוצפה.

אַגאַטאַ האָט איבערגעלאָזט איר שטרוי־זאַק מיט פאַרדומפּן שטרוי, פון וועלכן עס טראָגט זיך אַ ריח פון מייז אין אַ פאַרלאָזטן קעלער. פראַנעק גיט אונדז אַ קישן מיט אַ דעק, די איבעריקע נייטיקע זאַכן וועלן מיר קויפן.

פראַניאַ איז אַרויפגעקומען מיט פראַנעקן און אסתרן. פראַניאַ האָט מיר געבערענגט אַ געשאַנק, אַ בילד פון דער „הייליקער מוטער" און עס אויפגעהאַנגען איבערן בעט. פראַנעק האָט אונדז דערלאַנגט ברויט מיט זאַלץ אויף אַ טעצל. אסתר, דערזעענדיק אונדזער „פּאַלייי", איז געוואָרן פאַרשטומט; אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. איך פראָפּאָניר איר, זי זאָל וווינען מיט אונדז צוזאַמען, אָבער זי איז נישט מסכים און פאַרענטפערט דאָס דערמיט, אַז „צו פיל יידן אויף איין פלאַץ איז אַ סכנה — אויב מיר וועלן זיין פונאַנדערגעוואָרפן, יעדער אויף אַן אַנדער אָרט — וועט אפשר עמעצער פון אונדז איבערלעבן".

איך פּוץ דאָס שייבעלע און שטעק אַרויס דעם קאָפּ דורכן לאָך אין דאַך. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אַ ים מיט דעכער. איך דערקען אויך די שפּיצן פון קאַשטשאָלן אַרום די געטאָ־הייזער. ביי סטאַכן פלעגט צו מיר דערגיין דער אָפּהילך פון שיסערייען. דאָ איז צו ווייט, מען הערט נישט. דער ווינט רוישט, ווי ער וואָלט מיר געבערענגט טרויעריקע גרוסן פון מיינע אומגליקלעכע ברידער, וואָס ווילן לעבן אַזוי ווי איך, נאָר האָבן נישט וווהין צו גיין...

עס באַפאַלט מיך אַ מרה־שחורה און איך פאַרליר דעם חשק צו ווייטערדיקער אַרבעט ביים רייניקן דאָס שטיבל. אַלע צוזאַמען גייען מיר אַראָפּ צו פראַנעקן.

— —

פאַר נאַכט איז ישראל געגאַנגען איינגעבן אויף אַ „קענקאַרטע". אין אַ בערבער־מאַנטל, שטאָלץ, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, לויט פראַנעקס „רעצעפּט", איז ער אַוועק, נישט אומקוקנדיק זיך אין די זייטן.

אַ צוגעשמידטע צום פענצטער קוק איך אַרויס. אַ מעלאַנכאָלישע שטילקייט צעגיסט זיך אינעם שיעווניטאַ־יאַנסקע געסל. בלוטיק שלאָגן אָפּ אין איינצלנע שויבן, די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון. אַלץ אַרום דרימלט איין. נאָר דאָס געזונטע קול פון דער ברייט־צעוואַקסענער פּאָמידאָרן־פאַרקויפערין ביי איר וועגעלע — טראָגט זיך פונאַנדער ווייט און ברייט, כאַפּט זיך אָן אין די אַלטע, אָפּגעהאַקטע גזימסן פון די הויכע, שמאָלע הייזער, ווירבלט מיט לעבן אינעם כסדרדיקן רופן: „יאַבלקאָווע, מאַלינאָווע פּאָמידאָרי! פּ־אָ־מ־י־ד־אָ־ר־י!".

און פלוצלינג צעהילכן ווילדע געשרייען: „לאַפּטשע זשידאַ, לאַפּטשע זשידאַ!!" (כאַפּט אַ ייד! כאַפּט אַ ייד!!).

אַ פֿאַרבלוטיקטער, האַלב־נאַקעטער בחור לויפֿט אַדורך די גאַס. עט־לעכע צעיושעטע שקצים, טייל מיט שטעקנס, יאָגן אים. פֿון אַ געוועלבל אינעם זייטיקן געסל שפּרינגט אַרויס אַ גרויסער, ברייטער גוי. ער פֿאַר־שטעלט מיט זיך דעם וועג פֿאַרן ייִד... ווי אַ סטאַדע וועלף פֿאַלן צו אים צו די שקצים...

אין קאַשטשאַל צעקלינגען זיך גלאָקן צום „ניעשפּאַר־געבעט״... עס ציטערן מיר די הענט און פֿיס. אַ בליץ־געדאַנק שניידט אַדורך מיין פֿאַר־חושכט געמיט: געלויבט איז גאָט, אַז דאָס איז נישט ישׂראל... דער געדאַנק פֿאַרשעמט מיך און מאַכט מיך אומווערדיק אין מיינע אייגענע אויגן...

— —

ווען ישׂראל קומט אַהיים, פֿריי איך זיך נישט מיט אים. ער גרויסט זיך מיט זיין צייטווייליקן דאָקומענט, וועלכן ער האָט באַקומען אין מאַ־גיסטראַט און ווייזט אים מיר. איך פֿאַרמאַך די אויגן. איבער די באַקן שווימען טרערן. אַלץ טוט אַזוי מוראדיק וויי! איך בין ווי אַן אַנטבלויזטער צאַן־נערוו — עמפּינדלעך, צאַפּלדיק, אָנגעווייטיקט...

.22

סטאַך איז דעם 26 סעפּטעמבער פֿאַר מיטאָג געפֿאָרן קיין פּאַריסאָוו, מיטנעמענדיק אַ בריוו פֿון אסתרן. אויך פֿראַנעק האָט זיך צוגעאיילט און געפֿאָרן נאָך דאַנקאַן. איבערמאָרגן פֿרי וועט ער מיטן וויב זיין צוריק.

היינטיקן טאָג פֿאַרבלייבט אסתר מיט אונדז. מיר זענען אַלע דריי אויפֿגערעגט און וואַרטן אומגעדולדיק אויפֿן קינד און אויף מינדלעכע ידיעות פֿון פּאַריסאָוו. מיט שמועסן פֿאַרטרייבן מיר די צייט. אסתר דער־מאָנט, אַז היינט, אַרום האַלב פֿיר נאָך מיטאָג וועלן קומען מיט וולאַ־דאַן. צוויי מאָל איז זי ביי זיי געשלאָפֿן. זי דערציילט וועגן זייער אָרעמען אָרט לעבן, וועגן דער גרויסער אמונה אין קאָמוניזם, וואָס פֿאַרגיטיקט זיי די שווערע לעבנס־באַדינגונגען. אסתר באַוווּנדערט דאָס גוטע צוזאַמענלעבן פֿון אַ קריסט מיט אַ ייִדישקע און רופֿט זיי אָן „די פֿאַרברענטע קאָמוניסטן״. אויך וויצקאַ, וולאַדאַס שוועסטער, איז אַ געטרייע פּאַרטיי־חברטע און פֿירט אויס, גאַנץ אָפֿט, זייער געפֿערלעכע שליחותן. וויצקאַן האָב איך נאָר איין מאָל געזען און זי איז געבליבן ביי מיר אין זכרון, ווי אַ פֿלאַם־פֿייער מיטן רויטן קאָפּ און בלויע, צעשפּילטע אויגן אינעם יונגן, מיט זומער־שפּרענ־קעלעך באַשיטן פּנים.

האַלב פֿיר, צוויי שעה פֿאַר סטאַכס צוריקקומען פֿון זיין רייזע, באַ־זוכט אונדז טאַקע דאָס פּאָרפֿאָלק. וולאַדאַ האָט זיך נישט געענדערט; אַדאַם זעט אויס נאָך געזונטער, ערנסטער און האַרטער, ווי מיט אַ יאָר צוריק,

זיין רואיק, אָפּגעבּרענט פּנים איז ווי אויסגעהאַקט פון אַ העל־בּרוינעם שטיין. ער באַגריסט זיך מיט אונדז שטייף, זעצט זיך בײַם טיש, קוקט אַ ווײַלע אויף די הייליקע בּילדער און רוקט אַרויס די אונטערשטע ליפּ, ווי צום פּייפן.

אסתר רעדט מיט ולאַדאַן. ולאַדאַ איז דער היפּוך פון וויצקאַן: זי איז אַ קליינע, טונקל־הויטיקע, רואיקע און ערנסטע. איר פּאַרריסן נעזל ציט אַרויף די אייבּערשטע ליפּ און דעקט אָפּ צוויי רייען געזונטע, ווײַסע ציין. ולאַדאַ, הגם זי פאַרמאָגט אַן אַליוון־פּאַרבּיקע הויט און טונקעלע האָר — זעט אויס ווי אַ געבּוירענע פּאָלקע.

ישראל רוקט אונטער דאָס שעכטל ציגאַרעטן; אַדאַם שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין: ער רייכערט נישט.

מיר שווײַגן. אויך אסתר מיט ולאַדאַן רייסן איבּער זייער געשפּרעך. אינעם שטיבּל ווערט די שטילקייט געדיכט. אַדאַמס קאַלטע, שטאָלענע אויגן פאַרהאַלטן זיך אויף מיר און שפּיזן מיך אַדורך.

— קאָנט איר מיר זאָגן, אַדאַם, פאַר וואָס איר קוקט אַזוי צאָרנדיק? — פרעג איך.

ער קלערט אַ רגע און באַלד פּאַלן ווערטער, ווי האַמער־קלעפּ בּײַ אַ שמידט:

— אַ ספּעציפיש פּאָלק זענט איר, יידן! איינצלנע צווישן אייך דער־גייען ביז צו געניאַליטעט אויף פאַרשידענע געביטן, אָבער אַלע צוזאַמען, די מאַסע, איז אַזוי ווי אַ סטאַדע שעפּסן, געטריבן פון איין פּאַסטעך און איין הונט — ביז צו דער שחיטה. יידן, יידן, גאַנצע בּערג גאָלד האָבן זיי מיטגעשלעפּט אָנשטאָט גראַנאַטן. ביז דער לעצטער רגע געהאַנדלט, גע־נאַרט איינער דעם צווייטן און אַזוי געלאָזט זיך פאַרנאַרן אין די גאַז־קאַמערן אַרײַן.

...אַ גאַנצע אַרמיי וואָלט דאָך געקאָנט אויפשטיין, ווען איר וואָלט גע־ווען אָרגאַניזירט, ווען יעדער פון אייך וואָלט נישט געגלייבּט, אַז ער איז קלוגער פון צווייטן און, אויב פּאָלגן — דאַרף מען טאָקע אים, נישט דעם אַנדערן! איר האָט אייער איינרעדעניש אויסגעזויגן מיט דער מוטערס מילך און געגלייבּט, אַז איר זענט אויסדערוויילטע, הייליקע, אומבּאַרירלעכע...

...פאַר וואָס האָט איר זיך נישט געוועהרט? פאַר וואָס האָט איר נישט אונטערגעצונדן די שאָפּן, געוואָרפן זיך מיט העק, אייזנס און אַפילו מיט גאָלע הענט אויף אייערע מערדער? פאַר וואָס איז דאָס יונגוואַרג נישט אַנטלאָפן אין די וועלדער אַרײַן, אָדער קיין רוסלאַנד און געשטעלט זיך אין די רייען צום קאַמף קעגן די נאַציס?

ישראל ווערט בּייז און רייסט אים איבּער:

— אַדאַם, איר זענט אונדזער גאַסט, אָבער איך בין נישט אין שטאַנד זיך צו באַהערשן. ווייסט איר דען נישט, אַדאַם, אַזוי גוט ווי איך, אַז אין אונדזער פאַרניכטונג האָבן די פּאָלאַקן אַ גאַר גרויסן חלק? האָבן דען נישט די „אַקאָווצעס" אויסגעמאָרדעט אַלע יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס זיי האָבן באַגעגנט? האָבן דען נישט טויזנטער פּאָלאַקן איבערגעגעבן אין דייטשישע הענט די יידן, וואָס האָבן געוואָלט קויפן אויף דער אַרישער זייט געווער, אָדער זיך אויסבאַהאַלטן פאַרן טויט? האָט איר נישט געזען, אַדאַם, ווי מאַסן פּאָלאַקן האָבן זיך געוואָרפן אויף יידיש האָב און גוטס און צערויבט עס ווי קראָען? האָבן די יידן, אין זייער טיפסטן עלנט, באַקומען פון ערגעץ ווו אַן אויסגעשטרעקטע האַנט מיט הילף? פאַר וואָס האָט איר נישט געהאָלפן שאַפן אַזאַ אַרמיי, וועגן וועלכער איר דערמאָנט? איר טאַדלט אונדזער שוואַכקייט? ווער איז דער באַשולדיקער — איר, אָדער איך?! איך באַשולדיק!! איך באַשולדיק אין דער ערשטער ריי, נאָך די דייטשן, אייך, פּאָלאַקן. פאַר וואָס האָבן די דייטשן נישט געשאַפן קיין טרעבלינקעס אין קיין שום אייראָפּעאישן לאַנד, נאָר דווקא דאָ, אין פּוילן? איך ווייס געווי, ווי אומבאַהאָלפן מיין פאָלק איז געווען! סיסטעמאַטיש האָבן די דייטשן צעבראָכן זיין חוט השדרה, דעמאָראַליזירט כמעט אַלע, דערנידעריקט און פאַרוואַנדלט אין חיות. מאַסן פּאָלאַקן האָבן לאַכנדיק זיך צוגעקוקט, ווי דייטשן הייסן דעם יידישן טאַטן פּאַטשן זיין זון אין מיטן דער גאַס און דערנאָך דעם זון פּאַטשן דעם פאָטער אַזוי לאַנג, ביז די פּנימער פוןביידן זאָלן געשוואָלן ווערן. די פּוילישע מאַסן האָבן זיך מיט פרייד צוגעקוקט צו כל מיני טייוולאַנישע שטיק: אַן אַלט פאַרפאַלק שפּרינגט איינער איבערן אַנדערן אַזוי שנעל, ווי שנעל דער דייטש באַווייזט צו שמייסן מיט זיין פייטש... אַנדערע יידן מאַכן גימנאַסטיק לויטן באַפעל, טאַנצן, קאָלערן זיך, שפּייען אין די אויגן איינער דעם צווייטן און די פּוילישע מאַסן גייען זיך נישט פונאַנדער מיט עקל, פּראָטעסטירן נישט, ווייזן נישט אַרויס קיין מענטשלעך געפיל, נאָר — פרייען זיך, שעפּן נחת, כאָטש די יידישע בערד ליגן אין דעם זעלבן רינשטאָק, וואָס דער פּוילישער אָדלער... אונדזער פאָלק האָט געוווסט, אַז עס האָט נישט פון קיינעם צו דערוואַרטן קיין הילף און אויב עס וואָלט שוין יאָ עמעצן געלונגען אַפּצוראַטעווען זיך פון די דייטשישע הענט, וואָלט ער געפאַלן אַ קרבן פון די פּאָלאַקן. אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים, שרעקנדיק זיך פאַרן אייגענעם שאָטן, האָבן די יידן געהאַט נאָר איין וועג: אומצוקומען אַלע צוזאַמען. אינעם שטילן גיין צום טויט פון הונדערטער טויזנטער, פון מיליאָנען — ליגט אפשר אויך אַ גבורה! אַ גרויזאַמער, שטילער פּראָטעסט פון אַן אויסגעקוילעטע פאָלק! אפשר וועט דער דאָזיקער פּראָטעסט אויפ־

טרייסלען דאָס געוויסן פון דער וועלט, כאָטש איך גופא גלייב אין דעם וויניק. איך גלייב אָבער, אַז די געציילטע, וועלכע עס וועט געלינגען זיך צו ראַטעווען, וועלן אפשר באַדויערן, וואָס זיי זענען געבליבן לעבן... זיי וועלן זיך פילן, ווי אַ טייל פונעם גרויסן מיסט־קאַסטן, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן ערדקיילעך. די שנאה צו אונדז האָבן די פוילישע קינדער אויס־געזויגן מיט דער מוטערס מילך. די איינציקע זאַך, מיט וואָס אַ ייד אין גלות האָט זיך געקאָנט אָפּקויפן, איז געווען געלט; האָט ער עס געזאַמלט אַלס שוץ קעגן אומקום. די באַשולדיקונג קעגן אונדז איז אַן אומגערעכטע. דער שוואַרצער האַקנקרייץ, די „הייליקע בילדער", אָדער צעברויזטע רעוואָ־לוציעס — אַלץ האָט דאָס ערשטע אונדז אויפן וועג אָנגעטראָפן און פאַר־ניכטעט. מיר האָבן געמוזט גלייבן אין ניסים, פון אַלע אַנדערע גלויבנס האָט מען אונדז באַרויבט... עס דאַרף זיך קיינער נישט דערוואַגן אונדז צו באַשולדיקן, דעם שאַנדפלעק טראָגן די שטאַרקע!

איך זע, ווי ישראלס הענט ציטערן. אַדאַם קוקט זיך צו צו די שפּיצן שיך, ציט צוזאַמען דעם שטערן, אַז דער קנייטש צווישן די ברעמען פאַר־טיפט זיך. זיינע פאַרביסענע ליפּן מאַכן זיך אויף:

— אַ סך אמת איז דאָ אין אייערע ווערטער, אָבער איר מישט אויס אַלע פּאַלאַקן אין איין קעסל און דאָס איז נישט ריכטיק. די פּאַלאַקן, וואָס איר שטעלט פאַר, זענען דער פּראָדוקט פון פאַרזייעטער שנאה, וואָס שטאַמט פון אַט די דאָזיקע בילדער (דאָ ווייזט ער מיטן פינגער אויף דער וואַנט). הונדערטער יאָרן האָבן גלחים, די איינגעשפּאַנטע אינעם גאָלדענעם וואָגן פון קאַפּיטאַליזם, אויסגעפּירט זייער „הייליקע" פליכט און פאַרסמט די מאַסן. טאָג נאָך טאָג האָבן זיי פאַרפּלאַנצט אין פרידלעכע פעלקער אַ ביאַלאָגישע שנאה צו אַ האַלבער וועלט מענטשן. זייער פּרעדיקן טראָגט נישט דעם אָנזאָג פון התקרבות און ברידערלעכקייט, נאָר — רופט צו צעשפּאַלטונג, פיינדשאַפט און האַס. ווען דאָס פאָלק וואָלט אָוועקגעוואָרפן די מורא פאַר „יענער וועלט" און פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ ווערק־צייג אין אויסניצערישע הענט, וואָלט עס געוווסט, אַז דער ייד איז אויך אַ ברודער. די אַלע פאַרטעמפּטע, אָפּגענאַרטע, פאַרבלענדטע פּאָלאַקן גע־הערן צו איין קאַטעגאָריע — איך געהער צו דער צווייטער.

— אַנטשולדיק, אַדאַם, — רייס איך איבער — האָט איר געהאָלפן וועלכן ייד זיך ראַטעווען?

אַ ביטערער געלעכטער קרימט אויס זיין מויל:

— אויב נישט צענדליקער, איז הונדערטער יידן! איך, וולאַדאַ און וויצקאַ איר שוועסטער, רוען נישט. זינט לאַנגע חדשים פירן מיר אַרויס פון קעלץ, ראַדאָם, קראָקע, טשענסטאָכאָוו, וואַרשע און אַנדערע שטעט —

פרויען און מענער; פאַרשטייט זיך, קודם כל, אונדזערע פּאַרטיי־חברים, צו וועלכע עס „קלעפּן זיך" אויך צו „פרעמדע", וואָס כמעט אַלע בלייבן מיט אונדז.

— און פאַר וואָס טוט איר דאָס, אַדאַם? פאַר וואָס שטעלט איר אײַן דאָס לעבן, אויב איר זעט אַזוי פיל שלעכטס ביי יידן?

— איך וווּנדער זיך, העלענאַ, אַז איר קאָנט מיר שטעלן אַזעלכע פראַגן. ווייסט איר דען נישט, אין וואָס פאַר אַ ליניע איך גיי? ביי מיר זענען אַלע מענטשן גלייך, צו וואָסערער נאַציאָנאַליטעט זיי זאָלן נישט געהערן. אַלע אונטערדריקטע, אויסגעניצטע, אַלע די זענען מיינע ברידער, אַפילו ווען זיי זענען יידן, קאָנט איר דאָס פאַרשטיין?

אַדאַם איז שטייף, זיינע אויגן זענען פּראַסטיק. עפּעס שלאָגט פון אים אַזאַ מאַכט, אַזאַ זיכערקייט, אַזאַ ערלעכקייט, אַז איך ווער ווייכער, מילדער און שוואַכער.

— פאַר רעכט צום לעבן — הערן מיר ווידער אַדאַמס קול — האָבן מענטשן אייביק געקעמפט. מען דאַרף זיך שלאָגן מיט דעם, וואָס וויל די דאַזיקע רעכט צונעמען, מען דאַרף קעמפן עקשנותדיק, פאַרביסן, אויף טויט און לעבן. שנאה שאַפט קראַפט, אומרעכט — נייע רעכט, דער ווילן...

ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן דעם זאַץ, ווי עמעצער האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיר לויטן פאַראַל־צייכן. איך מאַך אויף. סטאַך איז דאָ! ער דער־לאַנגט אסתרן אַ פּעקל און אַ בריוו. אַ צעטומלטע, אַן אומגעדולדיקע, נעמט זי אויף דער גיך לייענען דעם בריוו. כ׳פרעג סטאַכן וועגן קינד און באַקום אַ קורצן ענטפער: „זיי האָבן נישט געוואָלט געבן". איבער אסתרס פּנים רינען טרערן. „מאַמעניו, — פליסטערט זי — מאַמעשי, טייערע, איינציקע". איך נעם ביי איר דעם בריוו. די מוטער שרייבט אין אַ רואיקער פאָרם, מענעריש, ווי שטענדיק, אַז זיי זענען פּשוט גליקלעך מיט סטאַכס באַזוך און מיט דעם, וואָס אסתר איז „זיכער". זי האָפט אויך, אַז גאָט וועט זיי, אין פאַריסאָוו, נישט פאַרלאָזן. זי שיקט מיט סטאַכן אסתרס זאַכן. מיטן קינד ווילן זיי זיך נישט שיידן. יעקב מאיר מיט שרהן שרייבן אויך צו. ער האָט באַקומען אַרבעט, די מוטער און אַלע פילן זיך גוט. אסתר זאָל אָבער לעת עתה נישט קומען קיין פאַריסאָוו. אַ פאַר הונדערט סטאָצקער יידן זענען אַוועק אין אַן אַרבעט־לאַגער, וואָס געפינט זיך אינעם דאָרף כיזין; ווען נישט די מוטער, וועלכע זיי ווילן נישט איבערלאָזן אַליין, וואָלטן זיי ביידע אויך אַוועק, איבערגעבנדיק אסתרן דאָס קינד. אין די נאָענטסטע טעג וועלן זיי באַשליסן וואָס צו טון; אויב עס איז מעגלעך, זאָל סטאַך ווידער קומען אין אַ פאַר טעג אַרום.

— כ׳וויל אייך אָבער עפּעס זאָגן, וואָס באַאומרואיקט מיך — רעדט

סטאַך מיט אַ פאַרבאַרגענער שטים. — ווען כ׳בין געווען אויפן וואָקזאַל און שוין געהאַט אַ בילעט אויף צוריק קיין ייִאַרשע, האָב איך געהערט, ווי די באַן־אַנגעשטעלטע רעדן צווישן זיך וועגן באַפעל גרייט צו מאַכן וואַגאָנען צום טראַנספּאָרטירן די יידן קיין טרעבלינקע. איך האָב אַפילו געוואָלט צוריק־גיין קיין פּאַריסאָוו, כאָטש עס איז אַ פּאָר קילאָמעטער פון דער באַן־סטאַ־ציע, אָבער כ׳וואָלט שוין דאָרט געמוזט נעכטיקן. ביז אין דער פרי איז נישטאָ קיין פאַרבינדונג און דערביי האָב איך מיר געקלערט, אַז אפשר מיינט מען נישט די סטאַצקער יידן, טאָ צו וואָס זיי איבערשרעקן? אָבער איצט האָב איך צו זיך שווערע טענות און מוז אייך זאָגן, אַז כ׳בין זייער אומרואיק.

אסתר ברעכט די הענט, לויפט צו צו וולאַדאַן מיט אַדאַמען, וויינט, בעט זיי זאָלן איר העלפן און פאָרן קיין פּאַריסאָוו. אַדאַם וואַרפט קאַטע־גאָריש אָפּ דעם פאָרשלאַג, פאַרענטפערנדיק זיך מיט אַ דרינגענדיקער זיצונג אין דער פּאַרטיי, וולאַדאַ איז צעשטרייט און שטימט איין צו פאָרן אויב זי וועט נאָך היינט באַקומען אַ פאַרבינדונג. ביידע פרויען גייען אַרויס. אַדאַם מיט סטאַכן בלייבן נאָך .

— מיט אַ דריי וואָכן צוריק — זאָגט אַדאַם — בין איך גראָד געווען אין סטאַצק און פאַרגעלייגט אסתרן זי זאָל אַנטלויפן און איך בין גרייט זי מיטצונעמען קיין וואַרשע. זי האָט אָבער דערקלערט, אַז דער מאַגן איז ביי איר חולה׳וואַטע און זי פילט זיך נישט גוט. זי האָט באַ־שלאָסן מיט מיר מיטצופאָרן ביי דער צווייטער געלעגנהייט. אין אַ צען טעג שפּעטער איז מיר ווידער אויסגעקומען צו זיין אין סטאַצקער געגנט, בין איך ספּעציעל געפאָרן צו עסטושאַן, אָבער צו מיין גרויסער אַנטוישונג האָב איך דערהערט, אַז זי איז שוין געזונט, נאָר זי קאָן נישט פאַרלאָזן די מוטער...

סטאַך זיצט שטיל. ער איז צעטראָגן, פאַרקלערט און באַהאַלט אויס די אויגן. מיר דאַכט זיך, אַז ער טראָגט אין זיך אַ סוד, וואָס מוטשעט אים. איך באַמערק, אַז אַדאַם איגנאָרירט אים און מאַכט מיטן מויל די זעלבע באַוועגונג, ווי ביים קוקן אויף די הייליקע בילדער.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן, דערציילט אַדאַם ווייטער:

— אין אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע, דינטער שעדלעץ, האָב איך אין מיין אָפּטיילונג געהאַט דריי יידן. זיי זענען געווען די קרוין פון דער חברה: קלוג, פאַרזיכטיק, נישט דורכשניטלעך פעאיק, מיושבדיק און מיט אַזעלכע טייוולאָנישע איינפאַלן צו שאַדענען דעם שונא, אַז איך בין אָפּט מאָל נתפּעל געוואָרן. די געפערלעכסטע שליחותן האָבן זיי אויסגעפירט מיט אַזאַ חכמה, מיט אַזוי פיל פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז איך האָב זיי טיף אין

האַרצן געליבט, ווי אַ פֿאָטער. פּשוטו, גראָבע אַרבעטן האָב איך אַרויפֿגע־לייגט אויף די אַריער, וועלכע זענען געווען אויסגעאיבטע זעלנער און פֿאַכמעניש אויסגעפֿירט יעדן באַפֿעל. עס האָט געטראָפֿן, אַז אין משך פֿון אַ פּאָר וואָכן האָבן מיר זיך נישט געקאָנט קאָנטאַקטירן מיט דער הויפּט־אָנפֿירערשאַפֿט און נישט געהאַט קיין איבעריקן גראָשן אויף זייטיקע הוצאות, ווי קליידונג און דער עיקר שיך. ווער אָבער עס האָט געהאַט אייגן געלט, האָט זיך געמעגט קויפֿן די נייטיקע זאַכן. עטלעכע פֿון דער גרופּע האָבן טאַקע איינגעהאַנדלט גוטע שטיוול ביי דאָרפֿס־פּויערים. ביי איינעם פֿון די דריי יידן האָבן זיך צעריסן די שיך, האָט ער אַרומגעבונדן די פֿיס מיט שמאַטעס. אויף מיין פֿראַגע, צי ער האָט נישט קיין געלט צו קויפֿן אַנ־דערע, האָט ער געענטפֿערט, אַז אַזוי איז אויך גוט. האָב איך זיך געוואָנדן צו דער גאַנצער גרופּע פּאַרטיזאַנער און געפֿרעגט, צי עס האָט ווער אי־בעריק געלט, כדי צו קויפֿן שיך פֿאַרן חבר. יעדער האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס לעצטע פֿון קעשענע און באַלד איז געווען די גענוגנדיקע סומע, אָבער דער ייד האָט דאָס געלט נישט געוואָלט צונעמען און עס געהייסן אַריינ־לייגן אין דער אַלגעמיינער קאַסע. די זעלבע נאַכט האָבן דייטשן אַרומגע־רינגלט דעם וואַלד און מיר האָבן געמוזט זיך אַדורכרייסן דורכן פֿיינדלעכן קאָרדאָן. דריי שעה האָבן מיר געקעמפֿט, באַוואָרפֿנדיק מיט גראַנאַטן דעם שונא, ביז מיר זענען אַדורך; די רעגן־נאַכט איז אונדז געקומען צו הילף און אין די קילאָמעטערס לאַנגע וועלדער האָבן מיר געפֿונען אַ פֿאַסיקן און זיכערן פּלאַץ. ביים אַפּעל פֿון דער גרופּע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פֿעלט דער ייד אָן שיך. נאָך לאַנגע זוכעניש, האָבן מיר אים געפֿונען אַ דער־שאָסענעם; ער האָט זיך, צוליב די שמאַטעס אויף די פֿיס, פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ קוסטע און נישט באַוויזן צו אַנטלויפֿן. פֿאַרן באַגראָבן האָב איך אים באַזוכט. אין אַ קעשענע פֿון העמד איז געווען באַהאַלטן אַ גאָלדענע מטבע פֿון צוואַנציק דאָלאַר. דאָס גאָלדשטיק איז געווען פֿאַרבלוטיקט. אַ ווילדער כעס איז מיך באַפֿאַלן. ווען ער וואָלט געטוישט די דאָלאַרן פֿאַר שיך, וואָלט ער געבליבן לעבן.

אַדאַם ווערט אַ רגע שטיל און זאָגט מיט אַ געדעמפּטער שטים:

— כ'האָב שוין דערנאָך פֿאַרלוירן דעם צוטרוי צו די צוויי איבעריקע יידן און געקוקט אויף זיי מיט פֿאַרדאַכט. אַ ספּעציפֿיש פֿאָלק זענט איר, יידן; דיין קוזינקע האָט געהאַט אַ „נערוועזן בויך” און איר ברודער וויל זיך נישט שיידן מיט דער מוטער... איצט פֿאַלט זי איבער די הענט, ווען ס'איז שוין צו שפּעט... סאָלדאַטן מוזט איר ווערן, אויב איר ווילט עק־סיסטירן, סאָלדאַטן, וואָס זאָלן קאָנען אויפֿן מזבח פֿון זייער פֿרייהייט שענקען די לעצטע צוואַנציק דאָלאַר, זיך און אַפֿילו די אייגענע מוטער...

ישראל נאָכן ארויסגיין פון געטאָ

Data

Potwierdzenie zgłoszenia zmiany adresu w obrębie m. Warszawy

Nazwisko Malarska Imię Czesława

Zamieszkał(a) dn. 14 m-ca 9 1942 r.

przy ul. [illegible] Nr. d. 27 m. 5 Kom. P.P. I

Odcinek III.

דער קופּאָן פון דער מעלדונגס-קאַרטע פון דער מחברין,
אלס „מאלארסקא טשעסלאווא״

קאַפּיטל פיר

אין דער אייגענער וווינונג

.1

מיר וווינען שוין אינעם בוידעם־שטיבל. היינט פאַר נאַכט וועל איך צוגיין צום וואַך־טויער פון קליינעם געטאָ, וווּ עס שטייען, חוץ דעם דייטשישן זשאַנדאַרם, אויך אַ פּוילישער און אַ יידישער פּאָליציאַנט. איך וועל פּרובירן אָפּהאַנדלען מיט די צוויי פּאָליציאַנטן זיי זאָלן מיר העלפן אַרויספירן דעם טאַטן. זדאַנאָוויס אורלויב וועט זיך שוין די טעג ענדיקן, אָבער בעסער נישט וואַרטן; יעדע שעה קאָן מיט זיך ברענגען אַן ענדערונג צום שלעכטן. ישׂראל אַמפּערט זיך מיט מיר, אַז דווקא ער וועט גיין, אָבער ער קאָן מיך נישט איבערצייגן: איך, אַן אַרומגעטוליעטע אין טוך, וועל נישט אַזוי ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַגענטן און פאַרברע־כערישע טיפּן, וואָס דרייען זיך אַרום ביים געטאָ און זוכן אַ קרבן.

אַ סך באַבעס קויפן איבער די וואַך, גנבענען זיך אַריין אין געטאָ, דערנאָך טראָגן זיי אַרויס גאַנצע פּעק סחורות, טאָ פאַר וואָס זשע זאָל מיר נישט געלינגען אַרויסצופירן דעם טאַטן?

מיר מאַכן פּלענער, וווּ ער וועט שלאָפן. פראַנעק האָט אין קעלער אַן אייזערן בעטל, סטאַך — אַן איבעריקן שטרויזאַק, זאָשקאַ האָט מיר אָנ־געבאָטן צו געבן אַ דעק מיט אַ קישן. די שאַנק וועלן מיר צוריקן ביז צו דער טיר און עס וועט זיין אָרט פאַרן טאַטנס בעט. נאָך היינט וועלן מיר דאָס איינאָרדענען. ישׂראלן שרעקט דער געדאַנק פון מיין דערנעענטערן זיך צום געטאָ, אָבער איך מאַך מיר גאָרנישט דערפון.

וויצקאַ, וולאַדאַס שוועסטער, איז היינט פאַר טאָג געפאָרן קיין פּאָ־ריסאָוו. אַדאַם האָט, ווייזט אויס, נישט מסכּים געווען זיין ווייב זאָל פאָרן. נעכטן ביינאַכט איז נישט געווען קיין שום פאַרבינדונג; אסתר האָט גע־וואָלט אָפּדינגען אַן אויטאָ, אָבער זי האָט נישט געפונען קיינעם, וואָס זאָל האָבן אַ דערלויבעניש צו פאָרן ביינאַכט. מיט וויצקאַן האָט זי זיך אָפּ־געשמועסט צו טרעפן ביי אונדז נאָך איר צוריקקומען פון פּאָריסאָוו. אַן איינגעשרומפּענע זיצט אסתר אויפן בעט און שווייגט. ווען איך דערלאַנג איר אַ טעלער הייסע גריץ, דאָס ערשטע מאָלצייט אין אונדזער נייער

דירה — ווייל זי נישט עסן. אָן אומרואיקע, פֿאַרברעכט זי אַלע מאָל די הענט און הייבט זיך אונטער, ווי זי וואָלט געוואָלט גיין. אַ רחמנות צו קוקן אויף איר. כ׳באַמי זיך זי צו באַרואיקן, אָבער איך אַליין האָב אַ שלעכטן פֿאַרגעפֿיל — מיינע ווערטער זענען אָן אַ נשמה.

אַרום האַלב פֿיר, ווען איך האָב זיך געגרייט אַרויסצוגיין צום געטאָ, איז אָנגעקומען וויצקאָ. איר פּנים איז ערנסט. אסתר כאַפּט זי אָן ביי דער האַנט און קאָן נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט. זי איז ווייס, ווי שניי, און צאַפּלט. וויצקאָ זעצט זיך שווער אויפֿן בעט און זאָגט: „פּאַרשפּעטיקט. איך האָב אָנגעטראָפֿן אויפֿן טראַנספּאָרט. טויזנטער יידן, צו פֿיר אין דער ריי, האָבן געצויגן איבער די גאַסן, אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן מיט באַוואָפֿנטע דייטשן און פּוילישער פּאָליציי. אַ שרעקלעך טרויעריקער צוג. יידן פֿון אַלע אַרומיקע שטעטלעך, מענער, פֿרויען און קינדער, באַלאָדנט מיט פּעק און פּעקלעך. די סטאַצקער אויך... איך האָב געזען דיין משפּחה, אסתר, אויך דאָס קינד אויף שרהס האַנט. דיין מוטער, די העלעראָווע און נאָך אַנדערע אַלטע לייט זענען געפֿאָרן אויף וועגענער. די העלעראָווע האָט מיך דערזען און פֿון דער ווייטנס געפֿאָכעט מיט דער האַנט. וועגן אַריינרייסן זיך צו זיי האָט מען נישט געקאָנט אַפֿילו טרוימען. אַ פּאָלאַק, וואָס האָט מיט זיך פֿאַרשטעלט אַן אַנטלויפֿנדיק יידיש קינד, איז צוזאַמען מיטן קינד דערשאָסן געוואָרן. פֿון די פֿענצטער און טירן האָט זיך די גאַנצע פּוילישע באַפֿעלקערונג שטיל צוגעקוקט צום „טראַנספּאָרט".

אסתר איז פֿאַרגליווערט, שטייף. אירע פֿינגער קלאַמערן זיך איינער אין צווייטן, זי ברעכט זיי אין אַ שטומען געשריי, וועלכן נאָר מיר זענען אין שטאַנד צו באַגרייפֿן. וויצקאָ ציט אַרויס אַ שטיק זעמל פֿון פּאַלטן־קעשענע און קייעט. קיין שאָרך, קיין וואָרט, קיין יאָכץ פֿאַלט נישט פֿון קיינעמס מויל. מיט די געדאַנקען זענען מיר איצט ווייט, דאָרט, צוזאַמען מיט דער גרויסער מאַסע יידן, וואָס גייען מאַכטלאָז, שטיל, זייער לעצטן וועג...

2.

ישראל, אסתר און וויצקאָ בלייבן אין שטוב. איך גיי צום וואַך־טויער פֿון קליינעם געטאָ.

שנעל פֿאַרשטענדיק איך זיך מיטן יידישן פּאָליציאַנט, וואָס שטייט דאָרט נעבן זשאַנדאַרם, גיב אים דעם אַדרעס און אַ בריוול צום טאַטן און רעד אָפּ אַ פּרייז פֿאַר אַרויספֿירן אים. אין אַ האַלבער שעה אַרום דאַרף איך קומען נאָך ענטפֿער און אויב דער טאַטע געפֿינט זיך נאָך דאָרט, אין געטאָ, וועט דער פּאָליציאַנט אים מאָרגן פֿאַר נאַכט אַרויספֿירן. איך שרייב

אינעם בריוול, אַז דער טאַטע זאָל אָפּראַזירן די באָרד און איבערלאָזן די וואָנסעס.

ביים אַוועקגיין פון טויער כאַפּט מיך עמעצער אָן ביים אַרבל. דאָס האַרץ גיט אַ צאַפּל פון שרעק.

„דערקענסט מיך נישט?" — הער איך נאָענט ביים אויער אַ פּרויען־שטים.

ווי דורך אַ נעפּל דערזע איך מיין אַמאָליקע פּוילישע שכנטע פון פּלאַצק, פּרוי קאָזאַקעוויטש, די געוועזענע אייגנטימערין פון אַ קאָנדיטאָריי אויף קאָלעגיאַלנע גאַס. זי פרייט זיך מיט מיר, רעדט עפּעס, פרעגט, אָבער איך וויל וואָס שנעלער פון איר אַוועק. ווער קאָן וויסן, וואָס זי טוט נעבן געטאָ און וואָס פאַר אַ ראָלע זי שפּילט אין די איצטיקע צייטן. זי לאָזט מיך אָבער נישט גיין און האַלט מיך פעסט אונטערן אָרעם. „קום מיט מיר" — בעט זי זיך — „קום, דאָ אַנטקעגן איבער איז מיין וווינונג, מיר וועלן זיך, איינע פאַר דער צווייטער, אַ ביסל אַראָפּרעדן פון האַרץ".

איך זוך אויס אַלערליי תירוצים צו באַפרייען זיך פון איר. אַ קאַלטער שווייס רינט מיר איבער דער פּלייצע, אָבער די קאָזאַקעוויטש שלעפּט מיך ביי דער האַנט און איך, נישט וועלנדיק אויף זיך אַרויפציען די אויפמערק־זאַמקייט פון די דורכגייער, גיב זיך אונטער.

„הלואי וואָלט איך אויסגעזען ווי דו", — זאָגט זי מיט קנאה, ווען מיר קומען אַריין אין הויף — „שוין צוויי מאָל האָבן מיך אַגענטן געכאַפּט אַלס יידישקע און נאָכן אַדורכפירן אַן אויספאָרשונג דורך געסטאַפּאָ, בין איך באַפרייט געוואָרן".

ערשט איצט וואַרף איך אַ בליק אויף איר פּנים. אמת, זי איז אַן אויס־געשפּראָכן סעמיטישער טיפּ: אַ האָרבאַטע, יידישע נאָז; טיפע, ברוינע, אומעטיקע אויגן, די אייבערשטע ליפּ באַדעקט מיט שוואַרצע, דינינקע הערעלעך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ברונעטע פרויען. אַלץ צוזאַמען וואַרפט אַ חשד, אַז די קאָזאַקעוויטש שטאַמט נישט פון קיין „ריין ראַסי־קער" משפחה, דאָך האָט קיינער אין פּלאַצק נישט געצווייפלט אין איר אַרישן אָפּשטאַם.

ווען מיר גייען שוין אויף די טרעפּ, פרעג איך זי:

— פאַר וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, פרוי קאָזאַקעוויטש? זעסטו דען נישט, אַז דער טרויער מאַכט דיך נאָך ענלעכער צו אַ יידישקע?

— ווי קאָן איך זיין פריילעך, אַז די דייטשן האָבן דערהרגעט מיין מאַן און איך בין געבליבן עלנט, אַליין מיט צוויי מיידעלעך. — ענטפערט זי אַ פאַרביטערטע.

מיר קומען אַריין אין אַ שיינער, אויפגעפוצטער שטוב מיט אַ גאַנץ גרויסן קיך־צימער.ביים טיש — אַ זעקס־יעריק בלאָנד מיידעלע, פאַר־טיפט אין צייכענען אַ פעלד מיט בלומען. אין קיך — דאָס עלטערע קינד, אַ צען־יעריק דאַר שיקסעלע, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו דער מוטער.

די קאָזאַקעוויטש נעמט מיך זייער האַרציק אויף. זי פרעגט אויס אויף אַלץ און אויף אַלעמען, באַדויערט שטאַרק מיין קינד, ווישט אָפּ אַ טרער, שטעלט אַרויף אויפן טיש פון כּל טוב, צווינגט מיך צו עסן, דערציילט וועגן פלאָצק, פון וואַנען זי איז מיט די קינדער אַנטלאָפן. זי פאַרטרויט מיר אַפילו, אַז זי האָט אַ סך געלט, אויסלענדישע וואַלוטע און ווערטפולע זאַכן. „ביז סוף מלחמה וועט מיר סטאַרטשען צום לעבן" — זאָגט זי שטיל — „און דערנאָך וועל איך צוריק אַוועק קיין פלאָצק, ווו איך האָב נאָך גענוג איבערגעלאָזט".

מיר דערציילן זיך אין קורצן אונדזערע איבערלעבענישן. די קאָזאַקע־וויטש בעט, איך זאָל זי אָפּט באַזוכן, אויך ישראל זאָל קומען. זי פרעגט, צי מיר דאַרפן הילף. איך דאַנק העפלעך און גיי אַראָפּ צום געטאָ־טויער.

דער פּאָליציאַנט דערלאַנגט מיר אַ קליין בריוועלע פונעם שווער. דאָס האַרץ קלאַפּט פון פרייד. שנעל לייען איך איבער די פּאָר ווערטער: „אַלץ וואָס איר הייסט, וועל איך טון, איך בין גרייט צום אַרויסגיין".

איינס־צוויי שמועס איך אָפּ מיטן פּאָליציאַנט צו טרעפן זיך מיט אים מאָרגן, אויף דעם זעלבן אָרט און אין דער זעלבער שעה, וואָס היינט. איך בעט אים, ער זאָל נאָך פאַר מיין קומען „אָפּאַרבעטן" מיטן זשאַנדאַרם, און ווען איך וועל זיך נאָר באַווייזן, זאָל ער אַרויספירן מיין שווער, בכדי איך זאָל נישט דאַרפן וואַרטן און איינשטעלן דעם קאָפּ. „יאַוואָל", ענטפערט ער ווילעריש. דאָס דייטשישע וואָרט שטעכט מיך, ווי אַ שפּיז.

גייענדיק מיט דער טוואַרדע גאָס, הער איך הינטער זיך טריט, וואָס וועקן פאַרדאַכט. איך שנייד אַדורך די גאָס — די טריט גייען נאָך. איך בלייב שטיין ביי אַ שויבפענצטער און קוק זיך נישט אום. שטיל. ווען איך הייב אָן שפּרייזן — לעבן ווידער אויף די טריט הינטער מיר. כ'גיי אַריין אין אַ הויף, פאַרדריי אין אַ קאָרידאָר, קלעטער אויף שטיגן און וואַרף אַ בליק אויף די טרעפּ אין דער נידער. ווי אַ שאָטן גייט מיר נאָך אַ יונגער שייגעץ מיט אַ גרין קאַפּעלושל אויפן קאָפּ. איך קלינג אָן אין אַ טיר אויפן דריטן שטאָק. אַן עלטערער, עלעגאַנטער מאַן מאַכט אויף. איך רוף אויס הילכיק און פריילעך: „גוט מאָרגן" און פאַרמאַך הינטער זיך די טיר.

— צו וועמען דאַרפסטו דען, פּאַני? — פרעגט דער מאַן אַ פאַרוווּנ־דערטער.

— דאָ וווינט דאָך פרוי קאָזאַקעוויטש — דערהער איך מיין אייגן, זי־כער קול.

— ניין, אַ טעות — ענטפערט דער סימפּאַטישער אַלטיטשקער.

— איז דען דאָס נישט טוואַרדע 33? — פרעג איך, אַבי נאָך אַ פּאָר מינוט לענגער צו פאַרבלייבן אינעווייניק.

— אָ! — לאַכט ער קינדעריש — אין גאַנצע צען נומערן האָסטו זיך טועה געווען, פּאַני!

איך בעט אַנטשולדיקונג און גיי אַרויס. דאָס האַרץ ציטערט, אפשר שטייט דער לאָבוז ערגעץ ווו באַהאַלטן, אָדער וואַרט צוזאַמען מיט נאָך שאַנטאַזשיסטן אויף דער גאַס?

דאָס טרעפּ־געלענדער איז ליידיק. אין דרויסן, צווישן די דורכגייער זעט מען נישט קיין גרין קאַפּעלושל. איך גיי שנעל און הער אונטער, צי עס באַגלייטן מיך נישט פאַרדעכטיקע טריט. אָט איז שוין דער זאַקסישער גאָרטן. אפשר אַריינגיין אין איינעם פון די הייף, פאַרהאַלטן זיך אַ פּאָר מינוט און אונטערהערן, צי קיינער גייט נישט נאָך?

אַ דערשעפּטע און אויפגערעגטע קום איך ענדלעך אַהיים.

סטאַך מיט ישראלן זיצן אויפן בעט און שמועסן געמיטלעך. דער רויך פון ציגאַרעטן הענגט אונטערן סופיט און וויגט זיך פויל, לאַנגזאַם.

איך דערצייל וועגן מיינע הײנטיקע פּעריפּעטיעס ביים געטאָ.

— מאָרגן וועסטו אַליין נישט גיין, העלענאַ, — רייסט מיר סטאַך אי־בער — איך מיט וולאַדעקן וועלן אויך זיין ביים געטאָ. טאָמער וועט דיך עמעצער פאַרטשעפּען, וועלן מיר אים שוין אַוועקזעצן. אָבער דו, ווען עס וועט זיך אָנהייבן אַ סומאַטאָכע, „מאַך גלייך פיס"!

ישראל דערלאַנגט טיי און שווייגט.

— ווייסט איר וואָס? — לאַכט סטאַך — מעגלעך, אַז דער לאָבוז האָט נאָכגעקוקט דעם נומער פון הויז אויף טוואַרדע, ווו די ביסט אַריין און ביינאַכט וועט ער קומען מיט אַ קאָמפּאַניע פאָדערן „בימבער" (בראָנפן). אויב זיי וועלן גלייבן דעם אַלטן, וועלן זיי דיך זוכן ביים געטאָ־טויער. וועלן זיי אָבער אים נישט גלייבן — מעגסטו זיין רואיק... אַלנפאַלס, זאָלסטו מאָרגן די פאַטשיילע נישט אָנטאָן. קום מיט מיר מיט, יאַנעק, וועסטו נע־מען פראַניאַס אַ מלבוש און אַ קליין קאַפּטיכל.

— איך וועל מאָרגן אויך מיטגיין — זאָגט ישראל אָן אומרואיקער.

— אויב דו וועסט גיין, יאַנעק, וועל איך נישט גיין — ענטפערט סטאַך קורץ און בייז.

— ווו איז אסתר? — פרעג איך ישראלן.

— זי איז מיטגעגאַנגען מיט וויצקאַן, אָבער באַלד וועט זי צוריק־קומען און בלייבן ביי אונדז אויף נאַכט.

סטאַך פּאַרקנעפּלט זיך דעם פּאַלטן און ברומט: „עס פרעסט מיך דאָס געוויסן, כאָלערע, אַז לעבן גלוסט זיך מיר נישט!".

3.

דאָס שטיקל גאַס, ווו ס'געפינט זיך דער וואַך־טויער פון קליינעם געטאָ, איז היינט כמעט ליידיק. אַנשטאָט דעם נעכטיקן — שטייט אַן אַנדערער, שטייפער, בייזער פּאָליציאַנט. איך פרעג אים פּאָרזיכטיק, צי דער חבר זיינער, וואָס איז נעכטן געשטאַנען אויף דער וואַך, וועט אויך היינט דאָ שטיין. ער ענטפערט נישט און דרייט זיך אַוועק. צוויי הענדלערקעס שטייען פון דער וויטנס. איך דערנענטער זיך צו זיי, וויל עפּעס שנאַפּן, רעד מיט זייער „לשון", מיש אַריין פרעמדע גאַסן־ווערטער און דערוויס זיך, אַז אין אַ שעה אַרום טוישט זיך די וואַך און אפשר וועט טאַקע דער נעכ־טיקער פּאָליציאַנט אָנקומען.

סטאַכן מיט וולאַדעקן זעט מען נישט. אפשר איז בעסער איבערצו־וואַרטן די שעה ביי דער קאָזאַקעוויטשן? ס'איז זיכערער, ווי דאָ, אויף דער גאַס, אויף אַלעמענס אויגן.

ביים אָנרירן די קליאַמקע, מאַכט זיך די טיר אַליין אויף. אין שטוב איז, אַ חוץ דעם קליינעם מיידעלע, קיינער נישטאָ. דאָס קינד איז פאַר־וויינט, צעשראָקן און ענטפערט נישט אויף קיין שום פראַגע. די מוטער איז מן הסתם ביי אַ שכנה און וועט באַלד אָנקומען. איך זעץ זיך אין אַ פאָטעל נעבן פענצטער און וואַרט. דאָס קינד גיט זיך מיט אַ מאָל אַ צע־וויין: „מאַמאָ, יאַ כצען דאָ מאַמי, מאַמאָ, מאַמושקאָ מאָיאָ!" (מאַמע, איך וויל צו דער מאַמען, מאַמע מיינע!).

איך וויל זי באַרויקן, אָבער די קליינע טופּעט מיט די פיסלעך און לאָזט מיך נישט צו צו זיך. זי שרייט ספּאַזמאַטיש, איר פנימל איז באַגאָסן מיט טרערן, פונעם נעזל ציען זיך צוויי זילבערנע שליים־שנירעלעך. אי־בערן קליינעם קערפּערל לויפט אַדורך אַ ציטער.

שטיל הייב איך אָן צו דערציילן אַ מעשה פון אַ פאַרבלאָנדזשעט ציגעלע אין וואַלד, פון פייגעלעך, וואָס פירן דאָס ציגעלע אַרויס צום פעלד, ווו די מוטער בעקעט און זוכט עס אַרום. איך דערצייל קינדעריש, לעבע־דיק און באַמערק, ווי די קליינע שאַרט זיך צו מיר צו און ווען כ'האַלט ביים מאָמענט, ווי דאָס ציגעלע קאָן נישט אַריבער דאָס טייכל, כדי אָנצוקומען צו דער מוטער, דערפיל איך דאָס קינדערישע קעפּל אויף מיין שויס.

איך דערציייל ווייטער און ווייטער, שטרעק אויס די הענט און צי אַרויף דאָס קינד אויף מיינע קני. דאָס קליינע, פולע קערפּערל וואַרעמט מיין לייב. איר נאַס בעקעלע איז צוגעטוליעט צו מיין ברוסט. די מאַמע־קאָזע האָט שוין נעבן זיך איר קליין ציגעלע און וויגט עס איין צום שלאָף. איך זינג שטיל אַ וויגליד. דאָס קינד שלאָפט איין. פאָרזיכטיק הייב איך אויף אירע פיסעלעך, זיי זאָלן נישט אַראָפּהענגען און פּלוצלינג דערפיל איך אַזאַ אומדערבאַרעמדיק שרעקלעכע בענקשאַפט, אַזאַ ספּאַזמע פון יסורים, אַזאַ פּייער אין מיינע טיפעניש, אַז דאָס האַרץ פּלאַצט שיער נישט אויף. אַ געוואַלדיק העשן צעטרייסלט מיך און פון די אויגן שווימען עלנטע, שווערע טרערן...

די טיר מאַכט זיך אויף. עס קומט אָן דאָס עלטערע מיידל. איר פּנים איז פאַרחושכט. זי בלייבט שטיין אין מיטן שטוב, פאַרגעסט מיך צו באַגריסן, קלערט אַ רגע און שרייט אויס: „מאַמאַ וו' געסטאַפּאָ, נאַשי יאַן זלאַפּאַלי!” (די מאַמע איז אין געסטאַפּאָ, אונדזעריקע האָבן זי געכאַפּט!). די קליינטשיקע וועקט זיך אויף, שפּרינגט אַראָפּ פון מיינע קני און טוליעט זיך צו צום שוועסטערל. איך הייב אָן אויספרעגן און דערוויס זיך אָט וואָס: מיטאָג־צייט איז די מוטער געגאַנגען איינקויפן. צוויי כוליגאַנעס האָבן זי פאַרהאַלטן אַלס יידישקע און געפאָדערט געלט. די קאָזאַקעוויטש האָט פון זיי געלאַכט און נישט געפונען פאַר נייטיק צו ענטפערן מער ווי איין וואָרט: „אידיאָטשי!” (אידיאָטן). ווען זי האָט אָבער געוואָלט אַריין אין שפּייזגעוועלב, האָבן זיי זי געכאַפּט ביי די האָר און אָנגעהויבן שלאָגן, שרייענדיק „זשידאָוואַ” (יידישקע). צוויי אַגענטן זענען גלייך געקומען צו הילף. אַ פאַרזאַמלטער המון נייגעריקע פּאָלאַקן האָט זיך צוגעקוקט, ווי מען פירט אַוועק די צעשלאָגענע פּאָלקע. זיי זענען געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ יידישקע. אַ שכנה איז געקומען מיט דער בשורה צו די קינדער. דאָס עלטערע מיידל איז געלאָפן צו דער מוטערס אַ פריינדין, אויך אַ פּלאַצקער פרוי, מיטן נאָמען טאָמאַשעווסקאַ. די לעצטע איז גלייך אַוועק אין געסטאַפּאָ מיט דערקלערונגען. די טאָמאַשעווסקאַ האָט צוגעזאָגט דעם מיידעלע באַלד צוריק צו קומען מיט דער מוטער צוזאַמען.

די קינדער לאָזן מיך נישט אַוועק און בעטן, איך זאָל מיט זיי בלייבן ביז דער מוטערס צוריקקומען. איך וויל נאָר זען, צי דער נעכטיקער פּאָליציאַנט איז שוין דאָ. די וואַך איז די זעלבע. סטאַכן זעט מען נישט. אַרום דעם וואַך־טויער דרייען זיך הענדלערקעס און פאַרשידענע אונטערוועלט־טיפּן. איך קום צוריק אַרויף צו די קינדער. ווי ווייט מעגלעך באַרואיק איך זיי און צווינג צום עסן. עס איז שוין טונקל. איך אייל זיך: ישראל איז אַוודאי אומרואיק און שרעקט זיך. ווי קאָן מען אָבער איבערלאָזן די צוויי

קינדער אַזוי הפקר? אַ שכנה נעמט די קינדער אַריין צו זיך.

ביים טויער פון הויז טרעף איך די טאָמאַשעווסקאַ. זי דערקענט מיך און דערפרייט זיך מיט מיר.

— די קאַזאַקעוויטש לעבט שוין נישט — העשעט זי — אין געסטאַפּאָ האָט מען זי דערשאָסן! צוליב דעם צירונג און גאָלד, וואָס זי האָט ביי זיך געהאַט, זענען זיי געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ יידישקע. אויסער דעם האָבן זיי געוואָלט ירשענען דאָס רייכטום. און טאַקע דאָס בעיקר האָט גורם געווען איר טויט.

איך בין דערשיטערט. די טאָמאַשעווסקאַ גיט אויף איר אַדרעס און בעט מיר זאָלן זי באַזוכן. די קינדער וועט זי מיט זיך מיטנעמען.

דער נעכטיקער פּאָליציאַנט איז דאָ. ער הייסט מיר אָבער שנעל אַוועק־גיין פון דאַנעט, ווייל דער זשאַנדאַרם איז אַ „הונט". מאָרגן אַרום צען אַ זייגער זאָל איך קומען; היינט איז נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן.

4.

ווען איך גיי אַדורך די גאָס און בין שוין אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר, דערפיל איך אויף מיין אַקסל אַ פעסטע האַנט: „כאַטש, פּטאַשקו!" (קום, פייגעלע!).

אַ יונגער, קרעפּקער שייגעץ קוקט אויף מיר פרעך, קאַלט, רוצחיש.

איידער איך באַוויז אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט, וואַקסן אַרויס, ווי פון אונ־טער דער ערד, סטאַך מיט וולאַדעקן און שוין זענען זיי נעבן אונדז.

„העלא, וואָס איז ער פאַר דיר, דער זונהשער זון, האַ?" — קריצט סטאַך מיט די ציין.

מיין אַקסל ווערט מאָמענטאַל פריי. סטאַכס אייגעלעך פינקלען מורא־דיק, ווי ביי אַ ווילדער קאַץ. ער שאַרט זיך צו גאַנץ נאָענט צום שייגעץ און סיקעט מיט אַ צווישטש פון געפּיילט אייזן:

„דו הינטיש אייטער, מיט אַ וואָסער רעכט האָסטו אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מיין פרויס אַקסל, הע?!".

און איידער דער שייגעץ באַוויזט צו ענטפערן אַ וואָרט — פליען פייערדיקע פעטש און קולאַקעס. סטאַך דרעשעט און וולאַדעק העלפט צו. עס דערמאָנען זיך מיר סטאַכס נעכטיקע ווערטער און שנעל דערווייטער איך זיך פונעם אָרט. עס גייט מיר נאָך אַ טעמפּער אָפּהילך, ווי ביים שטויסן קרויט מיט אַ סטעמפּע אין אַ פאַס. אויך דאָס געוויין פונעם שייגעץ טראָגט זיך מיטן ווינט. איך ציטער אין גאַנצן און דאָך קוועלט אין מיר אַ פרייד. איך גיי שנעל און צוזאַמען מיט די שנעלע טריט צעוואַקסט זיך אין מיר

אַ נייער כּוח און ממש אַ ליבשאַפט צו סטאַכן. עס דערמאָנען זיך מיר אַדאַמס ווערטער: „דער קאַמף גופא שאַפט נייע כּוחות! שלאָג זיך מיט דעם, וואָס וויל ביי דיר רעכט צום לעבן".

נישט לאַנג נאָך מיין אַהיימקומען, באַווייזן זיך סטאַך מיט וולאַדעקן. זיי וואַשן די הענט: „אַזאַ נבלה אַנגערירט — זאָגט איינער — מוז מען דעם שמוץ אַפּוואַשן".

„ער וועט זיך שוין אַ וואָך צייט קורירן" — לאַכט דער צווייטער — „ער האָט אַריינגעכאַפּט געזונט!".

— סטאַכו, — רייסט זיך מיר אַרויס — כ'האָב דיך געוואָלט קושן! פון היינט אָן וועל איך זיך נישט לאָזן שאַנטאַזשירן; כ'וועל גלייך קלאַפּן. ס'איז כּדאי צו קויפן אַ „ספּרענזשינאַוקע" (אַ שפּיציק, שאַרף מעסער).

ביידע ברידער לאַכן. ישראל איז איבערגעשראָקן. וולאַדעק, מיין גע־וועזענער פלאַצקער שכן, קוקט זיך מיר צו און זאָגט מיט באַדויערונג: „שטאַרק האָסטו זיך איבערגעאַנדערשט, פּרוי העלענאַ, דו ביסט געווען אַזאַ עלעאַגאַנטע, צעשטראַלטע, רייצנדיקע שכנה און וואָס איז פון דיר געוואָרן! יעזו, יעזו אוקאָכאַני!".

— זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן — פאַרענטפערט מיך סטאַך — וועט זי ווידער זיין די זעלבע, וואָס אַמאָל.

— ניין, מיינע טייערע — ענטפער איך — איך וועל שוין קיין מאָל נישט זיין ווי אַ מאָל. עס זענען אין מיר אָפּגעשטאָרבן די וויכטיקסטע יסודות, וואָס באַשיינען אַ מענטש; מיין גלויבן, מיינע טרוימען, מיין ליב־שאַפט צו מענטשן, מיין האָפענונג — אַלץ איז טויט. דאָס גליק פון מענטש איז אַ מין מוזיק פון זיין נשמה, איז די פרייד פון אַ מוטער ביים בעטל פון איר געזונט קינד, איז די האַרמאָניע פון גוטסקייט און ליבע. אָבער ביי מיר האָט מען אַלץ צוגערויבט, צעטרעטן, פאַרניכטעט און געשענדט. ניין, וולאַדעק, איך וועל שוין קיין מאָל נישט זיין ווי אַמאָל, אַפילו ווען דאָס לעבן וועט מיר שיטן רויזן אונטער די פיס. אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר, אַז כ'בין פון בלויז אויגן, וואָס קוקן פאַרזיכטיק, וואַכעוודיק, פול מיט פאַר־דאַכט און שנאה. אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר, אַז כ'בין פון קאָפּ ביז פוס אָנגעזאַפּט מיט אַ געפיל פון נקמה, אָבער היינט האָב איך, אַ דאַנק אייך ביידן, מיט פרייד פעסטגעשטעלט, אַז אויך דאָס וואָרט „קאַמף" איז מיר נישט פרעמד. מאָרגן פרי, סטאַכו, גיי איך צום געטאָ אַליין, אַליין! איך וועל מאָרגן ברענגען דעם טאַטן. און טאַמער וועל איך נישט צוריקקומען, איז עס אַ סימן, אַז כ'בין גאָרנישט ווערט. איך פיל אין מיר אַ כּוח און וועל אים אויספּרובירן!

סטאַך לאַכט. ישראל איז אומרואיק, בייז און אומצופרידן. אָבער ווען ער וויל אַפּאַנירן, מישט זיך סטאַך אַריין:

„לאָז איר, יאַנעק, בלויז שיין רעדן איז גאָרנישט! זאָל זי באַווייזן די ווערטער מיט טאַטן און זיין אַ קאָזאַטשקע. באַווייז, העלענאַ, אַז דו ביסט נישט אַפּירגעפאַלן פון אונטער אַ סראַקעס ווײַנדל, און גיי!".

— זעסטו, סטאַך — ווענד איך זיך צו אים — האָסט היינט דאָקומענ־טירט אַ פאַקט, וואָס האָט אַ בולטע אויסשפּראַך: ווען יעדער צווייטער פּאָלאַק וואָלט זיך קעגנגעשטעלט די רציחות, וואָס די דייטשן, אָדער אַפילו פּאָלאַקן באַגייען לגבי אונדז — וואָלט די מאָס פון מאָרד און פאַרברעכן געווען אַ סך קלענער. קעמפן דאַרף מען זיך לערנען, אַזוי ווי מען לערנט זיך לייענען, שווימען אָדער טאַנצן. די יידן האָבן פאַרגעסן אין משך פון צוויי טויזנט יאָר, ווי אַזוי מען דאַרף קעמפן. איך האָב היינט צום ערשטן מאָל באַקומען אַ לעקציע און גלייב מיר, עס וועט נישט גיין לאיבוד. מיך וועט מען שוין נישט פירן ווי אַ שעפּסל צו דער שחיטה.

— העלענאַ — שמייכלט סטאַך, — מיר דאַכט זיך, אַז קעמפן, ליב האָבן, האָסן און נאָך אַזעלכע מלאכות לערנט מען נישט; דאָס דאַרף מען אַליין קאָנען, דאָס דאַרף זיך געפינען אין בלוט. די יידן זענען אַ פרידלעך פאָלק, האָבן פיינט בלוט, נאָר... איין מאָל, אויף פּסח, גנבענען זיי ערגעץ אַ טראָפּן, צוליב וואָס, ווייס איך נישט. אָבער נישט אין קאַמף נעמען זיי דאָס בלוט, נאָר ביי אַ קינד, וואָס קאָן זיך נישט ווערן...".

איך שפּרינג אויף. דאָס בלוט טוט אַ קאַך, די אויגן כאַפּט אַרום אַ פלאַם, די דלאָניעס פאַרמאַכן זיך אין פויסטן.

— ביסט אַ כאַם, — זאָג איך פּאַוואָליע און דייטלעך.

אינעם שטיבל ווערט שרעקלעך ענג. די שטילקייט רוישט מיט מהומה און ביטערע דערוואַרטונג.

ישראל כאַפּט מיך אָן ביי די אַקסלען, ווי ער וואָלט חשק געהאַט מיך אויפצוטרייסלען.

— סטאַך האָט זיך געמאַכט אַ וויץ — זאָגט ער — און דו נעמסט עס ערנסט?

— נישט אמת! — שריי איך אויס — מיט זיינע פריערדיקע ווער־טער האָט אונדז סטאַך דערנידעריקט און באַשפּיגן.

וולאַדעק שאָקלט מיטן קאָפּ און ציט מיט די אַקסלען, ער קאָן נישט תופס זיין, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

סטאַך זיצט שטיל, בייז, פאַרכמורעט. איין באַק ציטערט ביי אים מיט אַ נערוועזן טיק.

— העלענאַ — שטעלט ער זיך אויף און דערלאַנגט מיר די האַנט — איך האָב נישט געדאַרפט רעדן אַזעלכע נאַרישקייטן און נאָך דערצו, ווען איך גלייב נישט אין זיי. איך בין איבערצייגט, אַז די מעשה מיטן טראָפּן בלוט איז אַ בלבול. אַפילו דער גלח האָט מיט אַ יאָר צוריק געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ליגן. העלענאַ, לאָמיר זיך איבערבעטן.

ישראל שטראַלט. וולאַדעק קוקט, ווי אַ צעחושטער אויף דער גאַנ־צער סצענע. אין מיינע אויגן דרייען זיך טרערן.

איך דערלאַנג סטאַכן די האַנט און אַלס צייכן, אַז מיר זענען „חבר" — צעקושן מיר זיך. מיר טרינקען אויך אויס אַ „קאָלעיקע", פאַרבייסן מיט וורשט און, ווען סטאַך וויל עפּעס זאָגן — קומט אָן אסתר.

וולאַדעק מיט סטאַכן גרייטן זיך צום אַוועקגיין. אין זייער געזעל־שאַפט איז אסתר רואיק און באַהערשט. זי האָט אין זיך אַ סך לעבנס־חכמה און טאַקט. סטאַך פילט זיך אָבער שלעכט אין איר אַנוועזנהייט. נעכטן האָט ער צו מיר געזאָגט: „הלואי וואָלט איך געווען ביידע פיס צעבראָכן, איידער כ'בין געפאָרן קיין פּאַריסאָוו! דאָס האָט דער טייוול מיך פאַר־פירט!".

איז דאָס געוויסן־ביסן, אָדער פאַרדראָס פון אַ שלעכט אויסגעפירטע שליחות? ווען איך פרעג אים דאָס, ווערט ער ווילד און אַנטלויפט. אויך איצט שאַרט ער זיך אַרויס און זאָגט אונטער דער נאָז: „אַ גוטע נאַכט".

נעכטן איז אסתר ביי אונדז געבליבן שלאָפן, אויך היינט וועט זי שוין נישט אַוועקגיין. דעם שווערס כעס איז דערוויייל פריי און איר האַרץ לאָקט נאָך אַן אייגענעם, נאָך אַ ביסל וואַרעמקייט, נאָך אַ מעגלעכקייט צו קאָ־נען וויינען... אַן איינגעקולעטע, איינעם אָנטועכץ, פאַרקוקט צום קליינ־טשיקן פענצטערל אין דאַך — ליגט זי שטיל, ווי אַ קראַנקער פויגל. דורך איר קערפער לויפט אַלע מאָל אַדורך אַ קורצער, אָפּגעהאַקטער ציטער. דאָך איז זי היינט רואיקער ווי נעכטן ביינאַכט.

מען קאָן יעדן טייערסטן איבערלעבן און אסתר וועט אויך איר אומ־גליק איבערטראָגן. אַ גרויסע טרייסט איז פאַר איר אונדזער אַנוועזנהייט. מיר איז אין די ערשטע וואָכן, אויף דער אַרישער זייט, געווען שווערער, ווי עס איז איר; אויך אין דעם דאָזיקן אָרט לעבן זענען פאַראַן מדרגות. „וויינסט, אסתר? וויין, טייערע, אָבער שטיל, שטילינקע, אין קישן אַריין, קיין שכן זאָל נישט דערהערן".

.5

ס'איז צען אַ זייגער אין דער פרי. איך דערנענטער זיך צום געטאָ־טויער. דער פּאָליציאַנט דערקענט מיך פון דער ווייטנס און מאַכט אַ צייכן,

אַז כ׳זאָל צו אים צוגיין. ער נעמט ביי מיר די אָפּגערעדטע סומע געלט און פאַרשווינדט אינעם געטאָ. נאָך צען מינוט אָפּוואַרטן אין אַ קעגנ־איבערדיק טויער — דערזע איך מיין שווער. דאָס האַרץ טאַנצט אין מיר פון שמחה. דער טאַטע זעט אויס, מיט זיינע לאַנגע וואָנסעס, ווי אַן אמתער גוי. ער טראָגט אַ לויז רעקל, אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, די הויזן אַריינגעלאָזט אין הויכע שטיוול, אונטערן אָרעם — אַ קליין פּעקעלע. ער איז ענלעך צום קעניג פון די פּוילישע ציגיינער — קוויעק. פאַמעלעך דערנענטער איך זיך צו אים. איך נעם אים אונטערן אָרעם: „טאַטע לעבן, קום, אָבער רעד נישט, טאָרסט נישט רעדן, אַפילו איין וואָרט נישט, דו ביסט פון איצט אָן אַ טויב־שטומער, פאַרשטייסט?״ (דער טאַטע רעדט אַ שוואַכן פּויליש, בפרט זיין אַקצענט איז אַ ספּעציפיש יידישער).

ער שאָקלט מיטן קאָפּ אַ גליקלעכער. ער איז ווי פאַרשיכורט פון גרויסן נס, וואָס איז אים געשען. זיינע קינדעריש צעשפּילטע אויגן שטראַלן מיט באַפרייאונג און אויסלייז.

מיר גייען און קומען צו ביז טוואַרדע עק זלאָטע, ווו עס שטעלן זיך אָפּ די טראַמווייען. גראָד פאָרט אָן דער טראַמוויי, וועלכן מיר דאַרפן. אַלץ געלינגט מיר היינט, עס זאָל נאָר קיין עין־הרע נישט געשען. מיין שווער איז שוין אינעווייניק, איך — מיט איין פיס נאָך אויפן טרעפּל. פּלוצלינג דערגייט צו מיר זיין צעזונגען קול מיטן ריין יידישן אַקצענט: „פּשעפּראַשאַם פּאַני!״. עס ווערט מיר קאַלט און הייס. דאָס האָט דער טאַטע אַזוי העפלעך איבערגעבעטן אַ פרוי, וואָס איז געשטאַנען אין דורכ־גאַנג. פון אַלע זייטן הייבן אָן קוקן אויגן, טייל פּאַלאַקן לאַכן. דער טאַטע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געטון אַ פעלער, דרייט ער זיך אויס צו מיר און אַ צעטומלטער פאַרענטפערט ער זיך: „זאַפּאָמניאַלעם, פּשיעפּראַשאַם!״. אַ הילכיק געלעכטער ברעכט אויס אין טראַמוויי. דעם טאַטנס ווערטער ווערן אָנגענומען אַלס שפּאַס און לצנות פון אַ גוי, וואָס לאַכט פון דער יידישער אויסשפּראַך, ווייל ער אַליין איז אַזוי ענלעך צו אַן אַלטן פויער, אַז עס פאַלט קיינעם נישט איין צו נעמען ערנסט זיינע ווערטער.

כ׳בין אויפגערעגט און האָב שוין נישט קיין צוטרוי צו אים. ביי דער ערשטער סטאַנציע גיב איך אים אַ צייכן און מיר פאַרלאָזן דעם וואַגאָן. מיר גייען צו פוס; איך גיי פאָרויס, ער — נאָך מיר. ער מוז זיך צוגע־וויינען צום שווייגן. ווייל ער אָבער דווקא אויסטפרעגן אויף ישראלן, אויף דער טאָכטער, אויף אַלץ, וואָס עס האָט איבער דער צייט פּאַסירט און, ווייל עס איז אים שווער מיך צו דעריאָגן, דערהער איך אַ טויבן רוף: „חיהלע!״. די פיס ווערן אונטער מיר שטייף, דאָס בלוט צעזעצט די שלייפן, איך פאַרבייס די ליפּן און בלייב שטיין. דורכגייער קוקן זיך צו און לאַכן.

און ווידער דערקענט קיינער נישט אינעם אויסגעשפּראָכענעם דאָרפס־פויער אַ לייכטזיניקן קינדערישן ייד.

אַ בייזקייט זעצט פון מיר, אָבער כ׳באַהערש זיך. עס גלוסט זיך מיר צו וויינען פון צאָרן און כעס. שטיל זאָג איך אויף פּויליש: „אין דער היים וועלן מיר שמועסן און דאָ, אויף דער גאַס — קיין איין וואָרט נישט מער. פאַרשטייסט?!״

— אָבער פאַר וואָס ביסטו אַזוי בייז, חיהלע, איך האָב אַזוי געהאָפט אויף דער מינוט אייך צו זען, פאַרשטייסטו דאָס נישט?

— גוט, גוט — ענטפער איך — קיין זעלנער וואָלסטו שוין נישט גע־קאָנט זיין, אָבער זיי נישט קיין בהמה און לויף נישט אַליין אין שלאַכט־הויז אַריין. ווילסט מען זאָל אונדז ביידע דערהרגענען? רעד נישט מער אויף דער גאַס, פאַרשטייסט?

— זאָג מיר בלויז, וואָס מאַכט יש... יאַנעק מיט יאַדוויגען?

— אַלץ איז אין אָרדענונג.

— און דו?

— אויב דו וועסט נאָך איין וואָרט זאָגן, לאָז איך דיך שטיין און אַנטלויף.

דאָס ווירקט. ער פאַרשוויגט.

— — — —

כ׳שליס אויף די טיר און טרעף נישט אין שטוב ישראלן. אויפן טיש ליגט אַ צעטעלע: „כ׳בין געגאַנגען צו סטאַכן און וועל קומען אויף מיטאָג״.

דער טאַטע טוט אויס דאָס רעקל און הייבט זיך אָן קראַצן.

— ביסטו פאַראומרייניקט? — פרעג איך.

— כ׳מיין אַזוי... — ענטפערט ער און קראַצט זיך ווידער.

איך צי אַראָפּ פון אים די מאַרינאַרקע און דערשרעק זיך... מאַסן „לאַנגזאַם־קריכער״ אויפן טונקעלן שטאָף. לויף איך שנעל אַראָפּ צו יאַנ־קאַן און ליי בײַ איר אַ באַליע. אין משך פון אַ האַלבער שעה וואַרעם איך אָן דריי גרויסע טעפּ וואַסער. ישראל איז נאָך אַלץ נישטאָ. דער טאַטע זיצט אין דער באַליע, ווי אַ קינד. נאָכן אָפּבאָדן באַקומט ער ישראלס וועש איבערצוטון — אַפילו שיך אַנדערע. דעם טאַטנס בגדים, חוץ דעם רעקל מיט די שטיוול, טראָג איך אַראָפּ און שמייס אַריין אין מיסטקאַסטן.

דערנאָך ווערט ווידער דאָס שטיבל אויפגערוימט.

— דאָס איז פאַר דיר — דערלאַנגט מיר מיין שווער דאָס פּעקל, וואָס ער האָט געבראַכט.

איך מאַך אויף און דערזע מיין שוויגערס שובע, אַן אונטערגענייטע מיט פוטער, אַזוי ווי עס טראָגן עלטערע פרויען. איך דערפריי זיך שטאַרק.

— איך ווייס — זאָגט ער, — אַז דו האָסט נישט מיטגענומען מיט זיך וואָס אָנצוטון און יאַדוויגאַ איז אַרויס פון געטאָ אין איר לאַפּקאָווע פעלץ־מאַנטל; מיין איך, אַז כ'האָב גוט געטון ברעגענדיק דיר די שובע, איבערהויפּט, ווען איר ביידע, דו מיט דער שוויגער, האָבן זיך אַזוי ליב געהאַט.

איך באַקום טרערן אין די אויגן. עס דערמאָנט זיך מיר, ווי איך בין מיטגעגאַנגען מיט דער שוויגער צום פּאָסן, ווען גאָלדבערג אין פּלאַצק האָט האָס מלבוש געבייט.

דער טאַטע ווישט די אויגן. אויך מיר איז שווער זיך צו באַהערשן... איך גרייט צום טיש, דערלאַנג דערווייל דעם שווער עפּעס צום עסן און וואַרט אַף ישראלן. איך שטעל מיר פאָר זיין פרייד!

מיט ישראלן קומט אויך מ״ה אסתר. דער טאַטע מיט ישראלן כאַפּן זיך אַרום. אסתר וויינט יאָמערלעך. זי שטיקט זיך ממש פון טרערן. איך פאַרשטיי זי... „אסתר, שוועסטערשי מיינע, זיי מיך נישט מקנא, אויך איך בין איינזאַם! מיין מאַמען מיטן קינד האָב איך נישט באַוויזן צו ראַטעווען...״

6.

די טעג פאַרגייען, ווי ביי אַ בעט פון אַ קראַנקן, איבער וועלכן עס הויערט דער מלאך המות.

אין די לעצטע פאָר טעג בין איך כסדר פאַרנומען אין שטוב און עס קומט מיר כמעט נישט אויס צו שרייבן. דער שווער איז ווי אַ קליין קינד. אינעם ערשטן טאָג איז ער קראַנק געוואָרן אויפן מאָגן: דאָס גוטע עסן, צו וועלכן ער האָט זיך צוגעכאַפּט, האָט אים געשאַט. דערנערט ער זיך איצט מיט גרייפּלעך, גריצן און אַנדערע לייכטע זאַכן, וואָס היילן און שטאַרקן אים; יעדע צוויי שעה באַקומט ער אַ געשמאַקן און קרעפּטיקן ביסן. איך היט אים אָפּ און בין ביי אים באַשעפּטיקט אַ גאַנצן טאָג. די שכנים ווייסן נישט, אַז מיר האָבן ביי זיך דעם טאַטן. אויב עמעצער קלאַפּט אין טיר, באַהאַלט איך דעם טאַטן אין שאַנק. פול מיט אימה, ווייל איך דאַן וואָס שנעלער פּטור ווערן פון דעם גאַסט, ווייל דער שווער איז אַ נישט־זיכערער „פּאַסאַזשיר״, ער קאָן אָנהייבן היסן, אָדער באַוועגן זיך אינעם באַהעלטעניש.

אַ פּאָר מאָל אין טאָג לויף איך מיטן עמער צום מיסטקאַסטן...

ישראל גייט אָכט אַ זייגער אין דער פרי אַרויס פון שטוב. ער זיצט עטלעכע שעה אין איינעם פון די קאַשטשאָלן, דערנאָך גייט ער צו סטאַבן, אַרום פיר אַ זייגער קומט ער אַהיים. פאַר די שכנים הייסט עס, אַז ער אַרבעט.

— ווו אַרבעט ער ? — האָט מיך נעכטן געפרעגט די שפּיטאָל־וועכ־טערין.

— ביי אַדאַמטשעווסקין אין פאַבריק — האָב איך געענטפערט. דער זאַץ האָט זיך מיר אָט אַזוי אַרויסגעגליטשט פון מויל.

— אָ, באַקומט ער מן הסתם אַ שיינע „צוטיילונג" — איז מיך די שכנה מקנא.

— יאָ, ענטפער איך שטאָלץ — אויב דו דאַרפסט עפּעס פון אַדאַמ־טשעווסקיס אַרטיקלען קאָן איך דיר אָפּטרעטן.

— זייף און שיך־פּאַסטע — דערהער איך איר הייסע בקשה.

דעם זעלבן טאָג קויף איך איין „אויף שוואַרץ" זייף, שיך־פּאַסטע, ציינ־פּראָשיק, וואַש־פּולווער און אַנדערע פּראָדוקטן מיטן פאַבריקס־צייכן „אַדאַמטשעווסקי" און הייב אָן „אָפּטרעטן" פאַר אַ דריטל פּרייז. אויך דער הויז־וועכטער האָט באַקומען פון מיר דריי שטיקלעך זייף לויט דעם „קאָנ־טיגענט"־פּרייז. באַלד האָבן אַלע אייגוויינער פונעם הויז געוווסט, אַז מיין מאַן איז אַ באַאַמטער אין אַ גרויסער פאַבריק. דאַכט זיך מיר אַפילו, אַז די שכנים גריסן זיך פריינדלעכער ווי פריער און מיט מער דרך ארץ.

כ'האָב געבעטן לוציאַן, זי זאָל זיך דערוויסן וועגן די באַדינגונגען אין פאַבריק, ווי אָפט די אָנגעשטעלטע באַקומען זייער צוטיילונג, וויפל עס קאָסט יעדעס אַרטיקל, ווי גרויס עס איז דער לוין פון אַ באַאַמטן, פון אַן אַרבעטער או"וו.

אין אַ טאָג אַרום זענען מיר געווען בקי אין אַלע איינצלהייטן און אָנ־געהויבן שפּילן אונדזער ראָלע מיט דער גרעסטער קונסט.

— * —

אסתר וווינט שוין ביי די וולאַדקעס. זיי האָבן אַ שיינע צוויי־צימער־וווינונג אויף דער טשערניאַקאָווסקע גאַס. וולאַדעק האָט באַקומען אַ פּאָסטן אַ דאַנק אַניעלאָס ברודער. אסתר עסט אויך ביי זיי מיטאָגן און צאָלט פאַר אַלץ צוזאַמען זייער ווייניק, נישט מער, ווי עס וואָלט געצאָלט אַ פּאָלקע. מיינע געוועזענע שכנים ווילן אונדז אָפּדינען פאַר דער גוטער באַציאונג צו זיי פון אַ מאָל, פון פאַר דער מלחמה.

מאָרגן זענען פראַניאָס „אימיענינעס" (אָנשטאָט דעם געבורטס־טאָג פייערן די קאַטאָליקן דעם נאָמען־טאָג). ישראל האָט היינט געקויפט אַ שיין גאָלדן האַנטזייגערל מיט אַ בראַנדזעלעט אַלס מתנה פאַר פראַניאָן, דאָס ערשטע גאָלדענע זייגערל אין איר לעבן.

סטאַך פאַרלאַנגט דורכאויס, אַז אויך איך זאָל מיטקומען מיט ישראלן, אָבער כ'ווייס נישט, צי ס'איז כדאי צו ריזיקירן. סטאַכס שכנטעס קאָנען

מיך דערקענען און אונטערשיקן פּאָליציי. בעסער נישט אַרויסצורופן דעם וואָלף פון וואַלד!

מאָרגן וועט זיך ביי סטאַכן פאַרזאַמלען זיין גאַנצע משפחה. דאַנקאַ העלפט פּראַניאַן באַקן, קאָכן און בראָטן. זי האָט מיר דערציילט, אַז דריי עמערס קאַרטאָפל האָט זי אָפּגעשיילט און מאָרגן וועט זי די קאַרטאָפל רייבן און מאַכן קליסקעס. פון דאָרף האָט סטאַכס שוועסטער געברענגט אַ גרויסע בלעך „בימבער" (בראַנפן)

— — — —

נעכטן, ווען דער טאַטע איז געזעסן אויפן עמער אין שאַנק, האָט אַנ־געקלאַפּט די דאָרע שכנה פון אַנטקעגן איבער און געבעטן איך זאָל איר באָרגן מיין עמער אויף אַ צוויי שעה, ווייל זי וואַשט וועש.

— אָ יעזו! — רוף איך אויס — איך ברענג אים דיר גלייך אַרויף, פּרוי וואַלעריאַ. ער איז ביי מיין קוזינקע אונטן, איך האָב אים דאָרט פאַרגעסן.

— באַמי זיך נישט, פּרוי מאַלאַרסקאַ, איך וועל אַליין אַראָפּגיין און אים נעמען.

— ניין, ניין, שכנטע. איך מוז סיי ווי סיי איצט זיין ביי „מיין דאַנ־קאָן" — ענטפער איך, אָננעמענדיק די קליאַמקע מיט איין האַנט און די קליינע פּרוי — מיט דער צווייטער. איך האָב געוואָלט, זי זאָל וואָס שנע־לער אַרויס פון שטוב. אָבער זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער טיר פון שאַנק און געפרעגט ווו איך קויף האָלץ.

שנעל, נישט אויפהערנדיק צו רעדן, דערצייל איך, אַז מיין ברודער, סטאַך, וועלכן זי האָט שוין דאָ געזען, באַזאָרגט אונדז האָלץ. פון שאַנק דערהערט זיך עפּעס ווי אַ שטילער קרעכץ. די שכנה שפּרינגט אויף, ווי דער מלאך המות וואָלט זיך איר באַוויזן און שרייט אויס: „יעזוס מאַריאַ, די שאַנק רודערט זיך הינטער מיר!".

איך פאַרליר זיך נישט, הייב אָן הילכיק צו לאַכן, בייג זיך אין דרייען און זאָג: „דו ביסט מיד, שכנטע, דאַרפסט זיך אויסרוען, קום, איך וועל אַרויפברענגען דעם עמער, דו וועסט אויסענדיקן די וועש און זיך איבער־שלאָפן".

— האָסט אָפּט מאָל אַזעלכע האַלוצינאַציעס? — פרעג איך זי שוין אויף די טרעפּ.

— כ'געדענק נישט — פאַרקלערט זי זיך, — אָבער אין חלום זע איך שטענדיק מוראדיקע בילדער און שרעק זיך. דער גלח הייסט געבן צדקה און זאָגן פאַרן שלאָף דריי מאָל „זדראָוואַש מאַריאַ".

גאָט אין הימל! — קלער איך מיר — איך האָב שטענדיק געהאַט צו דיר טענות, פאַר וואָס דו באַשאַפסט נאַראָנים, אָבער איצט פאַרשטיי איך דיך און דאַנק דיר, באַשיצער!..

ווען די שכנטע איז שוין ביי זיך אין שטוב, מאַך איך שנעל אויף מיין טיר, כאַפּ דעם עמער און לויף אַראָפּ צום מיסטקאַסטן.

צוריקגייענדיק מיטן ליידיקן עמער, באַגעגנט מיך נאָוויצקאַ, די שוס־טערקע פון דריטן שטאָק און פרעגט: „זאָג מיר, פּאַני מאַלאַרסקאַ, פאַר וואָס טראָגסטו אַראָפּ צוויי מאָל אין טאָג דעם עמער? איך וווין אויפן דריטן שטאָק און שיט אויס דאָס מיסט איין מאָל אין צוויי טעג און דיך זע איך כסדר לויפן מיטן עמער אַראָפּ און אַרויף, פאַר וואָס טוסטו עס?".

— איך האָב זייער פיינד מיסט — ענטפער איך מיט אַ שמייכל — דאָס פאַראומרייניקט מיר די שטוב.

די נאָוויצקאַ שאָקלט מיטן קאָפּ, וו זי וואָלט געטראַכט: „קוק נאָר אָן די גרעפין!".

— ווי שפּעט איז איצט, פּאַני נאָוויצקאַ? — פרעג איך, לויפנדיק אויף די טרעפּ.

— אַרום דריי אַ זייגער.

— אוי, יעזו, באַלד וועט מיין מאַן קומען פון דער אַרבעט און דאָס מיטאָג איז נאָך נישט פאַרטיק! — שריי איך אַראָפּ פון פינפטן שטאָק.

מיין שווער ווישט מיט אַ טאַשנטיכל די פינגער און מורמלט „אשר יצר". איך בין אויפגעבראַכט און אומרואיק צוליב זיין אומבאַרעכנטקייט, כ'האָב אָבער מורא צו רעדן און צו זאָגן אים מוסר; די שכנים ווייסן דאָך, אַז כ'בין אַליין. מאַך איך דערפון אַ וויץ: איך ווייז מיטן פינגער אויף זיין שטערן און ריר דערנאָך אָן די זויל פון מיין שוך... ער פאַרשטייט און לאַכט. באַלד שטעקט ער אַריין אַ פינגער אין מויל און ווייזט מיר, אַז ער וויל עסן.

ווען ישראל קומט אַהיים און מיר מעגן שוין רעדן, באַריר איך דעם ענין פון דער סכנה, וואָס דראָט אונדז, אויב דער טאַטע וועט זיך ווייטער אויפפירן אַזוי לייכטזיניק.

— נו, וואָס בין איך שולדיק, — פאַרענטפערט ער זיך — האָב איך עס דען געטון בכוונה?

7.

ס'איז דער 4־טער אָקטאָבער. ישראל איז געגאַנגען אויף פּראַגיאַס „אימיעניניעס". איך מיטן טאַטן זענען געבליבן אין דער היים. עס טונקלט. דאָס פענצטערל זעט אויס, ווי אַ לאַטע אינעם משופּעדיקן סופיט. פון שווערס בעט טראָגט זיך אַ ריטמישער ש־טש־ממ־שש־ פון זיין מעריב־

דאַוונען. איך, אַן איינגעקולעטעביים טיש, וואָרן אים מיט אַ שטילן „ששאַ". איך וויל נישט עמעצער פון די שכנים זאָל באַמערקן, אַז כ׳בין דאָ אין שטוב. דעריבער טאַקע צינד איך נישט אָן דאָס לעמפּל.

אין הויז איז שטיל. אויך דער שווער איז פאַרשוויגן געוואָרן. עס באַפאַלט מיך אַ מרה־שחורה. ס׳ווילט זיך איינשלאָפן, פאַרשלאָפן די צייט און נישט קלערן! נישט דערמאָנען, נישט ליידן!

פּלוצלינג דערהערט זיך אַ שאָס, ווי פון אונטער דער פּאַדלאָגע. דאָס גאַנצע שטיבל גיט אַ ציטער און נאָך אַ פּאָר מינוט רייסט זיך אַריין אין דער שטילקייט פונעם קאָרידאָר אַ מוראדיק פרויען־געשריי: „פּאָליציאַ!! פּאָליציאַ!!!

אַלע טירן עפענען זיך האַסטיק אויף. עס אַנטשטייט אַ געלויפעריי, אַ געפּילדער. „פּאָליציאַ, פּאָליציאַ!!" — רייסט זיך אומאויפהערלעך דאָס זעלבע קול צווישן אויסגעמישטע און פאַרפּלאָנטערטע אויסרופן: „קטאָ סטששעלאַל?" (ווער האָט געשאָסן?).

„יעזו, יעזו!!" — יאָמערן פרויען, — „לעטשטאַ פּאָ פּאָליציען, פּאָ דאָקטאָראַ!" — עס דערגייען דערשטיקטע קולות, מענטשן לויפן הין און צוריק — עפּעס טוט זיך דאָרט אויפן פערטן שטאָק.

איך בין שטאַרק אומרואיק און שרעק זיך, מיר זאָלן נאָר נישט אַריינפאַלן צוליב דער סומאַטאָכע. דער טאַטע ווערט צעטומלט. איך זאָג אים אָן, אַז טאָמער קלאַפּט מען אין דער טיר, זאָל ער זיך מאַכן שלאָפן און נישט באַוועגן, איך וועל טון דאָס זעלבע. עס טרעפט דאָך, אַז געוויסע מענטשן האָבן אַ שווערן שלאָף. טאָמער אָבער וועט מען דאָך מוזן עפענען, זאָל ער אויף קיין שום פראַגן נישט ענטפערן, נאָר פונאַנדערלייגן די הענט און שווייגן, ווי אַ טויב־שטומער. ער ציטערט און זאָגט צו אַזוי צו טון. איך אַליין מאַך מיר אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו האַנדלען אין אַזאַ פאַל. אפשר איז כדאי, מירביידע זאָלן איצט פאַרלאָזן די שטוב און אַרויס אויף דער גאַס? איך טרייב אַוועק דעם געדאַנק. ניין, דאָס איז נאָך אַ גרעסערע ריזיקע.

נאָך אַ פערטל שעה אַפּוואָרטן ווערט שטיל און מיר דערהערן דייטלעכע מענער־שטימען. ווייזט אויס, אַז פּאָליציי איז שוין דאָ. אין אונדזער טיר קלאַפּט עמעץ דריי מאָל: אַן אייגענער. וואָס טוט מען? עפענען, אָדער נישט? איך מאַך אויף — אסתר. באַלד צינד איך אָן דאָס לעמפּל. דער שווער הייבט זיך אויף. ער איז צעשראָקן און אַלץ פאַלט אים פון די הענט. איך העלף אים אַרויפציען די מלבושים און זאָג נאָך אַ מאָל אָן, אויב עפּעס — זאָל ער נישט פאַרגעסן אין זיין ראָל פון אַ טויבשטומען.

אסתר דערציילט, אַז אַרום דעם הויז איז שוואַרץ פון מענטשן. וואָס עס האָט פּאַסירט — ווייסט זי נישט. זי האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן,

כדי ביי עמעצן פרעגן. איך ראָט איר אָוועקצוגיין. זי וויל נישט. עס שרעקט איר נישט דאָס אַלץ, וואָס קומט פאַר אונטן. איך אָבער ווייס נישט, וואָס צו טון מיטן שווער: לאָזן אים זיצן ביים טיש? ער איז אָן דאָקומענטן, אין ערגעץ נישט געמאָלדן; באַהאַלטן אים אין שאַנק? — דאָס איז נאָך געפערלעכער! טאָמער זוכט פּאָליציי און געפינט אים — זענען מיר אַלע פאַרלוירן. מילא, וואָס עס זאָל נישט זיין, ער וועט בלייבן ביים טיש!

צוליב דעם טאַקע, וואָס מיר קאָנען אים נישט איינמעלדן, מוזן מיר זיך היטן פאַר שכנים מיט זיין וווינען ביי אונדז. דער הויז־וועכטער האָט אַ שטרענגן באַפעל געגעבן נאָכצוקוקן, צי עס וווינען נישט קיין אומגע־מאָלדענע מענטשן. די פּאָליציי מאַכט אים פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר.

אין הויז באַרואיקט זיך. איך מאַך פייער אין קיך און קאָך אויף טיי. אסתר טרינקט זיצנדיק אויפן בעט, דער טאַטע — ביים טישל. עס קלאַפּט עמעץ לייכט אין דער טיר. איך עפן. וואַלעריאַ, די שכנה פון אַנטקעגן איבער, אַ פאַרווייִנטע, באַגריסט אונדז.

— כ'האָב געסט — שטעל איך פאַר — דאָס איז מיין „כזשעסטני" (טויף־פאָטער) און דאָס — אַ באַקאַנטע.

די צעשטרייטע פרוי הערט נישט מיינע רייד. זי פאַרברעכט די הענט: „האָסט געהערט, פרוי מאַלאַרסקאַ, מ'האָט דערשאָסן דעמבסקאָס מאַן!"

— ווער? און פאַר וואָס? — רוף איך אויס.

— צוויי יונגעלייט זענען אַריינגעקומען און ווען איינער האָט גע־פרעגט: „דו ביסט דעמבסקי?" — האָט דער צווייטער אויסגעשאָסן, צילנ־דיק גלייך אין זיין קאָפּ. זיי האָבן דער פרוי געהייסן זיין שטיל, ביז זיי וועלן אַוועק, אויב נישט, וועט זי אויך אַריינכאַפּן אַ קויל. דערנאָך האָבן זיי דעם טויטן אָפּפאָטאָגראַפירט און געזאָגט: „אַזאַ סוף וועט האָבן יעדער פאַררעטער, יעדער, וואָס וועט מיטאַרבעטן מיט געסטאַפּאָ". נאָך זייער אַוועקגיין האָט די פרוי אויפגעהויבן אַ געוואַלד. פּאָליציי איז גע־קומען, צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און געהייסן באַשטעלן אַ טרומנע!..

— איז ער טאַקע געווען אַ פאַררעטער? — פרעג איך.

— ווער קאָן עס וויסן, — שנויפּט זי מיט דער נאָז — שלעכטע מענטשן זענען דאָ אומעטום; אָט, האָט מען געמסרט די פרוי פון אונדזער רעוויר־קאָמיסאַר, ווייל זי האָט געשטאַמט פון יידן. און ווען דו וואָלסט זי געקענט, וואָס פאַר אַ פרומע און צניעותדיקע פרוי דאָס איז געווען! זי האָט קיין איין געבעט אין קאָשטשאָל נישט אַדורכגעלאָזט; אירע קינדער האָט זי דערצויגן אויף ערלעכע קאַטאָליקן, פאַר אַלע „פונדאַציעס" האָט זי געגעבן, צום קרייז פון דער „הייליקער מאַריאַ" האָט זי געהערט, צו פוס איז זי

קיין טשעגסטאָכאָוו געגאַנגען און דאָך האָבן טמאַדיקע הענט געשלעפּט זי צום טויט.

— אויב זי איז געווען אַזוי פרום און ערלעך, פאַר וואָס זשע האָט איר די „הייליקע דרייאייניקייט״ נישט געגומען אונטער איר שוץ... דערקלער מיר, ליבע שכנטע וואַלעריאַ, פאַר וואָס?

— גאָטס וועגן זענען פאַרבאָרגן. איך ווייס נישט. דער גלח אין זיינע „קאַזאַניעס״ (פּריידיקן) הייסט נישט שטעלן גאָט קיין קשיות, נאָר בעטן און גלייבן אין זיין גערעכטיקייט.

— אויב אַזוי, איז דאָך דאָס דערשיסן דעמבסקין אויך אַ גאָט־זאַך, פאַר וואָס זשע ווייגסטו?

וואַלעריאַ פאַרפלאָנטערט זיך אין אירע געדאַנקען, שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַ מידע ציג; באַלד ווינטשט זי אונדז אַ „גוטע נאַכט״ און פאַרמאַכט הינטער זיך פּאַמעלעך און שטיל די טיר.

— — — — —

אסתר האָט צוויי פנימער: איינס אַ געמיטלעכס, קינדעריש־צעשמייכלטס, ווען זי געפינט זיך אין געזעלשאַפט פון אַ גוי און דאָס צווייטע — אַ פאַר־ביטערטס און טרויעריקס, ווען זי בלייבט מיט אונדז, אייגענע. זי זיצט און דערציילט וועגן אירע נייע בעלי־בתים; וועגן אַניעלאַס ברודער, וואָס שאַרט זיך צו צו יעדער פרוי, ברענגט פלעשער בראָנפן און פאַרבעט באַ־קאַנטע צום טרינקען און צום שפּילן אין קאָרטן. „איך האָב נעכטן געטרונ־קען און געוואָלט זיך פאַרשיכורן. איך וויל זיין שיכור, איך קאָן נישט לעבן אַזוי נאָרמאַל, אַזוי ניכטער!״ — שרייט זי כמעט און באַלד גיט זי צו שטילער: „ווען נישט דער געדאַנק וועגן הוטקאָן, וואָלט איך פאַרענדיקט מיט זיך. איך בין משוגע, איך בין משוגע אַפילו מיט דעם, וואָס כ׳לעב!״.

איך לאָז איר רעדן, וויינען, צאַפּלען. אויך איך האָב, אין מיינע שווער־סטע מינוטן, געזוכט אין עפּעס זיך אָנצוכאַפּן, כדי צו בלייבן לעבן. זאָל זי זיך באַרעכטיקן מיט וואָס זי קאָן, דאָס איז די איינציקע רפואה, מיט וועל־כער כמעט יעדער פאַרבליבענער ביים לעבן, באַנוצט זיך איצט.

די ווייזערס רוקן זיך. אסתר קאָן זיך נישט דערוואַרטן אויף ישראלס צוריקקומען פון דער פייערונג ביי די סטאַכעס און גייט אַוועק.

פינקטלעך האַלב ניין שליסט ישראל אויף די טיר. עס טראָגט זיך פון אים אַ שטאַרקער ריח פון בראָנפן און ציגאַרעטן.

.3

און ווידער איז אַוועק אַ וואָך. ווי לייכט עס זאָגט זיך „אַ וואָך״ און ווי שווער איז זי איבערצולעבן!

יעדער טאָג, יעדע שעה — אַ פּלאָנטער פון ליגנס, יסורים און שרעק; יעדע נאַכט — אַ וויסטע וועלט מיט בייזע חלומות און דאָס אויפוואַכן — אַ פּחד פאַרן אָנקומענדיקן טאָג.

דאָך הייסט עס, אַז מיר לעבן אין „גוטע באַדינגונגען". ווי אַזוי מוזן ליידן די יידן, די באַהאַלטענע הינטער טאַפּעלע ווענט, אין קעלערס, גריי־בער, אויף בוידעמער; אַלס בעטלער, מוזיקאַנטן, און אַ דאַך איבערן קאָפּ, פּאַראומרייניקטע, קראַנקע, געפּלאָגטע נאָך מער ווי הײמלאָזע הינט.

עס פּאַסירט, אַז איך טרעף עמעצן פון זיי אויף דער גאַס, אָדער אין טראַמוויי. ווי אַזוי זיי זאָלן נישט זיין געקליידט און פאַרשלייערט — דער־קען איך זיי על פּי רוב אין די אויגן, אין אַ באַוועגונג, אינעם פאַרהאַלטן זיך. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָב איך ביי דעם „קאַפּוצינער" קאָשטשאָל געזען אַ „לאָמען" בעטלער. אַן אַרומגעהילטער מיט שמאַטעס, איז ער געשטאַנען אונטערגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן מיטן הוט אין דער האַנט און געזונגען הייליקע לידער. אינעם הוט — אַ ביסל קליינגעלט; אויף די אויגן — טונקעלע ברילן; זיין אויסגעדאַרט, באַוואַקסן פּנים מיט די לאַנגע וואָנסעס — אַזוי גוייש. אָבער ביים זינגען האָבן צוויי זאַכן געקאָנט וואַרפן אויף אים אַ חשד: אַ גאָלדענער צאָן אין זיין מויל און אויך דאָס גע־זאַנג, וואָס האָט מינוטנווייז געקלונגען ווי זמירות. ווען איך האָב אין הוט אַריינגעוואָרפן אַ מטבע, האָב איך שטיל אַ זאָג געטון: „אַלץ איז גוט אָבער דער זמירות־טאָן טויג נישט. אויך דאָס מויל עפן נישט צו ברייט — דער גאָלדענער צאָן קוקט אַרויס".

אין דעם אויגנבליק האָט אַ דורכגייער אַריינגעוואָרפן אין הוט אַ מטבע און ווען דער בעטלער האָט זיך, מיט דאַנק, אַ נייג געטון — האָבן זיך ביי אים אַראָפּגעגליטשט די ברילן. כ׳ביז געוואָרן פאַרשטאַרט: אינעם בעט־לער האָב איך דערקענט פּיעטרושקען, דעם פרומען ייד און געוועזענעם אייגנטימער פון שפּייז־געוועלבל אויף דזשעלנע 12.

איינצלנע קריסטן, פרויען און מענער, האָבן, דורכגייענדיק נעבן אונדז, געצויגן אין קאָשטשאָל אַריין.

— איך וועל פּאַר נאַכט צוקומען אַהער, — האָב איך שטיל געזאָגט — וואַרט אויף מיר, פּיעטרושקאַ.

אָבער פּאַר נאַכט, צומאָרגנס און אויך אַ גאַנצע וואָך האָב איך אים מער נישט געטראָפן. ער איז פאַרשוווּנדן. האָט ער מורא געהאַט פאַר מיר? מעגלעך. אויך מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ער קאָן מיך, נישט ווילנ־דיק, פאַרראַטן. ווי טרויעריק איז דאָס, אַז מיר פאַרלירן, אַפילו צו אייגענע, דעם צוטרוי!

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַמערקט אין טראַמווײַ אַ טלענירטע, עלעגאַנטע פרוי. זי האָט געטראָגן אַ טונקעלן קאָסטיום מיט אַ פּעלערינע פון זילבער־פוקסן. פונעם הערלעך שײַנעם פּנים האָבן אַרויסגעקוקט ברוינע, אומעטיקע אויגן. ווי אַ מאַגנעט האָט מיך אַ ציִ געטון צו דער באַנק, וווּ זי איז געזעסן. כ'האָב זי מיט זיך פאַר־שטעלט און בײדע האָבן מיר אַרויס־געקוקט דורכן פענצטער. פון דעסט וועגן האָב איך, פון צײַט צו צײַט, אַ קוק געטון אויף איר. זי האָט דאָס באַמערקט, געוואָרן אומרואיק, צע־שראָקן. זי האָט דערפילט אויף זיך אויגן. אויף דער אַרישער זײַט מוז מען זיך שרעקן פאַר אויגן, זײַ פאַרשטעלן אַזוי אָפט דעם וועג צום לעבן. אפשר ווען אונדזערע בײדנס בליקן וואָלטן זיך צוזאַמענגעטראָפן, וואָלטן מיר זיך דערלאַנגט די הענט און דערפילט אַ נאָענטקייט. אָבער דער פּחד קוקט אין די זײַטן, מײַדט אויס אויגן.. בײַ דער ערשטער סטאַציע איז זי אַרויס פון טראַמווײַ. אויך זי האָט, ווײַזט אויס, מורא געהאַט פאַר מיר.

אין דער היים האָב איך לאַנג געקוקט אין שפּיגל און געפאָרשט מײַן פּנים. כ'האָב פעסטגעשטעלט, אַז מײַנע טרויעריקע אויגן זענען זײער ענ־לעך צו די אויגן פון יענער ייִדישקע אין טראַמווײַ, וואָס האָבן, אַזוי ווי מײַנע, געהאַט אין זיך דעם ווײטאָג פון אַ קראַנקער, לײַדנדיקער חיה.

— — — — —

ישׂראל איז דינסטיק געווען אין גראַדזשיסק, פאַרקויפט זיגמונטן (אונדזער געוועזענעם קונה, אַ רײַכן, קריסטלעכן שנײַדער) צוויי קופּאָ־נען אַנצוג־שטאָף און באַקומען טאָפּל געלט, ווי דורך וויעסלאַווס פאַר־מיטלונג. די דערהאַלטענע סומע קאָן אונדז סטאַרטשען אויף אַ חודש צום לעבן. ישׂראלס שטימונג איז אַ געהויבענע אויך דערפאַר, וואָס די פאַמי־ליע זיגמונט האָט אים אויפגענומען זײער פרײַנדלעך.

9.

דעם עמער טראָג איך שוין נישט אַראָפּ אַזוי אָפט. די שכנים האָבן זיך צו פיל אינטערעסירט מיט מײַן איבערגעטריבענער רײנקייט. ווען וואַלע־ריאַ פאַרשליסט איר טיר, גײענדיק צו דער אַרבעט, און ווען מאַריאַננאַ קומט פון איר וואַך־נאַכט און לײגט זיך שלאָפן — דעמאָלט כאַפּ איך דעם עמער און גיס פון אים שנעל אויס די אומרײנקייט אין דער שיסל אַרײַן, וואָס געפינט זיך אין קאָרידאָר. שט־לינקע מאַך איך אויף דעם קראַן און צערײַב מיט דער האַנט די „מאַסע״, וואָס שווימט אַראָפּ מיטן וואַסער דורך די קלײנע לעכלעך פון שיסל. איך טו דאָס שנעל, היציק און מיט אַזוי פיל שרעק, אַז בײַ יעדן מאָל באַדעקט מיך אַ נאַסער שווייס. דאָס האַרץ קלאַפּט

אזוי האַסטיק, ווי איך וואָלט באַגאַנגען דאָס גרעסטע פאַרברעכן. דער־נאָך וואָס איך די העגט מיט זייף און ווען כ׳בין שוין ביי זיך אין שטיבל, דערפיל איך זיך דערשעפט, ווי נאָך דער שווערסטער אַרבעט. צוויי מאָל אין טאָג חזרט זיך איבער מיין „מיסיע״, צו וועלכער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איך גיב זיך בעסער איין ווי ישראל, וואָס האָט איין מאָל געפרווט מיך פאַרטרעטן און דערנאָך שטאַרק געבראָכן...

.10

אסתר האָט געבעטן מיר זאָלן משפיע זיין אויף סטאַכן, ער זאָל פאָרן קיין כיזין, אין לאַגער אַריין, און נאָכפרעגן אויף איר ברודער און שוועגע־רין, אפשר זענען זיי דאָך, אין דער לעצטער מינוט, אַנטלאָפן פון טראַנספּאָרט און געפינען זיך דאָרטן.

כ׳שלאָג דאָס פאָר סטאַכן. ער איז גלייך מסכים. דעם זעלבן טאָג קומט ער פריער ווי שטענדיק פון דער אַרבעט און, נישט וואַרטנדיק אויפן מי־טאָג, לאָזט ער זיך אין וועג אַריין.

שפּעט אין אָוונט קומט ער צוריק אַ מידער און טרויעריקער. מיר דערוויסן זיך, אַז אין לאַגער געפינען זיך 600 יידן, אָבער אסתרס ברודער און שוועגערין זענען דאָרט נישטאָ. קיין קינדער האָט ער אויך נישט געזען. די יידן, כמעט בלויז יונגע מענטשן, פרויען און מענער, די רעשט־לעך פון די אַרומיקע שטעטלעך, זענען באַשעפטיקט ביי פעלד־אַרבעט, ביים אָפּרייניקן אַ טייך און אַנדערע אַרבעטן. דער לאַגער איז שמוציק, אַלע יידן זענען פאַרלייזיקט, מוטלאָז, דערשלאָגן. זיי רייסן זיך אַרום, קריגן זיך, שילטן און זידלען איינער דעם צווייטן. די לאַגער־מענטשן האָבן סטאַכן אַרומגערינגלט און כּאָטיש אויסגעפרעגט וועגן וואַרשע, ווער ס׳האָט אים געשיקט, אָבער ער האָט מורא געהאַט אויסצוזאָגן, אַז אסתר גע־פינט זיך אין וואַרשע. סטאַך דערציילט, אַז דער לאַגער איז אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט, כיזינער פויערים מיט פוילישער פּאָליציי היטן דעם לאַגער און דער סאָלטיס פון דאָרף איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער צאָל מענטשן, וואָס געפינט זיך הינטער די דראָטן. די רייכערע יידן קויפן אי־בער די שומרים, „דרייען זיך אַרויס״ פון דער אַרבעט און שלאָפן אַפילו אין דאָרף, ביי פויערים.

„בהמות״ — זאָגט סטאַך, — „פאַר וואָס אַנטלויפן זיי נישט? ווייסן זיי דען נישט, אַז דער דאָזיקער לאַגער און די כלומרשטע אַרבעט זייערע איז בלויז צו „פאַרזייפן די אויגן״, אַז אַ ליאַדע טאָג וועלן די דייטשן אַלע אויסשיסן אָדער איבערשיקן קיין טרעבלינקע? אויף וואָס וואַרטן זיי? כ׳האָב זיי דאָס געפרעגט, האָבן זיי געענטפערט, אַז עטלעכע זענען

טאַקע אַנטלאָפן און אומגעקומען. אָן באַקאַנטע פּאַלאַקן, אָן דאָקומענטן און דערצו מיט אַ סעמיטישן אויסזען — איז דער טויט פון אַנטלויפנדיקן אַ זיכערער".

סטאַך רייבט זיך דעם שטערן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַוועקטרייבן פון זיך שלעכטע געדאַנקען. ווען כ'וויל אים געבן עפּעס צו עסן, וויל ער נישט. „כאָלערא" — קרומט ער זיך — „כ'וועל שוין אַ פּאָר טעג נישט קאָנען עסן, דערמאָנענדיק זיך וועגן לאַגער. כ'האָב דאָרט געזען אַזעלכע שיינע יידישקעס, אַז דאָס האַרץ רייסט זיך זיי צו ראַטעווען, אָבער וווהין זאָל איך זיי נעמען?"

— אפשר ווייסטו קאָנען וועלכע פון זיי באַהאַלטן אין דאָרף, ביי דיין שוועסטער? — פרעגט ישראל נישט דרייסט.

— כ'האָב געטראַכט דערפון, יאַנעק; סיי ווי סיי מוז איך פאָרן וועגן דער מעטריקע פאַר העלענאַן, וועל איך פּרוּוון, אפשר וועט מיר געלינגען. אויף זונטיק וועל איך זיך אַריבערכאַפּן אין דאָרף אַריין.

דער טאַטע, אסתר, ישראל און איך זיצן ווי שטומע. אַלע זען מיר אויס, ווי האַלב־פאַרלאָשענע קוילן צווישן אַש. סטאַך שטעלט זיך אויף, לענגערט זיך אויס, רוקט צו די שטול צום טיש און ציט פעסט אַרויף דעם קאַשקעט אויפן קאָפּ. זיינע טריט אויף די טרעפּ הערן זיך, וואָס אַ מאָל ווייטער און שטילער.

— אַדאָם איז ווידער אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער, — רייסט אסתר אי־בער די שטילקייט — איך בין היינט געווען ביי וואַלאַדאַן. וויצקאַ האָט גע־זאָגט, אַז זי וועט אַהערקומען.

—*—

וויצקאַ האָט אונדז טאַקע באַזוכט.

זי איז אַריינגעקומען מיט האַפּקעדיקע טריט, ווי אויף גומענע שיך. אַ ברייט־צעוואַקסענע, מיט איר הויכן, צעטרייסלטן בוזעם, ווי אַן אָנגע־לאָדענער וואָגן היי, האָט זי מיט זיך פול געמאַכט דאָס שטיבל. דער רוי־טער, צעשויבערטער קאָפּ האָר און די לאַבוסעוואַטע, צעשפּילטע אויגן האָבן מיטגעבראַכט אַזוי פיל ליכט, אַז אַפילו דעם טאַטנס פּנים איז גע־וואָרן לעבעדיקער.

וויצקאַ קייעט עפּעס. זי שטעלט אַוועק אויפן בעט אַ קיישל, אָן אָנ־געפּילטס מיט בוראַקעס, ציבעלעס און מייערן. מיט אירע גרויסע דלאָניעס שלעפּט זי אַפיר פון אונטער דעם גרינוואַרג אַ פּעקעלע און וויקלט עס אויף. נייגעריקע קוקן מיר זיך צו צו אַ פּלאַטשיק פּעקל פּאַפּירן אין איר האַנט.

„דאָס דאַרף מען פאַרטיילן — דערקלערט וויצקאַ, — אַזוי זיצן און גאָרנישט טון איז אַ פאַרברעכן. יעדע וואָך וועל איך ברענגען „אַרבעט".

זי גיט אָנווייזונגען, אַז ערשטנס דאַרף מען די שריפטן פונאַנדערטיילן צווישן אייגענע און די עקזעמפּלאַרן, וואָס וועלן בלייבן — איבערגעבן אויף די פון איר אָנגעוויזענע אַדרעסן. די אַדרעסן מוז מען געדענקען אויסנווייניק, אָדער פאַרשרייבן אין שיפער. איך מיט ישראלן דערפרייען זיך, ווי מיר וואָלטן באַקומען אַ נייעם ווערט. דער טאַטע אָבער ווערט אומרואיק און „בלאָזט" זיך אָן. „דאָס איז אַן איינשטעלעניש, אַ סכנה, אַ הפקרות" — בייזערט ער זיך און הייבט מיט די אַקסלען, ווי עס וואָלט אים עפּעס געביסן.

„און אַזוי, זענען מיר דען נישט הפקר ? — פרעג איך אים — זענען מיר נישט איינגעשטעלט ? מיש זיך נישט, טאַטע, דו וועסט זיך מיט דעם נישט באַשעפטיקן".

„אָבער די געפאַר ווערט גרעסער !" — ציטערט ער.

וויצקאַ לאַכט הילכיק. זי גיט אויף פיר אַדרעסן, אויך די האַסלע. קייענדיק אומאויפהערלעך מיט די ציין, זאָגט זי צו אין אַ וואָך אַרום ווי־דער צו קומען. ישראל נעמט זיך צום לייענען.

ווען אסתר קומט צו גיין, גיבן מיר איר אַ ביסל בולעטינען צום פאַר־טיילן צווישן אירע באַקאַנטע. דערנאָך בין איך „מכבד" פראַנעקן מיט עטלעכע שטיק פאַר זיינע אַרבעט־חברים. סטאַכן מיט זאַשקאַן וועט מען אויך נישט פאַרטיילן און די רעשט וועלן מיר אין אַ טאָג אַרום איבער־געבן צו די דאַזיקע, וועמענס אַדרעסן וויצקאַ האָט איבערגעלאָזט.

11.

שוין עטלעכע טעג, ווי אסתר קומט צו אונדז, ווען ס'ווערט טונקל. די סיבה איז פאָלגנדיקע : אויף פרעטאַ־גאַס האָט אַ שייגעץ זי פאַרטשע־פּעט און פאַרבעטן צו גיין מיט אים אין אַ קאַפע־הויז. מעגלעך, אַז ער האָט נישט געטראַכט פון איר אַלס יידישקע, נאָר גלאַט אַזוי „געפּרוווט גליק" ביי אַ שיין מיידל. אָבער זי האָט זיך דערשראָקן, אָנגעהויבן צו שטאַמלען, בעטן ער זאָל זי לאָזן צו רו און טאַקע אָט די אונטערטעניקייט אירע, אירע צעלאַפּענע, אומרואיקע אויגן, דאָס גאַנצע שפּלדיקע האַלטן זיך — האָט זי פאַרראַטן. דער שייגעץ איז געוואָרן דרייסט, פרעך, אָנ־גרייפעריש און איבערגעייענדיק אויף „דו", גענומען זי אינטים אונטערן אָרעם און אַריין מיט איר אין דער נאָענטסטער צוקערניע. אסתר, אין די ערשטע מינוטן אַ פאַרטויבטע — האָט אויפגעוואַכט. זיצנדיק ביים טישל, אַנטקעגן איבער איר שונא, האָט זי אָנגעהויבן רואיק טראַכטן.

„וויפל געלט האָסטו, סאַלטשע?" — האָט ער געפרעגט און ברייט זיך באַזעצט אויף דער שטול, מיט די הענט אין די טאַשן. זיין אומגעריכטע הצלחה האָט אים צוגעגעבן מוט, חוצפּה און פאַנטאַזיע.

„צוויי הונדערט און אַכציק זלאָטעס".

„און חפצים?".

„כ'בין אָרעם, כ'האָב נישט קיין צירונג".

„נאַרסט אָפּ, שיינקייט, בעסער זאָג דעם אמת. דו וועסט מיט מיר גיין צו מיינס אַ חבר און מיר וועלן דיך באַזוכן".

אסתר האָט מאָביליזירט אַלע אירע כוחות, אַלע חנדלעך, פּאָרטלען און אָפּגעקויפט איר לעבן מיט 280 זלאָטעס. זי האָט אויך אויפגעגעבן דעם שייגעץ אַן אויסגעטראַטכן אַדרעס פון איר וווינונג און „דערלויבט" אים צו קומען. דער שייגעץ איז, ווייזט אויס, געווען אַן „אָנפאַנגער" אין זיין „פאַך" און געלאָזט זיך „אָפּנאַרן"...

אַ צעטומלטע איז אסתר אַרויס אין גאַס און באַנוצט זיך מיט דריי טראַמווייען, כדי אָנצוקומען צו אונדז, כאָטש פון פרעטאַ ביז שוויענטאָ־יאַנסקאַ איז בסך הכל אַ מרחק פון פינף מינוט גאַנג. אָבער צוליב זיכער־הייטס־טעמים האָט זי דאָס געטון, טאָמער האָט דער שייגעץ איר נאָכ־שפּיאָנירט. זי פאַרזיכערט, אַז ער איז געבליבן אויפן אָרט, דאָך באַהערשט אונדז אַן אומרו און ביי יעדן שאָרך אויף די טרעפּ ווערן מיר אָנגעשפּיצט און שרעקעוודיק.

צוויי טעג זענען מיר געווען אונטערן איינדרוק, אַז אָט, אָט וועלן שאַנטאַזשיסטן אָנקלאַפּן אין טיר. אסתר האָט באַשלאָסן אין משך פון צוויי וואָכן נישט צו פאַרלאָזן בייטאָג איר שטוב און קומט צו אונדז, ווען ס'איז שוין טונקל.

.12

דער טאַטע האַלט חשבון, ווען ס'איז ראש־חודש, ווען ס'פאַלט אויס די, אָדער יענע יאָרצייט; ער באַקלאָגט זיך, וואָס ער האָט נישט קיין טלית און תפילין און אַפילו קיין סידור נישט. דאַוונט ער פון אויסנווייניק. ווען ער שטייט שמונה־עשרה, מעג ווער קלאַפּן אין דער טיר — רייסט ער נישט איבער. „גאָט וועט אונדז נישט פאַרלאָזן" — טענהט ער עקשנותדיק און זיכער און מורמלט, מורמלט אַלץ, וואָס ער געדענקט פון אַמאָל. כ׳ינע נערוון זענען אָנגעצויגן, קראַנק. כ'בין מקנא ישראלן מיט זיין פאַרלאָזן יעדן טאָג די שטוב. איך פאַרליר דעם חשק אַפילו צו שרייבן. עס גייט מיר נאָך אַ פחד, אַז עפּעס שלעכטס וועט געשען.

יעדן פרימאָרגן גייט ישראל צו זיין „אַרבעט״ און ביז ער קומט ווידער צוריק — ציען זיך די שעהן אַזוי מוראדיק לאַנג, אַז קיין שום באַשעפטיקונג קאָן נישט פאַרטרייבן דעם אינערלעכן אומרו.

לויף איך טייל מאָל צו זאָשקאַן, הער אויס אירע טענות, טו אַלץ צו פאַרגלעטן יעדן ריס, באַרואיק זי, באַשיט מיט געשאַנקען און זאָג צו אויסצוזוכן אַן אַנדער אָרט פאַר יאַדוויגאַן.

מיט צוויי טעג צוריק, ווען כ׳בין אַ פאַרטראַכטע געגאַנגען פון זאָשקאַן אַהיים, האָט אויף דער זאָמבקאָווסקע גאַס אַ געשטאַלט פאַרשטעלט מיר דעם וועג. נאָך איידער כ׳האָב דערזען דאָס פנים, האָט אַ געפיל פון סכנה אָפּגעשטעלט דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ, דעם לויף פון געדאַנקען. אָט שטייט מיין גורל, אַן אומדערבאַרעמדיקער, אַנטקעגן מיר, פנים אל פנים. עס צעשווימען זיך אַלע העלדישקייטן. אַן אויסגעשפּאַנטע פון יעדן רעאַלן געדאַנק, ווי אַ פאַרהאַקטער אויטאָמאָביל־מאָטאָר, וואָס קען זיך נישט אָנצינדן, בלייב איך אַ צוגעשמידטע צום אָרט.

„קום!״ — דערהערט זיך אַ קורצער באַפעל.

„ווו אַהין״? — פרעג איך רעזיגנירט, מאַט.

„מיט מיר!״ — פאַלט אַ ברוטאַלער ענטפער.

און דעמאָלט קוק איך זיך צו צו זיין פנים: שפּיציקע געזיכט־שטריכן, אויסבלאַקריטע, קאַלטע אויגן, אַ שמאָלע, לאַנגע נאָז, דינע, פאַרביסענע ליפּן, אַרום וועלכע עס שוועבט אַ סאַרקאַסטישער שמייכל. אויף איין באַק, פון דער נאָז ביז צום אויער — אַ שראַם, וואָס גיט צו נאָך מער אכזריותדיקייט דעם פּרצוף.

אָן דעם קלענסטן ווילן זיך קעגנצושטעלן, הייב איך די שווערע פיס און גיי מיט אים. די גאַס איז כמעט ליידיק. איך שלעפּ זיך געהאָרכזאַם ווי אין אַ היפּנאָטישן שלאָף. די געדאַנקען אין קאָפּ פּלאָנטערן זיך כאַאָטיש, אָן אַ סדר. איך שטעל זיך פאָר, ווי ישראל וועט אויף מיר וואַרטן אומגעדולדיק און זיך נישט דערוואַרטן. כ׳זע זיינע גרויסע דלאָניעס פאַרבראָכן, זיינע טיפע פאַרצווייפלטע אויגן — פאַרווײנט. און פּלוצלינג דערוואַכט אין מיר אַ ווילן אַרויסצוראַטעווען זיך פון דער טויט־סכנה. דער דראַנג צום לעבן געפינט זיין גלייכוואָג.

— העי, — רוף איך אויס פאַרשייט, מיט אַ קול ווי פון אונטער דער נאָז — און געלט צו באַצאָלן האָסטו?...

דער פאָלאַק בלייבט אַ רגע שטיין, קוקט מיך אָן, ווי ער וואָלט מיך ערשט איצט דערזען און פרעגט אַ בישט זיכערער:

— ווער ביסטו, אייגנטלעך?

„כאַ, כאַ, כאַ!״ — לאַך איך פרעך, הויך, חצופיש, אַרויסשטופנדיק דאָס האַרץ־ברעטל און אַזוי מיט די הענט אויף די ביאָדערס, גיב איך אַ ברייטן שפּיי:

— מאַכסט פון מיר לצנות, יאָלד! — כ׳האָב באַלד דערפילט, אַז דו שטינקסט נישט מיט קיין גראָשן און ווילסט זיך פּאַרוויילן אויפן „דראַנ־זשעק״! אויב שוין יאָ, איז נישט מיט אַזאַ אויסגעווייקטן הערינג, ווי דו. כאַ, כאַ, כאַ! — צערייס איך זיך שיִער נישט פון לאַכן און בייג זיך אין דרייען.

אַ געפּלעפּטער, ווי ער וואָלט פאַרלוירן די ערד אונטער די פיס, מיט צעטומלטע אויגן, גיט ער אַ פּראָפעסיאָנעלן שפּיי, צוקלאַפּנדיק די צונג צום גומען און זאָגט ווייך, היימיש:

— כ׳בין געווען זיכער, אַז דו ביסט אַ יידישקע, קליינטשיקע, אַנט־שולדיק! אַזאַ טעות האָט זיך מיר נאָך נישט געטראָפן!

— דו! — פאָכע איך מיטן פינגער פאַר זיין נאָז — רעכן זיך מיט די ווערטער, ווייל וועסט טייער באַצאָלן! „מיינער״ וועט דיך אומעטום געפּי־נען! אַזאַ באַליידיקונג האָב איך נאָך פון קיינעם נישט געהערט און דיר וועט עס אויך גלאַטיק נישט אָנגיין.

איך פאַרקערפּער זיך אין גאַנצן אין אַ גאַסן־פרוי און שיט מיט אויס־געלאַסענע ווערטער. פלוצלינג טו איך זיך אַ דריי אויס, הייב פלינק אונ־טער ס׳רעקל ביז צום קאָפּ, בלעק אַרויס אַ גרויסע צונג און דערווייטער זיך. פון אַ פענצטער דערגייט אַ הילכיק געלעכטער. אַ „שטאָלצע״, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, נישט אומקוקנדיק זיך, גיי איך צו דער טראַמוויי־סטאַציע און שטייג איין אין ערשטן אָנקומענדיקן וואַגאָן.

איך בין דערשעפּט, צעבראָכן. ווי פריקרע פליגן זשומען מיר אַ גאַנצן וועג אין מוח געדאַנקען: „ס׳איז לייכטער צו זיין אַ גאַסן־פרוי, ווי אַ יידישקע״, ס׳איז מער „כבוד״ צו זיין אַ גאַסן־פרוי, ווי אַ יידישקע״, „ס׳איז זיכערער צו זיין אַ גאַסן־פרוי, ווי אַ יידישקע״.

13.

סטאַך איז געווען אין דאָרף און געברענגט אַ תשובה, אַז זיין שוועס־טער קאָן צו זיך קיין פאַריסאָוער יידן נישט אַריינבעמען, ווייל אין איר חזיר־שטאַל באַהאַלט זיך אויס אַ יידיש פאָרפאָלק („צוויי שטיק״ — ווי סטאַך האָט זיך אויסגעדריקט).

טאָג נאָך טאָג קומען פאַר „לאַפּאַנקעס״. די, וואָס באַזיצן נישט קיין „אַרבעט־קאַרטע״, ווערן אויפגעכאַפּט און פאַרשיקט קיין דייטשלאַנד צו שווערער אַרבעט. אין געטאָ דאַקעגן איך שטילער. אַ סך יידן גייען צוריק

„אַהיים". די „אַקציעס" האָבן אויפגעהערט, דאָס געטאָ פאַרנעמט איצט אַ קליינעם שטח. לויט ווי געהיימע בולעטינען גיבן איבער, געפינען זיך נאָך דאָרט זעכציק טויזנט יידן. רעגיסטרירטע אויף דייטשישע אַרבעט־פּלעצער זענען פאַראַן נאָר דריי־און־דרייסיק טויזנט, די איבעריקע באַהאַלטן זיך אויס. מיר זענען זיך משער, אַז די צאָל איז אַ נאָך גרעסערע.

מערקווערדיק, אַז אין אויסלאַנד גלייבט מען נישט אין דער אַלגעמיינער אויסראָטונג פון יידישן פאָלק. לויט ידיעות פונעם בולעטין, איז די וועלט איבערצייגט, אַז דער אַלאַרם איז אַן איבערגעטריבענער. אין אַן ענדעקישער געהיימער אויסגאַבע האָב איך איבערגעלייענט אַ שפּאָטישן זאַץ: „די יידן האָבן אייביק געשריגן וועגן אומרעכט, וואָס געשעט זיי אין אונדזער לאַנד, דעריבער גלייבט מען זיי נישט, אַפילו ווען זייער געשריי איז אַ באַרעכטיקטער".

דער שמוגל אין געטאָ אַריין באַשטייט איצט פון צעמענט און געווער. יידן צאָלן יעדן פּרייז פאַר גראַנאַטן, ביקסן, אויפרייס־מאַטעריאַל אָדער זעק צעמענט. דאָס איז אַ סימן, אַז זיי מאַכן בונקערס און באַהעלטענישן.

די פּאָלאַקן זענען באַזאָרגט מיט דעם, וואָס די יידן ענדיקן זיך אויס און ווען עס וועט אויספעלן „מאַטעריאַל", וועלן זיך די דייטשן נעמען צו זיי. „די יידן אויף פרישטיק און אונדז אויף מיטאָג" — זאָגן גאַנץ אָפט די אַריער.

טויזנטער פּאָלאַקן טראָגן זיך אַרום מיט פאַלשע „אַרבעט־קאַרטן" אַזוי ווי בשעתם די יידן אין געטאָ. איך בין שטאַרק באַזאָרגט וועגן ישראלן. מיט אַ פּאָר טעג צוריק, בשעת אַ „לאַפּאַנקע", האָבן דייטשן אַרומגערינגלט אַלע קאָשטשאָלן און פאַרהאַלטן מאַסן מענטשן. כ'שטעל מיר פאָר, וויפל יידן עס האָבן זיך געפונען צווישן די געפאַנגענע; אַ נס, וואָס ישראל איז גראָד געווען ביי סטאַכן.

איך גיי כמעט נישט אַרויס פון שטוב. גאַנץ פרי, אָדער ווען עס איז שוין טונקל, לויף איך איינקויפן.

יאַנקאַ איז מרה־שחורהדיק: זי האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון איר מוטער, אַז אין דאָרף איז געווען אַן אָבלאַווע און די דייטשן האָבן צוגענומען די יוגנט אויף צוואַנגאַרבעט. אויך איר יונגערע שוועסטער מיטן ברודער זענען פאַרשיקט געוואָרן העט ווייט, אין די קוילן־גרובן.

פראַנעק, אַלס מאַגיסטראַט־אַרבעטער, האָט פאַר יאַנקאַן, זיין ווייב, באַקומען אַ דאָקומענט, וועלכער שיצט זי קעגן אויפכאַפּן צו צוואַנגאַרבעט. אָבער מיר: ישראל, אסתר און איך זענען טאָפּל הפקר.

שוין אַ וואָך צייט פיל איך זיך נישט גוט, ווי כ'וואָלט געווען ערב אַ קראַנקהייט. דער אַפּעטיט איז פאַרשוואונדן, די אַרבעט באַלעסטיקט מיך,

עס גליסט זיך מיר נאָר צו ליגן. די קלענסטע שרעק, דאָס קלענסטע איבער־לעבעניש דערשעפּט מיך, ווי אַ זקנה. איך וויל זיך באַהערשן און קאָן נישט, די פיס און הענט ציטערן דער קאָפּ איז שווער און מיד.

.14

נעכטן זענען געווען די „אימיגאַנטעס״ פון ביידע וויסלאַווס, דעם פאַטערס און דעם זונס. די פייערונג איז פאָרגעקומען ביי זדאַנאָווין אין דער וווינונג, ווייל אין זאַשקאָס שטיבל וואָלט קיין העלפט געסט נישט אַריין.

אַ לאַנגער, שיין־געדעקטער טיש מיט אַלער־לייי פליישן, געטראַנקען און כל טוב, איז געשטאַנען אין אַ גרויס צימער, פון וועלכן דאָס מעבל איז געוואָרן באַזייטיקט. זדאַנאָוויס פרוי, אַ דאַרע, טונקל־הויטיקע, מיט אַ פאַרלאָשן פנים, האָט שטיל געהאָלפן זאַשקאָן אויפנעמען די געסט. ווען אַרום דעם ענג באַזעצטן טיש זענען שוין אַלע געווען איינגעסדרט, האָבן מיר געהויבן די כוסות מיט אַ פייערלעכן „לחיים״. טייל געסט האָבן אויס־געגרופן „כאַיעם״, נישט וויסנדיק אַפילו די באַדייטונג פונעם וואָרט. צווישן די געסט האָב איך באַמערקט צוויי יונגע בלאָנדינקעס, וועלכע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַן איראָנישן שמייכל (ווי ישראל האָט מיר שפּעטער געזאָגט, האָט ער דאָס אויך גלייך באַמערקט).

„פּאַני לאַפּיצקאַ!״ — האָט געגרופן איינע — „פּאַרן געזונט פון אַלע „וויעשניאַקעס״! (פייערים). „צום געזונט, פּאַני דאָמבראָווסקאַ!״ — האָט געענטפערט די צווייטע.

„יידישקעס״ — האָב איך אַ טראַכט געטון (צווישן יידן, אויף דער אַרישער זייט האָט דער אויסדרוק „וויעשניאַק״, אָדער „שפּילקאַ״, גע־דינט במקום דעם וואָרט „ייד״; גויים — האָט דער שיפער גאָרנישט גע־זאָגט) — „יאָ, מיר זענען אייגענע״.

דאָך האָב איך מורא, זיי זאָלן זיך נישט אָנשטויסן, אַז אויך איך בין אַ יידישקע.

מיר האָבן צו דער פייערונג מיטגענומען מאַגדאַן (אסתרן). זי האָט לאַווירט, געטרונקען און סימולירט אַ שאַמפּאַניער־הומאָר. זדאַנאָווי האָט זיך זייטיק צוגעקוקט צו מיר מיט ישראלן און זיין קאַלטער בליק איז מיר אַדורכגעלאָפן, ווי אַ פראָסט איבערן לייב. סטאַך מיט פראַניאַן זענען גע־זעסן נעבן אונדז. וויעסלאַוו האָט קאָקעטירט איינע פון די בלאָנדע „שפּיל־קעס״. צו אסתרן האָט זיך צוגעשאַרט אַ פערציק־יעריקער מאַן מיט זעק־לעך אונטער די אויגן, דיקע ליפּן און אַ פליישיק־רויטע נאָז. אויף זיין

וועסטל, צווישן ביידע טעשלעך, האָט געהאָנגען אַ שווער, גאָלדן קייטל, אויף איינעם פון די קורצע, פעטע פינגער — אַ גרויסער גאָלדענער סיג־נעט. עס איז לייכט געווען צו דערקענען אין אים אַן אויפגעקומענעם גביר פון יידישע „ירושות". אסתר האָט זיך צו אים באַצויגן העפלעך. איינער פון די בגילופינדיקע געסט האָט אָנווייזנדיק אויף אסתרן מיטן גוי, אויס־גערופן: „ווי כ'האָב די באָבעשי ליב, פאַר אַזאַ „שטיקל סחורה" וואָלט יאַשינסקי גרייט געווען צו געזעגענען זיך מיט זיין אַלמן־שטאַנד!".

יאַשינסקין, אסתרס פּאַרערע, האָבן די ווערטער צוגעגעבן מוט. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ פּעקל באַנקנאָטן פון הויזן־טאַש, אַ וואָרף געטון אויפן טיש און מיט אַ הייזעריק קול אויסגערופן: „האַנטגעלט פאַרן שדכן! דריי מאָל אַזוי פיל וועט ער באַקומען ביים אָדורכפירן דעם שידוך! ווער נעמט זיך אונטער?".

דאָס טרינקען בראָנפן איז אַ פעאיקייט פון פּאָלאַקן. דעריבער לאָזט ישראל נישט אַדורך קיין איין „קאָליעקע", עס זאָל נישט פאַלן קיין חשד, אַז ער איז אַ ייד. אָבער גלייכצייטיק שרעק איך זיך, ער זאָל זיך נישט פאַרראַטן, ווען זיין מוח וועט ווערן פאַרנעפלט. איך צי אים אַלע מאָל ביים אַרבל און זאָג שטיל: „גענוג, הער אויף!". איינער פון די געסט באַ־מערקט עס און צעשרייט זיך מיט אַ שיכורלעך קול: „נעמט אים אַוועק פונעם ווייבל, זי האָט מורא, ווי אַ יידישקע, אַז איר מאַן זאָל זיך נישט צוקלעפּן צו אַ שענערער פון איר!".

די טעמע וועגן יידן כאַפּט אַריין אַלע אין איר נעץ. מיט ציניש, גראָבע ווערטער ווערן דערציילט אַנעקדאָטן וועגן „מאַשקעס, לייבקעס און סאַלטשעס".

„אויף אַ דועל איז געגאַנגען אַ יידל — דערציילט מיט אַ האַלב־שיכור קול יאַשינסקי — און ווען די סעקונדאַנטן האָבן אים דערקלערט, אַז ביים באַווייזן זיך פון בלוט, ביי איינעם פון די קעמפער, ווערט דער דועל אי־בערגעריסן, האָט מאָשעק, ציטערנדיק, ווי געגליווערטע פישיויך, אויס־גערופן: „אויב בלוט איז נעל, איז דער דועל געענדיקט, ווייל כ'האָב שוין פולע הויזן...".

אַ הילכיק געלעכטער צערייסט די לופט. אויך די יידישע געסט לאַכן. זיי לאַכן אַמשטאַרקסטן... איך האָב חשק צו וואַרפן אַ פולע פלאַש „בימ־בער" אינעם פעטן פרצוף פון וויצלער, אָבער מיין האַנט בלייבט אומ־מעכטיק, רואיק.

ווען מיר גייען שוין אַהיים, אויף דער גאַס, האַלט מיך אסתר פעסט אונטערן אָרעם. איך פיל, ווי איר קערפּער ציטערט: זי וויינט.

.15

כ׳האָב געמיינט, אַז אין דער אייגענער ווינונג וועל איך זיך פילן זי־כערער און רואיקער, אָבער עס שרעקט מיך עפּעס. שטיל, ווי אויף די שפּיצן פינגער, דערווייטערט זיך מיין רו, און מיט קעצישע טריט גנבעט זיך אונטער אַ פּחד פאַר נייע ליידן. עס איז נאָך נישט ממשותדיק, אָבער עפּעס וואָרנט און דערנענטערט זיך פאַמעלעך פון יענער זייט טיר. מינוטנ־ווייז דאַכט זיך מיר, אַז דאָס שטיבל איז אָן ווענט, מיט גאַרנישט באַשיצט — הפקר צוזאַמען מיט אונדז.

זונטיק פאַר טאָג איז מיין אומרו דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער מדרגה. כ׳האָב אויפגעוועקט ישראלן און אים געבעטן, ער זאָל זיך אויפ־הייבן און אַוועקגיין צו סטאַכן. אַ פאַרשלאָפענער ענטפער איז דערגאַנגען פון קישן: „חיהלע, לאָז מיך צו רו". דער טאַטע, דאַקעגן, איז געוואָרן וואַכעדיק. ער האָט זיך שנעל אָנגעטון און זיצנדיק ביים טיש — גע־דאַוונט. דאָס שייבל אינעם סופיט האָט אומעטיק געקוקט אויפן האַלב־פינצטערן שטיבל. כ׳האָב איינגעהייצט אין דער קיך און אַרויפגעשטעלט אַ טשייניק וואַסער אויף טיי.

— ישראל, הייב זיך אויף, — האָב איך אים נאָך אַ מאָל געבעטן — עפּעס שרעקט מיך, זיי נישט איינגעשפּאַרט, גיי צו סטאַכן.

— זיי נישט היסטעריש און וואַרף נישט קיין אימה אויף אַנדערע — האָט ישראל קורץ געענטפערט און ווייטער געדרימלט.

ביים צוגרייטן פרישטיק האָבן זיך דערהערט שווערע טריט אויף די טרעפּ. אין אַ רגע אַרום שטורעמט עמעצער אונדזער טיר מיט אַ הילכיקן אויסגעשריי: „אָטוואָזשיטש!" (עפענען). דאָס ברויט פאַלט מיר אַרויס פון האַנט. איך דערהער, ווי ס׳עפענען זיך טירן ביי שכנים. אויך איך עפן. אַ פּוילישער פּאָליציאַנט מיט צוויי געהיים־אַגענטן דרינגען ברוטאַל אַריין אין שטיבל. עס פאַלט אַ ציניש פראַגע: „דאָ ווינען די מאַלאַרסקיס? און ווי אַזוי האָט איר געהייסן אין געטאָ, יידעלעך, האַ?".

אַלע דריי בלייבן מיר אָן לשון.

— זשיוואָ, זשיוואָ, קאָטי! (לעבעדיק, לעבעדיק, קעץ!) — רופט אַ צווייט אכזריותדיק קול און דער דריטער שונא עפנט ברייט אויף די שאַנק, וואַרפט אַרויס דאָס ביסל מלבושים, נישטערט, זוכט. עס פאַלט אַרויס מיין רעקל, אין וועלכן עס איז איינגענייט דאָס צירונג, ישראלס שיך מיטן פאַרשטעקטן גאָלד אין די אָפּצאַסן; עס וואַקסט אויס אַ בערגל שמאַטעס, איבער וועלכן עס טרעטן שמוציקע שטיוול.

ישראל טוט אָן די סקאַרפּעטן. ער איז שטאַרק בלאַס. זיינע הענט ציטערן. איך שטיי, ווי פאַרגליווערט און קוק זיך איין אין די דריי פיינדלעכע פּנימער. דער טאַטע זיצט שטייף ווי אַ ברעט, גאַפט זיך און שפּילט די ראָלע פון אַ טויב־שטומען.

— ווער איז דער ?! — ווייזט אויף אים איינער פון די אַגענטן.

איך אָריענטיר זיך מאָמענטאַל, אַז זיי זענען וועגן טאַטן נישט אינפאָרמירט. עס לויפט מיר דורך אַ געדאַנק: „זאָל כאָטש ער ניצול ווערן" און איך ענטפער שטיל:

— דאָס איז אַ טויב־שטומער שכן. זיין טאַכטער, גייענדיק אין קאָשטשאָל אַריין, האָט אים איבערגעלאָזט ביי אונדז.

— זאָל ער אַריבער צו אַ צווייטען שכן און איר ביידע קומט מיט אונדז אין קאָמיסאַריאַט אַריין, שנעל! — בייזערט זיך דער אַגענט, וואָס האָט גאָרנישט געפונען אין שאַנק. זיין בליק פאַלט אויף ישראלן, וואָס זיצט אַ נישט אָנגעטועטער, אַ פאַרגעלטער, ווי וואַקס. „שנעל טו זיך אָן, פאַרשאָלטענער, ווייל אין די אונטער־וועש וועל איך דיך אַוועקשלעפּן פון דאַנען !".

אָט אין דער רגע וואַך איך אויף, אין דער רגע פון סכנה, וואָס דראָט ישראלן. אַ נייער כוח, מיט אַן עקשנותדיקן ווילן צו באַשיצן אים, באַפעסטיקט זיך אין מיר.

— בלייב זיצן, יאַנעק, — באַפעל איך רואיק און זיכער — בלייב זיצן, מיר וועלן נישט גיין מיט זיי ! זיין, מיר פאַרבלייבן דאָ ביז עס וועלן אָהערקומען דייטשן און אונדז נעמען ! מיט אונדזערע ברידער, פּאָלאַקן, וועלן מיר נישט גיין צום טויט !

— מילטש, זשידוווקאַ ! (שווייג, ייִדישקע !) — רייסט מיר איבער אַן אויסגעשריי פון איינעם פון די געהיים־אַגענטן.

איך גלייך זיך אויס און פאַרהאַלט מיין בליק אויפן פּאָליציאַנטס פּנים, וואָס האָט אין זיך שפּורן פון מענטשלעכקייט.

— אין וועמענס נאָמען קומט איר צו אונדז, ברידער ? — פרעג איך — צי אין נאָמען פון פּוילנס באַפרייאונג, צי אַלס אָנהענגער פון אומרעכט ? צי גאָר אַלס רויבער, וואָס דערמאָרדן צוליב געלט ?

— דו, חוצפּהדיקע ייִדישקע — לויפט צו מיר צו אַן אַגענט און גיט מיך אַזאַ שליידער, אַז איך פאַל מיטן קאָפּ אויפן ראַנד פון שאַנק. ישראל שפּרינגט אויף, כאַפּט מיך אַרום, איבער זיינע באַקן קייקלען זיך טרערן.

— שנעלער קומט, אומפאַרשעמטע פּאַרכעס, ווייל איך שיס אייך — שרייט דער אַגענט מיט שוים אויף די ליפּן.

— קאַלעגאַ, ספּאָקאָיו! (חבר, רואיקער!) — האָמעוועט אים דער פּאַ־ליציאַנט און אויף אַ רגע ווערט שטיל אין דער פּאַציעיאַטע.

איך פּיל, ווי עפּעס טוט זיך אין מיר. עס באַפרייען זיך געצווימטע געפילן פון אומרעכט, פּיין און ווייטיק. עס לעבט אויף די מאַמע מיטן קינד פון אונטער דעם אוקראַינערס ביקס. איך הער געטאָ־קולות, מיין קינדס געשריי, וואָס שטייגט איבער אַלע אַנדערע.

מיט אַ טויב קול פרעג איך דעם פּאַליציאַנט:

— האָסטו קינדער?

—כ'האָב — ענטפערט ער און צינדט אָן אַ ציגאַרעט.

— ווייסטו האָבן מוט אַ גלעט צו טון דיינס אַ קינד מיט הענט, וואָס ווערן אויף זיך טראָגן שפּורן פון אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט?

— קאָלעגאַ דזשעלניצאָווי — רייסט איבער אומגעדולדיק אַן אַגענט — דו מאַכסט זיך צו נאַר, ענדיק מיט זיי!

איך איגנאָריר די נאַר וואָס געהערטע ווערטער און רעד ווייטער:

— אויף דער זעלבער ערד זענען מיר אויסגעוואַקסן, אונטער איין הימל לעבן מיר, אין דער שותפותדיקער קנעכטשאַפט ביים ברוטאַלן אָקו־פּאַנט געפינען מיר זיך, יעדן פון אונדז דערוואַרט סיי ווי סיי דער טויט, וועלכן קיינער קאָן נישט אויסמיידן. טאָ פאַר וואָס זשע דערנידעריקט איר זיך מיט אַזאַ אומווערדיקער מיסיע? ווער איר קאָנען קוקן פריי אין די אויגן פון אייערע קינדער, נישט קלערנדיק גלייכצייטיק, אַז איר זענט מערדער? ווער איר קאָנען צודריקן אַ קינד צום האַרץ, אין וועלכן ס'וועט נישט זיין קיין גאָט, קיין געוויסן, קיין רו? געפינט זיך צווישן אייך נישט קיין איין אָנשטענדיקער מענטש, וואָס זאָל דאָס פאַרשטיין?

אַלע שווייגן. נאָך אַ רגע זאָג איך ווידער צום פּאָליציאַנט:

— איך פּיל אויס אין דיר אַ מענטש און כ'גלייב, אַז דו וועסט זיין איינער פון די געציילטע, וואָס באַשמוצן נישט פּוילנס נאָמען!

מיט פּשוטע ווערטער דערמאָן איך וועגן אונדזערע טראַגישע איבער־לעבענישן אין געטאָ, וועגן די פאַרברעכנס, וואָס דייטשן, אוקראַינער און פּאָלאַקן זענען באַגאַנגען לגבי אונדז. אין מיין מויל לעבט אויף דער אומ־באַגרייפלעכער פּיין אונדזערער אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט.

אַ מעלאַנכאָלישער שמייכל באַווייזט זיך אויף דעם פּאָליציאַנטס פּנים. זיינע אויגן זענען טרויעריק. ער זעצט זיך אויפן טאַטנס בעט, הייבט אונ־טער מיטן פינגער דאָס קעלנערל ביים העמד, ווי עס וואָלט אים געשטיקט, ווי עס וואָלט אים פאַרפעלט אָטעם.

„הם, הם" — שאָקלט ער מיטן קאָפּ אַ פאַר־לערטער.

די צוויי אַגענטן, איינער אַנגעשפּאַרט ביים קיכל, דער צווייטער ביי דער אָפענער שאַנק — קוקן איראָניש און קאַלט אויף זייער מונדירטן חבר. דער טאַטע, נישט טווישנדיק זיין שט־יפע פּאָזיציע, ווי היפּנאָטיזירט, קוקט אויפן בערגל מלבושים, וואו ס׳געפינט זיך מיין רעקל מיטן צירונג. ישראל — אויפן ראַנד פון בעט, אַן איינגעקולעטער, מיטן קאָפּ אין די דלאָניעס.

— זייט מוחל, — דערהערן מיר דעם פּאָליציאַנטס קול — מיר האָבן אייך נישט געוואָלט טון קיין שלעכטס, בלויז איבערשרעקן און נעמען אַן אָפּצאָל. מיר זענען אָבער מוותר אויף דעם — קומט, חברים! — ער שטעלט זיך אויף און מאַכט אַ טראָט.

איך פאַרשטעל אים דעם וועג און פרעג:

— ווער האָט אייך אינפאָרמירט וועגן אונדז?

— דאָס קאָן איך דיר נישט זאָגן — ענטפערט ער.

— האָט דאָס געטאָן אַ שכן פון דעם הויז? — פרעג איך ווידער.

— ניין — פאַלט אַ קורצער ענטפער.

די אַגענטן סודען זיך אין אַ זייט. באַלד רופן זיי צו דעם פּאָליציאַנט און זאָגן אים עפּעס. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. איך נעם אַפּיר פון אונטער דעם שטרויזאַק דריי קופּאָנען אָנצוג־שטאָף, וועלכע כ׳האָב מיט אַ פּאָר טעג צוריק געבערענגט פון זאַשקאָן:

— דאָס איז אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן דאָ, נעמט אייך יעדער אַ קופּאָן — דערלאַנג איך זיי דעם שטאָף.

דער פּאָליציאַנט טרייסלט זיך אָפּ:

— ניין, איך וועל גאָרנישט נעמען, ווייל וויפל איר זאָלט נישט האָבן איז אַלץ ווינציק. די מלחמה קאָן זיך פאַרציען. אויך דער, וואָס האָט אונדז געשיקט און געזאָלט זיין אַ שותף — וועט גאָרנישט באַקומען. ער האָט פאַרזיכערט, אַז איר זענט זייער רייך און אויב מיר וועלן ביי אייך צו־נעמען אַ קליין ביסל — וועט עס פאַר אונדז זיין אַ סך, און פאַר אייך — אַ קליינער שאָדן, אָבער איך רעזיגניר דערפון.

די אַגענטן לאָזן זיך נישט בעטן. יעדער פון זיי באַהאַלט אויפן לייב, הינטערן העמד, אַ קופּאָן און באַלד ווערן זיי היימיש, פריינדלעך און זע־נען גרייט צו מאַכן אַ „כוסע״.

איך ווענד זיך נאָך אַ מאָל צום „רעוויראָווי״, ער זאָל מיר אויסגעבן דעם נאָמען פונעם מוסר. עס מוטשעט מיך די אומזיכערקייט. איז עס מעג־לעך, דאָס זאָל זיין וויעסלאַוו, לוציאַ, דאַנקאָ אָדער עמעצער פון די געסט פון די „אימיעונינעס״? עס פרעסט מיך אַן אומרו, אָבער אַלע מיינע פראַגן בלייבן אָן ענטפער.

אַן אַגענט, דער וואָס שטייט ביים קיכל, וואַרפט נישט ווילנדיק אַראָפּ

אַ טעפּל, וואָס איז געשטאַנען נאָענט ביים ראַנד. דער טאַטע שפּרינגט אויף מיט אַ היסטערישן „אוי, ווי מיר!". די דריי גויים קוקן אויף אים מיט איבערראַשונג און איינער זאָגט איראָניש מיט אַ געלעכטער: „אַט, איז אַ דערפינדונג פאַר טויב־שטומע. כדאי עס צו פּאַטענטירן!..".

איך דערצייל זיי דעם אמת, אַז דאָס איז אונדזער טאַטע. די אַגענטן ווינצלען זיך. דער פּאָליציאַנט עצהט אונדז צו פאַרלאָזן די וווינונג און אויסזוכן אַ צווייט אָרט. לויט זיין מיינונג, דאַרפן מיר נישט זיין אַלע דריי צוזאַמען.

דער טאַטע ווערט שטאַרק אומרואיק און צעטומלט.

ענדלעך געזעגענען זיך מיט אונדז די „אָרדענונגס"־לייט. ביים אויפ־מאַכן די טיר דערהערט זיך אַ געלויפעריי אויף די טרעפּ און אַ פאַרבאַר־גענער אָפּהילך פון צוגעמאַכטע טירן. דער שונא איז אַרום און אַרום: אין דרויסן, אין הויז, צווישן אייגענע, אומעטום, אומעטום. די סכנה דראָט ביי־טאָג און ביינאַכט און פון איצט אָן וועלן מיר נישט וויסן, פון וועלכער זייט עס וועט זיך דערנענטערן דער טויט.

פאַרגליווערטע זיצן מיר נאָכן פאַרשווינדן פונעם „דריילינג". דאָס שטיבל אָטעמט מיט הפקרות און טעמפּער שרעק. שעהן ציען זיך. די גלאָקן האָבן שוין צוויי מאָל גערופן. קלינגט עס שוין צום ניעשפּאָר־געבעט?

16.

וואָס שווערער עס ווערט דאָס לעבן, וואָס אכזריותדיקער עס דריקט דער גורל, וואָס פאַרפּלאָנטערטער די וועגן — אַלץ שטאַרקער ווערט דער קאַמף קעגן אומקום. די באַפרייאונג, דער מאָרגן באַקומט אַ טאָפּעלן ווערט און, ווען דער שוואַכער גיט זיך אונטער — באַפּאַנצערט דער מוטיקער זיינע כוחות אינעם געראַנגל פאַרן קיום.

אויך מיר וועלן אָנהייבן אויף ס'ניי, אויך מיר וועלן זיך נישט לאָזן צעטרעטן.

דער טאַטע יאָכצט אַ פאַרצווייפלטער: „וווּ אַהין וועל איך גיין? ווי־דער וועט מען זיין צעשיידט און איך וועל אייך נישט זען, נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי אייך!". ער וויינט יאָמערלעך, ווי אַ קינד. מיר באַ־רואיקן אים מיט גוטע און האַרבע ווערטער; ער קוקט אויף אונדז, ווי ער וואָלט חשק געהאַט צו פאַרהאַלטן אונדזער וואַרעמקייט, אונדזער אָטעם. עס גליסט זיך מיר צוצודריקן זיין אלטן קאָפּ צום האַרץ און אויסוויינען מיין צער, אונדזער אַלעמענס עלנט, אָבער איך דערשטיק אין מיר די שוואַכקייט און הייב אָן מיט ישראליקן אויסצורעכענען די באַקאַנטע, ביי וועלכע מיר וואָלטן געקאָנט איינאָרדענען דעם טאַטן.

עס בלייבן צוויי אַדרעסן: די טאַמאַשעווסקאַ פון פּלאַצק און וואַזשניאַק, אַ געוועזענער פורמאַן פון דעם שטעטעלע, ווו עס האָבן געוווינט ישראלס עלטערן און מיין מוטער.

וואַזשניאַקן האָב איך מיט אַ צייט צוריק באַגעגנט אויף דער וואַניע־גאַס. ער מיט זיין פרוי האָבן זיך איבערגעצויגן קיין וואַרשע. זיי האַנד־לען און עס גייט זיי גוט. אמת, אַז וואַזשניאַק האָט דאָס מאָל אויף מיר געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, זיין אַמאָליקע אונטערטעניקייט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בולטער חוצפּה, אָבער אונדז וועט ער אַוודאי העלפן; אויך אים האָט מיין מוטער אַ סך מאָל געהאָלפן. כ׳געדענק, אַז זי פלעגט אים וואָכן לאַנג שטיצן, בעת ער איז קראַנק געווען. נישט איין מאָל האָט ער זי פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיך נאָך אָפּדינען פאַר איר גוט האַרץ.

מיר באַשליסן, אַז ישראל וועט גיין צו דער טאַמאַשעווסקאַ און איך צו וואַזשניאַקן. דעם טאַטן פאַרשליסן מיר און זאָגן אים אָן, אַז ער זאָל זיך נישט באַוועגן.

לוצקע גאַס 25. פּאַרטער. איך קלאַפּ אָן. וואַזשניאַק עפנט די טיר. ווען ער דערזעט מיך, באַווייזט זיך אויף זיין באַוואַקסן, מגושמדיק פּנים אַ פאַר־באַרגענער, אומהיימלעכער שמייכל. איך קום אַריין אין אַ גרויסער טונ־קעלער שטוב, אָן איבערגעפּולטער מיט מעבל, פּעק און פּעקלעך. אַן אומ־אָרדענונג, ווי ביים איבערציען זיך, שטרייכט אונטער די באַשעפטיקונג פון די וואַזשניאַקס. איך דערפיל, אַז די שטוב איז אָנגעפּאַקט מיט יידישע זאַכן.

— ווו איז דיין פרוי? — פרעג איך.

— אין גאַס.

וואַזשניאַק קוקט זיך מיר צו מיט מאָדנע אויגן פון אַ רויבער.

— פּאַניע וואַזשניאַק — דערמאָן איך זיך ווענגן ציל פון מיין וויזיט — איך בין געקומען בעטן, איר זאָלט מיר טון אַ טובה און אַריינעמען צו זיך אויף אַ קורצער צייט מיין שווער. מיר וועלן אייך גוט באַצאָלן.

פון הינטער וואַזשניאַקס געדיכטע, האַלב־געלע, אויסגעבלאַקירטע ברעמען קוקן אַרויס צוויי שעלמישע, שפּיזיקע אייגעלעך. די אונטערשטע, פליישיקע ליפּ, ווי אין כעס אויסגעקרומט, דעקט אָפּ צוויי געלע ציין. די ליפּ איז פאַרגאַווערט, נאַס. אַ שמוציק, אויפגעקנעפּלט העמד־קעלנערל ליגט אַרום אַ פעסטן האַלדז מיט אָנגעבלאָזענע אָדערן. די גאַנצע קרעמפּע געשטאַלט דערוועקט אין מיר עקל און פּחד. איך הייב אָן באַדויערן מיין לייכטזיניקייט פון אַהערקומען, אָבער איך גיב מיר צו מוט.

וואַזשניאַק שליסט צו די טיר און דערנענטערט זיך צו מיר.

— געקומען די ציג צום וואָגן! — סיקעט ער חיהש — לאַנג האָב איך געוואַרט אויף דער מינוט! הייסט עס, ווילסט מיך איבערקויפן, איך זאָל ראַטעווען אַ באָלשעוויק, אַ ייִד, האַ? און איינשטעלן מיין לעבן פאַר אים, אמת? כאַ, כאַ, כאַ — לאַכט ער הייזעריק, ווילד, מוראדיק — בלוט־זויגער! אייער הערשן האָט זיך געענדיקט. איצט איז אונדזער צייט! איך וועל זיך נישט שפּילן אין העפלעכקייט, יידישקע. גיב אַהער אַלץ, וואָס דו האָסט ביי זיך, שנעל!

זיין פּנים איז רוצחיש צעהיצט, עס שלאָגט פון אים אַ ריח פון בראָנפן. מיין מוח אַרבעט קלאָר און שנעל: כ׳האָב ביי זיך טויזנט זלאָטעס, וואָס האָט געזאָלט זיין דאָס האַנטגעלט פאַרן שווער; זינט דער געשיכטע מיט דער קאָזאַקעוויטש, טראָג איך זיך נישט אַרום מיט קיין חפצים.

— וואָזשניאַק, — זאָג איך רואיק און קאַלט — כ׳ווייס, אַז דו ווילסט מיך בלויז איבערשרעקן, דו ביסט דאָך אַן אייגענער און דערצו אַ גוטער מענטש. ביסט אַ ביסל באַזויפן, אמת?

— אַ, ניין, כ׳בין ניכטער, — כריפּעט ער — איך בין ביים שכל! קוק, מיין שטוב איז פול מיט האָב און גוטס, איך אַרבעט נישט מער מיט די זייטן, ווי אַמאָל ביי יידן. אַלץ קומט מיר אָן לייכט, אַזוי ווי עס איז אייך אָנגעקומען פאַר דער מלחמה. איך נעם מיר אָפּ מיט פּראָצענט און וועל נישט רוען, ביז כ׳וועל האָבן אַ פולן זאַק גאָלד, פּערל און ברילאַנטן. יידישע פּערל, יידישע ברילאַנטן, יידיש גאָלד!

זיין פּנים איז מוראדיק. עס באַדעקט מיך אַ קאַלטער שווייס.

— וואָזשניאַק — פרעג איך, — האָט דיר מיין מוטער נישט געהאָלפן, ווען דו ביסט וואָכן לאַנג קראַנק געווען? האָסטו נישט געזאָגט, אַז דו וועסט זיך אָפּדינען?

— יאָ, וועגן אַזאַ אָפּדינען, ווי איצט, האָב איך געטרוימט. איך דאַרף נישט מער קיין נדבות, איך דאַרף נישט קיין רחמנות, איך נעם מיר אַלץ מיט פולע הענט. עס איז גענוג זיך איבערצושפּאַצירן אויף די גאַסן און דערקענען אַ צוויי „קעץ״, אַז כ׳זאָל אָנפילן די טאַשן מיט גאָלד! פאַר מיינעם אַ ווינק מיטן פינגער צאָלן „זיי״ יעדן פּרייז. אָבער גענוג גערעדט, גיב וואָס דו האָסט ביי זיך, לעבעדיק!

איך וויל אָפּאַנירן, רעדן צום געוויסן, אָבער זיין פעסטע האַנט כאַפּט מיך אָן ביי דער בלוזע און איך גיב זיך אַ וואַקל. ער טרייסלט מיט מיר, ווי מיט אַ ביימל, און סיקעט: „גיב שנעל, ווייל איך דערשטיק דיך!״.

— לאָז אָפּ, איך קאָן זיך דאָך נישט רירן!

די פויסט מאַכט זיך אויף. איך שפּרינג אָפּ אין דער צווייטער זייט טיש און זאָג שאַרף, אַדורכזיפּנדיק די ווערטער צווישן די ציין:

— אין דרויסן וואַרטן אויף מיר צוויי חברים פון דער אונטערערדי־שער באַוועגונג. ס'איז געגנוג, כ'זאָל טון אַ געשריי און שוין האָסטו זיי דאָ. ווי אַ הונט וועלן זיי דיך דערשיסן. איז דיר דיין לעבן נישט ביחא?

— נאַרסט אָפּ, ציגיינעריין, דו ביסט נישט די ערשטע, וואָס דראָט מיר מיט אַזעלכע זאַכן. אייערע ליגנס זענען מיר באַקאַנט. טו אויס די קליי־דער און גיב זיי אַהער, איך וועל שוין זען, וואָס דו האָסט דאָרטן.

— וואָזשניאַק, באַרעכן זיך. איך האָב ביי זיך טויזנט זלאָטעס, דאָס האָט געזאָלט זיין האַנט־געלט פאַרן אויסבאַהאַלטן מיין שווער. אָבער גע־דענק, איך וועל זיך נישט לאָזן דערנידעריקן.

ער מאַכט אַ טראָט פאָרויס, איך — צוריק. ער הייבט מיך אָן יאָגן. איך לויף אַרום דעם טיש, ער נאָך מיר. אויפן פענצטער שטייען בלומען־טעפּ. אַדורכלויפנדיק, פאַרטשעפּע איך נישט ווילנדיק אַ צוויגל און אַ גרויסער ערדענער טאָפּ פאַלט אַראָפּ מיט אַ טויבן טראַסק. אַ זאַפּטיקע קללה רייסט זיך אַרויס פון וואָזשניאַקס מויל. ער בלייבט אַ רגע שטיין און צוויי בלוטיקע אויגן זוכן עפּעס ביים קיכל. איך דערזע אַ שפּיציק מעסער. וואָזשניאַק איז נענטער צו דער קיך, ווי איך. ווען ער שטרעקט אויס די האַנט עס אָנצונעמען, באַפאַלט מיך אַן אימה. איך כאַפּ אַ בלעכן טעפּל פון טיש און גיב עס מיטן גאַנצן כוח אַ שמייס אין פענצטער. די שויב צעפאַלט זיך אויף צענדליקער שטיקלעך און ברעקלעך.

— זאַביען! (כ'וועל דערהרגענען) — שרייט וואָזשניאַק, צילנדיק אין מיר דאָס מעסער.

אין דער רגע קלאַפּט עמעצער האַסטיק אין טיר. וואָזשניאַק, אַ צע־טומלטער, עפנט. עס פאַלט אַריין זיין ווייב און צעקוויטשעט זיך היס־טעריש:

— וואָס טוט זיך דאָ עפּעס, צו אַלדי טייוול?

איך נוץ אויס דעם מאָמענט און שפּרינג אַרויס, ווי אַ קאַץ, דורך דער האַלב־אָפענער טיר. מיט שנעלע טריט פאַרדריי איך אויף וואַניע גאַס, וואָס גרענעצט זיך מיט דער לוצקע. דאָס ערשטע אָנגעטראָפענע טויער שלינגט מיך איין, ווי אַ גרויס, אָנציינניק מויל. איך קלעטער שנעל אויף האַלב־טונקעלע טרעפּ און הער זיך איין, צי מען יאָגט מיך נישט. די פיס טראָגן מיך לייכט, וואָס אַ מאָל העכער און העכער. די טרעפּ ענדיקן זיך. פאַר מיר — אַ בוידעם־טיר מיט אַ שלאָס. אַ פאַרסאַפּעטע, שפּאַר איך זיך אָן מיט דער פּלייצע אין טירל. דער שלאָס הינטער מיר טוט אַ שטילן קרעכץ. עס פעלט מיר לופט, דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיק, ווילד. כ'האָב זיך מורא צו באַוועגן און שטיי שטייף, צוגעפּלאַטשט, פאַרחלשט.

איך ווייס נישט, וויפל שעה כ'בין אַזוי געשטאַנען. פאַר מיר איז עס

געווען אַן אייביקייט. פון די אונטערשטע שטאָקן זענען פון צייט צו צייט דערגאַנגען אָפּגעריסענע ווערטער, אָדער אַ געמיטלעך געשפּרעך צווישן שכנטעס. ווען כ׳האָב אָבער דערהערט טריט אויף די טרעפּ, האָב איך באַ־שלאָסן אַראָפּצוגיין. אַ דיקע פרוי מיט אַ גרויסן קויש צו וועש, מיידט מיך אויס. ווידער בין איך אין דרויסן. עס טונקלט. די גאַס איז כמעט פּוסט, אָבער אָנגעזאַפּט מיט אימה. דער וועג „אַהיים״ ציט זיך אָן אַ סוף.

ווי אַ געשלאָגענער, קראַנקער הונט קום איך אָן אויף שוויענטאָ־יאַנסקאַ און שליס אויף די טיר פון אונדזער נאָרע. אַ פינצטערניש, אַ דעמפּיקע, טוכלע לופט קומט מיר אַנטקעגן.

ישראל איז נאָך נישטאָ. דער טאַטע דערפרייט זיך מיט מיר און פליס־טערט שטיל: „כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל אַראָפּ פון זינען, אַזוי לאַנג אויף אייך געוואַרט און כסדר געזאָגט תהילים. פאַר וואָס זעט מען נאָך נישט ישראלן?״.

איך ענטפער נישט און צי זיך אויס אויפן בעט. די שוואַרצקייט דעקט מיך צו. אַ שווערער באַרג נידערט אַראָפּ און לייגט זיך אויף מיין האַרץ.

ישראלס אָנקומען וועקט מיך אויף. ער צינדט אָן דאָס לעמפּל און מיט אַ פאַרדאגהט פּנים ווענדט ער זיך צו מיר:

— האָסט דערליידיקט?

— ניין. און דו?

— די טאָמאַשעווסקאַ קאָן צו זיך נישט אַריינגעמען דעם טאַטן, אָבער זי האָט מיר אויפגעגעבן דעם אַדרעס פון דער שעמיאַנטקאָווסקאַ. מעג־לעך, אַז די שעמיאַנטקאָווסקאַ וועט יאָ מסכים זיין, ווייל איר מאַן האָט זי פאַרלאָזט. ער איז אַוועק מיט אַ געליבטער, איבערגעלאָזט זי מיט צוויי קינדער אין שווערע באַדינגונגען.

— וועסט מאַכן עפּעס צו עסן, חיהלע? — פרעגט שטיל דער טאַטע מיט אַ ווייך קול פון אַ געהאָרכזאַם קינד.

— יאָ, — זעץ איך זיך אויף.

און פּלוצלינג באַפאַלט מיך אַ היסטעריש געלעכטער. זיצנדיק אויפן בעט מיט אַראָפּגעלאָזטע פיס, לאַך איך, לאַך ספּאַזמאַטיש, אָן דער קלענסטער מעגלעכקייט זיך צו באַהערשן. דאָס געלעכטער קלינגט מיט געוויין און גייט איבער אין אַ געיאָמער. איבער די באַקן יאָגן זיך טרערן; זיי ריזלען, פליסן און באַפרייען פון קלעם דאָס איבערפולטע, אָנגעווייטיקטע האַרץ.

17.

שעמיאַנטקאָווסקאַ וווינט אויף פּאַנסקע גאַס, אין אַ הויז „פּאָ זשידאַך״ (נאָך יידן). זי פאַרנעמט אַ צוויי־צימער־וווינונג מיט אַ גרויסער קיך. די

שעמיאַנטקאָווסקאַ איז אַ קליינע, דאַרע פרוי, מיט אַ צעאַקערט בלאַס פּנים און קליינע, טונקעלע אויגן. זי נעמט אונדז אויף רואיק, אָן התלהבות, רעדט פּאַמעלעך, באַהערשט און סוחריש. אַרום אירע דינע ליפּן — קליינע, שמאָלע קנייטשן, ווי פאַרעקשנטע עדות פון פאַרביטערטקייט. אַ מרה־שחורה נעמט אַרום, קוקנדיק אויף דעם אָנגעשפּיצטן, רויען פּנים.

די שעמיאַנטקאָווסקאַ הערט אויס וועגן וואָס מיר זענען געקומען, שטעלט פראַגן, פאַרטראַכט זיך, טאַקסירט די סכנה פון אַריינגעמען צו זיך אַ ייד און סוף־כל־סוף איז זי מסכים, פאַר צוויי טויזנט זלאָטעס אַ חודש, דאָס צו טון.

איך באַמערק אין צווייטן צימער, לענגאויס דער פּאַדלאָגע, יריעות פון אַ ספר־תורה, וואָס דינען אַלס כאַדניק. ערטערווייז איז דער פּאַרמעט אָנגעבלאָזן, שטייף, און פאַלט נישט צו פלאַטשיק, געהאַרכזאַם צום באָדן. די שורות שוואַרצע אותיות — ווי יידן אין די רייען, ביי זייער לעצטן גאַנג. עס ווערט מיר עפּעס אַזוי נאָענט דער צעטראָטענער פּאַרמעט, אַזוי הייליק די ספּעציפישע שריפט, אַז איך דערנענטער זיך צו דער שוועל און פאַר די אויגן פון דער שעמיאַנטקאָווסקאַ טו איך אַ גלעט דעם שטייפן ראַנד פון דער יריעה, ווי איך וואָלט אָפּגעגעבן כבוד דעם צעטראָטענעם, היימלאָזן גאָט, דעם געפּלאָגטן צוזאַמען מיט אונדז.

— פאַרקויף מיר דאָס, פּאַני שעמיאַנטקאָווסקאַ, — ווענד איך זיך צו איר — אָבער אונטער איין באַדינג: איך וועל עס לאָזן ביי דיר אויף אַ זיכערן פּלאַץ.

די פּאָלקע לאַכט איראָניש און ענטפערט:

— אדרבה, קאָנסט עס דיר נעמען אומזיסט, דאָ אַנטקעגן איבער ליגט אַ פולער שפּייכלער מיט אַזאַ מיסט; וועסט צונעמען דאָס, וועל איך מיר אַריינברענגען אַ צווייטס.

זי האָט געמיינט, אַז דווקא דאָס שטיק אינטערעסירט מיך.

— ניין, פּאַני שעמיאַנטקאָווסקאַ, דו פאַרשטייסט מיך נישט. מיר גייט אין דעם — מען זאָל נישט טרעטן אויפן פּאַרמעט, דאָס איז הייליק.

די פּאָלקע פאַרקרומט זיך און ענטפערט סאַרקאַסטיש:

— ווו איז געווען דיין גאָט, ווען דייטשן האָבן דערהרגעט דיין מוטער מיטן קינד? זיין גאַנץ אויסדערוויילט פאָלק? פאַר וואָס האָט ער געשוויגן, ווען מען האָט אייך געטרעטן ווי ווערעם? דו ביסט לעכערלעך, פרוי העלענאַ, אונדזער גאָט וועט דיר בלי ספק זיכערער העלפן, ווי אייערער, וואָס האָט באַנקראָטירט. לאָז צו רו מיט די נאַרישקייטן.

— ווען מיר האָבן זיך דאָ אַריינגעצויגן, דירעקט נאָכן אַרויסטרייבן די יידן — זאָגט די שעמיאַנטקאָווסקאַ נאָך אַ רגע — האָב איך אין בעט, אונ־

טערן איבערבעט, געפונען אַ טויטן, אויסגעדאַרטן ייד. אוי, האָבן מיר זיך דערשראָקן! איך קאָן דיר נישט פאָרשטעלן, ווי דאָס האָט אויסגעזען. צום קאָפּ און צו איין האַנט האָט ער געהאַט צוגעבונדן צוויי לעדערנע קעסטע־לעך מיט רימענעס. איינגעהילט איז ער געווען אין אַ טלית. איך האָב געמוזט געבן פופציק זלאָטעס, מען זאָל אים אַרויסשלעפּן און ערגעץ ווו באַגראָבן.

איך קאָן מער נישט הערן און טויש שנעל די טעמע. מיר שמועסן וועגן אופן פון איינאָרדענען דעם טאַטן. זי ווייזט אונדז, אַז ער וועט שלאָפן אין דער גרויסער קיך הינטער אַ פאָרהאַנג, וואָס פאַרשטעלט אַ שטויס צעהאַקט האָלץ, אַלטע וואַליזעס, אַ באַליע, אַ קעסל צו וועש און אַנדערע „חפצים״.

מיר באַצאָלן איר פאָרויס פאַר צוויי חדשים און ווען עס איז שוין גוט טונקל, ברענגען מיר דעם טאַטן אין זיין נייער „וווינונג״ אַריין.

—*—

מיר ביידע, ישראל און איך, מוזן נאָך לעת־עתה בלייבן אין דעם בוידעם־שטיבל. נישטאָ דערוויל ווו אַהין צו גיין. גוט, וואָס דער טאַטע איז לכל הפחות אויף אַ זיכער אָרט.

דאָס שטיבל איז געוואָרן אומעטיק און פרעמד. דאָס בעטגעוואַנט, ווען מיר לייגן זיך שלאָפן, איז כמעט נאַס און נעמט אונדז אַרום מיט אַ גליי־טשיקער פייכטקייט. לייגט זיך ישראל אָפּט דער ערשטער, כדי אויסצו־וואַרעמען דאָס בעט. ער ציטערט און קלאַפּט שטיל מיט די ציין. אַ סך מאָל שלאָגט אַ פּאַרע פון געלעגער. די קליינע פאַצעיאַטע שטינקט מיט אַרעמקייט, שימל און פוילעכץ. די לופט איז אַזוי נאַס, אַז מיר זענען מערסטן טייל פאַרשוויצט, כאָטש עס איז ווינטער, כאָטש די הענט און פיס זענען קאַלט און פאַרפרוירן. ווען נישט די כסדרדיקע מורא, אַז אָט, אָט וועלן זיך דערהערן פיינדלעכע טריט אויף די טרעפּ און מען וועט אונדז אַוועק־נעמען פון דאַנען — וואָלטן מיר אַלץ פאַר ליב גענומען.

די נעכט זענען אָנגעפּולט מיט דראָונג; קוים דרימלען מיר איין — וועקט אונדז אויף אַ פחד. לאַנג הערן מיר זיך איין אין יעדן שאָרך, אין יעדן ווייטן אָפּהילך פון אַ פאַרבייפאָרנדיקן אויטאָ. שעהן לאַנג וואַכן מיר און ליגן אין דער טיפער פינצטערניש מיט אָפענע אויגן און אָנגעשפּיצטן געהער.

די לופט איז אַזוי געדיכט, אַז עס איז שווער צו אָטעמען. אַלס קינד פלעג איך זיך ווינטער אַרונטעררוקן אונטערן איבערבעט און ציילן, ווי לאַנג עס איז מעגלעך אויסצוהאַלטן צוגעדעקטערהייט, ביז אין אַ געוויסן מאָמענט פלעג איך האַסטיק, מיט ביידע הענטלעך, אַראָפּוואַרפן די צודעק

און אָנהייבן שלינגען לופט. אַלע אין שטוב האָבן דעמאָלט געלאַכט. היינט העלפט נישט דאָס אַראָפּשאַרן פון זיך די קאָלדרע. דאָס בלוט זעצט אין די שלייפן, דער אָטעם יאָגט זיך מיטן אומרו פון האַרץ. אַ סך מאָל שטעל איך זיך אַרויף אויף אַ שטול און שטעק אַרויס דעם קאָפּ דורכן שייבל פון דאַך און ווען דער פראָסט כאַפּט מיך אַרום ביז צום אויפציטערן, שאַר איך זיך צוריק אַריין אין בעט.

מידע, פאַרפייניקטע, הייבן מיר ווידער אויף דעם אָנקומענדיקן טאָג און טראָגן זיך מיט אים אַרום. ווי אַ מוטער מיט איר טויט קינד, וואָס קלאַמערט זיך אין דער האָפענונג, אַז עס וועט פון דאָס ניי אויפלעבן.

.18

סטאַך קלערט ווי אַזוי ווידער צו באַפעסטיקן אונדזער פּרעסטיזש צווישן די שכנים, ווי אַזוי זיי איבערצוצייגן, אַז מיר זענען דאַך גויים.

„איך וועל אייך ברענגען אַ ביסל האָלץ און וועל זיך באַמיען, אַז אַלע שכנים זאָלן דאָס זען" — זאָגט ער מיט אַ באַזאָרגט פּנים. זינט די פּאָליציי איז געווען, איז סטאַך אומרואיק און צוזאַמען מיט אונדז חוקרט ער אַריין אויסצוגעפינען דעם פאַררעטער. איך מיט ישראלן זענען איבערצייגט, אַז זדאַנאָווי האָט דאָס אינספּירירט, אָבער סטאַך גלייבט נישט אין דעם.

דעם פּלאַן מיטן האָלץ האָט סטאַך אויסגעפירט אַזוי: ער האָט אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק אַ גרויסן בינט צווייגן און גענומען אים אויף די פּלייצעס. טראָגנדיק דאָס, האָט ער מיט די עקן „נישט ווילנדיק" אָנגעשטויסן כמעט אין יעדער טיר פונעם שמאָלן טרעפּ־געלענדער. ווען די שכנים האָבן געעפנט די טירן, אַלע מאָל אויף אַ העכערן שטאָק, ווו סטאַך האָט געקלעטערט, האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר יעדן באַזונדער: „זייט מוחל פאַרן צופעליקן שטערן אייך, איך טראָג האָלץ פאַר מיין שוועסטער, די מאַלאַרסקאַ. כ'האָב פאַרגעסן, אַז דאָס הויז איז אַזוי שמאָל און נישט איבערגעהאַקט די צווייגן אויף קלענערע שטיקער".

„ס'שאַט נישט, ס'שאַט נישט" — האָט געענטפערט אַלע מאָל אַן אַנדער קול און איין שכנטע האָט אַפילו געזאָגט: „איך וואָלט אייך געוואָלט האָבן אַזאַ גוטן ברודער, וואָס זאָל מיך פאַרזאָרגן מיט האָלץ".

באַהייצונג איז זייער טייער און סטאַכס אייגפאַל איז געווען אַ גענייאַלער. צומאָרגנס האָבן מיר זיך געפילט, ווי אָפּגערייניקט פון זינד. אינעם הויז האָט זיך ווידער אויסגעשפּינען אַן אַטמאָספער פון פריינדלעכקייט און נאָענטקייט.

—*—

עס דערנענטערט זיך „באָזשע נאַראָדזעניע" (ווייַנאַכט) און ניי־יאָר 1943. וואָס וועט אונדז דאָס יאָר ברענגען?

אַלע זענען פאַרטון מיטן צוגרייטן, איינקויפן און באַזאָרגן די היימען מיט אַלעם נייטיקן אויף יום־טוב.

צוויי מאָל אין דער וואָך באַזוכן מיר דעם טאַטן ביי דער שעמיאַנט־קאָווסקאַ. מיר הערן אויס טענות פוןביידע צדדים, וואָס קאָנען זיך נישט איינלעבן צוזאַמען. זי דערציילט, אַז דער טאַטע דאַוונט אויפן קול, זיצט נישט רואיק אין קיך הינטער דער פאָרהאַנג און ווען עס באַזוכן זי באַ־קאַנטע — שרעקט זי זיך.

דעם טאַטן טוט שטאַרק וויי זיין איצטיקע לאַגע. ער געדענקט די שעמיאַנטקאָווסקאַ פון די פאַר מלחמה־צייטן, ווען זי פלעגט ביי אים אַלע מאָל באָרגן געלט, געוועזן דעמאָלט זיס ווי לאַקריץ און איצט, קאָן ער בשום אופן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי די וועלט האָט זיך איבערגעדרייט קאַפּויער. ער בייזערט זיך אויף אונדז, ווי מיר וואָלטן אין דעם שולדיק געווען. באַלד אָבער ווערט ער ווייך, בעט אויסצוזוכן אַ צווייטן פּלאַץ און ווען מיר געזעגענען זיך מיט אים, ווערט ער טרויעריק און וויינט ווי אַ קליין קינד. „זיצט נאָך אַ ביסל" — בעט ער זיך — „אַזאַ סוף, ווי עס איז מיר אויסגעגאַנגען!". ער גלעט אונדז, קושט, האַלט אונדזערע הענט און קאָן זיך בשום אופן נישט באַהערשן. מיר מוזן אים אָפּנאַרן, אַז עס זענען פאַראַן אויסזיכטן אויף אַ פּריש שטיבל, וווּ ער וועט קאָנען זיין מיט אונדז צוזאַמען.

איך פיל זיך קראַנק, פאַראיינזאַמט און אומגליקלעך. אין די לאַנגע שעהן, וואָס קומט מיר אויס צו זיין אַליין אינעם שטיבל, ביז ישראל קומט אַהיים — פאַרזאַמלען זיך ביי מיר אַלע נאָענטסטע. אַלע אומגעקומענע לעבן אויף, אָטעמען צוזאַמען מיט מיר, פירן ויכוחים. תמרהלע האָט טענות, פאַר וואָס כ'האָב איר נישט געקויפט קיין וועגעלע פאַר דער ליאַלקע. זי וואַרפט מיר פאָר, אַז כ'האָב איר איין מאָל אָנגעפּאַטשט דאָס געזע־סעלע און די רויטע צייכנס פון מיינע פינגער זענען איר ביז היינט פאַר־בליבן. איך וויין און בעט, זי זאָל מיר מוחל זיין. איך באַדויער אַזוי גע־וואַלדיק מיין ווילדן טאַט פון שלאָגן אַזאַ שוועלבעלע, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט ווערן. איך פאַרענטפער זיך פאַר איר. אָבער אויך די מאַמע דערמאָנט מיך וועגן מיין אָפטער אויפגערעגטקייט און אומרעכט קעגן איר. „געדענקסט" — זאָגט זי — „ווען כ'פלעג איינקויפן אויף שבת, האָסטו אַלץ קריטיקירט: דאָס איז צו טייער און דאָס איז נישט פריש; איך האָב

דיר געוואָלט איינברענגען אַרבעט, פאַרשאַפן פרייד און דאָך האָסטו מיך מצער געווען".

איך ליג איינגעקנוילט אינעם בעטל, אָדער זיץ איינגעקאָרטשעט ביים טיש, שטרעק אויס די הענט אַ גלעט צו טון דער מאַמעס פּנים, זאָגן איר, ווי ליב כ'האָב זי, ווי כ'בענק נאָך איר. איך וויל צוטוליען דאָס קינד צום האַרץ, אויסקושן עס און דעמאָלט דערזע איך, אַז כ'בין אַליין, אַליין מיט מיין גרויסן פּיין און ברענענדיקן געוויסן־ביסן.

— —

היינט האָט מיך פראַניאַ באַזוכט. זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ שיסעלע קאַרטאָפל־קליסקעס, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעברענגט. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגן מיר, אַ רגע מיך אָנגעקוקט און געפרעגט:

— העלענאַ, ווי אַזוי קאָנסטו זיין אַ גאַנצן טאָג אַליין, ווי אַ וואָלקור־לאַק און נישט משוגע ווערן?

— איך בין נישט אַליין, פראַניאַ, מיין שטיבל איז פול מיט נאָענטע. אין דער שטילקייט לעבן טויטע אויף. מיר שמועסן, דערציילן זיך מעשיות און איך נודזשע זיך נישט.

— מאַך זיך נישט נאַריש, העלענאַ, — רייסט זי מיר איבער — דיין מאַן רעדט נישט מיט קיין טויטע, מאַגדאַ — אויך נישט. קוים קומט ער נאָר צו אונדז, שוין איז זי אויך דאָ. זיי שפּילן שעהן לאַנג אין קאָרטן, שמועסן און לאַנגווייליקן זיך נישט.

אין פראַניאַס ווערטער פילט זיך אויס אַ וואָרענונג און איראָניע.

— אַזאַ קליין פאַרגעניגן מעג מען זיי פאַרגינען — גיב איך קוים אַ שמייכל.

— העלענאַ, איך האָב דיך ליב און כ'וואָלט דיר געוואָלט איינשפּאָרן צער. עס איז נישט געזונט איבערצולאָזן אַ מאַן כסדר אין דער געזעל־שאַפט פון אַ צווייטער פרוי. זאָלן זיך די טויטע רוען אין גן־עדן און דו האָב אין זינען די לעבעדיקע.

— פראַנולאַ, האָסט פאַרלוירן דעם צוטרוי צו מענער און דערפאַר קוקסטו מיט פאַרדאַכט אויף יעדן מאַן, אָבער גלייב מיר, יאַנעק און מאַגדאַ זענען אָרנטלעכע מענטשן און איך האָב צו זיי דעם פולסטן צוטרוי. אַפילו דער בלויזער געדאַנק דיינער באַשמוצט זייער כבוד.

פראַניאַ פאַרבייסט די ליפּן. איך פיל, אַז זי וויל נאָך עפּעס זאָגן, אָבער זי פאַרעקשנט זיך און שווייגט.

נאָך איר אַוועקגיין איז דאָס טונקעלע שטיבל נאָך טונקעלער. די נאַכט פאַלט שנעל צו. ישראלן זעט מען נישט. איך צינד אָן דאָס לעמפּל און פאַרגעס אַריינצוגיסן נאַפט. דאָס פלעמל צאַנקט, קנאַקט, שיט פונאַנדער

איינצלנע פונקן און טליעט ביים ראַנד פון דער טרוקענער קנויט, ווי מיין אויסגעמאַטערט, טרויעריק האַרץ אין זיין לעצטן צאַפּל פון גלויבן און האָפענונג.

.19

סטאַך האָט אונדז, אויך אסתרן, פאַרבעטן צו דער „וויגיליע־סעודה״. דאָס קליינע שטיבל איז אויפגעפוצט, ריין און יום־טובדיק. אין ווינקל, אויפן שענקעלע, שטייט דאָס ווייַנאַכט־ביימל, באַהאַנגען מיט צאַצקעס, גלעזערנע, פאַרביקע באַלאַנדלעך, קאַרמעלן, גאָלדענע שישקעס און אָנ־געצונדענע קאָלירטע ליכטלעך. אויפן שניי־ווייסן טישטעך — די צו־געגרייטע פּאַטראַוועס: צעשניטענער קוכן, אַ גרויסער קוילעטש, געבראָ־טענע באַרנעס, קרעפּלעך מיט מאָן, געוויקלט קרויט. אַלץ לויטן ריטואַל, פּייערלעך און שיין.

דער טיש איז ענג צוגערוקט צום סאָפקעלע, עס זאָל זיין פּלאַץ פאַר אַלע. אסתר מיט לוציאַן קומען אָן. יעדער פון אונדז פאַרנעמט זיין פּלאַץ. לוציאַ איז זיך נוקם אין איר שטיף־מוטער און חזרט איבער יענערס ווער־טער: „אין דער היים זאָלסטו בלייבן, לוציאַ, און נישט גיין צו סטאַכן, וווּ עס וועלן זיין מער יידן, ווי אייגענע! אַ חרפּה אין אַזאַ הייליקער נאַכט צו פאַראייניקן זיך מיט די יודאַשעס!״. קיינער פון אונדז רופט זיך נישט אָן.

סטאַך פאַרנעמט דעם אויבנאָן און זאָגט אָפּ אַ קורצע תפילה. פראַניאַ מיט לוציאַן צלמען זיך און מורמלען די זעלבע ווערטער אין דער שטיל. סטאַך הייבט אונטער איין עק פון טישטעך און נעמט אַפיר אַ פּירעקיקן „אָפּלאַטעק״ (אַ דין, דורכזיכטיק פּלעצל פון מעל און וואַסער, אַ געהיי־ליקטס אין קאָשטשאָל). ער טיילט זיך דערמיט מיט פראַניאַן. זיי צעקושן זיך און ווינטשן איינער דעם צווייטן כל־טוב. דערנאָך נעמט סטאַך אַרויס אַ צווייט פּלעצעלע, דערנענטערט זיך צו ישראלן, וועלכער שטעלט זיך אויף. אַ רגע איז אין שטוב שטיל, ביידע מענער קוקן זיך אָן האַרציק און נאָענט. סטאַך לייגט ישראלן אַריין אַ שטיקל „אָפּלאַטעק״ אין מויל און מיר דערהערן זיינע ווערטער: „יאַנעק, איך פיל דיך, ווי אַ ברודער און איך בעט צו גאָט, כ׳זאָל זוכה זיין צו טיילן זיך מיט אייך אַלעמען מיט אַן „אָפּ־לאַטעק״ אויף דער פריי!״. זיין קול רייסט זיך אָפּ, פון די אויגן רינען גרויסע טרערן. ער פאַרשעמט זיך, ווישט שנעל אָפּ דאָס פּנים מיטן אַרבל, כאַפּט אַרום ישראלן און דער פּאָלאַק מיטן ייד צעקושן זיך. אַלע ביים טיש וויינען. ישראלס אַקסלען טרייסלען זיך, ער כאַפּט נאָך אַמאָל אַרום סטאַכן און אַזוי געאַרעמט פאַרבלייבן זיי אַ רגע. אין אָט דער מינוט האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז מיר הערן אַ הלל־געזאַנג פון פריינדשאַפט און דער־

הויבנקייט. ווען סטאַך ציט אויס די האַנט מיטן שטיקל פּלעצעלע צו מיר, קאָן איך נישט באַהערשן די טרערן, וואָס שטופּן זיך דורך די אויגן. אויך סטאַך קאָן נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט. דאָך נעמט ער זיך צוזאַמען און זאָגט מיט אָפּגעריסענע ווערטער: „אַזוי דאַרפן זיך ליב האָבן אַלע מענטשן אויף דער וועלט און דעמאָלט וועלן אויסגעלייזט ווערן די אונטערדריקטע, באַעוולטע און אומגליקלעכע!״.

פראַניאַ הייבט אָן טיילן די מאכלים. קיין פליייש טאָר מען נישט עסן אין דער דאָזיקער נאַכט. פון יעדער פּאַטראַווע פּאַרזוכן מיר עפּעס און זיצן שטיל, אומעטיק, פאַרטראַכט.

נאָך אַ שעה איז די מאַלצייט געענדיקט. אסתר מיט לוציאַן גייען אַוועק. איך מיט ישראלן בלייבן נאָך אַ ביסל. דאָס פינצטערע, נאַסע בוידעם־שטיבל לאָקט אונדז נישט (זינט די פּאָליציי איז דאָרט געווען — שרעקט אונדז דאָס הויז אויף שוו.־יאַנסקע 27 און יעדעס מאָל ביים אַהיימגיין קלאַפּט משונהדיק דאָס האַרץ. מיר פרעגן פּאַרזיכטיק ביי פראַנעקן, צי עמעצער האָט אונדז נישט געזוכט). זיצן מיר איצט אַזוי ביי די סטאָלכעס אויפן סאָפּקעלע, רייכערן און שמועסן געמיטלעך. פראַניאַ וואַשט די כלים.

פּלוצלינג גיט זיך ברייט אַ פּראַל אויף די טיר און צוויי כוליגאַנעס, מיט ווילדע פּנימער און צעלאַפּענע, פאַרשנדיקע בליקן, פאַרהאַלטן זיך אויף דער שוועל: „מען האָט אונדז אינפאָרמירט, אַז דאָ אין הויז געפינען זיך ביי איינעם פון די איינוווינער יידן; ווייסט איר נישט ביי וועמען?״.

— איך האָב דערפון נישט געהערט, אַז ביי אונדז אין הויז זאָלן זיין יידן, איך הער עס איצט צום ערשטן מאָל — ענטפערט סטאַך רואיק. איך מיט ישראלן זענען מאָדנע באַהערשט און קוקן פריי אויף די צוויי אַריינ־דרינגער.

— איר אַלע פיר זענט פון דעם הויז? — פרעגט איינער פון זיי.

— יאָ, — שמייכלט סטאַך גוטמוטיק און לאָזט אַרויס אַ קנויל רויך.

די טיר מאַכט זיך צו און מיר הערן ווי זיי לויפן אויף די העכערע שטאָקן. פראַניאַ שטייט ווי אַ ווייסע מצבה און קאָן זיך פון אָרט נישט רירן.

איך מיט ישראלן ווילן אַוועקגיין. דאָס מיינט מען דאָך אונדז און באַלד וועלן זיי אפשר ווידער אַריינקומען. אָבער סטאַך זאָגט קאַטעגאָריש „ניין״. „אויב איר וועט איצט אַרויס פון שטוב, וועלן זיי אייך כאַפּן און איר זענט פאַרלוירן. בעסער בלייבן דאָ און פאַרלאָזן זיך אויף גאָט״.

מיר זיצן ווי אויף צעגליטע קוילן. אין מוח קלאַפּט דאָס בלוט מיט הייסע כוואַליעס. דאָס שטיבל איז אָנגעפילט מיט רויך און שטומע דער־וואַרטונג. מיר שווייגן און הערן אונטער יעדן שאָרך אין קאָרידאָר.

— „זונות״ — סיקעט סטאַך, — איך וועל זיי אָפּדינען, מיינע שכנטעס, נישקשה!

אויף די העכערע שטאָקן עפּענען און פאַרמאַכן זיך טירן. דאָס הויז איז צערוישט און שרעקעוודיק. די מינוטן ציען זיך פיינלעך לאַנג. ישראלס אייבערשטע ליפּ ציטערט. פראַניאַ צלמט זיך כסדר און מורמלט: „יעזוס, מאַריאַ, הייליקער גייסט!". סטאַך ווערט בייז און לאָזט אויס דעם כעס צום ווייב: „פאַרשווייג, דו באַבע, דו ביסט דאָך ווי אַ מגפה, וואָס מען קאָן זי נישט פאַרטיליקן. אויב דו גלייבסט אין גאָט, טאָ פאַר וואָס זשע וואַרפּ־סטו זיך, ווי אַ גאַלאַרעטע, דו נאַר איינער!".

אין הויז ווערט שטיל. פּלוצלינג — ווידער קולות מיט אַ טאָפּטשעריי, וואָס דערנענטערט זיך צו אונדזער טיר.

— בעט די געלעגערס, פראַניאַ! — באַפעלט סטאַך.

איך צי זיך אויס אויפן סאָפּקעלע. די טריט גייען פאַרביי נעבן אונ־דזער טיר און דערווייטערן זיך. מיר באַשליסן אַהיימצוגיין. פראַניאַ קוקט אויף אונדז מיט געבעט אין די אויגן: מיר זאָלן דאָס טון וואָס שנעלער. איצט ווייסט שוין נישט סטאַך וואָס צו ראַטן: לאָזן אונדז גיין, אָדער פאַר־האַלטן. מיר טוען זיך שנעל אָן און פאַרלאָזן סטאַכס שטיבל.

.20

און אָט האָבן מיר שוין דאָס יאָר 1943. גרויע, אומעטיקע ווינטער־טעג שיילן זיך אויס פון לאַנגע נעכט און פאַרגייען, ווי די וואָלקנס אויפן הימל. עס פאַרפאָלגט מיך אַ פאַרדאַכט, אַז מיין גורל גרייט מיר צו פרישע שוועריקייטן. כ'האָב פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן, אַ געפיל פון איבל־דיקייט לאָזט מיך נישט אָפּ. קיינעמען פאַרטרוי איך נישט מיין אומרו. אין שלאָפלאָזע נעכט באַהערשן מיך הערלעכע טרוימען און דעמאָלט בעט איך ביי גאָט, אַז מיינע דאַכטענישן זאָלן באַקומען פלייש און בלוט און ער, גאָט אַליין, זאָל מיך פירן, זאָל מיר ווייזן דעם ריכטיקן וועג.

אין אַזעלכע נעכט טראָגט מיך מיין פאַנטאַזיע אַוועק צו אַ ליכטיק דאָרף, פול מיט גרינעם געוויש, וווּ עס געפינט זיך מיינס אַ הייזעלע צווישן ביימער און בלומען. אויפן גרויסן הויף — הינער, קאַטשקעס, אינדיקעס און... מיינע קינדערלעך, גרעסערע און קלענערע, באַרוועסע, אָפּגעברענטע פון זון און ווינט, צעלויכטענע, פאַרפאָרעטע און פאַרשפּילטע. אין אַ שטאַל מוקעט אַ קו; ישראל מיט פאַרשאַרצטע הויזן טראָגט אַרויס אויף ווידלעס וואַרעם מיסט; איך קאָך טעפּ עסן, באַק, בראָט, טראָג זיך אַרום מיט זאַטע פרייד און דערפילטע שליחות.

שעהן לאַנג פאַרגעס איך, אַז איך געפין זיך אינעם בוידעם־שטיבל. אַ סך מאָל, אַפילו בייטאָג, מישט זיך אויס, ווי אין אַ חלום, דער אמת מיט טרוים און ישראל, רעדנדיק צו מיר, חזרט איבער זיינע ווערטער, וועלכע

איך פאַרשטיי ערשט דעמאָלט, ווען איך שטרענג אָן דעם מוח. „וואָס איז מיט דיר, חיהלע?" — פרעגט ער אַ באַזאָרגטער. — „איך רעד צו דיר און האָב דעם איינדרוק, אַז דו הערסט מיך נישט. ביסטו קראַנק?".

איך האָב מורא אים צו אַנטפּלעקן מיין פאַרדאַכט און שטאַרק זיך, קלער אויס תירוצים, נאָר אים אָפּ און שטעל זיך ווידער אויף די פיס.

ווידער זענען אַוועק צוויי וואָכן. וואָכן שווערע, ווי בליי אויפן האַלדז פון אַן אָפּגעמאַטערטן שווימער. דאָס באַוווסטזיין, אַז עס איז דאָך אמת, בויערט דעם מוח אָן אויפהער. טויזנטער שלעכטע מחשבות פאַרפייניקן מיך, אָבער דאָס שטאַרקע, נאַטירלעכע געפיל באַקעמפט יעדן לאָגישן אַר־גומענט. עס וועקט זיך אין מיר אַ צערטלעכקייט, און די הענט באַוועגן זיך אויטאָמאַטיש, ווי זיי וואָלטן אַרומגעטוליעט אַ קליינטשיק קערפּערל, ווי זיי וואָלטן געגלעט אַ וואַרעם, רונדיק קעפּעלע.

די ערשטע, וועמען כ'אַנטפּלעק מיין סוד, איז פראַניאַ. זי פאַרברעכט די הענט און שרייט אויס: „יעזוס, מאַריאַ! וואָס וועט זיין מיט דיר, העלענאַ!". באַלד אָבער דערוועקט זיך אין איר אַ מוטערלעך געפיל, אַ לאַנג געצוימטע בענקשאַפט נאָך אַ קינד און זי גיט צו שטיל · „ניע פּסוי!" (מאַך נישט קאַליע). „די הייליקע מאַמע וועט דיר העלפן, זי ווייסט דיין פּיין. גאָט גיט דיר צוריק, וואָס די מערדער האָבן ביי דיר צוגערויבט. זאָרג נישט, העלענאַ, אפשר וועט זיך די מלחמה ענדיקן פאַר אַלעם!..".

פראַניאַ האָט דערציילט סטאַכן, סטאַך — מאַגדאַן (אסתרן).

— וואָס רעכנסטו צו טון? — פרעגט זי מיך.

— וואָס איז דיין מיינונג? — שטעל איך אַ פראַגע אויף אַ פראַגע.

— שווער צו עצהן, איך ווייס נישט.

— איך האָב שוין באַשלאָסן, — זאָג איך רואיק און זיכער — באַ־שלאָסן אָן ישראלס הסכמה: עס וועט בלייבן לעבן! נישטאָ ביי מיר קיין ספקות; איך וועל זיין מוטיק, שטאַרק און גרייט קעגנצושטעלן מיין ווילן יעדער שוועריקייט, יעדער סכנה. כאָטש עס באַפאַלט מיך אָפּט מאָל אַ פּחד, פיל איך זיך דערהויבן און באַשאָנקען פון גאָט.

ישראל, דערוויסנדיק זיך, ווערט צעטומלט: „ניין!" — טענהט ער אַ דערשלאָגענער — „ניין, דאָס איז אַ פאַרברעכן, אַז צוויי צום טויט פאַר־משפּטע זאָלן שאַפן אַ נייעם קרבן! אַליין וואָלטן מיר זיך נאָך אפשר אָפּ־געראַטעוועט, אָבער טאַקע צוליב „דעם" קאָנען מיר אומקומען. ווען אַפילו אַלץ וואָלט געווען נאָרמאַל, וואָלסטו נישט געטאָרט מאַכן אַזאַ שריט צוליב דיין איצטיקן געזונט־צושטאַנד! ניין, דאָס איז אַן אומזין!".

סטאַך איז פאַרטראַכט, ער קוקט אין אַ זייט. דאָ בייזערט ער זיך, דאָ איז ער ברידערלעך, גוטמוטיק. נעכטן האָט ער זיך אָנגערופן צו ישראלן:

„אמת זאַגנדיק, וואָלט בעסער געווען, ווען „דאָס״ וואָלט אין אַזעלכע דרע־קישע צייטן נישט געשען; האָט עס אַבער יאָ פּאַסירט — כאַפּ זיך נישט, יאַנעק, מיט די נעגל אַנטקעגן גורל! דאָס לעבן איז אַ רעטעניש און קיינער ווייסט נישט, וואָס עס וועט אים ברענגען גליק אָדער אומגליק. אַ האַלב יאָר איז אַ סך אין מלחמה־צייטן, לאָז די זאַך לויפן, יאַנעק! היטלער האָט אומגעברענגט איינס — ברענג דו נישט אום ס׳צווייטע!״.

איך פיל צו סטאַכן אַ גרויסע דאַנקבאַרקייט. אויך ישראלן האָבן די ווערטער אַ ביסל באַרואיקט.

— * —

די טעג זענען ווי איבערגעבראָכן אין דער העלפט, פאַרחלשט, קראַנק, פול מיט יסורים און זאָרג. אינעם שטיבל, וואָס הערט נישט אויף צו שרעקן, פלאַטער איך אַרום, ווי אַ פויגל אין אַן ענגע שטייג. עס דאַכט זיך מיר, אַז כ׳טראָג אויף די אַקסלען דעם גאַנצן יאָך פון דער וועלט. איך רעד מיט גאָט, עס שווימען צו אים מיינע הייסע תפילות פול מיט געבעט נאָך אויס־לייזונג.

די בענקשאַפט צעגיסט זיך אין צענדליקער לידער, וואָס כמעט אַלע האָבן אַ שייכות מיט מיין נייעם צושטאַנד. איך שטעל מיר פאָר, אַז כ׳וועל אינעם קליינעם נפשל פאַרפלאַנצן ליבשאַפט, יושר און גערעכטיקייט, לערנען עס האַסן אכזריותדיקייט און קנעכטשאַפט. ס׳קומען אויך רעאַלע געדאַנקען: „וועל איך עס דערציען אַלס גוי, אָדער אַלס ייד? ווו וועט עס בויען זיין היים? ווער וועט עס באַשיצן? און אויב עס וועט געבוירן ווערן איידער די מלחמה וועט זיך ענדיקן, ווו וועלן מיר זיך אַהינטון? אפשר וועט אונדז ביידן איין קויל אַדורכלעכערן?״. דאָס כאַאָטישע אַריינקלערן דערשעפּט מיך און סוף־כל־סוף באַשליס איך צו זיין ווי אַ חיה, נישט טראַכטן, נישט זאָרגן, נאָר וואַרטן פון טאָג צו טאָג, קעמפן ווען עס וועט אויסקומען, נישט פאַלן, נישט אונטערגעבן זיך!

איינס אָבער איז זיכער — איך וועל עס נישט אומברענגען.

21

ווען כ׳בין היינט פאַר מיטאָג געווען ביים טאַטן, האָט ביי אונדזער טיר געקלאַפּט אַ פּאָליציאַנט. עס האָט מיר דערפון דערציילט וואַלעריאַ, מיין שכנה. איך דערשרעק זיך און טראָג אַראָפּ צו פראַנעקן דאָס ביסל סחורה, דאָס רעקל מיטן צירונג, ישראלס שיך און דאָס געלט. איך בעט דאַנקאַן, זי זאָל מודיע זיין סטאַכן און אָנזאָגן ישראלן, ער זאָל היינט נישט אַהיימקומען. דאַנקאַ בייזערט זיך, שטשירעט אויס אירע גרויסע, ווייסע ציין, שעלט, קלאַפּט מיט די טירן פון שאַנק ביים אַרויסנעמען דעם פּאַלטן

און מיט אַ שוים אויף די ליפּן — פאַרהאַקט זי הינטער זיך די טיר. איך אַליין שרעק זיך אַרויפצוגיין אין מיין בוידעם־שטיבל און כ׳בלייב ביי פּראַנעקן.

אַ צען מינוט נאָך דאַנקאַס אַוועקגיין הערן זיך שווערע טריט אויף די טרעפּ. איך לען לייכט אָן די טיר און קוק אַרויף: אינעם טונקעלן ליכט פון די אייבערשטע שטאָקן — אַ פּאָליציאַנט. באַלד דערטראַגט זיך אַ שטיל קלאַפּן אין אַ טיר, מן הסתם אין מיין טיר. די טריט נידערן צוריק אַראָפּ. איך דערקען דעם רעווירזאָווי. ווען ער איז שוין אונטן, לויף איך אים נאָך. ער באַגריסט מיך שטייף און דאָך פריינדלעך:

— כ׳בין געקומען אייך ראָטן, איר זאָלט פון דאַנען אַוועק און, אויב מעגלעך, האַלטן בסוד אייער נייעם אַדרעס, בפרט זאָל מיינס אַ חבר נישט וויסן, ווו איר געפינט זיך, פאַרשטייסט?

פּאָר מיינע אויגן פליען שוואַרצע פלאַטעס. מיט גרויס מי באַקום איך אַרויס אַ פּאָר ווערטער פון האַלדז און פרעג:

— האָט דיך דעמאָלט געשיקט צו אונדז זדאַנאָווי?

— דאָס מוז פאַרבלייבן אַ סוד — זאָגט ער, אומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, — דו ווילסט אַוודאי נישט מען זאָל גיין אויף מיין לעבן.

איך דריק זיין האַנט און דאַנק אים האַרציק. ער גייט שנעל אַוועק.

איך בלייב שטיין אויף דער שוועל פון פינצטערן קאָרידאָר און האָב נישט קיין כוח צו שטעלן קיין טראָט. ווו זאָל איך איצט גיין? קיין שום וועג פירט נישט אַהיים, קיין שום וועג וועקט נישט קיין האָפענונג. ווי יע־דער מענטש אין אַ צרה, הייב איך ד׳י אויגן צום הימל. אָבער איבער מיר שלענגלען זיך געדרייטע, שוואַרצע טרעפּ, ווו עס לויפן אַרויף און אַראָפּ אָפּגעריסענע געדאַנקען, וואָס זוכן אַ באַהעלטעניש, אָן אויסוועג. איך וויל לעבן, איך וויל נישט אומקומען. איך וויל זיך דערוואַרטן אויף דער באַ־פרייאונג און טרעפן זיך מיטן ברודער. איך וויל באַשיצן דאָס נייע לעבן אין מיר. איך וויל נישט, איך וויל נישט שטאַרבן!

עמעצער קוקט אויף מיר. אַ פאַרעקשנטער בליק בריט מיין פּנים; איך גיב אַ וויש מיט דער האַנט דעם שטערן, ווי כ׳וואָלט געוואָלט אָפּמעקן דעם פרעמדן בליק. אין קאָרידאָר איז קיינער נישטאָ. פון אַנטקעגן איבער, פאַר־נעם געוועלב, קוקן עס אַזוי אויף מיר צוויי אויגן. אפשר מיינען זיי גאָר־נישט מיך, אפשר וואַרטן זיי אויף עמעצן. די געדאַנקען בינדן זיך נישט. איך קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין, וואָס איך דאַרף איצט טאָן. כ׳שאָקל מיטן קאָפּ, ווי מיט אַ זייגער, וואָס פאַרהאַקט זיך, אפשר וועט ער אָנהייבן פונקציאָנירן.

איך פאַרשטעק זיך טיפער אין קאָרידאָר און האָב מורא אַרויפצוגיין

העכער. אינעם קליינעם, שטילן געסל דערהערט זיך אַ פאַרבאָרגן גערויש פון אַן אָנקומענדיקן אויטאָ. דער אויטאָ פאַרהאַלט זיך נישט ווייט פון אונ־דזער הויז. עמעצער רופט אויס מיט אַ טעמפּן קול: „געסטאַפּאָ!”. איך גיי דרייסט אַרויס פון פינצטערן ווינקל און בלייב אַ רגע אויף דער שוועל. אַ שוואַרצע לימוזינע שטייט ביים שכנותדיקן הויז. איינצלנע דורכגייער פאַרשווינדן מיט שנעלע טריט. פון אַ פענצטער דאָ און דאָרט קוקט אַרויס אַ קאָפּ. אַז קאָרידאָר ווו איך שטיי, פאַלט אַריין אַ דיקע, אומרואיקע פרוי. אפשר איז זי אַ יידישקע? עס באַפאַלט מיך אַ פּחד.

„בעסער נישט בלייבן דאָ” — לויפט מיר דורך אַ געדאַנק און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ גיי איך דרייסט אַרויס אויף דער פּוסטער גאַס (אַדאַם האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז אויב עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויס־וועג, דאַרף מען מיט זיכערקייט אַנטקעגן גיין דער סכנה).

די לימוזינע איז ליידיק. פלוצלינג — טריט: דריי געסטאַפּאָ־לייט, איינער אַ מונדירטער און צוויי אין לאַנגע, טונקל־גרינע, לעדערנע מאַנט־לען, פאַרלאָזן דאָס שכנותדיקע הויז. זיי פירן מיט זיך אַ צעשראָקן, אויס־געבלייכט פּאָרל. אַ שנעלער בליק: יאָ, יידן. איך פאַרדריי אין פּיוונע געסל און הער דעם גערויש פון אָפּפאָרנדיקן אויטאָ. עס איבלט מיך און עס פאַר־פעלט מיר אָטעם.

עס ווילט זיך אָנשפּאַרן, כאָטש ביי אַ וואַנט, דעם מידן קאָפּ, וואָס איז אַזוי פּוסט, ווי אַן אויסגעליידיקטע שטוב. איך האָב מורא אַרויפצוגיין צוריק צו פראַנעקן. כ׳שרעק זיך, אַז געסטאַפּאָ וועט פאַרפאָרן אויך פאַר אונדזער הויז. די פיס פלאָנטערן זיך, איך באַמי זיך צו גיין גלייך.

ווידער דערפיל איך אויף מיר די זעלבע אויגן, וואָס האָבן געקוקט פון געוועלב. איז עס מעגלעך, מען זאָל מיך שפּיאָנירן? איך גיי אַריין אין ערשטן שפּייז־געוועלב און קויף עטלעכע קלייניקייטן. ביים אַרויסגיין וואַרטן מיך ווידער אָפּ די זעלבע אויגן. „קוק זיך נישט אום און גיי ווייטער” — עצהט דער אינסטינקט.

— אַנטשולדיק, — קומט זייטיק אונטער אַ געשטאַלט — דו דער־קענסט מיך?

איך קוק מיט חוצפה און... פלוצלינג שאָקלט עמעצער מיין האַנט, רעדט צו מיר שטיל, פריינדלעך, וואַרעם.

יאַקוב גאָלד פון קעלץ, מיין ברודערס נאָענטער חבר, רעדט, פרעגט, דערציילט. יאָ, ראַלע, זיין פרוי, איז מיט אים צוזאַמען. זיי באַהאַלטן זיך אויס ביי אַן איינזאַמען פּאָלאַק.

— אפשר זאָלן מיר ערגעץ אַריינגיין און נישט שטיין אין מיטן גאַס? — איך וואָלט אים אַזוי גערן פאַרבעטן צו אונדז, אָבער ווו אַהין? אויך ער

קאָן נישט אויפנעמען קיין יידן. בעסער מען זאָל זיך וואָס ווייניקער טרעפן. אָט, אַז דער גורל וועט וועלן, וועלן מיר זיך, אַ דאַנק אַ צופאַל, ווידער באַגעגענען. יאַקוב האָט וואָנסעס, אַ רויטן קראַוואַט, אַ גרינעם קאַפּעלוש מיט אַ פעדער, אַ דאָקומענט אַלס פּאָלקסדייטש און טרויעריקע, יידישע אויגן. אין פאַל פון אַ סכנה האָט ער אַ באַהעלטעניש הינטער אַ גרויסן קאַסטן מיט קוילן, וואָס מאַסקירט דעם אַריינגאַנג צו אַ קליין קעמערל. ראַלע פיגורירט אַלס שוועסטער פונעם איינזאַמען פּאַלאַק. יאַקוב האָט מיך דערקענט, ווען איך האָב גערעדט מיטן פּאָליציאַנט. דער אייגנטימער פון געוועלבל איז זיינס אַ גוטער באַקאַנטער און ביי אים האָט ער גראָד אויס־געטוישט אַ ביסל דאָלאַרן.

איך האָב מורא צו שטיין מיט יאַקובן און געזעגן זיך מיט אים.

דער היינטיקער טאָג איז אַ נישט־מזלדיקער, בעסער פאַרשווינדן ערגעץ ווו. אַ נישט־מזלדיקער טאָג? נישט אמת. פאַר יענעם פּאָרל, וואָס געסטאַפּאָ האָט עס אַוועקגעפירט, איז דער טאָג געווען אַ פאַטאַלער; אָבער פאַר אונדז? מיר לעבן דאָך און האָבן אַזוי פיל האָפענונג, אַזוי פיל מעגלעכ־קייטן איבערצולעבן. „פאַל נישט, פאַל נישט!" — רעדט אין מיר אַ קול.

— * —

ווידער זיץ איך אין פראַנעקס שטיבל און וואַרט אויף סטאַכן. עס קומט אָן פראַנעק. „אָ, אָ", — דערפרייט ער זיך מיט מיר — „וואָס פאַר אַ סור־פּריז, העלענאַ, האָסטו ווידער זיך פאַרבענקט נאָך דיינע קוזינען?"

ווען ער הערט דעם אמת, פאַרטראַכט ער זיך, שאָקלט ערנסט מיטן קאָפּ און זאָגט: „שרעק זיך נישט, העלענאַ, עס וועט זיך שוין געפינען אַן אויסוועג, סטאַך וועט שוין עפּעס אויסקלערן. דעם פאַררעטער וועט גאָט אַליין באַצאָלן; נעם זיך נישט צום האַרצן, דו מוזסט האָבן כוח און זאָרג נישט!"

סטאַך האָט טאַקע געפונען אַן אויסוועג. ער איז גלייך אַוועק צו פראַ־ניאַס אַ באַקאַנטער מיטן נאָמען קאַזיאַ, אַ פרוי פון אַן אָנגעשטעלטן אין אַ וווּרשט־פאַבריק. קאַזיאַ האָט צוויי קליינע קינדער און מיטן דריטן איז זי שוואַנגער. מיט אַ צייט צוריק, אין אַ געשפּרעך מיט פראַניאַן, האָט זי געזאָגט, אַז זי טרוימט וועגן אַ „גאָספּאָשע", וואָס זאָל איר העלפן אין דער בעל־הבתישקייט. איז סטאַך היינט צו איר אַוועק און פאַרגעשלאָגן מיך אַריינצונעמען. ער האָט איר געזאָגט, אַז איך בין זיינס אַ קוזינקע, אַן עוואַ־קויִרטע פון נעבן וולאָצלאַוועק, אַ געוועזענע גוטבאַזיצערין, און אַזוי ווי די דייטשן האָבן יענע געביטן איינגעגלידערט אינעם „רייך", בין איך מיטן מאַן אַנטלאָפן קיין וואַרשע. ער האָט באַטאָנט, אַז ווען מיר זענען געווען רייך, האָבן מיר וועגן דער משפחה אין וואַרשע נישט געדענקט, אָבער

ווען דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט, האָבן מיר זיך אין אים דערמאָנט. אויך דאָס האָט סטאַך איר דערציילט, אַז מיין מאַן אַרבעט אין דער אונטער־ערדישער באַוועגונג, אַז צוליב דעם טוישן מיר אָפּט דעם נאָמען, אַז אין דער לעצטער צייט איז אונדז אָפּגעשטאָרבן, נאָך אַ לונגען־אָנצינדונג, אונ־דזער איינציק מיידעלע, און מיר זענען דערפון שטאַרק צעבראָכן — דע־ריבער בעט ער, אַז קאַזיאַ זאָל מיך נישט אויספרעגן קיין איינצלהייטן, כדי נישט אויפצורודערן פון דאָס ניי דעם ווייטאָג.

קאַזיאַ האָט גלייך איינגעשטימט און געהייסן איך זאָל קומען אויף צומאָרגנס. ישראלן וועט סטאַך דערווייל אַריינגעמען צו זיך, ביז עס וועט אונטערקומען אַ צווייטער פּלאַץ.

22.

איך האָב מורא די לעצטע נאַכט צו בלייבן אין מיין בוידעם־שטיבל און גיי נעכטיקן צו אַ משפחה מיט וועלכער איך האָב זיך באַפריינדעט אַ דאַנק וויצקאָס בולעטינען. פּראַנעק פּראָפּאָנירט אַפילו, איך זאָל בלייבן די נאַכט ביי זיי, אָבער דאַנקאַ גלאָצט אויף אים מיט די אויגן: זי באַ־שטייט נישט. איך גיי אַוועק.

די משפחה גאַלעצקי (ער — פון באַרוף אַן אַגראָנאָם), וואָס וווינט אויף וואָלסקע גאַס, באַהאַלט אויס ביי זיך אַ יידיש פּאָרפּאָלק פון ראַדאָם מיט זייער 20־יעריקער טאָכטער, אַ שיינהייט.ביידע משפחות, אַזוי די גאַלעצקיס ווי די סעגאַלס, ווייסן, אַז איך בין אַ יידישקע. ביים אָנקלאַפּן אין טיר דאַרף מען זאָגן: „איך האָב אַ גרוס פון יוזשקען; דאָס איז די האַסלע פון אַן אייגענעם.

ווען איך בין דאָס מאָל אַריינגעקומען האָב איך גלייך באַמערקט אַ שטאַרקע דערשלאָגנקייט אויף די גאַלעצקיס פּנימער. אַ טיפער טרויער האָט געאָטעמט אין יעדן ווינקל. די טיר צום צווייטן שטיבל, וווּ עס געפי־נען זיך די יידן, איז געווען פאַרמאַכט. גאַלעצקי, אַ נישט ראַזירטער, פאַר־עלטערטער, רוקט מיר אונטער אַ שטול. די פרוי פאַרשווינדט אין קיך.

איך זיץ און הער זיך איין אינעם קלאַפּן פון זייגער. די נאַכט שאַרט זיך שטיל אַריין און פאַרהילט מיט שאָטנס די ביכער־שאַנק, דעם קאָמאָד, טיש מיט שטולן, און דעם שעזלאָנג, וווּ עס זיצט האַלב־ליגנדיק גאַלעצקי. שטיל. אַלץ שווייגט. דאָס צעגלימטע קעפּל פון גאַלעצקיס ציגאַרעט, וואָס בליט אַלע מאָל אויף, זאָגט עדות, אַז ער וואַכט. שטום און לייכט קומט צוריק אַריין זיין פרוי. זי לאָזט פאַמעלעך אַראָפּ דעם טונקעלן ראָלעט ביים פענצטער און צינדט אָן אין ווינקל אַ קליין נאַכט־לעמפּעלע.

— איז עפּעס שלעכטס געשען? — פרעג איך פאַרזיכטיק.

גאַלעצקי, ווי איבערגעוועקט פון אַ שווערן שלאָף, זעצט זיך האַסטיק אויף, שאָקלט אָפּ דעם אַש פון די הויזן און מאַכט אַ באַוועגונג מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט חשק געהאַט אַראָפּצוואַרפן אַ שווערע לאַסט.

— מיט אַ צען טעג צוריק ביסטו ביי אונדז געווען, העלענקאַ, נישט אמת ? — דערהער איך זיין קול.

— יאָ.

— דאַנושאַ (די טאָכטער פון די סעגאַלס) האָט זיך שוין דעמאָלט געפילט נישט גוט, געדענקסט ?

— יאָ.

— זי האָט באַקומען הויכן פיבער און ווען איך האָב גערופן אַ דאָק־טער, מיינס אַן איבערגעגעבענעם פריינד, האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז זי האָט אַ פלעקטיפוס. מיר האָבן אַלץ געטון זי אָפּצוראַטעווען, אָבער איר האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן און מיט דריי טעג צוריק איז זי געשטאָרבן.

גאַלעצקי פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט, באַלד נעמט ער זיי אַוועק און דערציילט ווייטער:

„עס איז אַנטשטאַנען אַ פּראָבלעם, וואָס צו טון מיטן טויטן קערפּער. קיינער פון די שכנים ווייסט נישט, אַז ביי אונדז וווינט נאָך עמעצער. נישט האָבנדיק קיין עצה, האָב איך זיך געווענדעט צו מיינעם אַ פּאַרטיי־חבר, וואָס האָט אַ טאַקסי און אים דערציילט דעם אמת. ער האָט איינגעשטימט מיר צו העלפן. צוזאַמען מיט דאַנושאַס פאָטער, וואָס האָט זיך נאָך אַ ביסל געהאַלטן (די מוטער איז געווען כמעט באַוווסטלאָז) האָבן מיר באַשלאָסן דעם קערפּער אַריינצולייגן אין אַ זאַק און ערגעץ ווו אַוועקוואַרפן אויף די פּעריפעריעס פון וואַרשע. מיטן חבר האָבן מיר אָפּגעשמועסט, אַז אַרום 7 אַזייגער פאַר נאַכט וועט ער וואַרטן מיטן אויטאָ נישט ווייט פון הויז. ווען כ׳וועל אַראָפּטראָגן דעם זאַק מיטן קערפּער וועלן מיר גלייך אַוועק־פאָרן. יעדער פון אונדז האָט געזאָלט האָבן ביי זיך געווער ; עס טרעפט אָפּט, אַז דייטשישע פאַטראָלן רעווידירן די דורכפאָרנדיקע אויטאָס. טאָמער וואָלט אַזאַ זאַך פּאַסירט ביי אונדז, וואָלטן מיר אויף זיי געעפנט אַ פייער און אַנטלאָפן".

„יעדער זאַק, וואָס איך האָב געבערענגט" — דערציילט ווייטער גאַלע־צקי — „איז געווען צו קורץ ; דאַנושאַ איז געווען אַ הויכע... מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, נאָר איינבייגן דעם קערפּער מיטן קאָפּ צו די פיס און צובינדן מיט שטריק, כדי ער זאָל אַריין אין זאַק. איך האָב מיטן גאַנצן כוח אָנגעבויגן איר קאָפּ — (עס איז געווען שווער — זי איז געווען שטייף) און דער טאַטע האָט געבונדן. זיינע טרערן זענען אַן אויפ־הער שטיל געפאַלן אויף דער טאָכטערס קערפּער. מיין ווייב איז געזעסן

נעבן דער אומגליקלעכער מוטער, זי זאָל נישט קוקן. פאַרן פאַרנייען דעם זאַק האָט דער פאָטער פאַרלאַנגט פון מיר איינס: איך זאָל אים צוזאָגן, אַז כ׳וועל זיין קינד איבערלאָזן נישט ווייט פון גענשער בית־הקברות, ווו זי וועט אפשר קומען צו קבורה. ער האָט אויפגעהאַנגען אויף איר האַלדז אַ צעטל מיטן יידישן נאָמען, אונטערשטרייכנדיק, אַז זי איז אַ יידישקע און ער בעט דעם, וואָס וועט זי געפינען — צו טון אַ מענטשלעכע פליכט און באַגראָבן זי צווישן יידן, אויפן יידישן בית־עלמין".

גאַלעצקי שטעלט זיך אויף, בייגט זיך איבער צו מיר און מיט אַ האַלב הייזעריק קול ציט ער האַרט זיינע ווערטער:

„איך בין געווען אויפן פראָנט, איך האָב געדינט אַלס פּילאָט (פליער) און גאַנץ אָפט געקוקט דעם טויט אין פּנים אַריין, אָבער קיין מאָל האָב איך נישט געפילט דאָס, וואָס אין די פּאָר מינוט, ווען כ׳האָב אויף מיינע פּלייצעס געטראָגן דעם קאַלטן מת. ביז איך האָב דעם זאַק אַריינגעלייגט אין אויטאָ, האָב איך געמיינט, אַז כ׳וועל משוגע ווערן. שטייפע, פּראָסטיקע פינגער האָבן מיך געשטיקט און געהאַלטן דאָס האַרץ אין קלעם. ווען מיר זענען צוגעקומען צום גענשער בית־הקברות, האָט מיין חבר באַמערקט אַ שטיק אויפגעהאַקטע מויער. שנעל האָבן מיר אַריינגעוואָרפן אינעווייניק דעם זאַק און גלייך פאַרלאָזט דאָס אָרט. — „דאָ קנאַיפּי — האָב איך אַ רוף געטאָן צום חבר — דאָ קנאַיפּי יעדזש, בראַטשע, איך מוז טרינקען!"

עס קוקן אויף מיר צוויי פאַרנעפּלטע, קראַנקע אויגן. גאַלעצקי, אַ 35־יעריקער, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ צעבראָכענעם, אַלטן מאַן.

„איך האָב צוויי טעג און צוויי נעכט נישט אויפגעהערט צו טרינקען — רעדט ער, ווי צו די שפּיצן שיך — נישט אויפגעהערט טרינקען, ווייל דער זאַק מיטן טויטן קערפּער ליגט נאָך אַלץ אויף מיינע פּלייצעס, איך קאָן זיך פון אים נישט באַפרייען. „מאַמאָשקאָ, — ווענדעט ער זיך צום ווייב — גיס מיר אָן אַ גלעזעלע!"

פון דער צווייטער שטוב הערט זיך נישט קיין שאָרך, ווי עס וואָלט דאָרט קיין לעבעדיקער מענטש נישט געווען.

די גאַלעצקאָ באַמערקט מיין בליק אויף דער פאַרמאַכטער טיר און זאָגט שטיל:

— שטעלסט זיך פאָר די עלטערן? אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע! זיי עסן גאָרנישט, ליגן שטיל און ליידן אוממענטשלעך. העלענקאָ, גיי צו זיי אַריין. דו, אַלס יידישקע, וועסט אפשר האָבן אַ השפּעה; מיך הערן זיי נישט.

— גוט, פרוי גאַלעצקאָ, איך גיי צו זיי אַריין. כ׳בין זיכער, אַז זיי וועלן עסן, אַז זיי וועלן לעבן. נישטאָ קיין מענטש, וועלכן מען זאָל נישט קאָנען איבערלעבן!

די קארטע אויף לעבנסמיטל פאר טשעסלאווא מאלארסקא

קאַפּיטל פינף

אלס „גאָספּאָשע"

1.

פראַניאַ האָט מיך אַוועקגעפירט צו דער משפּחה פלאָשקאָ, אויף שוס־טראַ 7. פלאָשקאָס פּאַרטער־דירה באַשטייט פון איין צימער מיט אַ רחבותדי־קער קיך. קאַזיאַ האָט מיך וואַרעם אויפגענומען. זי איז אַ דרייסיק־יעריקע, דיקע, מיטל־וווּקסיקע פרוי מיט אַ רונד, פעט פּנים, גראָבע ליפּן, פליישיקער נאָז און קליינע, ברוינע אויגן, וואָס האָבן אין זיך אַ סך מוטערלעכקייט. איבער איר קורצן שטערן קרייזלען זיך טונקל־בלאָנדע האָר. צוליב דער שוואַנגערשאַפט זעט קאַזיאַ אויס ווי אַ פולע דייזשע אויפגעיוירן, ראַזעווע טייג.

יוזעף, איר מאַן, איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פונעם ווייב. ער איז אַ דאַ־רער, ריִרעוודיקער און איבערגעצנטער. אין משך פון עטלעכע טעג האָט ער פאַרראַטן אַ טייל פון זיינע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס די בולטסטע פון זיי זענען: עגאָיזם און איינגערעדטע גאווה. יוזעף רעדט ווייניק, האַלט אָפט צו־זאַמענגעפּרעסט די דינע, שמאָלע ליפּן און ווען ער וואַרפט אַ זייטיקן בליק, דערפילט מען אין זיינע גרויע אויגן עפּעס פאַרשעריסס, עפּעס פאַרבאָרגנס. גלייכצייטיק איז ער פול מיט סתירות; אָט איז ער גוטהאַרציק צו די קינדער און באַלד כאַפּט ער דעם פּאַסיק פון די הויזן און גיט אַזאַ שמייס רישעקן (זיין 6־יעריק יינגעלע), אַז דאָס קינד פאַרקייכט זיך און ווערט בלוי פון יסורים. ווען גיגאַ, דאָס יינגערע מיידעלע, באַהאַלט זיך שנעל אונטערן בעט, הייבט יוזעף אָן צו לאַכן.

בכלל איז אין יוזעפן פאַראַן אַ משונהדיקער צונויפגעמיש פון קאָנ־טראַסטן: ער איז דזשענטלמעניש, גאַלאַנט, אַפילו סענטימענטאַל און גלייכצייטיק — פּויעריש און גראָב־הויטיק. ער באַזיצט אַ חוש פאַר מוזיק, פאַר אַ שיין בילד און אין דער זעלבער צייט שלאָגט פון אים אַרויס אַ ציניש גרינגשאַצונג צו אַלעם דעם, וואָס האָט נישט צו טון מיטן נאַקעטן, ברוטאַלן לעבן.

יעדן טאָג, אַ חוץ זונטיק, פאַרלאָזט ער די היים אין דער פרי, ווען עס איז נאָך פינצטער און קומט קורץ פאַר דער „פּאָליציי־שטונדע" צוריק.

דעמאָלט עסן מיר צוזאַמען אָוונטברויט, וואָס איז אייגנטלעך דאָס מיטאָג.

צום ווייב איז יוזעף גלייכגילטיק, ער זעט זי כמעט נישט. מיט די קינדער שפּילט ער זיך קורצווייערדיק און הילכיק; ער וואַרפט זיי ווי באַלעמס אין דער לופטן און כאַפּט זיי ביי אַ פיסל, איידער זיי פאַלן אַראָפּ. ער טוט אַלץ שווייגעדיק, שטעלט זעלטן אַ פראַגע, נישט אויסהערנדיק כמעט דעם ענטפער. ער פאַררייכערט דעמאָלט אַ ציגאַרעט, אָדער זוכט עפּעס אין די קיך־שענקלעך.

תיכף נאָכן אָפּעסן און אָפּשפּילן זיך מיט די קינדער גייט יוזעף שלאָפן; גלייכצייטיק לייגט קאַזיאַ אויך די קינדער, ביידע צוזאַמען אין איין בעט. ביז מיין אָנקומען איז דאָס קינדער־בעטל געשטאַנען אין קיך, איצט שלאָפן אַלע אין שטוב, ווו עס איז כמעט נישטאָ קיין פרייער פּלאַץ. אויף איין וואַנט שטייט אַ דריי־טירן־שאַנק, דאָס בעט פונעם פאַרפּאָלק און אַן עטאַ־זשערקע. ביי דער צווייטער וואַנט — אַ קאַנאַפּע און אַ וועש־שענקל. אונ־טערן פענצטער — דאָס קינדער־בעט און אין מיטן שטוב — אַ טיש מיט פיר שטולן.

קאַזיאַ זאָרגט זיך, אַז עס וועט אויספעלן אָרט פאַרן ניי־געבוירענעם קינד אירן. איך באַרויִק זי, אַז „עס וועט זיין מיט מיר אין קיך". איך מאַסקיר מיט אַ ברייטער שירץ מיין נייעם צושטאַנד און שרעק זיך, קאַזיאַ זאָל נישט באַמערקן. זי קאָן אין אַזאַ פאַל רעזיגנירן פון מיין הילף. אומ־אויפהערלעך אַרבעטן מיינע הענט. איך רוים, קאָך, ניי, פּרעס, פאַרריכט, און פאַרנעם זיך מיט די קינדער, וואָס האָבן מיך שטאַרק ליב באַקומען. איך דערצייל זיי מעשיות, אַפילו ווען כ'פּרעס, אָדער ניי אויף דער מאַשין.

זונטיק ביים פרישטיק, האָט יוזעף אַ גלעט געטון זיין פריש אויסגע־פּרעסט העמד און פאַמעלעך ציענדיק די ווערטער, געזאָגט: „זינט כ'האָב חתונה געהאַט, האָב איך צום ערשטן מאָל ווידער אַ העמד אָן קנייטשן און מיט אַלע קנעפּלעך".

די באַמערקונג באַאומרויִקט מיך. כ'וואָלט נישט געוואָלט קאַזיאַן שטעלן אין שאָטן, זי קאָן ווערן אייפערזיכטיק און מיך אָפּזאָגן; גלייכ־צייטיק אָבער, ווילט זיך מיר, זיי זאָלן יאָ באַמערקן מיין טיכטיקייט, מיין כסדרדיקע אַרבעט און נוצן, וואָס איך ברענג זיי.

קאַזיאַ איז צופרידן פון יוזעפס גוטן הומאָר און ווייזט אים צוויי קליידלעך, וועלכע כ'האָב איבערגעניייט פאַר גיגאַן פון אַלטוואַרג.

נאָכן פרישטיק איז מיין בעל־הבית מיך מכבד מיט זייער גוטע ציגאַ־רעטן און פרעגט, צי מיין מאַן וועט מיך באַזוכן.

— ניין, — ענטפער איך — מיר וועלן זיך באַגעגענען ביי סטאַכן.

— קאַזיאַ, — לענגערט זיך יוזעף אויס — איך מיין, אַז הער מאַלאַרסקי דאַרף דעם זונטיקדיקן טאָג פאַרברענגען צוזאַמען מיט זיין פרוי דווקא דאָ, ביי אונדז. ביסטו מסכים?

— אדרבא, איך וועל זיך זייער פרייען, עס וועט זיין היימלעכער — ענטפערט קאַזיאַ אַ צעשטראַלטע.

אויך איך דערפריי זיך. שוין אַ וואָך צייט האָב איך ישראלן נישט געזען: צו סטאַכן האָב איך מורא צו גיין, דאָס בלייבן אַ גאַנצן זונטיק ביי די פלאַשקאָס קאָן וועקן פאַרדאַכט; איך האָב אַפילו געקלערט וועגן באַגעגענען זיך מיט ישראלן ביי דער שעמיאַנטקאָווסקאַ, אָבער זי איז לעצטנס שטאַרק אויפגערעגט און פאַרלאַנגט, מיר זאָלן צונעמען פון איר דעם טאַטן, זי וויל אים בשום אופן נישט האַלטן לענגער. האָב איך זיך טאַקע דערפרייט מיט די פלאַשקאָס איינלאַדונג.

2.

נאָכן מיטאָג גיי איך צו די סטאַכעס. אין דרויסן פאַלט אַ געדיכטער, שטילער שניי. עס איז שווער צו זען, וואָס עס טוט זיך אַ פאָר מעטער ווייטער. ווען אַ ווינט גיט אַ בלאָז, אַנטשטייט אַ זאַווייע און דעמאָלט פיל איך זיך אַזוי זיכער אויף דער גאַס! קיינער קוקט נישט אין דעם צווייטנס אויגן אַריין, יעדער לויפט זיין וועג. איך האָב חשק אַנצוקומען צו סטאַכן אומגעריכט. אומרואיקע, אומגעדולדיקע געדאַנקען פלאָנטערן זיך אין קאָפּ, ווי דער שניי אין דער לופט. וואָס טוט איצט ישראל? איז מאַגדאַ אויך דאָרטן? אַ קנאה פרעסט מיך. זי קאָן אים יעדן טאָג זען און איך בין אַזוי אָפּגעריסן פון אים, אַזוי פאַרוואָגלט.

די טיר עפנט סטאַך. אַ וואַרעמע לופט שלאָגט אין פנים אַריין. ביים טיש — אסתר און ישראל. אויף אַ קליין בענקל ביי דער קיך — פראַניאַ מיט אַ האַלב אויסגעשטריקטן זאָק אויף שפיזן. אַזאַ שטילקייט, אַזאַ ריינקייט הערשט אינעם שטיבל, אַז איך בלייב אַ רגע, ווי פאַרשיכורט. דאָס האַרץ ווערט איינגעשרומפן, ווי אַ פויסט, וואָס דערגייט ביז צום האַלדז. די פיס שטייען שווער, פאַרוויקלט אין אַ קייט פון האַרטע, ביטערע טעג. די צעפלאַצטע הויט אויף די הענט, די מידע אויגן, די אויסגעטרעטענע פּיענטעס — ברענען ווי קוילן. די איינזאַמקייט, שרעק, בענקשאַפט — אַלץ שרייט אין מיר, כאָטש די ליפּן שווייגן.

ישראל כאַפּט זיך שנעל אויף פון אָרט, שפּרינגט צו מיר צו, נעמט ביי מיר די פאַטשיילע און דערלאַנגט אַ שטול. מען האָט זיך אויף מיר נישט געריכט. אסתר באַטראַכט מיך רואיק, ווי זי וואָלט געזוכט עפּעס אין מיינע אויגן. אַ שוואַרצער שאָטן לייגט זיך פונאַנדער צווישן אונדז ביידע.

איך דערפֿיל זיך פֿלוצלינג מיד, באַוואָלעט און פֿרעמד. עס גלוסט זיך מיר צו וויינען און — גלייכצייטיק שרייען, בייזערן זיך, אויסשרייען דעם צער, וואָס פֿאַרשטעלט ווי אַ שאָטן די ליכטיקייט פֿון דער זון און דעם טעם פֿון לעבן.

אסתר זעט אויס זייער שיין, פֿריש און אויסגערוט. איך הער אירע פֿראַגן, ווי פֿון ווייט, ווייט.

מיין כסדרדיקע אָנגעשפּיצטקייט וואָס האַלט מיך, ווי אַ שפּין אין איר געוועב, ווערט דאָ, צווישן אייגענע, שוואַכער, אָבער זי פֿאַרשווינדט נישט אין גאַנצן. איך האָב אַזוי געבענקט נאָך אַ פֿרייען אָוונט, נאָך אַ מעגלעכ־קייט צו אַנטשפּאַנען די אָנגעצויגענע נערוון, אָבער מיין טרויער גייט מיר נאָך.

אין מיין בוידעם־שטיבל האָב איך געקאָנט זיין מיט זיך אַליין, געקאָנט קלערן, וויינען, שרייבן און לעצטנס איז מיר אַפֿילו אויך דאָס „גליק" צוגע־נומען געוואָרן. אין די שיך טראָג איך אַרום פֿאַרשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר, „אַריינגעכאַפּטע" אין אַ פֿרייער מינוט, ווען קיינער ביי די פּלאַשקאָס זעט נישט.

סטאַך דערלאַנגט טיי. דער גוטער, פֿאַרשטענדיקער סטאַך ציט אויס צו מיר דאָס שעכטל ציגאַרעטן און שווייגט. פֿראַניאַ רייסט נישט איבער דאָס אויפֿכאַפּן „אויגן" אויף די שפּיזן, ווי דאָס וואָלט זי געשיצט קעגן דער סכנה פֿון זיין אין דער גע׳עלשאַפֿט פֿון יידן. אויפֿן טיש ליגן צעוואָר־פֿענע קאָרטן פֿון אַ פֿרישן קאָן ; דאָס האָב איך, ווייזט אויס, צעשטערט דעם „טויזנט". סטאַך ציט זיך אויס אויפֿן סאָפֿקעלע. פֿראַניאַ פֿרעגט אויף קאַזיאַן, יוזעפֿן, אויף די קינדער. איך ענטפֿער מיט קאַרגע ווערטער און דערצייל, ווי די קינדער האָבן זיך צו מיר צוגעבונדן, ווי די שכנטעס זענען קאַזיאַן מקנא מיט דער „גאָספּאָשע". איך דערצייל וועגן מיין כסדר־דיקער אַרבעט, אָבער כ׳קלאָג זיך נישט. פֿראַניאַ לייגט צו האָלץ אין דער קיך. דאָס פֿייער קנאַקט און גאָדערט.

— ווייסטו, — וואַכט סטאַך אויף — כ׳האָב אויסגעפֿונען אַ פֿרישן פּלאַץ פֿאַר מאַגדאַן ביי מיינעם אַ ווייטן קרוב, וואָס וווינט די דריטע גאָס פֿון אונדז. ער הייסט טאָקאַרטשיק — אַן אויפֿגעקומענער גביר. ער מיטן ווייב האַנדלען מיט יידישע זאַכן און פֿאַרקויפֿן די סחורה אין די דערפֿער. יעדן פֿרייטיק נאָך מיטאָג פֿאַרלאָזן זיי וואַרשע און קומען צוריק מאָנטיק אין דער פֿרי. פֿאַר מאַגדאַן איז דאָס אָרט זייער גוט, איבערהויפּט ווען אַניע־לאַס ברודער האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿיל אינטערעסירן מיט איר.

— ווווינסטו שוין דאָרט ? — פֿרעג איך אסתרן, נישט קוקנדיק אויף איר.

— פון נעכטן אָן. כ׳בין אַליין. די טאַקאַרטשיקס וועלן מאָרגן צוריק־קומען. אפשר ווילסטו ביי מיר איבערנעכטיקן, העלאַ? איך וועל זיך זייער פרייען, כ׳האָב מורא צו בלייבן דאָרט אַליין.

— ניין — ענטפער איך קורץ.

אַ טיפער דאָרן האָט זיך מיר איינגעביסן אין האַרץ. איך דערמאָן זיך וועגן דער פּראָפּאָזיציע פון די פּלאַשקאָס בנוגע ישראלס זונטיקדיקן באַ־זוך ביי זיי און דערצייל וועגן דעם. ישראל דערפרייט זיך, פּראַניאַ אויך. סטאַך ווערט באַדאַכטיק און זאָגט: „זיי זאָלן זיך נאָר נישט משער זיין ווער איר זענט״.

די וויזערס פון זייגער רוקן זיך, אין דרויסן יאָגן זיך ווינטן. איך וואָלט אַזוי גערן געבליבן ביז אין דער פרי מיט ישראלן אינעם וואַרעמען שטיבל, אָבער פּראַניאַ מיט סטאַכן פאַרבעטן מיך נישט. ישראל וויל מיך באַגלייטן, סטאַך דערלויבט נישט. „בעסער דריי זיך נישט״ — וואָרנט ער. אסתר בלייבט אויך: זי האָט נאָענט, זי קאָן נאָך בלייבן. איך פאַרהיל זיך אינעם טוך און באַלד שלינגט מיך איין אַ קאַלטע, צעיאָמערטע ווינטער־נאַכט.

איך גיי צו פוס. ערטערווייז שאַרט זיך אַרויס די געטאָ־מויער. אַ שטור־מע, גרויזאַמע, פאַרגליווערטע. אין אַ געהיימען בולעטין האָב איך גע־לייענט, אַז די מויער אַרום דעם געטאָ האָט 16 קילאָמעטער די לענג און דריי מעטער די הייך. זי טיילט אָפּ דאָס ביסל אָפּגעשלאָסענע יידן פון דער אַרומיקער וועלט. די שטאָקיקע הייזער פונעם געטאָ, מיט זייערע אויס־געהאַקטע פענצטער, ווי מיט אויסגעברענטע אויגן — שרעקן אין דער פינצ־טער נאָך מער ווי בייטאָג.

פאַרשפּעטיקטע טריט אין די אָפּגעשטאָרבענע גאַסן הערן זיך ווי אַ ווידער־קול פון שיסערייען. זיי הילכן אָפּ פּילפאַכיק. טעמפּ, מוראדיק און צעשווימען זיך מיטן ווינט. פון די פאַרמאַכטע טויערן קריכט אַרויס אַ פּחד, שאַרט זיך ביי די ווענט און באַזעצט זיך אין יעדן ווינקל.

אַרום און אַרום — אַ שניי־זאַוויע. מחנות שניי־פּלאַטן, צעפּלאַטערטע, בלינדע, ווי פאַריאָגטע פון זייערע היימען, פאַרבלאָנקעטע אויף פרעמדע וועגן — באַפאַלן מיך, קלעפּן זיך צו צום פּנים, צו די מלבושים. אַ פּייפעריי פון ווינט, אַ גערויש, אַ פאַרבאָרגן געפילדער טראָגט זיך ערגעץ אין דער וועלט אַריין און כאַפּט מיט זיך מיט מיינע עלנטע טרערן. אַ טויבער ווייטאָג צעוואַקסט זיך און צעזעצט מיך ממש. עס ווילט זיך שרייען, שרייען אין דער פינצטערער נאַכט אַריין, אַז די לונגען זאָלן פּלאַצן, אָבער איך בלייב שטיל, שטיל ווי דער פאַלנדיקער שניי.

3.

וויזאַווי אונדזער טיר וווינט די שכנטע זאַוואַדזקאַ. זי איז אַ רעזער־וויסטקע: איר מאַן, אַן אָפיציר, איז אין 1939־טן יאָר אַרויס פון פוילן צו־זאַמען מיטן מיליטער־שטאַב און געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן. זי האָט פון אים, אין פאַרלויף פון די דריי יאָר, באַקומען צוויי בריוולעך דורכן רויטן קרייץ.

זאַוואַדזקאַ איז אַלט 28 יאָר און איז פול מיט לעבן, וואָס שפּראָצט פון אירע בלויע, לאַבוסעוואַטע אויגן און רירעוודיקן, שלאַנקן געשטאַלט. ווען זי שטעלט די געטאָקטע פיס מיט אַ ספּעציפישער גראַציע פון אַ יאַגד־פערד, פלאַטערט איר בלאָנדע טשופּרינע מיט תאווה און רייץ. „עס איז שווער צו פאַרלאַנגען פון אַזאַ פרוי" — זאָגט יוזעף — „זי זאָל פאַר־נאַפטאַלינירן איר צניעות און וואַרטן אויפן מאַן. לאַנגווייליקייט איז אַ קראַנקהייט — זוכט זי רפואות".

זאַוואַדזקאַ רעדט מיט אַ צעזונגענער שטימע, דורכגעפלאָכטן מיט געלעכ־טער און קינדערישע אויסגעשרייען. זי איז לייכטזיניק, באַוועגלעך ווי קוועק־זילבער און זייער נייגעריק. יעדן זונטיק גייט זי אין קאָשטשאָל, אַ סך מאָל לויפט זי אויך צום נעשפּאָר־געבעט. „אי פּאַר גאָט, אי פּאַר לייטן" — זאָגט יוזעף. ביז שפּעט ביינאַכט טראָגן זיך פון דער זאַוואַדזקאָס שטוב טענער פון טאַנץ־מוזיק. דאָס שפּילט דער פּאַטעפאָן. עס הערן זיך אויך מענער־שטימען און אַ געשאָרעריי פון זוילן.

אייערנעכטן, אַרום 12 ביינאַכט, ווען אין הויז איז שוין געווען שטיל, האָט זיך פּלוצלינג צעהילכט אַ שטאַרק קלאַפּן אין זאַוואַדזקאָס טיר. אַ מע־נער־קול האָט גערופן: „מאַך אויף, זונה, ווייל איך וועל די טיר אויס־ברעכן! מאַך אויף, דו אויסגעלאַסענע, כ'ווייס, אַז וולאַדעק איז איצט דאָ ביי דיר, הערסט? צוזאַמען מיט אים וועל איך דיך דערשיסן, דו סוקע איינע, מאַך אויף, געשווינד!".

געקאָוועטע שטיוול קאָפּען, קנאַלן מיטן גאַנצן כוח אין דער טיר, וואָס קרעכצט, גרילצט און גיט זיך נישט אונטער. מיין בעל־הבית לענט אָפּ אונדזער טיר און מאַכט זי באַלד ווידער צו.

— פּאַניע פלאָשקאָ, — שרייט דאָס זעלבע מענער־קול — מאַך אויף, כ'וויל דיר עפּעס זאָגן, כ'מוז דיר עפּעס וואַזשנעס זאָגן.

מיך באַפאַלט אַ שרעק. עס זאָל נאָר נישט אויסגיין צו מיין קאָפּ.

— ווער איז עס? — פרעגט קאַזיאַ אַ פאַרשלאָפענע.

— איר פריערדיקער געליבטער, — ענטפערט יוזעף — ער איז אַ ביסל באַזויפן און אייפערזיכטיק.

— דאָ פּיאָרונאַ, — שרײַט יענער הינטער דער טיר — כ'וועל אונטער־צינדן דאָס הויז. פלאַשקאַ, קום אַרויס און העלף מיר אויסברעכן דער זונהס טיר. איך מוז דערשטיקן איר געליבטן!

קיינער ענטפערט נישט. אויף אַ רגע ווערט שטיל און פּלוצלינג טראַאַך! אַ שטיין פון דרויסן פליט אַרײַן דורך מײַן פענצטער און צעשמעטערט די שויב אויף ברעקלעך.

די קינדער וועקן זיך אויף מיט אַ געוויין. איך טו זיך שנעל אָן. יוזעף שפּרינגט צו צום פענצטער, קוקט אַרויס אין פינצטערן דרויסן, לאָזט אַראָפּ דעם שוואַרצן ראָלעט און מאַכט צו דעם לאָדן. עס קומט אַרײַן צו טאָפּ־טשען קאַזיאַ: „ווען דו וואָלסט געווען פאַרשפּאַרט דאָס פענצטער, פרוי מאַלאַרסקאַ, וואָלט דער משוגענער נישט געצילט דווקא אַהער און איצט וועט די גאַנצע קעלט אַרײַן".

קאָן זי דען פאַרשטיין, פאַר וואָס איך מאַך נישט צו דעם לאָדן יעדער נאַכט? קאָן זי וויסן, אַז אַזוי איז מיר לײַכטער אונטערצוהערן יעדן שאָרך אויף דער גאַס, דעם רעש פון אַן אָנקומענדיקן אויטאָ, אָדער פאַרדעכ־טיקע טריט?

פלאַשקאַ כאַפּט אַ שטעקן און לויפט אַרויס. נאָך אַ פּאָר מינוט קומט ער צוריק און ברומט הייזעריק: „זוויאַל, סוקין סין" (ער איז פאַרשוווּנדן, דער הינטישער זון).

אינעם הויז און אין דרויסן איז איצט שטיל, אַזוי שטיל, אַז מען הערט באַרוועסע טריט פון אַ שכן איבער אונדזער באַלקן. מײַן צעשראָקענע פאַנטאַזיע אַרבעט: איך „זע", ווי דער שיכור גייט נאָך פּאָליצײַ, אָדער געסטאַפּאָ, און באַלד וועט מען מיך פון דאַנען אַרויספירן. איך קאָן נישט צומאַכן די אויגן. אונטערן האַרץ קלאַפּט און ציטערט אומרואיק, ווי אַ פישל אין אַ גלאָז וואַסער, דאָס נײַע לעבן אין מיר, דאָס אומבאַקאַנטע נפש, ווי עס וואָלט געשעפּטשעט: „פאַרזיכטיק, ביסט נישט אַליין, אויך איך שרעק זיך!"

באַגינען, ווען יוזעף איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט ער געטראָפן דעם אָפּגעגאַרטן געליבטן אַ שלאָפנדיקן אויף די טרעפּ.

4.

באָטשעק וווינט אויפן ערשטן שטאָק איבער אונדז. ער איז אַן איינ־זאַמער אַלמן פון אַ יאָר פופציק, אַ מיאוסער, דאַרער, לאָמער און אָפּ־שטויסנדיקער מאַן. קיינער ווייסט נישט, פון וואַנען באָטשעק האַלט זיך אויס. פרוי שולץ, אַ שכנטע פון צווייטן שטאָק, דערציילט אויפן אויער, אַז ער איז אַ מוסר און טרינקט שטענדיק מיט דײַטשן אין די רעסטאָראַנען.

ער קומט יעדע נאַכט זייער שפּעט אַהיים, האָט אַ דערלויבעניש צו באַ־וועגן זיך פריי אין אַלע שעהן פון מעת־לעת. די שכנים באַציען זיך צו אים מיט רעזערוו און אומצוטרוי.

די פרוי שולץ, ווען זי רעדט וועגן אים און בייגט זיך לייכט אָן, ווערט איר דאַרער, הויכער קערפּער מיטן קליינעם, איינגעשרומפּענעם קעפּל ענ־לעך צו משה רבנוס שטעקן אויף אַ בילדל פון דער הגדה. זי, די שולץ, איז אַ פּאַרזעסענע פריילין פון אַ יאָר 55. זי וווינט צוזאַמען מיט איר שוועסטערן־זון, וועלכן זי האָט פון ערשטן לעבנס־טאָג דערצויגן, ווייל זיין מוטער — איר שוועסטער, איז, ביים געבוירן אים, געשטאָרבן.

דער פּלימעניק, ערווין, אַ 19־יעריקער, בלאַסער, לונגען־קראַנקער בחור, האָט זיך, אונטערן שטאַרקן דרוק פון דער האַלב־דייטשישער משפּחה, דער־קלערט אַלס „פאָלקסדויטש". זיין מומע, די שולץ, איז פון דעם שטאַרק צופרידן, כאָטש זי אַליין האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון איר פּויליש־שער אָנגעהעריקייט. פּרנסה שאַפט די שולץ פון באַקן קוכנס און קיכלעך, וואָס זי פאַרקויפט אין די געשעפטן. ערווין אַלס „פאָלקסדויטש" האָט ספּע־ציעלע רעכט און גרויסע „שפּייז־צוטיילונגען".

די שולצין איז אַן אָפטער גאַסט ביי קאַזיאַן און מיט מיר האָט זי זיך זייער באַפריינדעט. איך האָב אַ פאַרגעפיל, אַז מיין גורל וועט זיך פאַר־בינדן מיט יעדן פון זיי, אַז מיין לעבן וועט ליגן אין זייערע הענט און איך דאַרף זיין פאַרזיכטיק, ווי אויף אַ שמאָלן ראַנד פון אָפּגרונט.

אויך מיטן פּאַרפּאָלק בוטקאָווסקי האָב איך זיך באַפריינדעט. זייער דירה גרענעצט זיך מיט אונדזער קיך־וואַנט. מיט אַ יאָר צוריק האָבן זיי חתונה געהאַט און וואַרטן אָפּ אין די נאָענטסטע טעג אַ יורש. זי איז אַלט דרייסיק יאָר, ער — צוויי־און־פערציק, זייער צוזאַמענלעבן איז אַ מוס־טערדיקס.ביידע געהערן צו אַ רעליגיעזער סעקטע אונטערן נאָמען „עוואַנ־געלישע קריסטן". די לאָזונג פון דער סעקטע איז „ליבשאַפט צו מענטשן". זיי גלייבן נאָר אין גאָט און אין קריסטוסן, פון דער הייליקער מוטער האַלטן זיי נישט. יעדער מיטגליד פון דער סעקטע מוז זיין דורכויס ערלעך, מוז יעדן טאָג טון עפּעס גוטס, לייענען די ביבל, דאַרף זיך קיין מאָל נישט אויפרעגן, נאָר רעדן שטיל, זיין באַשיידן, העלפן אַ געפאַלענעם, נישט באַנוצן זיך מיט קיין שום געווער און יעדן זונטיק, אויף דער „אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג" (אַזאַ מין גאָטסדינסט), זיך מתוודה זיין פון די באַגאַנגענע זינד. די בוטקאָווסקאַ ווייסט, אַז איך „געהער" צו דער רוימיש־קאַטוילי־שער קירך, וויל זי מיך אַריבערציען צו זייער סעקטע. זי האָט מיך פאַר־בעטן אויף זונטיק צו דער תפילה.

ער, בוטקאָווסקי, איז פון באַרוף אַ סטאָליער און פירט אָן מיט אַן אָפּ־טיילונג פון אַ סטאָליער־שאָפּ אין געטאָ, ווו אונטער זיין אויפזיכט אַרבעטן פופציק יידן.

זונטיק האָבן די בוטקאָווסקיס געוואָלט מיך מיטנעמען, אָבער ישראל איז גראָד געקומען און איך האָב דאָס אויסגענוצט אַלס תירוץ, כדי נישט צו גיין מיט זיי. עס האָט זיך פאַרבונדן אַ געשפרעך וועגן יידן. בוטקאָוו־סקי האָט דערציילט רואיק, אָן פאַסיע, וואָס עס טוט זיך אין געטאָ און אָט וואָס מיר האָבן געהערט:

„אין יאַנואַר, נאָך הימלערס וויזיט אין וואַרשע, איז פאָרגעקומען אַן אַקציע, וואָס האָט ווידער איינגעשלונגען אַ צוואַנציק טויזנט יידן. טייל גרופּן האָבן זיך געפּרוווט קעגנשטעלן און אויף זאַמענהאָף־גאַס האָט זיך צעפלאַקערט אַ פאָרמעלע שלאַכט. די דייטשן האָבן זיך אויף דעם נישט געריכט און זענען אַנטלאָפן. אויף צומאָרגנס האָבן זיך די באַרבאַרן נוקם געווען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן. זיי האָבן צעריסן קינדער פאַר די אויגן פון די עלטערן, די גאַסן זענען געווען באַדעקט מיט טויטע. ביי אים אין ווערקשטאַט האָבן זיך אויסבאַהאַלטן מאַסן יידן. אָבער כמעט אַלע „נישט גוצלעכע" האָבן די דייטשן אויפן אָרט דערשאָסן. „עס איז צוליב דער פּאַניק אומגעקומען אַ טייל פון „מיינע" יידן — פּינטלט בוטקאָווסקי מיטן אויג — אָבער דער קאָנטינגענט האָט זיך דעם זעלבן טאָג אויסגעגלייכט. כ'האָב אין פאַבריק מער דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און סוחרים, ווי סטאָ־ליערס. זיי האָבן אונטער דער פּאַדלאָגע געמאַכט אַ בונקער און באַהאַלטן דאָרט אויס די רעשטלעך פון זייערע משפחות, אַפילו דריי קינדער געפינען זיך דאָרטן".

נאָך אַ רגע שטילשווייגן דערציילט בוטקאָווסקי ווייטער:

„מיט איינעם אַ דאָקטער פון וויז. אַן איידעם פונעם רייכן וואַרשע־ווער קאָלעקטאָר לאַנדוי, האָב איך זיך באַפריינדעט ; אַ זייער אָרנטלעכער מענטש. זיין פרוי איז אַ שיינהייט, וואָס מען באַגעגנט גאַנץ זעלטן אין לעבן. זיי האָבן אַ סך גאָלד און חפצים. דער דאָקטער האָט מיר פאָרגע־שלאָגן, כ'זאָל אַ טייל פון זיין פאַרמעגן איבערטראָגן צו מיר, אפשר וועט אים געלינגען אַרויסצובאַקומען זיך מיטן ווייב פון געטאָ, וואָלטן זיי גע־האַט פון וואָס צו לעבן. אָבער ביז איצט האָב איך זיך נישט דעצידירט דאָס צו טון. וואָס איך נעם יאָ יעדן טאָג מיט זיך מיט, איז אַ פּאָר ביכער פון זיין רייכער ביבליאָטעק. די לעדער פון די בענדער איז פראַכטפול, אַ שאָד עס זאָל גיין לאיבוד. אין דער לעצטער סעלעקציע האָבן די עס־עס־לייט אָפּגעטון מיט די יידן מוראדיקע זאַכן. ווען איך זע עס נישט מיט

מיינע אייגענע אויגן, וואָלט איך נישט געגלייבט, אַז מענטשן קענען זיין אַזוי אכזריותדיק, אַזוי סאַדיסטיש!"

„אייגנטלעך" — מישט זיך אַריין די בוטקאָווסקאַ — „זענען מיר, פּאָלאַקן, צופרידן פון דעם, וואָס מען באַפרייט אונדז פון די יידן, אָבער דער אופן פון אומברענגען און פאַרניכטן זיי איז אַ צו ברוטאַלער. לויט מיין מיינונג, האָט מען זיי געדאַרפט אַרויסשיקן ערגעץ אויף אַ וויסטן אינדזל, זיי זאָלן זיך אַליין איינער דעם צווייטן אויפפרעסן".

5.

די בוטקאָווסקאַ האָט נעכטן, אין אַ פּרויען־שפּיטאָל, געבוירן אַ טאָכטער. קאַזיאַ ריכט זיך אויף איר קינד אין יוני. איך בעט ביי גאָט, אַז מיינס זאָל בלייבן אין מיר ביז צו דער באַפרייאונג. איך בין אַזוי שטאַרק מקנא די גויעס מיט זייער רו, זיכערקייט און רעכט צו אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן, אַז די קנאה פאַרסמט מיך פשוט. ווו וועט מיר אויסקומען צו האָבן מיין קינד? אמת, קאַזיאַ ווייסט שוין, אַז איך בין שוואַנגער און באַציט זיך צו מיר מוטערלעך און וואַרעם, אָבער וועט זי מיך דען וועלן האַלטן ביי זיך מיט אַ קינד? אפשר וועט עס וויינען ביינאַכט און שטערן אַלעמען דעם שלאָף? וואָס וועט דעמאָלט זיין?

— —

די פּאָלאַקן שמועסן, אַז הימלער, באַזוכנדיק די וואַרשעווער געסטאַפּאָ, האָט איבערגעלאָזט אַ באַפעל אין גאַנצן צו ליקווידירן דאָס געטאָ. בוטקאָווסקי איז אומעטיק; ער שרעקט זיך, אַז דעם שאָפּ, ווו ער האָט זיין אָפּטיילונג, וועט מען איבערטראָגן קיין טראַווניק, אָדער פּאָניאַטאָוו און דעמאָלט וועט ער פאַרלירן זיין פּאָסטן. ער טרייסט זיך דערמיט, וואָס די יידן ווילן זיך נישט פרייוויליק רעגיסטרירן צום אָפּפאָר.

בוטקאָווסקי דערציילט, אַז ווען די דייטשן האָבן צוגעגרייט די עוואַקואַציע פון האַלמאַנס סטאָליער־שאָפּ, האָבן אומבאַקאַנטע הענט אונטערגעצונדן די געביידע. דער דייטשער היזק איז אַ קאָלאָסאַלער. עס טראָגן זיך ידיעות, אַז דאָס איז אַ דיווערסיע־אַקט פון פאַראַשוטיסטן, אָבער בוטקאָווסקי גלייבט, אַז יידן אַליין האָבן דאָס געטון. וועגן דער נקמה פון דייטשן לגבי די יידן וויל בוטקאָווסקי מער נישט דערציילן. זיינע אויסבלאַקירטע אויגן פאַרציען זיך מיט אַ שאָטן און ער זאָגט שטיל: „גאָטס האַנט שטראָפט שווער, זיי האָבן זיך, ווייזט אויס, שטאַרק פאַרזינדיקט, די יידן!"

פאַר וואָס העלף איך מיט גאָרנישט מיינע אומגליקלעכע ברידער? פאַר וואָס אַנטלויף איך, ווען עס קומט מיר אומגעריכט אַנטקעגן אַן אָרבעט־קאָלומנע פון אויסגעמאַטערטע, האַלב־טויטע מענטשן־סקעלעטן, אָרומ־

געראנגלטע מיט דייטשן? איך וויל נישט הערן די שיסערייען פון געטאָ, איך וויל נישט אַנטלויפן דעם איבערגעריסענעם קאָנטאַקט מיט וויצקאַן, איך דריי אויס דעם קאָפּ, ווען כ'באַגעגן יידישע אויגן אין טראַמוויי, אָדער אויף דער גאַס. איך אַנטלויף פון זיך אַליין, קעמף טאָג נאָך טאָג מיטן אומרו, וואָס קאָן מיך אומברענגען און ווען עס געלינגט מיר, ווער איך ביי זיך אומווערדיק, שפלדיק און קלענער פון אַ שטויבעלע.

— —

„וואָס טוען מיר אויף פאַר אַנדערע יידן מיט אונדזער „פרייהייט"? — האָב איך איין מאָל געפרעגט אסתרן — אויב מיר וועלן איבערלעבן און עס וועט אונדז עמעצער שטעלן די דאָזיקע פראַגע, מיט וואָס וועלן מיר זי פאַרענטפערן?"

אסתר צינדט זיך אָן אַ דערצאָרנטע:

„מיר וועט מען שטעלן אַזאַ פראַגע? ווער?! אפשר די אַלע, וואָס זענען באמת פריי און קוקן זיך גלייכגילטיק צו צום אומקום פון אונדזער פאָלק? זאָל עמעץ וואַגן מיך דאָס צו פרעגן! מיין תשובה וועט זיין אַ פראַסטע: איך האָב מיך געראַטעוועט, פאַרשטייסט? איך האָב זיך געראַטעוועט און געקעמפט פאַר מיין לעבן, פאַר יידישע שעהן לעבן. איז דאָס נאָך אַ קליינע אויפגאַבע דאָ, צווישן אַזוי פיל שונאים? איז דאָס נישט די גרעסטע העלדישקייט אַרויסצוראַטעווען זיך פון אַזאַ גיהנום? יעדער איבערגעלעבטער טאָג איז אַ הערא־שער אַקט. זאָל זיך ווער דערוואַגן מיר צו שטעלן אַזאַ „דערהויבענע" פראַגע, איך וועל אים אַ שפיי טון אין פרצוף. מיר, דיר, יעדן ייד באַזונדער דאַרפן די אומבאַדראָטע קומען צו הילף! טוט דאָס עמעצער פון זיי? ניין! אויף דער גאַס, ווען כ'טרעף זיך מיט דייטשן, האָב איך פאַר זיי וויניקער מורא, ווי פאַר פּאָלאַקן. די דייטשן דערקענען מיך נישט, אָבער די פּאָלאַקן — פאַר זיי ציטער איך; זיי דער־קענען אונדז אין די אויגן. זיי ווייזן אויף אונדז אָן, זיי גיבן אויס די באַהעלטענישן, זיי ווילן אונדז אויסראָטן און זיי וועט מען אַוודאי נישט פרעגן, מיט וואָס זיי האָבן געהאָלפן די יידן. נאָר מיך וועט מען פרעגן? ווער?!!"

אסתרס רייד האָבן אין זיך אַ סך אמת, דאָך עגבערט אין מיר אַן אומ־צופרידנקייט פון נישט דערפילטע פליכטן און איך ווייס נישט, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון דעם געפיל.

— * —

די געסטאַפּאָ־לייט האָבן פון אַ יתומים־אַנשטאַלט אויף זשאָליבאָזש, וווּ עס אַרבעט טערעסאַ, אַרויסגעפירט פיר יידישע יינגלעך און דריי מייד־לעך, אַלע אין עלטער פון 6 ביז 10 יאָר און זיי דערשאָסן אויפן הויף.

קיינער פון פּערסאָנאַל האָט נישט געליטן. די מסירה איז, ווייזט אויס, געווען פון אינעווייניק (מעגלעך, אַז פון דער אָנפירערשאַפט אַליין), ווייל אויב עס וואָלט געקומען פון דרויסן, וואָלטן די דייטשן דערשאָסן אויך די „שולדיקע" אינעם אויסבאַהאַלטן יידן.

— * —

אויפן פּלאַץ „טשעך קזשיזשי", ביי דעם קאָשטשאָל, איז געזעסן אַן אויסגעמאָגערט יידיש יינגעלע, אַן אַרויסגעוואָרפנס פון אַ פּוילישער משפחה, ווו די עלטערן האָבן עס געהאַט איבערגעלאָזט. דאָס קינד איז געזעסן איינגעשרומפן און צעשראָקן. אַרום דעם קינד האָט זיך פאַרזאַמלט אַ כאָפּטע נייגעריקע און „גלייביקע". אַ שייגעץ האָט געבראַנגט צו פירן אַ הויכן, דאַרן דייטש מיט אַ „טויטן־קעפּל" אויפן היטל. זיין מוראדיק קול האָט באַפוילן דעם קינד אויפצושטיין און פאַר אַלעמענס אויגן האָט דער דייטש אויפגעהויבן אויף דער גאַס די קאַנאַליזאַציע־פּלאַטע און מיטן פיס אַריינגעשטופּט דאָס יינגעלע אינעווייניק. דאָס קינד האָט זיך מיט איין הענטל אָנגעכאַפּט אינעם ראַנד פון אַספאַלט און אַזוי הענגענדיק מיטן קעפּל איבערן אָפּגרונט, יאָמערלעך געשריגן. דער דייטש האָט אויפן הענטל אַרויפגעשטעלט זיין שווערן שטיוול. דאָס קינד איז פון יסורים פאַרחלשט געוואָרן. ווען דער דייטש האָט אַוועקגענומען זיין פוס, האָט אַ שטילער פּליושק פאַרשלונגען דעם קינדס לעצטן קרעכץ. אויפן אַספאַלט איז געבליבן אַ בלוטיקער פלעק פונעם צעטראָטענעם הענטל. עמעצער האָט צוריק פאַרדעקט דאָס לאָך מיט דער פּלאַטע.

וועגן דעם אַלעם דערוויס איך זיך פון שכנים, באַקאַנטע, אָדער צופעליק אונטערגעהערטע געשפּרעכן.

—*—

שבת,דעם 13־טן מערץ, האָט אין געטאָ אויף דער מילע גאַס אַ יידישער אַרבעטער געשאָסן צו אַ דייטשישן ווערקשוץ און אים פאַרוווּנדעט. צווישן די יידן, דאָרט, איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק. באַלד זענען אַריין אין געטאָ לאַסט־אויטאָס מיט זשאַנדאַרמעריע. יאָמערלעכע קולות, אויסגעמישט מיט שיסערייען, האָבן אָנגעפולט די לופט אויך אויף די שכנותדיקע אַרישע גאַסן. דורכן קאַנאַל אויף דלוגע האָבן זיך אַרויסבאַקומען עטלעכע יידן, אַנטלאָפענע פאַרן טויט. פּאָלאַקן האָבן זיי געכאַפּט, באַרויבט און אונטער קלעפּ געפירט אין קאָמיסאַריאַט אַריין. פון געטאָ האָט מען געהערט כסדרדיקע גראַנאַטן־אויפרייסן און מענטשלעכע געוואַלדן. אַ גרופּע פּוילישע קינדער האָט שפּאָטיש נאָכגעמאַכט דעם יידישן יאָמער.

*

בוטקאָווסקי איז דריי טעג נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. ער איז איצט דער איינציקער, פון וועמען כ'באַקום קאָרגע ידיעות, וואָס עס טוט זיך אין געטאָ. ער דערציילט וועגן אַ יידישער אָרגאַניזאַציע „זשאָב" (זשי־דאָווסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ — יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע) און וועגן אַנדערע נקמה־נעמערס, וואָס הרגענען אויס די יידישע געסטאַפּאָ־מיטהעל־פער. ער דערציילט, אַז מען האָט אים צוגעזאָגט צו צאָלן יעדן פּרייז פאַר געווער וואָס ער וועט אַריינברענגען אין געטאָ. לויט בוטקאָווסקיס מיינונג, גרייטן זיך די יידן צו אַן אויפשטאַנד. געווער, אַמוניציע און לעבנסמיטל שטראָמט אין געטאָ אַריין דורך קאַנאַלן, דורך טונעלן אונטער די גאַסן און ביי די מויערן נעבן פּלאַץ פּאַריסאָווסקי. „אַ געוויסע צאָל פּאָלאַקן, שמוגלערס" — זאָגט בוטקאָווסקי איראָניש — „ווערן איבער נאַכט רייך און דערפאַר זענען דאָ אַזוי פיל שיכורים, צוליב דעם זענען די קנייפּעס און מעלינעס איבערפולט מיט פאַרברעכער; דאָס געטאָ איז דער מקור פון דעמאָראַליזאַציע, וואָס קאָן ביי אַ סך פּאָלאַקן בלייבן בירושה, אויב דאָס וועט נאָך לענגער אָנהאַלטן"...

6.

זונטיק. יוזעף מאָלט רויט רינדערן־פלייש אויף קאָטלעטן. ער טוט אַריין אַ ציבעלע, אַ שטיקל ברויט, טוט צו זאַלץ, פעפעריקע און מישט אויס אַלץ צוזאַמען. דערנאָך מאַכט ער קאָטלעטן און אַזוי, רויערהייט, עסן זיי עס אַלע פיר מיט ברויט. „פּאַ טאַטאַרסקו" — מליאַסקעט יוזעף מיט דער צונג.

— אַ שאָד, וואָס דו עסט נישט, פּרוי העלענאַ, עס איז זייער געזונט. נעם אַ קאָטלעט — רוקט ער מיר צו די פולע שיסל.

בלויז דאָס קוקן אויף דעם פלייש דערוועקט אין מיר אַן עקל.

— אין מיין איצטיקן צושטאַנד בין איך קאַפּריזנע — ענטפער איך מיט אַ שמייכל.

— אַריסטאָקראַטקעס און יידישקעס האָבן שטענדיק קאַפּריזן — לאַכט יוזעף איראָניש — איך געדענק, ווי צו מיין מוטער, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, איז געקומען צו לויפן אַן עלטערע יידישקע און האָט גע־בעטן, מען זאָל איר געבן צוויי אָפּגעקאָכטע אַרבעס, ווייל איר שוואַנגערע טאָכטער האָט מיך געזען עסן געזאָטענע אַרבעטס מיט פלייש און עס האָט איר פאַרשמעקט. איך האָב געזען — דערציילט יוזעף מיט אַ פול אָנגע־פּאַקט מויל — ווי זי האָט מיט אַ שמוציקן פינגער אויסגעקראַצט פון טאָפּ־דנאָ אַן אַרבעס און האָט זיך פאַרעגטפערט, אַז אויב אַ שוואַנגערע פרוי באַקומט נישט דאָס, וואָס עס שמעקט איר אָן, וויל דאָס ניי־געבוירענע

קינד נישט זייגן. אַ מאָדנע פאָלק — האָט ער, געמענדיק נאָך אַ קאָטלעט, פאַרענדיקט זיין דערציילונג.

— ווער, — פרעג איך אַ באַליידיקטע — די אַריסטאָקראַטקעס, אָדער יידישקעס ?

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין באַליידיקט פונעם פאַרגלייכן מיין בלוי־אַריסטאָקראַטיש בלוט מיטן שוואַרצן, אומוווערדיקן, יידישן, און ער האָט געפרווווט מיך איבערבעטן. עס איז מיר אַדורך אַ געדאַנק, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר צו זאָגן עפעס לעכערלעכעס אויפן חשבון פון די יידן, כדי נאָך שטאַרקער אונטערצושטרייכן מיין פוילישקייט, אָבער די צונג בלייבט שטייף און איך פאַרשעם זיך שרעקלעך. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט אַ טראַכט טון דערפון, אויב יעדער טראָפּן בלוט אין מיר איז יידיש, אויב יעדעס קעמערל־געוועב איז צוזאַמענגעפלאָכטן מיט דער בלוטיקער מאַטעריע פון מיין מאַמע און כ׳ווייס, אַז כ׳וועל זיך קיין מאָל נישט קאָנען באַפרייען פון אָט דעם שותפות.

מיין געדעמפטע שטים טאָרעוועט זיך אַ וועג און קומט אַרויס אַ פּאַר־חלשטע, אַ צאַפּלדיקע: „איך שעם זיך גאַנץ אָפט, פּאַניע פּלאָשקאָ, אַז איך העלף נישט די געפּלאָגטע יידן, העלף נישט מיט גאָרנישט. איך קוק גלײַכגילטיק אויף דער אוממענטשלעכער שחיטה און לייג רואיק לאַטעס אויף אייער וועש, ווי דאָס וואָלט געווען חשובער פון אַ מענטשלעך לעבן. זיי זענען דאָך מענטשן, ווי מיר. אָט די יידישע מאַמע, וואָס האָט אויס־געקראַצט אַן אַרבעס פון טעפּל, האָט ליב געהאַט איר טאָכטער, ווי דו האָסט ליב גיגאַן. די דייטשן האָבן די יידישע מאַמע, איר טאָכטער און אַפילו אירע אייניקלעך, דערמאָרדעט. די אייניקלעך, פאַר וועלכע זי איז געלאָפן בעטן אַן אַרבעס, כדי זיי זאָלן זייגן...".

— אָהאָ, — מישט זיך אַריין קאַזיאַ — זיי פּאַטשן זיך איצט אין הינטן אַריין, די יידן, פאַר וואָס זיי האָבן מל געווען זייערע יינגלעך. נעכטן, ווען איך בין צוריקגעגאַנגען פון דיר, יוזיו, האָט אויפן טראָטואַר געשפּרייזט אַ בלאָנדער בחור. איך וואָלט געשווירן, אַז ער איז אַ פּאָלאַק. נאָך אים זענען געגאַנגען צוויי „לאָבוזשאַקעס" (לאָבוסלעך) און גערופן: „זשידקו, ווודקי דאַי (יידל, גיב בראָנפן). צופעליק איז אָנגעקומען אַ דייטש און די לאָבוסעס האָבן אָנגעוויזן אויפן בחור, שרייענדיק: „יודע, יודע". פון אַלע זייטן זענען זיך גלייך צונויפגעלאָפן מענטשן. דער דייטש האָט מיטן פינגער געוויזן דעם בחור, ער זאָל אַריין אין טויער, דאָרט האָט ער אים געהייסן אַראָפּלאָזן די הויזן און באַלד האָט זיך דערהערט אַ קנאַל. ער האָט אים צעזעצט דעם קאָפּ מיט איין שאָס. דאָס יינגל האָט אַפילו נישט

באַוויזן צוריק אַרויפצוציען די הויזן. אוי, זענען באַבעס געלאָפּן קוקן, ווי אַזוי עס זעט אויס אַ ייד!

— האָסטו אויך געשטילט דיין טשיקאַווקייט? — פרעג איך איראָניש.

— אָ, איך בין שוין נישט נייגעריק! ביי אונדז אין שכנות האָט געוווינט אַ יידישער שניידער מיט אַ קופּע קינדער. אָפט מאָל איז דאָס קליינוואַרג זומער־צייט אַרויסגעלאָפן אין קורצע העמדלעך, בררר, עס האָט אַזש געעקלט צו קוקן אויף דער פאַרקריפּלונג פון דער נאַטור!

איך דערמאָן זיך אין אַ בילדל פון מיינע קינדער־יאָרן: דער מומע בושעס דינסטמיידל האָט געוויזן אונדזער משרתטע דעם גויישן שכנס יינגל, וואָס איז אַרומגעלאָפן נאַקעט: „בררר, בררר, ווי מגושמדיק עס זעט אויס אַ נישט געמלעט קינד!" — האָבן זיי ביידע געחוזקט.

שווייגנדיק נעם איך אַראָפּ פון טיש און וואַש אָפּ די כלים.

7.

ביים אָוועקרוימען די צעוואָרפענע קינדערישע שפּילצייג איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט אַ הילצערן קעסטל מיט אַ רויט־ווייסן ביינערנעם שאָך.

— שפּילט עמעץ פון אייך? — האָב איך געפרעגט מיין בעל־הבית.

— ניין, — האָט ער איראָניש געענטפערט — דאָס איז אַ „יידישע קאָמבינאַציע".

— פון וואַנען זשע קומט עס צו אייך? — ווייז איך אויפן קעסטל.

— ווען מען האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון אונדזער קוואַרטאַל, האָבן די קינדער צוזאַמענגעשלעפּט אַלערליי קלייניקייטן, דערונטער אויך דעם שאָך.

— אַ שאָד, וואָס דו שפּילסט נישט — זאָג איך און באַקוק די פיגורן מיטן באַגער צו געפינען אַ שפּור פון זייער פריערדיקן אייגנטימער.

— און דו שפּילסט, פרוי העלענאַ?

אַן איינערלעכע שטים הייסט מיך זאָגן „ניין", אָבער איך גיב אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יאָ":

— דאָס שפּילן שאָך איז נישט בלויז אַ יידישע קאָמבינאַציע. — ענטפער איך — אויך אַריסטאָקראַטן באַזיצן די קענטעניש. מיין פאָטער האָט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט געפלעגט שפּילן מיטן עקאָנאָם אין שאָך און איך האָב זיך דעמאָלט אויסגעלערנט די „קאָמבינאַציע".

— איך זע, פרוי העלענאַ, אַז דו קאָנסט מיר נישט מוחל זיין מיין נאַריש פאַרגלייכן אַריסטאָקראַטקעס מיט יידישקעס. גלייב מיר, איך בין גאָרנישט אויסן געווען און איך בעט ביי דיר אַנטשולדיקונג. וואָלסטו

חשק געהאַט צו געבן מיר אַ לעקציע שאָך? דאַרף דאָס לאַנג געדויערן, ביז מען לערנט זיך אויס?

— דאָס איז אָפּהענגיק פון דעם שילערס פעאיקייטן.

— מיר וועלן פּרובירן.

יוזעף באַהערשט שנעל די חכמה פון די גענג און איז זייער שטאָלץ דערפון. אויך קאַזיאַ באַוואונדערט איר מאַן. זי, כאָטש איך גיב איר צו פאַרשטיין די ראָלע פון יעדער פיגור, קאָן גאָרנישט תופס זיין.

זונטיק האָב איך פריי און קאַזיאַ טוט אַלץ אַליין. ישראל קומט אַרום 12 אַזייגער און בלייבט ביז מאָנטיק אין דער פרי. אַ גאַנצן פאַרמיטאָג שפּיל איך מיט יוזעפן אין שאָך. די קינדער לויפן אַרום אין דרויסן. מיר רייכערן, שפּילן און וואַרפן פון צייט צו צייט אַ באַמערקונג.

— איך באַוואונדער דיינע פעאיקייטן, הער פלאָשקאָ, האָסט געמאַכט אַ וואונדערבאַרן גאַנג.

— אַזאַ יאָר אויף אַלע יידן! — פאַלט אָן ענטפער.

— פאַר וואָס האָסטו זיי אַזוי שטאַרק פיינד, האָבן זיי דיך באַעוולעט?

— מיך?! איך וואָלט מיך געלאָזט באַעוולען? פאַר וואָס איך האָב זיי פיינד? איך ווייס אַליין נישט, אָט פשוט פון געוווינהייט האָס איך זיי. און אַ חוש הריח האָב איך! — ווייזט ער מיטן פינגער אויף דער נאָז — דורך די צענטע וואַנט דערשמעק איך אַ ייד.

— און דערקענענדיק, גיסטו אים אויס?

— דיין גאַנג, פּרוי מאַלאַרסקאַ — מיידט ער אויס אָן ענטפער.

— האָסטו שוין בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע אויסגעגעבן אַ ייד? — האַלט איך אָן.

— ביז איצט נאָך נישט — לאָזט ער אַרויס אַ קנויל רויך.

— צי דערפאַר, ווייל דו האָסט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט, אָדער שרעקסטו זיך פאַר יענער וועלט?

— איך בין נישט פרום, — גיט ער אַ שמייכל — אַ געלעגנהייט וואָלט זיך אויך געפינען, אָבער מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף די דייטשן; מיין אַמאָליקן פּאַך אַלס געהיים־אַגענט באַניי איך נישט דערווייל. און אויב כ׳וויל עפּעס אויסניוצן, דערשנאַפּ איך עס סיי ווי סיי.

— און דאָך איז דיר נישט געלונגען צו געפינען די שפּורן פון גאָט — איראָניזיר איך.

— ווען ער וואָלט געווען, וואָלט איך אים דערטאַפּט — ענטפערט ער ווילעריש.

כ׳בלייב אַ רגע שטיל און עס דערמאָנען זיך מיר דעם זיידנס ווער־טער: „אויב מען פאָרט מיט אַ גויישן בעל־עגלה, וואָס נעמט נישט אַראָפּ

דאָס היטל פאַר אַ צלם, דאַרף מען אפילו אין מיטן וועג איבעררייסן די נסיעה, ווייל ס'איז אַ סכנה מיט אַזאַ גוי צו פאָרן". איך אָבער — האָב נישט קיין ברירה און מוז פאָרן ווייטער.

— טאַטושו, טאַטושו, — פאַלט אַריין רישעק אַ צעהיצטער — גיגאַ האָט מיך אָפּגענאַרט, האָב איך זי אָנגערופן „זשידוווע" (יידישקע) און „סאַלטשע", וויל זי מיך שלאָגן. זאָג, בין איך גערעכט געווען, אָדער נישט?

— ביסט גערעכט געווען, רישו, זאָל זי נישט אָפּנאַרן, אויב זי איז נישט קיין יידישקע.

דאָס קינד לויפט אַרויס אַ צופרידנס און איך דערוואָג זיך צו פרעגן יוזעפן: „מיינסטו, אַז דיין ענטפער רישעקן איז געווען אַ ריכטיקער? צי פאַרפלאַנצסטו נישט, אַנשטאָט ליבשאַפט, שנאה אין דיין קינדס האַרץ?

— דו האָסט קאָמוניסטישע באַגריפן, פרוי העלענאַ — ענטפערט יוזעף האַרב — ווילסט אפשר קאָנקורירן מיט יעזוסן? ביסט געבוירן געוואָרן אין אַ נישט ריכטיקער צייט, מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צו שפּעט.

איך ווער אַ ביסל דעטאָנירט, אָבער כ'פאַרליר זיך נישט. מען מוז זיין רואיק, באַהערשט און זיכער. בין איך דען נישט אַ גויע? און דערצו אַן אויפריכטיקע, אמתע גויע, טאָ פאַר וואָס זשע נישט אַרויסזאָגן דאָס, אויף וואָס עס קאָן זיך דערלויבן יעדע פּאָלקע? און נאָך אַ קורצער רגע זאָג איך טאַקע:

— איך האָב בלויז מענטשלעכע באַגריפן, פּאַניע פלאָשקאָ. אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר, אַז ס'וואָלט אונדז צו נוץ געקומען אַ צווייטער מבול, וואָס זאָל אָפּוואַשן די שנאה צווישן פעלקער.

— און נאָך דעם צווייטן מבול, וואָלט מען געבעטן אויף אַ דריטן. פאַנטאַזיר נישט, פרוי העלענאַ, דער שטאַרקער וועט אייביק זיגן און דער שוואַכער וועט זוכן גערעכטיקייט. אָבער קוים באַפרייט זיך דער שוואַ־כערער פון אונטער דעם שטאַרקנס שטיוול, שוין זוכט ער אַ קאַרק, אויף וועלכן ער זאָל קאָנען אַרויפשטעלן זיין אייגענעם פוס. ווען די יידן וואָלטן געהאַט כוח, וואָלטן זיי מיט אונדז געטון דאָס זעלבע, וואָס מען טוט מיט זיי. אויב היטלער וועט זיגן, וועלן זיך צו אים בוקן אַלע פעלקער. אויב אַמעריקע מיט רוסלאַנד וועלן זיגן, צי וועלן זיי עס דערגרייכן דורך פלאַנצן ליבשאַפט און יושר, אָדער מיט דער הילף פון באָמבעס און האַר־מאַטן?

— ווי קאָנסטו פאַרגלייכן די אַמעריקאַנער און רוסן צו די דייטשן? באַנוצן זיי זיך אויך מיט גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס?

— די דייטשן פאַרניכטן דאָך נאָר יידן און ציגיינער — באַרעכטיקט זיי יוזעף.

— און מיט רוסישע געפאַנגענע טוען זיי נישט דאָס זעלבע?

— איך ווייס נישט, וואָס עס טוט זיך ביי אַנדערע פעלקער הינטער די קוליסן, אָבער כ׳בין זיכער, אַז אַלע האָבן פיינד די יידן און ביי אַ גע־לעגנהייט וואָלטן זיי געטאָן דאָס זעלבע וואָס היטלער.

— אויב דאָס זאָל זיין אמת, — רייס איך אים איבער — איז אַ סימן, אַז די וועלט זינקט וואָס אַ מאָל טיפער און אַלץ וואָס איז דערהויבן, שיין און איידל, ווערט אונדז וואָס אַ מאָל פרעמדער און ווייטער.

— פרוי העלענאַ, — ווערט ער ערנסט — ווען מ׳וויל דאָס גוטע פאַרן פאָטערלאַנד, פאַרן פאָלק, קאָן מען זיך נישט רעכענען דערמיט, וואָס עס וועלן פאַרשווינדן אַ פאָר מיליאָן יידן, וועלכע, אמת זאָגנדיק, האָבן אונדז געברענגט שאָדן אויף טריט און שריט — דאָס ווויל פונעם פאָטערלאַנד איז דער העכסטער ציל.

— עס איז פאַראַן עפּעס דערהויבענערס — ענטפער איך טויב.

— אָ, אַ נייע אידייע? כ׳בין נייגעריק צו וויסן, ווי אַזוי זי הייסט! — חוזקט יוזעף.

— דאָס געוויסן. דאָס מענטשלעכע און אַלוועלטלעכע געוויסן; דאָס האָט, אין מיין באַגריף, דעם העכסטן ווערט — זאָג איך מוטיק.

יוזעף לאַכט מיט אַ הייזעריק געלעכטער. איך הער נישט, וואָס ער רעדט. עס טויכט פלוצעם אויף פאַר מיר מיין לעצטער טאָג אין געטאָ, ווו איך מיט ישראלן האָבן נאָך געפרווווט זוכן הילף אַפּצוראַטעווען אונ־דזער קליינטשיק מיידעלע און האָבן זיך געווענדעט צו אַ באַקאַנטן יידישן פּאָליציאַנט מיטן נאָמען פערלשטיין. ער האָט דעמאָלט געוווינט אויף דזשעלנע 9, ווו ס׳איז געווען קאַשאַרירט די יידישע מיליץ מיט זייערע משפחות. די פערלשטיינס האָבן שטאַרק ליב געהאַט תמרהלען און דער־הערנדיק, אַז מ׳האָט זי געכאַפּט צום טראַנספּאָרט, האָבן זיי פאַרבראַכן די הענט. פערלשטיין, וואָס איז גראָד געווען אין שטוב, האָט אויסגעטון דאָס פּאָליצייאישע היטל און צוזאַמען מיט זיינע דאַקומענטן דערלאַנגט ישראלן. „לויף שנעל צום אומשלאַג־פּלאַץ — האָט ער אויסגערופן — און מעלד ביים דיזשורנע אָפיציר, אַז דיין קינד געפינט זיך צווישן די איפּגעכאַפּטע יידן. איך בין זיכער, אַז דו וועסט תמרהלען צוריק באַקומען, ווייל די פּאָ־ליצייאישע משפחות זענען דאָך געשיצט און די וואַגאָנען זענען נאָך אויפן פּלאַץ, דער טראַנספּאָרט גייט ערשט אָפּ אין מיטן דער נאַכט!"

ישראל האָט מיט ציטערנדי־קע הענט געכאַפּט דאָס היטל, מיך האָט ער געהייסן וואַרטן ביי די פערלשטיינס און ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט דער פּאָליציאַנט געמאַכט אַ קליינע באַמערקונג: „כ׳האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן, ישראל, אַז אויפן וועג מוזסטו כאַפּן עמעצן, אַ דער־

וואַקסענעם, אָדער אַ קינד, וואָס זאָל פאַרטרעטן דאָס אָרט פון תמרהלען, ווייל די צאָל נפשות אין טראַנספּאָרט מוז שטימען".

ישראל איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. ס'האָט זיך געדאַכטן, אַז ער פאַרשטייט נישט מאָמענטאַל אין וואָס עס האַנדלט זיך. באַלד אָבער האָט ער אַראָפּגענומען דאָס פּאָליציייאישע היטל פון קאָפּ און צוזאַמען מיט די דאָקומענטן אָוועקגעלייגט אויפן טיש. „דאָס איינציקע קינד — האָב איך דערהערט זיינע דערשטיקטע ווערטער, — דאָס איינציקע קינד, וואָס איך האָב רעכט צו געבן אַלס קרבן, איז מיינס, נאָר מיינס!"

שווייגנדיקע זענען מיר ביידע אַרויס אין דעם שרעקעוודיקן דרויסן.

— דיין גאַנג, פרוי מאַלאַרסקאַ — גרילצט יוזעפס קול.

אויטאָמאַטיש רוק איך איבער אַ פענדל פון איין פעלד אויפן צווייטן. אַלע פיגורן טאַנצן פאַר מיינע אויגן.

דאָס גלעקל ביי דער טיר קלינגט. ישראל, אַ פיין־געקליידעטער, יום־טובדיקער, אַזאַ גויאישער, באַגריסט זיך ביי דער טיר מיט קאַזיאַן, קושנדיק איר האַנט. זי זשעניִרט זיך, ווערט רויט און בעט ישראלן צום טיש.

— שפּילסטו אויך שאַך? — פרעגט אים יוזעף.

— ניין, — ענטפערט ישראל, באַמערקנדיק מיין צייכן מיטן קאָפּ אויף „ניין".

— און אויף פּאָליטיק פאַרשטייסטו זיך, פּאַניע מאַלאַרסקי?

— אין וואָס גייט עס דיר, פּאַניע פּלאָשקאָ? — פרעגט ישראל באַשיידן און רואיק.

— איך קלער, אַז אויב די דייטשן וועלן פאַרשפּילן דעם קריג, וועלן די יידן מיט אונדז רעגירן.

— יידן? — וווּנדערט זיך ישראל — עס זענען דאָך שוין נישטאָ קיין יידן.

— אַהאַ! וועסט שוין זען. ווי די „קאַראַלוכעס" וועלן זיי אַרויסקריכן פון אַלע לעכער, פון אַלע שפּאַרעס, פון אונטער דער ערד און אונדז אויף ס'ניי פאַרפּלייצן. יעדן פּאָלאַק, וואָס העלפט אַ ייד איבערלעבן, וואָלט איך געהייסן אויפהענגען אין מיטן גאַס.

קאַזיאַ גרייט צום טיש און שטעלט אַרויף אַ פלאַש בראַנפן. איך העלף סערווירן. ישראל שמועסט מיט פּלאָשקאָן. עס דערגרייט צו מיר יוזעפס אַ זאַץ: „דיין פרוי, פּאַניע מאַלאַרסקי, האָט הומאַניטאַרע באַגריפן; ווייזט אויס, אַז דער אמת פון לעבן איז צו איר נאָך נישט דערגאַנגען". ווען מיר זיצןביים טיש דערציילט פּלאָשקאָ פון אַ פּראַגער פּאָלקע, זיינס אַ קונהטע, וואָס האָט אַריינגעכאַפּט פעסטע קלעפּ פון צוויי יונגעלייט, ווייל זי האָט זיך עפּנטלעך אַרויסגעזאָגט לטובת יידן.

ווען איך בלייב מיט ישראל אַליין, בייזערט ער זיך אויף מיר און וואַרפט מיר פאָר לייכטזיניקייט. איך ווייס, אַז ער איז גערעכט און זאָג אים צו צו זיין פאָרזיכטיקער. „אַמבעסטן מאַסקירט זיך אַ ייד" — האָט פּראַניאַ אַמאָל געזאָגט — „ווען ער רעדט אויס אַלדאָס בייז אויף יידן, ווען ער פרייט זיך פון זייער פאַרניכטונג און דערציילט וועגן זיי לעכער־לעכע מעשיות".

זאָשקאַ ווידער, האָט דערציילט וועגן אַ בלאָנדער, יונגער מויד, וואָס האָט אויפן פּראַגער הויפּטמאַרק פאַרקויפט „טשוכעס" (אַלטע זאַכן) און גערופן: „קויפט יידיש איבערבלייבעכץ, קויפט, אפשר וועט עמעצן גליקן צו געפינען אַן איינגענייטן אוצר!". און עס וואָלט איר מן הסתם געלונגען אַזוי איבערצולעבן, ווען נישט אַ הענדלערקע, וואָס האָט דאָס מיידל דער־קענט און אויפן קול אַ פרעג געטאָן: „גיטלאַ, אַזש פון כרוביעשאָוו ביסטו געקומען אַפּנאַרן אונדזערע וואַרשעווער?". „ברידער", — האָט די הענדלערקע אַ רוף געטאָן צום עולם — „ברידער, דאָס איז אַ יידישקע!"

באַלד איז דאָס בלאָנדע מיידל אַרומגערינגלט געוואָרן פון „אויפּכאַ־פּערס" און כאָטש זי האָט זיך געצלמט, געשווירן איבער יעזוסן, אַז זי איז אַ פּאָלקע — אָבער קיינער האָט איר נישט געגלייבט און מען האָט זי אַוועקגעפירט אין געסטאַפּאָ.

„פון וואַנען ביסטו זיכער, אַז דאָס איז געווען אַ יידישקע?" — האָב איך געפרעגט זאָשקאַן.

„מ'האָט שוין דערקענט, אַפילו אין דעם, וואָס זי האָט די סחורה איבער־געלאָזט אויף דער ערד און נישט געדענקט אין איר. אָ, אַן אונדזעריקע וואָלט קודם כל צוזאַמענגענומען די „טשוכעס", אַז פרעמדע זאָלן זי נישט ירשענען און זי, די יידישקע, האָט געוואָלט בלויז זיך ראַטעווען".

8.

אַנטקעגן איבער באַטשעקס טיר, אויפן ערשטן שטאָק, וווינט די פּיר־פּערזאָניקע משפחה זאַלעסקי: ער, אַ פּענסיאָנירטער פּולקאָווניק פון זעכציק יאָר, אַ קליינער, אויסגעדאַרטער, שטאַרק נערוועזער מאַן; זי — אַ פינף און דרייסיק־יעריקע, שלאַנקע, שיינע פרוי, מיט אַ סך איינרעדעניש און נישט ווייניקער חוצפה, זייער עלף־יעריק יינגעלע, אַ באַשיידנס, שטרענג־דערצויגנס און זאַלעסקיס אַ שוועסטער, אַ גרויע, אַלטע, פריילין.

קאַזיאַ דערציילט מיר, אַז די זאַלעסקיס שטאַמען פון פּלאָצק, ווו זיי האָבן מיט פופצן יאָר צוריק חתונה געהאַט. ער איז דעמאָלט געווען אין פּולן גלאַנץ, זי דאַקעגן — אַן אָרעמע סטודענטין. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט אים לשם קאַריערע. דאָס פאַמיליע־גליק האָט זיך

געענדיקט צוזאַמען מיט זיין דעמיסיאַנירן פון מיליטער. די שיינע ווילע, די שוואַרצע קאַטש מיט גרויע פערד, די דינערשאַפט, אַפּטע בעלער, עלעגאַנטע געזעלשאַפט, אַלץ איז פאַרשוווּנדן ווי אַ חלום. די אַנטוישטע זאַלעסקאַ האָט נישט געוואָלט לענגער בלייבן אין פּלאָצק און די משפּחה האָט אויסגעלאַנדעט אין וואַרשע, אין דער וווינונג פון זיין שוועסטער. ביז דעם מלחמה־אויסברוך האָט ער, אַלס געוועזענער פּאָלקאָווניק, נאָך באַקומען אַ באַשיידענעם חודש־לוין. איצט איז די הויפּט־פּרנסה־געבערין זיין שוועסטער, וואָס פילט זיך דערפאַר באַרעכטיקט צו שפּילן די ערשטע פידל אין שטוב און מישט זיך אַריין אַפילו ביים דערציִען דאָס קינד. איר אויפפירן זיך ברענגט צו אָפטע קריגערייען און מחלוקתן.

זאַלעסקאַ קומט זעלטן ווען אַראָפּ צו קאַזיאַן. אָבער ווען זי באַווייזט זיך יאָ אַ מאָל, צעשמעלצט זיך קאַזיאַ אין העפלעכקייטן. ווען זי איז דאָס לעצטע מאָל ביי אונדז געווען, האָבן זיי זיך ביידע געסודעט אין שטוב און איך האָב אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט „זשיד". זאָל זי מיך האָבן דערקענט? אויב זי שטאַמט פון פּלאָצק איז דאָך מעגלעך, אַז זי האָט מיך ווען עס איז געזען דאָרטן און אויב זי אַליין האָט מיך נישט דערקענט, קאָן דאָך זיין, אַז עמעצער פון די פּלאָצקער, וואָס באַזוכן זי, זאָל מיך האָבן באַמערקט.

זאַלעסקאַ באַאומרואיקט מיך. כאָטש זי קוקט כמעט נישט אויף מיר און באַציט זיך צו מיר ווי אַ גרעפין לגבי אַ דינסט, איז אָבער גענוג, אַז זי זאָל איין מאָל אַ קוק טון מיט אירע בלויע, שפּיזיקע אויגן, אַז עס זאָל באַפאַלן אַ פּחד.

נעכטן, ווען קאַזיאַ איז געווען ביים מאַן אין געוועלב, איז זאַלעסקאַ אַריינגעקומען באָרגן אַ באַקטאָפּ.

— גייסטו קיין מאָל נישט אין קאָשטשאָל, פּרוי מאַלאַרסקאַ? — פרעגט זי מיך.

— ניין. איך בין נישט קיין גלייביקע — ענטפער איך דרייסט.

— און דו חברסט זיך מיט דער פרוי בוטקאָווסקאַ, וואָס איז אַזוי פרום — שמייכלט זי.

— זי חברט זיך מיט מיר, זי וויל מיך אומקערן צום גלויבן.

— איך האָב געהערט, אַז דו שטאַמסט פון וולאָצלאַוועק. איז דיר באַקאַנט פון דאָרט די משפּחה גורטשינסקי?

— ביסטו זייערס אַ קרובה? — פרעג איך, כדי צו פאַרטושן מיין ענטפער.

— אָ, ניין. דער יונגער גורטשינסקי האָט אַמאָל געבעטן מיין האַנט, אָבער כ'האָב אָפּגעזאָגט, ווייל ס'איז געווען באַקאַנט, אַז ער האָט אַ לענ־

גערע צייט געהאַט אַ יידישע געליבטע און דאָס וואָלט פאַרשוועכט מיין כבוד צו זיין איר נאָכפאָלגערין, אַפילו אַלס ווייב און גוטבאַזיצערין.

— האָסט אויגן ווי פעלד־בלומען, — זאָג איך מיט באַוווּנדערונג — אַזעלכע אויגן האָב איך אַמאָל געזען אויף אַ פּאָרטרעט, געמאָלן דורך וואַן־דיק.

עס געפעלט איר מיין אָנערקענונג און זי ווערט צו מיר פריינדלעכער. אַלע מיינע חושים זענען אָנגעשפּיצט, פאַרזיכטיק און גרייט אָפּצושטויסן יעדן אָנגריף. אָבער דאָס מאָל פאַרשט מיך זאַלעסקאַ נישט מער און כאָטש זי איז גאָרנישט געוויר געוואָרן וועגן די גורטשינסקיס (כ׳מיין, אַז נישט זיי איז זי אויסן געווען, נאָר מיך) האָט זי, מיטן באַקטאָפּ אין דער האַנט, מאַ־יעסטעטיש פאַרלאָזט די קיך, שענקענדיק מיר אַ קינסטלעכן שמייכל.

9.

אין איינעם פון די לעצטע טעג האָט מיך באַזוכט אסתר. זי האָט אויסגעזען זייער עלעגאַנט. אַלץ אויף איר איז געווען ניי: דער מאַנטל, דאָס היטל, די לאַטשן, דער בייטל און אַפילו די הענטשקעס.

איך האָב זי פאָרגעשטעלט פאַר קאַזיאַן אַלס מיין אַמאָליקע באַקאַנטע און שוועסטערן־טאָכטער פון באַרימטן פּראָפעסאָר גזשיבאָוווסקי. קאַזיאַ האָט גלייך באַקומען פאַר איר רעספּעקט און אָריינגעבעטן אין שטוב. אסתר האָט געשפּילט איר ראָלע אויסגעצייכנט, נאָר ווען קאַזיאַ איז אַרויס־געגאַנגען איינקויפן האָט זי אַראָפּגעוואָרפן די „מאַסקע" פון פּנים און געוואָרן ערנסט. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ וואַרעמען בליק און שטיל געזאָגט: „זעסט אויס זייער שלעכט, חיהלע; ווייסטו דען נישט, אַז מיר מוזן האָבן „זאָרגלאָזע" פּנימער!"

„יאָ, איך ווייס" — ענטפער איך און דערמאָן זיך, אַז דאָס זעלבע האָט מיר געזאָגט דער שפּיגל, ווען ער האָט מיר געוויזן מיין געלבלעך פּנים מיט אַ נעץ מאָרשטשקעס אַרום די טרויעריקע אויגן און פאַרעקשנטן מויל. אסתרס הויט איז ראָזע, דער קאָפּ שיין פאַרקעמט, די נעגל מאַניקירט. מיין כסדרדיקע שווערע אַרבעט, די שוואַנגערשאַפט, דער פּחד, דאָס פּיינ־לעכע איבערקלערן וועגן ישראלן — אַלץ צוזאַמען גראָבט אונטער מיין געזונט און לייגט אַ צייכן אויפן פּנים.

— חיהלע, עס שרעקט מיך דיין אויסזען — זאָגט אסתר ווידער אַ מאָל.

איך גיב אַ קוק אין אירע אויגן. זיי זענען אומעטיק און פאַרצווייפלט. פאַר וואָס איז אַזוי שווער צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין האַרץ ביים צווייטן? ליידט זי דען ווייניקער פון מיר?

אסתר דערציילט עפּעס שנעל, זי זאָל באַווייזן צו ענדיקן ביז קאַזיאַס צוריקקומען. איך פאַרשטיי נישט און פרעג:

— ווער? וואָס?

— דו גלייבסט נישט? — צעהיצט זי זיך — דו גלייבסט נישט? כ'האָב דאָך אַליין מיט איר גערעדט! די גאַנצע משפחה האָט זיך אַרויסגעראַטע־וועט פון כיזינער לאַגער און אַ חוץ זיי געפינען זיך נאָך אַנדערע יידן אין דעם זעלבן באַהעלטעניש.

— ווער? — שטרענג איך אָן דעם מוח.

— ווי געפעלט דיר אַזאַ מעשה! איך דערצייל איר אַלץ און איצט, ביים סוף, פרעגט זי „ווער"? איצעלע פון סטאַצק! איצעלע מיטן ווייב, טאָכטער, זון און איידעם געפינען זיך ביי אַ פּאָלאַק, אַן אינזשעניער, וואָס האָט געדונגען אַ דירה, געמאַכט באַהעלטענישן, ברענגט זיי עסן און אַלץ וואָס זיי ברויכן. איך בין שוין ביי זיי געווען. ווילסטו זיך אויך מיט זיי זען?

— גלייבסטו אין דער אָרנטלעכקייט פון דעם פּאָלאַק? — פרעג איך — איז דאָס נישט אַ נעץ אויפצוכאַפּן אַ פּאָר צענדליק יידן מיט איין מאָל און זיי איבערגעבן צו דער געסטאַפּאָ?

אסתר ווערט אויפגערעגט, בייז, וויל מיך איבערצייגן, אַז כ'האָב אַ טעות און פאַרזיכערט, אַז ישראלן וועט גאָרנישט געשען, אויב ער וועט צוזאַמען מיט איר באַזוכן די סטאַצקער. „קום מיט אונדז מיט, חיהלע", — בעט אסתר נאָך אַ מאָל.

— וויפל אַ זייגער גייט איר דאָרט אַהין? — פרעג איך.

— צווישן פינף און זעקס.

— גוט, איך וועל מיטגיין.

אסתר דערפרייט זיך. מיר שמועסן אָפּ, וווּ זיך צו טרעפן.

זי הערט אונטער, צי קאַזיאַ קומט נישט אָן און זאָגט:

— די איינציקע מורא בנוגע די סטאַצקער באַשטייט אין דעם, וואָס ס'איז דאָ צו פיל יידן אויף איין פּלאַץ און אויב ס'וועט, חלילה, עפּעס געשען — פאַלן זיי אַלע אַריין.

די ווערטער דערמאָנען מיך אַ גרויל־געשיכטע, וואָס האָט נעכטן פּאַסירט. קאַזיאַ האָט מיך געשיקט מיט אַ פּעקל צו אירס אַ חברטע אויף גורטשעווסקע. ווען כ'בין אַהינגעקומען איז די גאַס געווען פול מיט מענטשן. מען האָט אויסגעפּילט, אַז עפּעס איז דאָ געשען. קאַזיאַס חברטע האָט מיר דערציילט, אַז אַ גערטנער האָט זאַר אַ הויכער באַלוינונג, אויסבאַהאַלטן אין זיינע אינספּעקטן־האַלעס עטלעכע צוואַנציק יידן. דעם גערטנערס ווייב האָט חושד געווען איר מאַן, אַז ער ליבט זיך אין איינער פון די

יידישקעס און האָט אים באַפוילן צו באַזייטיקן דאָס מיידל, אָבער ער האָט זיך דערפון אויסגעלאַכט. נאָך אַ קויגערײַ מיטן מאַן, אַן אויפגערייצטע פון אייפערזוכט, האָט זי געמאָלדן אין געסטאַפּאָ, אַז אין מאַנס גאָרטן זענען באַהאַלטן יידן. נאָך פאַר איר אַהיימקומען האָבן געסטאַפּאָ־לייט אַרומגערינגלט דעם גאַנצן שטח, אַרויסגעפירט די יידן צוזאַמען מיטן גערט־נער און אויפן הויף זיי אַלע דערשאָסן. ווען די גערטנערין איז אַהיים־געקומען און דערזען איר טויטן מאַן, האָט זי באַקומען אַ נערוון־שאָק. זי האָט אויף זיך געריסן די קליידער, ספּאַזמירט, געשריגן ווי אַ משוגענע און געטרעטן מיט די פיס די יידישע קערפּערס. דעם מאַן האָט זי געקושט און געצערטלט, ווי ער וואָלט געלעבט.

„אַזעלכע פּאַשאָלטענע יידן" — האָט זיך קאַזיאָס חברטע געבייזערט — „זיי האָבן צעבראָכן דאָס לעבן פון אַ פּאָרפאָלק! אומגליקלעכע גערט־נערין! זאָל דאָס זיין אַ לערע פאַר אַנדערע, נאַרישע פּאָלאַקן, וואָס נעמען אַריין אַ ייד, אַפילו פאַר די גרעסטע אוצרות!"

איך דערצייל אסתרן וועגן דעם געשעעניש. איבער איר אייבערשטער ליפּ לויפט דורך איין ציטער נאָכן צווייטן, ווי דורך דער הויט פון אַ נאָר וואָס צעשניטענעם פיש.

.10

מיר האָבן באַזוכט אונדזערע סטאָצקער, די ניצול־געוואָרענע פון כיזי־נער לאַגער. דאָרט אין דער היים האָט אונדז געבונדן נישט מער ווי אַ שאָקל מיטן קאָפּ ביים באַגריסן זיך, אָבער דאָ זענען מיר זיך אַלע געפאַלן אין די אָרעמס און יעדער האָט בגנבה געווישט די אויגן.

ישראל האָט גערעדט מיטן אינזשעניער, וועלכן כ'האָב בייגעריק אָב־סערווירט: אַ 40־יעריקער פּאָלאַק, אויסערלעך נישט אַנדערש, ווי טויזנ־טער אויף דער גאַס באַגעגנטע פּאָלאַקן; כ'וואָלט געזאָגט, אַז ער האָט אויף זיך געטראָגן שפּורן פון פריערישער אָפּשטאַמונג. אַ מיטל־וווקסיקער, דאַרער, ברייטבייניקער, מיט איינגעפאַלענע באַקן, דינע ליפּן, שפּיציקער נאָז, טיפע, בלויע אויגן און גרויסן פליך, וואָס איז געווען ווי אַ המשך פונעם שטערן — אַלץ צוזאַמען האָט אים ענלעך געמאַכט צו אַן אַסקעט. זיין אומרו, אָבער, די כסדרדיקע באַוועגלעכקייט, דאָס נישט קאָנען איינ־זיצן, אָדער בלייבן שטיין אויף אַן אָרט, איז געווען אין סתירה צו זיין פּנים און האָט גיכער געוויזן, אַז לענסקי איז אַ פולבלוטיקער, עמפינד־לעכער און ענערגישער מענטש.

ער האָט גערעדט שנעל, פאַרשלונגען ווערטער, גערייכערט אומאויפ־הערלעך, געשפּרייזט איבער דער כמעט ליידיקער שטוב, געבליבן אַ רגע

שטיין, געזאָגט עפּעס, געזעצט זיך אַנטקעגן איבער אונדז און באַלד זיך ווידער אויפגעשטעלט, געטווישט אָפּט די טעמעס פונעם געשפּרעך, אויס־געפּרעגט זיך וועגן אונדזער אָרט לעבן, געקוקט אונדז דרייסט אין די אויגן און פעסטגעשטעלט, אַז מיר האָבן אַן „ערשטקלאַסיקן אויסזען".

די וווינונג פון די סטאָצקער באַשטייט פון צוויי צימערן מיט אַ קיך און פאַרמאָגט עטלעכע מאַסקירטע באַהעלטעניש. אויסער דער סטאָצקער משפּחה געפינען זיך דאָרטן אַ סך אַנדערע יידן: צוויי וואַרשעווער פאַמי־ליעס, אַ גאַרוואָלינער פריילין, אַ מרה־שחורהדיקע קראָקעווער פרוי און אַן עלף־יעריק, חנעוודיק מיידל מיט שוואַרצע צעפּעלעך.

איצעלעס איידעם האָב איך קוים דערקענט. זיין פּנים איז באַצויגן מיט אַ פאַרמעט־געלער הויט. די גרויסע, שוואַרצע אויגן, אָנגעזאָפּט מיט טרויער, אַרום די ליפּן — אַן עקשנותדיקייט פון אַ מענטש, וואָס ווייסט, ווי אַזוי מען קאָן ליידן און שווייגן.

עס קריכן אַרויס פון די באַהעלטעניש די איבעריקע יידן. מען רעדט שטיל, מיט קאַרגע ווערטער. דאָס אַרויסראַטעווען זיך פון די פּאָר סטאָצ־קער פון כיזין קלינגט ממש ווי אַ לעגענדע:

צען טעג פאַרן ליקווידירן דעם לאַגער איז נעבן די דראָטן אַדורכגעגאַנ־גען אַ פּאָלאַק און דערקענט אַ יידישקע, אַ צופעליק באַגעגנטע ביי אַ פּריזי־רער נאָך אין די פּאָר מלחמה־צייטן. ווייזט אויס, אַז די פריילין האָט דעמאָלט געמאַכט אויף אים אַ רושם, ווייל ער האָט זי איצט, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, דערקענט און באַשלאָסן אַרויסצוראַטעווען. אַ דאַנק דעם מיידל האָבן זיך אויך אַרויסבאַקומען אירע צוויי חברטעס, איצעלעס ביידע טעכטער. דער פּאָלאַק, וואָס האָט זיי דערמעגלעכט דאָס אַנטלויפן פון כיזין, האָט צוגעזאָגט צו פאַראינטערעסירן זיך אויך מיט איצעלען און זיין פאַמיליע. די דריי פרויען האָט ער איינגעאָרדנט ביי זיין פריינד, אָט טאַקע ביי דעם אינזשעניער לענסקי.

די זעלבע וואָך איז לענסקי געפאָרן קיין כיזין, פאָטאָגראַפירט איצעלען מיט די איבעריקע משפּחה־מיטגלידער און צוגעזאָגט אין אַ פּאָר טעג אַרום צו קומען מיט „קענקאַרטעס" און זיי נעמען צו זיך קיין וואַרשע.

דעם 25־טן נאָוועמבער, ווען די יידן האָבן אין כיזין געאַרבעט אויפן פעלד, זענען זיי פּלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן פון באַוואָפנטע פּוילישע פּאָליציאַנטן, זשאַנדאַרן און פויערים מיט שטעקנס אין די הענט. די צאָל פויערים, יונגע און אַלטע, איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. מען האָט די יידן אַוועקגעפירט אין לאַגער אַריין און אַרום די שטעכל־דראָטן האָבן זיך פאַרזאַמלט הונדערטער דאָרפסלייט, מענער און פרויען, פון נאָענטע און

ווייטערע מקומות. פרעכע אויסגעשרייען, קללות, שפּאַטישע ווערטער, היל־כיקע געלעכטערס און אַ ים מיט שטעקנס אין דער לופט האָבן עדות געזאָגט, אַז דער סוף קומט אָן. אינעם לאַגער האָט געהערשט אַ שרעקלעכע פּאַניק. די יידן, וואָס האָבן נישט פאַרלוירן זייער שכל הישר, האָבן געזוכט אַ וועג צו אַנטלויפן. עס איז אָבער געווען אוממעגלעך זיך אַרויסצובאַקומען, ווייל אַרום און אַרום האָבן געלויערט מאַסן שונאים.

איצעלעס איידעם האָט ביי זיך געהאַט געלט און חפצים. צווישן די פּויערים האָט ער דערקענט אַ באַקאַנטן סאָלטיס און אים פאַרגעלייגט אַ גרעסערע סומע געלט פאַר אַרויספירן אים מיט די שוויגער־עלטערן און זייער זון. אין דער ערשטער מינוט האָט דער גוי נישט געוואָלט הערן דערפון, אָבער ווען עס איז געוואָרן פינצטער איז ער צוגעקומען צו די דראָטן און שנעל אַ זאָג געטון צו איצעלען: „אין מיטן דער נאַכט, ווען אַ טייל פון די פּויערים וועט זיך פונאַנדערגיין, וועלן מיר פּרווון גליק".

די זשאַנדאַרן און כמעט אַלע פּאָליציאַנטן האָבן זיך איינקוואַרטירט אינעם הויז פון דער גמינע און געפּראַוועט דאָרט אַ פריילעכע סעודה. אַרום צוועלף אַ זייגער ביינאַכט איז דער סאָלטיס פאַרשוווּנדן. באַלד אָבער איז ער צוריקגעקומען און אויפן קול אויסגערופן די נעמען פון איצעלעס משפּחה, זאָגנדיק, אַז די זשאַנדאַרמעריע רופט זיי צו זיך. מניה וביה האָט ער די פיר יידן געפירט אין דער ריכטונג פון דעם גמינע־הויז. ביי אַ זייטיק וועגל האָט זיך דער סאָלטיס אָפּגעשטעלט און געפאָדערט זיין לוין. נאָכן באַקומען דאָס געלט האָט ער זיי געהייסן ווי אַמשנעלסטן פאַרשווינדן, אָבער נישט גיין, אָדער לויפן, נאָר זיך שאַרן אויף די בייכער.

אַ שפּאָר שטיק וועג האָבן זיי זיך געשאַרט ווי שלאַנגען און דערנאָך געקראָכן אויף אַלע פיר, ביז דער טומל פון כיזין האָט זיך דערווייטערט. דעמאָלט האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט און מיט שנעלע טריט גענומען גיין צו דער פּאָסעסיע פון פּאַראָק, זייער אַלטן באַקאַנטן. דאָס הויז האָט זיך געפונען אַ צוויי קילאָמעטער נאָך כיזין.

די פינצטערע נאַכט האָט זיי צוגעגעבן מוט. ענדלעך זענען זיי אָנ־געקומען. דער פּויער האָט זיך זייער דערשראָקן און אין דער ערשטער רגע נישט דערלויבט זיי אַריינצוגיין. אָבער ווען זיי האָבן אים אַריינגעשטופּט 500 זלאָטעס אין האַנט און צוגעזאָגט פאַר טאָג צו גיין ווייטער, איז ער מיט זיי אַריין אין שייער, וווּ עס איז געווען אַסך שטרוי. פּלוצלינג האָבן זיך דערהערט טריט, פּאַראָק איז געבליבן שטיין ביי דער אָפּגעלענטער טיר. דאָס איז אַ שכן געקומען און דערציילט, אַז אין קרעטשמע איז זייער פריילעך. אַ וואַרשעווער לוסטיקער מאַן שטעלט בראָנפן מיט ביר און אַלע טרינקען, זאָל זשע אויך פּאַראָק גיין געניסן פון דער גוטער געלעגנהייט.

דער בעל־הבית דאַנקט פאַר דער איינלאַדונג און זאָגט אָפּ, ער איז מיד און וויל שלאָפן. די טריט דערווייטערן זיך.

איצעלעס איידעם פאַלט איין אַ געדאַנק, אַז דער וואַרשעווער איז דער קרעטשמע איז לענסקי. מעגלעך, אַז ער איז געקומען זיי נעמען און פאַרשפּעטיקט, וויל ער איצט אַנטרינקען די פויערים, כדי זיי זאָלן אים העלפן אַרויסבאַקומען „זיינע" יידן. איצעלעס איידעם פאַרטרויט פאַראַקן אומזיין השערה און בעט, אַז פאַראַק זאָל יאָ גיין אין דער קרעטשמע. באַמערקט פון קיינעם זאָל ער זאָגן דעם וואַרשעווער: „וואָלאַדעק או מניע" (וואָלאַדעק איז ביי מיר); איז דאָס טאַקע לענסקי, וועט ער גלייך פאַרשטיין, אין וואָס עס גייט, איז דאָס אַ צווייטער, וועט ער מיינען, אַז פאַראַק איז באַטרונקען.

די קרעטשמע איז איבערפולט מיט פויערים און פויערטעס. פאַראַק שטופּט זיך אַדורך צום וואַרשעווער, טרינקט מיט אים „לחיים" און זאָגט אונטער דער נאָז: „וואָלאַדעק או מניע!". דער פרעמדער כאַפּט אים אַרום, הייסט אויף ס'ניי דערלאַנגען בראָנפן, זינגט איין סטראָפע פון דעם פוילישן הימען און דערנאָך דערקלערט ער, אַז ר'איז זייער מיד און גייט איבערנעכטיקן צו זיין פריינד וואָלאַדעק.

עס איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן די פרייד פון די פיר סטאָצקער, ווען זיי האָבן דערזען דעם אינזשעניער. פאַר טאָג האָט פאַראַק איינגעשפּאַנט דאָס פערד. לענסקין האָט געשראָקן וואָלאַדעקס פיזיאָנאָמיע: פון דער גאַנצער משפחה האָט נאָר ער געהאַט אַ ריין־סעמיטישן אויסזען, די איבעריקע האָבן נישט געצויגן אויף זיך קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. דעריבער טאַקע האָט לענסקי וואָלאַדעקן געגעבן זיין פעלץ, געהייסן אויפשטעלן דעם קאָלנער און אַרומבינדן דאָס פנים, ווי ביי צאָנווייטאָג.

זיי האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין מינסק און פון דאָרט מיט דער באַן קיין וואַרשע.

אָפּנייגנדיק פון הויפּט־שאָסיי, האָט פאַראַק געטריבן דאָס פערד איבער זייטיקע וועגלעך. נאָכן אָפּפאָרן עטלעכע קילאָמעטער האָבן זיי באַגעגנט אַ שייגעץ און געוואָלט אים אויסמיידן.

— פאָדוויעזש קאַפּקע, בראַטשע (פיר מיך אונטער אַ ביסל, ב״ר־דער) — האָט זיך דער שייגעץ געווענדעט צום פורמאַן.

— אַ וואָלאַזש (קריך אַרויף) — האָט פאַראַק נישט גערן געענטפערט און אַ צמאָק געטון צום פערד.

די יידן איז געוואָרן שווער אויפן האַרצן. דער שייגעץ קאָן זיי דערקענען און אויסגעבן. אינזשעניר לענסקי האָט פאַרפירט אַ געשפּרעך מיטן

נייעם פּאַסאַזשיר. ער האָט אים מכבד געווען מיט ציגאַרעטן און געוואָלט אָפּווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט פון די יידן.

— פּאַר וואָס שטעלט איר זיך איין און פּאָרט אין מיטן העלן טאָג, אַזוי פראַנק און פריי? — האָט פּלוצעם דער שייגעץ אַ פרעג געטון איצעלען.

— ברודער, העלף מיר! — האָט דער אינזשעניער אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט — העלף מיר, איך וויל זיי ראַטעווען. באַוויז, אַז דו ביסט אַ מענטש און טו, ווי קריסטוס האָט אונדז געלערנט. דו זעסט אויס צו זיין אַ גוטער בחור און איך גלייב, אַז דו וועסט מיך נישט אַנטוישן.

— ווו אַהין פּאָרט איר? — האָט דער שייגעץ דרייסט אָנגעקוקט יעדן באַזונדער.

— קיין מינסק, צו דער באַן.

— קיין מינסק, בייטאָג? זענט איר משוגע? נעכטן האָבן געהיים־אַגענטן אויפגעכאַפּט אין מינסק אַ סך יידן. ביי דער סטאַציע דרייען זיך זשאַנדאַרן. אויב שוין יאָ, איז אַמבעסטן עלף אַ זייגער ביינאַכט, צום לעצטן צוג, ווען ס'דרייען זיך ווינציקער אויפכאַפּערס און ווען אומעטום איז טונקל. איך וועל אייך אַריינפירן אין אַ מעלינע אויף די פּעריפעריעס פון מינסק, ווו איר וועט קאָנען איבערוואַרטן ביז פּאַר נאַכט און דעמאָלט וועט מען ווייטער קאָמבינירן.

ער האָט געהייסן פּאַראַקן פּאָרן לויט זיין אָנווייזונג. וועט ער נישט פּאַרפירן? — האָט יעדן איינעם פון די סטאָצקער געפייניקט דער געדאַנק, — אפשר פּירט ער אַלעמען צו געסטאַפּאָ?

סוף־כל־סוף זענען זיי אָנגעקומען צו דער מעלינע. פּאַראַק האָט געגעבן דעם פערד אַ בינטל היי און אַלע צוזאַמען, מיט וולאַדעקן אין דער מיט, זענען אַריין אין אַ זייטיק צימער פון דער קרעטשמע. וולאַדעק האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט די פּלייצעס צו דער טיר און דער אינזשעניער האָט געהייסן דעם בעל־אכסניה דערלאַנגען בראָנפן, ווורשט און אַנדערע געשמאַקע עסנס. „מיר האָבן געשלאָסן אַ שידוך און ווילן דאָס באַגיסן" — האָט לענסקי געמאַכט דעם אָנשטעל מעשה פריץ.

— ווי הייסטו, אייגנטלעך? — האָט ער שטיל געפרעגט דעם שייגעץ.

— פּיאָטר קוטער.

ווען עס האָט אָנגעהויבן טונקלען, האָט פּיאָטר זיי אָוועקגעפירט אין אַן אַנדער מעלינע, נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע און ווידער האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע סצענע, וואָס אין דער ערשטער.

וולאַדעק האָט זיך געפילט זייער שלעכט. אין קאָפּ האָט אים גערוישט, די הענט און פיס זענען געווען ווי געליימט, דער רוקן — ווי איבערגעבראָכן. אינעם לאַגער האָט לעצטנס געבושעוועט פלעק־טיפוס. וולאַדעק

איז זיכער, אַז ער האָט זיך אָנגעשטעקט. דאָס עסן עקלט אים איצט, אַפילו טרינקען קאָן ער נישט. דער איינציקער טרוים זיינער איז צו קאָנען ליגן, אַוועקלייגן זיך ערגעץ און איינשלאָפן.

ווען ס'איז געוואָרן שפּעט, האָט פּיאָטר זיך געווענדעט צו די יידן און געזאָגט: „איצט גיט מיר געלט וועל איך קויפן באַן־בילעטן און אַרויס־נעמען שיינען, אַז איר זאָלט מעגן אין וואַרשע, נאָכן אָנקומען, נישט גע־קוקט אויף דער שפּעטער שעה, אַהיימגיין. גלייכצייטיק וועל איך אַ שנאַפּ טון, וואָס עס הערט זיך אויפן וואָקזאַל".

נאָך אַ האַלבער שעה איז ער צוריקגעקומען אַ צופרידענער און מודיע געווען, אַז אויף דער סטאַנציע איז כמעט פּינצטער (צוליב דער פאַר־טונקלונג קעגן לופט־אָנגריפן). בלויז ביי דער טיר, וואָס פירט צום פּעראָן, שטייען צוויי דייטשן און קאָנטראָלירן יעדעס פּעקל, יעדעס קײשל, צי עס געפינט זיך נישט דאָרט קיין שמוגל.

איצעלע מיט זיינע נאָענטע קוקן זיך איבער מיט שרעק. עס איז זיי שווער תופס צו זיין די געשעענישן פונעם לעצטן מעת־לעת. ווער איז, אייגנטלעך, דער שייגעץ? וואָס זענען זיינע כוונות? אָבער — וואָס איז דען די נפקא־מינה? עס איז סיי ווי סיי נישטאָ קיין ברירה, נישטאָ קיין צוריקוועגס!

— קומט שנעלער, — רופט פּיאָטר אומגעדולדיק — איצט טוישן זיך די וואַכן און די קנייפּע וועט באַלד פול ווערן מיט דייטשן. איילט אייך צו!

פּאַראַק געזעגנט זיך. ער באַקומט זיין לוין און פאָרט אַהיים.

אין דער לאַנגער ריי מענטשן אויף דער באַן־סטאַנציע שטעלן זיך איין די סטאָצקער, אָבער נישט אַלע צוזאַמען; פּיאָטר הייסט זיי שטיין דערווייטערט איינער פון צווייטן, אָפּגעטיילט דורך פּוילישע פּאַסאַזשירן. דער אינזשעניער שטייט דער לעצטער. ביי דער טיר — צוויי זשאַנדאַרן. זיי קאָנטראָלירן די פּעקלעך און קוקן יעדן אין פּנים אַריין. פּאַר איצעלען שטייט אַ גויע מיט צוויי קוישן. די זשאַנדאַרן מאַכן אויף און דערפרייען זיך. די קוישן זענען פול מיט הינער, אייער, פּוטער און נאָך אַנדערע גוטע זאַכן. זיי פירן די גויע אַוועק, בכדי צו קאָנפיסקירן דעם שמוגל און צוזאַ־מענשטעלן אַ פּראָטאָקאָל. די ריי רוקט זיך דערווייל ווייטער. דער בילע־טער האַקט איבער די בילעטן; ער טוט עס שנעל, ווייל די לאָקאָמאָטיוו פייפט שוין. די סטאָצקער באַווייזן נישט אַפילו צו געזעגענען זיך מיט פּיאָטרען און שוין זענען זיי אין צוג, וואָס רירט באַלד פון אָרט.

„איז ער דען געווען אַ גוי?" — רופט זיך אָן איצעלעס ווייב — „דאָס איז דאָך געווען אַ מלאך פון הימל, גאָט האָט אים עקסטרע אונטערגעשיקט, ער זאָל אונדז אַרויסרייסן פון מלאך־המותס הענט".

— האָט זיך נאָך עמעצער אַרויסגעראַטעוועט פון כיזינער לאַגער? — פרעג איך שטיל.

— איך מיין, אַז קיינער נישט — ענטפערט איצעלע.

— ס'איז נישט מעגלעך איבערצוגעבן, — זאָגט איינער פון די סטאָצ־קער — וואָס ס'האָט זיך געטון אין לאַגער. אַלע האָבן דאָך געוווסט, אַז אָט, אָט וועט מען זיי אָוועקפירן צום טויט און דערצו צו אַ משונהדיקן טויט, וואָס איז אַוודאי שרעקלעכער פון יעדן אַנדערן טויט. אַלע יידן זענען אַרומגעלאָפן ווי פייגל אין אַ ברענענדיקער שטייג. ס'האָט זיך געהערט אַ געוויינעריי, ווי יום־כיפור אין שול. ברוגזע צווישן זיך האָבן איינער דעם צווייטן געקושט און איבערגעבעטן. טייל האָבן געזאָגט תהילים, אַנ־דערע — ווידוי. פּרויען האָבן ספּאַזמירט. שווער קראַנקע אויף טיפוס זענען אויפגעשטאַנען און ווידער צוריק געפאַלן פון די פיס. — — — — —

איצעלעס ווייב, די אַמאָל שיינע פרוי, איז היינט איינגעשרומפּן, בלאַס, אומבאַהאָלפן ווי אַ שווער קראַנק קינד. מען זעט, אַז אויפן דנאָ פון אירע אויגן האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סך צער. די ליפּן מאַכן אָפט מאָל אַ באַוועגונג, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צום רעדן. אָבער באַלד פאַרהאַקן זיי זיך עקשנותדיק און שווייגן.

„עטלעכע טעג נאָך דער פּאַריסאָווער „ווישעדלעניע" — דערציילט איצעלע — זענען צו אונדז אין לאַגער אַריין אָנגעקומען לייבל פּערקאַלסביידע מיידעלעך. זיי האָבן אויסגעזען שרעקלעך. די עלטערע, די זעקס־יעריקע, האָט זיך מטפּל געווען מיט איר דריי־יעריק שוועסטערל ווי אַ מוטער מיט איר קינד. זי האָט דערציילט, אַז ווען די דייטשן האָבן גע־פירט אַלע יידן פון פּאַריסאָוו צום טויט, האָט אַלטע, זייער מוטער, גע־הייסן זיי אַנטלויפן און אויפזוכן די מומע אסתר אין כיזינער אַרבעטס־לאַגער. די קינדער האָבן געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף און אַ דאַנק זייערע בלאָנדע קעפּלעך האָט זיי קיינער נישט פאַרהאַלטן. זיי האָבן גע־בעטלט אַ שטיקל ברויט ביי די פּויערים און צום שלאָפן האָבן זיי זיך אין דער פינצטער אַריינגעגנבעט אין אַ שייער, אָדער זיך איינגעגראָבן אין אַ סטויג שטרוי אויפן פעלד. אויסגעמאַטערטע, שמוציקע, פאַרלייזיקטע, אויסגעדאַרטע, ווי סקעלעטן, זענען זיי סוף־כל־סוף אָנגעקומען קיין כיזין. די קינדער האָבן איין נאַכט איבערגענעכטיקט אין לאַגער, אָבער צו־מאָרגנס אין דער פרי זענען זיי ווידער אַוועק אין דער שרעקעוודיקער פרעמד, ווייל די מומע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ וואַרט זיי אַ זיכערער טויט און אויף דער „פריי" וועלן זיי זיך אפשר אָפּראַטעווען. זי האָט זיי מיטגעגעבן אַ פּעקל עסן און ביים געזעגענען האָבן אַלע דריי יאָמערלעך געוויינט. די קינדער האָבן זיך געטוליעט צו דער מומע און זי — צו זיי".

פון פאַראָקן איז איצעלע דערנאָך געוואָר געוואָרן, אַז אין אַ שכנותדיק דאָרף האָט מען די קינדער געכאַפּט, אָפּגעשטעלט זיי מיט אַ „פּאַדוואָדע״ (אַ פּירל) קיין פאַריסאָוו און דאָרט דערשאָסן.

אין צימער הערשט אַ שטילקייט. אַלעמענס פּנימער זענען אַפּאַטיש, נידערגעשלאָגן. אַ פּחד כאַפּט אַרום און עס ווילט זיך וואָס שנעלער פון דאַנען אַנטלויפן. די ווינונג מאַכט אַן איינדרוק פון אַ בית־עלמין, ווו מתים, אויפגעשטאַנענע פון די קברים, דרייען זיך אַרום.

נאָר דער אינזשעניער אַליין ברויזט מיט לעבן. ער באַוועגט זיך כסדר. אָט איז ער אין צווייטן צימער און רעדט דאָרט מיט עמעצן, אָט איז ער אין קיך, שאַרט מיט די פּייערקעס, לייגט צו קוילן, באַפעלט עפּעס און קומט ווידער אַריין צו אונדז. איך ווער געוואָר, אַז באַלד נאָכן אָנקומען קיין וואַרשע, זענען אַלע קראַנק געוואָרן אויף פלעק־טיפוס. לענסקי האָט גערופן אַ דאָקטער, זיינס אַ פריינד און ביידע האָבן זיך פּשוט מוסר נפש געווען צו דערהאַלטן אַלעמען ביים לעבן. איצעלעס עלטערע טאָכטער, ווולאַדעקס פרוי, איז טראָץ דער באַלדיקער מעדיצינישער הילף, געשטאָרבן. די קראַנקע האָבן באַקומען די בייטיקע מעדיקאַמענטן, איינשפּריצונגען און באַדערפטיקע דערנערונג. ווען זיי רעדן וועגן אינזשעניער, פילן זיך זייערע אויגן אָן מיט טרערן. לענסקי, דערזעענדיק דאָס — בייזערט זיך, זידלט און רופט זיי „באַבעס״, צעקראַכענע און טויגעניכטסן. זיי אָבער קוקן אויף אים, ווי אַ פרומער ייד אויף אַ ספר־תורה.

כמעט אַלע אין דער ווינונג זענען באַשעפטיקט ביים אויסאַרבעטן רונדע, דינע גומע און שאַטקעס צו האָר. מיטן פאַרקויפן פאַרנעמט זיך לענסקי. דאָס פאַרדינסט דעקט די אויסגאַבן. ווען עס ווערט פינצטער, ברענגט לענסקי אַרויף לעבנס־מיטל און קוילן.

דאָס טראָגן די פּעק גייט אַדורך אומבאַמערקט פאַר זייטיקע אויגן, ווייל אַלע פראָנט־דירות אינעם הויז זענען, נאָך זינט סעפּטעמבער 1939, צעשמעטערט. די ווענט־סקעלעטן און הויכע שטויסן גרוז מיט ציגל מאַכן דעם איינדרוק פון אַ חורבה, ערשט ווען מען קומט אַריין אין הויף, זעט מען, אַז די אָפיצינע איז באַוווינט.

דער אינזשעניער האָט אין דעם הויז געדונגען צוויי דירות: איינע אויף זיין נאָמען, ווו ער אַליין וווינט און די צווייטע, ווו עס זענען באַהאַלטן די יידן — אויפן נאָמען פון זיינס אַ באַקאַנטן, אַ געוויסן ראַט־מייסטער לוטשעק.

דער ראַטמייסטער באַקומט אַ חודש־לוין פאַרן „דעקן״ די דירה. דאָס ברייטע בעט אין ערשטן צימער איז טאַקע זיינס. די יידן שלאָפן אויף פּראָוויזאָרישע געלעגערס. (דער ראַטמייסטער איז גראָד געווען אין שטאָט).

ווי די סטאַצקער גיבן איבער, איז דאָס אַן איינזאַמער, שטרענגער און אָפּ־שטויסנדיקער מאַן. מיט די געציילטע שכנים פון הויז האָט ער קיין שום מגע ומשא נישט, קיינער באַזוכט אים נישט. די ערגסטע צרה אָבער איז דאָס, וואָס ער האָט זייער ליב בראָנפן און שיכורט זיך פון צייט צו צייט אָן. דעמאָלט רעדט ער אויס אויף יידן אַלדאָס בייז און ביז ער ניכטערט זיך אויס, לעבן זיי אַלע אין גרויסער שרעק.

דעם אינזשעניער איז דער ראַטמייסטער באַקאַנט נאָך פון פאַר דער מלחמה און ער האַלט, אַז צוליב צוויי טעמים קאָן מען זיין רואיק: ערשטנס, ווייל ער איז אַן עקסיסטענץ־מיטלען און צווייטנס — ברענט אין אים אַ שנאה צו די דייטשן.

בייטאָג פאַרלאָזן די וווינונג נאָר צוויי פרויען: דאָס בלאָנדע גאַרוואָ־לינער פריילין און איצעלעס טאָכטער. די לעצטע איז געוואָרן אַ פאַרבינד־לערין אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, צו וועלכער עס געהערט לענסקי. ער רופט זי „שולאַ" און דערציילט אונדז, אַז זי פירט אויס זייער ערנסטע שליחותן. נישט איין מאָל שטעלט זי דאָס לעבן אויף איין קאָרט און טוט עס מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט.

— האָסט נישט קיין מורא, אַז צוליב דיר קאָנען אַלע אַריינפאַלן? — פרעג איך זי.

— ניין, פון מיר וועט קיינער גאָרנישט געוואָר ווערן. איך קאָן שווייגן. דאָס זיצן אין באַהעלטעניש, צווישן טויט און לעבן, נישט וויסנדיק, צי איך וועל מיך דערוואַרטן אויף דער באַפרייאונג — וואַרפט אָן אַזאַ מרה־שחורה, אַז כ'האָב פשוט מורא פאַר זיך אַליין. די צייט ציט זיך אָן אַ סוף. אַ שעה געדויערט ווי אַ יאָר, מען קאָן גרוי ווערן איבערן טאָג. אַלץ וואָס פאַר־קירצט די פיין איז בעסער ווי דאָס בלייבן אין שטוב; די געפערלעכסטע שליחותן זענען ליבער, ווי דאָס פאַמעלעכע גוססן.

איך פאַרשטיי זי זייער גוט. דאָס קליינע סטאַצקער מיידל ווערט אַזוי גרויס אין מיינע אויגן, אַז זי רייסט מיך ממש מיט.

— קומט מיט מיר, מיינע געסט, — ווענדעט זיך צו אונדז לענסקי — מיר וועלן מאַכן אַ כוסע.

מיר געזעגענען זיך מיט אונדזערע סטאַצקער און מיט די איבעריקע יידן און גייען אַרויס מיטן אינזשעניער.

11.

דעם אינזשעניערס צווייטע וווינונג מאַכט אַן אומהיימלעכן איינדרוק. דאָס פאַדערצימער איז פולשטענדיק צעשטערט. דער דיל איז באַדעקט מיט הויפנס גרוז, אַן איבערבלייבעכץ פון די צעשמעטערטע ווענט, וואָס זענען

איצט פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. מען מוז ביים גיין אויסהיטן זיך, כדי נישט אומצופאַלן.

די איינציקע גאַנצע זאַך אין דער דירה איז אַ גרויסער באַקאויון, וואָס זעט אויס ווי אַ שטיינערנער קאַטאַפאַלק. דאָס טירל פונעם אויוון איז אָפן. לענסקי פירט אונדז צו צום צווייטן עק, ווו עס געפינט זיך די אומבאַשעדיקטע וואַנט, אַ פאַראייניקטע מיטן סוף פונעם אויוון. ער קלאַפּט אַן פיר מאָל און פלוצעם מאַכט זיך אויף אַ קלאַפּע און עס באַווייזט זיך אַ שוואַרצער קאָפּ פון אַ ייד. איך ז׳ערשרעק זיך. יאָ, דאָרט אינעווייניק איז פאַראַן אַ קליינטשיק, פּראָוויזאָריש שטיבעלע, ווו עס באַהאַלט זיך אויס אַ פאָרפאָלק. דאָס באַהעלטעניש איז אַזוי איינגעאָרדנט, אַז עס פעלט נישט אויס קיין לופט און בעת אַ סכנה — אין גאַנצן זיכער. די קלאַפּע איז כמעט שטענדיק אָפן, נאָר ווען עס הערן זיך טריט אויף די שטיגן, נאָענט ביי דער טיר, מאַכט זיך די קלאַפּע צו. אויך דאָס פאָרפאָלק איז באַשעפטיקט מיט אויסאַרבעטן גומע.

מיר קומען אַריין אין שטוב. אַ שמאָל, לענגלעך צימערל, אין אים — אַן אַלטע סאָפע, אַ קליין טישל מיט דריי שטולן און אַ צוויי־טירן־שאַנק, פון וואַנען לענסקי נעמט אַרויס פלעשער משקה מיט עטלעכע גלעזלעך. מיר טרינקען „לחיים".

דער אינזשעניער ווערט האַרציק, רעדט אַ סך, גיסט אויס אַ שפּאָר ביסל ביטערניש אויף „זיינע" יידן, וועלכע ער קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין.

„שטעלט אייך פאָר", — שפּריצט ער ממש מיט פייער — „אַז אי־צעלע מיט זיין משפחה ווילן נישט עסן קיין פלייש, קיין טרפות! זיי האָבן געמאַכט אַ הונגער־שטרייק, ביז כ׳האָב געמוזט קויפן נייע טעפּלעך און נייע פייערקעס. כ׳מוז פאַר זיי קויפן פּוטער און זיי עסן נאָר מילכיקע מאכלים. אומגעהערטע זאַכן! אין אַזאַ צייט ווען אַ בלינדער זעט, וואָס גאָט האָט געמאַכט מיט די יידן, היטן זיי אָפּ דעם שבת, דאַווענען און פאַרוואַנדלען די וווינונג אין אַ סינאַגאָגע!"

מיר באַרויקן אים און גיבן צו פאַרשטיין, אַז מיטן גלויבן איז זיי לייכטער צו לעבן און ער דאַרף זיך נישט אויפרעגן צוליב אַזעלכע באַריש־קייטן.

ער בלייבט אָבער ביי ס׳זייניקע און פאַרגיסט אַלע מאָל מיט אַ פריי־שער „רונדע" זיין אומצופרידנקייט.

— זאָג מיר, פאַניע לענסקי, — פרעג איך אים — פאַר וואָס שטעלסטו איין דיין לעבן און ראַטעוועסט יידן? ביסטו אַזאַ גרויסער יידן־פריינד?

ער פאַרטראַכט זיך אַ רגע, ציט אַריין די אייבערשטע ליפּ צווישן די ציין, ווי ער וואָלט געגנאַגט אַ צוקערל און ענטפערט:

— אייגנטלעך האָב איך יידן פיינד און איך ווייס נישט, צי כ׳וואָלט איינגעשטעלט דעם קאָפּ פאַרן בעסטן ייד. איך בין אָבער אַן איבערגע־געבענער זון פון מיין פאָטערלאַנד, פאַר וועלכן איך בין שטענדיק גרייט זיך מקריב צו זיין. איך וויל נישט, מען זאָל נאָך דער מלחמה זאָגן, אַז אַלע פּאָלאַקן האָבן מיטגעהאָלפן אויסראָטן די יידן; איך וויל, מען זאָל וויסן, אַז עס האָט זיך דאָך געפונען איינער, וואָס האָט געהאָלפן, וואָס האָט איינגעשטעלט זיין אייגן לעבן. איך טו עס פאַרן כבוד פון מיין פאָלק.

— הייסט עס, — זאָג איך — פּאַטריאָטישע מסירות־נפש, אָבער נישט קיין מענטשלעכער אימפּולס און התעוררות?

— אמת, — ענטפערט ער — איך טו עס אין נאָמען פון מיין איבער־געגעבנקייט צום פאָטערלאַנד.

— אויב אַזוי, — זאָג איך איראָניש — איז מיר אַ רחמנות אויף פּוילן. לויט דער צאָל פּאַטריאָטן, וואָס העלפן יידן, זעט מען פּוילנס גייסטיקע אָרעמקייט און עלנט.

לענסקיס אויגן צעגליען זיך:

— מיר וועלן נאָך אַ מאָל שמועסן דערפון און דעמאָלט וועסטו מודה זיין, אַז איך בין גערעכט. ווען יידן וואָלטן זיך נישט געצערט, אָפּגעהאַקט פינגער, געמאַכט זיך ברוכן, בלינדע אויגן און אָפּגעטון אַנדערע אידיאָ־טיזמען, כדי נישט צו דינען אין פּוילישן מיליטער — וואָלט איך זיך פאַר זיי מוסר נפש געווען, ווי פאַר ברידער. אָבער איך האָב אַ גרויסן רעכענונג מיט זיי! נישט איצט איז די צייט פון מאַכן דעם בילאַנס!

דער אינזשעניער פילט אָן די כוסות, דערשטיקט אינעם אַשבעכער דעם האַלב־אויסגעברענטן ציגאַרעט, פאַררייכערט אַ פרישן, מאַכט אַלץ שנעל, ווי ער וואָלט זיך געאיילט, טוט אַ צמאָק מיט די ליפּן און דערציילט:

— מיט אַ צוויי חדשים צוריק האָב איך אַריינגעפירט צו מיינע על־טערן אין הויז אַ יידיש פאַרפאָלק מיט אַ קליין ייִנגעלע. איך האָב די על־טערן אָפּגענאַרט און געזאָגט זיי, אַז דאָס זענען פּאָלאַקן, מיינע חברים, פאַרפאָלגטע דורך געסטאַפּאָ. כ׳האָב מיר אַזוי געטראַכט: דער טאַטע איז אַלט 72 יאָר, די מאַמע — 70, וויפל איז זיי נאָך באַשערט צו לעבן? אויב דאָס פּאָרל מיטן קינד וועלן זיך יאָ ראַטעווען — האָב איך געטון אַ גרויסע זאַך; טאָמער אָבער וועט זיי נישט געלינגען, וואָס זשע האָבן מיינע על־טערן היזק? אַ פּאָר יאָר אומפּראָדוקטיוו לעבן? ס׳איז כדאי צו ריזיקירן...

אין דעם מאָמענט לייגט לענסקי אַרויף די האַנט אויפן האַרץ און שטיל, ווי צו זיך אַליין, זאָגט ער פאַמעלעך:

— ווען איר וואָלט געזען דאָס זיסע ייִנגעלע, וואָלט איר מיך פֿאַר־שטאַנען. דאָס קינד האָט אויף מיר משפּיע געווען און ווי אַזוי איר ווילט, קאָנט איר אָנרופֿן מײַן האַנדלונג: אימפּולס, התעוררות, נישט וויכטיק! טרינקט, קינדער! — הייבט ער אויף זײַן גלעזל.

.12

אַנטקעגן איבער מײַן קיך־פֿענצטער, אויף דער צווייטער זײַט גאַס אין אַ טויער, האָב איך באַמערקט סטאַכן און גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט. אַ דערשראָקענע, בין איך צו אים צו און קוים אַרויסגע־פּרעפּלט:

— יאַנעק? איז מיט יאַנעקן עפּעס געשען?!

— ניין! — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — דאָס איז דיך נוגע! הער, העלענאַ, יוזעף איז אויף דײַנע שפּורן! ווען איך האָב נעכטן בײַ אים געקויפֿט וווּרשט, האָט ער צו מיר אַזוי געזאָגט: „דײַן קוזינקע, סטאַכו, דאַרף נישט דינען, זי האָט אינעם רעקל אײַנגענייט אַ היפּש ביסל גאָלד און פּאַפּירן־געלט, אַוודאי דאָלאַרן. איך האָב דאָס צופֿעליק באַ־מערקט, זוכנדיק פֿאַרטאָגס מײַנע לאַטשן אין קיך. דאָס רעקל איז אַראָפּ־געפֿאַלן פֿון דער שטול און ווען איך האָב עס אויפֿגעהויבן, האָב איך דער־זען, אַז עס איז שווער. אָהאָ, די גאָספּאָשע איז אפֿשר רײַכער פֿון בעל־הבית!". העלענאַ, — וואָרנט מיך סטאַך — יוזעף איז געווען אַ געהיים־אַגענט. איך גלייב, אַז ער האָט בכוונה געזוכט צווישן דײַנע זאַכן, ווען דו ביסט געשלאָפֿן, היט זיך! קאָמבינירט עפּעס אויס, ווײַל עס קאָן זײַן שלעכט!

איך ווער צעטומלט, דאָך דאַנק איך גאָט, אַז סטאַכס קומען איז נישט פֿאַרבונדן מיט קיין שלעכטער בשורה וועגן ישׂראלן. איך געזעגן סטאַכן און גיי צוריק אַרײַן אין שטוב. גוט, וואָס קאַזיאַ איז גראָד אין שטאָט און זי זעט נישט, ווי אַלץ פֿאַלט מיר פֿון די הענט. די געדאַנקען יאָגן זיך. אין קאָפּ רוישט ווי אין אַ מיל, איך קאָן בשום אופֿן נישט טראַכטן רויִק. כ'בינד אַרום דעם שטערן מיט אַ נאַס טיכל, אפֿשר וועט מיר דאָס גרינגער מאַכן. די קינדער שפּילן זיך אין שטוב און רעשן. אַ שווערע, אַ מידע, זעץ איך זיך אַוועק אויפֿן ראַנד פֿון בעט, מאַך צו די אויגן און הער נישט, ווי קאַזיאַ קומט אָן. זי דערשרעקט זיך:

— וואָס איז דיר, פּרוי העלענאַ?

— עפּעס פֿיל איך זיך נישט גוט — ענטפֿער איך קוים און פּלוצלינג פֿאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק:

— פרוי קאַזיאַ, — ווענד איך זיך צו איר — איך וויל גיין צו אַ דאָקטער. אפשר וועסטו זיין אַזוי גוט און באַהאַלטן מיין רעקל, אין וועלכן איך האָב מיין לעצט ביסל פאַרמעגן. איך וויל דאָס נישט מיטנעמען אין אַמבולאַטאָריום.

איך נעם אַראָפּ דאָס רעקל, טו אָן אַ צווייטס און ווייז קאַזיאַן, אַז איך האָב פאַרנייט אַ ביסל געלט און עטלעכע גאָלדענע מטבעות. איך באַקלאָג זיך דערביי, אַז בעתן אַרויסיאָגן אונדז פון דער היים, דעם איצטיקן „רייך", האָבן די דייטשן זיך צו אונדז באַצויגן נישט בעסער, ווי צו יידן און גענישטערט אין אַלע טאַשן און וואַליזעס. דעריבער טאַקע האָב איך דאָס איינגענייט אין דעם רעקל און פון דעמאָלט אָן איז עס אַזוי פאַרבליבן.

קאַזיאַס פּנים ווערט מיט אַ מאָל אויסגעלייטערט. ווייזט אויס, אַז אויך איר האָט יוזעף דערציילט וועגן מיין „עשירות" און דערוועקט אַ פאַרדאַכט. אויב איך רעד אָבער דערפון אַזוי אָפן, איז דאָס אַ סימן, אַז דער חשד איז נישט באַגרינדעט, ווייל אַ יידישקע וואָלט נישט אויסגעגעבן דעם סוד.

— לייג עס אַריין אין שאַנק, פרוי העלענאַ, לייג עס דיר אַוועק ווו דו ווילסט. האָסט זייער קלוג געטון, פאַרנייענדיק דאָס ביסל געלט; ווער ווייסט, צי זיי וואָלטן עס דיר נישט צוגענומען פון טאַש.

אַ שווערער שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרץ. אַ באַרואיקטע בין איך אַוועק צום „דאָקטער"; אין אמתן בין איך געפאָרן צו זאַשקאָוו.

.13

בוטקאָווסקאַ איז קראַנק און ביז איר מאַן קומט פון דער אַרבעט, באַדין איך זי. קאַזיאַ האָט מיך גרויסמוטיק „אָפּגעטרעטן" אויף עטלעכע טעג, ביז בוטקאָווסקאַ וועט געזונט ווערן. איך רוים, באָד דאָס קינד, וואַש די ווינדלען און טו אַלץ, וואָס עס פאָדערט זיך ביי אַ קראַנקן. די שכנטע „צעשווימט זיך פון דאַנקבאַרקייט". „איך וועל עס דיר קיין מאָל נישט פאַרגעסן און אָפּדינען ביי אַ גוטער געלעגנהייט" — פאַרזיכערט זי מיר.

ביים רוימען די שטוב שטויס איך זיך אָן אין פאַרפאַקטע פּעקלעך: שטיקער האַרטע און ווייכע לעדער, בינטלעך זילבער־באַשטעק, פאַרבונדן מיט שטריקלעך, וועש און אַנדערע זאַכן. אינעם באַדצימער, אין ווינקל ביי דער וואַנע — צוויי לייכטער מיט אַ חנוכה־לאָמפּ. אויפן געהאָפטענעם ציכל, נישט ווייט פונעם אָרט, ווו עס ליגט בוטקאָווסקאַס בלאָנדער קאָפּ, זעט זיך בולט אָן אַ מאָנאָגראַם פון צוויי איניציאַלן „ע. ל.". עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס אַלץ רעדט, דערציילט און וויינט אין די ווינקלען.

בוטקאָווסקאַ איז שטאַרק באַזאָרגט וועגן איר מאַן. זי דערציילט, אַז עפּעס טוט זיך דאָרט אינעם געטאָ. די יידן אָרגאַניזירן זיך. זיי האָבן פונאַנ־

דערגעקלעפּט אויפֿרופֿן קעגנצוּשטעלן זיך די דייטשן און נישט לאָזן זיך מער אויסשחטן ווי שעפּסן. „בלוט פֿאַר בלוט! נקמה!". אַזעלכע לאָזונגען טרעפֿט מען אָן אויף די געטאָ־מויערן, אויף יעדער וואַנט, אויף יעדן טויער, און זי, בוטקאָווסקאַ, שרעקט זיך, אַז עס קאָן עפּעס פּאַסירן און איר מאַן וועט נישט באַוויזן צו אַנטלויפֿן. ווען איך זע אירע צעשראָקענע אויגן, טוט מיר הנאה. אוי, וואָלט איך נאָך געוואָלט דערלעבן צו זען שרעק, פּשוטע מענטשלעכע שרעק, אין דייטשישע אויגן!

14.

ווען סטאַך באַזוכט אונדז אין מיטן טאָג, בין איך איבערצייגט, אַז ער קומט נישט גלאַט אַזוי. אויך דאָס מאָל, כאָטש ער האָט כלומרשט געבראַכט פֿאַר די קינדער אַ קאַנאַריק אין אַ קליאַטקע, האָט ער אויסגענוצט די מינוט, ווען קאַזיאַ האָט אין שטוב געזוכט אַ פּאַסיק אָרט פֿאַרן פֿייגעלע, און אַ זאָג געטון: „דער טאַטע איז ביי מיר, איך מוז מיט דיר רעדן".

ביים געזעגענען רוף איך זיך „זאָרגלאָז" אָן:

— ווילסט אפשר, סטאַכו, איך זאָל דיך באַגלייטן צום טראַמוויי?

— אדרבה. — שמייכלט ער.

ווען מיר זענען אויף דער גאַס ברוגזט זיך סטאַך און שפּייט מיט גאַל:

— העלענאַ, דאָס מעסטל איז איבערפֿולט, פּראַניאַ איז אַנטלאָפֿן פֿון דער היים, דו מוזסט נאָך היינט אַרויסנעמען דיין שווער פֿון מיר. איך האָב מורא, אַז מיינע שכנים וועלן מיך מסרן; קיין מאָל האָבן מיך נישט באַזוכט אַזוי פֿיל „משפּחה־מיטגלידער" און „באַקאַנטע", ווי לעצטנס. מיין שטיבל איז געוואָרן אַ האָטעל. גאָט איז אַן עדות, אַז איך וואָלט אייך אַלעמען אַריינגענומען, אָבער מען טאָר נישט זיין לייכטזיניק.

איך פֿרעג אויף שנעל סטאַכן, וואָס איז פּלוצלינג געשען ביי דער שעמיאַנטקאָווסקאַ. ער דערציילט, אַז די „כלבטע" האָט אונטערגעשיקט אַ כלומרשטן געסטאַפּאָ־מאַן, וואָס האָט געוואָלט דעם טאַטן שיסן, אָבער ער האָט זיך געלאָזט איבערקויפֿן מיטן ביסל צירונג און געלט, וואָס מיר האָבן ביים טאַטן איבערגעלאָזט. נאָך דעם, ווי מען האָט ביי אים אַלץ צוגענומען, האָט דער „געסטאַפּאָ־מאַן" באַפֿוילן דעם טאַטן תיכף ומיד צו פֿאַרלאָזן די וווינונג. „אויף קיין אַנדערן אופֿן וואָלט דאָך די שעמיאַנטקאָווסקאַ פֿון אים נישט פּטור געוואָרן" — זאָגט סטאַך טויב און גיט צו — „פֿאַרשטייט זיך, אַז דער טאַטע איז געקומען צו מיר. ווער ווייסט, צי מען האָט אים נישט נאָכשפּיאָנירט און ביינאַכט וועט מען קומען מיך באַרויבן; אייער לעצט ביסל סחורה, מיינע אָפּשפּאָרונגען פֿון אַ גאַנץ לעבן שווערע האָרעוואַניע, אַ יעזו!"

סטאַך דערציילט מיר אויך, אַז ישראל האָט געוואָלט אַוועקפירן דעם טאַטן צום אינזשעניער, ווו ער וואָלט אפשר געקאָנט זיין צוזאַמען מיט די איבעריקע יידן. אָבער ער, סטאַך, האָט אים נישט דערלויבט אַרויסצוגיין בייטאָג פון שטוב; ער האָט איצט מורא פאַר יעדן בליק פון די שכנים.

איך באַרואיק סטאַכן און זאָג אים צו אַרויסצונעמען דעם טאַטן פון זיין שטוב נאָך היינט, ווען עס וועט ווערן טונקל.

מיט אַ שמייכל אויפן פּנים קום איך צוריק אַריין אין שטוב, „פריי זיך" מיטן קאַנאַריק, און ווען קאַזיאַ קלייבט זיך צו פאַרן קיין פּראַגע צום מאַן, גיב איך די קינדער אַ צוזאָג אַרויסצוגיין מיט זיי אויף שפּאַציר. דאָס קליינוואַרג איז צופרידן.

און ווידער מאָביליזיר איך מיינע כוחות. די איינציקע, וואָס קומען אין באַטראַכט ביים איינאָרדענען דעם טאַטן, זענען גאַלעצקי און דער אינזשעניער. בעסער וואָלט געווען, ווען עס געלינגט מיר ביים ערשטן, ווייל ביי לענסקין איז, צוליב דער גרויסער צאָל יידן דאָרט, די סכנה אַ גרעסערע. גיי איך טאָקע מיט די קינדער צו גאַלעצקין. מיט אַזעלכע צוויי בלאָנדע קעפּלעך ביי די זייטן, וואָלט זיך יעדע יידישקע געפילט זיכער אויף דער גאַס; אויך פאַר מיר זענען זיי ווי אַ שוץ־פאַנצער (אַ יידיש מיידל פון גאַרוואָלין, אסתרס אַ באַקאַנטע, פירט זיך אַרום מיט אַ הינטל אויף אַ סמיטש; אויך דאָס איז אַ גוטע המצאה).

אויף מיין קלונג ביי גאַלעצקיס טיר, באַווייזט זיך אַ הויכער, דיקער און אומסימפּאַטישער מאַן. ווי אַ בליץ שניידט מיך אַדורך אַ שלעכט פאַר־געפיל.

— כ'האָב אַ גרוס פון יוזשעקן — זאָג איך און וויל אַריינגיין.

— וואָס פאַר אַ יוזשעק? — בייזערט זיך פרעך דער מאַן — וועמען זוכסטו דאָ?

— די משפחה גאַלעצקי.

— אין „פּאַוויאַק" זוך זיי. אין „פּאַוויאַק", צוזאַמען מיט זייערע יידן!

די טיר פאַרקלאַפּט זיך פאַר מיין נאָז. איך וויל וואָס שנעלער אַוועק פון דאַנען. עפּעס שרעקט דאָ. די קינדער זענען פאַרחידושט. איך דער־קלער זיי, אַז דער „פּאַן" איז געווען שיכור און דערפאַר האָט ער גערעדט נאַרישקייטן.

איך שלעפּ שווער די פיס. וואָס טוט מען איצט? ווו אַהין אַוועקפירן דעם טאַטן? צום אינזשעניער? אַזוי פיל יידן צוזאַמען אויף איין אָרט, ס'איז אַן איינשטעלעניש! בעסער וואָלט געווען ערגעץ אַנדערש. אפשר אַרויספירן אים אויף שוו.־יאַנסקאַ? דאָס בוידעם־שטיבל דאָרט געהערט נאָך צו אונדז, איך האָב דעם שליסל. די שכנים ווייסן, אַז מיר זענען ביי

קרובים אין דאָרף. ווער וועט אָבער אַרויפטראָגן עסן דעם טאַטן? ער וועט געפרוירן ווערן פון קעלט. און טאָמער וועט וועלכער שכן דערהערן, אַז עס געפינט זיך עמעצער אינעם שטיבל? ניין! ס׳איז נאָך געפערלעכער, ווי ביים אינזשעניער.

די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך און איך זוך אין זכרון אַלע צופעליק באַגעגנטע פּאָלאַקן. איך דערמאָן זיך אין דער משפחה קוציק. אויך צו זיי פלעג איך ברענגען וויצקאַס בולעטינען. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי זענען אָרנטלעכע מענטשן. קוציק — אַ שניידער פון פאַך, האָט אַ ווייב און אַ פינף־יעריק מיידעלע. זייער וווינונג באַשטייט פון איין צימער מיט אַ קליין קיכל. אין דעם זעלבן צימער פירט ער זיין ווערקשטאַט. ער פאַר־דינט נישט גענוג ביי זיין אַרבעט; אפשר וועלן זיי כאָטש אויף אַ קורצער צייט אַריינגעמען צו זיך דעם טאַטן.

איך פיר אָפּ די קינדער אַהיים, לאָז זיי איבער אונטער דער אויפזיכט פון דער בוטקאָווסקאַ; איך זאָג איר, אַז כ׳האָב מיך אָקערשט דערוווסט וועגן אַרעסט פון מיינעם אַ באַקאַנטן און איך מוז געבן צו וויסן זיין ווייב, וואָס איז ביי דער אַרבעט. בוטקאָווסקאַ האָט מיין דערקלערונג אָנגענומען אָן פאַרוווּנדערונג, ווייל דאָס אַרעסטירן פּאָלאַקן איז געווען אַ נאָרמאַלע, טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

די קוציקס דערפרייען זיך מיט מיר. איך דערצייל וועגן דער סיבה, וואָס האָט מיך אַהערגעברענגט און בעט זייער הילף. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב גלייך צוגעזאָגט צו געבן צוויי טויזנט פינף הונדערט זלאָטעס אַ חודש און באַצאָלן אַפילו פאַר צוויי חדשים פאָרויס.

קוציק איז אַ הויכער, דיקער און זייער שיינער מאַנספאַרשוין. זיין גוטמוטיק, פעט פנים, ברוינע, קינדערישע אויגן האָבן אין זיך אַן אומ־באַהאָלפנקייט פון אַ מאַן, וואָס ווערט שנעל באַאיינפלוסט פון פרויען און פון אַלץ, וואָס פאַרשאַפט פרייד. ווען קוציק לאַכט, הילכט זיין געלעכטער אָפּ משונהדיק און נאַריש.

זיין שוואַרצהנעוודיק, שלאַנק וייבל, סטעניאַ, שאַפט אַרום זיך אַן אַטמאָספער פון רואיקייט און וואַרעמקייט. מען פילט אויס אין איר אַ שטאַרקע ליבשאַפט צום מאַן און אַ סך געדולד צום קינד. די קליינע, פינף־יעריקע לענקאַ האָט געירשנט די גאַנצע אויסערלעכע שיינקייט פון אי־רע עלטערן.

ביי איינעם פון מיינע פריערדיקע וויזיטן האָט סטעניאַ גערעדט וועגן יידן מיט אַ סך מיטלייד. „ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ דירה ווי מייז שוויגער", — האָט זי דעמאָלט געזאָגט — „וואָלט איך אַפילו צען יידן אויסבאַהאַלטן".

איצט, אויף מיין פאָרשלאָג בנוגע דעם טאַטן, דערקלערט קוציק, אַז ער וועט איבערשמועסן מיט זיין מוטער. די מוטער זיינע, טערעסאַ, איז אַן איינזאַמע אלמנה, האָט אין זשאַליבאָזש אַ ווילע אָן שכנים; אַ גאַנצן טאָג איז זי אויסער דער היים, ווייל זי אַרבעט אַלס אויפזעערין אין אַ יתומים־הויז. סטעניאַ גלייבט, אַז איר שוויגער וועט מסכים זיין אויסצובאַהאַלטן דעם טאַטן, כדי צו פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלע לאַגע.

איך דערפריי זיך מיט מיין אומגעריכט „גליק" און בעט, זיי זאָלן זיך נאָך היינט פאַרשטענדיקן מיט דער מוטער און ווען ס'וועט ווערן טונקל, וועל איך אָוועקפירן דעם טאַטן קיין זשאַליבאָזש.

קוציק אָבער איילט זיך נישט. ער איז אַזוי רואיק, ווי די נישט־אויסגעפאַרטיקטע מאַרינאַרקע אויף זיין קני. סטעניאַ גלעט דאָס קעפּל פונעם קינד, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף איר אָרעם.

— באַלקו, — זאָגט זי ווייך צום מאַן — איך וועל צופאָרן צו דער מאַמען, גוט?

— קודם כל מוז איך זען דעם ייד. אפשר וועט ער מיר בכלל נישט געפעלן! — בייגט קוציק אָן מעלאַנכאָליש זיין רונדן קאָפּ.

— איך ברענג אים גלייך אַהער — כאַפּ איך זיך אויף און שוין בין איך אויף דער גאַס, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער. כ'האָב מורא, אַז קוציק וועט הייסן ברענגען דעם טאַטן ערשט מאָרגן און איך מוז אים דאָך נאָך היינט אַרויסנעמען פון סטאַכן! איך וויל זיך אַליין באַרואיקן און רעד מיר איין, אַז דער טאַטע, אַרויפקומענדיק צו די קוציקס, וועט שוין דאָרט פאַרבלייבן.

דער וועג צו דער קאָשטשעלנאַ גאַס גיי איך אַדורך אַזוי שנעל, ווי עס איז נאָר „דערלויבט" פאַר אַ יידישקע, זי זאָל נישט ציען אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט מיט צו שנעלע טריט. סטאַכס שכנטעס זאָלן מיך נאָר נישט באַמערקן! ס'איז אָבער נישטאָ קיין ברירה, איך מוז אַריינגיין. שוין לאַנג דאָ נישט געווען, אפשר געדענקען זיי נישט מיין פנים. ווי דורך אַ בראַנד לויף איך אַדורך דעם הויף, די פּאָר טרעפּלעך.

דער טאַטע זיצט ביים טיש אַ צופרידענער פון זיין אומגעריכטער „פרייהייט" און גלייכצייטיק אַ נישט־זיכערער. ער זעט אויס ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך אַרויסגענאַרט פון „חדר", אָדער אַזוי ווי אַן אַלטער מאַן, וועמען אַ גוטער גורל האָט גענומען אונטערן אָרעם. ער קוועלט ממש אָן דערפון, וואָס ווידער איז ער צווישן אייגענע און נישט הינטער דער פּאַראַנג, צווישן אַלטע לאַכעס. ער כאַפּט מיך אַרום, קושט מיינע האָר, רעדט שטיל, באַהערשט די טרערן, וואָס דרייען זיך אים אין די אויגן און ווערט מינוטנווייז אַזוי אונטערטעניק, קינדעריש אומבאַהאָלפן, אַז עס כאַפּט אָזש

אַן אַ רחמנות, קוקנדיק אויף זיינע געבויגענע פּלייצעס, איינגעפאַלענע באַקן און גוטע אויגן. ער פרעגט נישט, צי כ'האָב פאַר אים אַ נייעם מקום. ער וויל נישט קלערן. ער איז דאָך ווידער מיט אונדז צוזאַמען, זיצט ביים טיש גלייך מיט אַלעמען.

ישראל איז שטאַרק דערשלאָגן. פון סטאַכן זעצט אַ בייזקייט. זיינע ברעמען זענען צוזאַמענגעצויגן, די אויגן — שפּיזיק שאַרף.

— קום, טאַטעשי — ווענד איך זיך צו אים.

— חיהלע, שוין?! ווו אַהין?

ער ווערט פּלוצלינג טרויעריק, צעטומלט, ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַ גרויסע זינד.

איך דערצייל וועגן נייעם אָרט, נעם ביי ישראלן געלט און באַלד פאַרלאָזן מיר ביידע סטאַכס שטיבל. איך גיי פאָרויס, דער טאַטע — נאָך מיר. דאָס מאָל שווייגט ער. היינט איז ער דערפאַרענער ווי דעמאָלט, ווען כ'האָב אים אַרויסגעפירט פון געטאָ.

קוציקן געפעלט דער טאַטע. „ער זעט דאָך גאָרנישט אויס ווי אַ ייד!“— פרייט ער זיך. איך גיב אים דריי טויזנט זלאָטעס האַנטגעלט, זאָג צו מאָרגן צו קומען און לויף „אַהיים“.

„געלט“ — טראַכט איך מיר, שפּרייזנדיק איבער די גאַסן — „האָט כמעט אַן אומבאַגרענעצטן כוח. קוציק שטעלט איין זיין מוטערס לעבן פאַר געלט, איך קויף מיין שוועסטערס לעבן פאַר געלט. וואָס וועט אָבער זיין, אויב די מלחמה וועט נאָך געדויערן לאַנג און אונדזער ביסל סחורה מיטן צירונג וועלן זיך ענדיקן? עס צעשווימען זיך טויזנטערס ווי וואַסער! אַלץ, וואָס איז געווען באַהאַלטן ביי זאָשקאַן, האָבן מיר שוין פאַרקויפט, ביי סטאַכן אין קופערט איז געוואָרן אַ סך לויזער. אָבער צו וואָס אַריינ־טראַכטן? אויב עס וועלן נישט אונטערקומען קיין „ווסיפּעס“, וועט קלעקן דאָס, וואָס מיר האָבן נאָך. סטאַך וו'ל ביי ישראלן נישט נעמען מער ווי פינף הונדערט זלאָטעס אַ חודש, מיין „לעבן“ קאָסט מיך גאָרנישט, אָבער ווער קאָן וויסן, וואָס עס דערוואַרט אונדז נאָך?“

— —

קאַזיאַ איז שוין אין דער היים. זי איז עפּעס אומרואיק, אָבער שטעלט נישט קיין פראַגן. אַ פאַרפאַרעטע ביים צוגרייטן אָוונט־ברויט, קוקט זי נישט אין מיין זייט. יוזעף וועט באַלד אַהיימקומען. איך פיל זיך שולדיק צוליבן פאַרנאַכלעסיקן מיינע פליכטן און פאַרענטפער זיך: „עס איז דאָך געשען אַן אומגליק ביי מיינעם אַ באַקאַנטן, וועלכן מ'האָט אַרעסטירט און איך האָב געמוזט טון מיין מענטשלעכע פליכט און מודיע זיין דער פרוי“.

איך פאַרשאַרץ די אַרבל און נעם זיך פלייסיק צו דער אַרבעט.

.15

קאַזיאַ האָט מיך נאָך קיין איין מאָל נישט אויסגעפרעגט וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט (זי ווייסט נישט מער ווי דאָס, וואָס סטאַך האָט איר דער־ציילט). איך באַוווּנדער זי טאַקע. פּאָלאַקן זענען בדרך כלל נישט נייגעריק; ווען איך וואָלט געוווינט ביי אַ יידישקע, וואָלט זי שוין אַלץ געוואָלט וויסן. ישראל זאָגט, אַז נייגעריקייט ברענגט צו וויסן און אָביעקטיוו געגומען, האַלט ער גאָרנישט פאַר קיין מעלה אָט דעם כאַראַקטער־שטריך ביי קאַזיאַן. איך אָבער בין זי מקנא. איר רואיקייט, איר באַהערשטקייט ווירקט גוט אויף די אַרומיקע און בפרט אויף די קינדער. און אויב זי איז שוין יאָ נייגעריק, קאָן זי זיך אויך באַהערשן.

זי האָט מיר דערציילט, אַז אַרויסגייענדיק פון איר מאַנס געוועלב, האָט זיך צו איר דערנענטערט אַן עלטערע, אומבאַקאַנטע פרוי און איבערגעגעבן אין קורצע ווערטער, אַז יוזעף האָט אַ געליבטע און יעדן טאָג נאָכן פאַר־מאַכן דאָס געוועלב פאַרברענגט ער מיט דער דאָזיקער פרוי אַ צוויי שעה. „דיר שטערט עס עפּעס?״ — האָט זי קאַזיאַ געפרעגט — „ווייל מיר נישט!״. די עלטערע פרוי איז גלייך נעלם געוואָרן.

דער צווייטער פאַקט האָט מיך אַ ביסל באַאומרואיקט און גלייכצייטיק אַרויסגערופן אַן אינערלעכן שמייכל:

— פרוי העלענאַ, — זאָגט צו מיר אַנומלט קאַזיאַ — האָט דיר סטאַך דערציילט, אַז ער האָט באַקאַנטע יידן? זיי האָבן ביי אים באַהאַלטן מי יודע וויפל סחורות און אַפילו בעטוועש. פראַניאַ האָט מיר דאָס אַלץ איין מאָל געוויזן; איך זאָג דיר — אַן עשירות. כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט וויסן, צי „זיינע יידן״ זענען אַרויס פון געטאָ, אָדער זענען אומגעקומען. פאַרן פאַרמאַכן דעם געטאָ האָב איך דאָס יידישע פאַרפאָלק געזען ביי סטאַכן. ביידע זייער שיינע און עלעגאַנטע. ער אַ הויכער, שלאַנקער, דאַכט זיך אַפילו, אַז אַ בלאָנדער. זי איז מיר ווי לעבעדיק געבליבן אין זכרון: אַ שאַטינקע מיט אַ קיילעכדיק פּנים, הויכן שטערן, גרינע אויגן און קורצע, דיקע נאָז. כ׳געדענק אַפילו דעם ווייסן, מאָדערנעם מאַנטל, וואָס זי האָט געטראָגן (אוי, וואָלט מיר אַזאַ מאַנטל צו נוץ געקומען!). ביידע גאָרנישט ענלעך צו יידן. און אַ פּויליש האָבן זיי גערעדט פּונקט ווי אמתע פּאָלאַקן. זי, די יידישקע, האָט זיך ביים געזעגענען געקושט מיט פראַניאַן. אויב זיי לעבן נישט, וועלן די סטאַכעס רייך ווערן. כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט וויסן, וואָס ס׳איז מיט זיי געוואָרן.

— פאַר וואָס זשע פרעגסטו נישט? — וווּנדער איך זיך.

— איך זאָל פרעגן? ניין. אויב זיי זאָגן מיר נישט, וואָלט געווען אומ־טאַקטיש זיך צו פרעגן. אפשר זשענירן זיי זיך דערפון צו רעדן. דו ביסט דאָך זייערס אַ קוזינקע, האָבן זיי דיר נישט דערציילט דערפון?

— ניין, זיי האָבן מיר גאָרנישט געזאָגט, אָבער איך דערמאָן זיך, אַז עפּעס האָב איך יאָ געהערט. מיר דאַכט זיך, אַז די דאָזיקע יידישע משפחה לעבט נישט מער.

— אַ שאָד, זיי האָבן זיך געקאָנט שמדן. סטאָך האָט זיי געדאַרפט העלפן.

— און דו וואָלסט געהאָלפן יידן? — פרעג איך אַ נייגעריקע.

— יאָ. אויב כ׳וואָלט געהאַט באַקאַנטע יידן, וואָלט איך זיי געהאָלפן. יידן קאָנען זיין דאַנקבאַר. מיינס אַ מומע האָט געהאַט אַ יידישע חברטאָרין, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. האָט זי איר אַלע מאָל געשיקט פעקלעך, וואָס פאַר אַ הערלעכע זאַכן!

— און דו וואָלסט אַריינגענומען צו זיך יידן?

— צו מיר? ניין. עס דראָט דאָך טויטשטראָף. כ׳וואָלט נישט געוואָלט איינשטעלן די קינדער, כ׳וואָלט זיי געהאָלפן אויף אַנדערע אופנים.

— טאָ ווי אַזוי וואָלסטו זיי געהאָלפן?

— לאָמיר זאָגן, אַז אַ ייד איז באַהאַלטן ערגעץ דאָ אין די חורבות, וואָלט איך אים געטראָגן עסן קיינער זאָל נישט זען.

— איך אויך, — זאָג איך שטיל — זיי זענען זייער אומגליקלעך און מען דאַרף זיי העלפן. אָבער מיר טוען גאָרנישט פאַר זיי.

איך האָב קאַזיאַן ליב. זי האָט אין זיך אַ סך פשטות און גוטמוטיקייט. אָבער מער פאַר אַלץ באַוווּנדער איך איר טאַקטישקייט.

16.

די קינדער אויפן הויף, ווען איינס וויל דאָס צווייטע באַליידיקן, שרייען זיי צו זיך „זשיד" אָדער „זשידוואַ". דאָס איז, אין זייער באַגריף, דאָס ערגסטע זידל־וואָרט.

שבת, ווען כ׳האָב אויסגעלאָזט אַ שטיק סלאָנינע (חזיר־שמאַלץ), האָט רישעק פאַרלאַנגט אַ פאַרציע גריוון. איך האָב אים קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט שילשול און די גריוון קאָנען גורם זיין אַן ערנסטע קראַנ־קייט. ער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, געוויינט, געטופּעט מיט די פיס און ווען דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, האָט ער אָנגעהויבן שרייען „זשי־דוואַ", „סאַלטשאַ!". איך האָב אויפגעציטערט. וואָס טוט מען? קאַזיאַ איז אין שטאָט. ווער איך אים געבן די גריוון, קאָן ער באַצאָלן מיטן לעבן; ווער איך אים נישט געבן, קאָן איך אפשר באַצאָלן מיטן לעבן. וואָס טוט

מען? ער הערט נישט אויף צו שרייען „זשידוווא״, אַז די שויבן ציטערן.
— רישעק, — נעם איך אַ גריוו אויפן לעפל — אויב דו וועסט אויפעסן די גריוו, וועסטו שטאַרבן און דו ווייסט וואָס עס איז אַזעלכעס „טויט״?!
ער בלייבט אַ רגע שטיל און איך הייב אים אָן דערציילן, ווי אַזוי עס זעט אויס אויף יענער וועלט; אַז דערפאַר, וואָס ער האָט מיך אַזוי באַליידיקט, וועט מען אים דאָרט אָפּבראָטן, מאַכן פון אים גריוון און שדים וועלן די גריוון עסן. איך טראַכט אויס די שוידערלעכסטע מעשיות און באַמערק, ווי דער קליינער שאַרט זיך נענטער צו צו מיר און זיפּצט שווער אָפּ. איך מאַך אים אַ מילך־פּודינג, זיין באַליבט מאכל, און ער פאַרגעסט וועגן די גריוון.
— רישעק, — רעד איך צו אים וואַרעם און צערטלעך — וועסט מער נישט באַליידיקן קיינעם מיט דעם שרעקלעכן וואָרט „זשיד״?
— ניין.
— זאָגסטו עס מיר צו?
— איך זאָג צו.
— גיב מיר אַ קוש און פאַרבינד מיין פינגער מיט דיינעם. דאָס איז אַ שבועה.
ער טוט אַלץ, וואָס איך פאַרלאַנג און מיר בלייבן „חבר״.

17.

דער טאַטע איז אין זשאָליבאָזש. זונטיק זענען מיר צו אים געגאַנגען דאָס ערשטע מאָל. סטעניאַ האָט אונדז געפירט.
די טיר האָט אויפגעמאַכט קוציקס מוטער, טערעסאַ, אַ פרוי בערך אַ זעכציק־יעריקע, אַ קליינע, אויסגעדאַרטע, מיט שיטערע גרויע האָר, צעאָקערט פּנים און שטרענגן בליק. אירע, כמעט פירקאַנטיקע, דלאָניעס זענען שטאַרק אויסגעאַרבעט און געדרונצלט, ווי ביי אַ פּראָפעסיאָנעלער וועשין. טערעסאַ רעדט נישט פיל און ווען זי שמייכלט צו דער שנור, ווערט איר פּנים באַצויגן, ווי מיט אַ גרימאַסע.
די ווילע האָט פיר צימערן: אונטן צוויי און אויבן צוויי. פון האָל פירן געדרייטע, ווייסע טרעפּ צו דער שטיב, וווּ דער טאַטע געפינט זיך.
ער דערפרייט זיך מיט אונדז שטאַרק. זיין פּנים איז פולער, די אויגן אַ סך רואיקער, ווי ביי דער שעמיאַנטקאָווסקאַ; מען קאָן זאָגן, אַז ער איז צופרידן. אַ גאַנצן טאָג געפינט ער זיך אין דער ווילע אַליין, טערעסאַ קומט אַהיים אין אָוונט. דעמאָלט באַקומט דער טאַטע וואַרעמע זופּ, פלייש און הייסע טיי. בייטאָג האָט ער מורא איינצוהייצן, ווייל דער רויך קאָן פאַרראַטן. די שכנים פון די אַרומיקע ווילעס ווייסן, אַז טערעסאַ אַרבעט

און די דירה איז ליידיק. דאָס פענצטערביים טאַטן איז פאַרהאָנגען מיט אַ ווייס טישטעך. אין דער זייט פונעם טישטעך איז פאַראַן אַ לאָך, דורך וועלכן ער קוקט אַרויס אויף גאַס וועלט. איבערן טאַטנס בעט אויף דער וואַנט, הענגט אַ טונקעלער, אָפּגענוצטער גאַבעלין. ווען ער הייבט אים אונטער, דערזען מיר אַ טירל וואָס אונטערשיידט זיך קוים פון דער ווייסער וואַנט. ער גייט אַרויף אויפן בעט און מאַכט עס אויף. עס באַווייזט זיך אַ קליינטשיק, דרייעקיק קעמערל, אַן ערשטקלאַסיק באַהעלטעניש אין פאַל פון אַ סכנה. דער טאַטע ליגט כמעט אַ גאַנצן טאָג אין בעט און דעמאָלט, ווען ער דאַרף אַראָפּגיין, גייט ער אַרום אין די זאָקן.

ווי שרעקלעך זענען אַזעלכע ליידיקע טעג! דער טאַטע באַקלאָגט זיך אָבער נישט און איז גליקלעך, וואָס מיר זענען געקומען. „ביידע צוזאַמען, ווי שיין, קינדער, כ׳האָב אייך נישט מיט וואָס מכבד צו זיין" — און שוין וויינט ער. ישראל גאָלט אים אָפּ, איבערלאָזנדיק די וואָנסעס, וואָס זענען לאַנג און מאַכן אים ענלעך צו אַ פּוילישן שלאַכטשיץ. מיר האָבן געברענגט דעם טאַטן אַ וואַליזע מיט עסן: קוכן, וווּרשט, אייער, פּוטער, געפּרייכערט פלייש און אַפילו אַ פלעשל בראַנפן. ביים אַוועקגיין צעהעשעט ער זיך שטאַרק, האַלדזט אונדז און קושט אונדז נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל.

סטעפאַניאַ בעט מיר זאָלן אַהיימפאָרנדיק, אָפּטרעטן ביי איר מאַן, ער וויל מיט אונדז רעדן. מיר פאָרן טאַקע גלייך צו אים צו.

קוציק פאַרלאַנגט, מיר זאָלן אים באַצאָלן פאַר אַ האַלב יאָר פאָרויס. ער טענהט, אַז „אויב ער שטעלט שוין יאָ איין זיין מוטערס קאָפּ, וויל ער דערפאַר עפּעס האָבן. דריי טויזנט זלאָטעס איז סיי ווי סיי ווייניק, וויל ער לכל הפחות באַקומען פאַר זעקס חדשים פאָרויס. מיר זענען מסכים צו געבן פאַר דריי חדשים, ווייל מער האָבן מיר דערווייל נישט. נאָך לאַנגע דינגעניש, נאָכן געבן אים צו פאַרשטיין, אַז מיר זענען דאָך נישט קיין מיליאָנערן — באַשטייט ער. מיר רעגולירן דעם רעכענונג און טרינקען „לחיים".

.18

אַ געוויסן פאַרנאַכט, גייענדיק צו די קוציקס, האָב איך אויף מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס געטראָפן מאַניושאַ ז., אַ באַקאַנטע פון דער געטאָ־צייט. איך האָב זי קוים דערקענט. אַ פאָר חדשים פאַרן אָנהייב פון דער אויסזידלונג האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ רייכן און שיינעם בחור. איך האָב זי געזען ביי דער חופה. זי האָט דעמאָלט אויסגעזען מיט אירע צוואַנציק יאָר ווי אַ בליענדיקע רויז, פול מיט כישוף און רייץ. איצט איז איר פּנים

צעאַקערט, איינגעשרומפּן. די אויגן פאַרלאָשן, קראַנק און פול מיט יאוש.

— מאַניושאַ!

זי האָט מיך אַרומגעכאַפּט און איינגעגראָבן איר קאָפּ אין מיין אַקסל, העשענדיק שטיל.

— מאַניושאַ, באַרואיק זיך, עס קאָן עמעצער באַמערקן. קום, מיר וועלן אַריינגיין אין זאַקסישן גאָרטן, וווּ קיינער וועט אונדז נישט שטערן.

אויף אַ זייטיקער באַנק, צוגעטוליעט איינע צו דער צווייטער, האָט זי אָן אויפהער געשעפּטשעט, ווי זי וואָלט לאַנג געוואַרט אויף דער מינוט צו טרעפן אַן אייגענעם און האָבן די מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך פון די אָנגעזאַמלטע פּיין און ליידן.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דעם דערציילן, זיך דערוויסט וועגן טויט פון די עלטערן און שוועסטער, וועגן מאַניושאַס אַרויסבאַקומען זיך פון געטאָ צוזאַמען מיטן מאַן און זיינס אַ קוזינקע, אַ סטודענטין. כ'האָב געהערט וועגן אָפּט געטוישטע באַהעלטענישן, וועגן „ווסיפּעס", שאַנ־טאַזשן, צעשווומענע סומעס געלט, געפערלעכע מאָמענטן, ראַנגלע־נישן, וועגן דעם אַלעם, וואָס איז מיר אַזוי באַקאַנט און „פאַרשטענדלעך". און דערנאָך האָב איך געהערט אַ געשיכטע וועגן אירע פּערזענלעכע און אינטימע ליידן:

אַ באַקאַנטע פּאָלקע האָט צו זיך אַריינגענומען מאַניושאַן מיט יורעקן, איר מאַן. יורעק פלעגט ביי־טאָג נישט פאַרלאָזן די וווינונג, מאַניושאַ אָבער, אַ סלאַווישער טיפּ, איז יאָ פון צייט צו צייט אַרויסגעגאַנגען. איין מאָל האָט זי זיך אָנגעשטויסן אין אַ שכנה פון הויז, אַ פּאָלקסדייטשקע, אַן אַמאָליקע קונהטע פון זייער ווייך־געשעפט. די פרוי האָט זי דערקענט און געוואָרנט (נישט וויסנדיק אַפילו, אַז מאַניושאַ וווינט טאַקע אין דעם הויז), זי זאָל זיך מער דאָ נישט באַווייזן, ווייל זי וועט מודיע זיין אין געסטאַפּאָ. דעם זעלבן טאָג האָט מאַניושאַ זיך אויסגעזוכט אַ צווייטן פּלאַץ און אַזוי איז זי אָוועקגעריסן געוואָרן פון איר מאַן, וועלכן זי האָט אומבאַגרענעצט ליב. „עס דאַכט זיך מיר", — האָט זי געזאָגט — „אַז די גאַנצע ליבשאַפט, וואָס כ'האָב פאַרמאָגט פאַר טאַטע־מאַמע, שוועסטער און קרובים, האָב איך איי־בערגעגאָסן אין יורעקן". צוויי מאָל אין דער וואָך, אין אַ פאָרויס באַשטימ־טער אָוונט־שעה, פלעגט זיך דאָס פאָרפּאָלק טרעפן אין גאַס.

יורעקס קוזינע האָט זיך געפונען אין אַ דאָרף, ביי זייער געוועזענעם סטרוזש. עמעצער האָט זי געמסרט, אונטערגעשיקט צוויי פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן צוגערויבט אַ גרעסערע סומע געלט. נאָך דער מסירה האָט די קוזינקע געמוזט פאַרלאָזן דאָס דאָרף און איז אָנגעקומען צו יורעקן. די בעל־בתים פון דער וווינונג האָבן מסכים געווען זי צו האַלטן אַ קורצע

צייט, ביז ס'וועט זיך געפינען אַ צווייטער פּלאַץ. דערווייל זיצט זי שוין דאָרטן אַ האַלב יאָר און די פּאָלקע וואָרנט מאַניושאַן, אַז יורעק וועט זיך פאַרליבן אין זיין קוזינקע. „די אייפערזוכט מאַטערט און נאָגט, פרעסט זיך איין אין מוח, מאַכט פשוט משוגע און פאַרמיאוסט דאָס לעבן" — באַקלאָגט זיך מאַניושאַ.

— ביסטו זיכער, — פרעג איך — אַז דיין מאַן פאַרראַט דיך?

— אָ, ווען איך וואָלט געווען זיכער, וואָלט מיר אפשר בעסער געווען. דאָס זיין אין ספק פייניקט ווי אַ שווערע קראַנקייט. איז עס מעגלעך, — פרעגט זי מיך — איז עס מעגלעך, אַז ביי אונדזערע אומשטאַנדן, אין אַזאַ געיעג צווישן טויט און לעבן, ווען אַרום און אַרום פאַרטיליקט מען מיליאַנען יידן, זאָל זיך קאָנען וועבן אַ ליבע? יורעקס בעל־הביתטע קאָן עס זיך דאַכטן, ווייל איר טאָג־טעגלעך לעבן גייט נאָרמאַל. זי נאַפטאַלינירט מלבושים, לייגט איין קרויט, ווייגט ווען עס ווערט איר צעבראָכן אַ טעלער. אָבער מיר, יידן? מיר אַלע זענען דאָך נאָר שאָטנס פון מענטשן; אונדזער ליבשאַפט פון איינעם צום צווייטן איז אַ פּחד, אַז עס זאָל עמעצן פון אונדז נישט געשען קיין שלעכטס; אונדזער לישבאַפט איז אַ מין קלאַמערן זיך אין נאָענטן, וואָס קאָן יעדע מינוט פאַרשווינדן אויף אייביק. טאָ ווי אַזוי איז מעגלעך צו גלייבן אין דער בעל־הביתטעס ווערטער?

...„איך וויל זיך אַליין באַרואיקן, איבערצייגן, אַז עס איז ליגנט. אָבער איך האָב אין געטאָ געזען אומפאַרשטענדלעכע זאַכן: אַ מאַן, פון וועלכן מען האָט אין דער פרי אַוועקגעריסן זיין באַליבט ווייב, האָט אין אָוונט געהאַט אַ צווייטע. דאָס זעלבע איז געווען מיט פרויען, אַפילו מיט מוטערס פון אומגעקומענע קינדער. אַלע האָבן זיי זיך געוואָלט פאַרגעסן, פילן נעבן זיך אַ וואַרעמען מענטש, אַ צווייטן אומגליקלעכן!"

מאַניושאַ ווערט אַ רגע שטיל. איך דערמאָן זיך וועגן די לעצטע צייטן אין געטאָ. זי איז גערעכט. דאָס לעבן האָט דאָרטן געדויערט טעג, שעהן אָדער רגעס. דער פּחד, אַז מאָרגן וועט זיך אַלץ ענדיקן, האָט באַפרייט פון פליכטן, פאַראַנטוואָרטלעכקייט, עטיק און מאָראַל.

— מאַניושאַ, — נעם איך זי אָן ביי דער האַנט — עס דאַכט זיך דיר, אַז ער פאַרראַט דיך. באַהערש זיך, קלער רואיק; דו ביסט יונג, שיין, האָסט אַ ווערט, ביסט אָבער אָפּגעשוואַכט און פאַראייַנזאַמט און דאָס ווירקט אויף דיר. דיין מאַן האָט דיך אַזוי ליב, ווי דו אים, וועסט זיך איבערצייגן.

— יאָ, — רייסט זי מיר איבער — איך וויל אויך אַזוי טראַכטן, אָבער ווען עס קומט דער אָוונט, ציט מיך אָן אומבאַגרייפלעכער כוח צו דער געגנט פון יורעקס הויז. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל זיך דאָרט דער־

וויסן דעם אמת, אַז כ׳וועל דאָרטן געוואָר ווערן עפּעס ממשותדיקס. איך מוז דאָך וויסן, צי דאָס, וואָס איז מיר געבליבן, גייט נישט אונטער, צי עס לוינט זיך נאָך צו לעבן. אַן אַרומגעהילטע אין אַ טוך שטיי איך לאַנגע שעהן אין די קעגנאיבערדיקע טויערן און גיב זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון פון דער סכנה, וואָס דראָט מיר יעדע מינוט. איך פיל נישט, ווי פון קעלט ווערן מיר פאַרשטייפט די פיס. נישט איין מאָל קוקט עמעצער אויף מיר אַזוי מאָדנע; נישט איין מאָל פאַררייכערט ווער אַ ציגאַרעט, כדי צו באַלייכטן מיין פנים; נישט איין מאָל בעט איך ביי גאָט, מען זאָל מיך כאַפּן און דערשיסן. איך באַוווּנדער די קראַפט פון אייפערזוכט, וואָס איז שטאַרקער פון הונגער, קעלט, מורא פאַרן טויט, שטאַרקער פון לאָגיק און פון כבוד צו זיך אַליין. אַלץ ווערט פאַרשלינגען פונעם עקשנותדיקן ווילן צו אַנטפּלעקן דעם אמת. וואָס שפּלדיקער כ׳ווער אין מיינע אייגענע אויגן, וואָס געפערלעכער עס ווערט דאָס שטיין שעהן לאַנג אויף איין אָרט, אַלץ מער בייסט זיך איין אין האַרצן אַ פאַרדראָס, ממש אַ שנאה צו זייביידן.

— מאַניושאַ, — נעם איך זי אַרום — וואָלסטו בעסער געוואָלט מען זאָל יורעקן דערשיסן, אָדער ער זאָל בלייבן לעבן, אַפילו ווען דאָס וואָס די גויע האָט דיר געזאָגט זאָל זיין אמת?

איך דערפיל, ווי אַ ציטער לויפט אַדורך איבער איר קערפּער און באַלד ענטפערט זי:

— ער זאָל בלייבן לעבן! יאָ, ער זאָל בלייבן לעבן, אָבער איך וואָלט מער נישט געוואָלט ליידן.

— און אויב דיין דעזערטירן וואָלט אויך אים אומגעברענגט?

איך דערמאָן זיך אַ געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט אין סטאַצק און וואָס אסתר האָט מיר געהאַט דערציילט מיט אַ צוויי יאָר צוריק, ווען זי פּלעגט קומען צו אונדז צו פאָרן אין געטאָ אַריין. איך דערצייל מאַניושן, אַזוי ווי כ׳האָב עס געהערט פון אסתרן:

„אַ סטאַצקער ייד, אַ שטילער, אַ בכבודיקער, האָט זיך צעקריגט מיט זיין שוואָגער, מיט וועלכן ער האָט געפירט אַ בשותפותדיקן מסחר. ביידע משפחות זענען זיך געוועזן זייער איבערגעגעבן און זיי האָבן שטענדיק געלעבט בשלום. קיינער פון די שכנים האָט נישט געוווּסט, וואָס עס האָט דערפירט צו דער קריגעריי; דער שטילער קאַמף איז געוועזן פאַרהילט אין סודות. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז איינער פון די צוויי שוואָגערס אַוועק צו פוס קיין זשעלעכאָוו און פאַר נאַכט איז ער געקומען צו פאָרן צוזאַמען מיט עטלעכע זשאַנדאַרן. ער האָט די דייטשן אַריינגעפירט אינעם שותפותדיקן הויז און אָנגעוויזן אויף אַ באַהעלטעניש ביים קאַכל־אויוון,

ווי עס איז געווען פאַרשטעקט דאָס גאַנצע געלט, צירונג און אויסלענ־דישע וואַלוטע פון ביידע שוואָגערס. פאַרשטייט זיך, אַז די דייטשן האָבן אַלץ צוגענומען. אַלע יידן אין שטעטל זענען געשטאַנען פאַר אַ טרויעריק רעטעניש, אָבער קיינער האָט זיך נישט דערוווסט די אמתדיקע סיבה פון דעם דאָזיקן שריט. טייל האָבן געזאָגט, אַז עס איז אַנטשטאַנען אַ געלט־סיכסוך, אַנדערע — אַז דאָס איז געווען אַ נקמה־אַקט אויפן גרונט פון אייפערזוכט. דער מוסר זאָל האָבן חושד געווען זיין ווייב, אַז זי פאַרראַט אים מיטן שוואָגער. אסתר האָט זיך דעמאָלט געוווּנדערט: — מילא — האָט זי געזאָגט — איך פאַרשטיי, אַז עס קאָן באַפאַלן אַ משוגענע מינוט, דער דאָזיקער ייד איז אָבער געגאַנגען אַכצן קילאָמעטער צו פוס און דאָס האָט געדויערט עטלעכע שעה, האָט ער דאָך געהאַט גענוג צייט זיך צו באַרעכענען און פאַרשטיין, צו וואָס אַזאַ שריט וועט דערפירן, פון דעסט וועגן האָט ער זיך נישט אויסגענ׳יכטערט״.

— עקלהאַפט — שאָקלט זיך מאַניושקאַ אָפּ, ווי פון אַן אומריינקייט.

— טאָ פאַר וואָס זשע שטייטסטו לאַנגע שעהן דאָרט אין די טויערן ?— פרעג איך מיט תרעומות.

— איך קאָן זיך נישט באַהערשן, „דאָס״ איז שטאַרקער פון מיר — ציטערן אירע ליפּן.

— ווייסט דיין מאַן, וואָס דו לעבסט אַדורך ?

— ניין, כ׳שעם זיך דערפון צו רעדן, טאָמער איז עס ליגן.

— טוסט נישט גוט. רעד מיט אים אָפן, מוטיק, ווי אַ מוטער מיט אַ קינד. זאָל ער זען, אַז דו ביסט אַ דערוואַקסענער מענטש, וואָס איז בכוח אָפילו אַזאַ קלאַפּ איבערצוטראָגן.

— הייסט עס מיר טון ?

— אומבאַדינגט !

— כ׳וואָלט געוואָלט טון, ווי דו עצהסט מיר, אָבער ווען כ׳זע אים, ווער איך שטום און איך וויין. די פּיין פון די שווערע טעג פאַרקלעמט מיר דעם האַלדז.

— מאַניושאַ, אפשר זאָל איך מיט אים רעדן ?

— ניין ! אויב ס׳איז ליגן, וועט ער מיך פיינד קריגן.

מיר זיצן אַ רגע שטיל. איבערן טונקעלן הימל קרייצן זיך אומאויפ־הערלעך בלאַסע פאַסן ליכט פון רעפלעקטאָרן. ערגעץ ווו פאַרמאַכט ווער אַ טויער. עמעצער געגעצט ברייט, אַן פחד.

פלוצלינג צעהילכט, ווי אַ טייוולאָניש געלעכטער, אַ קאַנאָנאַדע פון מאַשין־געווער. מאַניושאַ כאַפּט מיך אָן ביים אָרעם. מיר פאַרלאָזן דעם גאָרטן. איך באַשטעל זיך מיט איר צו טרעפן אין אַ פּאָר טעג אַרום אויף דעם זעלבן

אָרט. זי זאָגט מיר צו, מער נישט נאָכצושפּיאָנירן איר מאַן. מיר צעקושן זיך און יעדע גייט איר וועג.

די גאַסן זענען פינצטער און כמעט פּוסט. מאָרגן וועט ווידער אויפ־שיינען די זון און דער טאָג וועט אויף ס׳ניי יעדן איינשפּאַנען אין זיין יאָך.

כ׳האָב אַ מאָל נישט אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון פּשוטן לעבן און איצט איז עס אַזוי אומדערגרייכלעך, אַזוי אומרעאַל. איך בין מיד, שרעק־לען מיד. דעם וויזיט ביי די קוציקס לייג איך אָפּ אויף מאָרגן. איך מוז גיין „אַהיים״, עס איז שוין שפּעט.

.19

ישראלן זע איך פון איין זונטיק צום צווייטן. ער קומט כמעט נישט אַרויס פון שטוב, יעדן טאָג קומען פּאָר „לאַפּאַנקעס״. חוץ אַלע אַנדערע מאַטערנישן פּייניקט מיך די שרעק מען זאָל אים, אָדער אסתרן נישט כאַפּן, זיי האָבן נישט קיין אַרבעטס־קאַרטן. עס פאַרגייען טעג אָן דער קלענ־סטער ידיעה וועגן זיי. פלאַשקאַ האָט צוגעזאָגט ישראלן צו שאַפן אַ באַשעפטיקונג אין דער קאָנסערוון־פאַבריק, ביי זיינע בעלי־בתים, אָבער ווער ווייסט, צי עס וועט נישט זיין צו שפּעט. ביי יעדן קלונג אָדער קלאַפּ אין דער טיר באַפאַלט מיך אַ פּחד, אַז דאָס ברענגט מען מיר אַ שלעכטע בשורה. אַמשטאַרקסטן דערשרעק איך זיך, ווען כ׳דערזע דורכן פענצטער סטאַכן, אָדער פראַניאַן.

נעכטן פאַר נאַכט, ווען כ׳בין געווען מיט די קינדער אַליין, איז אַריינ־געקומען סטאַך. זיין באַזוך האָט געטראָגן אַ „פּריוואַטן״ כאַראַקטער. ער איז געקומען באַשטעלן ביי יוזעפן פלייש אויף פּאַסכע. די קינדער האָבן זיך מיט אים זייער דערפרייט. זיי זענען אַרום אים געשפּרונגען ווי הינט־לעך און ער האָט זיך מיט זיי געשפּילט, געהויבן זיי אין דער הייך, גע־מאַכט אַלערליי קונצשטיק און אַרויסגערופן הילכיקע געלעכטערן.

ווען דאָס קליינוואַרג האָט זיך מיט עפּעס פאַרשפּילט אין שטוב און איך בין מיט סטאַכן געבליבן אין קיך, האָט ער זיך אויסגעלענגערט און האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס, געזאָגט:

— ווען מיין פראַניאַ וואָל׳ט געשטאָרבן, וואָלט איך חתונה געהאַט נאָר מיט אַ יידישקע. זיי געפעלן מיר. זיי זענען אינטערעסאַנטער, לעבע־דיקער און אַנדערש, ווי אונדזעריקע.

איך שמייכל: מיר געפעלט קאַזיאַ מיט איר רואיקייט, טאַקט; סטאַכן דערקעגן — די יידישקעס מיט זייער אומרו. אַ משונהדיקע וועלט!

— ווייסט, — זאָגט ער נאָך אַ רגע — פראַניאַ פילט עס אויס און זי דערלויבט מיר נישט צו פאָרן צו מיין שוועסטער, ווו עס געפינט זיך אַ

שיינע יידישקע. אַפילו מאַגדאַ האָט זי אַרויסגעביסן פון שטוב; שוין העכער צוויי וואָכן, ווי זי איז ביי אונדז נישט געווען.

— צוויי וואָכן? — שפּרינג איך אויף — ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט מיר פראַניאַ ווידער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז כ'דאַרף צונעמען יאַנעקן, ווייל ער וועט זיך „אויסשפּאַנען".

— כע, כע, כע, — לאַכט סטאַך — דו קענסט נאָך נישט פראַניאַן, זי שיסט שטענדיק צוויי האָזן מיט איין קויל. זי פילנעוועט איר לעבן און וויל זיך באַפרייען פון מאַגדאַן, זי האָט אויך מורא פאַרן טויט און וויל זיך באַפרייען פון יאַנעקן. זי ווייסט גאַנץ גוט (און האָט עס אַפילו געזאָגט צו מיר), אַז מאַגדאַ איז דיר איבערגעגעבן, ווי אַ שוועסטער און אַזעלכע מענער ווי יאַנעק באַגעגנט מען נאָר ביי יידן. זי האָט מיר גע־הייסן נעמען אים אַלס ביישפּיל, דיך דערקעגן האָט זי אונטערגעהעצט. און דו, העלענאַ, האָסט אפשר גענומען ערנסט אירע ווערטער?

— ניין, איך האָב נישט געגלייבט.

— אָ, מיין פראַניאַ וואָלט שוין אין אַזאַ פאַל געבליצט און געדונערט.

— וואָס הערט זיך ביי מאַגדאַן? — רייס איך איבער זיינע רייד — כ'האָב זי שוין לאַנג נישט געזען און כ'בין באַזאָרגט וועגן איר.

— איך בין מאָנטיק געווען ביי די טאָקאַרטשיקס, — באַרואיקט מיך סטאַך — זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז מאַגדאַ אַרבעט אַ האַלבן טאָג (איך האָב זי נישט געטראָפן אין דער היים). זיי האָבן זי זייער געלויבט, עס פאַלט זיי אַפילו נישט איין, אַז זי איז אַ יידישקע.

— זי אַרבעט דאָך נישט — זאָג איך, ווי צו זיך — טאָ ווי אַזוי שטופּט זי אָפּ די צייט? זי זאָל נאָר נישט אַריינפאַלן.

איך ווער אומרואיק וועגן אסתרן.

די פלאָשקאָס קומען אָן. עס אַנטשטייט אַ געפּילדער, אַלע רעדן צוזאַ־מען. די קינדער נישטערן צווישן די פּעקלעך, רייסן שטריקלעך, ביז יוזעף גיט אַ בייזן ברום, ווי אַ טיגער און דאָס קליינוואַרג פאַרשווינדט.

סטאַך רעכנט אויס וויפל פליישׂ, ווורשט און שינקע ער דאַרף האָבן, זיי שמועסן אָפּ אַ פּרייז, אַ טערמין ווען עס אָפּצונעמען און באַלד גייט ער אַוועק.

.20

מאָרגן איז זונטיק. די טאָקאַרטשקיס זענען אין דאָרף. יעדן שבת פאָרן זיי אַרויס פון וואַרשע און מאָנטיק קומען זיי צוריק. איך מוז זיין ביי מאַגדאַן, איך מוז זי זען.

נאָכן אָונטברויט זאָג איך קאַזיאַן, אַז מאָרגן, גאַנץ פרי, וועל איך

אַוועק צו מיינס אַ באַקאַנטע, וואָס איז קראַנק און שוין לאַנג האָב איך זי נישט באַזוכט. איך גיב צו, אַז אויף מיטאָג וועל איך זיין צוריק.

—*—

פאַר טאָג, ווען די נעפּלען האָבן זיך נאָך געקנוילט ביים ראַנד פון די גאַסן און אַ פייכטער, קאַלטער פרימאָרגן האָט אייסגעלייטערט דעם טונקעלן הימל, בין איך איינגעשטיגן אין אַ כמעט ליידיקן טראַמוויי, וואָס האָט מיך געפירט אין דער ריכטונג פון אַלטשטאָט. גיין צו פוס איז אַ סך מאָל זיכערער, ווי פאָרן, אָבער ס'איז אַ ווייטער מהלך און איך בין אַזוי אומגעדולדיק; כ'וויל וואָס שנעלער זיין ביי אסתרן. אויף די ווייטערדיקע סטאַציעס ווערט דער וואַגאָן וואָס אַ מאָל פולער, די צוזאַמענגעפּרעסטע מאַסע וואַרעמט. ווען עס פאַרהאַלטן זיך אָבער אויף מיר פאַרשנדיקע אויגן — ווערט מיר קאַלט און איך הייב אָן אַרויסקוקן דורכן פענצטער. דער טראַמוויי דערנענטערט זיך צו דער סטאַציע, וווּ איך דאַרף אויס־שטייגן.

גייט מיר קיינער נישט נאָך?

סאַפּיעזשינסקאַ־גאַס. איך קלינג אָן ביי אסתרס טיר. אַ שטילקייט, קיינער ענטפערט נישט. איך וואַרט און הער אונטער. אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף דער וואַנט, שטיי איך אַ מידע, אומזיכערע און וואַרט. כ'קלינג נאָך אַ מאָל: שטיל. כ'קלאַפּ אָן לויטן פאַראָל דריי מאָל. קוים הערעוו־דיקע, באַרוועסע טריט. די טיר עפנט זיך. אסתר, מיט פאַרוויינטע, דער־שראָקענע אויגן, ציט מיך אַריין אין שטוב. זי קאָן קוים אויספּרעפּלען אַ פּאָר ווערטער: „וואָס איז געשען?"

— גאָרנישט, שרעק זיך נישט. כ'האָב דיך, סתם אַזוי, געוואָלט זען. כ'האָב זיך פּשוט פאַרבענקט נאָך דיר!

אסתר שאַרט זיך אַריין אין בעט, איך זעץ זיך אַוועק דערנעבן. פון איר צעשויבערטן קאָפּ, בלאַס פּנים און רויטע אויגן שלאָגט אַזאַ אומ־באַהאָלפנקייט, אַזאַ איינזאַמקייט, אַז אויך מיר גלוסט זיך צו וויינען.

די האַלב־טונקעלע גויישע שטוב איז אָנגעזאַפּט מיט טוכלע קעלט. דורכן פענצטער קוקט אַריין אַ שטיק גרויע מויער פון אַ שכנותדיק הויז. אסתר וווינט נאָענט פונעם געטאָ און ביי יעדן שאָס, וואָס הילכט אָפּ פון „דאָרטן" — ציטערן די שויבן מיט אַ דינעם, צעצויגענעם קלאַנג.

ווען כ'דריי אויס דעם קאָפּ, זע איך אסתרן אָן אָנגעשפּאַרטע מיט די עלנבויגנס אויף די קני, מיטן פּנים אין די דלאָניעס. צווישן אסתרס פינ־גער רינען טרערן.

— אסתר, — זאָג איך שטיל און ווייך.

צוויי פֿאַראָבלטע, פֿאַרייאושטע אויגן קוקן אויף מיר, ווי זיי וואָלטן מיך געוואָלט דערקענען.

— אסתר, וויין נישט. דאָס קאָן יעדער איינער, דאָס שוואַכט אָפּ. מיר טאָרן נישט בלייבן אין מיטן וועג, מיר מוזן גיין ווייטער. אונדזער נצחון באַשטייט אין דעם איבערלעבן היטלערן.

נישט ענטפֿערנדיק, גייט זי אַראָפּ פֿון בעט, נעמט מיך אָן ביי דער האַנט און פֿירט צו צו אַ גרויסער שאַנק.

— קוק, — ווייזט זי מיטן פֿינגער, עפֿענענדיק ברייט די טירן — קוק!

אין שאַנק הענגען כלערליי פֿעלץ־מאַנטלען: קאַראַקולענע, ברייט־שוואַנצענע, טכוירענע און אַפֿילו צוויי פּאָקענע קינדער־מענטעלעך. אויפֿן באָדעם פֿון שאַנק — אַ בערגל פּרויען־שירעמלעך, לעדערנע בייטלען, גאַנצע טוצן הענטשקעס, שאַכטלען מיט שיך, טייסטערס.

אין דער צווייטער העלפֿט שאַנק, אויף פּאָליצעס — עלעגאַנטע, זייַדענע פּרויענוועש, פּיזשאַמעס, העמדער, בעט־וועש, שטאָפֿן, זילבער־פֿוקסן. אַ פֿולע שאַנק מיט יידיש האָב און גוטס, אָן אַרויסגעשלעפּטס פֿון געטאָ, טאָג נאָך טאָג.

— איך ווייז דיר נאָר אַ טראָפּן — רעדט אסתר מיט פֿאַרהאַקטע ציין — אַ קליינעם טייל. אין דער צווייטער שטוב, וואָס איז פֿאַרשלאָסן, געפֿינט זיך אַן אָנגעשטאָפּטער מאַגאַזין מיט יידישע זאַכן. דאָס ערגסטע פֿאַר מיר איז דאָס, וואָס די זאַכן יאָכצן, וויינען, רוישן, באַוועגן זיך און — רעדן, שעפּטשען, שעפּטשען אָן אַ סוף. ביינאַכט מאַכט זיך די שאַנק אויף און אַלץ הייבט אָן צו וואַנדערן, אַלץ שפּאַצירט, טאָפּטשעט פֿאַרבאָרגן און סודותדיק. איך הער, ווי „קינדער־בערעלעך" שאַרן זיך אויף אַלע פֿיר, ווי די פּאַמפּאָנען און קליינע גלעקלעך ביי זאַמשענע שיכעלעך קלינגען מיט אַ דינעם, שטילענקן קלאַנג; איך הער פֿון דער צווייטער שטוב דער־שטיקטע קולות, אַ רופֿן פֿון נעמען, אַ געברומעריי, אַן אָפּהילך פֿון אויפֿגעמאַכטע און פֿאַרמאַכטע פֿענצטער, דורך וועלכע עס וואַנדערן, הין און צוריק, צעיאָמערטע, צעיאָכצטע וויגעשרייען און ביז עס הייבט אָן טאָגן, ווער איך שיער נישט משוגע!

אסתרס אַקסלען הענגען אַראָפּ און ציטערן. איר פּנים איז ווי באַשיט מיט אַש.

— אסתר, ס'איז קאַלט, גיי צוריק אין בעט אַריין!

איך נעם זי מיט כּוח אונטערן אָרעם און פֿיר זי צו צום בעט. איך היל זי אַרום מיט דער דעק.

— כ׳האָב נישט קיין מורא פאַרן טויט, — זעצט זי זיך ווידער אויף — כ׳האָב נישט קיין מורא פאַר הונגער, קעלט, אָרעמקייט, אָבער איך קאָן נישט לעבן אַזוי נאָענט מיט די יידישע זאַכן, כ׳קאָן נישט מער!

עס רוישט מיר אין קאָפּ, ווי עס וואָלט איבערן הויז געפלויגן אַן אַעראָפּלאַן. עס ווערט מיר קאַלט און כ׳הייב אָן צו קלאַפּן מיט די ציין.

— לייג זיך נעבן מיר — בעט זיך אסתר, ווי אַ קינד.

איך וואַרף אַראָפּ די שיך, דעם מאַנטל און ביידע טוליען מיר זיך צו, איינע צו דער צווייטער.

— חיהלע, כ׳האָב נעכטן געזען אין טראַמוויי אַן אַלטע, גרויע גויע ,— זשומעט מיר אסתר ביים אויער — כ׳האָב זיך איינגעקוקט אין דער אַלטעס פּנים, מיין מאַמע איז נאָך נישט געווען גרוי, זי האָט געהאַט פעך־שוואַרצע האָר. מיין מאַמע, די איינציקע אין דער וועלט! זי האָט זיך אוודאי געמאַטערט פאַרן טויט. מען האָט זי געשלעפּט פון סטאַצק קיין פּאַריסאָוו, פון פּאַריסאָוו קיין טרעבלינקע. דאָרט, אין וואַלד, האָט מען איר געהייסן אויסטון די קליידער. און אַזוי, אַ נאַקעטע, געטריבן צו דער גאַז־קאַמער. וואָס האָט זי געטראַכט פאַרן טויט? זי האָט אַזוי געהאַפט מיך מיט הוטקאָן חתונה צו מאַכן, האָבן נחת. מיין מאַמע, מיין גוטע, קלוגע מאַמע! זי האָט מען פאַרגאַזט; און זי — די דאָזיקע גוישע מאַמע אין טראַמוויי, איז באַרעכטיקט צו לעבן! פאַר וואָס?! איך טאָר אַפילו נישט שרייען, נישט וויינען; איך מוז האָבן אַ שיין פּנים, אַ פריילעכן אויסדרוק; איך מוז זיין אויסגעפּוצט אַנשטאָט צו רייסן קריעה אויף יעדן שטיקל מלבוש, אויף מיין אייגן לייב! עס דאַכט זיך מיר אַ סך מאָל, אַז מיין האַרץ ווערט גוייש, פאַרגליווערט, אַז אויב איך קאָן לעבן, האָב איך קיין ווערט נישט, בין איך אַ חיה!

— אסתר, הוטקאָ וועט צוריקקומען פון רוסלאַנד. זי וועט דיך דאַרפן. שטעל זיך פאָר, ווי גרויס איר אומגליק וואָלט געווען, ווען זי וואָלט אַפילו דיך נישט אָנגעטראָפן. אויך איך דאַרף דיך, אסתר; מיר וועלן זיין אַלע צוזאַמען, מיר וועלן זיך קיין מאָל נישט צעשיידן.

— חיהלע, האָסט גוט געטון, קומענדיק צו מיר!

איך דער האַלב־טונקעלער שטוב בלאָזט אַ קעלט. אסתר ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן נאָענט נעבן מיר. אין אַ ווײַלע אַרום הער איך איר ריטמישן אָטעם — זי איז איינגעשלאָפן. איך באַוועג זיך נישט, כדי זי נישט איבערוועקן.

כ׳קוק אויף אירע געדיכטע האָר, וואָס פאַלן ווייך אַראָפּ איבערן שטערן.

איר קאָפּ, אַן אָנגעשפּאַרטער אויף מיין האַנט, אַ קאָפּ — „גלוווקאַ״, פאַר וועלכן יעדער פּאָלאַק קאָן באַקומען 500 זלאָטעס און דריי קילאָ צוקער. איר קאָפּ ווערט מיר מיט אַ מאָל אַזוי טייער, אַז כ׳געפין נישט קיין פאַרגלייך. אינעם שטילן קלאַפּן פון מיין האַרץ הער איך איר נאָמען. עס פאַרשלינגען מיך כוואַליעס פון צערטלעכקייט און טיפער ליבשאַפט.

אויף די טרעפּ טאָפּטשען טריט. טירן מאַכן זיך אויף און פאַרמאַכן. דאָס הויז וואַכט אויף פונעם זונטיקדיקן שלאָף. פון צייט צו צייט ציטערן די שויבן.

כ׳ווייס נישט ווי שפּעט עס איז. ישראל וועט קומען צו די פלאָשקאָס אַרום צוועלף אַ זייגער. באַלד וועל איך פון דאַנען אַוועק. איך האָב מיט וועמען זיך צו באַגעגענען, פאַר וועמען צו זאָרגן. און זי דאָ — וועט פאַרבלייבן איינזאַם, אַליין מיט די יידישע שאָטנס. איך קאָן זי אַפילו נישט מיטנעמען מיט זיך, איך האָב נישט ווו אַהין.

אַ גאַס אין וואַרשעווער געטאָ.

אסתר — מאַגדאַ



דער פּאַטער פון ישראלן
אויף דער אַרישער זייט.

קאַפּיטל זעקס

אַפּריל 1943 – פֿון דער זייט מויער

.1

די צוגרייטונגען צו פּאַסכע פֿאַרשלינגען יעדע פֿרייע מינוט. קאַזיאַ שלעפּט אַהיים גאַנצע פּעק עסנוואַרג: פֿלייש, וווּרשט, בראָנפֿן. זי איז אַזוי דיק, אַז קוים וואָס זי באַוועגט זיך. די גאַנצע שטוב־אַרבעט פֿאַלט אויף מיר. איך וואַש די פֿענצטער און טירן, קלאַפּ דאָס בעטגעוואַנט, רוים, פּרעס, קאָך און פּוץ. נישטאָ קיין פֿרייע מינוט.

אַלע אַרבעטן דערמאָנען מיך אין מיין פֿאַרגאַנגענהייט, אין אַלץ און אין אַלעמען, נאָך וואָס איך בענק אַזוי שטאַרק, אָן דער קלענסטער האָפֿענונג עס זאָל זיך נאָך אַ מאָל אומקערן. אַמבולטסטן שטייט מיר פֿאַר די אויגן אונדזער לעצטער פּסח אין געטאָ. די מאַמעשי ביים כשרן די כלים, ביים גליען די קיך. איך זע זי ביים רייניקן „סטינקעס" — קליינינקע פּישעלעך ווי ווערעם, הונדערטער אויף אַ קילאָ. איך זע זי אַן איינגעבויגענע ביי דער דאָזיקער אַרבעט, ווי זי ווישט אָפּ בגנבה די טרערן, וואָס שווימען איבער אירע בלאַסע באַקן... איך זע ווי זי ברוינט צו אויף אַ פֿאַטעלניע אַ ביסל צוקער און מאַכט דערפֿון וויין. די פֿלאַש „וויין" שטייט דערנאָך, אין דער סדר־נאַכט, אויפֿן ווייסן טישטעך, ווי אַ פֿלאַש בלוט. אַרום דעם טיש — קרובים, נאָענטע, פֿאַראייניזאַמטע באַקאַנטע: די מומע אַנדזשע מיט מאַרישעלען, די עלנטע ראַפּאַפּאָרטן מיט איר פֿאַריתומט שוועסטערן־יינגל, שמואלעק, און מיר, די משפּחה־מיטגלידער, נאָך אַלע צוזאַמען, מיט אונדזער תמרהלען אין דער מיט. איך הער איר זיס קולעכל ביים פֿרעגן די קשיות. „מה נשתנה"...

איצט באַציר איך מיט פֿאַרביקע מאָלערייען די שאָלן פֿון האַרטע אייער צום הייליקן זיי אויף פּאַסכע. די קינדער האָבן ביי מיר אויסגעפּועלט, איך זאָל מיט זיי מיטגיין אין קאָשטשאָל. סטאַך האָט מיר דערקלערט די פּרטים פֿון דער צערעמאָניע „שוויענצעניאַ" („הייליקן"), כדי איך זאָל זיך נישט בלאַמירן.

.2

פֿון פֿאַרחושכטן געטאָ טשאַיעט זיך אַ מורא, אַן אומרו, אַ דערוואַרטונג פֿון עפּעס שלעכטס. די מויערן זעען אויס, ווי דערטרונקענע, אָנגעשוואָלענע מתים, בלינדע, שרעקעוודיקע, נקמהפּולע.

דעם „גרויסן" מאָנטיק, דעם 19־טן אַפּריל, האָט עס זיך אָנגעהויבן. אין אַ טאָג פֿון דער „פּאַסט־וואָך", ווען מען טאָר נישט עסן קיין פֿלייש, ווען מען דאַרף רייניקן דעם גוף און נשמה אין דערוואַרטונג פֿון דער „פּאַסכע־נאַכט" (יעזוסעס תּחית־המתים).

די ערשטע איז געקומען צו לויפֿן פּרוי שולץ מיט דער ידיעה, אַז אין געטאָ איז אַן אויפֿשטאַנד. „שוין, — האָט זי, אַן אויפֿגעהייטערטע, זשעסטי־קולירט — אַ סוף מיט די יידן! איינס, צוויי, וועט מען זיי אויספּאַרטיקן! אַהאַ, מען וועט דעם יידישן קוואַרטאַל מוזן גוט דעזינפֿיצירן פֿאַרן באַזעצן אים מיט אונדזעריקע".

באַלד נאָך איר האָט באַטשעק אַדורכגעשפּרייזט דעם הויף און גערופֿן: „גייט זעען, ווי אַ לייב שפּילט זיך מיט אַ מייזעלע! אַן אויפֿשטאַנד האָט זיך זיי פֿאַרגלוסט, כי, כי, כי!"

עס הערן זיך כסדרדיקע אויפֿרייסן, באַגלייט פֿון מאַשין־געווער און טויבע דעטאָנאַציעס. די טריט פֿון דורכגייער זענען שנעלע, אייליקע. אַרום און אַרום פֿאַלן ווערטער: „אויפֿשטאַנד, אַ יידישער אויפֿשטאַנד!"

זונטיק, דעם 18־טן, ווען איך בין געפֿאָרן פֿון טאַטן, האָב איך געזען מאַרשירנדיקע אוקראַינער, לעטלענדער און ליטווינער. אין טראַמוויי האָבן זיך געהערט שטילע שמועסן, אַז דאָס גרייטן זיך אַזוי די דייטשן „אויס־פּאַרטיקן" דאָס געטאָ. גובערנאַטאָר פֿראַנק וויל אויסמאָרדן דאָס לעצטע ביסל יידן און באַשענקען היטלערן צו זיין געבורטס־טאָג מיט אַט דער דאַזיקער מתּנה.

דאָ און דאָרט זענען, ווי פֿון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן אָפּטיי־לונגען פֿון „גראַנאַטאָווע" פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע און ליטווינער. זיי האָבן מאַרשירט מיט פֿאַרביסענע, טעמפּע, מוראַדיקע פּנימער, אַזוי ווי איך האָב זיי געזען אין געטאָ, ערב דער אויסזידלונגס־אַקציע.

איך בין „אויף דער פֿריי", און זיי דאָרט, הינטער די מויערן, זיי וואַרטן אָפּ דעם אומקום. עס טרוימט זיך מיר אַ באָמבאַרדירונג אויף וואַרשע, אַ תּוהו ובוהו, די יידן פֿון געטאָ זאָלן קאָנען אַנטלויפֿן. אָבער מיינע שטילע פֿאַרלאַנגען דערגייען נישט צו גאָט. די הימלען שווייגן.

באַטשעק, זאַוואַדזקאַ און אַפֿילו זאַלעסקאַ קומען פֿון שטאָט מיט אומ־גלייבלעכע ידיעות. זיי דערציילן וועגן הונדערטער דערהרגעטע דייטשן, וועגן צעשעדיקטע טאַנקען, וועגן פֿאַרוווּנדעטע און צעשראָקענע זעלנער, וועגן קעטשלעך פֿון „גיכע הילף", וואָס פֿירן אָפּ די פֿאַרוווּנדעטע דייטשן אין שפּיטאָלן אַריין. אין דער זאַלעסקאַס אויגן פֿינקלט אַ פֿרייד פֿון נקמה. זי לויבט די יידן און רעדט וועגן זייער העלדישקייט.

אויך בײַנאַכט הערט נישט אויף די קאַנאָנאַדע. דורך די שויבן פֿון מײַן קיך־פֿענצטער זע איך ווי אונטערן שוואַרצן הימל לויפֿן אַדורך ליכט־פֿאַרביקע ראַקעטן און גלײַך דערנאָך הילכן אָפּ דעטאָנאַציעס.

קיינער פֿון זײ דאָרט אין געטאָ רעכנט נישט אויף קיין נצחון, זיי ווילן בלויז אַ בכבודיקן טויט, און — נקמה!

פֿײַערדיקע אויפֿרײַסן פֿון האַנטגראַנאַטן שרײַען אויס זייער לעצטן פּראָטעסט קעגן אומרעכט, מאָרד און רציחה. „נקמה!" — רופֿט יעדע פֿלאַש בענזין וואָס טרעפֿט אין אַ דײַטשישן טאַנק, נקמה פֿאַר אַלע נאָענטע, פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר אַלע דערנידעריקונגען, פֿאַר אַלע שרעקלעכע טעג און נעכט, פֿאַר אַלע שוידערלעכקייטן. נקמה אָן קאָמפּראָמיסן!

דער קאַמף איז פֿון פֿאַרויס אַ פֿאַרשפּילטער. יעדער פֿון די קעמפֿער ווייסט עס און דעריבער איז די גבורה פֿון די אויפֿשטענדלער נאָך גרעסער, נאָך דערהויבענער און נאָך טראַגישער! דרײַצן־יעריקע ייִנגלעך קעמפֿן ווי לייבן. אַלטע לײַט, פֿרויען, קינדער — אַלע זענען געאייניקט אינעם ווילן צו נעמען נקמה און שטאַרבן מיט כבוד!

אויף אַ דאַך פֿון אַ הויז ביים פּלאַץ מוראַנאָווסקי פֿלאַטערן צוויי פֿעָנער: אַ פּוילישע און אַ בלוי־ווײַסע, אַ ייִדישע. דאָס בילד ווירקט אַזוי שטאַרק, אַז איך פֿאַרשטעל מיר דאָס מויל, כ'זאָל נישט אַרויסשרײַען. אויף די אַרישע גאַסן, נישט ווײַט פֿון די געטאָ־מויערן, זעט מען אַ סך מענטשן; אין די טויערן און פֿענצטער — פּנימער. אַפֿילו אויף דעכער זעט מען דאָ און דאָרט אַ נײַגעריקן, אָדער אַן אויסקוקער. ווען עס אַנט־שטייט אַ שיסערײַ, באַהאַלטן זיך די דורכגייער אין די טויערן אַרײַן. קיי־נער קוקט נישט אויף מיר, אַלעמענס אויגן זענען געוואָנדן צום געטאָ.

„העכסט אינטערעסאַנט" — זאָגט אַ פּאָלאַק נעבן מיר — „איז צו שטיין ביים וואַך־טויער. דאָרט זעט מען ווי די דײַטשן מאַרשירן אַרײַן און מען זעט ווי זיי לויפֿן צוריק, אָדער ווי מען שלעפּט זיי אַרויס".

עטלעכע גוײם באַשליסן צו גיין צום וואַך־טויער אויף נאַלעווקעס. איך — מיט זיי. מיר פּרובירן דאָס ערשטע אויף שוויענטאָיערסקע אין אַ הויז, וואָס גרענעצט זיך מיט קראַשינסקיס גאָרטן, אָבער מיר זעען בלויז די אַנטקעגנאיבערדיקע הײַזער פֿון געטאָ, זייערע אויסגעהאַקטע שויבן, אָפֿענע פֿענצטער, אומבאַוווינטע צימערן. די טויטקייט פֿון די פּראָנט־דירות זאָגט עדות, אַז „דאָרט" געפֿינט זיך שוין קיינער נישט און גאָרנישט.

אַ סעריע פֿון מאַשין־געווער, וואָס טוט זיך אַ שאָט נישט ווײַט פֿון אונדז, רײַסט איבער מײַן אַרײַנקלערן.

„דאָ זעט מען גאָרנישט, — שטעלט פֿעסט אַ יונגער שייגעץ — אויף

די באַניפראַטערסקע אַדער נאָוו־יניאַרסקע איז פאַראַן ווו זיך צו באַהאַלטן און די גאַס איז ברייטער. קומט בעסער דאָרט אַהין!״

וואַנדערן מיר ווייטער. די דייטשן שטערן אונדז נישט, ווייל זיי זענען פאַראינטערעסירט, ס׳זאָל זיין אַ באַוועגונג פון ציווילע מענטשן. די זעל־נער נוצן דאָס אויס, כדי זיך אויסצומישן מיט די דורכגייער, צו וועלכע די יידן שיסן נישט. גייען מיר טאַקע אומגעשטערט. זשאַנדאַרן מיט ביקסן אין די הענט היטן די געטאָ־מויער. מיר שאַרן זיך ביי די ווענט. ווען מיר זענען שוין אויף באַניפראַטערסקע, דערזעען מיר, ווי עטלעכע דייטשן שטעלן אָן אַ קליינעם האַרמאַט און פאַרען זיך ביי אים פּיבערהאַפּט. איינער פון די דייטשן הייסט אונדז אַוועקגיין. זיי האָבן, ווייזט אויס, מורא פאַר סאַבאָטאַזש.

מיר פאַרשווינדן אין אַ נאָענטן טויער און קוקן אַרויס דורך די שפּאַ־רעס. עטלעכע פון אונדז גייען אַרויף אויף די העכערע שטאָקן און שטעלן זיך אין דער זייט ביי די קאָרידאָר־פענצטער. מען רעדט שטיל, סודותדיק. איינער פון דער גרופּע שרייט אויס: „קוקט נאָר, דאָרט ביי די יידן זיצט איינער אויף אַ באַלקאָן מיט אַ ביקס אין דער האַנט!״

אַלע שטופּן זיך צום פענצטער אַ קוק טון. איך דערזע טאַקע אַ קניען־דיקע געשטאַלט מיט אַ ביקס אין די הענט. אין דעם אויגנבליק צערייסט די לופט אַן עקספּלאָזיע. דאָס הויז טוט אַ ציטער. דאָס האָט דער דייטשי־שער האַרמאַט אויסגעשאָסן. תיכף ומיד האָט פון געטאָ אַרויס אָנגעהויבן האָגלען אין אונדזער ריכטונג מיט קוילן און גראַנאַטן.

מיר זענען אַריין אין אַ וווינונג און צוזאַמען מיט די הויז־מענטשן אויסבאַהאַלטן זיך אין אַ הינטערשטן צימער. טייל האָבן זיך צוגערוקט נאָענט צו די ווענט.

ווען עס איז געוואָרן שטילער, האָב איך פאַרזיכטיק אַ קוק געטון דורכן פענצטער. די גאַס איז געווען ליידיק, „טויט״. דריי דייטשן זענען געלעגן אויסגעצויגן אין קאַלוזשעס בלוט. דאָס האַרמאַטל איז געשטאַנען שטום. אויטאָמאַטיש האָב איך אַ קוק געטון אויף יענעם הויז, וווּ עס איז פריער געווען דער ייִד אויפן באַלקאָן און צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג האָב איך אים דערזען אין דער זעלבער פּאָזיציע, מיט דער ביקס אין ביי־דע הענט. אומפאַרשטענדלעך האָט מיר אויסגעזען דאָס דאָזיקע בילד. און באַלד טאַקע האָט עמעצער דערקלערט, אַז ער האָט געזען דורך אַ לאָר־נעט, ווי יידן האָבן צוגעבונדן אַ מת צום באַלקאָן, ווייזט אויס מיט דער כוונה, צוצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשן צום באַל־קאָן און דערמיט אָפּווענדן זייער וואַכזאַמקייט פון דעם ווינקל, פון וואַנען עס איז לייכטער אָנצוגרייפן. אַזוי איז טאַקע געשען. די יידן האָבן

מיט גראַנאַטן און קוילן באַוואָרפן די דייטשישע פּאָזיציע און דערהרגעט עטלעכע פון זיי.

ווען מיר זענען אַרויס פון טויער האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערזען פון דער נאָענט דייטשיש בלוט. ביי איינעם פון די טויטע האָבן די פונאַנ־דערגעוואָרפענע הענט און פיס אויסגעזען, ווי אַ צעבראָכענער האַקנקרייץ. עס איז מיר אַדורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז אַ פרומער ייד וואָלט געמאַכט אַ „שהחיינו" איבער די דערהרגעטע שונאים.

מיט אייליקע טריט האָב איך פאַרלאָזט די באַניפראַטערסקע, וועלנדיק וואָס שנעלער זיין „אין דער היים". איך בין אַריין אין דער דלוגע־גאַס, אָבער דער דורכגאַנג איז געווען פאַרמאַכט. אַ גרויס פייער האָט געפלאַ־קערט ביז אונטערן הימל. דאָס האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן אויף דער גרענעץ פון געטאָ דריי „אַרישע" הייזער, כדי זיי זאָלן נישט שטערן אינעם קאַמף מיט די יידן.

3.

„זיי וועלן לאַנג נישט אויסהאַלטן, — האָט יוזעף געזאָגט נאָכן צוריקקומען אַהיים פון דער אַרבעט — זיי האָבן נישט קיין געווער: דאָס ביסל, וואָס זיי ציען אַראָפּ פון דערהרגעטע דייטשן, איז דאָך אַ שפּילעכל אַנטקעגן די דייטשישע האַרמאַטן. זיי קעמפן אָבער העלדיש. איך וואָלט עס קיין מאָל נישט געגלייבט, אַז „יידעלעך" זאָלן אַזוי „שניידן"! קיין איין גאַנצן טאַנק לאָזן זיי נישט אַרויס פון געטאָ. היינט זענען געפאַלן בערך פופציק דייטשן, אויך מיינס אַ באַקאַנטער פּאָליציאַנט יוליאַן זשעלינסקי איז שוין נישט צוריקגעקומען; און זיין ווייב יאָמערט, אַ ווייטאָג צו קוקן!"

מיין בעל־הבית דערציילט ווייטער, אַז די דייטשן האָבן פונאַנדער־געשטעלט האַרמאַטן און שווער געווער אויף די אַרישע דעכער און קלאַפּן אָן אויפהער אין דער ריכטונג פון מוראַנאָווסקע, שוו.־יערסקע און באַני־פראַטערסקע. „ערגער וועט אָבער זיין" — גיט ער צו — „אויב דייטשישע אַעראָפּלאַנען וועלן אויך אַנטיילנעמען אין די קאַמפן. פאַר נאַכט זענען שוין עטלעכע אַרומגעפלויגן!"

„נו, ווייבער, גיט מיר עסן. איך בין הונגעריק ווי אַ וואָלף" — רופט ער אויס פריילעך, אַרויסציענדיק אַ פלאַש בראַנפן פונעם קיך־שענקל.

— —

איך דריי זיך אַרום, ווי אַ לונאַטיקערין. די אַרבעט איז נישט אָפּגעטאָן. דאָס קאַלעקאַטשען פון כלערליי געוועער הילכט אָפּ אין מיין קאָפּ. איך לויף ארום איבער די גאַסן שעהן לאַנג. טייל מאָל כאַפּ איך זיך אַריין צו די סטאָצ־קער, ווו איך טרעף מאַגדאַן, דעם אינזשעניער און אויך פרעמדע מענטשן, מיט

וועלכע לענסקי רעדט שטיל, סודותדיק. איך האָב געזען, ווי צוויי אַזעלכענע פּרעמדע האָבן באַהאַלטן פלאַטשיקע פּעקלעך אויפן לייב און דערנאָך שנעל אַוועק.

איך האָב אויך געזען, ווי עס איז צו אים אַריינגעקומען אַ הויכע, שוואַנגערע פרוי מיט אַ קיישל אין האַנט. אינזשעניער לענסקי, נישט רעכענענדיק זיך מיט מיין און ישראלס אַנוועזנהייט, האָט פון באַקאַווען (ווו עס באַהאַלט זיך אויס דאָס פאַרפאַלק) אַרויסגענומען עטלעכע רעוואָלווערן און דריי זעקלעך קוילן. די פרוי האָט אַפּירגעצויגן פון הינטערן קלייד אַ קליין קישן פול מיט טאַשן און באַהעלטענישן, האָט איינגעסדרט דאָס געווער, פאַרבונדן מיט טאַשמעס אַרום דעם בויך, ביז דאָס קישן האָט באַקומען אַ רונדע פאָרעם. דערנאָך האָט זי אַנגעטאָן דעם מאַנטל, נישט פאַרקנעפּלענדיק אים, עס וואָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אַ קינסטלעכע שוואַנגערשאַפט.

„אַזעלכע יידן, ווי די דאָזיקע פרוי און אַזעלכענע, ווי דאָרט אין געטאָ — האָט לענסקי שנעל אַ זאָג געטון — זענען אַ כבוד פאַר זיך און פאַר אונדז. אָט די דאָזיקע יידן האָב איך ליב, פאַר זיי בין איך גרייט אַלץ צו טאָן, אַפילו אַוועקצוגעבן מיין גאַנץ בלוט, ביז צום לעצטן טראָפּן".

לענסקי איז אַ רעטעניש. כאָטש ער וויל אונדז איבערצייגן, אַז ער האָט יידן פיינד, פאַרזיכערן די סטאַצקער און אַלע דאָרט אינעם באַהעלטעניש, אַז ער האָט יידן ליבער ווי פאָלאַקן. מיר זעען, ווי ער שטראַלט פון פרייד, רעדנדיק וועגן אויפשטאַנד, וועגן געווער וואָס עס געלונגט אים צו שאַפן פון ערגעץ ווו. ער פילט אָפט אָן די כוסות, באַפעלט אַלעמען פון די אַנוועזנדיקע צו טרינקען מיט אים „לחיים", הייסט אויך מיטזינגען דעם פּוילישן הימען און קוועלנדיק פון נחת — רייבט ער די הענט, אָדער צמאָקעט מיט די ליפּן.

4.

ביי טאָג און נישט זעלטן אויך ביי נאַכט באַשיסן די דייטשן דעם געטאָ מיט האַרמאַטן און שווער געווער. פאָלאַקן וואַנדערן אומאויפהערלעך איבער די גאַסן, וואָס גרענעצן מיטן געטאָ. מען דיסקוטירט, מען שפּאַרט זיך, מען פּאָליטיקירט. טייל שפּאָטן אָפּ פון די דייטשישע „העלדן", וואָס קאָנען זיך נישט קיין עצה געבן מיט די פאַרשפּאַרטע יידן. זעלטן וועלכער פּאָליאַק ס'באַדויערט דעם ביטערן גורל פון די אויפשטענדלער, אָדער טאַדלט דעם באַרבאַריזם פון די דייטשן.

סטאַך דערציילט, אַז אויף צומאָרגנס נאָכן אויסברוך פון אויפשטאַנד האָבן די דייטשן אויף עק נאַוויניאַרסקע און פראַנציסקאַנער אויפגעשטעלט אַ פּאָזיציע פון מאַשין־געווער. עטלעכע פּוילישע פּאָליציאַנטן האָבן געגעבן צייכנס, ווו אַהין צו שיסן. ווען זיי זענען געווען אין מיטן דער אַרבעט, האָט

זיך פון צווישן די פאַרזאַמלטע פּאָלאַקן אַרויסגעשאָרט אַ יונגער בחור און אָנגעהויבן שיסן. איידער די דייטשן האָבן זיך געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, זענען דערהרגעט געוואָרן צוויי דייטשן און צוויי פּאָליציאַנטן. ס׳איז אַנט־שטאַנען אַ מהומה, אַ געלויפעריי און צווישן די אַנטלויפנדיקע איז אויך נעלם געוואָרן דער שיסער.

אין אַ טאָג שפּעטער האָבן אויף דער נאָוואָ־ניאַרסקע־גאַס עטלעכע יונגע־לייט געוואָרפן גראַנאַטן אויף אַ גרופּע דייטשן, וואָס האָבן באַשאָסן דאָס געטאָ. פיר דייטשן זענען געפאַלן. פון די אַרומיקע הייזער זענען כמעט אַלע פּאָלאַקן אַנטלאָפן, מורא האָבנדיק פאַר דייטשישער נקמה.

דעם 23־טן אַפּריל, האָבן אויף אַלטשטאָט פיר פּאָלאַקן באַוואָרפן מיט גראַנאַטן אַ פולן לאַסט־אויטאָ מיט דייטשן. פינף פון זיי זענען דערהרגעט געוואָרן און אַ סך — פאַרוואונדעט. דריי פון די פּאָלאַקן זענען אומגעקומען, דעם פערטן איז געלונגען צו אַנטלויפן.

סטאַך זאָגט, אַז די אַלע דיווערסיע־אַקטן פירן אויס מיטגלידער פון דער געהיימער אַרבעטער־פּאַרטיי און אַז זיי סאָלידאַריזירן זיך מיט די קעמפנ־דיקע יידן.

דאָס געטאָ ברענט! עס טרעשטשעט, קראַכט און צאַפּלט אין לעצטן גסיסה־קאַמף. איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ טאָג ס׳איז היינט. כ׳האָב פאַר־לוירן און פאַרגעסן דעם חשבון. ביי די גויים איז פסח. פּריילינג.

דאָס געטאָ איז איינגעהילט אין שוואַרצע, שווערע וואָלקנס רויך. עס הערשט דאָרט איצט, אַפילו בייטאָג, אַ צעברויזטע, נקמהפולע נאַכט. אַ האָ־פענונגסלאָזע גרויזאמע, געשפּענסטיקע נאַכט. די ערד ציטערט אוימאויפ־הערלעך פון אויפרייסן. עס דאַכט זיך, אַז מען הערט אַ ווידערקול פון די מכבייער צייטן, פון אַ לאַנג פאַרגעסענער העלדישקייט.

אַ פייפעריי פון שראַפּנעלן, אַ שווישטשעריי פון טויזנטער קוילן פרעסט זיך איין אין מוח. רויטע סטענגעס צעשניידן די שוואַרצקייט. די „אַרישע״, ווייסע הייזער קוקן זיך צו שרעקעוודיק און שטום צום שניט פון זייערע פּאַלנדיקע שוועסטער אויף דער יידישער זייט.

איבער די אַרישע גאַסן פליען מחנות קליינע, שוואַרצע פייגל: דאָס זענען פאַרברענטע שמות פון ספרים, דיניוכנע בלעטלעך מיט אָדערן פון הייליקע אותיות, ווי נעקראָלאָגן נאָך די אומגעקומענע יידן. ווען איך נעם אַזאַ שוואַרץ בלעטל אין האַנט אַריין צעפאַלט עס און צעקרישלט זיך אויף קליינינקע שטיקעלעך. אין יעדן שטיקעלע — אַ סקעלעט פון אַ וואָרט. די ווערטער שרייען מיט אויפגעריסענע פאַרברענטע מיילער.

גרופּן פּאָלאַקן קוקן זיך צו, ווי פון די ברענענדיקע באַלקאָנען שפּרינגען

פרויען מיט קינדער אין די אָרעמס. דער געגרויש פון אַעראָפּלאַנען, די דעטאָ־נאַציעס פון באָמבעס שלינגען איין דעם קלאַנג פון צעוויגטע גלאָקן, וואָס רופן די גלייביקע צום פסחא־געבעט.

איך וויל, איך בעט, אַז פון די צעשמעטערטע ערד־לונגען זאָל אַרויס־שפּריצן אַ בלוט־שטורץ און פאַרפלייצן די וועלט.

5.

די אַרישע טישן זענען באַדעקט מיט ווייסע טישטעכער. די פסחדיקע פּאַטראַנועס פאַרשפּרייטן אַ ריח וואָס שטיקט מיך. מיין בעל־הבית פאַר־מאַכט די פענצטער, דער רויך פונעם געטאָ זאָל נישט אַריינדרינגען.

באַטשעק רעדט מיט אָנערקענונג: „איך וואָלט היטלערן אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל פאַר זיין ראַדיקאַל שטיקל אַרבעט".

דורך די פאַרמאַכטע פענצטער און טירן רייסן זיך אַריין בלוטיקע, שווערע שעהן. די לופט קרעכצט, ציטערט און יאָמערט.

פרילינג. אַ העלער, בלאָער טאָג. עס ווילט זיך מיר וויינען, אָבער כ'האָב נישט קיין ווינקל, ווו כ'זאָל קאָנען אויסקלאָגן דעם גרויסן ווייטאָג. אויך ביינאַכט קוק איך אויף דעם צעפלאַמטן הימל. וועל איך נאָך אַ מאָל קאָנען שלאָפן ?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ'האָב געזען אויף אַ האַלב־צעשמעטערטן באַלקאָן אַן אַלטיטשקע פרוי מיט צעשויבערטע, גראָע האָר. אויף איר רויטן שלאַפראָק — שוואַרצע, גרויסע בלומען. אַרום דעם באַלקאָן — פלאַמען און וואָלקנס רויך. צוויי דאַרע, אויסגעשטרעקטע הענט בעטן הילף.

אַנטקעגן איבער דעם הויז, אויף דער אַרישער זייט — אַ דייטשישער זשאַנדאַרם. „קאָם, ליבלינג !" — רופט ער אויס, צילנדיק אין איר גראָען קאָפּ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ צווייט הויז. אַן אַנדערער, האַלב צעשמעטערטער באַלקאָן אויפן דריטן שטאָק. אַ יונגע, הויכע פרוי, אַן אויסגעדאַרטע, ווי אַ געשפּענסט, אינעם אַמפּערן זיך מיט איר יינגעלע, וואָס לאָזט זיך נישט אַראָפּוואַרפן. קליינע הענטלעך, וואָס שטופן אָפּ דער אָנמעכטיקער מאַמעס הענט. דורך די אַרו־מיקע פענצטער שאַרן זיך אַרויס רויטע סטענגעס פייער, אויסגעמישט מיט קנוילן רויך. די מאַמע בייגט זיך אַראָפּ צום קינד און זאָגט אים עפּעס. זי נעמט אים אַרום. ביידע קערפּערס פליען אַראָפּ. אינעם אַלגעמיינעם געגרויש און טומל הערט מען אַפילו נישט דעם אָפּהילך פון זייער אַראָפּפאַלן.

„יעזו, יעזו, זמילאַי שען, טאַטש נאָ לודזשיע" — רייסט זיך אַרויס אַ פרויען־שטים נעבן מיר און איך זע, ווי זי פאַרדעקט מיט די הענט אירע אויגן.

א דייטשישער סאָלדאַט, אַ פּשוטער זעלנער פון דער „ווערמאַכט“, לויפט שנעל איבער דער באַניפּראַטערסקע־גאַס און שרייט עפּעס. פלוצלינג וואַרפט ער אַוועק די ביקס, בלייבט שטיין, שמייסט אַראָפּ דאָס היטל פון קאָפּ, באַפרייט זיך שנעל פון׳עם מאַנטל, רייסט ווילד אַראָפּ פון זיך די זעלנערישע בלוזע און שרייט מיט אַ שוים אויף די ליפּן: „באַרבאַרן! מיר זענען באַרבאַרן!!“.

צוויי זשאַנדאַרן לויפן צו אים צו, אָבער ער לאָזט זיך נישט נעמען. זיי שלאָגן אים רוצחיש, עס געלונגט זיי סוף כל סוף אים גובר צו זיין. אַ צע־בלוטיקטן, אַ באַזיגטן פירן זיי אים אַוועק.

„ער איז משוגע געוואָרן“ — האָבן אַלע אויף דער גאַס פעסטגעשטעלט — „ער איז משוגע געוואָרן דער דייטש; נישט געקאָנט מער צוקוקן, נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן!“

— —

אויף קראַשינסקיס פּלאַץ דרייט זיך אַ קאַרוזעלע לכבוד יום־טוב. צע־הוליעטע, צעפראַסקעטע שיקסעס מיט שקצים פליען מיט געקוויטשעריי. די מוזיק שפּילט...

— —

אַ גאַנצע וואָך הערט נישט אויף דאָס געגייעריי צום געטאָ. אויך יום־טוב, ווען דער עולם פאַרלאָזט די קאָשטשאָלן, ציט ער צו די מויערן.

— אָ, וויפל גאָלד ווערט דאָרט צעשמאָלצן, יעזוניו דראָגי! — האָט עמעצער אויפן קול אויסגערופן.

— און סחורות, מעבל, דירות, דאָס איז גאָרנישט?! — האָט אַ צווייט קול צוריקגעפרעגט.

— מ׳האָט זיי געדאַרפט אויססמען ווי מייז, וואָלט אַלץ געבליבן אומ־באַשעדיקט — האָט געהויבן מיט די אַקסלען נעבן מיר אַ הויכער גוי.

„מאַטקאָ באָסקאָ, באַשיצערין אונדזערע“ — האָט אַ באַבע געפּליסטערט — „געלויבט זאָלסטו זיין פאַר די שטילע לופט אָן ווינטן, וואָס וואָלטן חלילה געקאָנט אַריבערטראָגן דאָס פייער צו אונדז“.

זי האָט מיט קנאָכיקע פינגער איבערגעקליבן די ברוינע פּאַטשערקעס פון איר „רוזשאַניעץ“ און געשעפּטשעט איין געבעט נאָכן צווייטן.

— —

דאָ, ביי די ביז איצט אומגעהערטע רציחות, וואַקס אויס אַ נייע „שולע“, וואָס לערנט האַסן, ראַבירן, אומברענגען. מען באַמערקט זעלטן אַ פּנים מיט אַן אויסדרוק פון מיטלייד, אָדער רחמנות. אויב עס ווישט ווער די אויגן — איז עס פון רויך, וואָס שלאָגט פון געטאָ.

ווי אַ קללה ציען שוואַרצע וואָלקנס און פאַרדעקן די זון.

.6

איך שלעפ זיך אַ מידע איבער די גאַסן און קיי נאָך אַ מאָל איבער מיין אָנמעכטיקייט, מיין שטומען געשריי, מיין, אויף אייביק, פאַרלוירענעם גלויבן אין מענטשלעכן געוויסן. די אויגן ברענען, שטעכן מיט טויזנטער שפּילקעס; איך קאָן זיי נישט צומאַכן און דאָך איז מיר פינצטער, פינצטער אָן אַ גרעניץ. ווען שוין קיין מאָל נישט טאָגן?

— —

ביי דער זאַוואַדזקאַ אויף דער וואַנט הענגט אַ רויט לעמפּעלע. אַ קליין אייל־פלעמל צאַנקט ביי קריסטוסעס מעטאַלענע פּיס. גאָלדענע רעפלעקסן פאַלן אויף זיין ווייטיקלעך פּנים. ערגעץ פון די העכערע שטאָקן דערגייען שטילע, סענטימענטאַלע קלאַוויר־טענער. אַנדערע, אין גאַנצן אַנדערע, ווי די געטאָ־טענער.

— —

די דייטשן און פּאָלאַקן האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס געטאָ וועט ווערן בליץ שנעל ליקווידירט. זיי האָבן זיך אָבער אַנטוישט. אין יעדן ברענענדיקן הויז קעמפן און פאַרטיידיקן זיך יידן. הינטער ווענט פון רויך טשייען זיך אויפשטענדלער. פרויען קעמפן נאָך העלדישער און פאַרביסענער ווי מענער. די דייטשן אַליין דערציילן, אַז מיידלעך באַנוצן זיך מיט צוויי רעוואָלווערן גלייכצייטיק. עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז קאָמוניסטן ליפערן אין געטאָ אַריין געווער און אַז סאָוויעטישע פאַראַשוטיסטן, דייטשישע דעזערטירן און פּאָליאַקן קעמפן צוזאַמען מיט די יידן, ווען נישט, וואָלט דער אויפשטאַנד שנעל דערשטיקט געוואָרן.

דער גוישער שכל קאָן נישט תופס זיין, אַז יידן זענען העלדיש; אַז די וואָס האָבן נישט קיין געווער וואַרפן זיך אויפן שונא מיט אַ מעסער, האַק, אָדער שטיק אייזן. סטאָך שטרייכט אונטער, אַז ווען נישט די פּ. פּ. ס. (פּויליש סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), וואָס קעמפט צוזאַמען מיט די אויפשטענדלער און ווען נישט דאָס געווער, וואָס די פּוילישע אַרבעטער ליפערן אין געטאָ אַריין, וואָלט פון די יידן שוין לאַנג נישט געבליבן קיין זכר.

כ׳ווייס נישט וויפל אמת עס איז פאַראַן אין די אַלע קלאַנגען וועגן מיטהילף פון דרויסן פאַרן קעמפנדיקן געטאָ. בכל אופן די ביולעטינען באַשטעטיקן נישט די קלאַנגען, להיפך, כמעט אין אַלע אומלעגאַלע אויסגאַבן געפינט מען אויסדרוקן פול מיט רעספּעקט פאַר דער יידישער העלדישקייט. עס ווערט אָבער דאָרט נישט דערמאָנט אַפילו מיט קיין וואָרט וועגן עמעצנס מיטהילף. איינזאַם קעמפן זיי, פאַרשלאָסענע אין די מויערן, אַרומגערינגלטע

מיט האַרמאַטן, געפּלאָגטע בייטאָג און ביינאַכט צווישן ברענענדיקע הייזער. העלדן — איינציקע אין דער געשיכטע.

— —

„אַזאַ חרפּה, אַזאַ חרפּה" — באַקלאָגט זיך די שולץ — „האָט וועך געעהערט, אַז אַ ביסל פאַרכעוואַטע יידן זאָלן זיך אַזוי לאַנג ווערן און די דייטשן זאָלן זיי נישט קאָנען איינס צוויי צעטרעטן ווי ווערעם? איך האָב אַליין געזען פאַרוואונדעטע און טויטע דייטשן, אַזאַ שאַנדע! פּוילן האָבן זיי פאַרוואַיעוועט אין עטלעכע טעג און דאָ, מיטן געטאָ, קאָנען זיי זיך נישט קיין עצה געבן!" — בייזערט זי זיך.

נאָך איר אַוועקגיין זאָגט קאַזיאַ:

„עס שמעקט איר נישט, דער „שוואַבקע", אַז „וויקטאָריאַ" באַקומט קלעפּ פון יידישע הענט. איך דאַקעגן פריי זיך. איך האָב הנאה צו זען, ווי דייטשן שאַרן זיך ביי די מויערן און האָבן מורא פאַר יידן".

איך קנעט אַ שטיק טייג אויפן לאָקשנברעט און שווייג. „פּוילן האָבן זיי באַזיגט אין אַ פּאָר טעג" — קלינגען אין מיינע אויערן כסדר די שולצס ווערטער — „אין עטלעכע טעג" און מיט מיינע אָרעמע ברידער קעמפן זיי שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג...

— —

די געהיימע בולעטינען זענען איבערפולט מיט ידיעות וועגן די קריגס־אָפּעראַציעס אין צפון־אַפריקע, אויפן פּאַציפיק און אין רוסלאַנד. אין איינעם אַ בלעטל לייען איך: „דאָרט אויף די פראָנטן פאַלן אויך מענטשן, דאָרט איז אויך פאַראַן העלדישקייט, אָבער דאָרט קעמפט מען און מען פאַלט אין אַנדערע באַדינגונגען ווי דאָ אין געטאָ! דאָ איז אַ קאַמף פון פאַרמשפּטע צום טויט אין זייער גרויזאַמסטן געראַנגל מיט אכזריות און פאַרברעכערישקייט. דער בולעטין פון די געטאָ־קאַמפן דאַרף ווערן איבערגעלייענט אויף די אויסלענדישע פראָנטן כדי דער זעלנער דאָרטן זאָל זיך קאָנען גרויסן מיט דער חברשאַפט פון די, וואָס פאַלן מיט געוועך אין האַנט אין די הייזער און גאַסן פון וואַרשעווער געטאָ. דער רויך איבער וואַרשע טאָר נישט פאַרשווינדן אָן אַ זכר, ווייל דעמאָלט יואָלט דער באַגריף פון העלדישקייט פאַרלוירן זיין אייגנטלעכן אינהאַלט און עס וואָלטן אויך פאַרגעסן געוואָרן די דייטשישע פאַרברעכנס, וואָס רופן צום הימל נאָך נקמה".

אָבער דאָס זענען שיינע ווערטער. יידן בעטן געוועך און באַקומען נישט. „מיר קעמפן פאַר אונדזער און אייער פרייהייט, פאַר אונדזער און אייער כבוד. מיר דאַרפן געוועך!" — רופן זיי אומאויפהערלעך צו די פּאָלאַקן, אָבער זייער רוף בלייבט אָן ענטפער.

אין דער זעלבער צייט, כדי אָפּצוציען די פּוילישע אויפמערקזאַמקייט

און רחמנות געפילן לגבי די יידן — גיבן די דייטשן איבער עטלעכע מאָל אין טאָג דורך מעגאַפאָנען וועגן דעם מאָרד איבער טויזנטער פוילישע אָפי־צירן אין קאַטין. זיי באַצייכענען, אַז די אויספירער פון דעם פאַרברעכן זענען געווען יידן און באָלשעוויקעס.

אין שויפענצטער אויף אַלע הויפּטגאַסן שטעלן די דייטשן אַרויס בילדער פון די אומגעקומענע אָפיצירן. עס פיגורירן נעמען פון די דער־מאָרדעטע, עס ליגן זייערע פאַרבלוטיקטע פעסער, קלייניקייטן, בריוו גע־שיקטע צו זיי פון קרובים, מעדאַליאָנען, פינגערלעך און אונטער דעם אַלעם אַן אויפשריפט: „אַזוי ברענגען אום יידישע באָלשעוויקעס אונדזערע בעסטע ברידער".

ביי אַלע עקן גאַסן, אויף די מויערן הענגען פּלאַקאַטן, וווּ ס'איז אויסגע־מאָלט אַן עקלהאַפטע יידיש פּנים, מיט אַ האָרבאַטע נאָז, בלוטיקע אויגן, גראָבע ליפּן און פון אונטן אַן אויפשריפט: „ביטש לודזקאָשטשי" (די בייטש פון דער מענטשהייט).

די דייטשן העצן אויף קעגן יידן מיט פאַרשפּרייטן ידיעות, אַז די אַנט־לאָפענע פון געטאָ דערהרגענען פּאָלאַקן, פאַרגוואַלטיקן פרויען און צינדן אונטער דערפער. דורך די מעגאַפאָנען גיט מען אַפילו איבער וועגן מאָרד־אָנפאַלן פון אומבאַקאַנטע, נישט אַנטדעקטע מערדער, „אוודאי" יידן.

דאָס געפיל פון שנאה רייצט אויף די נידעריקע אינסטינקטן פון די מאַסן. עס וואַקסן אויס פוילישע מיטהעלפערביים אויסראָטן דאָס לעצטע ביסל יידן אויף דער אַרישער זייט.

— —

דייטשישע אַעראָפּלאַנען פליען כסדר איבערן געטאָ און באַוואַרפן הויז נאָך הויז מיט באָמבעס. אין די קאַנאַליזאַציע רערן לאָזן זיי אַריין גאַז. פּאָלאַקן דערציילן, אַז אונטער די גאַסן הערט מען שרעקלעכע יעלות. „ווי שטשורעס לויפן זיי דאָרט אַרום און פּישטשען" — לאַכט דער גראָבער מיכאַלטשיק, דער אייגנטימער פון אונדזער שפּייז־געוועלבל.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פראַנעק האָט מיר געבראַכט אַ בולעטין מיט שיקאָרסקיס רעדע פון 5־טן מאַי. אָט זענען זיינע ווערטער: „עס ווערט אָפּגעטאָן דאָס גרעסטע פאַרברעכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. מיר ווייסן, אַז איר פּאָלאַקן העלפט די יידן, ווי איר קאָנט נאָר. איך דאַנק אייך ברידער אין מיין נאָמען, אויך אין נאָמען פון דער רעגירונג. איך בעט אייך איר זאָלט זיי העלפן מיט אַלעם, וואָס ליגט אין אייער מעגלעכקייט, און אויך באַקעמפן די שרעקלעכע בעסטיאַלישקייט, וואָס די דייטשן באַגייען לגבי די יידן".

זיינע ווערטער בלייבן אָבער אָן אַן אָפּקלאַנג. ס׳ריב פּאָלאַקן זענען שוין צו פיל דעמאָראַליזירט און פאַרסמט מיט שנאה צו יידן.

7.

כ׳בין אין פּראַגע ביי זאָשקאַן, ווו כ׳קאָן פריי שרייבן. זאָשאַ פּאָרעט זיךביים צוגרייטן מיטאָג. דאָס שטיבל איז צוגערוימט. די בלומען אויפן פענצטער גרינען און עטעמען פרידלעך. דער נעכטיקער קאָשמאַרנער טאָג הענגט נאָך אַלץ איבער מיר, ווי דער בלייענער הימל איבערן געטאָ.

ווען כ׳האָב נעכטן געוואַשן די כלים ביי קאַזיאַן אין קוך, האָב איך דערהערט אַ געוויש אויף דער גאַס. אַ יונגער עס־עס־מאַן האָט געפירט צוויי יידן: אַ מאַן מיט אַ פרוי. ער האָט זיי אַריינגעפירט צו אונדז אין הויז. אַ צענדליק פּאָלאַקן, בפרט יונגווארג, האָט זיי באַגלייט. מיין בעל־הביתטע, אַ נייגעריקע, איז אַרויס פון שטוב. ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט זי מיר דערציילט, אַז בוטקאָווסקי האָט אין זיין סטאָליער־ווערקשטאַט אין געטאָ געהאַט צווישן די יידישע אַרבעטער אויך אַ ווינער דאָקטאָר, מיט וועלכן ער האָט זיך באַפריינדעט. דער דאָקטאָר האָט בוטקאָווסקין געגעבן איינציקווייז, טאָג נאָך טאָג, זיינע חפצים און ווערטפולע זאַכן צום אַרויסטראָגן, מיט דער האָפענונג, אַז אויך ער מיט זיין פרוי וועלן זיך אַרויסבאַקומען פון הינטער די מויערן, אָבער דער אויפשטאַנד, וואָס איז אויסגעבראָכן, האָט צו נישט געמאַכט זייערע פּלענער.

ווען די דייטשן האָבן, בעתן ליקווידירן דעם געטאָ, אַרויסגעצויגן פון אַ בונקער אַ גרופּע יידן און זיי אויסגעשטעלט צום דערשיסן, האָט אַן עס־עס־אָפיציר, דער קאָמענדאַנט פון דער אָפּטיילונג, דערקענט צווישן די יידן זיין באַליבסטן שול־חבר, אָט דעם ווינער דאָקטאָר.

דער קאָמענדאַנט האָט באַשלאָסן אים צו ראַטעווען. — האָסטו ווו אַהין צו גיין? — האָט ער געפרעגט דעם ייד.

דער דאָקטאָר האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון בוטקאָווסקי, אַלס דעם איינציקן אַריער וואָס ער קען. דער עס־עס־אָפיציר האָט באַפוילן זיין יונגן אַדיוטאַנט אָוועקצופירן דעם דאָקטאָר מיט זיין פרוי צו בוטקאָווסקין. לויט דעם פּלאַן פון קאָמענדאַנט, האָבן די צוויי יידן געזאָלט פאַרבלייבן ביי די בוטקאָווסקיס אַ צוויי, דריי טעג, ביז דער עס־עס־מאַן וועט קומען זיי פון דאָרטן אָפּנעמען און ערגעץ ווו איינאָרדענען. קאַזיאַ האָט אויך דערציילט, אַז דער עס־עס־מאַן, וואָס האָט זיי געבראַכט, האָט נישט געוואָלט צונעמען אַ גאָלדענעם זייגער וואָס די יידישקע האָט אים געשטיפּט אין האַנט אַריין אַלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט. ער האָט סאַלוטירט און איז אַוועק.

„ביידע זיצן זיי אויף דער פּאָדלאָגע" — שילדערט רואיק קאַזיאַ —

„זי, אַ שיינהייט פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק, ער מיט אַ צען יאָר עלטער, אויך זייער אַ שיינער. זיי ווילן נישט פּאַראומריייניקן קיין שטולן, ווייל זיי זענען זייער שמוציק פון לאַנגע וואָכן זיך נישט וואַשן און נישט טוישן די שמאַטעס. אַ, יעזו, זיי האָבן אַזעלכע טרויעריקע און איבערגעשראָקענע אויגן; זיי בעטן נאָר וואַסער מיט ברויט, קושן איינס דאָס צווייטע און וויינען פון פרייד! אָבער ווען דו זעסט, ווי די בוטקאָווסקאַ ציטערט פון שרעק און ווי זי וויל פון זיי פּטור ווערן, וואָלסטו געלאַכט!" — מיין בעל־הביתטע האָט געענדיקט איר ראַפּאָרט און שוין איז זי ווידער אַרויס.

כ'בין געווען אומרואיק ווי אַ פויגל. אויף דער גאַס האָבן זיך פאַרזאַמלט וואָס אַ מאָל מער שקצים. עס האָט געראַיעט פון אונטערוועלט־טיפּן, גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק. דורך די פאַרמאַכטע פענצטער האָבן זיך אַריינגעריסן איינצלנע ווערטער: „זשידי, זשידי". כ'האָב מורא געהאַט צוצוגיין נענטער צו דער שויב, מען זאָל מיך נישט דערקענען. דאָס פאָרל איז איינגעשטעלט. כ'האָב געבעטן שטיל צו גאָט.

קאַזיאַ איז ווידער אַריינגעקומען אַן אויפגערעגטע, אַ פאַרכמורעטע. „לאָטרי" — האָט זי מאַט געזאָגט — „זיי קלאַפּן כסדר ביי בוטקאָווסקיס טיר און פאָדערן געלט אויף בראָנפן, דראָענדיק, אַז אויב זיי וועלן נישט באַקומען, וועלן זיי מעלדן אין געסטאַפּאָ, ווו מען צאָלט פינפהונדערט זלאָטעס פאַר אַ יידיש „קעפּל". שוין צוויי מאָל האָט בוטקאָווסקי זיי איבערגעקויפט, אָבער באַלד קומען אַנדערע באַנדעס און הייסן זיך געבן טאָפּל. די בוטקאָווסקאַ וויינט, ברעכט די הענט און ציטערט, אַז אויב געסטאַפּאָ וועט קומען, וועט מען זיי צוזאַמען מיט די יידן דערשיסן!"

מיר האָבן זיך ביידע באַראַטן: אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן די יידן איבערצוטון אין אַנדערע מלבושים און אַרויספירן ערגעץ ווו, לאָמיר זאָגן צו סטאַכן, אָדער איבערטאָן זיי אַלס בעטלער און אַוועקפירן צו אַ קאָשטשאָל?

„דאָס הויז איז אָבער ארומגערינגלט מיט לאָבוסעס" — קלערט אויפן קול קאַזיע — „און דער טאָג איז אַזאַ ליכטיקער, ביז נאַכט איז נאָך לאַנג".

איך האָב זיך אָנגעטאָן און געלאָפן צו סטאַכן. אפשר וועט ער דאָך עפּעס אויפטאָן.

ווען איך בין צוריקגעקומען צוזאַמען מיט סטאַכן, איז די גאַס געווען ליידיק. אַ מוראדיקע שטילקייט, ווי אייף אַ בית־עולם, איז געהאָנגען אויף די טויטע הייזער און אויסגעלייגט זיך אויפן גראָען אַספאַלט. אַ שלעכט פאָרגעפיל האָט געגנאָגט ביים האַרץ. ווען מיר זענען ביידע אַריינגעקומען אין שטוב, האָט קאַזיאַ מאַכטלאָז פונאַנדערגעלייגט די הענט: „זיי זענען שוין נישטאָ! אָרנטלעכע יידן. אַליין זענען זיי אַוועק אין קאָמיסאַריאַט,

נישט וועלנדיק שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון די בוטקאָווסקיס, וועלכע האָבן צוגעזאָגט דעם פּאָרל, אַז ביינאַכט וועלן זיי קומען מיט געלט אויסלייזן זיי און דערנאָך אויסבאַהאַלטן ביי באַקאַנטע אין ראַדאָשטש, הינטער וואַרשע. אָבער אַזוי ווי די יידן זענען נאָר אַרויס אויף דער גאַס, האָבן שקצים זיי אַרומגערינגלט. מיט אַ מאָל איז פאַרבייגעפאָרן אַ מאָטאָציקל מיט צוויי דייטשישע זשאַנדאַרן. „יודע, יודע" — האָבן געשריגן די לאָבוסעס.

„האַלט!" — האָט אַ דייטש אויסגעשריגן. צוגעטולעטע איינס צום צווייטן זענען זיי געבליבן שטיין. די דייטשן האָבן זיי אַריינגעטריבן אין הויף פון קאָמיסאַריאַט און דאָרט דערשאָסן.

„כאָטש יידן, אָבער דאָך אַ שאָד" — פאַרענדיקט גרויסמוטיק קאַזיאַ.

באַלד ווענדעט זי זיך צו סטאַכן און רופט אויס: „ווייסטו ווער עס איז געווען דעם דאָקטאָרס פרוי? דעם רייכן קאָלעקטאָר לאַנדויס טאָכטער. געדענקסט? מיר האָבן דאָרט אַמאָל געקויפט בשותפות אַ צעטל אויף דער לאָטעריע".

8.

היינט איז די בוטקאָווסקאַ צו אונדז אַריין אַ בלאַסע, אַ צעשראָקענע און מיך געפרעגט, צי איך פאַרשטיי דייטש. איך האָב געענטפערט, אַז רעדן קאָן איך נאָר אייניקע ווערטער און פאַרשטיין פאַרשטיי איך ווינציק. זי האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים אַרבל און פשוט מיט כוח אַריינגעצויגן צו זיך אין שטוב. עס איז געשטאַנען דער יונגער עס־עס־מאַן, וואָס האָט מיט עטלעכע טעג צוריק איבערגעלאָזט דאָס יידישע פּאָרל. דער דייטש האָט מיך געפרעגט, ווו די יידן געפינען זיך. איך האָב געענטפערט איין וואָרט: „געסטאַפּאָ".

דאָס פּנים פונעם זעלנער האָט זיך אָנגעצונדן, ווי אַ פייער. ער האָט אין כעס אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער ביקס אין דער פּאָדלאָגע, אַז איך מיט דער בוטקאָווסקאַ האָבן אויפגעציטערט. „פאַרפלוכטע פּאָלען!" — האָט ער געשריגן — „דרעקיקע פּאָלען! איך מיט מיין קאָמענדאַנט האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן, כדי זיי צו ראַטעווען און איר האָט זיי איבערגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ?! איך האָב אַ האַלבן טאָג זיך מיט זיי אַרומגעבלאָנקעט, נישט קאָנענדיק געפונען דעם ריכטיקן אַדרעס, און איר האָט זיי באַרויבט און געפּטרט! שוויינען! מיין קאָמענדאַנט וועט זיך אין אייך נוקם זיין!!"

מיט אַ שוים אויף די ליפּן איז ער אַרויס. ווען כ'האָב דער בוטקאָווסקאַ איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון זיינע ווערטער, האָט זי זיך אָנגעהויבן צלמען און בעטן: „גאָט, דורך דיינע ליידן און פּיין, פאַרהיט אונדז פון

שלעכטס! כריסטע, מיין האַר, באַשיץ דיינע שעפּסעלעך, וואָס לויבן דיין הייליקן נאָמען און גייען אין דיין וועג״...

— —

פּאַר נאַכט האָט פּאַר אונדזער הויז אַדורכשפּאַצירט אַ שייגעץ מיט אַ יידישן קינבאַק אין האַנט. צווישן צוויי שורות ציין זענען געווען אויך עט־לעכע גאָלדענע.

„אַ הונדערטער, אַ הונדערטער, דאָס בעסטע רענדל־גאָלד!״ — האָט דער שייגעץ געררופן, ווי אויף אַ ליציטאַציע.

לוטשאַק קויפט דעם אוצר און קאָמענטירט דערנאָך:

„ביי יעדן גאָלדשמידט ליגן בערג גאָלדענע ציין; אין אַ סך ציין זענען איינגעגיפּסט בריליאַנטן, ס׳איז כדאי צו ריזיקירן. איין מאָל אין לעבן האָט מען אַזאַ געלעגנהייט!״

— —

שוואַרצע קרעציקע וואָלקנס באַדעקן דעם הימל. אַ פּאַראייטערטע, גע־שוואָלענע נאַכט ציט צו אונדז פון געטאָ, קוקט מיט גרויסע, אויסגעברענטע אויגן־לעכער און מיט אויסגעשטשירעטע שטיקער מויערן, צווישן וועלכע ס׳פּליען די לעצטע פונקן, ווי גאָלדענע ציין אין אַ צעשמעטערטן יידישן שאַרבן־קאָפּ.

— —

קאַפּיטל זיבן

אין ראַדאָשטש

.1

אין איינער אַ פֿינצטערער האַלבער נאַכט האָב איך דערהערט, אַז עפּעס טוט זיך דאָרט אין דער אָפּיצינע, פֿון דער צווייטער זייט הויף. באַלד טאַקע האָט זיך צעשלוכצט אַ דערשטיקט פֿרויען־געוויין. טירן האָבן זיך פֿאָרזיכטיק געעפֿנט און שטילע טריט האָבן אין דער פֿינצטער געטאָפּטשעט אויף די טרעפּ! אַפֿילו קאַזיאַ איז אַראָפּ פֿון געלעגער און אַרויס אין דרויסן.

איך האָב אונטערגעהערט יעדן שאָרך. דאָ און דאָרט האָט עמעצער עפּעס שטיל דערציילט. איך האָב אויפֿגעכאַפּט איינצלנע ווערטער: „אָפּגע־גאָלט", „אָפּגעשמיסן", „גוט־אַזוי". קאַזיאַ איז אַריינגעקומען און רואיק דערציילט, אַז די ראַשינסקיס ניינצן־יעריקע, שיינע טאָכטער פֿלעגט האָבן דערפֿאָלג ביי דייטשן. יעדן אָונט זענען געקומען צוויי אָפֿיצירן מיט אַן אויטאָ און זי מיט זיך מיטגענומען; שפּעט ביינאַכט פֿלעגן זיי זי אַהיימברענ־גען. צוויי מאָל האָט זי דערהאַלטן בריוו פֿון דער אונטערערדישער אָרגאַני־זאַציע, זי זאָל איבעררייסן די באַציאונגען מיט די דייטשן, ווייל זי וועט טייער באַצאָלן, אָבער זי האָט זיך אויסגעלאַכט דערפֿון. היינט, ווען די דייטשן האָבן זי, ווי יעדער נאַכט, אַראָפּגעלאָזט פֿון אויטאָ און אַוועקגעפֿאָרן, האָבן דריי יונ־געלייט זי געכאַפּט, פֿאַרשטופּט איר דאָס מויל, פֿאַרבונדן די אויגן און אַוועק־געפֿירט ערגעץ־ווו. דאָרט האָבן זיי איר אָפּגעשוירן די האָר ביז צו דער הויט, גוט אָנגעשמיסן און אַזוי מיט געבונדענע הענט און פֿאַרבונדענע אויגן, אָפּ־געשטעלט צוריק אַהיים. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין שטוב איז אַ בהלה, די עלטערן קריגן זיך, דאָס מיידל וויל זיך דערהרגענען. „אָבער מיט קיין דייטשן — ענדיקט קאַזיאַ — וועט זי שוין מער נישט פֿאַרברענגען".

— —

אין דער זעלבער נאַכט האָט קאַזיאַ באַקומען ווייען. איך האָב צוגע־גרייט אַלץ צום געבורט. קאַזיאַ איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק מיט פֿאַר־ביסענע ליפּן, שטיל, כדי נישט אויפֿצוּוועקן דעם מאַן מיט די קינדער. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן האָט זי געבעטן, איך זאָל גיין נאָך דער אַקושערקע. ווען כ'בין צוריקגעקומען, איז יוזעף גראָד אַוועק צו דער אַרבעט. קאַזיאַ איז שוין געלעגן אין בעט. „פּרוי העלענאַ, זי קומט באַלד? רוף זי שנעלער!"

איך בין נאָך אַ מאָל אַרויסגעלאָפן און נאָך צען מינוט געוועז צוריק מיט דער אַקושערקע. זי האָט נישט באַוויזן אָפּצוואַשן די הענט — איז געבוירן געוואָרן דאָס קינד, אַ גרויס, פעט מיידעלע. קאַזיאַ איז געלעגן אַ צופרידענע און רואיק צוגעקוקט, ווי די אַקושערקע וואַשט אָפּ און טוט דערנאָך אָן דאָס קליינע באַשעפעניש.

איך בין זי אַזוי מקנא!! ווו ווועל איך געבוירן מיין קינד? ווו וועל איך זיך אַהינטאָן דערמיט? שוין נישט לאַנג דאַרף עס קומען. אַפילו אַ פויגל האָט אַ נעסט און איך בין אַזוי אָרעם, אַזוי אָרעם!

— —

די קינדער פרייען זיך מיט זייער קליין שוועסטערל. קרובים קומען מיט געשאַנקען. קאַזיאַ שפּראַצט מיט געזונטקייט. יוזעף האָט דער קליינינקער אַ שנעל געטאָן אין דער נאָז און געלאַכט, ווען דאָס קינד האָט זיך צעוויינט.

.2

אין שווערע, האָפענונגסלאָזע צייטן באַווייזט זיך אָפט מאָל אַ ליכטיקער פונק, צו וועלכן עס ציען די געדאַנקען מיט בטחון. ס'דאַכט זיך, אַז „דאָרט״ וועט אפשר זיין די גרענעץ פון יסורים; אַז דאָרט וועט זיך ענדיקן די פינצטערניש, דאָס אומגליק.

אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט, ווען די בוטקאָוסקאַ האָט מיך מיט ישראלן פאַרבעטן צו קומען קיין ראַדאָשטש, ווו זי מיט איר משפחה פאַרברענגט יעדעס יאָר די זומער־חדשים. זי האָט באַטאָנט, אַז זי פאַרבעט אונדז נאָר אויף אַ זונטיק־טאָג, ווייל זי וויל נישט ברענגען שאָדן קאַזיאַן, וועלכע דאַרף מיך איצט נייטיק האָבן. די בוטקאָווסקאַ האָט מיר אָפן געזאָגט, אַז זי איז קאַזיאַן מקנא, וואָס דער גורל האָט איר צוגעשיקט אַזאַ גוטע „גאָספּאָשע״, וועלכע טוט אַלע שטוב־אַרבעטן און נייט אַפילו קליידער.

— פרוי בוטקאָווסקאַ — האָב איך איר געענטפערט — אויב דו האָסט אַלטע קליידער, וועל איך זיי דיר איבערנייען. איך קאָן נעמען אַ צוויי טעג אורלויב ביי קאַזיאַן און אויך דיר אַ ביסל גרינגער מאַכן.

זי האָט אויפגעשטראַלט פון שמחה. מיר האָבן באַשטימט, אַז דעם צווייטן זונטיק וועלן מיר זי באַזוכן.

— איך וואָלט געקומען אַליין — האָב איך איר דערקלערט — אָבער אין שוואַנגערשאַפט איז בעסער, אַז מען האָט איבער זיך אַ השגחה.

— —

אַלע אין הויז דערהאַלטן בריוו, נאָר פאַר אונדז ברענגט דער בריוון טרעגער קיין מאָל גאָרנישט.

זאַוואַדזקאַ און קאַזיאַ פרעגן מיך: „האָסטו קיינעם נישט, פרוי מאַלאַר־קאַ? קיין משפחה, פריינד, באַקאַנטע, וואָס זאָלן צו אייך שרייבן?".

— אָ, יאָ — ענטפער איך — די בריוו קומען אָן צו סטאַכן, אָבער איך מוז טאַקע אויפגעבן מיין נייעם אַדרעס.

און נאָך אַ וואָך קומען שוין אָן צו אונדז בריוו. בריוו געשריבענע פון מיר, אָדער ישראלן, די האַנטשריפט פאַרענדערט. אין איין בריוו אַזעלכן ליגט אַפילו אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ קינד בעת דער קאָנפירמאַציע־צערעמאָניע. אין אַ צווייטן בריוו — אַ חתונה־בילד מיט אַ גלח צווישן די געסט. די בילדער זענען אויסגעבאַרגטע ביים אינזשעניער.

3.

זונטיק גאַנץ פרי זענען מיר ביידע געפאָרן קיין ראַדאָשטש. קאַזיאַ האָט מיר געבאָרגט אירס אַ ברייטן, גרינעם מאַנטל און איך — אַזאַ גוישע, ברייט צעוואַקסענע, בין איינגעשטיגן מיט ישראלן אין צוג. עמעצער האָט מיר אָפּ־געטרעטן זיין זיץ־פּלאַץ. די שוואַנגערשאַפט גיט צו זיכערקייט: עס וואָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז אַ יידישקע זאָל האָבן די העזה צו פאַרשוואַנ־גערן און עס האָבן זיך טאַקע אויף מיר נישט פאַרהאַלטן קיין בליקן, וואָס באַאומרואיקן.

אויך ישראל ציט נישט אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט זיך לעצטנס פאַרוואַנדלט אין אַ הונדערט פראָצענטיקן גוי; אַפילו די באַוועַ־גונגען זיינע זענען „גוישע".

דריי מוזיקאַנטן, יונגע שקצים, באַוועגן זיך אין אונדזער וואַגאָן. אַלע דריי זינגען; צוויי — אַקאָמפּאַנירן אויף מאַנדאָלינעס. זיי זינגען עפּעס אַ סענטימענטאַל לידל. גלייכצייטיק שפּיזן זיי אַדורך מיט די בליקן יעדן ריי־זענדן. נעבן ישראלן שטייט אַ יונגער, אפשר דרייסיק־יעריקער מאַן אין אַ ברוינעם ספּאָרט־אַנצוג. אויפן קאָפּ — אַ טיראָלער קאַפּעלושל באַפּוצט מיט אַן עדלווייס־בלימל.

דאָס לידל ענדיקט זיך. איינער פון די מוזיקאַנטן קרייזט אַרום מיט אַ היטל אין דער האַנט. איך וואַרף אַריין אַ קליינע מטבע, אַזוי ווי עס טוען אַנדערע. דער פּאַסאַזשיר אינעם ברוינעם אַנצוג עפנט ברייט אויף זיין טייס־טער, אַן אָנגעשטאָפּטן מיט באַנקנאָטן, נעמט אַרויס אַ קליינעם באַנקנאָט און וואַרפט אַריין אין היטל.

— קום מיט אונדז! — באַפעלט אים שטיל איינער פון די שקצים.

— ניע וויגלופּיאיטשע שען! (מאַכט אייך נישט צו נאַר) — פּאַלט אַ נישט זיכערער ענטפער.

— קום! — האָט דער מוזיקאַנט חוצפּהדיק אויסגערופן — און ווען דער

ברוין געקליידעטער מאַן האָט זיך קעגנגעשטעלט, האָט דער שייגעץ אַ רוף געטאָן צו די צוויי איבעריקע חברים: „ביעשטשע גאָ!"

— אַ טאָ צאָ? (און דאָס איז וואָס?) — פרעגט אַן עלטערער גוי נעבן מיר.

— זשידעק! (אַ יידל) — האָט מיט שפּאָט דערקלערט איינער פון די מוזיקאַנטן — איר דערקענט נישט, אָבער מיר מאַכן נישט קיין טעות!

— זאָסטאַוטשע מניע וספּאָקאָיו — האָט אויסגעפּרעפּלט דער ייד אַ בלאַסער, אַ דערשראָקענער — איר האָט אַ טעות, איך בין נישט קיין ייד, דאָס איז אַ חוצפּה פון אייך. קומט, מיר וועלן מאַכן אַ כוסע.

פייערדיקע פּעטש האָבן זיך צעפּלאַמט אויף זיינע באַקן. פון דער נאָז האָט אָנגעהויבן רינען בלוט. אַלע רייזנדע האָבן זיך שטיל צוגעקוקט און איינגעהערט אינעם יידס געבעט:

— פּאַנאָוויע, מאַם כאָראָן זשאָנע, צאָ נאָ מניע טשעקאָ! (איך האָב אַ קראַנקע פרוי, וואָס וואַרט אויף מיר).

— לאָזט אים אָפּ — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ מענער־קול — נעמט ביי אים צו וואָס ער האָט און לאָזט אים לויפן.

די מוזיקאַנטן האָבן אַריינגעפירט דעם ייד אין באַן־קלאָזעט, פאַרמאַכט די טיר און נאָך אַ פּאָר מינוט זענען אַלע ווידער אַרויס. דער ייד האָט אויף זיך געהאַט אַ צעריסענעם מלבוש און איינער פון די מוזיקאַנטן האָט געטראָגן דעם יידס ברוינעם, עלעגאַנטן אָנצוג און אַפילו זיין טיראָלער קאַפּעלוש מיטן בלימל. אויף דער ערשטער סטאַציע איז דער ייד אַראָפּ און ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן. אויך די שקצים זענען נעלם געוואָרן.

ביי מיר אונטערן האַרץ האָט זיך מוראדיק געוואָרפן און געצאַפּלט מיין, נאָך נישט געבוירן, יידיש קינד.

.4

מיט שווערע, פּודיקע פיס זענען מיר אַרויס אויף דער קליינער, זאַמדיקער סטאַציע אין ראַדאָשטש. לויט די אָנווייזונגען פון דער בוטקאָווסקאַ האָבן מיר געדאַרפט דורכשניידן אַ שטיק פעלד, וואָס פירט צו אַ בערגל און, איבער־לאָזנדיק פון דער רעכטער זייט אַן איינזאַם ווייס הייזל, גיין איבער אַ זאַמדיקן שטח ביז צום וואַלד. גייענדיק אַזוי ביים ראַנד אַן אַכט מינוט, וועלן מיר אָנ־קומען צו די בוטקאָווסקיס הייזל, וואָס לויט איר באַצייכענונג, איז עס איינס פון אַ גאַנצער ריי בנינים, וואָס האָבן פאַר דער מלחמה געהערט צו דער ענג־לישער מיסיאָנערן־געזעלשאַפט.

מיר גייען. איך פיל זיך שלעכט און קוים וואָס איך באַוועג זיך. ישראל האַלט מיך פעסט אונטערן אָרעם. אין דער צווייטער האַנט טראָגט ער אַ פּעקל: באַשיידענע געשאַנקען פאַר דער בוטקאָווסקאַ מיט איר קינד.

איך בלייב אַ רגע שטיין און קאָן נישט אַרויפגיין אויפן בערגל. ישראל רעדט צו מיר ווייך און האַרציק, ווי צו אַ קינד. דער רוקן איז ביי מיר ווי איבערגעבראָכן. עפּעס שרעקט מיך, אַז מיר וועלן באַגעגענען דייטשן. איבערן שטערן רינט אַ שווייס. מיר זענען שוין אויפן בערגל און זעען אַ גרויסן זאַמ־דיקן שטח, ענלעך צו אַ ספּאָרט־פּלאַץ און נאָך אים — אַ וואַלד. באַרג אַראָפּ איז מיר גרינגער צו גיין, דאָס זאַמד אָבער באַשווערט די טריט. אַ ווינטל פול מיט סאָסנע־געריך דערפרישט מיך. דער וואַלד־ריח פירט מיך אַוועק צום „אַמאָל". אַזוי ווי די פאַרבייציִענדיקע וואָלקנס, שווימען אַדורך אין מיין מוח אַלטע, פון לאַנג שוין פאַרטונקלטע בילדער. איך פאַרגעס, וווּ איך געפין זיך. מיר גייען פאַרטראַכטע און שווייגן.

פלוצלינג גיט מיך ישראל אַ צי אויף צוריק. אַ דריי מעטער פון אונדז ליגט אַ טויטער מאַן מיטן פּנים צום הימל. איין האַנט איינגעבויגן, די אַנדערע — אַרויסגעוואָרפן ווייט פון זיך ; דערנעבן — אַ קאַפּעלוש. מיר באַמערקן אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר צוגעשפּילעט צו דער קלאַפּע פון זיין מאַרינאַרקע. איך צי ישראלן ביי דער האַנט, מיר זאָלן אַנטלויפן. ער אָבער דערנעענטערט זיך אויף אַ רגע און באַוויזט איבערצולייענען דעם פּוילישן אויפשריפט : „יעדן פאַררעטער פון אונדזער לאַנד וועט טרעפן אַזאַ סוף".

מיט שנעלע טריט דערווייטערן מיר זיך. אַן אימה טרייבט אונדז אונטער. מיר לויפן כמעט. טאָמער איז עמעצער באַהאַלטן צווישן די ביימער ? אפשר וועלן באַלד אָנקומען דייטשן און אונדז חושד זיין, אַז מיר האָבן אַ שייכות מיט דעם ענין ? דאָס האַרץ קלאַפּט ווילד. אַ שטאַרקער, טיפער ווייטיק כאַפּט אַרום מיין רוקן. איך קאָן מער נישט לויפן און דאָך וויל איך זיין וואָס ווייטער פון דאַנען, וואָס שנעלער אָנקומען צו די בוטקאָווסקיס.

דער וואַלד איז שרעקעוודיק און פאַרבאָרגן.

— יאַנעק, איך קאָן נישט מער !

— באַהערש זיך, שטאַרק זיך, ווען נישט, קאָן עפּעס שלעכטס פּאַסירן !

אַ ווייטער שאָס און באַלד דערנאָך נאָך איינער גיט מיר צו כוח. ישראל האַלט מיך אונטער. ער הייבט מיך כמעט אין דער לופטן. אונטער די פיס שורשען טרוקענע וואַלד־נאָדלען, באַדילעס און דאַרע שטיקער קאָרע. אַ צווייג איבער אונדז גיט אַ צאַפּל, אַ שישקע פאַלט אַראָפּ, אַן אומהיימלעכער ציטער לויפט אַדורך איבערן לייב. דער וועג איז אַזוי שרעקלעך לאַנג, ממש אָן אַ סוף.

ענדלעך דערזעען מיר וועגט פון אַ טונקל הילצערן הייזל, נישט ווייט פון אים — נאָך איינס. אין די אויגן דרייען זיך מיר טרערן.

.5

די בוטקאָווסקיס האָבן אונדז אויפגענומען זייער פריינדלעך. מיר האָבן „זאַרגלאָז" דערציילט ווי איינער האָט דעם צווייטן באַוואָרפן מיט שישקעס, אַזש פייגל האָבן פון שמחה געצוויטשעט. דערנאָך האָב איך דערלאַנגט די געבערענגטע מתנות. ווען די בוטקאָווסקאַ האָט דערזען דעם געבלומטן שטאָף אויף אַ זומערקלייד, איז זי אויף מיר אַרויף, געקושט, געהאַלדזט און זיך צע־גאַנגען פון דאַנקבאַרקייט. איר פינף־חדשימדיק קינד, אַ ליכטיק, בלאָנד מיידעלע האָט באַקומען אַ פּאַיאַץ אויף אַ לייטערל און אַנדער שפּילוואַרג. די שמחה איז געווען אין לשער.

די בוטקאָווסקיס וווינען אין אַ גרויסן צימער, אין וועלכן עס געפינט זיך אַ נידעריקע, ליימענע, קיך, אַ טיש מיט דריי שטולן, אַ ברייטע סאָפע און אַ קינדער־בעטל. אַ ביסל ווייטער — אַ באַנק מיט אַן עמער וואַסער, אַ שיסל און אויף דער וואַנט, אויף טשוועקעס — עטלעכע טעפּ. די פּאָר טעלער מיטן עסנוואַרג האַלט די בוטקאָווסקאַ אין אַ קאַסטן, וועלכער שטייט אויף אַ שורה ציגל.

די לאַדנס פוןביידע פענצטער זענען פאַרמאַכט. בלויז די טיר איז אָפן און פון דאַנען טאַקע רייסט זיך אַריין דאָס ביסל ליכט, וואָס באַלייכט דעם האַלב־טונקעלן צימער.

אויף ישׂראלס פראַגע, פאַר וואָס די לאַדנס זענען פאַרמאַכט, דערקלערט בוטקאָווסקי, אַז אין ראַדאָשטש זענען דאָ אַ סך גנבים און אַפילו מערדער. דער אַמאָליקער נאָמען פון דעם אָרט איז טאַקע געווען „זבאָינאַ גוראַ" (דער „רוצחישער באַרג"). דערפאַר איז בעסער נישט צו ווייזן פאַר אַלעמען, אַז דאָס צימער איז באַוווינט.

איך זיץ קוים אויף דער שטול. ווייטאָגן כאַפּן מיך פון צייט צו צייט אַרום. לויט מיין חשבון פעלט נאָך דריי וואָכן צו די ניין חדשים, אין האַרצן אָבער בעט איך, אַז טאַקע דאָ זאָל עס געשען.

די בוטקאָווסקאַ פאַרעט זיך ביי דער קיך. זי שטעלט אַרויף אַ טשייניק וואַסער אויף טיי און איך מיט ישׂראלן גייען אַרויס, כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם „אַרום".

— קוק, — ווייזט ישׂראל אָן אויף אַ הויז אַנטקעגן איבער — קוק!

איך דערזע אויף דער מויער, אַרום דעם דאַך, העברעאישע אותיות. אַ זאַץ פון ישעיהו הנביא: „ויצא חוטר מגזע ישי ונצר משרשיו יפרח". יאָ, אמת טאַקע, דאָ האָבן דאָך רעזידירט די מיסיאָנערן.

דאָ און דאָרט שטייט אַ הייזל איינגעטוליעט צווישן ביימער. עס קרייצן זיך סטעזשקעס. מיר גייען דורך אַ שיינעם, אָבער פאַרנאַכלעסיקטן גאָרטן.

עס הערשט אַ טיפע שטילקייט, די לופט פאַרכישופט. איך צי זיך אויס אונטער אַ ברייט־צעוואַקסענעם בוים און מאַך צו די אויגן. אויף אַ רגע באַווייזט זיך ווידער דאָס לעבן אַ נישט־אויסבלאַקירטס, אַן אומבאַפלעקטס מיט בלוט; עפּעס ווי אַ קאַרגער צוזאָג אויף אַ נייעם מאָרגן — אַ פרישער שטראַל פון פרייד. ווי שטיל און גוט איז דאָ! אַליין, אַליין צווישןביימער, וואָס ברענגען אַזאַ אָנטשפּאַנונג. אָבער ווען זיי צערווישן זיך, ווער איך וואַכוודיק, אָנגעשפּיצט און מיין געהער כאַפּט אויף דעם קלענסטן שאָרך. דער וואַלד אַנטקעגן איבער שרעקט. ער שרעקט מיט זיין טיפקייט, טונקלקייט, מיט פאַרהילטער סודותדיקייט, מיט טרוקענעם געדויש פון אומרו און פחד.

פאַר נאַכט האָט בוטקאָווסקי געבאָרגט ערגעץ ווו אַן אייזערן, שמאָל בעטל און ישראל האָט געבראַנגט פון אַ שכן אַ בינט שטרוי. מאָרגן אין דער פרי וועט ישראל פאָרן קיין וואַרשע צו דער „אַרבעט". איבערן טאָג וועל איך אויפנייען דאָס קלייד פאַר דער בוטקאָווסקאַ און פאַר נאַכט דאַרף ישראל קומען מיך „אַהיימנעמען".

נאָכן אָוונטברויט קניען די בוטקאָווסקיס נעבן זייער סאָפע און זאָגן „פּאַטשער". זיי זאָגן אויפן קול און מען הערט כמעט יעדעס וואָרט. אויך איך מיט ישראלן קניען אַנידער נעבן אונדזער בעט. ישראל טוט אַ פיר מיט דער האַנט אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ פאַרוווּנדעטער פויגל, וואָס פאָכעט מיט די פליגל אין זיין זיגזאַג־פאַל. ביי ישראלן הייסט דאָס — אָפּצלמען זיך. באַלד דערהער איך זיין, נאָר פאַר מיר פאַרשטענדלעך, שעפּטשען: „שמע ישראל"... ער האָט נישט געקענט קיין „פּאַטשער", האָט ער שטיל געזאָגט „קריאת שמע".

.6

ביינאַכט האָבן זיך ווידער איבערגעחזרט די ווייען. ווייזט אויס, אַז דאָס אומפאַרמיידלעכע דערנענטערט זיך. די בוטקאָווסקיס זאָלן נאָר נישט באַמערקן! ישראלן האָב איך געבעטן, ער זאָל וואָס שנעלער צוריקקומען פון וואַרשע, ווייל פרוי בוטקאָווסקאַ פאָרט אויך אַוועק אויף אַ האַלבן טאָג צו אירס אַ קרובה קיין אָטוואָצק און איך האָב מורא צו בלייבן אַליין.

באַלד אין דער פרי, איידער ביידע מענער זענען אַוועק קיין וואַרשע, האָבן זיי אַריינגעבראַנגט אַ ניי־מאַשין פון אַ שכנה און איך האָב זיך גלייך געזעצט נייען. נאָכן פרישטיק איז אויך די בוטקאָווסקאַ מיטן קינד אַוועק. אַרום צען אַ זייגער, ווען דאָס קלייד איז געווען צוגעגרייט צום פּאַסן, האָב איך באַקומען שטאַרקע ווייען און כמעט נישט געקאָנט זיך מער באַוועגן. דאָך האָב איך זיך צוגעשאַרט צו דער קיך און צוגעלייגט האַלץ. זאָל זיין וואַרעם וואַסער.

פייערדיקע רייפן בייסן זיך אין מיר איין. איך בין אַליין. עס רוישט אין

קאָפּ. עס שרעקט דאָס אַליין זיין, ס׳איז אוממעגלעך אַרויסצוגיין רופן עמעצן פון די שכנים און פון דאַנען -- וועלן זיי נישט הערן.

דורך דער אָפענער טיר רייסט זיך אַריין אַ ליכטיקער טאָג. פאַר די אויגן פליען שוואַרצע פלאַטעס. מיט פאַרביסענע ליפן דערשלעפ איך זיך צום בעט.

אַ געשטאַלט באַוויזט זיך אין דער טיר. ישראל! ער איז געקומען!

— טייערער, העלף מ־י־י־ר־ר!....

— איך לויף רופן אַ שכנה!

אַ צעברויזטער ים רוישט אין די אויערן. איך פאַל און פאַל אין אַ טיפן תהום. אַ פרעמד קול רעדט צו מיר. אַ לעפל מיט וואַסער קלאַפּט אין מיינע ציין. עס ווילט זיך עפענען די אויגן, אָבער די שטוב צוזאַמען מיט מיר פאַלט ערגעץ אין אַן אָפּגרונט אָן אַ סוף.

— פאַניושו — שאָקלט עמעצער מיין האַנט — אַ טאָכטער! אַ טאָכטער, אַ שיינהייט האָסטו!

פאַמעלעך דערוואַך איך. אויפן טיש צאַנקט אַ ליכטל. די טיר איז פאַר־מאַכט, אין שטוב איז כמעט פינצטער. אין דער קיך קנאַקט דאָס פייער. עס איז זייער הייס; איך בין ווי צוגעקלעפּט צום בעטגעוואַנט. נעבן מיר שטייט אַן אַלטע גויע מיט אַ פעקעלע אויף די הענט, ווי אַ פאַרוויקלט לאַנג ברויט. זי ווייזט מיר אַ רויט, קליין פּנימל מיט פאַרמאַכטע, פאַרשוואָלענע אייגעלעך. מיין קינד...

די בוטקאָווסקאַ איז נאָך נישט צוריקגעקומען. וואָס וועט זי זאָגן, ווען זי וועט דערזען איר „אומגליק״? איך האָב איר געזאָלט העלפן, אויפנייען קליידער און דאָ, אַזאַ צרה!

אַרום און אַרום אַ ביטערע פרעמדקייט. די קיך היצט. די לאַדנס, די טיר, אַלץ איז פאַרמאַכט. ישראל שטייט אַן איינגעבויגענער נעבן בעט. ער קוקט מיט גוטע, צאַרטע און איבערגעשראָקענע אויגן.

— האָב איך נישט אַרויסגערעדט קיין יידיש וואָרט? — פרעג איך שטיל, ביי זיין אויער.

— ניין, אַפילו נישט געעפנט דאָס מויל.

נעבן מיר ליגט דאָס איינגעוויקלטע נפשל. מיין שוועלבעלע, מיין ברע־קעלע! עס באַפאַלט מיך אַזאַ רחמנות, אַזאַ ליבשאַפט, אַז אַלע אַנדערע גע־פילן פאַרשווינדן.

— —

„מאַלגאָזשאַטאַ מאַלאַרסקאַ, די טאָכטער פון יאַן און טשעסלאַוואַ־העלע־נאַ, געבוירן דעם 20־טן יולי 1943״ א.א.וו.

די באַבע חתמעט אונטער אַ געבורט־שיין, ישראל באַצאָלט און ווען

זי גרייט זיך אַוועקצוגיין, קומט אָן די בוטקאָווסקאַ. אַ צעטומלטע בלייבט זי שטיין און ווערט ווי פאַרגליווערט.

— מאָרגן וועל איך אויפשטיין — באַרואיק איך זי — איך פיל זיך זייער גוט. זיי מיר מוחל, פרוי בוטקאָווסקאַ, אָבער דאָס איז געקומען אַזוי אומגעריכט!

זי באַקוקט דאָס קינד און פרעגט ישראלן, ווו אַהין ער וועט אונדז נעמען.

— איך וועל דינגען אַ שטוב, — ענטפערט ער — מאָרגן וועל איך דאָס דערליידיקן אין וואַרשע, ווייל היינט וויל איך מיין פרוי נישט איבערלאָזן אַליין.

— ווו וועסטו דען שלאָפן, פּאַניע יאַנקו — ברוגזט זי זיך.

— צופוסנס ביי מיר אין בעט — ענטפער איך שנעל.

ס'קומט צו גיין בוטקאָווסקי. אויך ער שווייגט אָן „אַנגעלאָדענער".

ביינאַכט וויינט דאָס קינד. איך דעק עס צו מיט דער קאָלדרע, מען זאָל נישט הערן. ישראל ליגט אין די מלבושים, אַפילו אין די שיך, מיט אַ האַלבן קערפּער אויפן בעטל און מיט די פיס אויף דער פּאָדלאָגע. איך קאָן נישט איינשלאָפן. אין דער פינצטער גלעט איך דאָס סאַמעטענע פנימל פון מיין קינד. איך בעט צו גאָט, די נאַכט זאָל וואָס לענגער געדויערן, די זון זאָל נישט אויפשיינען. דער טאָג איז פיינדלעך און שרעקט.

7.

ס'האָט זיך נאָך רעכט נישט באַוויזן די זון, ווען עמעצער האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין לאָדן. די בוטקאָווסקאַ איז אַראָפּ פון בעט און ווען זי האָט קוים אויפגעמאַכט די טיר, האָב איך באַמערקט צוויי פרויען: אַ הויכע און אַ מיטלוווקסיקע. די בוטקאָווסקאַ האָט שנעל צוגעמאַכט די טיר, איינגערוימט עפּעס איר מאַן אין אויער, באַלד האָבן זיך ביידע אייליק אָנגעטאָן און אַרויס פון שטוב.

ישראל האָט אָנגעלענט די טיר און נאָכגעקוקט. ער האָט געזען צוויי טלע־נירטע, עלעגאַנט געקליידעטע פרויען און גלייך דערקענט, אַז דאָס זענען יידישקעס. אַנטקעגן איבער אונדזער הייזל איז געשטאַנען אַ פּאַרלאָזטער, אַלטער שפּייכלער. בוטקאָווסקי האָט צוגעשטעלט אַ לייטער, וואָס האָט דער־גרייכט ביז צו דער בוידעם־עפענונג. די צוויי פרויען האָבן אַרויפגעקלעטערט און פאַרשווינדן אינעם טונקעלן פירעק. בוטקאָווסקי האָט צוריק אַוועקגענו־מען די לייטער.

ישראל האָט זיך געפּאַרעט ביים איינהייצן אין קיך. עס זענען אַריינגע־קומען די בוטקאָווסקיס, שווייגנדיקע, פאַרדאַגעטע. זי האָט גענומען פאַרבעטן

דאָס בעט, ער — מיטן האַנטעך אויפֿן אַקסל, איז אַרויס צום קראַן זיך וואַשן.ביים פֿרישטיק איז קיין איין וואָרט נישט געפֿאַלן וועגן די געסט אויפֿן פּלאַכן ביידעמל. אונדזערע גאַסטגעבער האָבן זיך געהיטן פֿאַר אונדז מיט דעם, אַז זיי באַהאַלטן אויס צוויי יידישקעס. זיי זענען ווייזט אויס, געווען זיכער, אַז מיר, אַלס גויים, וואָלטן געטאַדלט אַזאַ לייכטזיניקייט...

— —

ווען בוטקאָווסקי איז געפֿאָרן צו דער אַרבעט און ישראל איז געגאַנגען אין דאָרף אַריין ברענגען פֿרישע מילך, איז איבערן הויף דורכגעלאָפֿן אַ רוף: „אַבלאַוואַ! אַבלאַוואַאַ!!"

די בוטקאָווסקאַ האָט געכאַפּט איר קינד מיטן וועגעלע און איז אַרויס. אויך איך טו זיך שנעל אָן. די שטוב דרייט זיך מיט מיר, די הענט ציטערן. נעבן דער ברייט צעעפֿנטער טיר פֿאָרט פֿאַרביי אַ שייגעץ אויף אַ ראָווער און שרייט אויס: „זשאַנדאַרמעריע זוכט יידן!"

דאָס האַרץ קלאַפּט ווילד. עס שווינדלט מיר פֿאַר די אויגן — „ווו איז ישראל?!"

ס'קומט אַ פֿאַרסאָפּעטע די בוטקאָווסקאַ און דערציילט, אַז ביים שפּייז־געוועלבל האָבן דייטשן „צעלייגט" דריי יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. „איך האָב אַליין געזען — כאַפּט זי זיך אָן ביים קאָפּ — דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד! אַ פֿאָטער, אַ מוטער און אַ יינגל. די מוטער האָט געקושט דעם דייטשס שטיוול ער זאָל נישט דערשיסן איר קינד. אָבער טאַקע דאָס יינגל האָט ער צום ערשטן דערשאָסן. האָט מען דאָ נישט געהערט דעם געשריי פֿון דער מוטער?! פּרוי מאַלאַרסקאַ, ביסט שרעקלעך בלאַס, גיי צוריק אין בעט אַריין, לייג זיך!"

ישראל, ווו איז ישראל? עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן. איך הער כמעט נישט, ווי די בוטקאָווסקאַ פֿאַרטרויט זיך, אַז ס'דראָט אונדז אַ גרויסע סכנה, ווייל אינעם בוידעם־קעמערל, אַנטקעגן איבער, געפֿינען זיך אירע צוויי באַקאַנטע, געשמדטע יידישקעס. „זיי זענען נישט מער קיין „אומגלייביקע". זיי האָבן שוין דערזען גאָטס ליכט. מיר, איך מיט מיין מאַן, זענען געווען זייערע טויף־עלטערן, אָבער די דייטשן אָנערקענען נישט קיין אומגעקערטע. לויט זייער געזעץ פֿאַרבלייבן אַזעלכע, נישט געקוקט אויף זייער שמדן זיך — יידן. טאָ וואָס טוט מען? איך שרעק זיך. אפֿשר זאָלן מיר פֿאַרלאָזן דאָס הויז?"

ערשט איצט פֿאַרשטיי איך, פֿאַרוואָס די בוטקאָווסקאַ ציטערט אַזוי.

— ניין — שריי איך אויס — דו מוזט זיי אַראָפּנעמען פֿון בוידעם. זאָלן זיי זיין מיט אונדז אין שטוב, ווייל אויב די דייטשן וועלן זוכן און וועלן זיי דאָרט געפֿינען, וועט זיין ביטער! שנעל זאָלן זיי אַראָפּ!

עס דערגייען איינצלנע, ווייטע שאָסן. יעדער שאָס הילכט אָפּ אין מיין

מוח פּילפּאַכיק. ס'איז שווער איינצוזיצן אין שטוב, איך גיי אַרויס אויפן הויף.
„ישראל, ישראל, ווו ביסטו, טייערער!"

די בוטקאָווסקאַ שטעלט צו די לייטער צום דאַך, טוט אַ רוף און ווען די ערשטע פּרוי זוכט מיטן פוס דעם שטאַפּל פון לייטער, באַמערק איך צווישן די גאָרטן־ביימער אַ סילועט: ישראל! כ'קאָן נישט לויפן. ווי אַ שטאָם בלייב איך אויפן אָרט. דערנאָך ווערט אַזוי פינצטער, אַזוי חושכדיק, אַזוי פּוסט!!

כ'האָב דערוואַכט, ווען אויפן הויף האָבן זיך צעהילכט דייטשישע קולות. ישראל איז געווען אַרומגענומען מיט אַ ליילעך און האָט אויסגעזען ווי אַ דאָקטער. איין טלענירטע פרוי האָט זיך אַרומגעדרייט אין אַ ווייסער שירץ און אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ; די בוטקאָווסקאַ האָט געזייגט איר קינד; די צווייטע יידישקע האָט געבלאָזן אונטער דער קיך, דאָס פייער זאָל זיך ברע־נען. ישראל האָט געוויקלט אויפן טיש דאָס פּיצעלע, וואָס האָט זיך געריסן מיטן גאַנצן כוח. צוויי זשאנדאַרן האָבן זיך באַוויזן אין דער טיר. נישט איבערטרעטנדיק די שוועל, האָבן זיי זיך פרעך צעלאַכט און אַוועק.

איך האָב מורא, די יידישקעס זאָלן נישט באַמערקן, אַז אויך מיר זענען יידן. אָבער ישראל, אַן איבערגעבויגענער איבערן בעט, גיט מיר מיט די אויגן צו פאַרשטיין, אַז עס פּאַלט זיי אַפילו נישט איין. ווען ער גלייכט זיך אויס, זאָגט ער, ווי זיין שטייגער איז, שטיל און ווייך: „זעסט העלושקאַ, ווען דו האָסט זיך דערפילט שלעכט, האָט איינע פון די וואַרשעווער פרויען אָנגע־טאָן אַ ווייס פאַרטעך, אַלס קראַנקן־שוועסטער און מיך פאַרשטעלט פאַר אַ דאָקטער. זי האָט מיך געבעטן, אויב די דייטשן וועלן אַריינקומען, זאָל איך זי פאַרשטעלן אַלס מיין אַסיסטענטין"...

פאַר נאַכט פאָרן די צוויי יידישקעס קיין וואַרשע. אויך איך מיט ישראלן באַשליסן צו פאַרלאָזן מאָרגן, אָדער איבער מאָרגן, ראַדאָשטש.

ווו אַהין אָבער פאָרן? אפשר צום אינזשעניער? אפשר וועט קאַזיאַ מיך אויף אַ טאָג צוויי אַריינלאָזן? דאָ בלייבן וויל איך נישט מער.

אויפן דריטן טאָג נאָכן געבורט קלויבן מיר זיך אין וועג אַריין. די בוט־קאָווסקאַ גיט אונדז דעם שליסל פון איר דירה און זאָגט: „ביז מיר וועלן צוריקקומען פון דער דאַטשע, קאָנט איר דערווייל וווינען אין אונדזער עסצימער". זי גלייבט, אַז ביז דעמאָלט וועלן מיר באַקומען אַ צווייטע וווינונג. כ'ווייס נישט ווי אַזוי אויסצודריקן דער בוטקאָווסקאַ מיין דאַנקבאַרקייט. איך דריק אירע הענט און קאָן ממש נישט רעדן פון איבערראַשונג. גאָט, דו פאַרלאָזט אונדז נישט!



POTWIERDZENIE ZAMELDOWANIA

wojew. Warszawskie pow. Warszawski gm. FALENICA

Zbójna Góra
miejscowość

Nazwisko Malarska

Imiona Czesława

Miejsce zamieszkania Warszawa, Żurawska 28/6

איינמעלדונגס-קארטע פון דער מחברין טשעסלאווא מאלארסקא
אין זבוינא-גורא (ראדאשטש).



Akuszerka J. Wojciechowska
Radość, ul. Grottgera 76

Zaświadczenie

Zaświadczam niniejszym, że Malarska Czesława-Helena, zamieszkała w Warszawie urodziła w Zbójnej-Górze w willi „Betel" dziecko żywe i zdrowe płci żeńskiej w dniu 20 lipca 1943 r. Byłam osobiście obecna przy porodzie.

Radość dn. 24 lipca 1943 r.

J. Wojciechowska

געבורטס-באשטעטיקונג פונעם קינד פון דער מחברין

קאַפּיטל אַכט

מאַלגאַשאַ

.1

שוין אַכט טעג ווי מיר זענען אין וואַרשע. איך אַרבעט ווידער ביי קאַזיאַן און האָב נעבן זיך דאָס קינד. עס ליגט אויפן קיד־בעט און וויינט לאַנגע שעהן.

קאַזיאַס קינד האָט באַקומען שילשול; וויזט אויס, אַז די „פלעשלעך" שאַטן אים און ווייל קאַזיאַ האָט פאַרלוירן די מילך, שלאָג איך פאָר מיין גרייטקייט צו געבן אויך איר קינד צו זייגן. זי דערפרייט זיך און איך הייב אַן זייגןביידע קינדער: אירס און מיינס. אומפאַרשטענדלעך פאַר וואָס ביידע קינדער וויינען שעהן לאַנג.

איך בין גליקלעך, וואָס ישראל וווינט שוין נישט ביי סטאַכן. ער זיצט דאָרט בלויז עטלעכע שעה יעדן טאָג און דאָס הייסט, אַז ער גייט צו דער אַרבעט. ווען ער קומט צוריק, איז ער אין דער בוטקאָווסקאָס דירה צוזאַמען מיטן קינד, ביז איך ענדיק מיין אַרבעט ביי די פלאָשקאָס. קאַזיאַ באַהאַנדלט מיך זייער גוט. זי האָט אין מיר אַלץ: אַ ווירטין, אַ דערציערין פאַר די קינ־דער און אַן אַם.

ביים טאַטן אין זשאַליבאָזש איז אַלץ אין אָרדענונג. איך האָב אים באַ־זוכט. ער איז גליקלעך, וואָס ער האָט ווידער אַן אייניקל. ער האָט געקושט מיינע הענט און געוויינט פון פרייד; אויסגעפרעגט זיך וועגן קינד און גע־שטעלט נאאיווע, קינדערישע פראַגן.

אסתר האָט מיך באַזוכט אין דער בוטקאָווסקאָס דירה. אויך זי האָט גע־האַט טרערן אין די אויגן קוקנדיק אויף דעם קליינעם נפשל, וואָס באַקומט שוין אַ בולטן אויסזען. עס איז אינגאַנצן ענלעך צו ישראלן. מען קאָן שעהן לאַנג קוקן אין אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן און אויף די דינינקע ליפּן, וואָס באַוועגן זיך אַזוי אומבאַהאָלפן. זי האָט אַן אַליוור־גלאַטע הויט, חן־גריבעלעך אין ביידע באַקן און שוואַרצע, זיידענע האָר, וואָס לאָזן זיך פאַרקעמען אין אַ לאָק אויפן שפּיץ קעפּל.

אַלע שכנים פון הויז אינטערעסירן זיך מיט אונדז און ווייזן אַרויס אַ סך פריינדלעכקייט. יוזעף זאָגט ישראלן צו, צו שאַפן פאַר אים בקרוב אַ פּאָסטן.

אויך סטאַך מיט פראַניאַן זענען געקומען מיט אַ באַזוך, מיטברענגענדיק

אַ געשאַנק פאַרן קינד. פראַניאַ איז מיך מקנא; סטאַך מעדיטירט און זאָגט: „עס זאָל נאָר אויסגיין צום גוטן!" אָבער אמת זאָגנדיק האָט דאָס קינד גע־שאַפן אַרום אונדז אַ בעסערע אַטמאָספער און געשטאַרקט דאָס געפיל פון זיכערקייט.

— —

ישראל האָט באַקומען דעם צוגעזאָגטן פּאָסטן אַלס בוכהאַלטער אין אַ קאָנסערוון־פאַבריק, וואָס געהערט צו עטלעכע שותפים, פּאָלאַקן. איינע פון די פאַבריקס־אָפּטיילונגען, וואָס אַרבעט אויס פלייש־קאָנסערוון פאַר דער דייטשישער אַרמיי, געפינט זיך אין פּראַגע און דאָרט טאַקע אַרבעט ישראל. ער איז שוין פאַרזיכערט קעגן אויפכאַפּן אויף דער גאַס. ער האָט גלייך באַ־קומען אַ לעגיטימאַציע אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ „קריגס־וויכטיקער" אונ־טערנעמונג.

— —

די בוטקאָווסקיס קומען צוריק פון ראַדאָשטש אין פיר וואָכן אַרום. ווען זי איז זונטיק געווען אין וואַרשע, האָט איר ישראל געגעבן אַ געשאַנק פון פיר ווורשטן און עטלעכע פּושקעס פלייש־קאָנסערוון. ער באַקומט דאָס אין פאַבריק צו ביליקע פּרייזן. זי האָט זיך זייער געפרייט און דאַך געבעטן, מיר זאָלן ליידיק מאַכן דאָס צימער נאָך איידער זיי וועלן אַהיימקומען.

פאַרן צימער צאָלן מיר נישט, כדי עס זאָל נישט פאַלן קיין חשד, צוליב אונדזער „וואַרפן זיך מיט געלט".

.2

נעכטן אַרום עלף אַ זייגער בייטאָג איז דאָס הויז פּלוצעם געוואָרן מונ־טער און לעבעדיק. די שכנים האָבן זיך געסודעט, געלאָפן הין און צוריק, גע־בליבן שטיין צו צווייַ, דריי אויף די טרעפּ. צו די פלאַשקאָס האָט זאַלעסקאַ אַריינגעברענגט אַ גרויסע, שווערע, לעדערנע וואַליזע און מיט קאַזיאַן לעב־האַפט גערעדט אינעם צימער. עס האָט מיר נישט געפּאַסט צו פרעגן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אָבער ווען קאַזיאַ האָט באַמערקט מיין נייגעריקייט, האָט זי רואיק און פאַמעלעך געזאָגט:

„ביי באַטשקען געפינט זיך אַ יידישע משפחה: אַ פאַרפאַלק מיט אַ ניינצן־יעריקע טאָכטער. פון זיי טאַקע האָט באַטשעק כסדר געצויגן געלט און געטרונקען מיט דייטשן אין רעסטאָראַנען און קאַפע הייזער. היינט האָט ער, אַ האַלב־שיכורער, אויסגעפּלאַפּלט ביי שכנים, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט ער פאַרענדיקן מיט זיינע „לאָקאַטאָרן". עס איז אים שוין פאַרמיאוסט געוואָרן צו לעבן אין כסדרדיקער שרעק און אויסער דעם ווילן אים די יידן נישט געבן די געלט־סומעס, וואָס ער פאַרלאַנגט. אין שייכות דערמיט האָט

זאַלעסקאַ אַרויסגענומען דריי וואַליזעס פון באַטשעקן, כדי אָפּצוראַטעווען דאָס פאַרמעגן פון דייטשישע הענט; אַ שאָד זיי זאָלן דערפון געניסן".

די וואַליזע, וואָס זי האָט אַרייננעבערענגט אַהער איז טאַקע געווען איינע פון די דריי.

איך פיל, ווי דאָס האַרץ פאַרהאַקט זיך אין מיר. וואָס טוט מען? ווי אַזוי ראַטעווען די יידן? ווען ישראל קומט אַהיים און איך דערצייל אים אַלץ, באַשליסן מיר עפּעס צו טאָן: אויף אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר שרייב איך לויט ישראלס דיקטאַנדע אַ וואָרענונג. איך באַמי זיך צו ענדערן מיין האַנטשריפט. אין נאָמען פון אַן אונטערערדישער, פּאַטריאָטישער קאַמפּס־גרופּע ווערט באַטשעק געוואָרנט, אַז אויב ס'וועט עפּעס געשען די יידן, וואָס וווינען ביי אים, וועט ער, באַטשעק, באַצאָלן מיטן לעבן.

אין דעם בריוו ווערט אויך געזאָגט: „אויב באַטשעק פאַרשטייט, אַז דאָס ווייטערדיקע בלייבן פון די יידן ביי אים איז פאַרבונדן מיט אַ סכנה — זאָל ער זיי תיכף, צוזאַמען מיט זייערע זאַכן, איבערטראָגן אויף אַן אַנדערן פּלאַץ און צייטווייליק איינאָרדענען ביי זיינע באַקאַנטע, ביז די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע וועט שיקן עמעצן זיי נעמען. וועגן נייעם אָרט דאַרף קיין זייטיקער מענטש נישט וויסן. פאַרן לעבן פון די דריי יידן איז באַטשעק פאַראַנטוואָרטלעך מיט זיין קאָפּ".

נאָך דעם פאַראַל „אויטשיזנאַ אי וואָלנאָשטש" האָבן מיר אוועקגעשטעלט אַ פאַרדרייטן אונטערשריפט און דערנעבן די ווערטער: „קאָמענדאַ טאַיני אָרגאַניזאַצי „מלאָט".

כ'האָב פאַרקלעבט דעם קאָנווערט, אַדרעסירט צו באַטשעקן, צוגעקלעפּט אַ מאַרקע און ישראל האָט דאָס אַריינגעלייגט אין אַ פּאָסטקעסטל.

צומאָרגנס פאַר נאַכט האָבן מיר דערהערט באַטשעקס רופן אויפן הויף: „שכנים, טייערע שכנים, קומט און הערט. מען דראָט מיר מיט טויט, אויב עס וועט עפּעס פּאַסירן מיט די יידן, וואָס וווינען ביי מיר. קומט שכנים און הערט אַ מעשה!"

האַלטנדיק אין דער האַנט דעם בריוו, האָט ער געלייענט אויפן קול די וואָרענונג. ער איז געלאָפן איבערן הויף און מיט האַלב־שיכורע באַוועגונגען אונטערגעהאַפּקעט און אונטערגעשפּרונגען אַנטקעגן יעדן אַנקומענדיקן שכן.

אַ סך איינוווינער זענען אַרויס פון די שטובן. איך מיט ישראלן זענען געשטאַנעןביים פענצטער און אַרויסגעקוקט.

— אַ שאָד דיין לעבן, באַטשעק, — האָט זיך איינער אָנגערופן — טראַנספּאָרטיר אַרויס די יידן, איידער די געסטאַפּאָ קומט זיי נעמען. קיינער פון אונדז וועט דיך נישט אויסגעבן, באַהאַלט זיי דערווייל ערגעץ־ווו.

עמעצער איז געלאָפן ברענגען אַ דראָזשקע. אַ צעטומלטע האָט זאַלעס־

קאַ צוריק אַרויפגעטראָגן די וואַליזע. אין משך פון צען מינוט איז אַלץ געווארן דערליידיקט.

כ׳האָב געזען, ווי מען האָט אַוועקגעשטעלט דריי וואַליזעס נעבן קוטשער. כ׳האָב געזען, ווי עס זענען איינגעזעסן אין דער דראָזשקע דריי יונגע, זייער עלעגאַנטע מענטשן. ס׳וואָלט מיר קיין מאָל נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס זענען יידן, איבערהויפּט דאָס שלאַנקע, בלאָנדע מיידל.

דאָס הויז האָט נאָך אַלץ געראַשט און זיך ערשט דעמאָלט באַרויקט, ווען באַטשעק איז צוריקגעקומען און געזאָגט:

„כ׳האָב זיי איינגעאָרדנט ביי מיין קוזינקע, אַן אָרעמע אלמנה און זייער אַ גוטע פרוי. זי האָט זיך דערפרייט, אַז פון איצט אָן וועט זי יעדן טאָג קאָנען ריישן איר זופּ. אָ, דאָרטן וועלן זיי האָבן בעסער ווי ביי מיר!"

קיינער האָט נישט געפרעגט ווו און ווען. אַלע זענען געווען צופרידן: באַטשעק, אַז עס דראָט אים נישט מער קיין געפאַר און די איינוווינער פונעם הויז — אַז מען האָט זיי באַפרייט פון יידן.

3.

צומאָרגנס אַרום דריי אַ זייגער, ווען כ׳בין געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דער קליינער באַליע און געוואַשן ווינדלען, איז אַריינגעקומען צו לויפן די זאַלעסקאַ אין אויפגערעגטע, אָן ערנסטע. זי האָט זיך שנעל צו מיר דערנענטערט און מיט אַ פאַרבאָרגענער שטים, אין איין אָטעם אויסגעפּאַקט: „פרוי מאַלאַרסקאַ, אינעם הויז געפינען זיך געסטאַפּאַ־לייט, זיי זענען געקומען צו באַטשעקן, אָבער ס׳איז מעגלעך, אַז זיי וועלן רעווידירן אַלע וווינונגען. איך ראָט דיר צו נעמען דאָס קינד און פאַרלאָזן דאָס הויז!

— איך ?! — בייזער איך זיך און עפן ברייט די אויגן — פאַר וואָס זאָל איך עפּעס פאַרלאָזן דאָס הויז?

— זיי מיר מוחל, פרוי מאַלאַרסקאַ — הייבט זי אָן שטאַמלען — פון גוטפריינדשאַפט זאָג איך עס דיר, ווייל דו ביסט טייל מאָל ענלעך צו אַ יידישקע. איך ווייס פון אַ פאַל, אַז די דייטשן האָבן דערשאָסן אַ פאָלקע פון מיין שטאָט, פון פּלאָצק, אַ געוויסע קאַזאַקעוויטש, ווייל זי איז ענלעך געווען צו אַ יידישקע.

— ווען איך וואָלט געווען ביי זיך, אין מאַיאָנטעק, פרוי זאַלעסקאַ, — ענטפער איך אַ שטאָלצע, אַ באַליידיקטע — וואָלסטו נישט געהאַט קיין דרייסטקייט מיך אַזוי צו דערנידעריקן און פאַרגלייכן צו אַ יידישקע. אָבער „אויף וועמען גאָט — אויף דעם אויך מענטשן".

— פרוי מאַלאַרסקאַ, אַנטשולדיק מיר. איך בין גאָרנישט אויסן געווען, איך — — —

איך דערזע פּלוצעם דורכן כמענצטער אַ שוואַרצע לימוזינע, דריי הויכע, אויסגעפּאַשעטע געטאַפּאַוצעס און... ישראלן, ווי ער דערנענטערט זיך צום הויף. די פּיס גיבן זיך מיר אַ וואַקל. אויך דער זאַלעסקאָס בליק איז צוגע־שמידט צו דעם בילד אויפן הויף. מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, רואיק, שפּרייזט ישראל אַדורך דעם הויף, גאַנץ נאָענט נעבן די געסטאַפּאָ־לייט, וועלכע ס׳פּאַלט נישט אַפילו איין חושד צו זיין דעם שטאָלצן, רואיקן מאַן, אַז ער איז אַ ייד. וואָלט דען אַ ייד נישט אַנטלאָפן, אָדער לכל הפחות, אַוועק־געשאַרט זיך אין אַ זייט, זעענדיק דייטשן?

די טיר מאַכט זיך אויף און ישראל באַגריסט זיך העפלעך מיט דער שכנה, וועלכע פאַרשווינדט אַ „באַזיגטע". ישראלס פּריי האַלטן זיך האָט איר צום רעשט איבערצייגט, אַז מיר זענען דאָך נישט קיין יידן.

4.

אונדזער רעפּוטאַציע אַלס אָרנטלעכע מענטשן און גוטע פּאָלאַקן האָט זיך באַפעסטיקט ביי אַלע איינוווינער פונעם הויז. ווען אַ שכנה פון דריטן שטאָק, מישליווסקאַ, האָט זיך דערוווסט, אַז מיר זוכן אַ וווינונג — האָט זי אונדז פאָרגעשלאָגן צו דינגען ביי איר אַ צימער און דערצו פאַר ביליק דירה־געלט. מיר האָבן דעם ענין גלייך דערליידיקט און אַריין אין דער נייער דירה; אַ דירה, וועגן וועלכער מיר האָבן נאָר געקאָנט טרוימען.

מישליווסקאַ איז אַן אלמנה מיט פינף קינדער. די עלטסטע און די איינ־ציקע טאָכטער, איז די 20־יעריקע מאַרישאַ. די איבעריקע זענען ייִנגלעך: קאַזיק 18 יאָר אַלט, אַ טובערקולאָז קראַנקער; דער 16־יעריקער יוזשעק — אַ פּראַקטיקאַנט ביי אַ שלאָסער און די צוויי ייִנגסטע, אַכט־יעריקע — אַ צווילינג.

די פּרנסה־געבערס זענען די מוטער מיט דער טאָכטער; דער „פּראַקטי־קאַנט" באַקומט אַ נישטיקן לוין.

מישליווסקאָס וווינונג באַשטייט פון דריי צימערן מיט אַ קיך. אונ־דזער צימער האָט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג פונעם קאָרידאָר און פאַרמאָגט אַ סך באַקוועמלעכקייטן: אַ קיך, אַ וואַסער־קראַן מיט אַ שיסל, אַ נישע, וווּ מען קאָן אַריינשטעלן אַ בעט, אָדער אַ שאַנק.

די מישליווסקאַ האָט איבערגעלאָזט אינעם צימער איר שאַנק און אַן אייזערן, האַלב־צעבראָכן בעטל. אין משך פון איין טאָג האָבן מיר איינ־געאָרדנט די שטוב און זענען ווידער אַלע דריי צוזאַמען.

דאָס קינד איז זיס און וווּנדערלעך שיין, אָבער עס וויינט יעדע נאַכט, עס רייסט זיך און וואַרפט מיט די הענטלעך און פיסלעך, ווי עס וואָלט געהאַט שטאַרקע יסורים.

זינט דער פּאַסירונג מיט די יידן ביי באָטשעקן בין איך נאָך שרעק־קעווודיקער ווי פריער. אויך דאָס קינד וויינט אָפט; עס הערט כמעט נישט אויף צו וויינען. עס שלאָפט זייער ווייניק און וועקט זיך שטענדיק אויף מיט אַ געשריי. כ׳האָב אויך באַמערקט, אַז אַ קורצע צייט נאָכן אָנזייגן — באַקומט עס קראַמפן. דאָס פּנימל ווערט רויט, אָנגעשטרענגט און ווען די ספּאַזמע גייט פאַרביי, ווערט עס באַדעקט מיט אַ געלקייט, ווי עס וואָלט קראַנק געווען אויף געלזוכט. איז עס מעגלעך, אַז מיין מילך שאַדט אים? אַז צוזאַמען מיט דער מילך זייגט עס אויס מיין שרעק, מיין אומרו, מיין פּיין?

אַמשטאַרקסטן וויינט עס ביינאַכט. עס שרייט, שרייט מוראדיק. ווען איך נעם עס אַרויס פון וויגל, דריק עס צו צום האַרצן, לייג אַרויף מיינע ליפּן אויף זיין קעפּעלע און שפּאַציר אַזוי אַרום איבערן שטיבל — באַרואיקט עס זיך. גאַנצע נעכט וואַנדער איך הין און צוריק. פאַרטאָגס פאַל איך אַנידער אַ מידע, צעשמעטערטע און ווען איך באַוויז קוים אַ ביסל איינצודרעמלען, מוז איך שוין אויפשטיין און גיין צו קאַזיאַן, צו דער אַרבעט.

— —

קאַזיאַ וויל נישט מער איר קינד זאָל ביי מיר זייגן. זי האָט באַמערקט, אַז דעם טאָג, ווען זי גיט עס צו טרינקען געוויינלעכע מילך, איז עס פריילעך און רואיק און ווען עס זייגט ביי מיר, וויינט עס און קאָן נישט שלאָפן. זי עצהט מיר, איך זאָל אויך מיין קינד דערנערן מיט אַ „פלעשל״. „איבער־ריקנס״ — זאָגט זי — „וועסט מיט מיר מיטגיין אין דער אַמבולאַטאָריע פון „קראָפּלאַ מלעקאַ״ (טראָפּן מילך); דאָרט וועט מען דיר געניי זאָגן, ווי אַזוי דו דאַרפסט דאָס קינד דערנערן״.

איך האָב אַפילו נישט קיין חשק צו גיין, עס קאָן מיך דאָרט ווער דער־קענען, אָבער צומאַרגנס, ווען קאַזיאַ נעמט איר קינד, נעם איך אויך מיינס, כדי נישט צו וועקן קיין חשד און גיי מיט איר מיט.

אין אַמבולאַטאָריע — צענדליקער מאַמעס מיט קינדער. עס שרעקט מיך מיין אומבאַרעכנטע געוואַגטקייט פון קומען אַהער. אָבער שוין שטיי איך ביי אַ טישל. פערסאָנאַליען, דאַטעס, איינצלהייטן — אַלץ גייט כשורה. די דאָקטערין גלעט מאַלגאָשאַס דינע, געלאָקטע האָר: „אַ קליינע מאַדאָננע, אַ שיינהייט; וואָס פאַרא אויגן!״. זי רופט צו די שוועסטער. ביידע באַ־וווּנדערן דאָס קינד.

קאַזיאַ איז אייפערזיכטיק, אָבער ווען ביידע קינדער זענען אויסגעטאָן, לייטערט זיך איר פּנים אויס: מאַלגאָשאַס אויסגעדאַרט, טונקל גופעלע איז נעבעכדיק און אָרעם אַנטקעגן פּעטן, ראָזן קערפּערל פון איר קינד. מיין אומבאַהאָלפן מיידעלע זעט אויס, ווי ס׳וואָלט זיך אָנגעזויגן מיטן גאַנצן ביטערניש פון דורות יידישן פּיין.

.5

ישראל איז זייער צופרידן פון זיין פּאָסטן. חוץ דעם חודש־געהאַלט, באַקומט ער יעדן שבת אַ צוטיילונג פון כלערליי געררייכערטע פליישן און וורשטן. איך טייל זיך מיט מיין נייער בעל־הביתטע, וואָס איז אָרעם, באַשיידן און זייער דאַנקבאַר פאַר יעדער קלייניקייט. ביים תפילה־טאָן, פאַרן בילד פון דער היילקיער מוטער, רעכנט זי אויס אונדזערע נעמען און ספּעציעל בעט זי לאַנג און הייס פאַרן געזונט פון אונדזער מאַלגאָשאַן. זי האָט אַפילו איין מאָל אין דער תפילה באַצייכנט די גרייטקייט מקריב צו זיין דאָס געזונט פון אירס אַ קינד פאַרן געזונט פון אונדזער קליין מיידעלע.

—*—

אסתר וווינט שוין נישט ביי טאָקאַרטשיקן. פראַנעקס יינגערע טאָכטער, האַלינאַ, האָט זי פאַרראַטן פאַר די בעלי־בתים, אויסגעזאָגט וועגן זייער לאָקאַטאָרקע איז. פאַר דעם פאַרראַט האָט האַלינאַ באַקומען אַ „יידישן" סוועטער אַלס מתנה. טאָקאַרטשיק האָט באַפוילן אסתרן תיכף צו פאַרלאָזן זיין וווינונג. מיר זענען צופרידן, אַז ס'האָט זיך אַזוי געענדיקט — עס האָט דאָך געקאָנט זיין ערגער...

שוין עטלעכע טעג שלאָפט אסתר ביי אונדז. אַ גאַנצן טאָג איז זי ביי באַקאַנטע, ביי די סטאַצקער, אָדער ביי אַניעלאַן, סטאַכס שוועגערין. ווען עס ווערט פינצטער (אַ דאַנק דער פאַרטונקלונג קעגן לופט־אָנגריפן זע־נען אַפילו די קאָרידאָרן און שטיגן נישט באַלויכטן), שאַרט זי זיך אַריין צו אונדז. איך הענג אַריין אין שאַנק איר מאַנטל און זי אַליין באַהאַלט זיך אין דער נישע, הינטערן קאַפּשטעק פון בעט. זי זיצט דאָרט אויף אַ קעסטל. דאָרט עסט זי, דאָרט האָט זי די מעגלעכקייט צו טראַכטן און, נישט איין מאָל — צו וויינען.

מיר ווילן נישט די מישליווסקיס זאָלן וויסן, אַז אסתר נעכטיקט ביי אונדז. אַלע מיינע שכנים קענען זי אַלס אַ קוזינע פון אַ באַוווסטן דאָק־טער, ביי וועלכן פראַניאַ האָט געפלעגט העלפן אין דער שטוב־אַרבעט און דאַ פלוצלינג ווערט זי ביי אונדז אַ תושב?! ביינאַכט בעט מען אויס פאַר אסתרן אויפן טיש. אַ סך מאָל שלאָפט ישראל אויפן טיש און אסתר מיט מיר אין בעט.

איין מאָל ווען אסתר איז אַריינגעקומען, זענען ביי אונדז געזעסן די בוטקאָווסקיס. איך האָב זי פאָרגעשטעלט אַלס מאַגדאַ סקופּינסקאַ און דאָס געשפּרעך האָט זיך ווייטער געצויגן וועגן די באָמבאַרדירטע דייטשישע שטעט, וועגן די כסדרדיקע עקזעקוציעס, אויסגעפירטע איבער אומשולדיקע

מענטשן א.א.וו. בוטקאָווסקאַ דערציילט וועגן אונדזערס אַ שכנטע פון אַנט־קעגנאיבערדיקן הויז, אַ מוטער פון צוויי קינדער. זי איז מיט דריי טעג צוריק געגאַנגען קויפן אַ ברויט און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. די דייטשן האָבן זי געכאַפּט אַלס ערובניק און מיט אַ טאָג שפּעטער דער־שאָסן צוזאַמען מיט נאָך הונדערט און פופציק מענטשן.

בוטקאָווסקי לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון מאַגדאַן; איך טראַכט: זי געפעלט אים.

די פּאָליציי־שעה דערנענטערט זיך. אסתר געזעגנט זיך, איך פיר זי צו ביז צו דער קאָרידאָר־טיר און רוים איר איין אין אויער: „גיי אַרויף ביז צום בוידעם; וואַרט דאָרט אויף מיר, כ׳וועל דיך קומען רופן". ווען כ׳זעץ זיך ווידער צום טיש, זאָגט בוטקאָווסקי, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט: „צי ווייסט איר, אַז די פרייַלין מאַגדאַ איז אַ יידישקע?"

איך לאַך האַרציק און „קאָן נישט באַהערשן" דאָס לאַכן. בוטקאָווסקי אָבער איז ערנסט. ער לייגט אַרויף די האַנט אויפן האַרץ. זיין קול איז טעמפּ:

— ביי אַלעם הייליקן שווער איך, אַז זי איז אַ יידישקע. איך האָב זי געזען אין געטאָ.

— אמת, זי האָט דאָרט געקויפט צוויי פעלץ־מאַנטלען, אַ טעפּעך און אַנדערע זאַכן — ענטפער איך מיט אַ שמייכל.

— איך האָב זי געהערט רעדן יידיש, ביים טויער פון דער פאַבריק. — רייסט איבער בוטקאָווסקי — זי האָט גערעדט מיט מיינס אַן אַרבעטער. אַ רגע, כ׳וועל זיך דערמאָנען אין וואָס ס׳איז געגאַנגען. עמעצער האָט ביי איר געגנבעט אַ דעק, זי האָט געזוכט אַן עדות. ס׳איז געקומען אַ פּאָלי־ציאַנט, ער האָט פאַרשריבן איר נאָמען — „אסתר". כ׳געדענק, אַז כ׳האָב זיך געוואונדערט, ווייל זי איז אַזוי ענלעך צו אַ פּאָלקע! היט אייך, מאַלאַר־סצי! זי קאָן אייך ברענגען אומגליק, איר דאַרפט זי נישט אויפנעמען מער ביי זיך.

— אפשר איז יענע יידישקע ענלעך געווען צו דער פרייַלין סקופּינ־סקאַ און דו האָסט זיי פאַרטוישט, פּאַניע בוטקאָווסקי?

— ניין, כ׳געדענק אַפילו דאָס קול, די באַוועגונגען, כ׳האָב נישט קיין טעות.

איך לאַך האַרציק און לאָז זיך נישט איבערצייגן. בוטקאָווסקי איז פאַרכמורעט, אומצופרידן. ער שטעלט זיך אויף אוןביידע, ער מיטן ווייב, פאַרלאָזן אונדזער שטיבל.

נאָך אַ רגע, ווען איך הער זייערע טריט אויף די אונטערשטע שטאַפּן, מאַך איך שטיל אויף די טיר, לויף אַרויף אַ פּאָר טרעפּ און גיב אסתרן אַ צייכן, זי זאָל אַראָפּ אין שטוב אַריין.

6.

ביינאַכט שפּרייזט אסתר אָפּט מאָל אַרום שעהן לאַנג מיטן שרייענ־דיקן קינד, ביז ס׳שלאָפט איין אויף אירע הענט. אויב איך וויל עס ביי איר צונעמען — בייזערט זי זיך. שפּאַר איך זיך אָבער איין — וואָרנט זי מיך, אַז אויב איך וועל זיך נישט לייגן שלאָפן, וועט זי אָנהייבן רעדן יידיש אויפן קול. זי דערלויבט אויך נישט ישראלן, ער זאָל זי פּאַרטרעטן. קורץ און קאַטעגאָריש פּסקנט זי אָפּ: „יאַנעק מוז זיין אויסגערוט, פריש און מונטער ווי אַ גוי״.

נישט זעלטן אויך בייטאָג, בלייבט אסתר ביי אונדז. זי זיצט אינעם באַהעלטעניש, אין דער נישע. מיטאָג צייט איידער די מישליוווסקאַ קומט אַהיים פון דער אַרבעט — מאַך איך אויף די טיר פון אונדזער קאָרידאָר, דערנאָך די טיר פון אונדזער שטיבל און מיר אינסצעניזירן אַ באַגריסן זיך, ווי ס׳וואָלטן אָנגעקומען געסט. דערנאָך גיי איך אַריין צו דער מישליוווסקאַס קינדער באַרגן אַ שטול, ווייל „פריילין מאַגדאַ איז געקומען אונדז באַזוכן״.

— —

יעדן שבת נאָך דער „וויפּלאַטע״ (אויסצאָלן דעם לוין) און טייל מאָל אויך אין מיטן דער וואָך, קומט ישראל אַהיים אַ האַלב־שכורער. אין דער פאַבריק טרינקען אַלע: די אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און די בעלי־בתים. ווען זיי האָבן ישראלן דאָס ערשטע מאָל דערלאַנגט אַ גלעזל בראָנפן, האָט ער אָפּגעזאָגט, פּאַרענטפערנדיק זיך מיט אַ „קראַנקער לעבער״. „וואָס?״ — האָט אויסגעשריגן איינער פון די פאַבריק־אייגנטימער — „דו היטסט דיין געזונט, ווי אַ ייד? אַזאַ גרויסער. מעכטיקער מאַן האָט מורא צו טרינקען?״

ישראל האָט זיך באַלד צוריקגעצויגן און געענטפערט: „בראָנפן האָב איך ליב, אָבער פאַר מיינע יסורים, וואָס איך וועל קריגן נאָכן טרינקען, וועט איר זיין פאַראַנטוואָרטלעך!״

„בראַוואָ!״ — האָבן אַלע געשריגן — „אָט זעט מען אַ כלאָפּ! צום געזונט!״

און אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן. דער וואָס טרינקט נישט, איז פאַר־דעכטיק. האָט ישראל מיטגעהאַלטן אַלע „קאַלעיקעס״ און אַהיימגעקומען אַ מידער, נידערגעשלאָגענער און טרויעריקער. איך האָב געציטערט, ער זאָל נישט איבערציען דאָס שטריקל, נישט פאַרגעסן זיך; כ׳האָב זיך געבונ־טעוועט, געבייזערט, אָדער — עקשנותדיק געשוויגן גאַנצע טעג. דער גע־דאַנק, אַז ער דאַרף טאַקע טרינקען, אַז ער מוז טרינקען, כדי זיך נישט אונטערצושיידן פון אַנדערע — האָט מיר אפשר אָמשטאַרקסטן וויי געטאָן.

7.

מאַלגאַשאַ איז שוין אַלט זיבן חדשים. זי איז פון טאָג צו טאָג שענער, האָט איין־און־זעכציק צענטימעטער די לענג, 5,8 ק״ג די וואָג, רעדט איינ־צלנע ווערטער, דערקענט ישראלס טריט. ווען ער דערנענטערט זיך צום הויז, פרייט זי זיך און פלאַפּלט: „דיאַ־דיאַ־דיאַ־דיאַ״, אָבער ווען ער עפנט די טיר — דערשרעקט זי זיך און וויינט. די קלענסטע אויפרעגונג אין שטוב רופט אַרויס ביי איר אַ היסטעריש געוויין. דער קלענסטער שאָרך וועקט זי אויף פון שלאָף און אַמשטאַרקסטן וויינט זי, ווען עס פאָרט פאַרביי ביי־נאַכט אַן אויטאָ נעבן הויז, דעמאָלט ווערט זי שטייף, שרייט און ליאַרעמט מוראדיק.

— —

הונדערטער ביוואַנסן פון געפאַר, שרעק, פאַרגעפּיל און נישט וויניקער פאַרשידענע שאַטירונגען פון אינסטינקטיווער פאַרזיכטיקייט, שנעלער אָריענ־טאַציע, געוואַגטע שריט, אומגלייבלעכן מוט און ביטערע, טרויעריקע „נצ־הונות״ — פּילן אויס אונדזערע טעג און נעכט.

די נערוון ווערן וואָס אַ מאָל שוואַכער, מער אָנגעצויגן און רייסן זיך, ווי טוכלע פעדים. וואָס וויניקער איך קאָן איבער זיך הערשן, אַלץ מער וויינט מאַלגאַשאַ. זי באַקומט ממש אַטאַקן פון פוריע. מיט די קליינע, דינע פינגער רייסט זי דאָס פּנימל און צעדראַפּעט זיך ביז בלוט.

אַ לומינאַל־טאַבלעט באַרויקט זי. אין שלאָף לויפט איבער איר קער־פּערל אַדורך אַ קורץ, אָפּגעהאַקט ציטערן. בלווילעכע שאַטנס באַזעצן זיך אַרום איר נעזעלע און אונטער די האַלב־פאַרמאַכטע אייגעלעך.

אַ טיפע זאָרג, אַן אומרו פרעסט אונדז. איך בין איבערצייגט, אַז אונ־דזערע איבערלעבענישן, אונדזער שרעק ווירקן אויפן קינד. מיר באַשליסן צו באַראַטן זיך מיט אַ גוטן קינדער־דאָקטער. „אָבער וואָס וועסטו אים זאָגן?״ — פרעגט מיך ישראל.

די דאָקטערין פון „קראָפּלאַ מלעקאַ״ האָט בעת מיין לעצטן זיין ביי איר געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן אַ סך וויינענדיקע קינדער, וואָס וואַקסן זיך דערפון אויס. זי האַלט, אַז מיין מיידעלע איז פולשטענדיק געזונט. איר מיינונג אָבער באַרויקט אונדז נישט און ישראל באַשטעלט אַ וויזיט ביים פּראָפעסאָר שעניך, אַ באַקאַנטן קינדער־דאָקטער.

— —

אין טראַמוויי, מיט וועלכן מיר פאָרן צום דאָקטער, קומט אַריין אַ הויכע, דאַרע, שוואַרץ־געקליידעטע, גרויע פרוי. אירע גרויסע, מעלאַנכאָלישע אויגן קוקן דורכדרינגעריש אויף די פּאַסאַזשירן. באַלד דערהערן מיר איר

שטים: „און פאַרגעסן האָט גאָט זיינע קינדער, ווייל זינדיק זענען זיי געד וועזן, ברידער, גלייביקע, אויך מיר גייען נישט אין גאָטס וועגן; אויך מיר פאַרגעסן זיינע געבאָטן; מיר עפענען נישט אונדזערע הערצער פאַר די פאַרוואָגלטע קינדער. פאַרטרייבט נישט פון אייערע טויערן די גערודפטע און איר וועט נישט פאַרטריבן ווערן. ציט אויס אייערע אָרעמס צו די אומ־גליקלעכע, דערוואַרעמט זיי מיט אייער ליבשאַפט. עס וואָלט נישט געווען קיין קריסטוס, ווען מענטשן וואָלטן זיך נישט מקריב געווען פאַר אים".

— וואַריאַטקאַ! — רייסט עמעץ איבער און שרייט — זשידווו בראָני! וויזשוטשטשע יאָן! (אַ משוגענע, זי פאַרטיידיקט יידן, וואַרפט זי אַרויס!).

די אַלטע הערט נישט די אויסגעשרייען, די פרעכע געלעכטערס, די זידל־ווערטער. מיט ברייט צעעפנטע אויגן פרעדיקט זי, בעט, זאָגט מוסר.

פון צווייטן עק טראַמוויי דערנענטערט זיך אַ שייגעץ און „נישט־ווילנ־דיק", פאַלט ער אַרויף אויף דער פרוי. איר קאָפּ, ווי אַ גרויסע פויסט, שטויסט זיך אָן אין דער שויב. אַ טרוקענער קלאַנג פון צעשפליטערט גלאָז צעקלינגט זיך טרויעריק. איבערן פנים פון דער אַלטער פרוי רינט בלוט. עס ווילט זיך מיר זי אַרומנעמען, אָפּווישן דאָס בלוט פון איר שטערן, פון אירע באַקן, און צודריקן זי צום האַרץ. אָבער איך האָב מורא דאָס צו טאָן; איך האָב מורא צו דערנענטערן זיך צו איר.

דער קאָנדוקטאָר שטעלט אָפּ דעם טראַמוויי. אים גייט אין דעם, ווער עס וועט באַצאָלן פאַר דער אויסגעהאַקטער שויב. דורך דער אינטערש־טער פּלאַטפאָרם פאַרשווינדט דער שייגעץ. פּאָליציי וועט אַוודאי באַלד אָנקומען. ישראל מיטן קינד אויף די הענט שטייגט אויס, איך — נאָך אים.

8.

פּראָפעסאָר שענייך נעמט אונדז אויף מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויפן פנים. נאָכן באַטראַכטן דאָס קינד, שטעלט ער פעסט, אַז עס איז אָרגאַניש אין גאַנצן געזונט. ער עצהט אָבער אַדורכצופירן געוויסע אַנאַליזן און אַ רענטגען־אויפנאַמע פונעם אויג־באָדעם; מעגלעך, אַז דאָס קינד איז אַ ביסל נערוועז.

— האָט מען זיך ביים אָפּנעמען דאָס קינד באַנוצט מיט נאַרקאָז? — פרעגט ער.

— ניין.

— האָסטו זיך אויפגערעגט, זייענדיק אין אַנדערע אומשטענדן?

— יאָ. איך האָב איבערגעלעבט עטלעכע גאַסן־עקזעקוציעס.

דער פּראָפעסאָר פאַרטראַכט זיך אַ רגע און זאָגט ערנסט:

— אונדזער יונגער דור וועט זיין אַ נערוועזער.

דערנאָך גיט ער דעם קינד אַ קלעפּערל אין דער פאָרם פון אַ פייגעלע. ביי יעדן קלאַפּ שאָקלט זיך דאָס פייגעלע און עפנט דעם שנאָבל. מאַלגאָ־שאַן געפעלט דאָס זייער און צום ערשטן מאָל הער איך זי לאַכן אויפן קול.

אין קאַבינעט ביים דאָקטער איז אַזוי אָנגענעם! די מילדע שטילקייט, די אַטמאָספער פון רו און שפע ווירקט אויף אונדז, היימלאָזע, ווי אַ כּישוף. דאָס קינד איז מאָדנע אויסגעלייטערט, פון איר פּנימל פאַרשווינדט די אָנ־געצויגנקייט. אירע שטענדיק אומעטיקע אייגעלעך לייכטן מיט קינדישער פרייד. איר אויסזען האָט אין זיך עפּעס פון אַ מלאך אויף אַלטע מאָלערייען.

איך טראַכט: ווען דער פּראָפעסאָר וואָלט געוווסט, אַז מיר זענען יידן, וואָלט ער נישט גערעדט מיט אונדז אַזוי געמיטלעך. ווי אַזוי וואָלט ער דעמאָלט רעאַגירט?

— איך וואָלט אייך געראַטן אַריינצוגעבן אייער טעכטערל אויף 24 שעה אין דער קינדער־קליניק פון דאָצענט סטאַנקעוויטש, כדי גענוי פעסט־צושטעלן די סיבה פון איר כסדרדיקן וויינען — זאָגט דער פּראָפעסאָר.

— מיר וואָלטן דאָס גערן אָפּגעלייגט אויף אַ פּאָר וואָכן. צי קאָן דאָס משפיע זיין אויף איר צום שלעכטן? — פרעג איך.

— אָ, ניין. אָבער נאָך וואָס וואַרטן? אַזאַ וויינען שטערט דאָך אייך און דאָס קינד ווערט דערפון נישט געזונטער.

מיר געזעגענען זיך. אויף דער גאַס זאָג איך ישׂראלן, אַז כ'בין אַנט־שלאָסן דאָס קינד נישט אַרויסצוגעבן פון די הענט.

— אָבער פאַר וואָס? — רעגט ער זיך אויף — האָסט דאָך געזען, ווי אַזוי דאָס קינד האָט זיך געפילט צווישן פרעמדע. ווען זי וואָלט, אַפילו אַ קורצע צייט, געווען צווישן גויים, וואָלט זי זיך באַרויִקט.

איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין. די קליינע איז שטאַרק צוגעבונדן צו מיר. ווען די מישליוווסקאַ האָט זי איין מאָל גענומען צו זיך, האָבן מיר גע־מיינט, אַז זי וועט זיך ממש צערייסן פון וויינען. ווען כ'האָב זי צוגעטוליעט, אַרויפגעלייגט מיינע ליפּן אויף איר פּנימל — איז זי גלייך געוואָרן שטיל. אויך דאָס מאָל האָב איך געפילט, אַז איך דאַרף בשום אופן דאָס קינד נישט איבערלאָזן אַליין, צווישן פרעמדע!

9.

און דאָך זענען מיר דעם 19־טן אַפּריל 1944 געבליבן שטיין ביים גערטנדל פון דאָצענט סטאַנקעוויטשעס קינדער־קליניק אויף קאָפּערניקאַ־גאַס.

— זעסט אויס זייער שלעכט און ביסט מוראדיק אָפּגעמאַגערט! — קוקט מיך ישׂראל אָן אַ באַזאָרגטער — עס איז פּשוט אַ סכנה. דיין אויס־זען קאָן אונדז פאַרראָטן!

איך שווייג. קאָן איך דען גוט אויסזען? דער צער און זאָרג וועגן קינד פאַרפאַלגט מיך אומאויפהערלעך. אין מיינע אונטערגעהאַקטע און אויסגעלאָשענע אויגן קאָן אַ „מבין" לייכט דערקענען מיין יידישן אָפּשטאַם. אנדערש זעען אויס די גויעס; זיי זענען פולבלוטיק, זיכער, אויסגערוט. און איך — וואָס איך זאָל נישט עסן, אַלץ ווערט איבערגעבערענט און פאַר־פלאַמט אין דער כסדרדיקער אימה, אין דער כסדרדיקער שרעק!

אינעם וואַרטצימער ביים דאָצענט סטאַנקעוויטש זענען אַלע זיצפלעצער פאַרנומען. עס וואַרטן מאַמעס מיט קינדער; זיידעס און באָבעס מיט אייניקלעך. ישראל מיט מאַלגאָשאַן אויף די הענט דערנענטערט זיך צום טישל, ווו די אַסיסטענטין פאַרשרייבט אַלע פּרטים, נעמט געלט און גיט אַ נומער צום דאָקטער. איך בין זייער אומרואיק. ביי יעדן מאָל, ווען עס עפנט זיך די טיר, קלאַפּט מיר דאָס האַרץ. דאָס קינד קוקט זיך צו מיט גרויס אינטערעס צו די קליינע פּאַציענטן. זי פּרוווט נאָכמאַכן זייערע באַ־וועגונגען. פון צייט צו צייט הייבט זי אויף דאָס קעפּל צו ישראלן און אַ צופרידענע פּלאַפּלט זי: „דיאַ־דיאַ, בווו, טיאַ־טיאַ!"

אַלע נעבן אונדז באַוווּנדערן דאָס אויסערגעוויינלעך שיינע פּנימל פון מאַלגאָשאַן. איך נעם זי צו פון ישראלן. זי נעמט מיך אַרום. זי איז אַזוי זיס, אַזוי וואַרעם און שמעקט מיט פרישער מילך.

— יאַנעק, — רוים איך איין ישראלן אין אויער — איך וויל צוריק אַהיים מיטן קינד.

ער קוקט מיך אָן פאַרוווּנדערט און פרעגט שטיל:

— פאַלט דיר נישט איין, אַז דער דאָקטער קאָן געבן די פּאַסיקע רפואה און דאָס קינד זאָל ווערן רואיק און געזונט, ווי אַנדערע קינדער? צוליב וואָס זענען מיר אַהערגעקומען?

— און אויב דער דאָקטער וועט הייסן איבערלאָזן דאָס קינד אין דער קליניק?

— וועלן מיר עס איבערלאָזן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די אַסיסטענטין רופט אויס אונדזער נאָמען. דאָצענט סטאַנקעוויטש, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער מאַן, איז צו אונדז העפלעך און דזשענטלמעניש. ער הערט אַלץ אויס, באַטראַכט דאָס קינד, הייבט מיט די אַקסלען און איז מסכים מיטן פּראָפעסאָר שעניך, אַז דאָס קינד איז אָרגאַניש געזונט.

— אויב איר ווילט — זאָגט ער צו אונדז — באַקומען אַ זיכערע דיאַ־גנאָז, אָן ספקות, מוז דאָס קינד בלייבן, ווייניקסטנס 24 שעה, ביי מיר אין קליניק. עס וועט דאָ האָבן די בעסטע אויפזיכט. דריי מאָל טעגלעך קאָן די

מוטער אַריינקומען עס אָנזייגן. מאָרגן פאַר נאַכט וועט איר אייער שיינהייט קאָנען צוריק אָפּנעמען.

ווען ער זאָגט „שיינהייט", צעשויבערט ער מאַלגאָשאַס האָר און מאַכט צו איר חנדלעך. דאָס קינד פאַרציט די ליפּעלעך און צעוויינט זיך ספּאָנטאַניש.

די אַסיסטענטין דערלאַנגט ישראלן אַ צעטל און דערקלערט, אַז מיר דאַרפן זיך מעלדן ביי דער שוועסטער העלענאַ, אין פּאַוויליאָן נומער איינס, וווּ עס געפינען זיך די יינגסטע קינדער. זי הייסט זיך איילן, ווייל צווישן צוויי און פיר מיטאָג־צייט נעמט מען נישט אויף קיין קראַנקע.

אַ דאַרע, בייזע נאָנע האָט איבערגעלייענט דאָס צעטל און גלייך ביי אונדז צוגענומען דאָס קינד. מאַלגאָשאַ, אַ דערשראָקענע, האָט צו מיר אויס־געשטרעקט די הענטלעך. די „שוועסטער העלענאַ" האָט איבערגעטאָן דאָס קינד אין שפּיטאָל־בגדים, מאַלגאָשאַס אָנטועכץ האָט זי מיר צוריקגעגעבן און באַלד איז זי מיטן קינד פאַרשווּנדן אין דער גרויסער, ווייסער טיר, וואָס האָט זיך שטיל צוגעמאַכט.

איך בין געשטאַנען מיטן פּעקל וואַרעם אָנטועכץ. איך האָב עס צו־געלייגט צום פּנים און דערפילט דעם ריח פון פרישער מילך — דעם ריח פון מיין קינד. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז דער לעצטער הויך פון וואַרעמקייט, וואָס בלייבט מיר נאָכן שוועבעלע. כ'האָב אַ פאַרצווייפלטע אָנגעהויבן וויינען.

— איך וויל צוריק דאָס קינד, איך וויל עס דאָ נישט לאָזן, עס שרעקט מיך עפּעס — האָב איך זיך געבעטן ביי ישראלן.

ער האָט מיך פעסט אָנגענומען אונטערן אָרעם און אַרויסגעפירט פון שפּיטאָל. אויפן הויף האָט ער אָן אויפגערעגטער געזאָגט: „שוין וואָכן לאַנג פאַרלייגסטו וועלטן זאָגנדיק, אַז מיר טוען גאָרנישט, כדי דאָס קינד געזונט צו מאַכן און איצט, ווען מיר ווען מיר וועלן סוף־כל־סוף געוווּיר ווערן, וואָס דעם קינד פעלט — ווילסטו עס צוריק אַהיימנעמען?! אויב דו נעמסט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן קינדס מאָרגן — ברענג איך עס דיר גלייך אַרויס. אָבער געדענק, עס קאָן קומען אַ טאָג (אויב מיר וועלן איבער־לעבן), ווען דאָס קינד וועט אויפהייבן צו דיר די אויגן און פרעגן: פאַר וואָס האָסטו מיך פאַרנאַכלעסיקט?".

10.

דער שפּיטאָל־הויף איז נישט גרויס, אָבער פאַרצווייגט מיט געסלעך, סטעזשקעס און אַ סך ווינקלען. דאָ און דאָרט וואַקסט אַ בוים, דאָ און דאָרט שטייט אַ באַנק; אינעם הינטערגרונט פון הויף — אַ קאַפּליצע מיט אַ גרויסן

צלם אויפן שפּיציקן דאַך. אַרום דער קאַפּליצע — גרויע, אומהיימלעכע, פון גאָט פאַרגעסענע, נידעריקע הייזלעך.

ישׂראל וויל איך זאָל צוזאַמען מיט אים אַהיימגיין. איך שפּאַר זיך אָבער איין און פאַרבלייב. מיר שמועסן אָפּ, אַז ער וועט אַרום פינף אַ זייגער, נאָך דער אַרבעט, קומען נאָך מיר.

עס פּרישעט אַ דין רעגנדל. דער הויף איז פּוסט. איך דריי זיך אַרום הינטער די פענצטער פון שפּיטאָל. עס דאַכט זיך מיר, אַז צווישן געיאָמער פון אַ סך קינדער הערט זיך מאַלגאָשאַס געוויין. איך גיי אַריין אינעווייניק, קלאַפּ אָן אין דער טיר, אין וועלכער די נאָנע מיט מאַלגאָשאַן זענען פאַר־שוווּנדן. די שוועסטער העלענאַ מאַכט אויף; איר פּנים איז פאַרקרימט פון כעס.

— וואָס ווילסטו דאָ? — פרעגט זי שטייף.

— איך וויל אָנזייגן מיין קינד, שוועסטער.

— צום קינד איז פאַרבאָטן אַריינצוגיין!

— אָבער דאָצענט סטאַנקעוויטש האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל דריי מאָל טעגלעך אָנזייגן דאָס קינד

— איך האָב אַנדערע דירעקטיוון!

די טיר פאַרמאַכט זיך. איך בלייב שטיין און הער זיך איין אין די קינדערישע קולות, אין דעם טרויעריקן כאָר פון געוויין און וויל אויפכאַפּן מאַלגאָשאַס קול.

פּלוצלינג מאַכט זיך די טיר ווידער אויף און די בייזע נאָנע סיקעט: „וואַרטעסט נאָך אַלץ? האָסט נישט וואָס צו וואַרטן, דאָס קינד וועט היינט באַקומען נאָר טיי, מאָרגן אין דער פרי וועסטו עס אָנזייגן!". און ווידער האָט זיך די טיר פאַרקלאַפּט.

פון דער צווייטער זייט קאָרידאָר ציען זיך משופּעדיקע טרעפּ צו אַ שטאָק, אָדער בוידעם; הינטער די טרעפּ — אַ דרייעקיק ווינקל. אינעם ווינקל — צוויי ליידיקע פעסער און עטלעכע קעסטלעך. איך צי איין דעם בויך און שאַר זיך אַריין אינעם טיפסטן ראָג, וווּ כ׳קאָן זיך אַראָפּזעצן אַ נישט־באַמערקטע פון קיינעם. איך טראַכט מיר: „דאָ וועל איך בלייבן איבער נאַכט. ווען דאָס קינד וועט זיך האַלב צוויי אַ זייגער, ווי יעדער נאַכט, אויפוועקן מיט אַ געוויין — וועל איך אַריין און עס באַרויקן. עס וועט דעמאָלט אפשר זיין אַ צווייטע שוועסטער און אַוודאי אַ בעסערע".

דער געדאַנק באַרויקט מיך. אָבער פאַר נאַכט, ווען ישׂראל קומט און איך פאַרטרוי אים מיין פּלאַן, אָנווייזנדיק אויפן באַהעלטעניש — ביי־זערט ער זיך און רייסט מיך פּשוט אַוועק פון דעם אָרט.

„שטעל זיך פאַר", — זאָגט ער אַן אָנגעברוגזטער — „שטעל זיך

פאַר, ווי אַזוי דאָס שפּיטאָל וואָלט אויסגעזען, ווען אַלע מאַמעס פון די הונדערט און פופציק קינדער, וואָס געפינען זיך דאָ, וואָלטן געוואָלט איבער־נעכטיקן אין ווינקלען הינטער די טרעפּ, אָדער סתם אַזוי אויפן הויף! מילא, זיי זענען כאָטש נישט קיין יידישקעס און שטעלן נישט איין דאָס לעבן. דו אָבער, אויב מען וואָלט דיך געפונען אַ באַהאַלטענע, וואָלט מען דיך גלייך דערקענט ווער דו ביסט און צוזאַמען מיט דיר, וואָלטן אויך מאַלגאָשאַ מיט מיר אומגעקומען!"

איך ווייס, אַז ער איז גערעכט, אָבער אַ מוטערלעכער אינסטינקט, וואָס איז שטאַרקער פון יעדער לאָגיק, הייסט מיך בלייבן.

ישראל שווייגט. איך פיל, ווי ער ציטערט. פון אינדערפרי אָן האָט ער נישט געגעסן. ער איז מיד, הונגעריק, אויפגערעגט. איך גיב זיך אונטער: „גוט, כ׳וועל גיין אַהיים; כ׳וויל אָבער בלויז אָנקוקן דאָס קינד". כ׳קלאַפּ ווידער שטיל אָן אין דער טיר — קיינער עפנט נישט. איך לען זי לייכט אָן. אַ ווייסער, שטייפער קאַפּטער, אַ בלאַס, שלעכט פּנים פאַרשטעלט מיר דעם וועג. איך באַוויין נישט אַרויסצירעדן קיין וואָרט און די טיר פאַר־קלאַפּט זיך פאַר מיין נאָז. ישראל פירט מיך אונטערן אָרעם. אַ פינצטערניש נידערט אַראָפּ פון הימל, קריכט אַרויס פון אַלע ווינקלען, הילט אַרום די הייזער, די גאַנצע שטאָט און פילט אָן מיין האַרץ מיט חשכות און בענק־שאַפט נאָכן קינד.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ישראל שליסט אויף אונדזער טיר. דאָס שטיבל איז אַזוי אומעטיק, ווי דאָס פּוסטע קינדער־וועגעלע נעבן דער שאַנק. אויפן שטריקל איבערן קיכל הענגען עטלעכע ווינדלען, העמדלעך, שליניאַקעס.

ס׳איז פאַראַן אַ שטילקייט, וואָס שרייט; אַ שטילקייט, וואָס דרינגט אַריין טיפער, ווי די שטאַרקסטע מוזיק. איך פאַל אַרויף אויפן בעט און גראָב איין דעם קאָפּ אינעם קישן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

האַלב צוויי אין דער נאַכט האָט מיך אויפגעוועקט אַ שרעקלעכער חלום. פון מיין געשריי אין שלאָף איז אויפגעקומען ישראל.

— יאַנעק, ס׳איז איצט עפּעס שלעכטס געשען מיטן קינד. איך פיל דאָס. הער, וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט!

ישראל, אַ פאַרשלאָפענער, פּרוווט מיך באַרואיקן:

— דו ביסט אין גאַנצן צעשרויפט. האָסט דאָך קיין מאָל נישט געגלייבט אין חלומות. וואָס איז מיט דיר געשען?!

איך הער נישט זיינע רייד און דערצייל:

„כ׳האָב געזען אַ גרויס פאַס וואַסער. נעבן פאַס איז געשטאַנען אונ־

דזער שכנטע, מאַרישאַ, אַ בלאַסע, אַ צעטומלטע. זי האָט אין געאייל אריינ־געשטעקט די הענט ביז צום דנאָ פון פאַס און אַרויסגעצויגן מאַלגאַשאַן אַ דערטרונקענע, אַ טויטע. כ׳האָב געכאַפּט דאָס קינד און געלאָפן רופנדיק הילף. די מאַמעשי איז מיר אַנטקעגן געקומען און אַרויסגענומען עס פון מיינע הענט. זי האָט געהאַט טרערן אין די אויגן".

— באַרויִק זיך, — רעדט אין מיר אַריין ישראל — באַרויִק זיך און שלאָף איין! ווערסט זיך אין דער פרי שעמען, אַנטרעפנדיק דאָס קינד אַ רויִקס, אַ צופרידנס. הלוואי וואָלטן זיי עס געוואָלט האַלטן כאָטש אַ דריי טעג, וואָלט עס זיך אָפּגעוווינט פון אויפוועקן ביינאַכט!

איך טו זיך שנעל אָן.

— חיהלע! — דערשרעקט זיך ישראל און רעדט צו מיר, ווי צו אַ קינד — באַרעכן זיך, ס׳איז דריי פערטל אויף צוויי, לייג זיך שלאָפן. אַ שאָד וואָס אסתר נעכטיקט גראָד היינט ביי אַניעלאַן. זי וואָלט שוין גע־ווּסט, ווי אַזוי דיך צו באַרויִקן!

אָן אַנגעטוענע בלייב איך זיצן ביים פענצטער. ביז האַלב זעקס אין דער פרי איז פאַרבאָטן צו באַוועגן זיך אויף דער גאַס אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. ישראל דרעמלט איין. כ׳בין אויף אַזוי פיל שטאַרק, אַז איך וואַרט ביז פינף אַ זייגער.

11.

אין דרויסן איז האַלב פינצטער. די טראַמווייען גייען נאָך נישט. איך לויף צו פוס. איך לויף אַזוי שנעל, ווי נאָר איך קאָן. קיינער פאַרהאַלט מיך נישט. די גאַסן זענען ליידיק, שרעקעוודיק. מען זעט נישט קיין מענטש.

איין פאַרלאַנג, איין מעכטיקער פאַרלאַנג צאַפּלט אין מיר: דאָס קינד, דאָס קינד! טרעפן עס אַ לעבעדיקס און קאָנען צודריקן צום האַרץ!

— —

ענדלעך בין איך ביים שפּיטאָל. דאָס זייטיקע טירל איז אָפן. דער שווייס, וואָס רינט פון שטערן, פאַרגיסט מיר די אויגן. אָט איז די טיר פון דער קאַנצעלאַריע. דאָ דאַרף איך באַקומען אַ דערלויבעניש אַנצוזייגן דאָס קינד, מיט אַזאַ קוויטל מוז מיך די שוועסטער אַריינלאָזן. דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר שנעלער, ווי מיינע פינגער אין דער טיר. אַ קול פון יענער זייט: „ווּעישטש" (אַריין).

ביים קאַנצעלאַריע־טיש — אַן אַלטע, דיקלעכע נאָנע אין אַ שוואַרצן שלייער; אויף איר פּנים — אַ מידער און דאָך מילדער שמייכל. אַ טיפע רויִקייט שלאָגט פון איר און אַרום איר.

— וואָס ווילסטו, טאָכטער מיינע? — פרעגט זי מיט אַ צעזונגען קול.
— אַ דערלויבעניש אָנצוזייגן מיין קינד.
זי נעמט אַרויס אַ גרויס בוך, מאַכט עס אויף און רעדט גלייכצייטיק:
— גוט, טאָכטער, דו באַקומסט עס גלייך, ווי הייסטו און ווי הייסט דיין קינד?

— איך הייס העלענאַ מאַלאַרסקאַ און דאָס קינד מאַלגאָשאַ — —

צוויי אויסגעגלאָצטע אויגן, ווי פון אַ משוגענע, עסן זיך אין מיר איין. אַ צעשראָקן פּנים, פאַרקרימט פון מיטלייד, אָדער ווייטאָג. באַלד אָבער ווערט עס ערנסט, קאַלט, טרויעריק. אַ באַוועגונג פון אָפּצלמען זיך, צוויי אויפגעהויבענע דלאָניעס, ווי צום געבעט, אַ געפרעפל:

— מאַלגאָשאַ מאַלאַרסקאַ? מאַלגאָשאַ מאַלאַרסקאַ? זי לעבט נישט מער. גאָט האָט זי צוריק צוגענומען, געבענטשט זאָל זיין — — —

— שוועסטער! רייס איך איבער מיט אַ ווילדן אויסגעשריי — ס׳איז נישט אמת! האָסט אַ טעות!

— כ׳האָב נישט קיין טעות, טאָכטער מיינע. האַלב צוויי ביינאַכט איז עס געשען. אַן אומגליק, אַ צופאַל!

איך הער נישט מער און לויף אַרויס.

איך לויף צו דער פּריוואַט־וווינונג פון דאָצענט סטאַנקעוויטש. אָט דאָ רעכטס אין הויף וווינט ער. אַ שטאַרקער דריק ביים גלעקל. אַ פאַרשלאָ־פענע פרוי מאַכט אויף די טיר.

— דאָצענט סטאַנקעוויטש, ווו איז דער דאָצענט?! — רייסן זיך פון מיר קוים אַרויס דערשטיקטע, צעטומלטע ווערטער.

— ער שלאָפט נאָך. — פאַלט אַ רואיקער, באַהערשטער ענטפער.

— איך מוז אים גלייך זען! מיין קינד זאָל ער מיר אָפּגעבן, מיין קינד!!

אין אַ זילבער־גלאַנציקער פּיזשאַמע, אין ווייכע שטעקלאַטשן, אַזאַ אויסגערוטער, אויסגעשלאָפענער, קומט אַן מיט שטילע טריט דער דאָצענט.

— מיין קינד! — שריי איך צו אים — ווו איז מיין קינד?!

— יעזוס מאַריאַ, וואָס טוט זיך דאָ עפּעס! דיין קינד איז אונטער דער אויפזיכט פון שוועסטער העלענאַ, איך האָב עס געזען בעת דער אָוונט־אינספּעקציע אין שפּיטאָל, עס פילט זיך גוט.

אויף אַ רגע פאַרגנבעט זיך אַ האָפענונג. פאַר מיינע אויגן בלייבט אָבער ווידער שטיין דאָס בילד אין דער קאַנצעלאַריע.

— ניין, — צאַפּל איך — מען האָט מיר געזאָגט, אַז עס לעבט נישט. הלוואי איז עס אַ ליגן! קום מיט מיר!

ער נעמט מיך אַן ביי דער האַנט. מיר לויפן ביידע איבערן הויף און

קומען אַן צום פּאַווילאָן, ווו איך האָב נעכטן איבערגעלאָזט מאַלגאָשאַן.

ער מאַכט האַסטיק אויף די טיר:

— שאַסטראַ! (שוועסטער!).

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַן אונטערטעניקע, בלייבט פאַר אונדז שטיין די שוועסטער העלענאַ.

— גאָט האָט אַזוי געוואָלט — שעפּטשעט זי קוים אַרויס.

— ווי אַזוי איז עס געשען?! — שרייט דער דאָצענט.

— האַלב צוויי ביינאַכט האָט זיך דאָס קינד איבערגעוועקט מיט אַ שרעקלעכן ליאַרעם און איך האָב עס בשום אופן נישט געקאָנט באַרויִקן. אַנדערע קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן וועקן. איך האָב גערופן דעם דיזשורנע דאָקטער. ער האָט דער קליינער געמאַכט אַן איינשפּריצונג. על פּי טעות האָט ער גענומען אַן אַנדערע אַמפּולע, דאָס קינד איז גלייך געשטאָרבן.

— ווו איז דער דאָקטער?! — דונערט דעם דאָצענטס געשריי.

— ווו איז מיין קינד? — פרעג איך טויב.

מען ווייזט מיר אַ קליין גרוי הייזעלע נעבן דער קאַפּליצע. דאָרט איז דאָס קילשטיבל.

— —

אַ קליין, פּוסט צימער. אין מיטן — אַ שמאָלער טיש. אויף אים — אַ קינדעריש קערפּערל, איבערגעדעקט מיט אַ ווייס ליילעך.

איך רייס אַראָפּ דעם צודעק: מיין קינד. מיין טייערס. פאַרפלאָכטענע הענטעלעך. צווישן זיי — אַ קליינער, הילצערנער צלם. די אייגעלעך — פאַרמאַכט. דאָס געלע פּנימל, ווי אין שלאָף, אָנגעצויגן, פאַרגליווערט. אויפן לינקן הענטל, איבערן עלנבויגן — אַ גרויסער, טונקל־בלויער פלעק.

איך וואַרף אַרויס דעם צלם פון אירע דינע פינגער און כאַפּ מיין שוועל־בעלע אויף די הענט. איך טוליע איין דאָס פּנים אין איר בייכעלע, וואָס איז נאָך וואַרעם.

— —

און אַזוי לויף איך מיטן קינד אַהין און צוריק, רוף עס מיט די צערט־לעכסטע נעמען, הויך אין זיין מיילעכל, רייס אויף מיין בלוזע און וואַרעם עס מיטן לייב. כ׳גלייב, אַז כ׳וועל עס דערוועקן צום לעבן, דערמונטערן, אויסוואַרעמען און איבערגיסן מיין לעבן אין די פאַרשטייפטע, קליינע גלידער.

צעגליטע ליפּן באַדעקן מיט קושן דאָס קאַלטע, געלע פּנימל. דעם קינדס אויגן־דעקלעך לענען זיך אָפּ, פאַרגלאָזטע שוואַרצאַפּלען... מיין משוגען האַרץ וויל גלייבן, אַז דאָס זענען די ערשטע סימנים פונעם דערוואַכן.

מען דאַרף נאָר דאָס שוועלבעלע דערוואָרעמען. עס מוז נאָר דערפילן, אַז איך האַלט עס אין מיינע אָרעמס.

.12

איך ווייס נישט, ווי לאַנג איך בין אַזוי אַרומגעלאָפן פון איין וואַנט צו דער צווייטער. ישראל איז אָנגעקומען. זיין דערשטיקט געוויין האָט זיך אומעטיק צעטראָגן אינעם פוסטן חלל פון קילשטיבל. ער האָט מיט כוח אַרויסגענומען דאָס קינד פון מיינע הענט, אויף אַ רגע איינגעקלאַמערט עס אין זיינע אָרעמס און דערנאָך אַוועקגעלייגט אויפן טיש און צוגעדעקט מיטן ליילעך.

ער האָט מיך צערטלעך אַרומגענומען און, שטיקנדיק זיך פון טרערן, געיאָמערט: „איך בין שולדיק, איך בין שולדיק!"

נאָכן צוריקבאַקומען מער־ווייניק דאָס גלייכגעוויכט, האָט ישראל אָנגעקלונגען צו סטאַכן. אין אַ האַלבער שעה שפּעטער זענען געקומען פראַנעק, זאָשקאַ און סטאַך מיט פראַניאַן. סטאַך האָט גענומען אויף זיך אַלץ מסדר צו זיין. מיך מיט ישראלן האָט די „משפחה" גענומען צו פראַנעקן.

סטאַך האָט באַשטעלט אַ טרומנע, פראַניאַ האָט צוגעגרייט די „אויס־שטאַטונג": אַ לאַנג, ווייס קלייד מיט בלויע שאַרפן. פון דער זעלבער באַנד — אַ קאָקאַרדע אויפן קעפּל; ווייסע לעטשעלעך און אַ סך קליינע בלימעלעך מיט גרינעם מירט צעוואָרפן איבערן קלייד.

— מען טאָר עס נישט באַגראָבן אומגעטויפט — האָט שטיל דער־קלערט פראַנעק — עס וועט אויף יענער וועלט נישט האָבן קיין תיקון.

— סיי ווי סיי לאָזט מען נישט אַראָפּ די טרומנע, אויב דער גלח באַ־שפּריצט זי נישט דריי מאָל מיט געהייליקט וואַסער — ענטפערט פראַניאַ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קאַזיאַ האָט מיר אָנגעטאָן אַ שוואַרצן שלייער. זי האָטביים הוט איבער־געוואָרפן דעם וואַל, ער זאָל פאַרדעקן דאָס פּנים.

„אַזאַ שלייער" — האָט זי געזאָגט — „האָט מיין מוטער שטענדיק גע־האַלטן אויף פאַרזאָרג. איך — אויך".

כמעט אַלע שכנים זענען געקומען צו דער לוויה. אויך פון „אונדזער משפחה" האָט קיינער נישט געפעלט.

סטאַך, דער טייערער סטאַך, האָט מסדר געווען אַלע פאָרמאַליטעטן, גענומען אויף זיך דעם גאַנצן עול, ווי ער וואָלט געווען אונדזער טאַטע און מיר — זיינע אומבאַהאָלפענע קינדער

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין פאָדער־הויף פון צמענטאַזש (בית־הקברות) אויף ברודנע, האָבן

מיר זיך אַלע פֿאַרזאַמלט. עס האָבן זיך אומעטום געדרייט צענדליקער מענטשן. בעטלערס האָבן געזונגען הייליקע לידער. פֿאַרן טויער האָבן בלומען־פֿאַרקויפֿער געלויבט זייערע פֿרישע קרענץ. סטראַגאַנעס מיט עסנוואַרג, פֿאַרקויפֿער פֿון זיסוואַרג — אַלץ האָט געטומלט צוזאַמען מיטן געקלינגערײַ פֿון אַנקומענדיקע און אָפּפֿאָרנדיקע טראַמווייען.

אָבער ביים איבערטרעטן די שוועל פֿונעם צמענטאַזש האָט אַרומגעכאַפּט אַ שטילקייט, אַ טיף שווייגן פֿון אַ שטומער, באַבלומטער וועלט. ביימער, סטעזשקעס, קברים באַדעקטע מיט בלומען, בענק, מצבות, קניענדיקע געשטאַלטן צווישן בערגלעך ערד — אַלץ פֿאַרהילט אין רו און אין אומענדלעכקייט פֿון דער צייט.

דער גלח אין באַגלייטונג פֿון צוויי מיטהעלפֿער, דערנענטערט זיך צו מאַלגאָשאַס טרומנע, באַשפּריצט זי מיט געהייליקט וואַסער, זאָגט שנעל אָפּ אַ קורצן פּאַטשער און שוין איז ער ביי אַ צווייטער טרומנע.

— ווילן נישט, — רוימט מיר סטאַך איין — אונדזעריקע באַווײנען נישט קיין טויטן. קוק זיך צו, ווי אַנדערע פֿאַריתומטע מאַמעס פֿירן זיך אויף.

— —

דער גרעבער שטופּט אַריין אין פֿרישן בערגל ערד אַ צלם מיט אַן אויפֿשריפֿט: „מאַלגאָשאַ מאַלאַרסקאַ, אויסגעלאָשן אין עלטער פֿון 9 חדשים". די שכנים און „משפּחה" לייגן אַוועק קרענץ און בלומען. אויך אסתר האָט געקויפֿט אַ קראַנץ. אירע אויגן זענען געשוואָלן פֿון וויינען. אַלע קניען אַנידער און זאָגן די תּפֿילה „רעקוויעם". ישׂראל, אַ בלאַסער, אַ דערשלאָגענער, באַוועגט מיט די ליפּן. זאָגט ער קדיש נאָך אונדזער ברעקעלע?

— —

פֿאַרן אומקערן זיך אַהיים פֿירט אונדז סטאַך צו אַ מצבה־קריצער. עטלעכע טריט פֿון צמענטאַזש געפֿינט זיך אַזאַ ווערקשטאַט.

איינגעהויקערט איבער אַ שטיין, ביים אויסקלאַפּן אַ צלם, שטייט אַ דאַרער, עלטערער גוי. ער ענטפֿערט קוים אויף סטאַכס „זאָל זיין געלויבט"...

איך קוק און ציטער אויף: אַרום און אַרום ליגן און שטייען יידישע מצבות. אויך פֿון דער מצבה, אין וועלכער עס זענען שוין אויסגעקריצט לאַטייניש אותיות, שלאָגט ערטערוויז אַדורך אַ יידיש אות.

מיר פֿאַרענדיקן שנעל די באַשטעלונג. עס זענען פֿאַראַן מצבות פֿון נייע שטיינער און פֿון „איבערגעניצעוועטע", יידישע. די ערשטע קאָסטן טאָפּל, ווי די צווייטע. מיר באַשטעלן די צווייטע. זאָל מאַלגאָשאַ ליגן כאָטש אונטער אַזאַ יידישער מצבה.

.13

איך האָב פולע הענט מיט צערטלעכקייט און האָב זי נישט וועמען אָוועק־צושענקען.

עס איז מיר שווער תופס צו זיין, אַז מיינע פינגער וועלן שוין קיין מאָל נישט באַרירן דאָס וואַרעמע קערפּערל און מיינע ליפּן וועלן מער נישט אויסשעפּטשען די הונדערטער צערטלעכע נעמען.

בענקשאַפט, געוויסן־ביסן, יסורים אַקערן מיך אַדורך. די טעג זענען געשוואָלן פון וויינען; די נעכט — פאַרחלשט, זומפּיק, געדיכט, ווי גע־גליווערט בלוט. איך וויל זיך אַרויסבאַקומען פון אונטער דער שווערער לאַסט פון אָנמאַכט און קאָן עס נישט באַווייזן.

איך אַרבעט נישט מער ביי קאַזיאַן. גאַנצע טעג ליג איך אויפן בעט און קלער. אסתר איז איצט „אָפיציעל" ביי אונדז. זי האָט אַ תירוץ פאַר די שכנים: מען דאַרף מיך נישט איבערלאָזן אַליין. קאַזיאַ שעצט זייער מאַגדאַס איבערגעגעבנקייט. אסתר אַליין פאַרגעסט זיך טייל מאָל און, ווען איך קאָן נישט עסן, בייזערט זי זיך: „איך זיץ אָפּ ביי דיר גאַנצע טעג און דו קאָנסט עס נישט אָפּשאַצן!"

איך ענטפער נישט, רעאַגיר נישט, בין אַפּאַטיש און דאָך אַזוי טיף פאַרלעצט, אַז יעדער שאָרך טוט וויי, יעדעס וואָרט שניידט מיך אַדורך.

— —

גרויע, טרויעריקע, ווי מיט אַש באַשיטע, פרימאָרגנס קוקן דורך ישראלס פאַרנעפּלטע, אָפענע אויגן, דורך זיין אָפּגעמאָגערט פּנים און אין פיין צו־זאַמענגעצויגענע ליפּן.

— לייענען דיר עפּעס פון די ביולעטינען? — פרעגט ער אָפט מאָל, באַמערקנדיק, אַז איך שלאָף נישט.

ישראל האָט אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיטן אינפאָרמאַציע־דינסט פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג און ער געהערט צו די ערשטע, וואָס באַקומען די געהיימע בלעטלעך.

לייענט ער מיר וועגן די כסדרדיקע לופט־אָנגריפן אויף דייטשישע שטעט, וועגן די מפּלות פון דער היטלער־אַרמיי אויפן מזרח־פראָנט. ער ציט אַרויס אַ מאַפּע, גיט מיר צו פאַרשטיין.

איך הער כמעט נישט. עס איז מיר פרעמד די פּאָליטיק, איך פאַרשטיי זי נישט מער. איך פיל נאָר, וואָס עס איז פיין און ליידן. אַ גיגאַנטישע זמאָרע האַלט מיך אין אירע האָריקע לאַפּעס, זויגט זיך איין אין מיין מוח, דריקט ביז צום דערשטיקט ווערן.

— —

„אָיטשע נאַש", „זדראָוואַש מאַריאָ" — בעט צוויי מאָל אין טאָג די מישליוווסקאַ, קניענדיק פאַרן הייליקן בילד.

דעמאָלט הער איך ווייטע גלאָקן־קלאַנגען, קינדער־געוויין, אַ גערויש פון בזירהשע קליידער, פון שליסלען אָנגעהאָנגענע אויף קייטלעך, היל־צערנע קרעלן, שטילע טריט.



POTWIERDZENIE ZAMELDOWANIA

m. st. Warszawa Komisariat 16 P. P.

Nazwisko i imię [illegible]

urodził się dn. 20 m-ca [illegible] 19[illegible] r.

i został zameldowany w domu Nr [illegible] Komisariat 16 P. P.

przy ul. [illegible] piętrze

Podpis urzędnika

Data

20.000-IV. 37 — 12576

איינמעלדונגס-קאַרטע פון מאַלאַרסקאַ „C" (קינד אָן אַ נאָמען)



מאַלגאָשאַ אין אָרון.

קאפיטל ניין

געראנגל

.1

פון מיין אַפּאַטיע רייסט מיך אַרויס דער אינזשעניער: „שעמסט זיך נישט?!" — בייזערט ער זיך — „ווען אַזוי פיל מענטשן ליידן, גיבן פריי־ וויליק אַוועק זייער לעבן אינעם קאַמף פאַר פרייהייט — שליסטו זיך אָפּ אין דיינע ד' אמות און באַקלאָגסט דיין אייגן, פערזענלעך אומגליק? פע! אַ חרפּה!"

ער רעדט שנעל, שלינגט אַראָפּ די ווערטער, דערציילט וועגן דער אַרבעט פון אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, וועגן דעסאַנט פון די אַלי־ אירטע אין פראַנקרייך, וועגן באַזעצן דעם פּאָרט שערבורג, וועגן שנעלן מאַרש פון דער סאָוויעטישער אַרמיי אויפן מזרח־פראָנט, וועגן דעם, אַז די דייטשן שטעלן כמעט נישט קיין ווידערשטאַנד, וועגן די פּאַרטיזאַנער־ גרופּן וואָס בייסן זיך איין אינעם דייטשישן הינטערלאַנד, וועגן טויזנטער סאַבאָטאַזש־אַקטן. „און דו פאַרשליסט זיך מיט די פּאָר שמאַטקעלעך פון דיינע אומגעקומענע קינדער? ביסטו צו עפּעס מער, ווי דאָס דאַזיקע, נישט פּעאיק? אויף דיר ליגט אַ גרעסערע פליכט, ווי אויף אַנדערע. די ווערט פון מענטש באַשטייט אין דעם, וואָס ער גיט פון זיך!"

און איך פּרוביר געבן. מיט צוויי טעג שפּעטער באַקען איך זיך מיט עטלעכע מענטשן, וואָס שאַפן צוזאַמען מיט מיר אַ געהיים קעמערל פון פינף מיטגלידער. איך ווער די פאַרבינדלעריך פון דער גרופּע, טראָג איבער פּאַפּירן, באַפעלן, ידיעות, פיר אויס יעדן אויפטראַג רואיק, אָן דער קלענס־ טער שרעק. איין מאָל בין איך אַ פויערטע מיט אַ קיישל גרינוואַרג; אַ צווייט מאָל — אַן אָפּגעריסענע, נישט צום דערקענען, פאַרקויפערין פון בלומען. אַ סך מאָל העלפט מיר אויך מיין שוואַרצער שלייער און די דאָקו־ מענטן פונעם געשטאָרבענעם קינד. אין מיין קעמערל האָב איך באַקומען דעם פּסעוודאָנים „נאַכט" (נאַכט).

.2

מיט דריי טעג צוריק, פאַרנדיק פון טאַטן, האָב איך אין טראַמוויי גע־ טראָפן פראַנעקן. ווען איך טרעף עמעצן פון „מיין משפּחה", דערפיל איך

זיך זיכערער; די כסדרדיקע אָנגעשפּיצטקייט ווערט מילדער; דער פֿאַמיליאַרער אַרט רעדן ווירקט, ווי אַ שוץ־פּאַנצער.

ווען פּראַנעק האָט מיר גראָד געהאַלטן אין דערציילן, ווי אַזוי דאַנקאַן איז געלונגען אַהיימצוברענגען פֿון דאָרף עטלעכע קילאָ סלאָנינע — האָט זיך מיט אַ מאָל דער טראַמוויי האַסטיק פֿאַרהאַמעוועט און עס האָבן זיך דערהערט דייטשישע קולות: „ראַוס! ראַוס!". אַלע פּאַסאַזשירן זענען איינציקווייז אַרויס פֿון וואַגאָן. מיר האָבן זיך געפֿונען אין דער געגנט פֿון טעאַטער־פּלאַץ.

אַרום און אַרום זענען געשטאַנען פּאָליציאַנטן מיט זשאַנדאַרן. מיר באַקומען אַ באַפֿעל צו דערנענטערן זיך צו דער גרופּע פּאָלאַקן, וואָס איז שוין דאָרט געווען פֿאַרזאַמלט פֿון פֿריער. פֿון אַ זייטיקער גאַס קומען אָן דריי גרויסע לאַסט־אויטאָס, באַדעקטע מיט גרינעם ברעזענט. זיי בלייבן שטיין אַנטקעגן איבער אַ הויכער און ברייטער, ליידיקער, גרויער וואַנט — אַ בלינדע וואַנט פֿון אַ פֿיר־, אָדער פֿינף־שטאָקיק הויז.

אַ מאָדנע שטילקייט, אָנגעשוואָלן מיט שרעק און דערוואַרטונג, פֿילט אָן די לופֿט. עס רייסן זיך איבער איינצלנע אויסגעשרייען פֿון דייטשן. פֿון די אויטאָס שיטן זיך אַרויס פּאָלאַקן, געכאַפּטע אויף די גאַסן אַלס ערובניקעס מיט טאָג, אָדער צוויי טעג פֿריער. די הענט פֿון די אַרעסטאַנטן זענען פֿאַרבונדן פֿון הינטן. פֿון די ברייט־צעעפֿנטע מיילער קוקט אַרויס אַ ווייסע מאַסע — גיפּס. דאָס האָט מען זיי אַזוי פֿאַרגיפּסט די מיילער, זיי זאָלן נישט קאָנען שרייען, נישט רופֿן, נישט זינגען דעם פּוילישן הימען.

רוצחישע, דייטשישע בליקן עגבערן ווי שפּיזן יעדן פֿון אונדז. זיי צווינגען אונדז אַלע צום קוקן און אַזוי אַרום אָפּשרעקן פֿון עווענטועלן בונט קעגן דעם אָקופּאַנט.

די הויכע, פֿאַרגליווערטע, טויטע וואַנט, אונטער וועלכער די דייטשן שטעלן אויס די אַרעסטאַנטן, דערוואַכט פּלוצלינג צום לעבן. זי לענגערט זיך און ציטערט מיט שאָטנס, וואָס שלאָגן אָפּ פֿון די באַוועגונגען אויף דער גאַס.

די פֿאַרמשפּטע שטייען מיט די פּנימער צו דער וואַנט. און פּלוצלינג צעשיט זיך אַ סעריע שאָסן פֿון מאַשין־געווער. די פֿאַראורטיילטע אונטער דער וואַנט פֿאַלן ווי שאָכפֿיגורן, ווען מען גיט אַ טרייסל מיטן שאָכברעט.

איך פֿיל אויף זיך ממש דעם קאַלטן באַריר פֿון טויט. אַלע פֿאַרזאַמלטע קניען אַנידער. די מענער נעמען אַראָפּ די היטלען. ערגעץ פֿון אַ טויער קומט אָנצולויפֿן אַן עלטערע פֿרוי מיט אַ בינט בלומען. זי לויפֿט צו נאָענט צו דער מויער און שיט פֿונאַנדער די בלומען אויף די טויטע קערפּערס. עס טוט אַ קנאַל, אַ פּייף; די אַלטע מאַכט אַ טראַט פֿאָרויס, גיט זיך אַ וואַקל

און פאַלט. עטלעכע דייטשן וואַרפן אַריין אַלע דערשאָסענע אין די אויטאָס. אַלץ געשעט שנעל, ווי אין אַ פילם. די אויטאָס דערווייטערן זיך, די פּויּ־לישע פּאָליציאַנטן מאַרשירן אָפּ. דער אַספאַלט אונטער דער מויער איז באַגאָסן מיט בלוט. צענדליקער מענטשן ברענגען ליכט און צינדן זיי אָן אויפן טראָטואַר, נעבן דער וואַנט.

פראַנעק שטייט אַ געל־בלאַסער. איבער זיינע באַקן רינען טרערן. „יעסט בוג?" (איז דאָ אַ גאָט?) — פרעגט ער קוים. אין זיין פּשוט, ערלעך האַרץ פאַרגנבעט זיך צום ערשטן מאָל, זינט איך קען אים, אַ פיינלעכער צווייפל, צי גאָטס וועגן זענען טאַקע גערעכטע, אָדער נישט.

דער גוטער, איידעלער פראַנעק האָט נישט געשטעלט גאָט קיין קשיות, ווען דאָס געטאָ האָט געברענט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר גייען אַהיים מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— פראַנעק, — פרעג איך אים — פאַר וואָס האָבן די פּאָלאַקן נישט געשטערט אויסצופירן דעם ברוטאַלן מאָרד? פאַר וואָס האָט קיינער נישט געשאָסן? פאַר וואָס האָט מען דערלויבט אומצוברענגען אַזוי פיל אומ־שולדיקע מענטשן, צופעליק געכאַפּטע מיט אַ טאָג צוריק? פאַר וואָס שווייגט איר? איר זענט דאָך נישט פאַרמאַכט אין אַ געטאָ, ווי די יידן זענען געווען. ארום און אַרום פאַרמאָגן דאָך די פּאָלאַקן אַ רוקן, אַ הינטערפראָנט פון שטעט און שטעטלעך, דערפער, וועלדער, גרענעצן. און אומעטום זענען דאָ אייגענע. פאַר וואָס לאָזן זיי זיך אויסהרגענען ביסלעכווייז? זיי האָבן דאָך געלאַכט פון די יידן, וואָס האָבן זיך נישט פאַרטיידיקט. פאַר וואָס שווייגן זיי, די פּאָלאַקן? זאָג! פאַר וואָס?

פראַנעק ענטפערט נישט. ווייזט אויס, אַז ער מאַכט זיין חשבון מיט גאָט. ער איז שטאַרק נידערגעשלאָגן.

.3

אַ שטאָט, ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, האָט אַ האַרץ, טעמפּעראַמענט, שטימונג; איז פריילעך, אָדער טרויעריק; פול מיט רייץ, אָדער העסלעך; סודותדיק, אָדער אָפן, פלאַך. מען פילט אויס אין איר עקשנותדיקייט, דעם אָטעם פון נקמה און אָנגרייפערישקייט.

„וואַרשע פאָרט אויף רעדלעך" — האָט יוזעף מיט אַ פּאָר טעג צוריק געזאָגט — „עפּעס קאָטלעוועט זיך אין אירע איינגעווייդן, עפּעס גרייט זיך".

דאָס זעלבע זאָגט דער אינזשעניער בעת אונדזער הייננטיקער וויזיט ביי אים. ער צווינגט אונדז ממש, און אויך אַלע אין שטוב, צום טרינקען. ביי יעדער „קאָלעיקע" האָט ער אַן אַנדערן תירוץ. מיר טרינקען „לחיים" צו־

ליב דער אומגעריכטער באַגעגעניש מיט דאָקטאָר פלאַמאַן, מיין געוועזענעם שול־חבר פון לוקאָוו (אויך ער אַרבעט מיט אין דער אונטערערדישער באַ־וועגונג און האָט אַ פּאַס אַלס געַרטנער).

„פאַר אונדזער אַלעמענס פרייהייט!" — הייבט לענסקי דאָס גלעזל.

„ניע בענדזשע ניעמיעץ פּלול נאַם וו' טוואַזש!" (עס וועט דער דייטש נישט שפּייען אונדז אין פּנים) — הילכט זיין געזאַנג.

כדי איבערצורייסן דאָס זינגען, דערציילט דאָקטאָר פלאַמאַן וויצן. ער שיט, ווי פון אַרבל אַרויס.

— קינדער, — שטעלט זיך ראַפּטעם אויף דער אינזשעניער — איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז כ'האָב אייך ליב. איך שעם זיך מודה צו זיין, אַז אָן אייך וואָלט מיר שווער געווען צו לעבן. איך האָב זיך צו אייך צו־געוווינט, צוגעבונדן. אַלץ, וואָס מען האָט פאַר דער מלחמה וועגן אייך געשריבן, גערעדט און געהעצט, — איז ליגן. איר זענט טייערע מענטשן. מען דאַרף אייך דערקענען, מען דאַרף זיין מיט אייך צוזאַמען, דעמאָלט זעט מען אייער ווערט. לחיים! פאַר אייער און אונדזער פרייען מאָרגן!

מיר טרינקען און באַלד צעקושט זיך דער אינזשעניער לענסקי מיט אונדז אַלעמען.

— אין וואַרשע — זאָגט ער — באַהאַלטן זיך אויס 30 טויזנט יידן און דאָס וועט זיין דער בעסטער מענטשן־מאַטעריאַל אין קאַמף, אויב עס וועט אויסברעכן אַן אויפשטאַנד.

— דרייסיק טויזנט? — וווּנדערט זיך ישראל — שווער צו גלייבן; נאָך אַזוי פיל מסירות, אַזוי פיל ווסיפּעס?!

— גלייב מיר, איך בין גוט אינפאָרמירט, — דערקלערט לענסקי — פאַסקודסטווע, וואָס שווימט אויפן וואַסער, זענען אַלע, אָבער וועגן די דאָזיקע, וואָס זענען זיך מקריב בשתיקה, וואָס שטעלן איין זייער לעבן, אויסבאַ־האַלטנדיק יידן, ווייסן נאָר איינצלנע, וועגן זיי וועט מען שווייגן, זיי וועט מען פאַרגעסן. מיך — אוודאי אויך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויפן וועג אַהיים גייט ישראל אַ פאַרטראַכטער.

— איך בין זיכער, — בייגט ער זיך צו מיר אַראָפּ — אַז דער סוף פון דייטשלאַנד דערנענטערט זיך און דעמאָלט...

— און דעמאָלט? — רייס איך אים איבער.

— וועלן מיר אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי. מיר וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל. יעדן איבערגעבליבענעם ייד פון פּוילן וועט מען אויף די הענט אַרומטראָגן. מען וועט אונדז דערמעגלעכן אַן עקזיסטענץ. מיר וועלן ווערן נאָרמאַלע מענטשן אין אייגענעם לאַנד, צווישן אייגענע.

— איך וויל נישט מער זיין קיין יידישקע, — סיקע איך טויב — איך וויל נישט מער, איך וויל נישט מער, פאַרשטייסט?

— וועסט עס אָבער נישט קאָנען, — ענטפערט שטיל ישראל — וועסט אייביק בענקען נאָך אַלעם, וואָס איז יידיש. וועסט שטענדיק ליבער האָבן אַ ייד, ווי אַ גוי. פונקט ווי אַ מאַמע האָט ליבער איר קינד, ווי אַפילו איר שוועסטערס.

מיר גייען שווייגנדיק. איך ווייס, אַז ישראל איז גערעכט. ווען איך דערקען אַ ייד אויף דער גאַס, אָדער אין טראַמוויי, ציט מיך צו אים, ווי אייזן צו אַ מאַגנעט. איך וויל פרעגן, צי עס איז אים עמעצער געבליבן. איך וויל מיט אים רעדן וועגן זיינע ליידן. איך וויל וויסן, צי איך קאָן אים מיט עפּעס העלפן...

און ווען די סטאַצקער האָבן מיר, ביים אינזשעניער אין שטוב, דאָס ערשטע מאָל געזאָגט „חיהלע", האָב איך דערפילט, אַז די פיס ציטערן אונטער מיר און איך האָב זיך אַזש גצמוזט אַנידערזעצן.

ישראל איז גערעכט. איך וועל נישט קאָנען אויפהערן צו זיין אַ יידישקע.

4.

די דייטשן באָמבאַרדירן ענגלאַנד מיט ראַקעטן, וואָס ווערן אָנגערופן „V 1" און „V 2", אָבער מיר ווייסן, אז דאָס איז דער לעצטער „טאַנץ" זייערער.

די דייטשישע מפּלות אויפן מזרח־פראָנט זעט מען אויך אָן אין די לאַנגע צוגן, וואָס ציען אָן אויפהער איבער די וואַרשעווער גאַסן. טויזנטער אויטאָס, אָפענע און פאַרדעקטע, באַלאָדענע מיט פּעק און פּעקלעך. טאַנקען שווערע און לייכטע. און אָן אַ שיעור זעלנער; זעלנער אויסגעמאַטערטע, טרויעריקע, מיט פאַרשטויבטע, מידע פּנימער, מיט רויטע, צעשראָקענע, נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן.

כמעט נאָך יעדן מיליטערישן צוג שלעפּן זיך אויך וועגענער מיט ציווילער באַפעלקערונג: דייטשישע משפּחות, „פאָלקס־דויטשן" און אַזעלכע, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיטן אָקופּאַנט. מען זעט, אַז אַ פּחד יאָגט זיי. אַלץ ציט קיין מערב.

פּאָלאַקן קוקן זיך צו צו דעם אַלעם מיט טריאומף און שפּאָט. מאַרישאַ קאָן זיך נישט איינהאַלטן און בלעקט אַרויס אַ לאַנגע צונג אויף אַ גרופּע אָפּגעריסענע זעלנער, וואָס פאָרן אין אַ האַלב פאַרדעקטן לאַסט־אויטאָ.

אויף די עלעקטרישע דראָטן הענגען שעהן לאַנג פּוילישע, נאַציאָנאַלע פענער און קיינער נעמט זיי נישט אַראָפּ. די מויערן זענען באַקלעפּט מיט פּאַטריאָטישע אויפרופן: „זייט גרייט! די שעה פון נקמה דערנענטערט זיך!

פֿאָטערלאַנד און פֿרייהייט!". קליינע שקצימלעך שרייבן מיט קרייד אויף די מויערן זידל־ווערטער אויפֿן אַדרעס פֿון אָקופּאַנט.

אַלע וואַרשעווער באַן־סטאַציעס און בפֿרט דער הויפּט־וואָקזאַל זענען געפּאַקט מיט דייטשישע משפּחות, וואָס האָבן ביז איצט אַזוי ברייוחדיק געלעבט אין די אָקופּירטע געביטן און איצטער זיצן זיי טעג און נעכט, וואַרטנדיק אויף אַ פּלאַץ אין די פֿול געפּאַקטע באַנען.

„פֿאָלקס־דויטשן" דינגען אויטאָס און אַפֿילו פֿערד און וועגענער, לאָזן איבער ביי באַקאַנטע פּאָלאַקן דאָס אַנגערויבטע יידיש האָב און גוטס און — אַנטלויפֿן.

אין וואַרשע הערן זיך קלאַנגען, אַז געסטאַפּאָ וועט אויסכאַפּן די גאַנצע יוגנט און אַוועקשיקן קיין דייטשלאַנד. מען שמועסט אויך, אַז דאָס וועט גורם זיין צו אַן אויפֿשטאַנד קעגן אָקופּאַנט.

יוזעף רעדט ישׂראלן צו, ער זאָל צוזאַמען מיט אים קויפֿן אין דער פֿאַבריק אַ גרעסערע צאָל פֿלייש־קאָנסערוון. ישׂראל איז מסכּים. ביידע דינגען אַ ריקשע און ברענגען יעדער צו הונדערט פּושקעס פֿלייש. זיי קויפֿן אויך איין אַ סך ציגאַרעטן, בראַנפֿן, מעל און אַנדערע פּראָדוקטן.

אסתּר זיצט לעצטנס זעלטענער אין דער נישע. זי גייט אין דער פֿרי אַוועק און גאַנץ אָפּט שלאָפֿט זי ביי אַניעלאַן.

דעם טאַטן באַזוכן מיר יעדן זונטיק. עס טרעפֿט, אַז אויך אין מיטן דער וואָך כאַפּ איך זיך אַריין צו אים. ער ווייסט נישט וועגן קינדס טויט. מיר ווילן אים נישט מצער זיין. ער איז איבערצייגט, אַז מאַלגאָשאַ פֿילט זיך גוט און דעם שוואַרצן שלייער טראָג איך צוליב זיכערהייטס־טעמים.

— ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו מיין תּפֿיסה? — פֿרעגט ער אַ דער־שלאָגענער, אַ מוטלאָזער.

— נישט לאַנג, טאַטעשי, זיי געדולדיק. זאָל נאָר גאָט העלפֿן, קיינער פֿון אונדז זאָל נישט „אַריינפֿאַלן". עס זאָל כאָטש פֿון דעם קליינעם הייפֿל פֿאַרבליבענע, קיינער נישט פֿעלן.

אַזעלכע ווערטער באַרויקן אים, דערוועקן אין אים די זאָרג פֿאַרן לעבן פֿון נאָענטע. דעמאָלט פֿאַרגעסט ער זיין איינזאַמקייט, די לאַנגע, פּוסטע טעג, וואָס ציען זיך אָן אַ סוף.

—*—

עס באַווייזן זיך דייטשישע אויפֿרופֿן מיט אַן אַפּעל צו דער פּוילישער יוגנט זיך פֿרייוויליק צו מעלדן צום פּאַרטיציפּירן די פֿראָנט־ליניע קעגן דער רויטער אַרמיי, וואָס דערנעענטערט זיך. „עס זענען נייטיק הונדערט

טויזנט יונגע מענטשן, וואָס דאַרפֿן זיך גלייך שטעלן אויף די אָנגעוויזענע פונקטן". — לייענט זיך אינעם אויפרוף.

קיין איין פּאָלאַק האָט זיך נישט צוגעשטעלט.

—*—

דעם 28־טן יולי האָט ישראל איבערגעלאָזט דעם טאַטן דריי טויזנט זלאָטעס און אַ פּולע וואַליזקע מיט קאָנסערוון. מיר האָבן פֿאַרגעפּילט, אַז עפּעס קאָן געשען. דעם 31־טן האָבן אַלע „קעמערלעך" באַקומען אַ באַפֿעל, אַז דעם 1־טן אויגוסט, 5 אַ זייגער נ. מ. זאָל זיך יעדער געפֿינען אויף זיין פּונקט, אין זיין באַזע. דער באַפֿעל — שטרענג געהיים.

איך לאָז אסתרן נישט אַוועקגיין, אָבער זי וויל בלויז ברענגען פֿון סטאַכן איר קליין וואַליזקעלע מיט וועש.

— ביסט משוגע?! — בייזער איך זיך — מיין וועש וועט זיין געבוג פֿאַר אונדז ביידן. גיי נישט! דווקא איצט דאַרפֿן מיר זיין צוזאַמען.

— פֿאַר נאַכט וועל איך זיין צוריק — האָט זי געזאָגט און איז אַוועק. אָבער זי איז שוין נישט צוריקגעקומען.

5.

דעם 1־טן אויגוסט, פֿאַר פֿינף אַ זייגער, זענען געפֿאַלן די ערשטע שאָסן. איבער פּוסטע גאַסן זענען געלאָפֿן, איינצלווייז, אָדער אין גרופּן — אויפֿשטענדלער.

און ווען עס האָבן אויפֿגעשפּילט די „צעקאָעמען" (מאַשין־געווער), ווען עס האָבן אָנגעהויבן אויפֿרייסן גראַנאַטן, האָט קאַזשיק טיף אָפּגע־טעמט:

„דער טאָג פֿון נקמה, דער טאָג פֿון אויסלייזונג איז געקומען!"

און אויפֿגעשטאַנען איז גאַנץ וואַרשע: מענער, פֿרויען און קינדער. אָבער מיט מער האָפֿענונג, ווי די יידן אינעם געטאָ. יענע דאָרט האָבן גע־וויזן, ווי אַזוי מען דאַרף קעמפֿן, יענע האָבן געוואָרפֿן דעם פֿונק, וואָס האָט אויפֿגעפֿלאַקערט נאָך צוויי יאָר.

ישראל איז געוואָרן קאָמענדאַנט פֿון אַ גאַנצן בלאָק הייזער, וואָס געפֿינט זיך אין די גרענעצן פֿון די גאַסן: אָדאָלאַנסקאַ, פּולאַווסקאַ און וויק־טאָרסקאַ. די דאָזיקע פֿונקציע האָט ער איבערגענומען, ווייל דער פֿון פֿאַר־אויס באַשטימטער אָפֿיציר האָט נישט באַוויזן אַהערצוקומען צו דער צייט, געגעבן אַזוי, ווי ישראל האָט נישט באַוויזן צו שטעלן זיך אויף זיין „פּונקט", וואָס האָט זיך געפֿונען ערגעץ אַנדערש.

איך מיט מאַרישאַן (אײנע האָט ביז איצט נישט געוווּסט פֿון דער צוויי־טער, אַז זי געהערט צו אַ „קעמערל") ווערן איינגעגלידערט אין דער קאַנאַל־

אָפּטיילונג. ישראל זאָרגט זיך וועגן מיר און איז צופרידן, ווען עס קומט מיר אויס צו „אַרבעטן" אין דער נאָענט, ביים „וולאַז" (אַריינגאַנג) פון אָדאָ־לאַנסקער קאַנאַל, אויף אונדזער גאַס. איך וואַרט אָפּ שעהן לאַנג אויף אַ צייכן פון די קאַנאַל־קריכערס און, ווען איך באַקום אים — גיב איך צו וויסן דעם בלאָק־קאָמענדאַנט. מען מאַכט דעמאָלט אויף די פּלאַטע, מען לאָזט אַראָפּ אַ לייטערל און ווען די גרופּע, אַ באַקלעפּטע מיט אומריינ־קייט, קומט אַרויס — פיר איך די מענטשן אין וואַשצימער פון „באָשס" פאַבריק, גיב זיי קלאָרע וועש און מלבושים און טראָג דערנאָך פונאַנדער די באַפעלן און בריוו וואָס איך באַקום פון זיי.

די ערשטע צוויי טעג האָט געהערשט אַ שיכרות פון פרייהייט, אַן ענטוזיאַזם. צענדליקער ראַדיאָ־אַפּאַראַטן האָבן ווידער הילכיק מיטגעטיילט נייעסן פון דער גאַנצער וועלט. עס האָט זיך באַוויזן אַ פרייע פּרעסע און אַפילו נייע בריוו־מאַרקן. אַלץ האָט אויסגעזען, ווי דער קאַמף וואָלט פאַר־געקומען ווייט פון וואַרשע און נישט אויף יעדער גאַס אירער.

אָבער שוין דעם פערטן טאָג האָבן דייטשישע טאַנקען זיך אַריינגעריסן אין אונדזער געגנט און אויסגעשאָסן פון מאַשין־געווער הונדערטער פּאָלאַקן. זיי האָבן אויך אַריינגעטריבן מאַסן מענטשן אין קעלערס אַריין און באַ־וואָרפן זיי דערנאָך מיט האַנטגראַנאַטן.

דעם 8־טן אויגוסט האָט אויסגעפעלט אַמוניציע. קיין הילף איז פון ערגעץ נישט אָנגעקומען. אונדזער אָפּשניט, מאָקאָטאָוו, איז געווען אַרומ־געריגגלט פון אַלע זייטן מיט דייטשן. די איינציקע פאַרבינדונג מיטן שטאָט־צענטער און מיט אַנדערע אויפשטענדלער־גרופּן זענען די קאַנאַלן.

דער הויפּט־קאָמענדאַנט פונעם אויפשטאַנד, גענעראַל באָר, האָט דורכן ראַדיאָ פאַרצווייפלט גערופן נאָך הילף. געבעטן געווער און אַמוניציע, אַזוי ווי די יידן בשעתם אין געטאָ. די „אַליאירטע" האָבן געשוויגן.

די לאַגע איז געוואָרן טראַגיש. די דייטשן זענען איבערגעגאַנגען צו אַן אָפענסיווע, אַריינפירנדיק אין קאַמף אַעראָפּלאַנען, טאַנקען, פייער־וואַרפער און גאָליאַטן (קליינע טאַנקען, אָן באַדינונג, אָנגעלאָדנט מיט אויפרייס־מאַטעריאַל פון אַ געוואַלדיקער קראַפט).

אויף וואַרשע פאַלט אַ האָגל צינדבאָמבעס. עס דונערן האַרמאַטן פון באַוועגלעכע פאַנצער־צוגן. די שוין ברענענדיקע הייזער ווערן, נאָך אויף אַ צולאָג, באַוואָרפן מיט אויפרייס־באָמבעס. טויזנטער מענטשן ווערן פאַר־שיט און קומען אום צווישן די חורבות.

עס ברענט אַרום און אַרום. פאַנטאַסטיש זעט אויס דאָס לויפעריי פון מענטשלעכע געשטאַלטן, אויפן גרונט פון פלאַמען, אין דער נאַכטיקער

ווילדעניש. דייטשיש מאַשין־געווער קאָסיעט זיי און, ווי צייטיקע זאַנגען, פאַלן זיי מיט אַ טויבן געשריי.

„פונקט ווי מיר וואָלטן געווען יידן, מאָרדן זיי אונדז, די רוצחים" — הערט מען גאַנץ אָפט פון עמעצנס מויל.

.6

דאָס ביסל אַמוניציע שעפּט זיך שנעל אויס. מיר גראָבן טיפע גריבער און בויען באַריקאַדן, כדי די דייטשישע טאַנקען זאָלן זיך נישט קאָנען דערנענטערן צו אונדז. די דייטשן באַנוצן זיך מיטן נייעסטן געווער. מיר האָבן נישט מיט וואָס זיך צו ווערן. אומאויפהערלעכע לופטאָנגריפן פּלאָגן אונדז גאַנצע טעג. די קעלערס זענען פול געפּאַקט מיט אונדזערע תושבים און מיט פרעמדע, אָפּגעראַטעוועטע פון שכנותדיקע, צעשמעטערטע הייזער. ווען עס הייבן אָן פאַלן באָמבעס, ווערן אַלע אין קעלער נערוועז און צעטראָגן. מען הערט זיך איין אינעם גרויזאַמען וואָרטשען פון עראָפּלאַנען, וואָס פליען איבערן הויז. טייל פרויען שעפּטשען תפילות, אַנדערע ציטערן און האַלטן איין דעם אָטעם. די לופט ווערט אָנגעשוואָלן מיט אַ טויב בזיקעריי, ווי עס וואָלטן זיך צעשפּילט טויזנטער שפּינדלען. יעדער אָפּהילך פון אַן אויפרייס אין דער נאָענט, רופט אַרויס יאָכצעריי און געוויין. קליינע קינדער רייסן זיך און מאַכן ווילדע יעלות, אויספילנדיק אינסטינקטיוו אַ סכנה.

איין באָמבע האָט אַ זעץ געטאָן גאַנץ נאָענט נעבן אונדזער הויז. דער קעלער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביי איינזינקען. דאָס נאָפּטלעמפּל אויף דער וואַנט איז פאַרלאָשן געוואָרן. פון די פענצטער אין דרויסן האָט אַ שאָט געטאָן מיט צעשפּליטערט גלאָז. עס איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק. אַלע האָבן זיך געשטופּט מיט אַ יללה. נעבן מיר האָט די באַלנאַבקאַ אַרומגעכאַפּט איר יונגע טאָכטער און זי אָנגעהויבן קושן.

מען האָט נישט באַוויזן זיך צו באַרואיקן און שוין פליען ווידער אַעראָפּלאַנען איבערן הויז. אַ שאַרפער פייף שניידט אַדורך די לופט. סאַפּענדיק פאַלט אַראָפּ אַ שווערע מאַסע. אַ בליץ פאַר די אויגן. אַ געוואַלדיקער אויפרייס. שטיקער טינק אויפן קאָפּ. אַ שוואַרצער, שטיקעדיקער שטויב. אַ פינצטערניש. אַ פלאָנטער פון מענטשלעכע קערפּערס. געשרייען, יללות.

אָבער מיר לעבן ווייטער. די באָמבע איז געפאַלן אין דער זייט פון הויז און אין גאַנצן דעמאָלירט פלאָשקאָס ווינוגג.

איך מיט ישראלן פאַרהאַלטן זיך אַמרואיקסטן. מיר זיצן אין טיפסטן ווינקל און פרייען זיך, אַז מיר זענען צוזאַמען. וואָס עס זאָל נישט זיין — אָבער צוזאַמען.

טאָג נאָך טאָג — לופטאָנגריפן. פּופּציק, זעכציק מאָל טעגלעך קומען

אַעראָפּלאַנען. אַן עסקאַדרע פון 21 „יונקערס" לאָזט זיך אַראָפּ נידעריק און באָמבאַרדירט הויז נאָך הויז. מיר זענען שוין אַזוי געניט, אַז לויטן גערויש פון מאָטאָר, דערקענען מיר דעם טיפּ אַעראָפּלאַן.

דאָס באַוווּסטזיין, אַז מיר האָבן נישט מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן און מיר וואַרטן אויפן טויט — איז... נישט אַנגענעם.

ביינאַכט ווערט וואַרשע באַשאָסן פון אַרטילעריע. די דייטשן באַנוצן זיך מיט אַ נייעם סאָרט געווער: אַזאַ מין האַרמאַט, וואָס מיר רופן אַן „קראָוואַ" (קו). פאַרן אויסשיסן גיט עס אַרויס משונהדיקע קולות, ווי אַ קו וואָלט געבריוועט.

אין די קורצע הפסקות, צווישן איין אַנגריף און צווייטן, טראָגן מיר איבער די פאַרוווּנדעטע פון די אויפגעריסענע הייזער. מיר לאָקירן זיי אין שכנותדיקע קעלערס. נישט זעלטן ווערן זיי, בעת אַ נייעם אַנגריף, ווי־דער פאַרשיט.

עס איז נישטאָ מער קיין באַפעל־געבערס, קיין קאָמענדאַנטן. ספּאָנטאַן לויפן אַלע העלפן די געטראָפענע. עס פעלן אויס דאָקטוירים, מעדיקאַמענטן, באַנדאַזשן. הונדערטער פאַרוווּנדעטע, אויסגעבלוטיקטע ליגן אָן הילף. אונ־טער פאַלנדיקע באָמבעס שלעפּט מען זיי מיטן ביטערן פאַרגעפיל, אַז באַלד קאָן דאָס זעלבע מיט אונדז אַלע געשען.

7.

אסתר, ווו איז אסתר? זי איז געגאַנגען אויף אַלטשטאָט און דאָרט, לויט אַלע פאַראַנענע ידיעות, איז שוין נישטאָ קיין איין גאַנץ הויז. צענד־ליקער טויזנטער מענטשן האָבן געפונען זייער טויט צווישן די חורבות און אין די קעלערס.

וועגן טאַטן זענען מיר ווייניקער באַזאָרגט. אין זשאָליבאָזש איז גע־ווען רואיקער, ווי אומעטום. אַלטע לייט לאָזן די דייטשן בכלל אַרויס. אָבער אסתר? די זאָרג פרעסט מיך ממש אויף. איך בעט צו גאָט, ער זאָל זי מיר נישט צונעמען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס שיטן זיך פון אַעראָפּלאַנען דייטשישע אויפרופן: „גיט זיך אונטער! מיר וועלן אייך טראַקטירן ווי זעלנער אין געפאַנגענשאַפט. ווער עס וויל פאַרלאָזן וואַרשע, זאָל עס טאָן אין משך פון מאָרגנדיקן טאָג. דעם גאַנצן טאָג וועט זיין שטיל, עס וועלן נישט פאַלן קיין באָמבעס. ביים דערנענ־טערן זיך צו אונדזערע (דייטשישע) פּאָזיציעס, זאָל יעדער האַלטן אַ ווייס טיכל אין דער הייך".

זעלטן ווער עס באַשליסט צו גיין. קיינער האָט נישט קיין צוטרוי צו די דייטשן. ישראל און איך — אַוודאי נישט.

דער שטילער טאָג וואַרפט אָן אַ פּחד. דאָס איז די אמתע שטילקייט פאַרן שטורעם. מיר שלעפּן צוזאַמען, פראַנק און פריי, די פאַרוווּנדעטע און קאָנצענטרירן זיי אין דער גרויסער האַלע פון באַשס פאַבריק. שרעק־לעך זעען אויס די אָפּגעבערענטע פּנימער, פאַראייטערטע און, נישט זעלטן, בלינדע אויגן.

איינעם אַזעלכן האָב איך מיט אַ לעפעלע געגעבן צו טרינקען טיי. ער איז געווען באַוווּסטלאָז. פון צייט צו צייט האָט ער אַרויסגעוואָרפן עטלעכע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. עס איז שווער געווען צו דערקענען זיין עלטער. דאָס פּנים — איין גרויסע וווּנד, די אויגן אויסגעברענט, נאָר די דלאָניעס מיט די לאַנגע, שמאָלע, האַלב־יינגלשע פינגער האָבן עדות גע־זאָגט, אַז ער איז גאַנץ יונג.

„מאַמעלו" — האָט איך פּלוצלינג דערהערט אויף יידיש און כ׳בין גע־וואָרן אויפגעציטערט: אַ ייד! אַן אייגענער, אַ ברודער! איך בין שוין פון קראַנקן נישט אָפּגעטראָטן, געברענגט צו אים אַ דאָקטער, באַקומען פאַר אַ פלייש־פּושקע — מאָרפיום־איינשפּריצן. „דאָס איז דאָס איינציקע, מיט וואָס מען קאָן אים העלפן" — האָט דער דאָקטער געזאָגט.

אין מיטן דער נאַכט האָט זיך דער קראַנקער איבערגעוועקט און שטאַרק געקרעכצט. ער האָט זיך געוואָרפן, געקלאַפּט מיט די הענט און זיך זייער געמאַטערט. איך האָב נעבן אים אַנידערגעקניט און אַ קוש געטאָן זיינע פאַרברענטע ליפּן. ער איז פאַרשוויגן. אַזוי ווי די צערטלעכקייט וואָלט אים באַרויִקט. פאַר טאָג איז ער געשטאָרבן.

פאַרן באַגראָבן אים האָט מען אַדורכגעזוכט זיינע קעשענעס. מען האָט געפונען עטלעכע פאַרבלוטיקטע בילדער, אַ טאַשן־מעסערל, אַ בייטעלע מיט קליינגעלט און אַ דאָקומענט אויפן נאָמען: „וואַצלאַוו שורעק, פלאָ־טאָנאָווי".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביי אונדז אין הויז האָט די אויפשטענדלער־זשאַנדאַרמעריע אַרעסטירט באַטשעקן און אויך ערווינען, דעם „פאָלקסדויטש". דעם זעלבן טאָג האָט מען זיי אומגעברענגט.

די שולצין האָט געחלשט און מיט שטייפע, האַלב־בלויע, ליפּן געשעפּ־טשעט: „ערווין, מיין יינגעלע! איך האָב דיך געצוווּנגען צו ווערן אַ פאָלקס־דייטש. דו אַליין האָסט עס נישט געוואָלט".

קיינער פון הויז האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט, נאָר בוט־קאָווסקי האָט אַ נישט דרייסטער שטיל געזאָגט: „אַ משוגענע וועלט! די

דייטשן האָבן אויסגעקוילעט די יידן, ווייל זיי זענען געווען יידן. איצט ווערן דערהרגעט דייטשן און פאָלקסדייטשן. דערנאָך וועט מען זיך נוקם זיין אין די פאָלאַקן. נאָך שפּעטער — וועלן די רוסן „באַצאָלן" די דייטשן. אַ ווילד־קייט! אַ משונהדיקע ווילדקייט!"

— —

דער ראַדיאָ גיט איבער וועגן פאַרנעמען דורך די אַליאירטע אַרמייען פּאַריז און מאַרסייל, וועגן גענעראַל אייזענהאַוערס אָנקומען אַהין, וועגן דייטשישן ווידערשטאַנד אויף דער האָלענדישער גרענעץ.

מען גיט אויך איבער, אַז די דייטשישע שטאָט אאכען איז אויסגעגליי:ט מיט דער ערד. אָבער מיר קאָנען זיך נישט פרייען. אונדזער לאַגע ווערט וואָס אַ מאָל ערגער. פון צענטער שטאָט קומען זעלטן פאַרבינד'לער. די דייטשן פאַרשיטן ערטערווייז די קאַנאַלן מיט זאַמד, לאָזן אַריין וואַסער און גאַז.

אַלע רעדן שוין אָפן דערפון, אַז דער אויפשטאַנד איז געווען אַן אומזין. די גרויסע צאָל קרבנות האָט נישט געבראַכט קיין שום נוצן, די חורבות פון וואַרשע זענען ווי מצבות אויף די קברים פון טויזנטער, צענדליקער טויזנטער אומגעקומענע פּאָלאַקן.

„מיר האָבן בראַוווּר, אָבער עס פעלט אונדז שכל" — זאָגט עמעצער פון די שכנים אין קעלער.

8.

די לעצטע נאַכט. דער הויף איז פול געפּאַקט מיט זעלנער און ציווילע. פּאָלקאָווניק „קאַראָל", דער קאָמענדאַנט פון מאָקאָטאָווער אָפּשניט, עצהט אַרויסצובאַקומען זיך מיט די קאַנאַלן ביז צו דער ווייסל און דערנאָך, ביי־נאַכט, אַריבערשווימען קיין פּראַגע, צו די רוסן.

די רויטע אַרמיי האָט נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק באַזעצט פּראַגע. לויט דערהאַלטענע ידיעות האָט זיך אַ באַטאַליאָן בערלינגאָווצעס (אַ פּויר־לישע איינהייט אונטער סאָוויעטישער אָנפירערשאַפט) געפּרוווט אַריינ־רייסן קיין וואַרשע, כדי אונדז צו העלפן. אָבער די דייטשן האָבן זיי אויס־געהרגעט ביז איינעם.

ישראל האַלט מיך נעבן זיך. די דייטשן זענען נישט ווייט פון אונדז.

— יאַנעק, וואָס עס זאָל נישט פאַרקומען — נישט צעשיידן זיך! איך וויל נישט לעבן אָן דיר. שוין בעסער שטאַרבן צוזאַמען, ווי בלייבן אַליין.

אין אַ קורצן און פעסטן אַרומנעמען מיך — איז געווען זיין ענטפער.

— —

די נאַכט איז פינצטער, אימהדיק. מיר גייען איבער קופּעס ציגל, גלאָז, שטיקער אייזן, צעבראָכענע מעבל־שטיק, כלים — באַרג אויף, באַרג אַראָפּ. אַ לאַנגע שנור מענטשן, געקייטלטע מיט די הענט, — פאַרשטומטע, איינגעבויגענע, מיט פאַרזיכטיקע קעצישע טריט. איבער די קעפּ פליען קאָלירטע קוילן מיט אַ חוצפּהדיקן שווישטש. מיר גייען דורך קעלערס, דורך לעכער, אויסגעהאַקטע אין מויערן. ענדלעך בלייבן מיר שטיין.

אונדזער גרופּע ציילט אַ פּאָר הונדערט מענטשן. מיט איין האַנט האַלט איך אָן אַלאַן, די פרוי פונעם וועכטער אין באַשס פאַבריק. ביי דער צווייטער האַנט האַלט מיך ישראל.

מיר געפינען זיך נאָענט פון דער פּולאַווסקע־גאַס. ווידער הייבט זיך אָן צו שאַרן דער לאַנגער מענטשן־שלאַנג. דאָס גייען שוין די ערשטע אַריין אין די קאַנאַלן. אויך מיר נידערן אַראָפּ אין אַן אונטערגעגראָבענער גאַס, וואָס איז פון אויבן מאַסקירט מיט צווייגן און אין די זייטן פאַרשטעלט מיט זעק זאַמד. עמעצער וואַרפט קורצע און שטרענגע באַפעלן: „קיין פּעקלעך אין די הענט נישט מיטנעמען! פאַרהאַלטן זיך רואיק, שטיל!". איך וואַרף אַוועק דאָס קיישעלע, וואָס הענגט מיר אויפן אָרעם. אין קאַנאַל מוזן אַלע איינער דעם צווייטן פעסט אַרומהאַלטן, ווייל עס פּאַסירט, אַז ערטערווייז רייסט אַוועק אַ שטאַרקער שטראָם וואַסער די קאַנאַל־גייערס. איך האַלט פעסט אַרום אַלאַן, ישראל — מיך.

אַ פינצטערניש. אַ וועג פון שווידערלעכקייטן. אַ פאַרשטינקענע לופט פילט אָן נאָז און לונגען. די פיס זינקען אין שליימיקער, זומפּיקער צואה. עמעצער ברעכט. דער רינג פון ישראל הענט אַרום מיר ווערט לויזער...

— יאַנעק, — שעפּטשע איך קוים — יאַנעק, טשימאַי שען! (האַלט זיך).

ער ענטפערט נישט. איך האָב אין קעשענע פון זשאַקעט עטלעכע קאָסטקעס צוקער, באַגאָסענע מיט וואַלעריאַנע. מיט איין האַנט כאַפּ איך פעסט אָן אַלאַס אָרעם, מיט דער צווייטער נעם איך אַרויס אַזאַ שטיקל צוקער און שטופּ עס אַריין ישראלן אין מויל. נאָך אַ רגע גייען מיר ווידער געבונדן. איך הער ישראלס אָטעם. ער איז נעבן מיר. איך בין נישט אַליין. עס באַפאַלט מיך אָבער אַ שרעקלעך פאַרגעפיל פון איינזאַמקייט.

דער קאַנאַל ווערט מיט אַ מאָל נידעריקער. מיר שאַרן זיך ממש אויף די קני אין אַ געדיכטן, עקלהאַפטן געמויזעכץ. עס דאַכט זיך מיר, אַז באַלד וועל איך דערשטיקט ווערן. אַלץ אויף מיר איז נאַס. די מלבושים זענען צוגעקלעפּט צום לייב.

— יאַנעק?

— וואָס?

ישראלס ליפּן רירן אָן מיין אויער. פּלוצלינג טוט אַ זשומע איבער אונ־

דזערע קעפ: „ג־אַ־אַ־ז, פּאַדאַוואַטש!״ (גאַז, איבערגעבן ווייטער) און באַלד לויפט אין דער פינצטערניש אַ שאַרפער, גרויזאַמער רוף: „צאַ־פּאַטש שען!״ (צוריקציען זיך!).

טראַט נאָך טראַט, פּאַרזיכטיק, מען זאָל נישט פאַלן, הייבט זיך אָן דער צוריקוועג.

עמעצער הייסט זיך איילן: די דייטשן פּאָמפּען אַריין וואַסער מיט גאַז. „שנעלער, עס קאָן זיין צו שפּעט!״. גלייכצייטיק רייסט אויף, ערגעץ ביים אָנפאַנג פונעם צוג, אַ גראַנאַט. אַ ווינט לויפט אַדורך, אָבער די פינצטערניש ווערט נישט שוואַכער. אין דעם געדריש און פלושקעריי פון טאַפּטשענדיקע פיס טראָגט זיך אַ קרעכצן פון געטראָפענע. קיינער ווייסט נישט, ווו דער צוג איז איבערגעריסן געוואָרן און ווער עס פעלט. מיר שרעקן זיך. עס אַנטשטייט אַ סומאַטאָכע. מען טרעט זיך איינער דעם צווייטן אויף די פיס. אַלאַ וויינט און רופט שטיל איר מאַן, וואָס איז געווען פון די ערשטע אינעם צוג צווישן די וועגווייזער. זי בעט צו גאָט, פלאַטערט פון אומרו. איך פאַר־שטיי זי אַזוי גוט. איך בין „גליקלעך, אַז כ׳האָב ישראלן, אַז איך פיל זיינע הענט אַרום מיר. אַ דיק מענער־קול שעלט דעם אויפשטאַנד, דעם גענעראַל באָר. ער רופט אים אָן מיט די מיאוסטע זידל־ווערטער.

„שנעלער!״ — שניידט זיך ווידער אַדורך אַ רוף.

סוף כל סוף באַווייזט זיך פון דער וויטנס אַ גרויסער אָפשיין, ווי פאַר־וויקלט אין אַ נעפּל. מיר קומען אַרויס. עס טאָגט. אַ שטראָם פרישע לופט פאַרשיכורט.

טייל מענטשן בלייבן זיצן הינטער די זעק זאַמד, אַנדערע, שאַרנדיק זיך אויף אַלע פיר, פאַרשווינדן צווישן די חורבות. אַלאַ וויינט און דאָך האָפט זי, אַז צווישן די לעצטע וועט אויך זיין איר מאַן. מיר וואַרטן צוזאַמען מיט איר. דייטשישע קולות הערן זיך נאָענט. נעבן אונדז גוססט אַ מאַן אין אַ ברוינעם, פאַרבלאָטיקטן אַנצוג.

ישראל זעט אויס שרעקלעך. ער איז באַקלעפּט מיט אומריינקייט. דאָס פּנים — ווי ביי אַ געטאָ־יידן: איינגעפאַלענע באַקן, בלויע ליפּן און אויגן, ווי ביי מאַלגאַשאַן, אומבאַוועגלעכע, טיפע, ווי אַ תהום.

אַלאַס מאַן איז נישטאָ. זי ברעכט די הענט און שלעפּט זיך צוזאַמען מיט אונדז צווישן די חורבות, ביז מיר קומען אַהיים. איך וואַש ישראלן שנעל אָפּ דאָס פּנים (איך וואַש אים מיט בראַנפן, קיין וואַסער איז נישטאָ), טו אים איבער. ער איז אומבאַהאָלפן, ווי פּאַראַליזירט.

באַלד דערהערן זיך אויפן הויף דייטשישע געשרייען: „אַלע ראַאוס! הענדע האָך!״

9

מיר גייען מיט אויפגעהויבענע הענט. איך נעבן ישראלן. עס איז שווער צו דערקענען די גאַסן. ווי אַ טייוולאָנישער שטורעם וואָלט אַדורך איבער וואַרשע. אויף די טראָטואַרן — צעבראָכענע מעבלען, מלבושים, טויטע קערפּערס. אויף אַן אָפּגעברענטן בוים־סקעלעט — אַ צעפּליקט, קאָלירט קלייד. אויף חורבות — הוידענדיקע פענצטער־ראַמען, טירן אָן ווענט, ווענט אָן פּאָדלאָגעס, ווענט געמאָלטע, באַהאָנגענע מיט בילדער. איבער בערג ציגל און גרוז פליען פעדערן; צעפלאַטערטע, צעפלויגענע, ווי צעשראָקענע, ווייסע זומער־פייגעלעך.

„פּונקט ווי אין געטאָ" — זאָגט נעבן מיר עמעצער טרויעריק.

— האַלט! — שרייט אויס דער דייטש, וואָס פירט אונדז.

מיר בלייבן שטיין. איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס זעט זיך אַ גרויסער טיפער גרוב. די אויפשטענדלער האָבן אויסגעגראָבן אַזעלכע גריבער, אַלס שוץ קעגן די פיינדלעכע טאַנקען.

— „פאַרשיטן!" — פאַלט אַ באַפעל. עס געפינען זיך גלייך שפּאַדלעס און אַנדערע כלים. אַלע מענער נעמען זיך שנעל צום פאַרשיטן דעם גרוב. די פרויען און קינדער זענען באַפרייט פון דער דאָזיקער אַרבעט.

— יודע, — שרייט ראַפּטעם אויס אַ נידעריקער, מגושמדיקער פּאָלאַק, אָנווייזנדיק אויף צוויי אַרבעטנדיקע מענער — יודע!

איינער פון די דייטשן, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, דערנענטערט זיך צו די צוויי און הייסט זיי אויפהייבן די קעפּ. צוויי אָפּגעמאָגערטע, געל־בלאַסע פּנימער. גרויסע, צעשראָקענע אויגן.

— „קאָם הער!" — גיט דער דייטש אַ ווילדן געשריי און ווייזט אָן מיטן פינגער אויף דער נאָענטסטער וואַנט, וווּ די יידן זאָלן זיך אַוועקשטעלן.

ביים ערשטן שאָס שניידט אַדורך די לופט אַ יעמערלעך פרויען־געוויין. אַ יונג, שלאַנק מיידל רייסט זיך אָפּ פון דער גרופּע און לויפט צו צו דער וואַנט.

„טאַטושו, טאַטונקו! יאַ ניע כצען זשיטש!" (איך וויל נישט לעבן!).

איך האָב מיר נישט פאַרשטעלט די אויגן. ישראל האָט מיטן קאָפּ גע־מאַכט צייכנס, כ'זאָל אַוועק פון דעם אָרט. אַלע דריי טויטע קערפּער זענען געלעגן אַזוי נאָענט נעבן מיר!

— שוויניאַ, — זאָגט אַן אַלטיטשקע — זיי האָבן זיך די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן ביי דער יאַשענסקאַ, די אַלמנה, און איצט האָט דער מנוול זיי אויסגעגעבן. ער אַליין ווייסט דאָך נישט, צי ר'וועט איבערלעבן ביז צו דער באַפרייאונג. „סקאַראַניע באָסקע!", די וועלט איז זינדיק!

ווען די אַרבעט איז געווען פֿאַרענדיקט, די גאַס אויסגעגלייכט, האָט מען אונדז געטריבן צום „פּלאַץ ניעפּאָדלעגלאָשטשי". עס זענען שוין דאָרט געשטאַנען הונדערטער און אפשר טויזנטער מענטשן. אין איין זייט יונגע מענער, אין דער צווייטער זייט — פרויען, קינדער, אַלטע און קראַנקע.

אונדזער גרופּע איז געוואָרן אַרומגערינגלט פון דייטשן און באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן פונאַנדערטיילן: מענער אויף איין זייט, פרויען — אויף דער אַנדערער.

איך האָב אַרומגעכאַפּט ישראלן. ער האָט נישט באַוויזן צו געזעגענען זיך מיט מיר, מען האָט אים אַוועקגעריסן. איך בין אים נאָכגעלאָפן. אַ הויכער, דאַרער דייטש האָט מיט זיין שטיוול מיר אַ קאָפּע געטון אין רוקן. כ'בין אומגעפאַלן, אָבער גלייך זיך ווידער אויפגעשטעלט. ישראל איז געגאַנגען פאָרויס, האַלטנדיק דעם קאָפּ אויסגעדרייט צו מיר. ער האָט געווישט די אויגן מיטן אַרבל...

כ'האָב אויפגעהויבן הויך מיין קאָפּ, צונויפגעפלאָכטן די הענט, ווי ביים באַגריסן און אים געוויזן פון דער ווייטנס מיט אַ געלעכטער אויפן פּנים, אַז מיר וועלן זיך נאָך טרעפן און דריקן אונדזערע הענט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער מיר פֿאַרשוווּנדן פון די אויגן. איך בין געבליבן אַליין, צווישן אַ ים מיט גויעס, קינדער און אַלטע לייט. אַ פרעמדע צווישן פרעמדע. איינע אַליין מיט מיין וויסטן עלנט, מיט מיין אומגעהייערן אומגליק.

AMTLICHE VERMERKE UWAGI URZĘDOWE

Der Kennkarteninhaber wohnt
Posiadacz karty rozpoznawczej mieszka
in / w ... Strasse / ulica
Kreish. / Starostwo powiat
Dienstsiegel / Pieczęć służbowa
Unterschrift der Meldebehörde / Podpis urzędu meldunkowego

ab / od 19.5.1944
in / w Warschau ... Strasse / ulica
Kreish. / Starostwo powiat
Dienstsiegel / Pieczęć służbowa
Unterschrift der Meldebehörde / Podpis urzędu meldunkowego

ab / od 25.X.1944
in / w ... Strasse / ulica
Kreish. / Starostwo powiat
Dienstsiegel / Pieczęć służbowa
Unterschrift der Meldebehörde / Podpis urzędu meldunkowego

ab / od
in / w ... Strasse / ulica
Kreish. / Starostwo powiat
Dienstsiegel / Pieczęć służbowa
Unterschrift der Meldebehörde / Podpis urzędu meldunkowego

rechter Zeigefinger / palec wskazujący prawej ręki
linker Zeigefinger / palec wskazujący lewej ręki

Czesława Malaska
Unterschrift des Kennkarteninhabers / Podpis posiadacza karty rozpoznawczej

Warschau, den ... 1942 / dnia

Ausstellungsbehörde / Władza wystawiająca

Unterschrift des ausfertigenden Beamten / Podpis sporządzającego urzędnika

די „קענקאַרטע״ פון דער מחברין.

קאַפּיטל צען

אליין

1.

אַ המון־עם באַלאָדנט מיט פּעק און פּעקלעך. אַ פאַרפּלייצונג פון מענטשן. ווו אַהין פירט מען אונדז?

מיר גייען מיטן טראַקט, ווי אַ טשערעדע, פון ביידע זייטן — דייטשן.

די נאַכט איז נאָך ווייט און ס'איז אַזוי פינצטער! אַלע מענטשן מישן זיך אויס און ווערן, ווי איין גרויסער, שוואַרצער פלעק. דער הימל איז חושכדיק און שווער, איך פיל אים אויף מיינע פּלייצעס.

„האַ־אַ־אַ־ל־ל־ט!!"

מען טרייבט אונדז אַריין אין אַ גרויסער פאַבריק־האַלע אויפן אָקענ־טשער פּליפעלד. די שכנים פון אונדזער הויז האַלטן זיך אַלע צוזאַמען. אַלאַ טרעט פון מיר נישט אָפּ. איך הער נישט אויף צו וויינען. „מיר זענען איצט ביידע איינזאַם" — זאָגט זי — „ווועלן מיר זיין, ווי צוויי שוועסטער".

די איבעריקע זענען פאַרנומען יעדער מיט זיך: קאַזיאַ — מיט די קינ־דער. מישליווסקאַ האָט בלויז מאַרישאַן; אַלע פיר ייִנגלעך זענען ערגעץ נעלם געוואָרן. אַן אַנדערער שכן מיינער האַלט אין איין איבערחזרן דעם זאַץ: „מיין אַנטאָש האָט אַראָפּגעשלונגען אַ הערינג, מיין אַנטאָש האָט אַראָפּגעשלונגען אַ הערינג!". זיין 19־יעריקער, איינציקער זון אַנטאָש איז אין דער לעצטער נאַכט געפאַלן. איך זיץ אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, נעבן דער באַלנאַצקאַ און איר שיינער טאָכטער. אַלאַ לויפט אַרום זוכן וואַ־סער.

אַ פּוסטע נאַכט. אַזוי פיל מענטשן און אַרום — פּוסט. נישטאָ דער, נאָך וועמען דו קלאָגסט. איך בין טויזנט מאָל מעלה־גרה מיין פּיין און איצט דערפיל איך בולט, וואָס ישראל איז געווען פאַר מיר. צוזאַמען מיט אים איז פאַרשוווּנדן יעדער ווילן צו בלייבן לעבן, יעדער חשק ווייטער צו קעמפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביינאַכט זענען אַריין אין דער האַלע אוקראַאינער מיט דייטשן. זיי האָבן מיט לאַמטערנלעך באַלויכטן אַלעמענס פּנימער, אויסגעקליבן שיינע און יונגע מיידלעך און זיי אַרויסגעפירט. אַ געיאָמער פון די מוטערס, אַ גע־

ווײַן פֿון קינדער האָט זיך מאָדנע צוזאַמענגעגאָסן מיט מײַן בענקשאַפֿט נאָך ישׂראל.

די באַלנאַצקאַ נעבן מיר האָט געציטערט און אַ צעשראָקענע האָט זי כסדר געמורמלט: „וואָס טוט מען?! זיי וועלן מיר צונעמען מײַן אַניאַן! וואָס טוט מען?!

איך האָב אײַנגעטונקען די האַנט אין זאַמד, אַניאַ האָט אַרויפֿגעשפּיגן און איך האָב איר אויסגעשמירט דאָס פּנים. זי האָט זיך צעשויבערט די האָר און באַקומען אַן אויסזען פֿון אַ משוגענער. אין אַ רגע אַרום האָבן צוויי מגושמדיקע זעלנער באַלויכטן אונדזער ווינקל. אַניאַ איז געבליבן. באַל־נאַצקאַ האָט מיך אַרומגעכאַפּט און געקושט.

איך בין געזעסן אַן אײַנגעקורטשעטע, אַ טויבע און בלינדע. די מענטש־לעכע מאַסע האָט זיך געראָדערט און סודותדיק געשעפּטשעט. אַ גרויל האָט געיאָגט פֿון דרויסן. איך האָב געזען שרעקלעכע חלומות אויף דער וואָר. „יעזו, יעזו קאָכאַני" — האָט עמעצער לאַמענטירט.

אַ פֿינצטערע, בייזע נאַכט האָט געהויערט אַרום און אַרום. אַ נישט־פֿאַרשטענדלעכע, געדיכטע, אויסטערלישע נאַכט. אַלץ איז געווען אומ־רעאַל. דורך די פֿאַרפּלאָנטערטע מחשבות האָבן זיך אַדורכבאַקומען איבער־לעבענישן, ווי פֿלאָטערדיקע פֿייגל אין אַ נעץ. בילדער פֿון אַמאָל, בילדער פֿון די לעצטע טעג. ווערטער פֿול מיט ליבשאַפֿט האָבן געבריט די צונג, געשטיקט דעם האַלדז. איך האָב געטוליעט צו די ליפּן אַ קאַפּטאַניקל, צו וועלכן ישׂראל האָט מיט אַ טאָג פֿריער געהאַט צוגענייט קנעפּלעך. איך האָב די קנעפּלעך געקושט. כ'בין געווען ווילד פֿון לײַדן. די וועלט, דער פֿוסטער מאָרגן האָט געוואָרט, פּונקט ווי דער פֿינצטערער, גרויליי־קער דרויסן.

אין מיטן דער נאַכט האָט זיך דערהערט אַ רופֿן: „אַלאַ, אַלאַ!"

— מײַן מאַן!! וואַטשו, וואַטשו — שרײַט אַלאַ.

צווישן דער גרויסער מענטשן־מאַסע האָט וואַצעק זיך געטאָרעוועט אַ וועג און אַדורכבאַקומען צו אונדז. דאָס פֿאַרפֿאַלק איז זיך געפֿאַלן אין די אָרעמס.

— פּאַני מאַלאַרסקאַ, — האָט זיך וואַצעק צו מיר געוואָנדן — אַ גרוס דיר פֿון דײַן מאַן. איך האָב אים געזען צווישן אַ סך אַנדערע אויף גור־טשעווסקע־גאַס.

— מײַן מאַן? דערציילט! — כאַפּ איך זיך אויף און פֿאַל צו צו וואַצעקן.

ער דערציילט מיט גרויס אָנשטרענגונג, ווי אַ מענטש, וואָס וויל זיך דערמאָנען אַ קאָשמאַרנעם חלום.

ווען עס האָט איינעם קאַנאַל אויפֿגעריסן אַ גראַנאַט, האָט עס אים מיט

נאָך עטלעכע מענטשן אַ שליידער געטאָן. ער האָט געהערט רופן הילף, געהערט קולות פון פאַרווונדעטע און גוססדיקע, אָבער אַ געטריבענער דורך אַנדערע — איז ער געלאָפן ווייטער.

די דייטשן האָבן אַריינגעלאָזט אינעם קאַנאַל גאַז. דורך דעם ערשטן אָפענעם „וולאַז" (קאַנאַליזאַציע־קלאַפּע) איז די קליינע גרופּע אַרויס פון אונטער דער ערד. די דייטשן האָבן זיי תיכף געכאַפּט און אַרומגערינגלט. איינער אַן עס־עס־מאַן האָט דערקענט וואַצעקן, דעם וועכטער פון באַשס פאַבריק. „דו אויך?!" — האָט ער אויסגעשריגן.

וואַצעק האָט אים דערקלערט, אַז אויפשטענדלער האָבן אים, וואַצעקן, געדראָט און געצוווּנגען צו ווערן אַ וועגווייזער אין די קאַנאַלן. ער האָט דערביי געשאָלטן דעם פּוילישן גענעראַל באָר און אַלע היצקעפּ, וואָס האָבן דעם גענעראַל מיטגעהאָלפן.

די גאַנצע גרופּע אויפשטענדלער, וואָס איז אַרויס פון קאַנאַל, איז דער־שאָסן געוואָרן. וואַצעק אַליין, אַ דאַנק דעם באַקאַנטן עס־עס־מאַן, האָט באַקומען אַ „שיין" (דערלויבעניש), גילטיק במשך פון 48 שעה, און צו באַוועגן זיך פריי, בכדי אָפּצוזוכן זיין פרוי. און אַזוי וואַנדערנדיק, האָט ער אַרום 4 אַ זייגער נאָך מיטאָג אָנגעטראָפן אויף אַ גרופּע אַרבעטנדיקע מע־נער, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען ישראל.

וואַצעק האָט מיט אים נישט גערעדט, אָבער פאַר מיר האָט אַ בליץ געטון אַ האָפענונג: אויב ישראל האָט אַרום 4 נאָך מיטאָג נאָך געלעבט, אפשר וועט ער זיך ראַטעווען, אפשר וועל איך זיך מיט אים נאָך טרעפן, אפשר וועט מיין אכזריותדיקער גורל דאָך מילדער ווערן.

אַן אינערלעך שלוכצן האָט זיך אין מיר געריסן. כ'האָב געציטערט, ווי אַ נישט־דערשאָכטן עוף.

— פּאַני מאַלאַרסקאַ, — רעדט צו מיר אין דער פינצטער וואַצעק — האַלט זיך! מיר מוזן דערלעבן דעם שונאס סוף. אויב דיין מאַן וועט זיין קלוג, וועט ער אַנטלויפן. אויך מיר מוזן ביי דער ערשטער געלעגנהייט „מאַכן פּיס". אויב דו וועסט זיך נישט טרעפן מיט דיין מאַן, וועסטו זיך טרעפן מיט אַ צווייטן. מיטן לעבן איז ווי מיט אַ שלאַכטהויז: גאָט טרייבט זיינע בהמות צום טויט און אויפן וועג פאַרליבן זיך אַ קו מיט אַן אָקס, אָדער אַ קאָזע מיט אַ באָק. כ'האָב אין די קאַנאַלן געטרעטן אויף מענטש־לעכע קערפּערס, טייל האָבן נאָך געלעבט. צו וואָס דער מענטש איז דער־גאַנגען, האַ?!

כ'האָב מיר פאַרשטופּט די אויערן, נישט געוואָלט מער הערן. עס האָבן פאַר מיר אויפגעלויכטן ישראלס גוטע אויגן, זיין מילדער שמייכל און כ'האָב ווידער אַ מאָל דערהערט זיינע שטילע ווערטער: „דער מענטש איז די

אָרעמסטע און גלייכצייטיק די רייכסטע חיה, נאָר ליבשאַפט דערהייבט אים. אויך גוטע חכמה, האַרציקע חכמה איז פעאיק צו פאַרטרייבן דאָס שלעכטס, דאָס חיהשע אין אים".

ווו ביסטו איצט, טייערער?

.2

פאַר טאָג קומט אַ באַפעל אויסצושטעלן זיך צו פיר אין דער ריי. אַ לאַנגער מענטשלעכער צוג ציט אין דער פאַרטאָגיקער שטילקייט. דער אָרומיקער פוילישער פייזאַזש דערמאָנט מיך אין זאַרגלאָזע טעג, ווען מ'פלעגט אין אַזעלכע פרימאָרגנס גיין קלויבן יאַגדעס, אָדער מאַכן „מאַ־יוווקעס" (אויספלוגן). דעמאָלט אָבער האָבן די טראָפּנס טוי אויפן גראָז געשיינט, ווי ברילִיאַנטן און היינט — זענען דאָס מיינע טרערן. — — —

וואַצעק מיטן ווייב פאַרשווינדן ערגעץ־ווו. זאַוואַדזקאַ, מיין געוועזענע שכנטע פון מאָקאָטאָוו (די „פריילעכע" רעזערוויסטקע) נעמט מיך אונטערן אָרעם און רוימט מיר איין אַ סוד:

— פרוי מאַלאַרסקאַ, קום, מיר וועלן אַנטלויפן. אַלאַ מיט וואַצעקן זענען אויך אַנטלאָפן. חזירים, זיי האָבן זיך אַפילו נישט געזעגנט. קום, מירביידע זענען יתומים. האָסט געזען ווי מיין געליבטער עדעק איז גע־גאַנגען נעבן דיין מאַן? אויך מיר דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען. אפשר זענען אונדזערע יונגען אַנטלאָפן און מיר וועלן זיך מיט זיי טרעפן? און אויב זיי זענען געוואָרן פאַרשיקט, וועלן מיר זיי אפשר קאָנען העלפן, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן זיין אויף דער פריי.

— גוט, פרוי זאַוואַדזקאַ, ביסט גערעכט. מיר וועלן פּרובירן.

מיר האָבן דריי מאָל געפּרווט און עס איז נישט געלונגען. זייענדיק שוין אין וולאָכי, קורץ פאַרן אָפּטראַנספּאָרטירן אונדז מיט דער באַן קיין פּרושקאָוו, האָב איך איבערגעקויפט אַ זשאַנדאַר. ער האָט זיך געמאַכט נישט זען, ווען מיר ביידע, די זאַוואַדזקאַ און איך, זענען אַרויס פונעם אָרומגעצוימטן שטח.

.3

אויפן וועג צום שטעטל האָט אונדז פאַרהאַלטן אַ פרוי אין אַ טוך.

— איר האָט זיך „אָפּגעריסן" פון טראַנספּאָרט? — האָט זי אַ צופרי־דענע געפרעגט.

— יאָ, אָבער מיר האָבן נישט קיין שום באַקאַנטע און שרעקן זיך.

— קומט. איין נאַכט קאָנט איר ביי מיר איבערנעכטיקן. אָבער מאָרגן

פרי וועט איר מוזן אַוועק ווייטער, ווייל פּאַר אויסבאַהאַלטן וואַרשעווער אויפשטענדלער — דראָט טויטשטראָף.

זי האָט אונדז געפירט איבער אונטערגעסלעך און הייף. דער וועג האָט אויסגעזען געהיימעניששפול און מינוטנווייז האָב איך געטראַכט: ווער ווייסט, אפשר איז זי אַ מוסר?

סוף כל סוף האָט זי זיך פּאַרהאַלטן נעבן אַ צוויי־שטאָקיק הויז. זי איז אַריין אין קאָרידאָר. מיר — נאָך איר. אויפן צווייטן שטאָק האָט זי גע־עפנט אַ טיר. אַ ריח פון געקאָכט קרויט האָט אַ שלאָג געטון אין פּנים. מיר קומען אַריין אין אַ קליין שטיבל, וואָס איז אייגנטלעך אַ קיך. אויף אַ בעט שפּילן זיך צוויי קינדער: אַ מיידל פון אַ יאָר זעקס און אַ ייִנגעלע פון דריי, אָדער פיר יאָר.

— זעצט אייך, — ווייזט די פרוי אָן אויף אַ לאַנגער באַנק — איך וועל דערווייל אַראָפּגיין אויסמעלקן די קאָזע, — וועט איר טרינקען אַ קאָפּ פרישע מילך.

די קינדער קוקן אויף אונדז מיט נייגעריקייט.

— וווּ איז אייער פאָטער? — פרעגט די זאַוואַדזקאַ.

— די דייטשן האָבן אים דערהרגעט — ענטפערט דרייסט דאָס מיידעלע.

דער ענטפער באַרואיקט מיך. מיט אַ רגע צוריק האָב איך נאָך אַ טראַכט געטון: אפשר איז די פרוי געגאַנגען אונדז מסרן.

אָט קומט זי צוריק מיט אַ קליין ביסל מילך אין טעפּל. ביים פייער־מאַכן אין דער קיך, רעדט זי ווי צו זיך: — „אַ העלער דונער זאָל אין זיי אַריין, אין די רוצחים! זיי האָבן מיין לעבן צעבראָכן! גאָט, שטראָף זיי, אַז קיין זכר זאָל פון זיי נישט בלייבן!"

זי דערציילט ווי אַזוי איר מאַן איז אומגעקומען: ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט. דייטשן האָבן אים פאַרהאַלטן אַלס ערוביניק און צומאָרגנס איז ער צוזאַמען מיט נאָך פופציק פּאָלאַקן דערשאָסן געוואָרן.

— „מאַרטשאַ" פלעגט ער מיך רופן, „מאַרטשאַ נאַימילשאַ!" — האָט די פרוי ווי פאַרחלומט קוים אַ שמייכל געטון. און אַזוי מיט אַראָפּ־געלאָזטע הענט, אַ פאַרטראַכטע, טרויעריקע, בלייבט זי שטיין אַ רגע. איבער אירע באַקן שווימען איינצלנע טרערן.

דורך מיינע צעשויבערטע געדאַנקען בליצט אויף און פאַרשווינדט ווידער אַ מאָל דאָס פאַרלוירענע גליק. אויך איך האָב געהאַט אַזוי פיל צערטלעכע נעמען. זיי ברענען איצט ווי אָפענע ווונדן. עס רייסט זיך אין מיר אַ ווילדער פאַרלאַנג צו געפינען ישׂראלן, צוטוליען זיך צו אים.

די פרעמדע פרוי ווערט מיר נאָענט. זי ליידט אַזוי ווי איך. ניין! איר

איז בעסער: עס זענען איר געבליבן צוויי קינדער. זי מוז זיך נישט אויס־באַהאַלטן. זי האָט אַ היים, אַ משפּחה.

אין אַ רגע אַרום, ווי אויף פאַרגיטיקונג, גיב איך אַ קלער: מיר איז אָבער געבליבן די האָפענונג צו געפינען ישׂראלן.

די גאַסטפריינדלעכע פרוי, מאַרטאַ לימטשוק, האָט נישט גע־וואָלט נעמען קיין געלט פאַרן עסן און פאַרן איבערנעכטיקן ביי איר. זי האָט אונדז צומאָרגנס גאַנץ פרי צוגעפירט צו דער קאַליקע און זיך מיט אונדז געזעגנט. די זאַוואַדזקאַ האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין גראָדזשיסק צו אירס אַ מומע.

„כאָטש מיין מומע — זאָגט זי — איז אַן אַלטע זונה און דערצו אַ פאָלקס־דייטשקע, דאָך וועט זי אונדז נישט אַרויסטרייבן".

אין וואַגאָן, אויפן וועג קיין גראָדזשיסק דערציילט מיר די זאַוואַדזקאַ אין קורצע ווערטער, אַז איר מומע איז פון באַרוף אַן אַקושערקע און האָט געהאַט מער מענער ווי האָר אויפן קאָפּ. לעצטנס, צוליב איר עלטער און שווינדזיכטיקייט, איז זי איינזאַם. די זאַוואַדזקאַ רעדט און רעדט, אָבער איך הער כמעט נישט. איך בין פול מיט ביטערניש. אַלץ אַרום איז ווי פאַר־נעפּלט. איך גיב מיר נאָך נישט אָפּ קיין דין וחשבון פונעם גרויסן אומגליק מיינעם. איך בין פאַרטעמפּט, פאַרשיכורט פון צער און געבונדן, ווי אַן אומ־באַהאָלפן באַשעפעניש.

4.

גראָדזשיסק, שענקעוויטשאַ 10. אַ שילדל: „אַקושערקאַ סאַצעוויטש". ערשטער שטאָק. אַן אָנגעלענטע טיר, אַ לאַנגער, פינצטערער קאָרידאָר. אַ טוכלער ריח, ווי פון נאַסן, פאַרשימלטן וווּרשט.

— ווער איז דאָרט? — דערגייט אַ כאָרכלדיק קול פון דער רעכטער זייט.

זאַוואַדזקאַ מאַכט שנעל אויף אַ טיר און אונטערטאַנצנדיק, מיט אַ צע־לויכטן פּנים, פאַלט זי צו צו אַ קודלאַטער, עלטערער פרוי, וואָס ליגט אין שטאַרק שמוציק בעטגעוואַנט.ביידע פרויען צעקושן זיך.

— מומע־לעבן, טייערע מיינע. אין אַ שווערער שעה בין איך מיט מיינס אַ שכנה געקומען צו דיר. איך קען, מומעניו, דיין גאָלדן האַרץ און כ'ווייס, אַז וועסט אונדז נישט אַרויסטרייבן, אָ, מיר אָרעמע יתומים, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ!

זאַוואַדזקאַ קושט דער מומען איבער די הענט, איבערן טונקעלן, אָפּ־שטויסנדיקן פּנים. זי פּלאַפּלט און דערציילט וועגן מיר, אַז איך בין אַזאַ

גוטע שכנטע און וועל נישט דאַרפן צו קיינעם אָנצוקומען, ווייל איך האָב אַ ביסל קאַפּיטאַל.

דעמאָלט פאַרהאַלטן זיך דער מומעס שוואַרצע, שפּיזיקע אויגן אויף מיר. ווי אויף אַ קלישע, כאַפּ איך מאָמענטאַל אויף איר גאַנצן „הולך", די שוואַרצע, געקרייזטע און קאַלטעגעוואַשטע האָר; דאָס טונקל־געלע, צע־קנאָדערטע פּנים; די צוויי, דריי ברוין־בלויע ציין אין אייבערשטן טייל מויל און די פּאָר גאָלדענע, אונטן; דאָס שמוציקע, ביז צום בויך אויפ־געקנעפּלטע העמד; די נאָכהענגענדיקע, פלאַטשיקע ברוסטן־זעקעלעך. אַלץ, דאַכט זיך, זאָגט: אָט איז מיין אויסערלעכקייט, וועגן ממשותדיקן ווערט מיינעם וועסטו זיך שנעל איבערצייגן.

— זעץ זיך, — האָט די מומע זיך פאַרהוסט, אָנווייזנדיק מיט אַ פינ־גער אויפן בעט.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט, זוכנדיק אַ שטול. אין צימער איז אַזאַ מעבל־שטיק נישט געווען. אין אַ ווינקל איז געלעגן עפּעס אַ פּעקל פאַר־בונדן מיט דינע שטריקלעך. אויפן טיש — איבערגעקערטע גלעזער און גלעזלעך, ליידיקע פלעשער פון בראַנפן, שטיקלעך פאַרטריקנט ברויט, ווורשט־שאָלעכץ, פּאַפּירלעך פון צוקערלעך, האַלב־אויסגערייכערטע ציגאַ־רעטן, ליידיקע שאַכטלען, אַש. נעבן בעט — אַ נאַכטטעפּל, אין וועלכן די מומע, אָפּהיסנדיק, שפּייט אַריין.

— זעץ זיך — חזרט זי איבער מיט אַ סקריפּעדיק, האַלב־הייזעריק קול. זי שאַרט אָוועק אין אַ זייט איר שוואַרץ איבערבעט. איך זעץ זיך.

— און איצט דערצייל מיר ווער דו ביסט און ווי אַזוי עס איז אייך געלונגען צו אַנטלויפן.

זאַוואַדזקאַ פאַרשווינדט אין די וויטערדיקע צימערן און איך דערצייל מיין אויסגעטראַכטע געשיכטע. אַ געשיכטע וואָס איך קען זי שוין צוויי יאָר פון אויסנווייניק.

— שפּילסטו אין קאָרטן? — רייסט די מומע מיר איבער, ווען איך האַלט שוין ביים סוף.

— יאָ.

— קענסטו אויך, אפשר, לייענען הויך, אויפן קול?

— יאָ.

— גוט, — דערפרייט זיך די אַלטע — איך האָב אַ פּלאַן: אירקאַ, די זאַוואַדזקאַ וועט ווירטשאַפטן און דו וועסט פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט; איך נודיע זיך זייער בייטאָג.

די זאַוואַדזקאַ רופט מיך. זי איז אין אַלקער. „קוק", — ציט זי אויס די האַנט מיטן צייגפינגער.

אין שטוב שטייען צוויי בעטן מיט שמוציק, צעריסן בעטגעוואַנט, אַ שאַנק און עטלעכע שטולן, באַהאָנגענע מיט בגדים. אויף דער פּאָדלאָגע, ביי די ווענט — שטרויענע שעניקעס, פּלאַכטעס, קאַצן. אויף די געלעגערס און אין די בעטן — פּאַרלעך. טייל פון זיי שלאָפן, אַנדערע זענען וואַך. דאָס זעלבע — אין אַלקער. דער דיל שמוציק, פאַרשפּיגן, באַשיט מיט מיסט, שטרוי. אַ געשטאַנק פאַרשטעלט דעם אָטעם. אַן עקלהאַפט געפיל בלייבט מיר שטיין אין האַלדז, ממש אויסצוברעכן.

זאַוואַדזקאַ רוימט מיר איין אין אויער: מיר וועלן זיך דוצן, דאָ פּאַסט נישט אַנדערש. זאָג מיר „אירקאַ" און איך דיר — „העלאַ".

פאַר נאַכט האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין, פאַר וואָס „דאָ פּאַסט נישט אַנדערש".

5.

צוערשט באַווייזט זיך די עטלעכע־דרייסיק־יעריקע סטאַשאַקאָוואַ, אַ גנבטע, אַ רעצידיוויסטין, אַ מאַמע פון צוויי שיקסלעך, ממזרות. „ביידע לעבן שוין מיט דייטשן" — זאָגט צו מיר שטיל די מומע.

צוזאַמען מיט דער סטאַשאַקאָוואַ קומט אַריין אַ הויכער, ברייט־בייניקער און מאָגערער גוי. זיין פּנים איז פאַרכמורעט, בייז. פון אונטער האַלב־אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעדלעך פאַלן זייטיקע בליקן. עס פילט זיך אין אים אויס אַן אומגעדולדיקייט; צווישן די ליפּן, ווי צוגעקלעפּט, האַלט ער אַ ציגאַרעט. פון צייט צו צייט טוט ער אַ שפּיי, צוקלאַפּנדיק די צונג צום גומען.

די סטאַשאַקאָוואַ אָבסערווירט מיך אַ ווײַלע, פרעגט עפּעס ביי דער סאַצעוויטשן און פאַרשווינדט מיטן גוי אין צווייטן צימער.

רעשיק מאַכט זיך אויף די קאָרידאָר־טיר און מיט אַ האַלב־שיכור געזאַנג קייקלט זיך אַריין אַ דיקע פרוי, וואָס האָט אַן אויסזען פון אַ ראַפּינירטער שמוגלערין.

— „יוזשאַ, די מאָרפיניסטקע" — דערקלערט מיר סודותדיק די מומע. יוזשאַ זינגט הילכיק:

„זאָג מיר, טייערע אַגאַטע,
פון וואָס איז דיין בויך פּענקאַטע?
פון פרייד, ברודער, פון פרייד זאַטע
איז מיין בויך אַזוי פּענקאַטע!".

זי וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם מאַנטל, הייבט אויף דעם ראָק, לאָזט אַראָפּ די תחתונים און וויקלט אָפּ פון לייב צוויי, האַלב־אויסגעביינערטע זייטלעך קעלבערן־פלייש. זי וואַרפט זיי אַוועק אויף דער פּאָדלאָגע, ציט

צוריק אַרויף די אונטער־וועש, פֿאַרקנעפּלט דעם ראָק, ווערט שלאַנק, טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און ווייזנדיק אויף מיר, פֿרעגט זי:

— ווער איז זי, די אויסגעווייקטע ל־אַ־ל־י־אַ?

— מיין פּלימעניצעס, אירקאַס, אַ חברטאָרין. אירעטשקאַ, קום אַריין! — רופֿט די אַלטע.

— באַלד, באַלד — ענטפֿערט פֿריילעך אירקאַ.

עס שאַרט זיך שטיל אַריין פֿון דרויסן אַ טלענירטע בלאָנדינקע פֿון אַ יאָר פֿערציק, מיט איר, נאָך זייער יונגן, אָנעמישן „געליבטן". אַ קינד נאָך כמעט, אַ שעמעוודיק יינגל מיט אַ טרויעריקן בליק פֿון אונטער רויט־באַרעמטע אויגן.

עס קומט קרול, אַ פֿאָלקס־דייטש. אַזאַ ריזיקער, ווי אַ בעלגיש פֿערד. זיין הויך־אַרויסגעשטופּט האַרץ־ברעטל, דער גרויסער, פֿעסטער קאָפּ, די זיכערקייט, דער בלוטיקער האַקנקרייץ אויפֿן אָרעם — אַלץ, דאַכט זיך, זאָגט: „צו מיר געהערט די וועלט!"

ער לייגט רואיק אַוועק צוויי פּעקלעך וווּרשט, שטעלט אַרויף אויפֿן טיש דריי פֿלאַשן בראָנפֿן און באַזעצט זיך ברייט אויף אַ שטול. „וואָס מאַכסטו, מומעלע?" — פּינטלט ער מיט אַן אויג.

עס קומען פֿרישע געסט: די שיינע מאַרישקאַ ,וואָס האָט מיט אַ חודש צוריק פֿאַרלאָזט איר מאַן, אַ דאָרפֿישן „גאַספּאָדאַזש" (פּויער) און פֿאַר־ברענגט דאָ מיט אַ רייכן שוסטער, אַן אייגנטימער פֿון אַ שיך־געשעפֿט, אַ באַוויבטן און אַ פֿאָטער פֿון צוויי דערוואַקסענע טעכטער. יעדע נאַכט קומט דער שוסטער מיט מאַרישקאַן צו דער סאַצעוויטשן (זיי האָבן אַן אָפּ־געדונגען בעט, דער שוסטער צאָלט גוט!).

בייטאָג כאַפּט מאַרישקאַ נישט איין מאָל אַריין קלעפּ פֿון דעם שוס־טערס ווייב און טעכטער. מען קלאַפּט זי מיט וואָס עס לאָזט זיך: מיט אַ פּאַראַסאָל, שטעקן, אָדער סתם מיט די פֿויסטן. נאָך אַזאַ געשלעג באַקומט מאַרישקאַ פֿון שוסטער אַ מתנה און אַלס נקמה־אַקט פֿון איר, מאַרישקאַס, זייט — פֿאַרשווינדט זי, בייטאָג, אין אַלקער מיט קרולן, דעם פֿאָלקס־דייטש... (וועגן דעם אַלעם דערציילט מיר די זאַוואַדזקאַ).

עס פֿאַרגעסט אויך נישט אַריינצוקומען דער „סטרוזש" (הויזוועכטער) מיטן ווייב און זייער יונגער, נייער לאָקאַטאַרקע. די לעצטע האָט אַ פֿאַר־ריסן נעזל, טונקעלע האָר, הייסע, ברוינע מאַנדל־אויגן און שאַרפֿע קין־באַקן, באַצויגענע מיט אַן אַליוור־הויט.

עס דאַכט זיך, אַז איבער איר׳ע ווייכע, האַלב־אָפּגעלעגטע ליפּן שוועבט אַ מעלאַנכאָליע, אַ סוד. ווען איך דרינג זי אַדורך מיט מיין בליק — פֿאַר־

לירט זי זיך, לאָזט אַראָפּ די אויגן. אַ יידישקע? — אפשר. איך דערקען נישט. כאָטש עס ציט מיך צו איר ווי צו אַ נאָענטן.

„זעסט, — סאַפּעט די מומע שטיל — אונדזער הויזוועכטער איז אַ „פויגל". ער שאַפט זיך אַלע מאָל פרישע יידישקעס, באַרויבט זיי און גיט זיי איבער צו געשטאַפּאָ. אויך די דאָזיקע איז אַ „סאַלטשע".

איך פיל, ווי דאָס בלוט לויפט מיר אָפּ פון פּנים.

אונטערשפּרינגענדיק „פאַלט" אַריין דער „אָרגאַנישטשאַק", אַ יונגער, שיינער בחור. באַלד לויפט ער אַריין אין אַלקער, וועקט איבער פּאָגאָ־זשעלסקין, וואָס האָט אַן איבערגעבונדן אויג און איז אַ רעטענישפּולער לאָקאַטאָר. פּאָגאָזשעלסקי, אַ נישט־קרעמפּירטער, דערליידיקט אַ פיזיאָ־לאָגיש געברויך אין קיכשיסל, קעגן איבער דער אָפענער טיר פון צימער. דערנאָך קומט ער צו אונדז אַריין מיט פוילע טריט, און גענעצנדיק, זעצט ער זיך אַוועק אויף דער מומעס בעט.

עס בלייבט אויך צווישן די „געסט" די צופעליק געקומענע „פּאַני אָפּי־צעראָוואַ" (אַ פרוי פון אַ געוועזענעם פּוילישן אָפיציר, וועלכער געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן). זי איז גראָד געקומען אויסלייזן אַ ברילאַנטן רינגל, אַ פאַרמשכנטס ביי דער סאַצעוויטש פאַר אַרויסרופן אַ קינסטלעכן געבורט, די פרוכט פון אַ ליבע מיט אַ דייטש.

איך זיץ נאָענט נעבן דער מומען. פונעם בעט שלאָגט אַ שטינקעדיקער ריח פון שווייס און קראַנקע ציין. ווי אַ זשומעדיקע פליג, פּליסטערט די אַלטע ביי מיין אויער און גיט איבער איינצלהייטן וועגן אַלע געסט. מיט בולטע שטריכן און אָפּגעהאַקטע זאַצן שילדערט זי דעם געבורט פון דער אָפּיצעראָוואַס זעקס־חדשימדיקן „שוואַב": „ווען איך האָב אים איינגע־וויקלט אין פאַפּירן צום פאַרברענען" — פאַרכליניעט זיך די מומע — „האָט ער געפּישטשעט ווי אַ שטשור, און ווען איך האָב אים אונטערגעצונדן אינעם אויוון האָט ער ממש געשריגן. אָבער געפלאַקערט האָט ער, ווי קין!"

מען ברענגט אַריין די שטולן פון צווייטן צימער, די באַנק — פון קיך. די „געזעלשאַפט" זעצט זיך פונאַנדער. ווער עס האָט נישט קיין פּלאַץ, זעצט זיך צו צו דער מומען, אויפן בעט. מען הייבט אָן טרינקען, עס ווערט „פריילעך", אָבער די פריילעכקייט איז אַ משונהדיקע, אַן אומהיימלעכע. איך פיל זיך, ווי אין אַ הייל פון חיות.

אַן אומגעהייערע בענקשאַפט נאָך ישראלן נאָגט און פרעסט. ערשט אייערנעכטן אין דער פרי איז ער געווען נעבן מיר, האָט געגלעט מיינע הענט. דער נעכטן איז אַזוי ווייט! איך בין אַליין!

און ווידער שוועבן פאַרביי זכרונות. דאָס געזעגענען זיך מיט מיין ברודער, פאַר זיין לאָזן זיך אין וועג אַריין איבערן בוג. „איך וויל דיך

אַנטרעפן ביי מיין צוריקקומען, חיהלעו!״ — הער איך פון ווייט, ווייט, זיינע ווערטער. „מיך אַליין?!! — האָב איך דעמאָלט מיט תרעומות געפרעגט — און די מאַמעשי, ישראל, דאָס קינד?!״

„אויב ס׳קאָן נישט זיין אַנדערש, איז כאָטש דיך אַליין!״

איך לעב נאָך אַלץ, ברודער מיינער. איך ווייס אָבער נישט, צי דו ביסט מיר כאָטש פאַרבליבן. קראַמפּהאַפּט האַלט איך זיך אין דער האָפענונג, ווייל עס איז אַזוי מוראדיק שווער צו זיין אַליין!

— העי, פאַניענקאָ! דו ביסט מיר עפּעס, ווי אויף יענער וועלט. לעבעדיק! הייב דעם כוס! לחיים!

פּאַגאַזשעלסקי קלאַפּט אָן מיט זיין גלעזל אין מיינעם, פינטלט מיט איין אויג און לאַכט פרעך. איך פאַרענטפער זיך, אַז איך האָב אַ קראַנקע לעבער, איך דאַרף נישט טרינקען און גראַד איצט האָב איך באַקומען אַן אַנפאַל.

— פאַניע קרול, — ווענד איך זיך צום פאָלקס־דייטש — קאָנסטו זיך באַנוצן מיטן האַקנקרייץ נאָר צום שלעכטן, אָדער אויך עפּעס גוטס אויפטאָן פאַר עמעצן?

— אויך גוטס! — בלאָזט ער זיך אָן — האָסטו וועלכן פאַרלאַנג?

— יאָ, — ענטפער איך — זאָלסט זיך דערוויסן, ווו אַהין מען האָט טראַנספּאָרטירט מיין מאַן. ער איז געווען צוזאַמען מיט אַלע יונגע מענער פון מאַקאָטאָוו.

— האָסטו זיינס אַ בילד?

— יאָ.

— שרייב אויף אַלע פרטים. מאָרגן וועסטו וויסן ווו ער איז, פאַרשטייט זיך, אויב ער לעבט.

עס קלאַפּט מיר שטאַרק ס׳האַרץ. אפשר וועט מיר קרול טאַקע העלפן? כ׳דריק זיין האַנט און פאַרזיכער אים וועגן מיין גרויסער דאַנקבאַרקייט.

אַרום מיר — צעהיצטע, רויטע פּרצופים, פרעכע בליקן, מוטנע, שיכורע אויגן. מיילער, וואָס פרעסן געשמאַק. אַ שליים רינט פון די גאָמבעס. די מומע מאַכט אויף איר שטשערבאַטע מויל, הייבט דאָס גלעזל: „פּאָוואָדזעניאַ!״ (דערפאָלג!). די צונג קריכט איר אַרויס פון צווישן די ציין, ביים וואָרט „פּאָוואָדזעניאַ!״

פאַרפלאָנטערטע קולות: „נאָך אַ שטיקל קעלבאַס!״, „חזיר, נעם צו די לאַפּעס! עס איילט זיך דיר?״, „יוזשקאַ, זינג! דיין קול צערייצט מיך!״, „שטופּ זיך נישט, הינטיש בלוט!״

עס פאַלט אַראָפּ אַ טעלער, דער קלאַנג ווערט פאַרשלונגען אין טומל.

די מומע רוקט מיר אונטער אַ שטיק פלייש: „עס, העלענקאַ, זיי נישט אַזוי שטאָלץ. היינט לעבט מען, געניס! ווייל זיך!"

אין דער טיר בלייבט שטיין דער שוסטער. אַ ביסל זיך פאַרשפעטיקט. ער שלעפט אַרויס פון די קעשענעס פלאַשן בראָנפן און וורשט. דער מומעס אויגן גלאַנצן, ווי ביי אַ שטשור. זי פּאַטשט אין די הענט און דערמאָנט, אַז עס קומט איר „דירה"־געלט. די מענער וואַרפן איר צו עטלעכע באַנק־נאָטן. זי באַהאַלט דאָס געלט אונטערן קישן.

איך זוך אַ געלעגנהייט צו וואַרענען מיט אַ וואָרט דעם סטרוזשס יידישע לאָקאַטאָרקע. איך דערנענטער זיך צו איר און באַוונדער איר מעדאַליאָן. באַוועגנדיק קוים מיט די ליפּן זאָג איך: „מען שמועסט, אַז דו ביסט אַ יידישקע און, אַז דער סטרוזש האָט שוין עטלעכע יידישקעס אויסגעגעבן. איך בין נישט קיין אַנטיסעמיטין", — גיב איך צו — „יעדעס לעבן איז טייער. איך עצהע דיר, פאַרלאָז וואָס שנעלער דאָס הויז". אָפּזאָגנדיק די ווערטער, זעץ איך זיך צוריק אַוועק נעבן דער סאַצעוויטש.

פונעם רעש און געפּילדער רייסן זיך אַרויס יוזשקאָס האַלב־הייזעריק געזאַנג, עמעצנס הילכיק געלעכטער און שיכורע אויסרופן.

ווען די פלאַשן ווערן ליידיק, וואַרפט די בלינדע ליידנשאַפט פונאַנדער די פאָרלעך אין אַלע פינצטערע ווינקלען פון דער וווינונג.

דער זאַוואַדזקאַן און מיר, הייסט די מומע אויסבעטן אויפן דיל, אַנטקעגן איבער איר בעט. אירקאַ איז בגילופין. זי האָט אַ ביסל צו פיל געטרונקען.

6.

ביים טיש, אָנגעלענט אויף אַ האַנט, זיצט נאָך אַלץ דער יונגער אָרגאַ־נישטשאַק.

— זונדעלע, — ווענדט זיך צו אים די מומע — אויף דיין געלעגער וועלן דאָס מאָל שלאָפן אונדזערע צוויי וואַרשעווער געסט און דו, קלייני־טשיקער, וועסט זיך אַוועקלייגן צופוסנס ביי מיר אין בעט.

דער אָרגאַנישטשאַק ענטפערט נישט.

— וואָס, דו שרעקסט זיך צו שלאָפן מיט מיין מומען? — כיכאָ־טשעט אירקאַ זאַוואַדזקאַ — דיין טאַטע איז מיט איר געשלאָפן און דו האָסט מורא?!

די מומע האָט טאַקע געהאַט דערציילט, אַז אַ דאַנק דער אַמאָליקער פריינדשאַפט מיט זיין טאַטן, באַהאַלט זי אויס אים, דעם זון.

— אפשר ביסטו נאָך מיט דער „פלאָמבע"? כי, כי, כי! — טאַנצן ביי אירקאַן די בלאָנדע לאָקן אויפן קאָפּ און באַלד פאַלט זי אַנידער, אין אָנ־טועכץ, אויפן שמוציקן געלעגער. איך לייג זיך נעבן דער וואַנט. די מומע

לעשט אויס דאָס ליכט, עס ווערט פינצטער. איך הער, ווי די אַלטע ציט אַריין דאָס ייִנגל צו זיך אין בעט אַריין.

— טו אויס די שטיוול, איינגעשפּאַרטער באָק! און דאָס אַנטועכץ וואַרף אַראָפּ! ווי ביי דיין מאַמען צופוסנס וועסטו דיר שלאָפן. עפּעס אַ צו־פאַל, וואָס איך בין נישט דיין מאַמע! נו, זעסט, ווי איך שאַר זיך אַוועק אין אַ זייט? שלאָף! דעק זיך צו, וועסט כאַפּן אַ ציטער!

די ליבע אין די צימערן שלאָפט איין. עס רוישט מיר אין קאָפּ. דורכן קנויל געדאַנקען שלענגלט זיך אַ קוים באַמערקטע האָפענונג: אפשר וועט מיר קרול טאַקע ברענגען אַ ידיעה וועגן ישראלן? הלוואי! טייערער מיינער, ווי שווער ס'איז מיר אָן דיר!

עפּעס שרעקט מיך דאָ. איך קעמף מיטן שלאָף און דאָך באַזיגט מיך די מידקייט. עס צעוויגן זיך און צעגיסן כוואַליעס פון איבערלעבענישן פון אַ נישט־פאַרשטענדלעכער וועלט. עס יאָגן זיך בלוטיקע טומאַנעס. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך ליג אין אַ זומפּיקן קאַנאַל, בין אין דער סאַצע־וויטשעס הענט, פונקט ווי דאָס מיט פּאַפּירן אַרומגעוויקלטע קינד, און — איך שטיק זיך. באַלד וועט מען מיך פאַרברענען. אָט דערגייט צו מיר דער רויך פון די קרעמאַטאָריעס און איך הער אַ שרעקלעך שרייען.

דאָס געשריי איז, ווייזט אויס, געווען אַן אמתדיקס. איך וועק זיך אויף. אירקאַ צינדט אָן דאָס ליכט. אין מיטן שטוב שטייט דער אָרגאַניש־טשאַק, אַ האַלב־נאַקעטער. ער ציט אַרויף אויף זיך די הויזן און ליאַרעמט:

— דו אַלטע זונה! אַ מאַמעלע האָסטו מיר געזאָלט זיין?! דו, דו, קאַנאַליע איינע! פאַרגוואַלדיקן האָסטו מיך געוואָלט?! ברררר!

— פאַרשווייג, דו כאַם איינער! דו פאַררעטער! דו לויזנפּויקער! נאָך היינט וועסטו זיך הוידען אויף אַ בוים, אין שכנות מיט יידן, דו בענקאַרט איינער! אַזוי דינסטו זיך מיר אָפּ פאַרן לוקסוס, וואָס דו האָסט ביי מיר?!

דער בחור טוט זיך פּיִבערהאַפּט אָן און ווען ער שטייט שוין ביי דער אָפענער טיר, שרייט ער אויס:

— דו אַנצייניקער סיפיליס, דו פאַרסרחעט שטאָטיש קלאָזעט! אַזאַ לוין ווילסטו?! טפאַ־אָ!!

ער האָט איר אַ שפּיי געטאָן גלייך אין פּנים און איז אַראָפּ פון די טרעפּ.

די מומע שווייגט. אירקאַ לעשט אויס דאָס ליכט, עס ווערט ווידער פינצטער. ווידער הויערט אַ שטילקייט אינעם געדיכטן געשטאַנק פון לאַנג נישט־געלופטערטע שטובן. עס עקלט מיך, אָט, אָט אויסצוברעכן.

איך דערזע פלוצלינג אונטער די פאַרמאַכטע אויגן־לעדלעך סטאַצק. סטאַצק אין אַ ווינטער־טאָג, ווען עס איז אַזוי ליכטיק, אַזוי ריין, אַזוי שטיל, ווי עס קאָן נאָר זיין דעמאָלט, ווען עס פאַלט אַראָפּ אַ טיפער, ווייסער שניי...

.7

ווען איך האָב זיך אויפגעוועקט, האָט געשײַנט די זון. דער כּוח פון טאָג האָט פאַרשלונגען אַלע נאַכט־געשפּענסטער. אויף אַ רגע האָט זיך מיר געדוכט, אַז עס פּיקט אין מיר אַ נײַער גלויבן צו טרעפן ישראלן. קרול וועט מיר אפשר ברענגען אַ גוטע ידיעה. עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז איך זאָל ישׂראלן שוין קיין מאָל נישט זען! איך וועל אים זוכן, איך וועל נישט רוען. מיר מוזן זיך אָפּגעפינען, איך מוז אים אָפּראַטעווען.

אירקאַ שלעפּט צוזאַמען די שמוציקע געלעגערס. די „געסט" זענען שוין אַוועק. נאָר די טלענירטע אַננאַ זיצט נעבן איר שלאָפנדיקן געליבטן און צערעוועט אַ סקאַרפּעט.

— העלענקאַ, — פרעגט מיך די מומע — ווילסטו מיר עפּעס לייענען? נעם דיר עסן און קום צו מיר.

— גוט.

ווען איך לייען איר עפּעס פון אַ שונד־ראָמאַן ,רייסט זי מיר איבער:

— האָסטו געהערט? דער אָרגאַנישטשאַק איז בײַנאַכט פאַרשוווּנדן צו־זאַמען מיטן סטרוזשס לאָקאַטאָרקע. זי פלעגט קיין מאָל נישט גיין עפענען דאָס טויער און דווקא דאָס מאָל האָט זי געכאַפּט די שליסלען און איז אַוועק מיטן יונג. זי האָט, ווייזט אויס, אַ „נאָז", די סאַלטשע!

איך לייען ווייטער און באַהערש זיך, די אַלטע זאָל נישט באַמערקן מײַן פרייד.

— העלענקאַ, — רייסט זי מיר ווידער איבער — ווי געפעלט דיר אַננאַ? איך האָב אַ חשד, אַז דאָס יינגל איז נישט קיין געליבטער, נאָר פּשוט איר זון און ביידע זעבען זיי יידן. אונטער דער מאַסקע פון ליבע באַהאַלטן זיי זיך אויס ביי מיר. מען דאַרף זיי נאָכקוקן.

— איך גלייב נישט, — זאָג איך אַ באַהערשטע און דאָך מיט אַן אינער־לעכן ציטער — יידן וואָלטן זיך נישט אַרויסגעשטעלט אַזוי בפּרהסיא, יידן וואָלטן זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ אין אַ לאָך.

— אָ, אויף אַלע „שטיק" כאַפּן זיי זיך. איינע איז אַ נאָנע, די צווייטע — אַ זונה. מיט אַ חודש צוריק האָט מען געכאַפּט אַ גלח און אים דערשאָסן. אַ חוצפּה פון אַ ייד! פאַר אַ גלח זיך צו פאַרשטעלן!!

איך הייב אָן אָבסערווירן אַננאַן. אויב די סאַצעוויטש איז חושד — מן הסתּם האָט זי נישט קיין טעות.

ווען אַננאַ זאָגט פאַטשער איז עפּעס אַן אומנאַטירלעכקייט פאַראַן אין איר כּסדרדיקן קושן דעם קרוציפיקס, אין איר התלהבותדיקער פאַרטיפט־קייט ביים געבעט. אַפילו דאָס טראָגן דעם מעדאַליאָן פון דער הייליקער

מוטער אויפן האַלדז, העכער ווי אַנדערע פּאַלקעס — וואַרפט זיך אין די אויגן. אויך דאָס באַרימען זיך מיט אַ קוזין, אַ גלח פון קראָקע; דאָס דער־ציילן פאַר אַלעמען, אַז זי העפּט אויס אָרנאַמענטן אין דעם גראַדזשיסקער קאָשטשאָל — אַלץ קאָן וואַרפן אַ „שאָטן" אויף איר אָפּשטאַם.

און ווען כ'האָב זיך זייטיק צוגעקוקט צו אַננאַן און צום יינגל, האָב איך דערזען אַזאַ ענלעכקייט, אַז עס האָט מיך אַזש פאַרקלעמט ביים האַרץ. אָבער זיכער קאָן איך דאָך נישט זיין. איך מוז וואַרטן און פעסטשטעלן, ווייל אויב זי איז נישט קיין יידישקע, קאָן זי מיך פאַרראַטן, ווען איך וועל זי וואָרענען וועגן דער סכנה, וואָס דראָט איר.

— —

קרול האָט מיר געבערענגט אַ ידיעה, אַז אַלע יונגע וואַרשעווער אויפ־שטענדלער זענען פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגערן, „אויף זייף". אַלע גע־פאַנגענע זענען אַדורכגעגאַנגען דעם פּרושקאָווער זאַמל־פּונקט, וווּ מען האָט זיי רעגיסטרירט און געשיקט ווייטער. קרול קאָן זיך געבן דערוויסן, וווּ אַהין עס איז פאַרשיקט געוואָרן יאַן מאַלאַרסקי.

איך גיב אַ קלער, ווי אַזוי אַרויסצווייזן מיין דאַנקבאַרקייט דעם פּאָלקס־דייטש. געבן אים געלט, אַ געשאַנק? אין בייטל האָב איך אַ דאָלאַר, אַן איינצלנעם דאָלאַר. איך נעם אים אַרויס און פרעג קרולן:

— זאָג מיר, וואָס פאַר אַ געלט איז דאָס? איך האָב עס געהאַט גע־פונען אין וואַרשע אויף דער גאַס.

— דאָס איז אַ דאָלאַר, אַן אַמעריקאַנער דאָלאַר.

איך שטופּ אַריין דעם באַנקנאָט אין לאַץ־טעשל פון קרולס מאַרי־נאַרקע און זאָג:

— דאָס וועט דיר ברענגען גליק, פּאַניע קרול!

קרול לאַכט און גיט מיר אַ קוש אין האַנט.

— —

אַננאַ מיטן יינגל גייען אַוועק יעדן טאָג נאָכן פרישטיק און קומען צוריק ווען עס איז שוין טונקל.

די מומע רעדט שוין נישט מיט מיר וועגן זיי, דאָך ווילט זיך וואָרע־נען אַננאַן, אָבער ווי אַזוי? אַ געפיל פון זעלבשוץ הייסט מיר שווייגן.

איך ווייס נישט, פאַר וואָס מען זעט נישט קרולן. ער האָט, נאָך מיט צוויי טעג צוריק, געזאָלט זיין ביי אונדז.

— ווייסטו? — זאָגט צו מיר אירקאַ מיט אַ צעזונגען קול — קרול האָט זיך געוואָלט וועטן, אַז דו ביסט אַ יידישקע. פּאָלקעס טרויערן נישט אַזוי שטאַרק, ווען זיי בלייבן אָן דעם מאַן, האָט ער געזאָגט, און דו וויינסט אַפילו פון שלאָף!

— און איך האָב געטראַכט, — ענטפער איך מיט אַ קעגנאַנגריף, — אַז קרול איז אַ ייד. ער האָט אַזעלכע שוואַרצע אויגן און ווען ער רעדט, ציט ער מיט דער נאָז און זשעסטיקולירט מיט די הענט, פּונקט ווי אַ ייד!

— כי, כי, כי, — קרייעט פון לאַכן אירקאַ. — קרול, וואָס האָט שוין אַ צוואַנציק יידן אַריבערגעפּעקלט אויף יענער וועלט, זאָל זיין אַ ייד?! אוי, ווי קאָמיש, כי, כי ,כי!

8.

— אירקאַ, אירעטשקאַ, — רופט די מומע — עס בייסט מיך דער קאָפּ. קום, לויז מיך אַ ביסל! און דו, העלענקאַ, נעם די קאָרטן. ווען אירקאַ וועט מיך לויזן, וועלן מירביידע דערווייל „מאַכן" אַ טויזנט.

די זאַוואַדזקאַ נעמט זיך גלייך צו דער אַרבעט. מיט אַ שטאָלענעם קאַם קעמט זי דער מומעס קאַלטענעוואַטע האָר. זי צעקעמט אַ טייל פון זיי און פאַנגט אָן לויזן.

— מומעניו, — סעפּלעניעט אירקאַ קינדעריש — אַ, יעי! דו האָסט אַ גאַנצע גוואַרדיע ברוגעטן, די פינגער טוען מיר שוין ווייי פון קניקן. איך וועל אַריינברענגען אַ שיסל וואַסער און וועל זיי דערטרינקען!

— אַ, ניין, — ענטפערט די מומע, וואַרפנדיק אַ קאָרט אויפן איבער־בעט — לייז זענען ווי יידן, פון וואַסער קאָנען זיי אַרויסקריכן, מען טאָר נישט האָבן צו זיי קיין צוטרוי. נאָר צעקניקן, צעקוועטשן דאַרף מען זיי, די הינטישע זרע!

אָבער געפילטע פיש און יאַיכלעך האָט די מומע ליב „פּאָ זשידאָווסקו" און וועגן אַ ביסל טשולנט טרוימט זי ממש.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אירקאַ האָט זיך באַקענט מיט אַ מאַגיסטראַט־באַאַמטן און ער האָט צוגעזאָגט זי איינצומעלדן אין גראָדזשיסק, אָפּשטעמפּלענדיק איר פּאַס מיט אַ דאַטע פון פאַר דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד.

אַזאַ דאָקומענט איז זייער וויכטיק: זי וועט זיך נישט מוזן אויסבאַ־האַלטן אַלס וואַרשעווער אויפשטענדלערין.

„אויב דו וועסט אים געבן אין לאַפּע אַריין, וועט ער אויך פאַר דיר באַזאָרגן אַזאַ איינמעלדונג" — טרייסט מיך אירקאַ.

איך האָב איר גלייך געגעבן מיין „קענקאַרטע" און געלט.

— העלאַ, פאַר וואָס ביסטו אין פּאַס פאַרשריבן טשעסלאַוואַ, ווען מען רופט דיך העלענאַ?

— אייגנטלעך הייס איך טאַקע טשעסלאַוואַ, נאָר נאָכן טויפן האָט זיך מיין מאַמע איבערגעקלערט, אַז זי האָט אויסגעקליבן אַן „אומגעלומפּערטן"

נאָמען און מיך אָנגעהויבן רופן העלענאַ און אַזוי איז מיר שוין דער נאָ־מען געבליבן.

אויף צומאָרגנס איז מיין קענקאַרטע געוואָרן „כשר". איצט וועל איך דרייסטער קאָנען פאָרן קיין פּרושקאָוו זוכן ישראלס שפּורן.

און טאַקע שוין דעם זעלבן טאָג האָב איך זיך אַרומגעדרייט נעבן די מוי־ערן פון פּרושקאָווער זאַמל־פּונקט. געשנאַפּט, גענישטערט, נאָכגעפרעגט אין די קעגנאיבערדיקע קראָמען, געזאָלט עפּעס געוואָר ווערן. אָבער דורכן לאַ־גער זענען אַדורך הונדערטער טויזנטער מענטשן. יעדער, וועמען איך פרעג — לאַכט זיך אויס פון מיר.

איך האָב געצאָלט געלט פאַר אַנווייזן מיר אַדרעסן פון די, וואָס אַר־בעטן דאָרט. כ'בין אַרומגעלאָפן פון איינעם צום צווייטן, באַקומען צוזאָ־געענישן, הבטחות. טייל פון די מענטשן האָבן געעצהט צו ווענדן זיך צו ר.ג.אָ. (אַן אָפיציעלע הילפס־אָרגאַניזאַציע — אַזאַ מין רויטער קרייץ).

אַ סך קראַנקן־שוועסטער און דאָקטוירים האָבן אין יענע טעג אַרויס־געראַטעוועט פון לאַגער מענטשן „פעסטשטעלנדיק", אַז זיי זענען קראַנק, אָדער פּשוט איבערטוענדיק אַ געוויסע צאָל אויפשטענדלער אין בגדים פון שפּיטאָל־אַרבעטער. און ווידער האָב איך אָנגעהויבן וואַנדערן פון איין דאָקטער צום צווייטן, פון איין קראַנקן־שוועסטער צו דער אַנדערער. איך בין אָבער ביי קיינעמען פון זיי גאָרנישט געוואָר געוואָרן.

מען האָט מיר געהייסן אַדורכקוקן אין ר.ג.אָ. די גרויסע בריוו־זאַמלונג, וואָס די פאַרשיקטע האָבן פאַרן אָפּפאָרן איבערגעלאָזט פאַר זייערע קרובים. שעהן לאַנג זוך איך צווישן בריוו, בריוולעך און ברעקלעך פּאַפּיר. טויזנ־טער קאַרטלעך, צעטלען. טרויעריקע, פאַרדאגהטע, פול מיט ליבשאַפט, ציטער, בענקעניש און האָפענונג. פאַר מיינעט וועגן — גאָרנישט! אַפילו נישט איין וואָרט.

אַ שווערע, אַ מידע קום איך צוריק „אַהיים".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

קרולן זעט מען נישט. ער וואָלט דאָך זיכער געקאָנט אַריינגיין אין פּרושקאָווער לאַגער און געניי זיך דערוויסן, צי יאַן מאַלאַרסקי איז דאָרט געווען און ווו אַהין מען האָט אים געשיקט. די מומע פאַרזיכערט מיך, אַז נישט איין מאָל איז קרול אַזוי פאַרשוואונדן. ער ווינט אין בידגאָשטש און איז אַוודאי געפאָרן צום ווייב אָװעקפירן אַ גרויסן אוצר, אַן אַרויסגעצויגענעם פון וואַרשע און „אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט ער צוריק קומען" — באַרואיקט מיך די מומע.

9.

יוזשקאַ, די שמוגלערקע איז אַ מאָרפיניסטין. ווען זי פאַרט נישט האַנד־לען, „טליקעט" זי זיך אַרום אין דער וווינונג, ווי אַ שד. יעדן צווייטן טאָג סימולירט זי אַ לעבער־אַנפאַל און ד"ר מירענסקי (דער סאַצעוויטשנס מיט־העלפער ביי שווערע אַבאָרטן) שפּריצט איר איין אַ דאָזע מאָרפיום. אויב דער דאָקטער איז גראָד נישטאָ ביי זיך אין דער היים און יוזשקאַ קומט צוריק אַ נישט־באַפרידיקטע, דעמאָלט איז פשוט אַ סכנה צו געפינען זיך נעבן איר. ווי אַ משוגענער הונט לויפט זי אַרום אין די צימערן, דרייט איבער אַלץ וואָס זי טרעפט אין וועג, רייסט פון זיך אַראָפּ די מלבושים, שמייסט און צעקלאַפּט פלאַשן אין די ווענט ,כאַפּט זיך צום שלאָגן, אויב עס האָט ווער די העזה צו זאָגן איר מוסר.

זי אַוואַנטורעוועט זיך אַזוי לאַנג, ביז עמעצער פון אונדז לויפט רופן דאָקטער מירענסקי, אָדער אַן אַנדערן רופא. דערנאָך רעהאַביליטירט זיך יוזשקאַ כלפּי דער מומען, אַוועקשענקענדיק איר אַ טייל פון געבראַכטן שמוגל.

היינט, נאָך מיין צען־טאָגיקן אויפהאַלטן זיך ביי דער סאַצעוויטש, האָט יוזשקאַ אָנגעהויבן איר ווייסטן „טאַנץ".

— קום, — שרייט זי פּלוצלינג אויס צו מיר — קום, מיר וועלן גיין אין קנייפּע אַריין טרינקען! אויב דו גייסט נישט, צעשמעטער איך דיר דעם קאָפּ!

— אויך דו, אַלטע זונה, — ווענדעט זי זיך צו דער סאַצעוויטש — וועסט שוין מער נישט אויפשטיין, אויב דו וועסט זי פּרווון פאַרהאַלטן!

— העלענקאַ טייערע, — בעט זיך ביי מיר די מומע — גיי מיט איר. טו דאָס פאַר מיר און גיי!

איך טו אָן דעם מאַנטל, נעם מיין בייטל און גיי געהאָרכזאַם מיט יוזשקאַן.

גייענדיק אויף די טרעפּ, כאַפּט מיך יוזשקאַ האַסטיק אַרום און גיט מיר אַ קוש גלייך אין מויל. אַ קאַלטער ציטער לויפט מיר אַדורך איבער דער פּלייצע.

— קום שנעל, — בלאָזט אויף מיר אַ הייסער, קרענקלעכער אָטעם — קום, איך האָב דיר עפּעס וואָזשנעס איבערצוגעבן.

עס באַפאַלט מיך אַ פּחד. איך באַגעגן דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אַזאַ ווילדע, אומגעצוימטע בריאה.

יוזשקאַ פירט מיך. זי מיידט אויס די קנייפּע, פאַרקערעוועט אין אַ פּוסטן הויף, בלייבט שטיין אין אַ ווינקל און אַ צערייצטע, וואַרפט זי פון זיך אַרויס:

— כ'האָב בכוונה סימולירט אַ לעבער־אַטאַק, כדי דיך צו וואָרענען. היינט ביינאַכט דאַרף קומען פּאָליציי נאָך דיר און נאָך אַננאַן מיטן ייִנגל. די זאַוואַדזקאַ, וועלנדיק זיך אונטערחנפענען דער אַלטער, האָט דיך אויס־געגעבן. זי האָט איר דערציילט, אַז דו ביסט אַ ייִדישקע, און אַז דו האָסט אין ראַק פאַרנייט אַן אוצר. אַננאַ ווידער האָט שוין עטלעכע מאָל געהערט ייִדיש פון שלאָף. נאָר אַננאַ אינטערעסירט מיך נישט! „ניעך טאַם!". אָבער דיך האָב איך ליב באַקומען. גיי מער נישט אַרויף צו דער מומען. די פּאָר שמאַטעס וואָס דו האָסט אין דער הייך, זענען גאָרנישט ווערט, קויף דיר אַנדערע. איך וועל זאָגן, אַז דו האָסט זיך אַנגעשיכורט און ביסט אַוועק מיט אַ קאַוואַליער. בלייב געזונט!

איך האָב פעסט געדריקט יוזשקאַס הענט און נישט געקאָנט אַרויס־רעדן קיין וואָרט.

יוזשקאַ איז אַריין אין דער קנייפּע. איך בין געבליבן שטיין ביי אַ פּאַרקאַן, אַ באַקלעפּטן מיט צעטלען און נעמען פון זוכנדיקע זיך קרובים.

„ווו טרעפט מען איצט אַננאַן?" — עגבערט מיר אין מוח. אויב זי וועט אַרויפגיין צו דער סאַצעוויטש, איז זי מיטן ייִנגל פאַרלוירן. ווו קאָן זי איצט זיין? אפשר אין קאַשטשאָל? זי האָט זיך אַזוי פיל מאָל באַרימט, אַז זי העפט דאָרט אויס אָרנאַמענטן. אפשר וועל איך זי דאָרטן באַגעגענען?

10.

דער קאַשטשאָל איז כמעט ליידיק. פאַר אַ בילד פון אַ הייליקן קניט אַ פרוי. צווישן די בענק — איינגעבויגענע מענטשלעכע סילועטן. פאַרן הויפּט־אַלטאַר — אַ גרייז־גרוי פאַרפאַלק.

אין דער זייט, נישט ווייט פונעם קאָנפעסיאָנאַל — אַננאַ מיטן ייִנגל. ביידע פאַרטיפט אין געבעט.

איך האָב זיך צוגעזעצט צו אַננאַן און שעפּטשענדיק, אַלץ איר דער־ציילט. איך האָב געקוקט פאַר זיך און געמורמלט, ווי ביים זאָגן פּאַטשער. ווען איך האָב געענדיקט האָט אַננאַ זיך שטילערהייט געוואַלדיק אויפגע־קאָכט: ווי האָב איך די העזה זי חושד זיין אין ייִדישן אָפּשטאַם?!

זי האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט מיר צו געטרויען און זיך באַצויגן מיט חשד צו מיינע ווערטער, הגם איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין אַ ייִדישקע. איך האָב געשוווירן איבער אונדזערע אומגעקומענע נאָענטע און אָנגעהויבן שטיל, שטילינקע צו רעדן ייִדיש.

אַזוי לאַנג נישט גערעדט קיין ייִדיש! גערעדט און געוויינט. אַ צוקער־קער האָט געקאָנט מיינען, אַז איך בעט אַזוי הייס צו גאָט. איך האָב גע־

וויינט האַרציק, ווי אַ באַוועלעט קינד; ווי עס האָט געקאָנט וויינען נאָר אַ היימלאָזע, איינזאַמע ידישקע.

די טרערן האָבן מיר געברענגט פאַרגרינגערונג און אַננאַן — צוטרוי צו מיינע רייד. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר. עס האָבן איר געקלאַפּט די ציין אין מויל.

— ווו אַהין גיין, טייערע? — איז צו מיר דערגאַנגען איר שעפּטשען — ווו איבערנעכטיקן? מיין יינגל איז געמלעט, מיין אָרעם, פאַרמאַטערט קינד. ער האָט שוין נישט קיין כוח מער. זיינע נערוון, די כסדר אַנגעצויגענע פון שרעק... וואָס טאָן? ווו אַהין גיין?

זי האָט אַרויסגעוואָרפן אָפּגעריסענע ווערטער, נישט־פאַרענדיקטע זאַצן. זי האָט געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער, געבראָכן די פינגער.

מיך אַליין האָט אויך געמאַטערט דער געדאַנק ווו איבערצונעכטיקן, ווו אַהין צו גיין. יעדער נאָרמאַלער מענטש האָט משפחה, קרובים, חברים, באַקאַנטע, צו וועלכע ער קאָן זיך ווענדן אין אַן עת־צרה. אָבער אָט דעם גאַנצן קרייז, וואָס רינגלט אַרום און באַגלייט יעדן מענטש אין זיין לעבן — האָבן אומרחמנותדיקע הענט פון אונדז אַוועקגעריסן, אומגעברענגט. אַרום און אַרום — נאָר שונאים.

פלוצלינג איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק:

— אַננאַ, — האָב איך קוים דערהערבאַר געזשומעט — גיי אַריין מיטן יינגל צום גלח; זאָג אים, ער זאָל אייך ביידן אָפּשמדן; זאָג, אַז איר ווילט נישט זיין מער קיין יידן און דעמאָלט וועט ער זיך פאַראינטערעסירן מיט אייך און איר וועט ניצול ווערן.

אַננאַ איז געזעסן איינגעהויקערט, ווי פאַרגליווערט. דאָס יינגל — מיט אַ פוסטן בליק, ווי ער וואָלט געשלאָפן מיט אָפענע אויגן. האָט ער געטראַכט פון זיינע קינדער־יאָרן?

ווו זאָל איך גיין? — עגבערט אין מיר אַן אומרו. אפשר צום שניידער ז., צו ישראלס באַקאַנטן, וואָס פלעגט ביי אונדז קויפן אַנצוג־שטאָף? ניין, דער אינסטינקט הייסט נישט. אפשר פאָרן קיין וולאָכי, צו דער פרוי, ווו איך מיט דער זאַוואַדזקאַ האָבן איבערגענעכטיקט? יאָ, דאָס איז דער איינ־ציקער אויסוועג.

אומבאַמערקלעך דערלאַנג איך אַננאַן די האַנט. זי כאַפּט זי אָן, האַלט אַ רגע אין אירע דלאָניעס און דריקט זי צו צו איר האַרץ.

איך צלם זיך אָפּ און פאַרלאָז מיט שטילע טריט דעם האַלב־טונקעלן קאַשטשאָל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין מלחמה־צייט ווערן אָפט די אַמאָל ברייטע האָריזאָנטן איינגע־

שרומפּן ביז צו דער גרויס פון אַ טיר, צו וועלכער מען לויפֿט בשעת אַ סכנה. דאָס גאַנצע לעבן איז דעמאָלט אָפּהענגיק דערפון, צי מען וועט די טיר טרעפן אָן אָפּענע, אָדער אַ פאַרמאַכטע. און אפשר טאָקע דעמאָלט פילט מען דעם כוח פון לעבן ממשותדיקער, ווי אין נאָרמאַלע, רואיקע צייטן.

.11

איך פאָר קיין וולאָכי. אין גראָדזשיסק, פאַרן אַריינשטייגן אין דער קאָלעיקע, קויף איך אַ שפּאָר ביסל פּראָוויאַנט: צוקער, וווּרשט, געררייכערט פלייש, אויך קוכן און זיסוואַרג פאַר די קינדער.

מיינע מיטרייזנדע פירן אַ גאַנצן וועג הייטערע געשפּרעכן. אַלע האָבן פרייע אויגן. אַלע דרייען זיך אין פאַרכישופטן ראָד פון טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן.

— פאָרסט קיין וולאָכי? — פרעגט מיך אַ פריילעך פויערל.

— יאָ. — ענטפער איך קורץ און גיב אַ ברייטן געגעץ.

דער בין־השמשות שאַרט זיך אַריין דורך די פענצטער פונעם לויפנדיקן צוג. ווען עס דערהערט זיך דעם קאָנדוקטאָרס אויסרוף: „וולאָכי", איז שוין גוט טונקל.

פון דער סטאַציע ביזן שטעטל איז אַ שטיק וועג, בערך אַ קילאָמעטער. איך שפּריין צוזאַמען מיט אַ גרופּע אָנגעקומענע, וואָס איילן זיך אַהיים פאַרן דערנענטערן זיך פון דער פּאָליציי־שעה.

איך בין מיד, פאַרטעמפּט. צוליב וואָס מאַטער איך זיך, אייגנטלעך? פאַר וועמען? צוליב וואָס גיי איך דאָ איצט אויף דעם אומבאַקאַנטן פעלד, אונטער דעם שוואַרצן הימל, צווישן פרעמדע מענטשן? ווער בין איך?

אַ רגעלע, וואַרט נאָר, צו וועמען גיי איך? אין קאָפּ איז מיר אַזוי ליידיק! ווי הייסט די פרוי אין וולאָכי? ווי הייסט די גאַס וווּ זי וווינט? ווי אַזוי גייט מען אַהין?

כ׳האָב אַלץ פאַרגעסן, כ׳געדענק גאָרנישט. עס באַפאַלט מיך אַן אימה. אויף פרעמדע, אומבאַקאַנטע וועגן איז די נאַכט נאָך פינצטערער, נאָך שרעקעוודיקער. עס איז דאָך מעגלעך, אַז איך זאָל נישט טרעפן, וווּ־זשע וועל איך דעמאָלט איבערנעכטיקן?

אַלע מיטגייער פאַרשווינדן איינציקווייז. די שטילקייט איז געשפּאַנט און פאַרפירעריש. ביי יעדן שאָרך הייבט דאָס האַרץ אָן שנעלער צו קלאַפּן. עס דאַכט זיך מיר, אַז דער טויט מיט אַ קאָסע אויפן אָרעם גייט נעבן מיר, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

און פּלוצלינג, ווי אַ בליץ, רייסט זיך אַדורך און קומט אויפן זכרון דער אַדרעס: מאַרטאַ לימטשוק, סטאַדאָלנאַ 10.

.12

מאַרטאַ מיט די קינדער דערפרייען זיך מיט מיר שטאַרק. איך פּאַק קודם כל אויס די פּעקלעך און אַן „אויפגעהייטערטע” דערצייל איך וועגן דעם, אַז איך האַנדל און פֿאַרדין זייער גוט, אַז איך קויף אויף און פֿאַרקויף וואָס עס לאָזט זיך. גראָד בין איך אויך דאָס מאָל געקומען קיין וולאָכי אויפקויפן מלבושים, ווייל מען האָט מיך אינפֿאָרמירט, אַז טאַקע דאָ איז דער מקור פֿון מציאות.

— יאָ, — זאָגט מאַרטאַ — דייטשן, וואָס „רייניקן” אָפּ וואַרשע, פֿאַר־קויפן דאָ בחצי־חינם די טייערסטע מלבושים. ווען איך וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איך אויך געהאַנדלט.

ס׳געזינדל שלינגט איין מיט די אויגן די געשמאַקע פלייש, וואָס ליגן אויפן טיש. מאַרטאַ מאַכט פייער, רעדט צו מיר מיט רעספּעקט, באַקלאָגט זיך אויף איר ביטער מזל, אויפן דלות, אויף דעם, אַז זי מוז גנבענען קוילן אויף דער באַן־סטאַציע, איינשטעלנדיק דעם קאָפּ; אַנדערש וואָלטן זיי געפרוירן געוואָרן. די קינדער זענען אָן שיך און פֿון שטוב איז אַלץ כמעט שוין אויספֿאַרקויפט.

— פּאַני מאַרטאַ, — פֿאַרטראַכט איך זיך — דו האָסט דעמאָלט מיר געהאָלפֿן, וועל איך איצט דיר העלפֿן. איך האָב צום מסחר גענוג געלט. ווער מיין שותפטע! דו וועסט אויפקויפן און איך וועל פֿאַרקויפן. קיין מורא דאַרפסטו נישט האָבן, ווייל מיין פּאַס איז שוין כשר. עס איז מיר אויך נישט קיין אונטערשיד, ווו איך וווין, אין גראָדזשיסק, אָדער אין וולאָכי. להיפך, ביי דיר איז שטילער, דערצו האָב איך ליב קינדער, דו ביסט אַ פיינע פרוי, לאָמיר פּרובירן!

מאַרטאַ קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ הייליק בילד. און באַלד הייבט זי אָן כליפּען:

— גאָט האָט דיך געשיקט צו מיר. מיין מאַן האָט זיך געמיט. איך וועל דיך באַדינען און אָפּהיטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ. עס איז אמת, וואָס מען זאָגט: „אַ גאַסט אין שטוב — גאָט אין שטוב”.

נאָכן אָוונט־ברויט גרייט מאַרטאַ צו פֿאַר מיר אַ בעט מיט קלאָר איבער־געצויגן בעטגעוואַנט, וואָס שמעקט מיט ערב־פּסח. דערנאָך זאָגן מיר אַלע פּאַטשער.

עס ווערט פינצטער. עס שטאַרבט אָפּ דער לעצטער קלאַנג פֿון טאָג. מיין גורל פֿראָלאָנגירט מיר ווידער דאָס לעבן. איך נעם דאָס שיער נישט אָן, ווי אַ ישועה. צי וועט זיך אָבער מאָרגן דאָס אַלץ נישט ענדיקן?

ישראל, עס באַקומט מיר נישט מיין רו! ווו ביסטו איצט, מיין אָרע־

מער? מאַטערסטו זיך? קלערסט: וועגן מיר? איך ווייס — דו לעבסט. איך ווייס אָבער נישט, ווי שטאַרק די ליידסט. אפשר שלאָגט מען דיך?

יאַנקלס גורל שרעקט מיך ווינציקער ווי ישראלס. אין רוסלאַנד מאַכט מען נישט פון מענטשן קיין זייף, מען פאַרניכטעט נישט יידן בלויז צוליב דעם, ווייל זיי זענען יידן.

יאַנקעניו, שוואַכינקער, האַלסטו אויס די שווערע אַרבעט?

די פינצטערניש פאַרטיפט זיך. דאָס רייגע בעט איז אַזוי עולם־הזהדיק גוט, אַז עס ברענט מיך ממש. עס וואָלט פאַר מיר בעסער געווען צו שלאָפן אויף שטיינער, צו ווערן אומאויפהערלעך פאַרפאָלגט, געפלאָגט און גע־פייניקט. די בענקשאַפט דריקט אַזוי שטאַרק, אַזוי אומרחמנותדיק שטאַרק!

— * —

נאָכן פרישטיק גייען מיר ביידע אין באַזאַר האַנדלען. דאָס ערשטע דרייען מיר זיך צווישן המון צוזאַמען. נאָכן איינקויפן אַ ביסל מלבושים גייט יעדע פון אונדז באַזונדער, כדי צו געפינען בעלנים אויף דער גע־קויפטער סחורה.

איך באַמי זיך צו זיין וואָס ווייטער פון מיין שותפטע און „שטופ אָפּ" מיט היזק אַלע איינגעקויפטע „מציאות". דערנאָך זוך איך אָפּ מאַרטאַן און „שטאַלציר" מיט מיין „פעטן" ריווח. זי איז מיך מקנא: איר איז געלונגען צו פאַרקויפן נאָר אַ רעקל.

— זאָרג זיך נישט, מאַרטאַ, — זאָג איך איר — אונדזער ביידנס פאַר־דינסט וועט קלעקן אויף אַ וואָך פרנסה.

מאַרטאַ כאַפּט מיך אַרום און צעקושט זיך מיט מיר. איך גיי אַהיים, זי דאַקעגן וויל נאָך פרווון גליק. זי וויל נישט בלייבן היגטערשטעליק אינעם שותפות.

פאַרן אַוועקגיין גיב איך איר דאָס „פאַרדינסט" און זאָג:

— קויף פאַר די קינדער שיכלעך און אַלץ וואָס מיר דאַרפן אין שטוב. אויב עס וועט דיר נישט געלונגען שנעל פּטור צו ווערן פון די „לאַכעס", — קום אַהיים, וועלן מיר מאָרגן פאַרקויפן.

איך גיי און טראַכט: דאָס געלט און חפצים, וואָס איך האָב ביי זיך קאָן מיר סטאַרטשען אויף צוויי יאָר צום לעבן. די מלחמה וועט שוין זיכער נישט געדויערן אַזוי לאַנג און אויב עס וועט מיר געלונגען איבערצולעבן ביי מאַרטאַן אָן „ווסיפּעס" — וועט מיר נאָך בלייבן אויף דער ערשטער צייט נאָך דער מלחמה. זאָל נאָר ישראל לעבן און צוריקקומען! מיר וועלן אָנהייבן פון אַ פאָדעם.

אַלע מיינע ביז־איצטיקע באַמיאונגען אים אָפּצוזוכן זענען געווען אומ־זיסטע. נישטאָ קיין שפור פון טאַטן, פון אסתרן, פון די סטאָצקער, פון

סטאַכן, פון מיין גאַנצער גויעשער „משפּחה״ — איינזאַם בין איך און עלנט!

און דאָך קעמף איך פאַרן לעבן. עס איז פּשוט נישט פאַרשטענדלעך, נישט צו גלייבן! איז עס אַ שוואַכקייט, אָדער אַ גבורה? איך מיין, אַז עס איז שווערער צו לעבן, ווי זיך אונטערצוגעבן.

אַכט טעג זענען אַריבער זינט איך וווין ביי מאַרטאַן. די קינדער זענען זאַט, לויפן אַרום אין נייע שיכלעך; מאַרטאַ קאָכט, באַקט און פרייט זיך פון דער שפע אין איר היים. עס פאַלט איר אַפילו נישט איין חושד צו זיין, אַז איך בין אַ יידישקע. עס הייבן זיך אָבער אָן מיט מיר צו אינטערעסירן די בעלי־בתים פון הויז.

— עס וווינט ביי דיר אַן אומגעמאָלדענע פרוי — האָט דער הויזווירט פאַרהאַלטן מאַרטאַן — און ווער זי איז ווייסטו?

— יאָ, איך ווייס, דאָס איז אַ מלאך פון הימל!

— אַזוי? טאָ וועל איך היינט מעלדן אין דער פּאָליציי און דיין „מלאך״ וועט אַרויספליען פון מיין הויז! — האָט ער ציניש געענטפערט.

מאַרטאַ האָט זיך אָנגעצונדן:

— דו, דו וועסט צונעמען ביי מיינע יתומים דאָס שטיקל ברויט? איך וועל דיר דעם קאָפּ עפענען! איך האָב נישט וואָס היזק צו האָבן, פאַר־שטייסט!

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ זידלעריי, אַ שפייען זיך אין די פּנימער, און ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען איך וואָלט גראָד נישט אָנגעקומען און מאַרטאַן אַוועקגעצויגן מיט כּוח.

מאַרטאַ האָט מיך ביז איצט נישט איינגעמאָלדן, ווייל זי איז שולדיק פאַר אַ לענגערער צייט דירה־געלט. „ווען איך וועל דיך גיין איינמעלדן, וועט דער בעל־הבית מיך מאָנען״ — האָט זי געטענהט. בעצם בין איך דערפון צופרידן: מיין „כּשרער״ פּאַס איז דאָך צוזאַמען מיט מיר טריף און — בעסער נישט צו קריכן דעם טייוול אין די אויגן אַריין.

ווען מאַרטאַ האָט זיך אויסגעוויינט און אַ ביסל באַרואיקט, בין איך אַראָפּ צו די בעלי־בתים.

אַ העל־גרינע טיר. אַ מעשן בלעכל מיטן אויפשריפט: „יאַן גלינקאַ״. אָט שטיי איך אויף דער שוועל פון אַ גרויסן עסצימער. מיין אויג כאַפּט שנעל אויף אַלץ, וואָס געפינט זיך אינעווייניק: דאָס אַלטמאָדישע מעבל, ביליקע בילדער, דעם גרויסן טיש מיט שטולן, אַ סאָפע, די דריי־פּערזאָ־ניקע משפּחה.

ווי א סטויג היי — די ברייט־צעוואקסענע באַלעבאָסטע. איר פּיזיאָ־

נאָמיע — אַן אויסדרוק פֿון טעמפּקייט און שנאה, עפּעס ווי אַ בלינדער אינ־סטרומענט אין די הענט פֿון פֿיינדלעכע כוחות. ביים פֿענצטער — דער הויכער, דאַרער און לייכט איינגעבויגענער בעל־הבית. קאָמיש באַוועגן זיך ביי אים די גרויע וואָנסעס, ווי ביי אַ האָז. אויף דער סאָפע — זייער יונגע, אויסערגעוויינטלעך שיינע טאָכטער. זי דליבעט די נעגל, ווי זי וואָלט מיך בכלל נישט באַמערקט. אירע קלאַסיש שיינע דלאָניעס ציען צו מיין אויפמערקזאַמקייט.

נישט דער בעל־הבית, נישט זיין ווייב און טאָכטער בעטן מיך זעצן.

אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט, זאָג איך שטיל, זיכער און דייטלעך:

— איך בין געוווינט צו אונדזער אַלט־פּוילישער גאַסטפֿריינדלעכקייט, וועלכע הייסט דערלאַנגען יעדן באַזוכער אַ שטול. שטאַמט איר פֿון דייטשן?

דאָס פּאַרפּאַלק גיט זיך אַ ריר. דאָס שלאַנקע מיידל ווערט רויט.

— פּראָשען, — ווייזט דער בעל־הבית אָן מיט דער האַנט אויף אַ פּאָ־טעל ביים טיש.

איך זעץ זיך.

— כ'האָב געהערט, אַז איר ווילט וויסן, ווער איך בין, — שמייכל איך איראָניש — אָט דאָ איז מיין קענקאַרטע. איך צווייפֿל אָבער, צי זי וועט אייך דערציילן וועגן פּוילישער העלדישייקט, וועגן פּאַרלאָזטע היימען, וואָס מען האָט מפקיר געווען אויפֿן מזבח פֿון פֿרייהייט. יאָ, איך בין אַ וואָר־שעווער אויפֿשטענדלערין. און איר דראָט מיר מיט געסטאַפּאָ, נישט אמת? וואָס פֿאַראַ בושה! האָבן די דייטשן אַזוי אונטערגעגראָבן און פֿאַרדאָרבן דעם מאָראַל ביי אַ טייל פֿון אונדזעריקע?

איך פֿאַרקערפּער זיך אין אַ פּריידיקער פֿון מוסר, רעד מיט פּאַטריאָ־טישן פּאַטאָס, דערמאָן וועגן מיין פֿעטער, דעם ביסקופּ באַנדורסקי און באַלד באַמערק איך, ווי די משפחה גלינקאָ ווערט שפּלדיק קליין, ממש איינגעשרומפּן.

זיי בעטן מיך איבער און וואַרפֿן אָפּ די שולד אויף די אומנאָרמאַלע צייטן: די מורא, אַז מאַרטאַ האָלט ביי זיך אַ יידישקע, האָט זיי נישט געלאָזט שלאָפֿן. אָבער איינקוואַרטירן מיך, אַן אויפֿשטענדלערין פֿון וואַרשע און דערצו נאָך פֿון אַזאַ מיוחסדיקער משפּחה — איז דאָך דער גרעסטער כבוד. זיי זענען אַפילו גרייט מיר אָפּצוגעבן אומזיסט אַ צימער ביי זיך און אויב איך וועל אָננעמען זייער אָנבאָט, וועט דאָס זיי ממש פֿאַרשאַפֿן פֿרייד.

איך דאַנק זיי העפֿלעך, בלייב נאָך אַ רגע זיצן, שמועס מיט זיי פֿאַמי־ליאַר, געמיטלעך, באַמערק זייער איינגעגלייבטקייט אין זיך, זעלבסטזיכער־קייט, קליינשטעטלדיקע חכמה.

און דאָך האָט זיי אַ יידישקע איבערגעכיטרעוועט. נאָך איין נס, אַ קליין נסעלע אין דער גרויסער צאָל יידישע נסים...

מיר געזעגענען זיך, ווי אַלטע גוטע פריינד.

ווען איך דערצייל אַלץ מאַרטאַן, שעפּט זי נחת. זי רופט מיך „כישוף־מאַכערין".

.14

נישט לאַנג האָט געדויערט די „אידיליע". אין עטלעכע טעג אַרום, גייענדיק מיט מאַרטאַן אין גאַס, איז פאַר מיר, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן יוזשקאַ, די מאַרפינִיסטקע. זי איז געווען אַ ביסל שיכור.

— העלקאַ, — האָט זי מיך אַרומגעכאַפּט — ווייסטו, אַז אַנשטאָט דיך האָבן די זשאַנדאַרמען, יענע נאַכט, צוגענומען די סטאַשאַקאַווא? האָסטו אַננאַן געוואָרנט? אויך זי איז שוין נישט צוריקגעקומען! כע, כע, כע! יידישע קעפּלעך! ווי קעץ פילן זיי אויס אַ סכנה. ווייסטו, אַז קרול לעבט שוין נישט? דיין דאָלאַר האָט גורם געווען זיין טויט, כי, כי, כי! זיין ווייב זוכט דיך אַרום, קום נישט מער קיין גראַדזשיסק! יאָ, אַננאַן מיטן יינגל האָב איך נעכטן געזען, זי איז אָבער גלייך פאַרשוואונדן.

— יוזשקאַ, — רוים איך איר איין — באַרואיק זיך, מאַכסט מיך אומ־גליקלעך!

— ע־ע! — פאַרגלייצט זי די אויגן — ווער איז זי, דיין באַגלייטערין? אַ שוץ־מלאך, אָדער אַ מלאך־המות?

— זיי געזונט, יוזשאַ — דערלאַנג איך איר די האַנט — שלאָף זיך איבער אַ ביסל און דערנאָך וועלן מיר זיך טרעפן.

איך האָב מאַרטאַן גענומען אונטערן אָרעם און שנעל מיט איר אַוועק.

— העלקאַ! — האָט יוזשאַ געגרופן.

איך האָב זיך נישט אומגעקוקט.

— ווייסט, מאַרטאַ, דאָס איז אַ מאַרפינִיסטין, אַ נישט־נאָרמאַלע פרוי מיט אַ מוראדיקער פאַנטאַזיע. זי טראַכט אויס זאַכן, וואָס זענען נישט גע־שטויגן און נישט געפלויגן!

מאַרטאַ שווייגט. איך פיל, אַז דאָס קערנדל, וואָס יוזשאַ האָט געוואָרפן, הייבט אָן צו געדייען. זי שווייגט אויך אין דער היים. זי קוקט אויף מיר זייטיק, איז אומרואיק און פאַרטראַכט.

עס פעלט מיר מיין גויאישע „משפחה". ווען סטאַך וואָלט איצט געקו־מען אַלס מיין ברודער, וואָלט זיך אַלץ אויסגעלייטערט.

כמעט יעדן נאָכמיטאָג פאָר איך קיין פּרושקאָוו. דאָס איז איצט דער

איינציקער פונקט, צו וועלכן ס'ציען מיינע געדאַנקען מיט דער האָפענונג, אַז איך קאָן דאָרט עפּעס געוווי" וועון וועגן ישראלן. איך האָב אויך שוין עטלעכע מאָל געשריבן צום רויטן קרייץ, אָבער קיין תשובה נישט באַקומען.

היינט פאַר נאַכט, ווען כ'האָב זיך צוריק אַהיימגעקליבן, האָט געפרי־שעט אַ דראָבנע רעגנדל. גוט, וואָס איך האָב מיטגענומען מאַרטאַס געלאַ־טעטן שירעם.

נישט ווייט פון דער סטאַדאָלנע־גאַס, אויף אַ פוסט שטיקל פּלאַץ, פאַר־פלאָנטערן זיך מיר די פיס אין אַ קנויל דראָטן. איך הייב אויף דעם דראָט, לייג אים אַוועק הינטער אַ וואַנט און גיי מיר ווייטער.

— איר זענט אַ טיכטיקע און נעטע פראַו — הער איך הינטער זיך.

איך דריי אויס דעם קאָפּ. נישט ווייט פון מיר שטייט אַ מיטלוועקסיקער דייטש פון אַ יאָר פופציק. אויף זיין אַרבל — אַ רויטע לענטע מיט אַ שוואַרצן האַקנקרייץ און אַן אויפשריפט „טאָד", וואָס ווייזט, אַז ער געהערט צום הינטער־חיל.

אפשר דערלויבט איר מיר צו גיין אונטער אייער שירעם? — פרעגט ער העפלעך.

— אַ דייטש אונטער אַ שירעם?! אַ זון פון דעם „הערנפאָלק"? אָ, ניין. דאָס פּאַסט נישט.

איך שטעל שנעלע טריט. ער — נאָך מיר.

— פאַר וואָס טראָגט איר אַזעלכע צעריסענע הענטשקעס? זענט איר פון וואַרשע? זאָגט, מאַדאַם, ווו איר האָט געוווינט, וועל איך אייך ברענ־גען אייערע זאַכן.

— לאָזט מיך צו רו, „ריין־ראַסיקער" הער!

אַ שנאה, אַ גוואַלדאָווגע שנאה האָט אין מיר אויפגעלעבט. איך בין גע־ווען גרייט זיך אויף אים צו וואַרפן, דאָך האָב איך געשוויגן און, נישט אומקוקנדיק זיך, געגאַנגען ווייטער.

איך דערהער ווידער זיין שטים:

— אמת, די דייטשן זענען באַגאַנגען אַ סך זינד, אַ סך שלעכטס, אָבער נישט אַלע זענען שולדיק. איך שעם זיך אַ סך מאָל, וואָס איך בין אַ דייטש. זאָגט, מיט וואָס קאָן איך אייך העלפן, מאַדאַם?

— איך וויל בלויז דערלעבן די מינוט, ווען איך וועל זען ביי אייך דאָס אַלץ ,וואָס איר האָט געזען ביי אונדז! — האָב איך אים איין אָטעם אַרויסגעוואָרפן פון זיך און בין אַנטלאָפן.

15.

ביי מאַרטאַן איז געזעסן אַ שכנה. איך האָב דערציילט דעם עפּיזאָד

מיטן דייטש. מאַרטאַ איז געוואָרן זייער אויפגערעגט: „ווּעסט נאָך ברענ־געַן אָן אומגליק אויף מיין היים, העלענאַ, אויב דער דייטש האָט געזען, ווו אַהין דו ביסט אַריין, וועט ער קומען דיך אַרעסטירן".

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, די שכנטע איז נאָר וואָס געהאַט אַרויס־געגאַנגען, ווי עס האָבן זיך דערהערט דייטשישע קולות אויפן הויף: „די וואַרשעווער פראַו, די וואַרשעווער פראַו!"

מאַרטאַ צלמט זיך אָפּ און שעפטשעט אַ צעשראָקענע: „יעזוס מאַריאַ, מי זיך פאַר אונדז!". זי כאַפּט דעם לאָמפּ און לויפט אַרויס. איך — נאָך איר.

אויפן ערשטן שטאָק, באַלאָדענע מיט פעק, שטייען צוויי דייטשן: אַ הויכער און אַ נידעריקער. אין דעם נידעריקן דערקען איך דעם דייטש, וועלכן איך האָב מיט אַ שעה צוריק געטראָפן אויף דער גאַס. ער דערזעט מיך, דערפרייט זיך שטאַרק און קומט שנעל אַרויף. נאָך אים — דער צווייטער. מאַרטאַ איז ווייס, ווי קרייד.

— וואָס ווילט איר דאָ? — פרעג איך, ווען זיי בלייבן שטיין מיט די פעק פאַר דער טיר.

— דערלויבט אונדז אַריינצוגיין, וועל איך אַלץ אויפקלערן.

— ניין, — שאָקל איך מיטן קאָפּ — צו אונז קומען נישט אַריין קיין האָקנקרייצלער.

— אַ גוטע נאַכט, — פאַרנויגט זיך מיט אַן איראָנישן שמייכל דער הויכער און שוין איז ער אונטן.

דער פאַרבליבענער נעמט אַראָפּ פונעם אָרבל די לענטע מיטן האָקנ־קרייץ, שטופט זי אַריין אין טאַש און בלייבט פאַר אונדז שטיין מיט אַ נאַריי־שער מינע אויפן פנים.

מאַרטאַ מאַכט ברייט אויף די טיר מיט אַ פריינדלעכן זשעסט און, ווען דער דייטש איז שוין אינעווייניק, דערלאַנגט זי אים אַ שטול.

— איך הייס פאַולוס — שטעלט ער זיך פאָר.

— וואָס זענען דאָס פאַר אַ פעק? — פרעג איך.

— פון וואַרשע. פאַר דיר, געשעצטע פרוי.

— שיק עס דיין ווייב קיין דייטשלאַנד. איך נעם נישט צו קיין גע־גנבעטע זאַכן. נעם דיר די פעק און פאַרלאָז אונדזער שטוב.

— העלענאַ, פאַר וואָס בייזערסטו זיך? — קוקט מיך מאַרטאַ אָן מיט צעפראַלטן אויגן, נישט פאַרשטייענדיק קיין וואָרט.

איך זאָג איר אין וואָס עס גייט.

— ביסטו משוגע? — שרייט זי אויס — דאָס זענען דאָך דיינע זאַכן, אונדזערע, פוילישע זאַכן. ווילסטו זיי צוריקגעבן? וואָס פאַר אַן אומזין! טייל אַלץ פונאַנדער צווישן אָרעמע! פאַרשענק עס!

מאַרטאַ שאַרט אַרונטערביידע פּעק אונטערן בעט און אַ צעשטראַלטע שאַקלט זי מיטן קאָפּ צום דײַטש: „דאַנקע, גוט! פּיטש קאַפּע?" — און באַלד הייבט זי זיך אָן צו פּאַרען ביי דער קיך.

פּאַולוס זעצט זיך בײַם טיש, איך — אויפן בעט, נעבן די קינדער.

— זעסט, — ווענד איך זיך צום דײַטש — מײַן חברטע האָט גענומען די זאַכן צום פונאַנדערטיילן צווישן אָרעמע. אפשר איז זי גערעכט, ווייל דאָס איז דאָך אונדזערס. איך, בכל אופן, וויל דערפון נישט געניסן און כ'בעט אייך, מער נישט אַרויפצוקומען אַהער.

אַ בלאַסער שמייכל, אַזאַ אומזיכערער, קינדישער, באַזעצט זיך אַרום זײַן מויל. איך באַמערק, אַז איין אויג איז ביי אים אַ גלעזערנס, דאָס צווייטע, דאָס געזונטע — האָט אַ געל ווייסל און זעט אויס אַזוי אומבאַהאָלפן, ווי ביי אַ קעלבל. די הויט אויפן פּנים איז געקאַרבט אין טיפע קנײַטשן, די ליפּן פאַרטריקנט, האַלב בלוי, די אָפּשטייענדיקע אויער־מושלעס — קאָמיש פאַרבויגן. מען זעט בפירוש, אַז ער געהערט נישט צום „אַדלשטאַנד".

ער שטעלט זיך אויף און נישט וואַרטנדיק אויף מאַרטאַס כיבוד, געזעגנט ער זיך און מיט שווערע טריט פאַרלאָזט ער די שטוב.

מאַרטאַ מאַכט אויף די פּעק.

וואָס איז דאָרט אַלץ נישט געווען?! די טײַערסטע דאַמען־וועש, הערלעכע, זײַדענע און וואָלענע קליידער, בלוזעס, סוועטערס, שיך, טיולענע פאַרהאַנגען, שטיקער שטאָף, בעט־וועש, אַ נײַער פאַקענער מאַנטל, כל־ערליי צאַצקעס, בראָשן, פּערפומען, קאָסמעטיק! מאַרטאַ קרייעט אַזש פון איבעררעשונג און אַנטציקונג.

„העלאַ, העלושאַ" — רופט זי כסדר און לייגט פונאַנדער שיינע, ווערטפולע חפצים.

איך זיץ מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. די פונאַנדערגעוואָרפענע זאַכן רעדן צו מיר מיט געטאָ־טעג, מיט געטאָ־ליאַרעם.

— העלענאַ, קוק! קוק נאָר, — שרייט ווידער מאַרטאַ.

— מאַרטשו, זיי מוחל, דער קאָפּ טוט מיר ווי. איך מוז זיך לייגן, עס ווילט זיך מיר שלאָפן.

— וואָס וועלן מיר טאָן מיט דעם אוצר? — פרעגט זי ווידער.

— נעם דיר אַלץ צו, מאַרטאַ. פאַרקויף, וואָס דו ווילסט. צאָל אָפּ אַלע חובות, אויך דעם פאַרעלטערטן חוב פון דירה־געלט. קויף קוילן, האָלץ, אַנטועכץ פאַר זיך און פאַר די קינדער. אָבער מיך לאָז צו רו, גוט?

— וואָס ביסטו פּלוצלינג געוואָרן אַזוי וואַזשנע, העלאַ? — און ווידער האָט זי אויף מיר אַ קוק געטון מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק. אַ בליק, וועלכן יידן פלעגן דערפילן אַפילו הינטער די פּלייצעס.

אָבער דאָס מאָל האָט מיך גאַרנישט באַאומרואיקט. וואָס קאָן איך היזק האָבן? מיין שרעקלעכע איינזאַמקייט? די גרויסע, פּיינלעכע בענקשאַפט? לוינט זיך נאָך אַלץ צו קאָמבינירן, אָפּנאַרן, וואַכן, אַרויסגנבענען זיך פון יעדער נעץ, פון יעדער סכנה?

כאַפּט עס דער טייוול! איך וויל נישט מער! אַלץ איז מיר נמאס! איך האָב שוין אַפילו אויף זיך אַליין נישט קיין רחמנות, קיין מיטלייד, גענוג, גענוג!

די ראַפּאָפּאָרטן (מיין באַקאַנטע פון געטאָ) האָט פאַרן אָוועקגיין אויפן אומשלאַג־פּלאַץ געזאָגט: „איך וויל וואָס שנעלער זיין אין הימל, כדי צו קאָנען פון דער הייך אַראָפּשפּייען אויף דער גאַנצער וועלט!"

.16

צווישן וולאָכי און גראָדזשיסק איז פאַראַן אַ סטאַציע פון דער עלעקטרישער קאָלייקע מיטן נאָמען: „אָטרעמבוסי".

דער דאָזיקער אויפשריפט רופט און פאַרשיכורט מיך: ער דערמאָנט מיך אין אונדזער פאַמיליע־נאָמען. שוין צוויי יאָר נישט באַנוצט זיך מיט אים. עפּעס אַ יום־טובדיקייט איז דאָ אין דעם וואָרט!

אַ לאַנג נישט געהערטע און פּלוצים אויפגעטויכטע מעלאָדיע, אַ שאָרך פון בלעטער, אַ זונאויפגאַנג, אַן אויפשריפט — קאָנען, אין ספּעציעלע אומשטאַנדן, מאַכן אַ געוואַלדיקן איינדרוק. אויך דאָ, אויף דער סטאַציע, בין איך דערשיטערט מיט דער וויזיע פון דעם איינציקן וואָרט.

פאָר איך גאַנץ אָפּט קיין אָטרעמבוסי. עס ציט מיך אַהין אַ נישט באַגרייפלעכער כוח, וועלכן איך קאָן זיך נישט אַנטקעגנשטעלן. איך זעץ זיך דאָרט אויף דער באַנק אַנטקעגן איבער דעם ווייסן שילדל פון דער סטאַציע און לייען אומציילִיקע מאָל דאָס איין און איינציקע וואָרט :„אָטרעמבוסי, אָטרעמבוסי". איך לייען עס אַזוי לאַנג, ביז עס פאַרפּלאָנטערט זיך מיר די צונג און עס קומט אַרויס: „דאָרעמבוסי, דאָרעמבוסי".

מיט ברייט צעעפנטע אויגן, וואָס זעען נישט דעם אַרום, קוק איך שעהן לאַנג אויפן ווייסן, שמאָלן שילדל. ווי אַ בלינדע, לאָז איך זיך פון די מחשבות פירן אַהיים, דאָרט אַהין צו יענעם קינדערישן צויבער, וואָס איז אַזוי ווייט, אַזוי אומרעאַל, אַז נאָכן אויפוואַכן הייב איך אָן צווייפלען, צי עס איז בכלל געווען אַמאָל אַ היים, אַ מאַמע, קינדער, אַ ברודער, אַ מאַן, נאָענטע...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס קומען אָן און פאָרן אָפּ צוגן. דערנאָך ווערט שטיל, ווי אויף אַ בית־הקברות. נאָך שפּעטער באַווייזן זיך אויפן הימל שטערן. גרויע נעפּלען הילן אַרום די זייטן פונעם וואָס אַ מאָל טונקעלערן האָריזאָנט און איך —

אַ מידע, איינזאַמע, קראַנקע, קער זיך צוריק צו מיין פאַרשאָלטענער היימ־לאָזיקייט.

17.

פּאַולוס קומט יעדן טאָג מיט אַ פּאַק זאַכן. קיין געלט וויל ער נישט נעמען. איך באַמי זיך צו זיין וואָס ווייטער פון אָט די מתנות. דאָך האָט מיר מאַרטאַ געזאָגט, אַז ווען נישט איך, וואָלט ער דאָס אַלץ נישט גע־ברענגט. זי דרינגט דאָס פון פּאַולוסעס דרך־ארץ פאַר מיר. זי דערציילט אויך, אַז איין מאָל, ווען כ׳בין נישט געווען אין שטוב, האָט ער געזאָגט אין אַ צעבראָכענעם פּויליש: „שיסטקאָ דלאַ וואַרשאַווער פּאַני". (אַלץ פאַר דער וואַרשעווער פרוי).

מאַרטאַ איז אים מכבד מיט אמתער קאַווע, באַקט עקסטרע קוכן און דעמפּט פלייש.

פּאַולוס דערציילט, אַז זיין גרופּע בויט פאָרטיפיקאַציעס אין וואַרשע, נישט ווייט פון דער ווייסל. זיי זעען די רוסן אויף דער צווייטער זייט טייך. ער דערציילט אויך, אַז וואַרשע איז „פּאָלענריין" און די דייטשן, נאָכן „אויסרוימען" די הייזער פון יעדער נוצלעכער זאַך, צינדן זיי יעדעס הויז אונטער און לאָזן מיטן רויך.

— זיי פאַרברענען אַ הויז נאָך אַ הויז, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט איבערצולאָזן עדות פון דעם אָפּגעטוענעם פאַרברעכן — זאָגט פּאַולוס שטיל.

— אָ, יאָ, — ענטפער איך — די הייזער האָבן זייער אַ סך געזען. אָבער די חורבות און זשיזשעליצעס וועלן נאָך מער מגלה זיין.

אין איינעם אַן אָוונט בעט מיך מאַרטאַ, איך זאָל פּאַולוסן דערציילן, ווי אַזוי די דייטשן האָבן דערהרגעט איר מאַן. (זי אַליין קען אין גאַנצן נישט קיין דייטש).

פּאַולוס, אויסהערנדיק, ווישט די אויגן. פון דעם טאָג אָן ברענגט ער ספּעציעלע מתנות פאַר די קינדער, וועלכע בינדן זיך צו אים צו.

תמיד נאָכן ברענגען דאָס פּעקל זיצט פּאַולוס בערך אַ שעה צייט, טרינקט שטאַרקע קאַווע, רייכערט ציגאַרעטן און מיט אַ מילדן שמייכל, אַ צופרי־דענער, גייט ער אַוועק שטיל, פאַרזיכטיק, ווי נישט וועלנדיק קיינעם אויפ־וועקן. ווען נישט דאָס, וואָס פּאַולוס איז אַ דייטש, וואָלט איך געגלייבט, אַז ער איז אַן אמת־פיינער און גוטער מענטש.

מאַרטאַ ווייסט נישט וואָס צו טון מיטן אומגעריכטן רייכטום, וואָס איז איר, ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל. אַלע שכנים זענען זי ווילד מקנא.

— העלאַ, — זאָגט זי איין מאָל — עס זאָל אונדז נאָר נישט געשען קיין עין־הרע, עפּעס שרעקט מיך. ווען עס גייט אַ מענטש צו גוט, קומט

שטענדיק אונטער אַ שטן. זינט מיר האָבן באַגעגנט די מאָרפּיניסטין, דיין באַקאַנטע, קאָן איך ביינאַכט נישט שלאָפן. עס באַפאַלט מיך אַן אימה ביי יעדן שאָרך. זאָג מיר דעם אמת, העלאַ, שטאַמסטו נישט פון יידן?

— דו ביסט אויסטערליש פרעך, מאַרטאַ! דאָס רייכטום האָט דיר צע־דרייט די געהירן. דו האָסט מיך באַליידיקט און כ׳וועל דיר נישט מוחל זיין.

מאַרטאַ פאַרענטפערט זיך נישט. זי מעדיטירט און שווייגט. נאָך אַ רגע פרעגט זי:

— זאָג, פאַר וואָס ווילסטו מיט מיר נישט אַרויסגיין פאַרקויפן די זאַכן, נאָר שיקסט מיך אַליין?

— די פעק עקלען מיך. אַנדערש איז ווען מען קויפט און פאַרקויפט און אַנדערש, ווען מ׳צאָלט גאָרנישט און מען פאַרקויפט געגנבעטע זאַכן.

— אָבער דאָס, וואָס דו קויפסט אין באַזאַר איז דאָך אויך געגנבעט!

— איך ווייס נישט דערפון. אפשר פאַרקויפט עמעצער פון שטוב אַרויס, ווי דו פלעגסט עס טון.

מאַרטאַ ווייסט, אַז אַ דאַנק מיר איז זי אויפגעריכט געוואָרן. זי באַ־מערקט גאַנץ וווּל, ווי דער דייטש רעספּעקטירט מיך. זי איז מיך מקנא מיט מיין רעדן דייטש. זי באַוווּנדערט, ווי יעדעס מאָל, פאַרן אַריינקומען, ציט פּאַולוס אַראָפּ די לענטע מיטן האַקנקרייץ פון זיין אַרבל.

— העלענאַ, — בעט זי מיך איין מאָל — באַצי זיך נישט צו אים אַזוי ווידערווילליק! ער איז דאָך אַ זעלטן־אָרנטלעכער מענטש.

— ער איז אַ דייטש. און דאָס איז פאַר מיר גענוג, אַז איך זאָל פון אים ווייכן, ווי פון אַ פּאַדלע!

.18

אין איינעם אַ טאָג איז פּאַולוס געקומען אָן זאַכן. ער איז געווען טרויּ־עריק, איינגעשרומפּן און פאַראָבלט. זיין קינסטלעך אויג, לכאורה אַ גרע־סערס ווי שטענדיק, האָט פּראָסטיק געגלאַנצט. דאָס צווייטע דאַקעגן, דאָס געזונטע, איז געווען האַלב־פאַרמאַכט, רויטלעך און אומעטיק. פּאַולוס איז געזעסן ביים טיש אַ פאַרטראַכטער און אומאויפהערלעך געררייכערט:

— „קאַפּא״? — האָט מאַרטאַ אים געפרעגט.

— יאָ, „דאַנקע״, — האָט ער קוים באַוועגט מיט די ליפּן און, קנעטנדיק אַ ביסל טאַבאַק צווישן די פינגער, ווייטער געררייכערט.

ווי אויסגעאַרבעט זענען זיינע הענט — האָב איך אַ טראַכט געטון. די הויט, ווי ביי אַ העלפאַנט; די פינגער — גראָב, מיט אַטשיסקעס און באַבע־נעגל.

— ביסט היינט אין אַ מעלאַנכאָלישער שטימונג — האָב איך אין אַ האַלב־איראָנישן טאָן פעסטגעשטעלט.

— האָסט געטראָפן, — האָט ער שטיל געענטפערט — מיין בעסטער חבר איז היינט געפאַלן. מיט אַ שעה צוריק האָבן מיר אים קובר געווען. איך בין איצט פאַראייניזאַמט. ער וועט מיר פעלן אויף יעדן טריט און שריט.

— נו, דייטשן מוזן דאָך אַנעקסירן נישט נאָר די ערד, נאָר אויך דעם הימל — האָב איך סאַרקאַסטיש געזאָגט.

— דיינע ווערטער קאָנען נישט האָבן קיין שייכות מיט מיין חבר: ער איז געווען אַ ריינער מענטש, אַ גוטהאַרציקער, אַ סימבאָל פון יושר. ער האָט מיך פאַריתומט און איך לייד שרעקלעך.

איבער די ברוזדעס פון פּאַולוסעס באַקן זענען געשוווּמען טרערן. ער האָט אויסגעשנייצט די נאָז, אָפּגעווישט דאָס פּנים און נישט דרייסט אויס־געצויגן צו מיר די האַנט מיט אַ שאַכטל ציגאַרעטן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך ביי אים גענומען אַ ציגאַרעט.

— כ'האָב געמיינט, אַז אַ דייטש האָט בכלל קיין האַרץ נישט — האָב איך, פאַרציטערנדיק זיך געזאָגט.

מאַרטאַ האָט אונדז אָבסערווירט און אַ נייגעריקע נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג. אַ שטומע פראַגע האָט געהאַנגען אויף אירע ליפּן.

מיינע ווערטער האָבן, ווייזט אויס, משפּיע געווען אויף פּאַולוסן און די צונג האָט זיך אים אויפגעבונדן. ער האָט נישט געשטעלט דעם קלענסטן תנאי, נישט געבעטן כ'זאָל זיין דיסקרעט, נישט פאַרזיכערט זיך מיט גאָר־נישט. זיין אוממיטלבאַרער צוטרוי האָט מיך ממש אַנטוואָפנט.

און ער האָט זיך צערעדט:

— אין ציווילן לעבן בין איך אַ שלאָסער, אַ מומחה פון קאַלאָריפערן (צענטראַל־באַהייצונג). כ'האָב אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרלוירן אַן אויג, אַ קויל האָט מיר אויך אַדורכגעשאָסן אַ לונג. אין דער היים, אין לייפּציג, איז פאַרבליבן מיין ווייב. מיין זון איז אויפן פראָנט, ער געהערט צו ס.אַ. מיטן ווייב און זון בינדט מיך זייער ווייניק.

— ביסטו דען קיין מאָל נישט געווען קיין נאַצי?

ער האָט געטון אַ שמייכל ווי עס שמייכלען בלינדע.

— אָ, ניין. כ'האָב אַמאָל געהערט צום ספּאַרטאַקוס־פאַראיין, אָבער אויך פון דעם אַרויס. איך וויל זיין נאָר מענטש. עס איז מיר נמאס געוואָרן אַלץ, וואָס איז נאַציש. איך קאָן מער אין זיך נישט איינזאַפּן מענטשלעכן צער, אומרעכט, באַרבאַריזם. צוזאַמען מיט מיין חבר האָבן מיר באַשלאָסן אַריבערצוגיין די פראָנט־ליניע, אַנטלויפן. ער האָט געזאָלט זיין דער ערש־טער. אַלץ איז געווען גוט צוגעגרייט. מיט אַ וואָך צוריק איז איינעם פון

אונדזעריקע געלונגען זיך דורכצושלאָגן. ער האָט געשיקט אינסטרוקציעס און אָנגעוויזן דעם זיכערסטן גאַנג. מיין חבר האָט טאַקע לאַנג נישט געקלערט און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. פון דער וויטנס האָב איך אים נאָכגעקוקט מיט אַ לאַרנעט. קריכנדיק אויף אַלע פיר, האָט ער זיך דער־נעענטערט צו דער ווייסל. פלוצלינג — טראַטאַטאַ! אַ רוסישער זאַלפּ האָט אים אַדורכגעלעכערט. ווען ס'איז געוואָרן טונקל האָב איך געבערענגט צו טראָגן זיין קערפּער. —

מאַרטאַ לייגט די קינדער שלאָפן. פּאַולוס רייכערט איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן. איך אַליין בין אַזוי אַדורכגעפּרעסן פון מיינע אייגענע צרות, אַז דער דייטשישער ווייטיק דערגייט נישט צו מיר.

מיט אַ מאָל רוקט זיך פּאַולוס נענטער צו צו מיר און גיט אַ פרעג:

— ביסטו אַן אַנטיסעמיטין?

— ניין. אָבער פאַר וואָס פרעגסטו דאָס? — ווער איך נייגעריק.

— כ'וויל דיר פאַרטרויען עפּעס, וואָס מוטשעט און לאָזט מיך נישט רוען: מיט אַ צייט צוריק האָב איך אין וואַרשע צווישן די חורבות געפונען אַ בונקער מיט פיר יידן: צוויי מענער און צוויי פרויען. איך האָב געהאַפּט, אַז מיין חבר וועט מיר העלפן אַריבערטראַנספּאָרטירן זיי צו די רוסן. איצט בין איך אומבאַהאָלפן און שרעק זיך. די יידן קאָנען אַ ליאַדע טאָג אומקומען.

איך צאַפּל אויף, דאָך באַהערש איך זיך און הער ווייטער:

— נישטערנדיק איין מאָל אין אַ קעלער, האָב איך זיי באַמערקט, די יידן. עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן די שרעק פון די אומגליקלעכע, ווען כ'האָב זיך דאָרט באַוויזן. זיי זענען מיר געפאַלן צו די פיס, געוויינט און געבעטן. כ'האָב זיי באַרואיקט, פאַרשענקט מיין פרישטיק און צוגע־זאָגט ווידער צו קומען און מיטברענגען עסן.

כ'וויל פּאַולוסן עפּעס זאָגן און קאָן נישט. כ'וויל אַ דריק טאָן זיין האַנט און בין אוממעכטיק. מאַרטאַ אָבסערווירט אונדז זייטיק.

ווי אַן אַזאַרט־שפּילער, וואָס שטעלט איין דאָס לעצטע, וואָס ער פאַר־מאָגט, נישט איבעררעכענענדיק די עווענטועלע פאָלגן פון אַזאַ שריט, מיט אַ שפּאַטישן קוראַזש פון אַליין־פאַרניכטונג — זאָג איך רואיק און מיט אַ געדעקטער שטים:

— אויך איך בין אַ יידישקע!

דער דייטש שטעלט זיך אויף ווי געטראָפן פון אַן עלעקטרישן שטראָם. באַלד אָבער זעצט ער זיך ווידער אַוועק. טראָפּנס שווייס באַדעקן זיין שטערן. אַ רגע פון געפרעסטער שטילשווייגעניש.

פּאַולוס כאַפּט מיין דלאָניע און לייגט אויף איר אַרויף זיינע פאַר־טריקנטע, שאַרסטקע ליפּן.

אין דער רגע האָט זיך געדוכטן, אַז דער מלאך פון גוטס האָט גובר געווען די בעסטיע און פון ווייט, ווייט טראָגט זיך דער אָנזאָג פון אַ שטיל, פרידלעך צוקונפט־געזאַנג.

מאַרטאַ מיטן שאַראַייזן אין האַנט מיט אַ האַלב־אָפן מויל קאָן לעב־גער נישט אויסהאַלטן:

— העלו, וועסטו מיר דערנאָך דערציילן אַלץ, וואָס ער האָט דיר גע־זאָגט? קוק נאָר, ער וויינט! ער ליבט זיך אין דיר און דערפאַר ברענגט ער די אַלע זאַכן!

זי לויפט באַלד מיט דעם נייעס צו דער שכנטע. איך נוץ אויס די געלעגנהייט און שרייב אָן אויף שנעל עטלעכע יידישע ווערטער צו מיינע אומבאַקאַנטע ברידער. איך פרעג ווי זיי הייסן, ווער זיי זענען, צי איך קאָן זיי מיט עפּעס העלפן. אפשר האָבן זיי ערגעץ משפּחה, באַקאַנטע — וועל איך ווערן זייער פאַרבינדלערין. איך גיב זיי צו מוט, דערמאָן אויך, אַז זיי קאָנען האָבן צוטרוי צו דעם דאָזיקן דייטש און שרייב זיך אונטער „חיה".

פּאַולוס רוקט אַריין דאָס בריוול אונטערן לעדערל פון היטל.

— איז דיר עמעצער פאַרבליבן פון דיין משפּחה, פרוי העלענאַ? — פרעגט ער.

אין קורצע ווערטער דערצייל איך מיין טרויעריקע געשיכטע. פּאַולו־סעס ליפּן ציטערן, ער ברעכט די פינגער, פאַרשטעלט זיך מיט די הענט די אויגן.

— וואָס פאַר אַ חרפּה, וואָס פאַר אַ בושה איז צו זיין אַ דייטש! — רעדט פון אים אַרויס, ווי אַ ווידערקול.

.19

מאַרטאַ האָט אויף ס'ניי פאַר מיר דרך־ארץ. זי באַוווּנדערט מיין השפּעה אויף פּאַולוסן און דאַך ברענגט זי אַרויס אַ געדאַנק, וואָס מוטשעט זי:

— מיין שכנטע האָט זיך נעכטן ווידער מיט מיר געשפּאַרט, אַז דו ביסט אַ יידישקע. זי זאָגט, אַז דער שד האָט אונטערגעשיקט דעם דייטש מיטן גאַנצן רייכטום, כדי אונז אַלעמען אומצוברענגען.

איך וואַרף מאַרטאַן אַ האַרב זידל־וואָרט און באַפּעלעריש הייס איך איר צולייגן קוילן אין דער קיך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביינאַכט איז מיר שווער איינצודרימלען. ווי אַזוי העלפט מען די יידן? האָב איך נישט געטאָן קיין נאַרישקייט, אויסזאָגנדיק פּאַולוסן, אַז איך בין

אַ יידישקע? וואָס טוט מען, כדי מאַרטאַ זאָל אויפהערן חושד צו זיין? וואָס פאַר אַ נייעס וועט פּאַולוס איצט ווידער ברענגען?

עס דוכט זיך מיר, אַז איך האָב צו רואיק אויפגענומען די ידיעה וועגן די באַהאַלטענע יידן. וואָלט איך געהאַנדלט אַזוי לוילעך, ווען ישראל, אָדער די מאַמעשי מיטן קינד, דער טאַטע, אָדער אסתר — וואָלטן דאָרט געווען אין בונקער? וואָלט איך נישט מיטגעפאָרן מיט פּאַולוסן, איינ־שטעלנדיק אַפילו דאָס לעבן?

איך ווייס נישט. כ'וואָלט אפשר שטאַרקער געציטערט, געפּלאַטערט, געשראָקן זיך, אָבער וואָס וואָלט איך געקאָנט מער אויפטאָן? — גאָרנישט. און דאָך בין איך פון זיך נישט צופרידן.

20.

— העלאַ, — זאָגט צו מיר מאַרטאַ — דו פאַרגעסט, אַז באָזשע־נאַראָ־דזעניע רוקט זיך אונטער און מען דאַרף איינקויפן אַלץ אויף יום־טוב! איך בעט דיך, קום מיט מיר, וועסטו מיר העלפן.

און איידער איך באַוויז איר צו ענטפערן, ציט זי ווייטער:

— איך האָב באַשטעלט מיינס אַ חברטאָרין צו דער ווייגאַכט־סעודה, מען דאַרף אויך פּאַולוסן פאַרבעטן. זאָג מיר, העלאַ, האָסטו נישט קיינעם פון דיין משפחה? קיין שום קרוב, אָדער באַקאַנטע? ווי איז דאָס מעגלעך?

— אָ, גיב איך זיך פויל אַ קראַץ ביים אויער — איך האָב אַ גרויס־צאַליקע משפחה, אָבער כמעט אַלע זענען געווען אין וואַרשע און ווו זוכט מען זיי איצט? אַפילו מיין מאַן קאָן איך נישט געפינען און ווייס נישט, ווו אים צו זוכן.

— נו, גייסט מיט מיר, העלאַ?

— יאָ, איך גיי. גיב אַ פאַר זאַכן, וועל איך דיר העלפן פאַרקויפן.

מאַרטאַ פאַרקויפט יעדן טאָג אַ טייל פון פּאַולוסעס פעק. זי פאַרקויפט מיינסטנס מענער־זאַכן און נאָר דאָס, וואָס קאָן איר פערזענלעך נישט נוצן.

זי איז לעצטנס געוואָרן גייציק אויף געלט. עס ליגט אַ פולער שופלאָד מיט באַנקנאָטן, עס ברעכן זיך די פּאָליצעס אין שאַנק פון די טייערסטע שטאָפן, וועש, מלבושים און אַנדערע חפצים און זי האָט אַלץ ווייניק.

ביים ראַנד פון מאַרק האָט מיר פאַר די אויגן פּלוצלינג אַ מיגניע גע־טאָן אַ באַקאַנטע סילועט: יהודית פּ. פון סטאַצק! זי איז דאָך געווען ביי אונדז אין שטוב, בעת דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ. גאָט אין הימל, זי האָט זיך אָפּגעראַטעוועט! וואָס פאַר אַ גליק!

— פּאַניושו! — שריי איך איר נאָך.

יהודית דרייט זיך אויס און בלייבט שטיין אַ צעטומלטע.

— גוט, וואָס כ'האָב דיך געטראָפן. קאָנסט היינט ביי מיר באַקומען שיינע און ביליקע זאַכן. מאַרטאַ, — ווענד איך זיך צו מיין שותפטע — דאָס איז מיינס אַ שטענדיקע קונהטע. באַלאַמוטשע נישט, מאַרטאַ, ווען איך וועל דאָס ביסל סחורה פאַרקויפן, וועל איך דיך אויפזוכן.

זי פאָלגט מיך און גייט אַוועק. יהודית שטייט נאָענט נעבן מיר. אומ־באַמערקבאַר כאַפּן מיר זיך אָן ביי די הענט און בלייבן אַ רגע פאַרשטומט.

אַ הענדלערקע דערנענטערט זיך צו אונדז און פרעגט, וואָס מיר האָבן צו פאַרקויפן.

— שוין פאַרקויפט, — דערקלער איך — קום, פאַניושו — זאָג איך צו יהודיתן — דאָ אין הויף וועל איך דיר באַצאָלן דעם באַטרעף.

מיר גייען אַריין אין דעם נאָענטסטן הויף, פאַלן זיך אין די אָרעמס און צעקושן זיך. יהודית ווישט די אויגן.

— יהודית טייערע, דערצייל אַלץ. ווי אַזוי ביסטו ניצול געוואָרן? איז דיר עמעצער פאַרבליבן.

— רוף מיך אָלאַ. אַ דאַנק דעם נאָמען לעב איך.

זי דערציילט אין קורצע ווערטער, ווי אַזוי זי איז אַנטלאָפן צו דער מומען קיין רעמבערטאָוו, ווי אַזוי די דייטשן האָבן דאָרט אויסגעמאָרדעט אַלע יידן. זי אַליין, מחמת אַ צופאַל, איז ניצול געוואָרן: אַ גויע האָט אַ געשריי געטון: „אָלאַ, צאָ טו ראָביש?!" (וואָס טוסטו דאָ?!). די גויע האָט זיך טועה געווען, גענומען זי פאַר אַן אייגענע. יהודית האָט דאָס אויס־גענוצט און אַ דאַנק איר אַרישן אויסזען — האָט אַ פוילישער פאָליציאַנט זי אַרויסגעלאָזט פון צווישן די אַרומגערינגלטע יידן.

יהודית דערציילט וועגן שוידערלעכע איבערלעבענישן, וואָס זעגען מיר אַזוי גוט באַקאַנט. און פּלוצים גיט זי אַ זאָג:

— צי ווייסטו, אַז אסתר לעבט און אַז זי ליגט אין ברווינאָוו אין שפּי־טאָל? בשעת דעם אויפשטאַנד זענען איר די פיס אָפּגעבריט געוואָרן.

— אסתר לעבט?! גאָט מיינער!

איך גיב זיך אַ וואַקל. יהודית כאַפּט מיך אָן. איך וויין און לאַך פון פרייד.

— פיר מיך צו איר, טייערע!

— היינט נישט, — ענטפערט אָלאַ — אין שפּיטאָל אַריין קומט נאָר דער אינזשעניער.

— ער לעבט?! — שריי איך ווידער אויס.

— יאָ. לענסקי, שולאַ מיט דער מוטער, צוויי גאַרוואָלינער פריילינס, די באַקסערס און אַנדערע פון דעם וואַרשעווער באַהעלטעניש — אַלע לעבן,

אויסער איצעלע, וואָס איז אַװעקגעקומען נאָכן אויפשטאַנד, בשעת דער אויסוואַנדערונג פון וואַרשע. מאָרגן אין דער פרי קאָנען מיר פאָרן צום אינזשעניער. ער וועט דיך שוין פירן צו אסתרן.

עס דערגייען קולות פונעם נאָענטן באַזאַר. יהודית רירט ווידער אָן מיין האַנט און טוט זי אַ גלעט. אָט אַזאַ שטומער אויסדרוק פון פרייד, צוטרוי, פריינדלעכקייט — דרינגט אַריין טיפער, ווי אַלע אַנדערע צערט־לעכקייטן. איך האָב דערפילט דאָס גרויסע גליק פון טרעפן אַ נאָענטן, מיט וועמען מען קאָן רעדן אָפן, אָן פחד.

אינעם פוסטן, שמוציקן הויף האָט זיך פונאַנדערגעזעצט אַ שטיק פון אונדזער לעבן און איך וואָלט אַזוי געבליבן שטיין מיט איר נאָך לאַנג, לאַנג, ווען נישט אַ פויערטע, וואָס האָט זיך אַריינגעשאַרט, פאַרקערעוועט אין אַ ווינקל און אונטערגעהויבן די יופקע.

.21

„מאַגדאַ לעבט!" — חזר איך איבער ווידער און אויף ס׳ביי — „מאָרגן וועל איך זי זען".

איך פרעג נאָך אַ מאָל אויס פרטים. מיר שמועסן אָפּ אַ שעה און אָרט, ווו זיך צו טרעפן.

יהודית קלערט אַ ווײַלע און זאָגט צו מיר שטיל:

— אויב דו האָסט נישט קיין זיכערן מקום, קום צו מיר, איך וועל דיך צונעמען מיט אָפענע אָרעמס. מיין בעל־הביתטע איז אַ זעלטן אָרנטלעכע פרוי; זי ווייסט, אַז איך בין אַ יידישקע און באַהאַנדלט מיך, ווי אַ פרינ־צעסין.

איך קוק זיך צו צו יהודיתן. אירע לאַנגע, גאָלדענע לאָקן, דאָס העל־ברוינלעכע פנים, גרינלעך־מיניעדיקע אויגן, אָפּגעטאָקטע נאָז, ווייסע, גלאַנציקע ציין אינעם שיין פאָרמירטן מויל — אַלץ איז ווי באַלויכטן מיט זון, באַהויכט מיט רו, זיכערקייט און כבוד.

— איך דאַנק דיר, אָלאַ. ווי לאַנג איך מוז נישט — איז בעסער פאַר אונדז ביידן, אַז מיר זאָלן זיין באַזונדער. נאָר איצט, שוועסטערשי, גיי נאָך נישט, איך בין אַזוי איינזאַם, איך וויל נאָך זיין מיט דיר אַ ביסל!

— טאָ קום, העלאַ, וועלן מיר פאָרן צום אינזשעניער.

— אַ דאַנק דיר, אָלאַ, ביסט אַ טייער מיידל.

יהודית גייט פאָרויס, איך — נאָך איר.

—•*—

מען לייענט אַ מאָל וועגן אומגלייבלעכע פאַסירונגען, וואָס זעען אויס ווי פאַנטאַזיעס, אָבער דאָס לעבן גופא שאַפט נאָך גרעסערע סורפּריזן.

די באַגעגעניש מיט יהודיתן, דאָס צונויפטרעפן זיך מיט די עטלעכע מיר נאָענטע מענטשן ביים אינזשעניער, די ידיעה וועגן אסתרן — דאָס אַלץ איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ חלום.

אינעם קעלער־שטיבל, ביים אינזשעניער אין הויז, האָב איך אָנגע־טראָפן איצעלעס ווייב מיט איר טאָכטער שולאַ, די גרויסאויגיקע, ברונעטע טאָשאַ פון גאַרוואָלין און לענסקין.

מיר רעדן כאַאָטיש. לענסקי פאַרשווינדט און קומט באַלד צוריק מיט אַ „פלעשל". איך וויל אַלץ געוווּר ווערן וועגן אסתרן. ער ווידער פרעגט וועגן ישראלן. אַלע פאַרזיכערן מיר, אַז מיין מאַן וועט צוריקקומען. דער אינזשעניער טרינקט פאַר ישראלס געזונט, פוילנס פרייהייט און דייטש־לאַנדס מפלה.

אסתרן וועל איך קאָנען זען ערשט זונטיק. אינזשעניער לענסקי האָט צוגעזאָגט צו פאָרן מיט מיר אין שפּיטאָל אַריין. „אָבער וועסט נישט אַריינ־גיין, איך וועל זי אַרויספירן צו דיר. בעסער צו זיין פאָרזיכטיק. טאָמער דערקענט דיך דאָרט עמעצער אַלס יידישקע, וועט אסתרס לעבן נישט ווערט זיין קיין צווייער".

נעכטן איז לענסקי דאָרט געווען. אסתר גייט שוין אַרום, עס איז איר בעסער.

דער אינזשעניער דערציילט, אַז וואָלאַדעק איז געבליבן אין אַ בונקער צווישן די וואַרשעווער חורבות. „עס האָט אים אויסגעפעלט מוט צו ווייזן זיך מיט אַזאַ יידיש פּנים פאַר די דייטשן און פּאָלאַקן און אפשר וועט ער דאָרט זיכער־ער איבערוואַרטן ביזן סוף מלחמה".

אין שטילע, געציילטע ווערטער גיט שולאַ איבער פּרטים פון זייערע איבערלעבענישן בשעת דעם אויפשטאַנד, אויף אַלטשטאָט. יעדער זאַץ דערציילט וועגן פיין, אומגליק, העלדישקייט און בראַוווּר.

איך שווייג. ווערטער זענען אָרעם אין פאַרגלייך מיט מיין איינזאַמ־קייט. בלויז וועגן מאַרטאַס חשד, אַז איך בין אַ יידישקע — דערציייל איך יאָ. דער אינזשעניער שפּרינגט אויף:

— דער טייוול וועט זי נעמען, דיין כלבטע! איך וועל דיר צושטעלן אַ משפחה, אַז זי וועט קראַפּירן פון חרפה פאַרן חושד זיין דיך... הער, העלאַ, — לייגט ער מיר אַרויף אַ האַנט אויפן אַקסל — מאָרגן וועט צו דיר אַרויפקומען אַ הער אַלס דיין פעטער. באַמי זיך מאַרטאַ זאָל אים עפענען די טיר. ער וועט פרעגן אויף דער פרוי מאַלאַרסקאַ און דעמאָלט זאָלסטו אויפשפּרונגען, אַרומכאַפּן אים און אויסרופן: „וויאַשקו, פון וואַנען האָסטו זיך דערוויסט מיין אַדרעס?!". אַז דו זאָלסט אָבער, על פּי טעות, נישט

אַרויפּפאַלן אויף אַ פרעמדן מאַן, וועסטו אים דערקענען, דעם „פּעטער" דיינעם, לויט זיין שפּיץ־בערדל. מיר רופן אים טאַקע „ברודקאַ".

— ווער איז ער? — פרעג איך.

— איך וויל, דו זאָלסט אים קודם כל זען. דערנאָך וועל איך דיר דער־קלערן, ווער ער איז. די וויטערדיקע אַקציע לאָז איבער אים, דעם „פּע־טער", ער וועט שוין פירן. דו ביסט נישט די ערשטע. זיין פּראַקטיק איז נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. איין מאָל איז ער אַ „פּעטער", אַ צווייט מאָל — אַ ברודער, אַ קוזין, חתן, געליבטער — לויט די באַדערפעניש און אומשטאנדן. פאַרלאָז זיך אויף אים. דעם זעלבן טאָג אָדער צומאָרגנס וועל איך קומען, איך — דיין קוזין. דערנאָך וועט אַראָפּפאַלן דער פּאָר־האַנג און דער אַקט פון חשד וועט זיין געענדיקט. צו אַלאַן גיי נישט. האָסט ביי מאַרטאַן גוט — טאָ בלייב דאָרטן!

.22

דעם זעלבן אָוונט, שפּעטער ווי שטענדיק, איז פּאַולוס געקומען אַ צופרי־דענער, אַן אויפגעהייטערטער. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל און דער־לאַנגט מאַרטאַן אַ קליין בילדל פון דער הייליקער מוטער, וועלכע האָט געהאַט צוויי דיאַמענטענע אויגן. ביים דינעם, אינקרוסטירטן רעמל זענען געהאַנגען גאָלדענע טרערן. מאַרטאַ איז געוואָרן אַזוי איבעראַשט, אַז זי האָט אַזש אַרומגעכאַפּט דעם דייטש, אַ דריי געטון זיך מיט אים און אַרויס צו דער שכנטע.

דעמאָלט האָט פּאַולוס שווייגנדיק דערלאַנגט מיר אַ בריוועלע, גע־שריבן מיט אַ בלייפעדער, אַ בריוועלע פון יענער וועלט.

אין דער ערשטער רגע האָב איך נישט פאַרשטאַנען דעם כאַאָטישן אינהאַלט, וואָס האָט מיך אַזוי שטאַרק דערמאָנט פישלען מיט זיינע לעצטע פּאָר ווערטער. אויך דאָס איצטיקע בריוול איז געווען געשריבן ווי צו אַ באַעגנטן, צו אַ משפּחה־מיטגליד:

„חיהשי, מיר האָבן זיך גאָרנישט געריכט, אַז דו לעבסט. געלויבט איז גאָט, געלויבט איז גאָט פאַר זיינע רחמים. מיר וויינען פון פרייד. ווייסטו אפשר, צי צירל לעבט? אונדזער אָרעמע חנהלע נעבעך, אַזאַ אומגליק! רבקה שפּייט מיט בלוט, מיר זענען שוין האַלב־משוגע, ווי לאַנג נאָך? נישטאָ מער קיין כוחות אויסצוהאַלטן, באו מים עד נפש. דער גוי איז אַזאַ פיינער מענטש. חיה, מיר האָבן געקושט דיין בריוול, אַ נייע האָפענונג איז אין אונדז אַריין. גאָט וועט אונדז נישט פאַרלאָזן. טו, וואָס דו קאָנסט און ראַטעווע! מיר זענען געבליבן זאַלבע־פיר: רבקה מיט מיר און ציפּע מיט יוספן".

און ווידער האָבן זיך אַדורכגעוועבט אומפאַרשטענדלעכע פאַר מיר זאַצן, פרעמדע און דאָך אַזוי נאָענטע, אַזעלכע אייגענע, שרעקעוודיקע, פינצטערע, אַרויסגענומענע פון טיפסטן תהום, בלינדע, משוגענע, באַגאָ־סענע מיט טרערן, ברענענדיקע ווי צעגליטע קוילן.

פאַולוס דערציילט, ווי זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן אַרויסגעריסן מיין בריוול. דער עלטערער ייד האָט געזאָגט, אַז ער האָט באַלד דערקענט מיין האַנטשריפט. זיי האָבן זיך געקושט, אַרומגעכאַפּט און עס האָט זיך געדוכטן, אַז עס איז אין זיי אַריין אַ ניי לעבן.

פאַולוס דערלאַנגט מיר נאָך אַ שטיקל פּאַפּיר מיט עטלעכע ווערטער: „איך בין אויפן אָרט. גאָט וועט העלפן. האָט צוטרוי צום גוי. דאָס איז אַ מלאך פון הימל. יוסף". ווען איך פרעג אים, וואָס דאָס באַדייט, קומט מאַרטאַ צוריק אַריין אין שטוב.

פאַולוס ענטפערט:

— איך האָב היינט אַרויסגעפירט דעם יינגערן מאַן. איך האָב אים געלייגט אויף אַ פיר, אונטער אַ באַרג מלבושים, אַנגעקליבענע אין וואַרשע. ווען מיר ענדיקן די אַרבעט איז שוין גוט פינצטער. איך האָב אויסגעדרייט מיטן וואָגן אויף אַ זייטיקן וועג, וואָס פירט קיין ווילאַנאָוו. דאָרט זענען פאַראַן ערטער, ווו עס איז לייכט אַדורכצובאַקומען זיך צו די רוסן. איצט איז ער שוין זיכער אויפן אָרט. מאָרגן וועלן מיר אַרויספירן דעם יידס ווייב. יעדן טאָג איין פערזאָן.

ווען איך פרעג אים, פאַר וואָס ער רעדט אין מערצאָל, פאַרטרויט ער מיר, אַז ער האָט אַ חבר, וואָס העלפט אים צו.

פאַולוס זעט אויס יום־טובדיק. מאַרטאַ טוט צו מיר אַ ווונק מיטן אויג און זאָגט: „כ'לעבן, — ער איז געוואָרן ייגגער און שענער". דאָס זעלבע וואָלט איך געזאָגט וועגן מאַרטאַן.

פון פאַולוסן שטראַלט דאָס גליק: זיין מיאוס, אַלט פנים איז פלוצלינג געוואָרן אַזוי אויסגעלייטערט, אַזוי ליכטיק!

ווען ער גייט אַוועק קאָמענטירט מאַרטאַ:

— ער איז פאַרליבט און דו לאַכסט פון אים. איך האָב אויף אים רחמנות, העלאַ, טייל מאָל דוכט זיך מיר, אַז דו ווילסט זיך אין אים נוקם זיין פאַר אַלע צרות, וואָס די דייטשן האָבן אונדז אָפּגעטאָן און אַפילו פאַר די עוולות, וואָס זיי זענען באַגאַנגען לגבי די יידן.

— שלאָף רואיק, מאַרטאַ, זאָרג זיך נישט פאַרן דייטש. דער טייוול וועט אים סיי ווי סיי נעמען.

.23

אַרום אײנס אַ זײגער בײטאָג, װען מאַרטאַ האָט געפּעקלט אַ גאַנדז אויף באָזשע־נאַראָדזעניע, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט. כ׳בין געזעסן בײם טיש מיטן רוקן צו דער טיר. עס דערהערט זיך אַ מענער־שטים: „װױנט דאָ פּרוי העלענאַ מאַלאַרסקאַ?״

איך דרײ אויס דעם קאָפּ, שפּרינג האַסטיק אויף און גיב אַ געשרײ: „װױאַשקו!״ (פּעטערשי!) און שױן הענג איך אויף זײן האַלדז. ער האַלט מיך פּעסט אַרום, קושט מײן פּנים, שטערן, הענט.

— אָך, דו לאָבוז אײנער — זעצט ער מיך אַװעק אויף אַ שטול און צעשױבערט מיר די האָר — פון פּעליציאַנען האָב איך זיך ערשט געמוזט דערװיסן, װוּ די געפינסט זיך, האַ? פאַר װאָס האָסטו לכל הפּחות נישט אָנגעשריבן אַ פּאָר װערטער, אויב עס האָט דיר נישט געפּאַסט אַלײן צו אונדז צו קומען, װאָס? װאַרט, די מומע װעט דיך שמײסן, װי אַמאָל, װען דו האָסט מיר פאַנאַנדערגעשרויפט דאָס זײגערל, דו קונדאַס אײנער! איז זי דאָ, בײ אײך, אויך אַזאַ װילדע קאָזע? — װענדעט ער זיך צו מאַרטאַן, װאָס שטײט אַ צעטומלטע, מיט אַן אָפן מויל און אַ חניפה־אויסדרוק אויפן ברײטן, האַלב־פּויערישן פּנים.

איך הער אַפילו נישט איר ענטפער, נאָר קוק זיך צו צום בלוי־אויגיקן ריז, װאָס שמײכלט, װי אַ נישט דרײסט קינד. איך זע אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן מיט לײכט באַזילבערטע טונקל־בלאָנדע האָר, רעגולערע, שײנע גע־זיכט־שטריכן. איך באַמערק אויך אין אים אַ געצוימטע ענערגיע און אַן איבערפלוס פון מילדקײט.

עס דוכט זיך מיר, אַז ער טראָגט אַ ליבשאַפט צו װעלדער, צום רויש פון בלעטער, געשמאַק פון פעלדער, לאָנקעס און צום פּשוטן פּויערישן לעבן.

„ער האָט אין זיך אַ נישט־דערגרונטעװעט רײכטום פון געפילן״. — קלער איך און בין אַזוי פאַרטיפט אין מײנע מחשבות, אַז װי פון דער װײטנס דערגײט צו מיר זײן געשפּרעך מיט מאַרטאַן. „יאָ״, — שטעל איך פעסט — „מיט אַזאַ הונדערט־פּראָצענטיקן אַריער אין דער משפּחה קאָן מען זײן שטאָלץ״.

— נו, װאָס שװײגסטו, זשאַבע אײנע, האַ? — װענדעט ער זיך װידער צו מיר.

— די פרײד האָט מיר פאַרשפּאַרט דאָס לשון, װױאַשקו.

און נאָך אַ רגע הײב איך אָן מיט אים אַ „פאַמיליע״־געשפּרעך.

— װײסטו, אַז מאַגדאַ ליגט אין שפּיטאָל? זונטיק גײ איך אַהין און אויב זי װעט נאָר מסכּים זײן, װעל איך זי אַהערנעמען צו מיר אויף אַ װאָך

צייט: וועסטו נישט זיין דערווידער, מאַרטאַ, אַז איך זאָל אויפנעמען מיינס אַ קוזינע; וואָס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן בעת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשע?

— אדרבא, מיר וועלן איינהייצן דעם אויוון אינעם צווייטן שטיבל און וועסט זי קאָנען ברייוהדיק אויפוואַרטן. עס פרייט מיך, העלענאַ, אַז דו ביסט נישט מער אַליין און וועסט אפשר פון איצט אָן ווערן פריילעכער. אָבער פאַר וואָס ביסטו נישט מכבד דיין פעטער מיט אַ ביסל משקה?

— זיי דו מכבד, מאַרטאַ.

זי שטעלט אַרויף אויפן טיש וואָדקאַ און אַלערליי פאַרבייסעכץ. דער־נאָך שאַרט זי זיך דיסקרעט אַרויס „רופן די קינדער צום מיטאָג".

— אַ דאַנק, — זאָג איך, ווען מיר בלייבן אַליין — אַ דאַנק!

— כ'גלייב, אַז עס האָט דערגרייכט דעם ציל.

— אָ, זיכער, — שאָקל איך מיטן קאָפּ און גיב צו — אין אַ שווערער סיטואַציע געפינט זיך אָפט מאָל אַ גוטע האַנט, וואָס ברענגט דערלייכ־טערונג. קאָן דען עמעצער פילן דעם טעם פון אַ פאַרמשפּטן צום טויט, ווען ער באַקומט פון אַ פריינד אַ שאַכטל פאַנטאַסטיש גוטע ציגאַרעטן?

ער שטעלט זיך אויף צום אַוועקגיין און זאָגט שטיל:

— דערלויב מיר זיך פאָרצושטעלן: איך הייס באַלעסלאַוו לאַדאָן און בין אינזשעניער לענסקיס פריינד.

24

דעם זעלבן טאָג פאַר נאַכט איז געקומען לענסקי. ער איז אַריין ווי אַ ווינט, רעשיק, פריי, זיכער און היימיש. נאָכן אָפּפרייען זיך מיט מיר און מיט מאַרטאָן, שלעפט ער אַרויס אַ פלאַש בראָנפן פון קעשענע, קלאַפּט אַרויס דעם קאָרעק און שוין זוכט ער כוסות אין קיכשענקל. ער איז פון דער ערשטער מינוט אָן אַן אייגענער: כאַפּט אַרום מאַרטאָן, רוימט איר איין אין אויער סודות, פון וועלכע זי ווערט רויט און האַלט זיך ביי די זייטן פון לאַכן. ער הייבט זי אויף, ווי אַ קינד, און שטעלט זי האַסטיק אַוועק אויף דער פאָדלאָגע.

איך זע ערשט איצט, אַז מאַרטאַ איז געוואָרן שיין. אינעם נייעם קלייד, לאַטשן אויף הויכע אָפּצאַסן, אָנדולירטע האָר, געשמינקטע ליפּן — האָט זי אַ ספּעציעלן, ווייבערישן חן. נישט ווי דעמאָלט, ווען כ'האָב זי באַקענט און דערזען אַן איינגעהילטע אין אַ טוך, אַן אָנגעטוענע אין לויזע, אַלטע מלבושים, שליאַפּעוואַטע שיך. איצט איז איר פּנים פולער, ראָזער און די פריער אויסבלאַקירטע, בלויע אויגן האָבן אַ ספּעציפישן גלאַנץ, שטיפע־רישקייט און קאָקעטעריע.

— איך האָב נישט ליב צו זויפן אַליין ווי אַ דראַזשקאַזש, — רופט

אויס לענסקי — פאַרבעט דיינע שכנים, מיט וועלכע דו לעבסט בשלום און מיר וועלן טרינקען אַלע צוזאַמען פאַרן ווייל פון אונדזער פּאַטערלאַנד און פאַרן צוריקקומען פון יאַנעקן, מיין קוזין, דעם מאַן פון אַט דער „מכ־שפהלע". ווען דו זעסט אים, מאַרטאַ, איר מאַן, וואָלסטו זיך גלייך אין אים פאַרליבט! נו, לעבעדיק, אַ שאָד די צייט!

מאַרטאַ פאַרבעט די באַלעבאַטים פון הויז מיט זייער טאָכטער, די שכנטע, וואָס האָט זיך געוואָלט ווען, אַז איך בין אַ יידישקע און אַ פּאַרל פון ערשטן שטאָק.

עס פעלט אויס בראַנפן. מאַרטאַ שיקט די קינדער קויפן נאָך אַ פלעשל. לענסקי וואַרפט געלט אויפן טיש און רופט אויס:

— מאַרטאַ, ברענג אַלע סאָרטן קעלבאַס: קראַקאָווסקע, סאַלאַמי און שינקע. אין מלחמה־צייט דאַרף מען דאָס האַרץ האַלטן הויך און דעם קאָפּ נידעריק! לאָמיר זיך משמח זיין, זאָל לעבן אונדזער פרייהייט!

— זאָל לעבן! — ענטפערן אַלע.

— אונדזער פּאַטערלאַנד זאָל לעבן!

— זאָל לעבן!

— אַ טויט די דייטשן!

— אַ חוץ פּאַולוסן — לאַכט מאַרטאַ.

— דער בעסטער דייטש זאָל קיין גרינגן טויט נישט האָבן! — צעהיצט זיך לענסקי.

— אמן! — ענטפערן אַלע.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך די וויזיטן פון לאַדאַן און אינזשעניער לענסקי, איז מיין אַרישקייט אויסער יעדן ספק און אומבאַשטרייטלעך. קיינער וועט מער נישט וואַגן מיך חושד צו זיין!

.25

פּאַולוסן איז היינט נישט געלונגען אַריינצובאַקומען זיך צו די יידן אין בונקער. אויף אַ שכנותדיקער גאַס האָט די „רוימונגס־קאָמאַנדאָ" אונ־טערגעצונדן הייזער און ער האָט מורא געהאַט צו דערנענטערן זיך צו יענעם הויז, כדי נישט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די קאָ־מאַנדאָ־לייט.

פּאַולוס האָפט, אַז מאָנטיק באַלד אין דער פרי וועט עס זיך יאָ איינ־געבן. מיר זענען ביידע אומרואיק, עס זאָל נאָר נישט זיין צו שפּעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מאָרגן וועל איך זען מאַגדאַן! מאָרגן וועלן מיר זיך טרעפן, צוטוליען איינע צו דער צווייטער!

קלאַפּסט צו שנעל, האַרץ מיינס, קומסט אַרויף אַזש ביז צום האַלדז. ווילסטו מיך דערשטיקן? באַרואיק זיך, העך אויף צו צאַפּלען! עס שרעקן דיך אסתרס פּיס? איר געזונט־צושטאַנד? האָסט מורא, אַז זי וועט בלייבן אַן אינוואַליד? זאָרג נישט, מיר וועלן אַלץ טאָן, זי זאָל ווערן צוריק געזונט.

דער מוח איז אָנגעפּיקעוועט מיט טראַכטעניש: די יידן אין בונקער, ישראל, יאַנקל, אסתר. ווו זענען זיי איצט?

אַ, גאָט אין הימל, באַשיץ זיי! נעם צו מיין לעבן פאַר זייערע לעבנס. נעם צו פון מיר אַלץ, וואָס באַצירט מיך אויסערלעך, לאָז מיך אין אייביקער אָרעמקייט, אָבער זיי, זיי זאָלן בלייבן לעבן!

אפשר וועט אַ פרעמדע פרוי אָפּראַטעווען ישראלן פון טויט, באַשטיי איך, ער זאָל בלייבן מיט יענער און צו מיר מער נישט קומען. איך וועל אַלץ פאַר ליב נעמען, אַבי ער זאָל בלייבן לעבן.

די צעשויבערטע געדאַנקען צעזשאַרען פלעמעלעך פון זכרונות. עס לייכט אויף אַ לאַנג פאַרגעסן געשעעניש און לעשט זיך אויס, ווי אַ פונק אין אַש. פון צייט צו צייט רייסט זיך אַדורך אַ דערמאָנונג, ווי אַ גאָלדענער שטראַל דורך אַ פאַרמאַכטן לאָדן. עס טויכט אויף אין זכרון אונדזער האָניק־חודש: דרוסקעניק, דער ניעמען — — — טייערסטער מיינער, איינציקער!

אַרום מיר — אַ פינצטערניש. אַ צעיאָמערטער ווינט רייסט די נאַקעטעביימער אויפן הויף. עס קרעכצן און קנאַקן די טרוקענע צווייגן. ערגעץ־ווו הילכט אָפּ אַ שאָס. עס בילט אַ הונט. אַ פאַרשפּעטיקטער איינוווינער מאַכט אויף אַ סקריפּעדיק טירל.

דורך דער צייט אַדורך, דורכן שטח, כישוף איך אויס ישראלס בילד. איך דערזע אים אַזעלכן, ווי ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש. באַלד אָבער טויכט אויף זיין פּנים פונעם לעצטן צעשיידן זיך. און נאָך שנעלער, עפּעס ווי אַ וויזיע, באַווייזט זיך אַ ניי בילד: ישראל, אַן אויסגעדאַרטער, הונגעריקער, בלאַסער, מיט טיף אַריינגעפאַלענע אויגן, פאַרשפּיצטער נאָז, פאַרביסענע ליפּן, אַ צעבלוטיקטער פון קלעפּ...

„סרוליטשקו, פאַל נישט, גיב זיך נישט אונטער!!"

כ'שטרעק אויס די הענט, צעפּראַל די אויגן. אַ פינצטערע, פוסטע נאַכט. אַלץ פאַרשווינדט. נאָר דאָס חשכות ציט זיך אָן אַ סוף. ווען וועט שוין אָנהייבן טאָגן?

— * —

— ביסט זייער קאַלאַמוטנע, העלאַ, האָסטו געזען „דיינעם" אין שלאָף?

— יאָ, מאַרטאַ, מײַן היים איז מיר צו חלום געקומען און האָט מיר צעמאַנטשעט די נשמה. עס ווילט זיך מיר צוריק אַהיים, מאַרטאַ.

— העלף מיר בעסער אויסמאָלן די שישקעס צו דער כאַאינקע (ווייַנאַכט־בוים) און „צעלעכץ" זיך נישט, העלאַ. הלוואי וואָלט איך געהאַט אַזאַ האָפענונג, ווי דו האָסט. דײַנער קאָן נאָך קומען, אָבער מײַנער — שוין נישט! און הערסט, העלאַ, עס בענקט זיך מיר פשוט נאָך אַ מאַן. איך בין אַזוי מקנא יעדע פרוי, וואָס כ'טרעף געאָרעמט מיט אַ מאַן, אַז איך וויל מיר די פינגער בײַסן פון קנאה. און אפשר איז אונדז ביידע צוזאַמען דערפאַר גוט, ווייל מיר לײַדן גלײַך?

מאַרטאַ כליפּעט. איך גלעט אירע האָר און שווייַג.

.26

עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טיר. מאַרטאַ ווישט שנעל אויס די אויגן און עפנט. עס קומט אַרײַן אַ נידעריקער, ברייט־ביייניקער גוי, אָנגעטון אין אָפּגענוצטע אַרבעט־קליידער. גאָרנישט זאָגנדיק (קוים וואָס מען הערט זײַן גוטמאָרגן) זעצט ער זיך שווער אַוועק אויף אַ שטול בײַם טיש.

— צאָ נאָוועגאָ? (וואָס הערט זיך?) — פרעגט מאַרטאַ.

— גאָרנישט, — הייבט ער מיט די פּלייצעס — זי ברעכט ווידער און וועט אַוודאי שטאַרבן. ווי לאַנג קאָן אַ מענטש לעבן אָן עסן און דערצו נאָך אויסברעכן, וואָס ער האָט מיט אַ יאָר צוריק אַראָפּגעשלונגען. ע־ע, ס'איז מיר שוין פּאַרמיאַוסט צו קוקן ווי זי אַרבעט מיט די זייטן.

— דעם גלח רופסטו נישט?

— זי וויל נישט.

דעם דאָזיקן פּאַרשוין זע איך צום ערשטן מאָל. איך קוק זיך אים זייטיק צו. זײַן פּנים איז באַשאָטן מיט וואָנגרעס, ווי די הויט פון אַ שוואַרצער, נישט גוט אָפּגעצופּטער הון. אַ נידעריקער שטערן, בייזע, כיטרע, מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן, אַ פעטע נאָז, דיקע ליפּן (די אונטערשטע — אַראָפּגעלאָזט); אויפן קיילעכדיקן קאָפּ — צעשויבערטע, שטייפע, בלאָנדע האָר. „אַ טיפּ פון דער סאָצעוויטשנס גאַלעריע" — לויפט מיר אַדורך אַ געדאַנק.

— ווער איז בײַ דיר קראַנק? — פרעג איך, קוקנדיק אים דרייסט אין פּנים אַרײַן.

— מײַן ווייב, פּאַניושו.

— ווי הייסט די קראַנקהייט?

— ווער ווייסט עס, פּאַני שאַנאָוונאַ, — קראַצט ער זיך דעם קאָפּ מיט אַ זייער לאַנגן נאָגל פון קליינעם פינגער — זי ענדיקט שוין, טאָ וואָס איז

די נפקא־מינא אויף וואָס אַ מענטש שטאַרבט? באַשערט — שטאַרבט מען; באַשערט — לעבט מען. יאָ, מאַרטאַ, הײַנט פֿאַר איך אין דאָרף, קאָן איך דיר ברענגען שינקע און וואָס דו דאַרפֿסט נאָך. גיב נאָר געלט — כ׳האָב נישט אויסצולייגן.

— אַנטאָני, אָבער פֿאַרטרינק נישט, געדענק! כ׳וואָלט עס דיר נישט מוחל געווען!

ווען מיר בלײַבן אַליין, זאָגט צו מיר מאַרטאַ:

— פֿאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ הינט־שלעגער, אַ שינדער פֿון בהמות און אַ קיילער פֿון חזירים אין דערפֿער. זינט די דײַטשן זענען אַרײַן — איז ער אַ שמוגלער. דעם ווײַב האָט ער נישט געקאַרגט קיין קלעפּ, אָפּגעהאַקט פֿון איר די הויט. איצט האָט ער חשק אויף מיר, אָבער נישטאָ קיין נאַראָנים! ווייסט, העלאַ, ווען כ׳קוק אויף אים, זע איך שטענדיק דאָס בילד מיט די צוויי זשידזשאַקעס דאָ אויפֿן גאָרן.

— וואָס פֿאַראַ זשידזשאַקעס? — ווער איך נײַגעריק.

— ווען די דײַטשן האָבן ליקווידירט דאָס וואַרשעווער געטאָ און די געטאָס אין אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, האָב איך איין מאָל, אין אַ קאַלטן יעסיען־אָוונט, געפֿונען אין ווינקל, ביים בוידעם־טירל, צוויי יידישע קינדער: אַ יינגעלע און אַ מיידעלע. כ׳האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, ווייל זיי האָבן גאָרנישט געהאַט קיין צורה פֿון מענטשן, נאָר אַזוי ווי פֿון דר׳ערד אויסגעגראָבענע סקעלעטן. דאָס יינגעלע — אַ זעקס ,אָדער זיבן־יעריקס; דאָס מיידעלע — נאָך יינגער. ביידע באַדעקט מיט קרעץ און אוודאי אויך מיט לייז. זיי האָבן געציטערט און געקוקט מיט אַזעלכע שרעקלעכע, בעטלדיקע אויגן, אַז כ׳האָב זיך אָפּגעצלמט און באַקומען רחמנות. האָב איך זיי דערלאַנגט אויף אַ שטיקל גאַזעטן־פּאַפּיר אַ ביסל קאַשע, וואָס איז מיר געבליבן פֿון מיטאָג. העלאַ, האָסט געדאַרפֿט זען, ווי די צוויי ווערעמלעך האָבן מיט די אויסגעדאַרטע, שוואַרצע פֿינגער געקליבן די קערנדלעך אין מויל אַרײַן. אינטערעסאַנט, אַז זיי האָבן זיך נישט אַרויסגעריסן דאָס עסן איינס דעם צווייטן, נאָר להיפּך: דאָס יינגעלע האָט צוגעשאַרט די לעצטע פֿאַר זשאַרנעס קאַשע צום מיידלס זייט און זי האָט זיי צוגעשאַרט אין זיין זייט. דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע צוגעטוליעט איינס צום צווייטן, ווי קעצעלעך, און אין די צעפּליקטע לאַכעס געבליבן ליגן, ווי אַ בערגל מיסט. מיר האָט עס נישט געשטערט, וואָס זיי ליגן דאָרט אין ווינקל, אָבער ס׳איז אָנגעקומען די פֿאַוולאַקאָווע אַראָפּנעמען וועש פֿון בוידעם און זי האָט געמאַכט אַ ליאַרעם. גראָד איז אויפֿן הויף געווען אַנטאָני. ער איז אַרויפֿגעקומען זען, וואָס ס׳איז געשען. באַלד איז ער אַראָפּ צום בעל־הבית, גענומען אַ ווידלע און צוריק אַרויף אויפֿן גאָרן. ער האָט מיט דער

ווידלע פאַרטשעפּעט אין די קינדערס שמאַטעס און איינס נאָכן צווייטן אַראָפּגעשמיסן דורכן פענצטער. זיי האָבן אַפילו נישט געשריגן און גלייך דערהרגעט געוואָרן.

— געננוג, מאַרטאַ, כ׳קאָן נישט מער! מערדער, פאַרברעכער, כ׳וויל מער נישט הערן!

— העלאַ, וואָס איז מיט דיר? ביסטו אַ יידישע טשאַטקע? מיר איז עס אויך געווען דערווידער, אָבער דאָס זענען דאָך בלויז יידישע שטשע־ניאַקעס.

איך פאַרשטאָפּ מיר די אויערן און ציטער אויפן גאַנצן לייב, ווי אין אַ קדחת.

.27

דער אינזשעניער איז אַריין אין שפּיטאָל, איך בין געבליבן וואַרטן אין דרויסן. אונטער די פיס סקריפּעט אַ צעטראָטענער, פאַרפרוירענער שניי.

אין פינף טעג אַרום איז באַזשע־נאַראָדזעניע. כ׳וועל אסתרן מיטנע־מען מיט זיך. כ׳האָב שוין צוגעגרייט דאָס בעט, מיר וועלן שלאָפן צוזאַמען, איך וועל זיך צוטוליען צו איר. אַלס קינדער פלעגן מיר זיך אַריינגנבענען איינע צו דער צווייטער אין בעט אַריין.

עס דויערט אַזוי לאַנג. פאַר וואָס קומען זיי נישט אַרויס? אפשר איז מיט אסתרן עפּעס געשען?

סוף־כל־סוף דערזע איך זיי. אסתר איז מיטן גאַנצן קערפּער אָנגע־שפּאַרט אויפן אינזשעניערס אַקסל. זי שטעלט שווער די פיס, זי שלעפּט זיי כמעט. פּאַמעלעך דערנענטערן זיי זיך צו מיר.

— מאַגדאַ!

— העלאַ!

אַ געוויין, אַ דערשטיקט יאָמערלעך געוויין. דאָס קלאָגט אַזוי אונדזער גרויסער חורבן, דאָס קלאָגן אונדזערע, אין שטויב צעפאַלענע, לעבנס.

— באַבעס! בייזערט זיך דער אינזשעניער און ווישט אַליין אויך די אויגן.

— מאַגדאַ, כ׳וועל דיך איצט גלייך מיטנעמען! וועסט זיך ביי מיר קרעפּטיקן, צוריקשטעלן אויף די פיס, עס פעלט מיר גאָרנישט.

— היינט נישט, העלאַשי, איך מוז נאָך עטלעכע טעג בלייבן אין שפּי־טאָל. איך באַקום איינשפּריצונגען.ביידע פיס זענען מיר אָפּגעבר׳ענט.

מיר זעצן זיך אַוועק אויף אַ זייטיקער באַנק. אסתר דערציילט וועגן אירע איבערלעבענישן. פראַנעקן, דעם טייערן פראַנעק, האָבן די דייטשן פאַרברענט לעבעדיקערהייט. ער איז געווען לייכט פאַרוווּנדעט און געלעגן

אין וואַרשע אין שפּיטאָל צוזאַמען מיט אסתרן. נאָכן איינברעכן זיך פֿור־נעם אויפֿשטאַנד אויף אַלטשטאָט, האָבן זיך אין דעם דאָזיקן שפּיטאָל גע־פֿונען 800 קראַנקע. צו אסתרס בעט איז צוגעקומען אַ דייטשער זעלנער און איר אַ זאָג געטון: „אַנטלויף פֿון דאַנען שנעל, ווייל באַלד וועט די געביידע שטיין אין פֿלאַמען". אסתר האָט זיך מיט די לעצטע כּוחות אַראָפּ־געשאַרט פֿון בעט און אַזוי אויף אַלע פֿיר צוגעקראָכן צו פֿראַנעקן, אַז אויך ער זאָל אַנטלויפֿן. ביידע זענען זיי געקראָכן אויף די הענט. אסתר האָט זיך ממש אַראָפּגעקאָלערט פֿון די טרעפּ. ביידע זענען צו צום טויער. אסתרן האָט דער וואַך־זעלנער דערלויבט אַרויסצוגיין, אָבער פֿראַנעקן נישט. דאָס טויער האָט זיך פֿאַרמאַכט הינטער אסתרן און באַלד דערנאָך האָט שוין דאָס הויז געברענט. שרעקלעכע קולות האָבן זיך פֿון דאָרט אַרויס־געריסן, ווי בשעתו פֿון געטאָ. אסתרן און נאָך עטלעכע ניצול געוואָרענע האָט דער „רויטער קרייץ" אַוועקגעפֿירט אין אַ שפּיטאָל, קיין ברווינאָוו.

אסתר בעט מיך, כ'זאָל נישט קומען צו איר אין שפּיטאָל אַריין. עס קאָן מיך עמעצער דערקענען. מיר שמועסן זיך אָפּ צו טרעפֿן אין סילוועס־טער־אָוונט ביים אינזשעניער.

.28

מאָנטיק פֿאַר נאַכט איז פּאַולוס געקומען אָן זאַכן. זיין פּנים איז געווען ווי באַשיט מיט אַש. כ'האָב גלייך דערפֿילט, אַז ס'איז געשען עפּעס שלעכטס.

— וואָס נייעס, פּאַולוס?

— פֿאַרשפּעטיקט, — ענטפֿערט ער טויב — כ'בין גראָד אָנגעקומען, ווען עטלעכע פֿון דער „רוימונגס־קאָמאַנדאָ" האָבן אַרויסגעפֿירט די דריי אומגליקלעכע יידן. דריי געשפּענסטער. איינע פֿון די צוויי פֿרויען האָט געבעטן ביים זעלנער, ער זאָל איר דערלויבן צוריקצוגיין נעמען איר מאַנטל, ווייל זי האָט פֿאַרגעסן אים אָנצוטאָן. די זעלנער האָבן געלאַכט און פֿאַרזיכערט, אַז עס וועט איר נישט זיין קאַלט. באַלד טאַקע האָבן די מערדער דערשאָסן ס'ערשטע די צוויי פֿרויען און נאָך אַ רגע דעם ייד.

בשעתן דערציילן ציטערן ביי פּאַולוסן די הענט. ער באַהערשט זיך מיט אַלע כּוחות, מען זאָל מיינען, אַז ער איז רואיק, אָבער די פּאַסיע, מיט וועלכער ער דערשטיקט אין אַשבעכער דאָס נישט־אויסגערייכערטע שטיקל ציגאַרעט — פֿאַרראַט זיין אויפֿגעברויזטקייט.

— זיי האָבן מיך געזען פֿון דער ווייטנס — רעדט פּאַולוס ווי צו זיך — און אפֿשר האָבן זיי חושד געווען, אַז איך האָב זיי אויסגעגעבן. אַפֿילו דאָס בריוול פֿון דעם געראַטעוועטן האָבן זיי נישט זוכה געווען צו זען. איך בין געשטאַנען און געקוקט. נישט געפּרווט אַרויספֿירן זיי פֿון ביטערן טעות

און פאַרגרינגערן די לעצטע מינוטן פּיין. וואָלט איך עס יאָ געטון, איז זיך לייכט משער צו זיין מיין סוף. און איצט פיל איך זיך ווי אַ גנב, וואָס „אַרבעט" אין דער פינצטער און פלוצלינג גיט עמעצער אַ צינד אָן דאָס ליכט און ער געפינט זיך אין אַ באַלויכטענעם צימער. איך שעם זיך פון טאָג צו טאָג מער מיט מיין דייטשישן מונדיר. איך שעם זיך, וואָס כ'בין אַ דייטש, אַ ברודער פון מערדער.

.29

— ווייסט איר נישט, אַז אין „סילוועסטער" דאַרף מען זיך משמח זיין ?
— בייזערט זיך דער אינזשעניער — און איר דאָ זיצט, ווי יידן אין „שבעה"!

זיצן מיר, דאָס הייפל איבערגעבליבענע, „מאָדערנע אנוסים" און זענען זיך „משמח".

שולא מיט איר מוטער האָבן צוגעגרייט די סעודה. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָב איך דורך יהודיתן געשיקט אַ גאַנדז און בראָנפן, אַנדערע ווידער האָבן אָפּגעבאַקן קוכן און געברענגט זיסוואַרג.

איך זיץ אויפן בעט נעבן אסתרן. עס דאַכט זיך מיר, אַז אירע אונטער־געהאַקטע אויגן, איינגעפאַלענע באַקן, קינדעריש פאַרצויגענע ליפן — ווען שוין קיין מאָל נישט לאַכן ווי אַמאָל. מיר האָבן צו טייער באַצאָלט פאַרן לעבן, צו טייער.

טאָשאַ מיט שולאַן זינגען. די פאַרבענקטע טענער פון „לאַ־פּאַלאמאַ" ברענגען אַ דערמאָנונג פון אַן אויספלוג קיין זשעלעכאָוו. איך פאַרטרייב די זכרונות. זיי ברענען, ווי פייער אויפן לייב.

דער אינזשעניער, וואָס פירט אויס די פליכטן פונעם בעל־הבית, באמיט זיך אַריינצוברענגען אַ ביסל הייטערקייט. ער רוקט אונטער פולע כוסות, דערציילט וויצן און איז גליקלעך, דערזעענדיק אַן אַנטשפּאַנונג אויף אונדזע־רע פּנימער.

— פאַר וואָס קאָנט איר זיך נישט פאַרגעסן ? — פרעגט ער מיט פאָר־וורף.

— אַ געבונדענער קאָן זיך נישט פאַרגעסן און משמח זיין —ענטפער איך — די שרעק פאַרן טויט שטייגט איבער אַלע אַנדערע געפילן. אַ געפּאַנ־גענע חיה איז קודם כל פול מיט שנאה, מיט פּחד, אָנגעשפּיצט אויף יעדן שאָרך, אויף יעדער מעגלעכקייט אַרויסצובאַקומען זיך פון דער טויט־סכנה. ס'איז שווער אין אַזעלכע אומשטאַנדן איבערצוגיין זיך אַליין.

— שווער־קייטן דאַרף מען באַקעמפן, — זאָגט לענסקי שאַרף — באַ־קעמפן זיי אין זיך אַליין, כדי דערמיט צו דערמעגלעכן דעם נצחון איבערן

שונא אין דרויסן. דאָס אַלץ קומט אָבער נישט אָן לייכט, מען מוז עס אויס־האַמערן. נצחון ברענגט גליק!

— איך גלייב מער נישט אין גליק, לענסקי. כ'וואָלט בלויז געוואָלט אויפּ־דעקן דעם שוידערלעכן פּרצוף פון דער וועלט, די הימל־שרייענדיקע נויט פון שוואַכע, די אָנמאָסיקייט פון ליידן, די מגפה פון דעמאָראַליזאַציע.

— נו, און וואָס ווייטער?

— אפשר וועלן זיך מענטשן באַזינען און אָנהייבן דערציען זייערע קינדער אין ליבשאַפט פון איינעם צום צווייטן. אָבער לאָמיר איצט דערפון נישט רעדן. דערצייל מיר בעסער וועגן וויאַשעק „ברודקאַ".

לענסקי פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, טוט אַ צמאָק, אַז די באַקן ציען זיך אים איין און דערציילט:

— ער שטאַמט פון גאַרוואָלין, געווען דאָרט אַ הויכער באַאַמטער, היינט איז ער איינער פון די פילאָרן אין דער אונטערערדישער־אַרמיי. ער האָט אָפּגעראַטעוועט און איינגעאָרדנט צענדליקער יידן, דערוואַקסענע און קינ־דער. ער זאָרגט פאַר זיי, שאַפט געלט, האַלט זיי אויס. זיין פרוי האָט ביי זיך אַ יידיש יינגעלע און איז צום קינד אַזוי צוגעבונדן, ווי צו אַן אייגנס. זי איז מיט איר „זונעלע" אַוועק קיין קראָקע, מען זאָל זיי נישט מסרן, ווייל דאָ, אויפן אָרט, קען מען זי און מען ווייסט, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין קינד אין דעם עלטער.

— איך האָב עס באַלד דערפילט — זאָג איך שטיל און טראַכט:

ברודקאַ איז, ווייזט אויס, איינער פון די געציילטע פּאָלאַקן, וואָס ראַ־טעווען יידן צוליב ריין־מענטשלעכע פּרינציפּן, פון גוטן האַרץ און נישט ווי אַנדערע פּאַטריאָטן, וואָס אויב זיי העלפן שוין יאָ אַ ייד, טוען זיי עס אַ דאַנק דער שנאה צום אָקופּאַנט. דאָס איינציקע, וואָס בינדט נאָך פּאָלאַקן מיט יידן, איז די בשותפותדיקע שנאה צום דייטש. די היטלער־אָקופּאַציע האָט פולשטענדיק דערגאַנצט די יאָרן־לאַנגע אַרבעט פון אַלערליי פּוילישע אַנטי־סעמיטן.

לענסקי רעדט, דערציילט און דערמאָנט אַלע מאָל נייע פאַקטן פון „ברודקאָס" הומאַניטאַרישקייט.

— העלאַ, איך קאָן דיר אָנווייזן אַ סך אַזעלכע „ברודקאָס". אויב דו ווילסט, נאַ דיר אַן אַדרעס פון אַ דירה אין פּאַדקאָוואַ־לעשנאַ, וועסט אַוועקפירן אהין־צו אַ בריוו, (איך וועל דיר איבערגעבן די האַסלע) און וועסט זיך איבערצייגן, אַז אויך זיי דאָרט זענען פון דער זעלבער קאַטע־גאָריע מענטשן, וואָס דער „וויאַשעק".

איך ענטפער נישט. מיין בליק בלאָנדזשעט איבערן לאַנגן און שמאָלן שטיבל. אינעם קליינעם קיכל ביי דער טיר זשאַרן זיך קוילן. פון דער

שפּאַרע איבער דער שוועל ציט אַ קאַלטע לופט. אַלע האָבן זיך באַזעצט אויפן איינציקן בעטל, וואָס שטייט אונטערן שמאָלן פענצטערל. דאָס פיר־קאַנטיקע טישל איז אָנגעהויפט מיט עסנוואַרג.

— פאַני, — זאָגט לענסקי צו שולאָס מוטער — דו וועסט היינט נעכ־טיקן ביי מיינע עלטערן און איר פיר — ווענדעט ער זיך צו אונדז — וועט בלייבן דאָ: צוויי וועלן שלאָפן צוקאָפּנס און צוויי — צופוסנס. עס איז שפּעט, קינדער!

לענסקי ווינטשט אַ גוט יאָר און אַ גוטע נאַכט. ער צעקושט זיך מיט יעדער פון אונדז, נעמט מיט זיך מיט שולאָס מוטער און, לייכט, ווי אַ האָן, שפּרינגט ער אַראָפּ אויף די טרעפּ. מידע לייגן מיר זיך שלאָפן. טאָשאַ פאַר־לעשט דאָס ליכט.

פון ערגעץ ווו דערגייען פריילעכע, שיכורע, סילוועסטער־קולות. איך שאַר צו אסתרס האַנט צום פּנים. טאָשאַ מיט שולאַן שלאָפן באַלד איין. דאָס פייער אינעם קיכל גייט אויס. אַ קאַלטער ווינט שפּאַצירט אַרום הין און צוריק. פון דער ליימענער פּאַדלאָגע טראָגט זיך אַ זויערלעכער ריח פון קאַזע־השתנה, אַן איבערבלייבעכץ פון די פריערדיקע לאָקאַטאָרן.

אַן אָפּשטייענדיקע ספּרוזשינע פונעם מאַטעראַץ קוועטשט מיר אָפּ די זייט. איך וויל זיך אָבער נישט באַוועגן: אסתרס ריטמישער אָטעם זאָגט עדות, אַז זי שלאָפט. די נאַכט איז אויסגעקילט, פרעמד.

איך ליג אומבאַוועגלעך מיט אָפענע אויגן און בין נאָך אַ מאָל מעלה גרה מיין גרויסן פאַרלוסט. פון דער טיפער פינצטערניש שיילן זיך אויס ישראלס גרויסע דלאָניעס, עס קוקן אויף מיר זיינע מילדע אויגן פול מיט ליבע. איך לייג אַפילו אַוועק אויף זיין ברוסט מיין מידן קאָפּ. טרערן גליטשן זיך און צעגייען, ווי ווערעמלעך איבערן האַלדז.

מען דאַרף האָבן אַ זייער שטאַרקן ווילן, כדי ווייטער ממשיך צו זיין דאָס לעבן, רעדן מיט מענטשן שטיל און געמיטלעך, איינקויפן, עסן, אויס־פּרעסן זיך אַ קלייד.

אפשר העלפט מיר צום אויסדויער די געוואַלדיקע בענקשאַפט און דער אומגעוויינטלעכער דראַנג און גלויבן צו טרעפן זיך נאָך מיט ישראלן און יאַנקלען?

30.

איך בין צוזאַמען מיט אסתרן. מיר שלאָפן אין איין בעט. דער וואַנט־זייגער קלינגט אויס יעדער שעה אונדזער „גליק״.

מיר שמועסן שטיל, שעפּטשען. שעפּטשען אָן אַ סוף. די טיר צו מאַר־טאָס שטוב איז צו. דאָס קליינע צימערל, ווו מיר געפינען זיך, ווערט בדרך

כלל אין ווינטער־צייט נישט באַנוצט, אָבער דאָס מאָל איז מאַרטאַ גרויס־מוטיק: זינט אסתר איז ביי מיר ווערט דער אויוון טאָג־טעגלעך געהייצט. מאַרטאַ צעשווימט זיך אין העפלעכקייטן לגבי אסתרן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם 6־טן יאַנואַר, מיטאָג־צייט, איז פּאַולוס אַ צעטראָגענער, אָן אומרו־איקער אומגעריכט געקומען און מודיע געווען, אַז זיין איינהייט מוז תיכף פאַרלאָזן וולאָכי. מאַרטאַ האָט פאַרבראָכן די הענט. פּאַולוס איז געווען זיכער, אַז דאָס באַדויערט זי אַזוי אים.

דערלאַנגענדיק מיר די האַנט, האָט ער אַפילו נישט געפּרווט באַהערשן זיין נערוועזיטעט.

— פּרוי העלענאַ, — האָט ער קוים אויסגעפּרעפּלט — דיין מאַן וועט צוריקקומען. איך פיל דאָס מיטן גאַנצן האַרץ. פאַר דיר ענדיקט זיך איצט די „נאַכט" פאַר מיר פאַנגט זי זיך אָן.

— ווו אַהין שיקט מען אייך?

— איך ווייס נישט. עס איז אָבער זיכער, אַז קיין צפון. דאָרט וועלן מיר בויען באַפעסטיקונגען. אַ ליאַדע טאָג וועט זיך אָנהייבן די רוסישע אָפענסיווע. כאָטש מען קאָרמעט אונדז כסדר מיט פּראָפּאַגאַנדע, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַן אויסערגעוויינטלעך שטאַרקער ווידערשטאַנד — גלייב איך נישט דערין. מיר זענען „קאַפּוט".

ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און ציט ווייטער:

— פּרוי העלענאַ, ווייסטו, וואָס עס מוטשעט מיך? ווען די פּאָלאַקן וועלן ווידער קומען צו דער מאַכט, קאָן מען זיך טשעפּען צו מאַרטאַן, באשר עס איז צו איר אַרויפגעקומען אַ דייטש און זי וועט דערפון ליידן. איך וועל זיין ווייט, אויך דו וועסט אַוועק און זי בלייבט אויפן אָרט. אפשר קאָן מען געפינען עפּעס אַן עצה?

— איך גלייב, אַז קיינער וועט איר קיין שלעכטס נישט טאָן — ענטפער איך — אַלע ווייסן דאָך דעם אמת און שכנים וועלן זי פאַרטיידיקן.

איך דערזע בפירוש אַן אָנטשפּאַנונג אויף פּאַולוסעס פּנים. באַלד גלייכט ער זיך אויס, סאַלוטירט און זייענדיק שוין ביי דער טיר, פאַרהאַלט ער זיך:

— איך קום באַלד צוריק, כ'האָב עפּעס פאַרגעסן.

עס דויערט נישט לאַנג און ער קומט מיט אַ גרויסן פּאַק זאַכן. אין דער האַנט האַלט ער אַ קליין פּעקעלע. ער דערלאַנגט עס מיר.

— דאָ, אין דעם שאַכטל איז פאַראַן אַ פּאָר בייע, פיינע שיך פאַר דיין מאַן, פּרוי העלענאַ. זאָל ער זיי טראָגן געזונטערהייט. איך בין זיכער, אַז זיי וועלן אים פּאַסן. גריס אים אין מיין נאָמען און זאָג — — —

דאָ צעוויינט זיך פּאַולוס, דרייט שנעל אויס דעם קאָפּ און אַנטלויפט.

מאַרטאַ שטייט אַ פּאַרגליווערטע, בלאַסע, מיט טרערן אין די אויגן. אַ שפּאַר ביסל צייט נאָך פּאַולוסעס אַוועקגיין פאַרגעסט זי אויפצובינדן דעם פּאַק, ביז איך דערמאָן עס איר. זי קרייעט נישט פון פרייד דערזעענדיק דאָס „לעצטגעלט", וואָס פּאַולוס האָט איבערגעלאָזט און וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע ביז־איצטיקע פּעק.

דאָס איז געווען דער לעצטער אַקאָרד פון איר זאָרגלאָזן לעבן. זי האָט עס מן הסתם געפילט.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך, אינעם שכנותדיקן הויז, איילִיק געפּאַקט צום פאַרלאָזן וואָלאָכי, די דאָרט איינקוואַרטירטע אָפּטיילונג פון דער „פעלד־זשאַנדאַרמעריע". עס מערן זיך קלאַנגען, אַז די דייטשן אַנטלויפן, ווייל די הויפּט־פראָנט־ליניע זאָל אַדורכגיין טאַקע דאָ, אין וואָלאָכי. איינער שרעקט דעם צווייטן. מענטשן קויפן איין פּראָוויאַנט, מאַכן זאַפּאַסן. דער יקרות וואַקסט פון מינוט צו מינוט, עס פעלן אויס אַ סך אַרטיקלען. „ווען די רוסן וועלן זיך נאָר באַווייזן — האָבן געטענהט איבערגעשראָקענע באַלעבאָסטעס — וועט תיכף אַלץ פאַרשווינדן און אויב מען וועט שוין יאָ עפּעס באַקומען אויפן שוואַרצן מאַרק, וועט יעדע זאַך קאָסטן אַ הון רב!". מאַרטאַ האָט אָנגעהויבן קאַרגן און קוקן קרום אויף אסתרן, דעם „אומזיסטן פרעסער". איך וואָלט גערן געצאָלט פאַר יעדער קלייניקייט, אָבער דאָס וואָלט געוואָרפן אַ חשד, בפרט ווען אַלץ וואָס מאַרטאַ פאַרמאָגט, האָט זי מיר צו פאַרדאַנקען.

אסתר פילט זיך שוין כמעט אין גאַנצן געזונט. די פיס האָבן זיך איר פאַרהיילט.

„איך קאָן דאָ מער נישט בלייבן, חיהלע, עס איז מיר אומעטיק און דערצו בין איך אין אַ כסדרדיקער שפּאַנונג, כ'האָב מורא, איך זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן פון שלאָף מיט אַ יידיש וואָרט. צווישן די סטאָצקער פיל איך זיך פרייער, דאַרף זיך נישט מאַסקירן, וועל איך זיך דערווייל ביי זיי אויפהאַלטן. עס דאַכט זיך מיר אויך, אַז דאָרט בין איך נענטער צו מיין מאַמען. דאָ אהער קומט זי נישט, אַפילו נישט אין חלום".

איך קויף פאַר אסתרן אַ מאַנטל, אַ רעקל, אַ סוועטער, וואַרעמע וועש און פיר זי אַוועק צו שולאַן.

.31

אַ טויב ברומעריי, אַן אונטערערדיש דונערן, אַ צעברויזטקייט — פילט מען אונטער די פיס, ווען מען גייט אַרויס אין דרויסן. אין דער ערד־איינגעווייד קאָטלעוועט זיך, ווי בייזע כוחות וואָלטן זיך געראַנגלט אויף טויט און אויף לעבן. פון צייט צו צייט דערגייען פון מרחקים טעמפּע אויפ־

רייסן. די לופט איז שווער, ווי באַלאָדנט מיט אַ ווייטן געוויש פון הונדערטער טאַנקן. דער דרויסן איז שרעקעוודיק, אומהיימלעך פאַרזונקען אונטערן בלייערנעם, ווינטערדיקן הימל.

קראָען פליען נידעריק און קראַקען פרעך. קי רעווען טרויעריק, צעצויגן. קרעמער פאַרמאַכן די געוועלבער. מוטערס רופן די קינדער. די ערד הערט נישט אויף צו סטענקען. פון שעה צו שעה קרעכצט זי בולטער, שטאַרקער, עקשנותדיקער.

עס שווימט אָן דער אָנזאָג פון אַ לאַנג אויסגעטרוימטער נקמה, פון אַ לאַנג אויסגעקוקטער באַפרייאונג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס דונערט, קראַכט, זעצט, טרעשטשעט, קאַלאַקאַטשעט. ווי אַ געלויף פון הונדערטער באַנען, ווי אַ געברילערײַ פון טויזנטער אויפגערייצטע לייבן און טיגערס.

„קאַטיושאַ!" גייט פון מויל צו מויל. „קאַטיושאַ!" — דאַכט זיך, שרייען די דייטשישע, אין טויט־שרעק ברייט צעפּראַלטע, אויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ און דאָרט באַווייזן זיך און פאַרשווינדן קליינע דייטשישע מיליטערישע איינהייטן. אָט זענען זיי אַוועק מיט דער פאַבריטשנע־גאַס און באַלד קומען זיי צוריק מיטן הויפּט־טראַקט. אַ פּאַניק יאָגט זיי. „די וועגן זענען, ווייזט אויס, אָפּגעשניטן" — קאָמענטירט עמעצער.

„נו, אַ גיהנום־געקראַך. איין טייוול קעמפט מיטן צווייטן און גאָט ווייסט וועלכער פון זיי איז בעסער: דער וואָס טרעט אָפּ, אָדער דער וואָס קומט אָן" — זאָגט הייבנדיק מיט די אַקסלען, אַ שכן.

די נאַכט שלינגט איין אַלע דייטשישע מונדירן. פאַרטאָג פאַרכאַפּן פּאַלאַקן „שוואַבישע" וווינונגען. עס לויפן הונדערטער מענער און פרויען. זיי באַפאַלן, ווי רויב־פייגל, שטובן, קעלערס, פולע לאַסט־אויטאָס, וואָס זענען געבליבן שטיין און נישט באַוויזן אַוועקצופאָרן.

מען ראַבירט, מען שלעפּט, מען רייסט זיך. טייל טראָגן מעבל־שטיק, ביי־מאַשינען, האַרמאָניעס, שרייב־מאַשינען; אַנדערע — פעלץ־מאַנטלען, זיידענע קליידער, וועש, פאַרצעלייוואַרג, קרישטאָלן, אייל־בילדער, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, כלים, שיכוואַרג. מען רייסט זיך אַרויס פון די הענט, מען שלאָגט זיך, מען ליאַרעמט.

איינער האָט אַראָפּגעכאַפּט פון אַן אויטאָ אַ פולן זאַק. אַ צווייטער האָט פון הינטן דעם זאַק אַראָפּגעשלעפּט פון ערשטנס פּלייצע. עס האָבן זיך פונאַנדערגעשיט פעקלעך וואַש־פּולווער, טאָאַלעט־פּאַפּיר, זייף — אָבער אויך דאָס איז שנעל צעכאַפּט געוואָרן.

מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי. ערגעץ הינטער דער שטאָט האָבן אויפגעריסן עטלעכע האַנט־גראַנאַטן. ווייט ביים האָריזאָנט האָט זיך פון אַ שריפה געראויטלט דער הימל.

די גאַסן זענען מאָמענטאַל געוואָרן פוסט. אַ טיפע שטילקייט האָט זיך פונאַנדערגעלייגט איבער גאַנץ וולאָכי. אַ שווערע, פול מיט דערוואַרטונג, אַבסאָלוטע שטילקייט.

דאָס בלעטל פון קאַלענדאַר האָט אויף זיך געטראָגן אַ פעטן „17" און איבער אים — דאָס וואָרט „יאַנואַר 1945".

קאַפּיטל עלף

די באפרייאונג

1.

ווי חיות אין אַ ברענענדיקן וואַלד לויפן אַרום איינצלנע, פאַרבלאָנ־קעטע, דייטשישע זעלנער.

אַ שייגעצל פּענדזשעט איבער דער גאַס ווי אַ ווינט און שרייט:

„די רויטע זענען אויפן נאַסיפּ! יאַק באָגאַ קאַכאַם, טאַאַנקי ראַס־סיסקע!" (ווי כ'האָב גאָט ליב, רוסישע טאַנקען!).

אין מיטן דערינען באַמערקט ער אַן אַנטלויפנדיקן דייטש אויף אַ ראָווער. ער לויפט אים נאָך און דעריאָגט אים. דער קליינער כוואַט נעמט צו ביים דייטש דעם ראָווער, לאָזט אים שטיין און פאַרשווינדט ערגעץ, פליענדיק ממש ווי אַ שד אויף די רעדער.

צוויי יונגע פּאָלאַקן פירן אַ זעלנער. ער האַלט די הענט אין דער הייך, זיין פּנים איז ווייס ווי קרייד און ער וואַרפט זיך פון שרעק. איך קוק אויף אים אָן שנאה, אָבער אויך אָן מיטלייד.

„לאַפּטשע שוואַבאַ!" — הערט זיך אַן אויסגעשריי.

צוויי אַנטלאָפענע דייטשן זוכן אַ באַהעלטעניש. זיי זענען אויס, ווי גרוי־גרינע שאָטנס. עטלעכע פּאָלאַקן, מענער און פרויען, רינגלען זיי אַרום.

— איך בין נישט קיין היטלעריסט, האָט רחמנות! — בעטלט, מיט טרערן אין די אויגן, איינער.

— מען האָט אונדז געצוווּנגען, — שטאַמלט דער צווייטער — איך האָב קיינעמען נישט דערהרגעט, איך בין נישט קיין נאַצי, איך האָב אַ ווייב מיט קינדער!

— דו סוקין־סיניע! דו טייוולאָניש מייקעכץ! — סיקעט אים נאָענט ביים פּנים אַ הויכער, דאַרער פּאָלאַק — דו האָסט נישט דערהרגעט?! האָסט אָבער געקוקט און הנאה געהאַט, ווען דיין ברודער האָט עס געטון! וווּ איז מיין איינציקער זון, האַ? ענטפער!

איך צי אַוועק מאַרטאַן. עס גייט אונדז נאָך אַ טעמפּער אַפּהילך, ווי ביים האַקן האָלץ. אַזוי האָבן עטלעכע שקצים בשעתו „אויסגעפּערטיקט"

אַ האַלב־נאַקעטן, יידישן בחור אויף דער שוו.יאַנסקאַ גאַס, אין וואַרשע.

מאָרד, רציחה, נקמה! די מלחמה באַווייזט זיך אין איר גאַנצער אכזריותדיקער פּרימיטיווקייט; אָן סטראַטעגיע, אָן וועלכער עס איז אויס־רעכענונג. שנאה, קלעפּ און טויט!

„דעם פּסק־דין האָבן די דייטשן אַליין אויף זיך אַרויסגעגעבן", — זאָגט מאַרטאַ — „די דאָזיקע, איצט, פירן אים בלויז אויס".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס טוט זיך מיט מיר אייגנטלעך? פאַר וואָס ווער איך פאַרקלעמט, ווען איך דערזע אַ שטיק אייזן, אָדער אַ מעסער אין דער האַנט פון אַ פּאָלאַק, אַ בלוט־מאַנער? האָב איך דען נישט געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם דאָזיקן טאָג? און איצט, פאַר וואָס צאַפּלט אין מיר אַזאַ אומרו, אַזאַ עקל, ווען מען שלאָגט מיינע שונאים, די מערדער פון מיין מאַמען, פון מיינע קינדער? בין איך נישט געגנוג רייף אויף צו קאָנען זיך פרייען מיט דעם נאַטירלעכן געפיל פון גאולת־הדם?

מינוטנווייז ביילן זיך מיר די הענט צונויף אין פויסטן. איך וויל שרייען, אַרויסשרייען אויפן קול דאָס לאַנגע שטילשווייגן, דאָס שטיל־שווייגן פון דער גאַנצער צייט, דאָס גיפטיקע, מיט שנאה אָנגעזאַפּטע שווייגן.

איך בלייב אָבער פאַרשטומט, טרויעריק זעט אויס מיין נצחון.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ און דאָרט ליגן איינצלנע דערהרגעטע דייטשן. געפינט זיך נישט צווישן זיי אויך אַ „פּאַולוס"?

— מאַרטאַ, איך קאָן נישט קוקן, ווי מען פייניקט זיי.

— העלאַ, זיי האָבן דערהרגעט מיין מאַן, דעם טאַטן פון מיינע קינ־דער! זאָלן זייערע ווייבער און קינדער אויך אָפּוואַרטן אומזיסט אויפן צוריקקומען פון „העלד". אפשר וועט זיי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּ־פאַלן דער חשק צו טאַנצן דעם מלחמה־טאַנץ.

— ווען מען וואָלט מיר דערלויבט צו באַפעלן, — ענטפער איך — וואָלט איך די קליינע, פּשוטע זעלנער נישט דערהרגעט, נאָר אַלע זיי־ערע אָנפירער, אַלע ס. ס.־ און געסטאַפּאָ־אָפיצירן — פאַרגאַזט, ווי זיי האָבן עס געטון מיט די יידן. דאָס וואָלט געווען אַ וואָרענונג פאַר אַלע די, וואָס זענען עלול צו ווערן מאַסן־מערדער. איך וואָלט...

— אַלע זענען זיי איצט קליין, — רייסט מיר מאַרטאַ איבער — אונדזער סלאָבינע האָבן זיי געפרעסן? מיר זענען זיי באַפאַלן, אָדער זיי אונדז? עס איז זיי געוועז צו ענג אין דייטשלאַנד, ווען מיר זיך באַמיען,

עס זאָל וואָס ווינציקער אַהיימפאָרן, וועט דאָס איבערבלייבעכץ האָבן גערוימער. ווייסטו נישט, אַז זיי האָבן געהאַט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן אומצוברענגען אַלע פּאָלאַקן, אַזוי ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט די יידן? רחמנות אויף דייטשן? — קיין מאָל נישט! דאָס זענען די גיפטיקסטע שלאַנ־גען, וואָס נאָר אַ מבול, אָדער פייער קאָן זיי פאַרניכטן!

„מאַרטאַ איז דאָך גערעכט", — קלער איך מיר — „פאַר וואָס קאָן איך נישט פאַרשטיין אַזאַ פשוטן אמת? פאַר וואָס האָב איך אַזאַ מישמאַש אין קאָפּ?".

2.

די גאַסן פילן זיך אָן מיט נייגעריקע. איך מיט מאַרטאַן שפּרייזן צום הויפּט־שאָסיי, פון וואַנען עס הערט זיך אַ שווערער, אומאויפהער־לעכער גערויש פון אָנקומענדיקע טאַנקן.

צוערשט פאָרן עטלעכע מאָטאָציקלען מיט אַ קליינעם דזשיפּ. באַלד שאַרט זיך פאַמעלעך און רעשיק דער ערשטער טאַנק. פון ביידע זייטן וועג — אַ שפּאַלער פון מענטשן.

אָט אין דער רגע פון באַפרייאונג, אין דער אויסגעטרוימטער מינוט — ברעכט אויס מיין ביז איצט פאַרטשאַיעטער ווייטיק אין אַ געוואַלדיקן געיאָמער. איך דערפיל מיט אַ מאָל מיין גרויסע איינזאַמקייט, מיט וועל־כער עס וועט מיר אויסקומען צו גיין דער פרייהייט אַנטקעגן. ערשט איצט דערפיל איך די רייסנדיקע בענקשאַפט נאָך ישראלן, נאָך דער מאַ־מען, יאַנקלען און די קינדער. ערשט איצט דערפיל איך די שווידערלעכע ווירקלעכקייט. — — —

אויפן ערשטן טאַנק שטייט אַ הויכער, ברייטביינעקער, פאַרקאָפּטשע־טער פּאָליטרוק. זיין פנים איז פול, נישט־ראַזירט און גלאַנצט מיט אַ פעט־קייט פון עטלעכע טעג נישט וואַשן. אויפן האַלב־אָפענעם העמד טראָגט ער אַ קורץ פאַרשמאָלצעוועט פעלצל. זיינע פאַרפלעקטע וואַטע־הויזן האַלטן זיך קוים אויף אַ שמאָלן לעדערנעם פּאַסיק, ווייט אונטערן בויך.

„ברידער פּאָלאַקן", — וואַרפט ער ברייט פונאַנדער די הענט — „מיר זענען געקומען אייך באַפרייען פון דעם גרעסטן וועלט־רוצח! מיר זע־נען אייערע ברידער, זאָל לעבן פוילן!"

„זאָל לעבן!" — רייסט זיך אַרויס אַן אויסגעשריי פון הונדערטער העלדזער.

„זאָל לעבן די העלדישע רויטע אַרמיי און איר גרויסער פירער סטאַלין!"

צווישן המון הערן זיך איינצלנע, פאַרלוירענע שטימען:

„זאָל לעבן!"

„אומעטום האָט מען אונדז מיט בלומען באַוואָרפן" — שרייט דער פּאַליטרוק — „וואָדקאַ האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער!"

„איין טייוול איז אַרויס, דער צווייטער קומט אָן" — גרילצט נעבן מיין אויער אַ פויער — „אַ, זאָל דיך אַ העלער דונער!"

איך לאָז שטיין מאַרטאַן און רוק זיך אַרויס פון המון. דאָרט, ווייטער, אויפן שאָסיי, שטייען טאַנקן, גרייט אַריינצופאָרן אין שטעטל. אָט יענע טאַנקן ציען צו מיין אויפמערקזאַמקייט. אפשר איז מיין יאַנקעלע צווישן די טאַנקיסטן?! און אפשר וועל איך העניעקן געפינען? אפשר אַ סטאַצ־קער, אַ באַקאַנטן, ווער ווייסט?

איך גיי לענגאויס דעם צוג און רוף: עמך?! עמך?! פון פינפטן טאַנק שפּרינגט אַראָפּ אַ זעלנער. שוין איז ער נעבן מיר. צוויי מידע, שוואַרצע, יידישע אויגן.

ער כאַפּט מיך אָן ביים אַרבל.

— פּאַני, ביסט אַ יידישקע?

איך קאָן נישט ענטפערן. די אַקסלען טרייסלען זיך מיר. די אויגן זענען פאַרלאָפן מיט אַ נעפּל. דער פרעמדער, רוסיש־יידישער זעלנער האַלט מיך ביי דער האַנט און „בעטלט":

— זאָג מיר, זענען פאַרבליבן אַ סך יידן פון לאָדזשער געטאָ? איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט אַ מאַמע מיט צוויי טייערע שוועסטערלעך...

— און, — שטעל איך אַ פראַגע אויף אַ פראַגע — האָסט אפשר גע־טראָפן אין רוסלאַנד מיינס אַ ברודער? ער הייסט...

— זיי נישט קיין קינד! פרעגסט נאַרישע קשיות!

מיר בלייבן אַ רגע שטיל. ביידע פרעגן מיר דאָך נאַרישע קשיות.

— וווּ אַהין פאָרט איר פון דאַנען? — רייס איך איבער דאָס שוויי־געניש.

— קיין וואַרשע.

— קאָנסט מיך מיטנעמען אויף דיין טאַנק?

— גאַנץ וואַרשע איז מינירט. וואָס וועסטו דאָרט טאָן איינע אַליין? מעגלעך, אַז עס וועט אונדז אויסקומען צו קעמפן, וואַרט איבער אַ צוויי טעג, אַ שאָד דאָס לעבן.

— איז דען מיין לעבן טייערער, ווי דיינס? קאָנסטו מיך מיטנעמען? — פרעג איך נאָך אַ מאָל.

— גוט, קום אַרויף.

.3

די טאַנקן גייען סאַפּענדיק, קרעכצנדיק. עס איז שווער צו דערהערן, וואָס מען רעדט איינער צום צווייטן.

קיין דייטשישן זעלנער זעט מען נישט אויף קיין רפואה. קיינער שטעלט נישט קיין ווידערשטאַנד. מיר פאָרן שוין איבער די גאַסן פון וואַרשע. ווי שרעקלעך זעט אויס די אָפּגעשטאָרבענע, וויסטע, האַלב־פאַר־ברענטע, האַלב־צעשמעטערטע שטאָט! נישטאָ קיין שפּור פון לעבן! אי־נעם שניי־צודעק זעט וואַרשע אויס, ווי איינגעוויקלט אין תכריכים.

אויף דער פּולאַווסקע גאַס געזעגן איך זיך מיט דעם לאָדזשער זעלנער. ער הייסט מיר זיין פאַרזיכטיק, אַכטונג געבן נישט אַרויפצוטרעטן אויף אַ דראָט פון אַ מינע. מיר ווינטשן זיך אַלדאָס גוטס און צעשיידן זיך.

די גאַסן זענען פרעמד, קאַלט און פּוסט. דאָס הויז אויף מאָקאָטאָוו, וווּ מיר האָבן געוווינט אויף דער אַרישער זייט, איז געבליבן שטיין. גרויסע לעכער נאָך שראַפּנעלן קוקן אַרויס פון די מויערן. דאָס רעכטע ווינקל פונעם הויז איז צעשמעטערט. איך האָב פשוט מורא אַריינצוגיין אין דעם שטיבל אַריין, וווּ מיט אַ צייט צוריק האָב איך נאָך געהאַט נעבן זיך ישראלן און מאַלגאָשאַן.

אַלע דירות זענען אָן פענצטער, אָן טירן. אויפן פּלאַץ פאַרן הויז וואַלגערן זיך אין שניי מעבל־שטיק, טעפּ, אַ צעבראָכן קינדער־וועגעלע, פאַרפוילטע און צעריסענע וואַליזעס, לאַכעס, שיך. אומעטום — סימנים פון מענטשלעכער משוגעת, רשעות און ווילדקייט. אויף די טרעפּ — מאַסן שמאַטעס, פּאַפּירן, ביכער, שאַרבנס פון טעלער. און איבער דעם אַלעם, אַ פאַרמעלע זאַווייע פון בעטפעדערן. ביי יעדן בלאָז פון ווינט אַנטשטייט אַ פּוכגעוויטער, ווי טומאַנעס שניי וואָלטן זיך געהויבן. אָבער דער „שניי" פאַלט נישט פון הימל; ער הייבט זיך פון דער ערד, ווי די וועלט וואָלט געשטאַנען קאַפּויער. אינעם זשאַווערדיקן פאַרנאַכט שלאָגט זיך אַדורך אַ רויט־ברוינלעכער שטראַל און באַפאַרבט דעם צעווירבלטן פּוך. עס דאַכט זיך, אַז יעדעס פעדערל, יעדעס ברעקעלע — וויל דערציילן. איך פאַרשטיי זייער לשון נאָך פון די געטאָ־צייטן.

עס איז מיר שווער צו גיין אויף די טרעפּ. ערטערווייז גליטש איך זיך צוריק אַראָפּ. דאָך טאַרעווע איך מיר אויס אַ וועג. יעדער טעמפּער אָפּהילך פון אַן אַראָפּפאַלנדיקער זאַך רופט אַרויס אַ ציטער. איך בין אוודאי איינע אַליין אינעם הויז, איך הייב זיך אָן צו שרעקן. וואָס פאַר אַ משוגעת איז עס געווען צו קומען אַהער! צוליב וואָס האָב איך עס געטאָן?

אַט בין איך אויף דער שוועל פון מיין שטיבל און בלייב שטיין אַ פאַרקלעמטע.

אַן אומאָרדענונג — נישט צו באַשרייבן. נישט קיין פענצטער, נישט קיין טיר. די שאַנק — צעבראָכן. אויף דער פּאָדלאָגע — פונאַנדערגע־וואָרפענע, צעטרעטענע און צעריסענע קליידער, וועש, שמאַטעס. מאָל־גאָשאַס קאַפּטאַניקלעך, ווינדעלעך — באַגאָסן מיט טינט פון אַ צעהאַקט טינטאָרן. פּייכטע פּאַפּירן, צוגעפּרוירענע צום דיל. פאַרשימלט שיכוואַרג, צעשיטע קאַשע — אויסגעמישט מיט שטרוי און מיסט.

אין אַ טאָפּ — געפרוירן וואַסער. אינעם אייז — ישראלס אַ בלוי העמד. איך האָב עס איינגעוויקלט אַ טאָג פאַרן פאַרלאָזן וואַרשע; געוואָלט עס אויסוואַשן און נישט באַוויזן. אַ שטייפער מאַנקעט שטאַרט אַרויס פון טאָפּ. אַ פאַרפרוירענער, שטומער עדות פון אַן אָפּגעשטאָרבענער, נישט ממשות־דיקער וועלט. איך שטעל אַרויף דעם טאָפּ אויפן קיכל, לייג צו דאָס פּנים צום מאַנקעט, מאַך צו די אויגן. און ווידער טאַיעט אויף דער אימהדיקער גיהנום פון מיין פאַרפייניקט לעבן.

4.

איך לויף אַרויס פון שטוב און האָב בדעה דורכן בוידעם אַראָפּצוגיין אין דער צווייטער זייט הויז. אפשר איז דאָך עמעצער שוין אַהיימגעקומען.

דער בוידעם איז גרויס און האָט צוויי אַריינגענג.

איך גיי פאַרזיכטיק. אַלס קינד איז אַ בוידעם געווען פאַר מיר אַ סוד; אין אַסיען־נעכט פלעג איך מיר פאַרשטעלן, אַז אויפן בוידעם טאַנצן שדים. אויך איצט שרעקט מיך עפּעס. שעפּטשעט עמעצער?

פּלוצלינג בלייבט מיר אַ געשריי שטעקן אין האַלדז. איך מאַך אַ שנעלן טראָט אויף צוריק. פאַר מיר ליגט אַ שטייפער קערפּער פון אַ מאַן. ער האָט אויף זיך אַ פּוילישן, מיליטערישן מונדיר מיט אָפּצייכענונגען. זיין פּנים און הענט זענען ממש שוואַרץ ווי קוילן. נעבן אים — אַ רעוואָלווער, אַ ליידיקע פלאַש פון בראָנפן, ראַזיר־מכשירים, מיינס אַ קיך־מעסער, אַ טאָרניסטער, אַ פּעקל פון ציגאַרעטן, אַ זאַפּאַלניצע.

איך שטיי, ווי פאַראַליזירט און קוק: איך זע אַ פאַרגליווערטן גריי־מאַס אויפן טויטן פּנים. אַרום דעם קאָפּ — שוואַרצע פלעקן פון פאַר־פרוירן בלוט, ערטערווייז באַשיט מיט שניי.

איך דריי זיך שנעל אויס און לויף צוריק אין דער ריכטונג פון מיין שטיבל. אַ טויב געשריי יאָגט מיך. בעתן לויפן פאַרטשעפּע איך אין עפּעס דעם שוך, פאַל שיער נישט אום; עס דאַכט זיך מיר, אַז אָט, אָט

וועט מיר דאָס האַרץ אַרויסשפּרינגען. איך קאָן בשום אופן נישט באַרויִקן די צעפּלאָשעטע געדאַנקען.

אינעם שטיבל שלעפט איך צוזאַמען אַ ביסל שמאַטעס און באַהאַלט זיך אין דעם טיפסטן ווינקל, הינטער דער צעבראָכענער שאַנק.

אַ יאַנואַר־ווינט וואָיעט אין דער פינצטער און טראַסקעט דורך די עפענונגען. ער ציט דורך די טרעפ צום בוידעם, נישטערט, דרייט אַום זאַכן, שעלעשטשעט מיט פּאַפּירן, קלאַפּט מיט ברעטלעך, פּאַפּע, בלעך, ווילדעוועט חוצפּהדיק אין די שכנותדיקע, פּוסטע שטובן. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער רוסישע קולות, שווערע שטיוול־טריט, אויסגעשרייען, כאָכאָטשעריי. איך האָב מורא זיך צו באַוועגן. אַ פראָסטיקע קעלט באַזעצט זיך מיר אויף די אַקסלען. דער שטערן, די נאָז, די פינגער, זענען ווי נישט מיינע.

אָט הער איך גאַנץ נאָענט אַ סאַפּעריי. שטילע טריט פאַרגנבענען זיך און דערנענטערן צו מיר. כ'שטעל מיר פאָר, אַז דאָס גייט דער טויטער אָפיציר, און אַרום אים טאַנצן „נישט־גוטע". איך זיץ אַ שטייפע, אָן אָטעם, אָן אָפּגעשטאַנענע, פאַרחלשטע.

גוט, זאָל ער קומען! פאַר וואָס, אייגנטלעך, זיך שרעקן? וואָלט איך מורא געהאַט פאַר מיין מאַמען, ווען זי וואָלט אַזוי געלעגן אַ טויטע? ער, דער אָפיציר, איז אַוודאי געווען אַן עמפּינדלעכער און האָט ליבער געוואָלט דעם טויט, איידער אונטערצוגעבן זיך דעם שונא. אדרבא, זאָל ער קומען!

אָבער פלוצלינג ווערט שטיל. אין דער שטילקייט דערזע איך ווידער די שוואַרצע, שפּאַן־האַרטע פינגער, דאָס אויסגעקרומטע, מיט בלוט פאַרטריקנטע מויל, ווי עס וואָלט געהאַלטן אין מיטן רעדן. איך וויל פאַרטרייבן די געדאַנקען, אָבער זיי קומען עקשנותדיק צוריק.

ווער איז ער? האָט ער אַ ווייב, אַ מאַמע, אַ כלה? פאַר וואָס האָב איך נישט אַריינגעקוקט אין זיינע דאָקומענטן? ווען איך וואָלט געווען אַ קריסטין, וואָלט איך געזאָגט פּאַטשער פאַר דער רו פון זיין נשמה, איך וואָלט געזאָגט אַ סך פּאַטשער, ביז צום מיד ווערן...

אפשר ליגט ערגעץ אַזוי ישראל? וואָלט ער דערפילט, אויב איך וואָלט געווען נעבן אים? ווי מעג איך אַזוי טראַכטן?! ער לעבט! איך מוז אים טרעפן! טייערער!

עמעצער גייט אויפן הויף. פון ווייטן טראָגט זיך אַ רוסיש געזאַנג. פון צייט צו צייט צעגרעגערט זיך אַ זאַלפּ פון מאַשין־געווער. די קאַש־

מאָרגנ נאַכט ציט זיך אָן אַ סוף. עס וועט שוין קיין מאָל נישט טאָגן, אייביק וועט זיין פינצטער!

דאָס לייב איז מיר פאַרשטאַרט און אַזוי פרעמד! טויזנטער שפּילקעס שטעכן די הענט, פיס, אויגן. אַלץ שטאַרבט אָפּ, אַפילו דער פחד. אַבסאָלוטע אָפּהענטיקייט.

5.

די פינצטערניש ווערט שיטערער. איך זע ווי דער ווינט הייבט אונ־טער פאַפירן און שליידערט זיי פון אָרט צו אָרט. פּאַמעלעך גיסט זיך די שוואַרצקייט איבער אין אַ גרויער אָנפּאַרביקייט פון אַ געשפּענסטיקן פאַרטאָג. פון די ווינקלען שאַרן זיך אַרויס מידע, ווי מיט אַש באַשיטע שאָטנס.

דורך דעם פירעקיקן לאָך, וווּ עס איז אַמאָל געווען דאָס פענצטער, קוקט אַריין אַ שטיק הימל. גרויע, געשוואָלענע וואָלקנס יאָגן זיך, קנוילן, פאַרדעקן און פאַרשלינגען איינער דעם צווייטן. אַ מוטנער, רויטער נעפּל ציט אָן און מישט זיך צוזאַמען מיט דער גרויקייט.

עס ווערט טאָג. איך זע שוין מיינע הענט. אַ פאַרשטייפטע, ווי אַ וואַקסן ליכטל, זיץ איך אויפן בערגל שמאַטעס און הויך אויף די פינגער, זיי זאָלן דערוואַכן. אַזאַ אָרעמקייט שלאָגט פון מיר, אַזאַ מענטשלעכער עלנט, אַז איך קריג אויף זיך אַליין רחמנות. מיט גרויס עקשנות באַצווינג איך זיך אויפצושטיין, כדי צו פאַרלאָזן דאָס הויז.

איבער די גאַסן ציען רוסישע טאַבאָרן: האַרמאַטן, לאַסט־אויטאָס, קליינע דזשיפּן. מידע, פאַרשטויבטע זעלנער, באַהאָנגען מיט געווער, גע־פּעק, אַרום זייערע נישט־באַזוימטע שינעלן הענגען נאָך צוויטן. פון צייט צו צייט ברעכט אויס אַ מעכטיק געזאַנג פון הונדערטער העלדזער. דער עכאָ טראָגט זיך פונאַנדער איבער פּוסטע וועגן, פלעצער, חורבות.

דאָ און דאָרט זעט מען אַ פעלדקיך, קוכערס מיט זייערע געהילפן. איך גיי און קוק אויף די זעלנער, אויף זייערע פּנימער און האָף נאָך אַלץ, אפשר וועט זיך מיר באַווייזן אַ נאָענטער, אַ באַקאַנטער.

עס פאַרהאַלטן זיך קאַלאָנעס. זעלנער וואַרפן אַראָפּ פון זיך דאָס געפּעק, שטעלן צוזאַמען די ביקסן, נעמען טעפּלעך, אָדער מאַנאַזשקעס און דערנענטערן זיך צום זייער גרויסן קעסל. עס טראָגט זיך פונאַנדער אַ ריח פון געקאָכט קרויט מיט פלייש.

איינער פון די זעלנער באַמערקט מיך. „זוכסטו איוואַנען, דזשעוויש־

קאַ? איך בין עס". איך דריי זיך אויס און אַנטלויף. עס גייט מיר נאָך אַ הילכיק געלעכטער צוזאַמען מיטן ריח פון געשמאַקן קרויט.

מערקווערדיק — איך בין הונגעריק. דאָס באַוווסטזיין דערפון פאַרשעמט מיך אומגעהייער.

וואַרשע איז פול געפּאַקט מיט רוסיש מיליטער. עס באַווייזן זיך אויך גאַנצע מחנות ציווילע, איבערהויפּט פויערים מיט וועגענער. זיי „שאַבּרעווען" (גנבענען) דאָס רעשט ביסל איבערבלייבעכץ פון די אויפגעפּראַלטע, פאַרלאָזטע הייזער.

איך שלעפּ זיך איבער די גאַסן אַ מידע, אַ הונגעריקע, מיט נישט־אויסגעוויינטע, בייסנדיקע טרערן. איך טרוים וועגן דער היים ביי דער מאַמען, וועגן אירע גוטע הענט, איר וואַרעמער, זאַטער שטוב, אָנגענעמע ריחות. עס ווילט זיך ווידער זיין אַ קאַפּריזנע קינד, איינשלאָפן מיט אַ קינדיש געוויין, פילן אויפן שטערן דער מאַמעס ליפּן און דערהערן אַן איבערגעשראָקן קול: „אוי, דאָס קינד האָט היץ!". דערנאָך ליגן אין בעט, טרינקען טיי מיט ציטרין, עסן אַ ביסקוויט, אַ שיטער איי. — — —

.6

— העי, דאַטשקאַ, אַ קודאַ טי? (העי, טאָכטער, ווו אַהין?) — שרייט נעבן מיר אַ רוסישער סאָלדאַט.

איך האָב נישט באַמערקט, ווי איך בין פאַרקראָכן אויף „פּלאַץ זבאַוויטשעלאַ", אין דער סאַמע מיט פון ביוואַקירנדיקע זעלנער. עטלעכע פון זיי רינגלען מיך אַרום.

— נאַשאַ אָנאַ, פּאָסמאָטרי! (אָן אונדזעריקע איז זי, קוק!)

אַ פאַרחידושטע, ווי אַן אויפגעוועקטע פון שלאָף, קוק איך זיך איין אין זייערע קאַלמיצקע פּנימער.

— לאָזט אַדורכגיין, — זאָג איך רואיק און זיכער — איך בין אַ יידישקע, אַ טויטע, אַ לאַנג־געשטאָרבענע.

— אויב דו ביסט טאַקע אַ „יעווריעיקע", דאַרפסטו מיט אונדז טאַנצן. קום און ווייז אונדז אַרויס דאַנקבאַרקייט פאַר דער באַפרייאונג, וואָס מיר האָבן דיר געבראַנגט!

איך פאַרשטעל מיר דאָס פּנים מיט די הענט. אַ געוואַלדיק שלוכצן רייסט זיך אַרויס פון קעל.

— צו שפּעט זענט איר געקומען, טייערע, צו שפּעט. איך קאָן זיך נישט פרייען!

די זעלנער קוקן שטום. עס פאַרשווינדט זייער פריערדיקע אָנגרייפּע־

רישקייט. איינער נעמט מיך אָן, פירט צו נענטער צום פייער און זעצט מיך אַוועק אויף אַן איבערגעדרייטן וועשקעסל. אַ צווייטער דערלאַנגט מיר, אין אַ בלעכן שיסעלע, הייסע, שמעקעוודיקע קאַשע מיט אַ שטיק פעט פלייש.

— קושאַי! (עס!) — זאָגט ער חבריש, אַריינשטופנדיק דאָס שיסעלע אין מיינע הענט.

זינט נעכטן אין דער פרי האָב איך נישט געגעסן. די קאַשע שמעקט מיט אַזוי פיל גוטע ריחות, אַז איך קאָן זיך נישט באַהערשן און טראָג תאווהדיק צו דעם לעפל צום מויל.

אַרום און אַרום ליגן איינגעקוליעט, שלאָפנדיקע זעלנער. אין אַ זייט, אָפּגעזונדערט, זיצט אַ קליינע גרופּע: אַזאַ מין אָרקעסטער. איינער שפּילט אויף אַן אַקאָרדיאָן, צוויי — אויף מויל־האַרמאָשקעס. די איבעריקע זינגען, אָדער פייפן.

פון אַן אַנדערער גרופּע דערנענטערן זיך צוויי גרוזינער. עס איז נישט שווער פעסטצושטעלן זייער אָפּשטאַם לויטן אויסזען, לויט זייערע, קלאַסיש געשניצטע פּנימער. זיי לאָזן זיך אין אַ טאַנץ אַרום דעם שייטער. דאָס פייער קנאַקט און בריזגעט מיט פונקען. אַ לוסטיקער סאָלדאַט וואַרפט אַרויף אויפן הויפן אַ צעקנייטשטן צילינדער און דעמאָלט דאַכט זיך מיר, אַז אַ קאָפּ מיט רויטע, צעפּלאָטערטע האָר וויל זיך אונטערהייבן און אַוועק ערגעץ־ווו. אָבער די טענצער, וואָס זעען אויס אַרום דעם שייטער ווי געצן־דינער אין זייער הייליקן טאַנץ, היטן דעם צילינדער און לאָזן אים נישט אַוועקפליען.

ביים טאַקט פון הייטערע מוזיק־טענער לעבט אויף אַ קאַזאַטשאָק אין זיין גאַנצער פּראַכט. פון די בליץ־שנעלע באַוועגונגען, פונעם ווירבל־דיקן טעמפּאָ, שווימען פאַרישודן; עס הערט זיך אַ קלאַפּערײַ פון אָפּצאַסן, אַ פּאַטשעריי פון הענט, טופּעריי, אויסגעשרייען. עס ברענען צעגליטע, תאווהדיקע בליקן; עס רייסן זיך קורצע, טריאומפירנדיקע רופן, ווי זיי וואָלטן געקומען פון ווייטע, ווילדע סטעפּעס, פון אַ צעשטורעמטן הימל בשעת אַ געוויטער.

ווען עס ענדיקט זיך דער טאַנץ, דאַנק איך זיי האַרציק פאַרן עסן און וויל אַוועק. אָבער ביידע טענצערס, אויך דער זעלנער וואָס האָט מיר דערלאַנגט די קאַשע, ווילן מיך פאַרהאַלטן.

— מוזסט מיט אונדז טרינקען, כאַזשייקאַ. טרינקען פאַר דער באַ־פרייאונג, פאַרן ווויל פון דער רויטער אַרמיי, פאַרן פרייען מאָרגן!

עס דערמאָנט זיך מיר, אַז דער נעכטיקער יידישער זעלנער האָט מיך

געוואָרנט פאַר די רוסישע סאָלדאַטן: אויב זיי וועלן דיך פאַרטשעפּען — האָט ער מיר געעצהט — זאָג גלייך: „מוזש דאָמאָ, ספּיעשנאָ מי!" (מיין מאַן איז אין דער היים, כ'אייל זיך!).

איך גיב טאַקע אַ זאָג די פּאָר כּישוף־ווערטער און זיי מאַכן פריי פאַר מיר דעם וועג.

איינער נאָר, דער וואָס האָט מיר געגעבן צו עסן, גייט מיר נאָך ביז צו דער פּולאַווסקע־גאַס און ווען איך דערלאַנג אים די האַנט צום געזע־גענען, לאָזט ער זי שוין נישט אַרויס און פרעגט:

— דאַרפסט אפשר אַ זאַק קאַרטאָפל?

— אַ דאַנק, איך דאַרף נישט.

— טאָ אפשר אַ זאַק קרויט?

— ניין, איך דאַרף נישט קיין קרויט.

ער פאַרבייסט די ליפּן, פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, האַלט כּסדר מיין האַנט אין זײַנער און פּלוצלינג, ווי עס וואָלט אים אַראָפּ אַ שווערער שטיין פון האַרץ, גיט ער אַ זאָג שנעל, אין איין אָטעם:

— אָבער פון אַ פּאַטעפאָן מיט פיר פּלאַטן וועסטו זיך שוין נישט אָפּ־זאָגן, האָ?

ער גלייכט זיך אויס, שטופּט אַרויס דאָס האַרץ־ברעטל און שפּאַרט ווילעריש אונטער, מיט דער פרייער האַנט, די לינקע ביאָדרע.

— צום באַדויערן, — ענטפער איך — אויך קיין פּאַטעפאָן דאַרף איך נישט און איך קאָן מיט דיר לענגער נישט בלייבן שטיין, „מוזש דאָמאָ!". דאָ רייס איך אַרויס די האַנט און אַנטלויף.

איך באַשליס צו גיין „אַהיים" און מער נישט אַרומקריכן אויף די גאַסן. ווען איך וואָלט געוווּסט דעם וועג קיין וולאָכי, וואָלט איך אַוועק צוריק צו מאַרטאַן. איך בין צו שוואַך איבערצולעבן ווידער אַזאַ נאַכט, ווי די לעצטע, דאָרט אין מיין שטיבל. אפשר מיטפאָרן מיט איינעם פון די פּויערים, וועמענס פירלעך באַוועגן זיך כּסדר אין פאַרשידענע ריכטונגען, און אפשר איז שוין עמעצער פון די שכנים אַהיימגעקומען?

איך גיי און פאַרשטיי נישט, עס קומט נישט צו צו מיין באַוווסטזיין, אַז בסך הכל בין איך ערשט איין טאָג אין וואַרשע.

7.

דאָס הויז איז טויט, אַזוי ווי פריער. אָבער גייענדיק אויף די טרעפּ, דערהער איך אַ קלאַפּן פון אַ האַמער. איך לויף שנעל אַרויף.

— קאַזשיק!

מיין באַלעבאָסטעס זון פאַרזעצט אַ פענצטער. ער דערפרייט זיך מיט מיר זייער. אונטערהוסטנדיק, דערציילט ער וועגן זיין משפּחה, אַז מאַרישאַן האָבן די דייטשן ערגעץ־ווו פאַרשיקט, אַז דער יינגערער ברודער איז נעלם געוואָרן. בלויז די מאַמע מיטן צווילינג וועלן צוריקקומען, ווען ער, קאַזשיק, וועט ברענגען כאָטש איין צימער, אין אָרדענונג. „אַבי נישט גע־פּרוירן צו ווערן” — שמייכלען גוטמוטיק זיינע בלאַסע ליפּן.

— און וואָס איז מיט דיינע לונגען? — פרעג איך שטיל — פאַרקיל זיך נאָר נישט!

— אָ, איצט, ווען עס ווערט געבוירן אַ נייע אָרדענונג, וועלן אויך מיינע לונגען באַנייט ווערן. מען וועט מיך שיקן אין אַ סאַנאַטאָריע אויף קוראַציע, איך וועל באַקומען לייכטע אַרבעט, איך האָב גוטע אויסזיכטן. ווייסטו, פּרוי מאַלאַרסקאַ, אַז נאָך דריי שכנים פון הויז זענען היינט צוריק־געקומען?

— ווער?

— די פּרוי קאַזיאַ, בוטקאַוסקי און וואַצעק, דער זאַוואַדזקאַס גע־ליבטער.

— וואַצעק?! ער איז דאָך אַוועק צוזאַמען מיט מיין מאַן!!

איך הער מער נישט, וואָס קאַזשיק רעדט און פלי ממש אַראָפּ פון די טרעפּ.

וואַצעקן טרעף איך אַ פאַרשמאַדערטן, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, ביים פאַרריכטן דעם קיך־אויוון. איך שפּרינג צו אים צו:

— פּאַניע וואַצקו, ווו איז מיין מאַן?!

ער נעמט אַוועק די הענט פון דער אַרבעט און בלייבט אַ רגע שטיל. זיין אָפּגעצערט פּנים איז ערנסט:

— ליידער, פּרוי מאַלאַרסקאַ, האָב איך דיר קיין שום פריילעכע ידיעה נישט איבערצוגעבן: דיין מאַן איז געפאַלן נעבן מיינע פיס.

— דאָס איז אַ ליגן! — שריי איך אויס — עס האָט זיך דיר אויס־געדוכטן. מיין מאַן לעבט! ער לעבט, איך פיל דאָס, האָסט געהאַט אַ טעות!

— איך האָב נישט געהאַט קיין טעות, פּרוי מאַלאַרסקאַ. נאָר אויב עס איז דיר לייכטער צו גלייבן, אַז ער לעבט — טאָ גלייב!

ער דערציילט פּאַמעלעך, מיט אַ טרויעריק קול, ווי אַזוי די דייטשן האָבן זיי אַוועקגעפירט פון פּרושקאָוו קיין שטוטהאָף, ווי מען האָט זיי גרופּנווייז פונאַנדערגעשיקט אין לאַגערן, „און דיין מאַן איז געפאַלן פון דערשעפּונג און קלעפּ”.

— נײן, װעסט מיך נישט איבערצײגן, פּאַניע װאַצקו. ער מוז צו מיר צוריקקומען, ער לעבט!

— דו װעסט קריגן אַ צעמישונג, פּרוי מאַלאַרסקאַ, אויב דו װעסט דיר אײַנרעדן נאַרישקײטן. נעם דאָס לעבן, װי עס גײט! אַ שאָד דײַנע יונגע יאָרן!

— און דו, פּאַניע װאַצקו, װי אַזוי האָסטו זיך אַרויסבאַקומען?

— איך בין אַנטלאָפן בשעת אַ באָמבאַרדירונג, װען מען האָט אונדז איבערגעפירט אין אַ פרישן טײוולאָנישן לאַגער.

װאַצעק פרעגט, צי איך װײס עפּעס װעגן דער זאַװאַדזקאַ. ער איז ממש גליקלעך, דערהערנדיק, אַז זי געפינט זיך אין גראָדזשיסק, בײַ דער סאָצעװיטשן.

אַ דערשלאָגענע, אַ באַטויבטע, גײ איך אַװעק פון װאַצעקן.

פאַר װאָס — פרעג איך זיך אַלײן — גײ איך נישט צו זאָשקאַן קײן פּראַגע? זי װױנט דאָך װו זי האָט געװױנט. אפשר װײסט זי עפּעס פון מײַנע נאָענטע? אויב פראַנעק, סטאַך, אָדער פראַניאַ לעבן, װעט זאָשקאַ אויך װיסן די ערשטע.

אָבער װי אַזוי קריגט מען זיך אַריבער קײן פּראַגע? די בריקן זענען צעשמעטערט. לענגאויס דער װײסל שטײען רוסישע זעלנער אויף דער װאַך און לאָזן נישט אַדורך. דער פּאַרקער צװישן װאַרשע און פּראַגע איז פאַר ציװיל־פּערזאָנען פאַרבאָטן. פון דעסטװעגן װיל איך פּרובירן. קאַזשיק װעט מיך באַגלײטן — אַלײן צו גײן איז געפערלעך.

8.

די װײסל איז פאַרפרוירן. די אויפגעריסענע, װי אין פּחד צוגעזעצטע בריקן זעען אויס װי בעלי־מומים מיט אויסגעקרומטע, אונטערגעהאַקטע גלידער. אַ דינער בעפל פּויזעט נאָענט צו דער ערד און פאַרהילט זי מיט אײדעלע װעלאָנען.

הונדערטער מענטשן, פרויען און מענער, ראַיען בײַם ברעג. זײ װילן אַזוי װי איך, אַריבער קײן פּראַגע. די רוסישע זעלנער לאָזן אָבער קײנעם נישט אַדורך.

איך גײ לענגאויס דער װײסל און פרעג בײַ יעדן װאַך־זעלנער: „עמך"? זײ קוקן אויף מיר מיט ביטול און שפּאָט. אָבער אײנער פון זײ גיט מיר אַ צײכן קײנער זאָל נישט באַמערקן און פרעגט שטיל, הײמיש, אויף מאַמע־לשון:

— אַ יידישע?

— יאָ, — דערפרייט איך זיך.
— ווילסט אַדורכגיין?
— פֿאַרשטייט זיך.
— גיי!
איך גיב אַ רוף קאַזשיקן: „כאָדזש!" („קום!"). מיר שטעלן שנעלע טריט.
— וואָס באַדייט דאָס וואָרט „עמך"? — פֿרעגט קאַזשיק אַ נייגעריקער.
— איך ווייס אַליין נישט. אָבער דאָס מוז זיין אַ פּאַראָל אַוודאי, ווייל איך האָב געהערט ווי איינער האָט עס געזאָגט און איז אַריבער.
— גוט צו וויסן. מאָרגן וועל איך עס אויסנוצן.
איך גיב אַ שמייכל.
די פּראַגער גאַסן זענען פֿול מיט מענטשן, אָבער קיין איין יידיש פּנים זעט מען נישט. קאַזשיק האָט אין פּראַגע אַ מומע, ער וויל זי באַזוכן. מיר שמועסן זיך אָפּ צו טרעפֿן נאָך מיטאָג.
איך אייל צו זאַשקאַן און לויף ממש. ביי זאַשקאַן איז די טיר פֿאַר־שלאָסן. אַ שכנה גיט מיר איבער, אַז זיי האַנדלען און קומען אַהיים אַרום פֿיר אַ זייגער. אַלץ איז דאָרט אין אָרדענונג. אירס, זאַשקאַס, אַ ברודער פֿון וואַרשע איז גראָד נעכטן געקומען.
— סטאַך?! — שפּרינג איך אויף.
— יאָ, סטאַך.
— און זיין פֿרוי?
— זי איז נאָך אין דאָרף.
— אָ, גאָט!
און ווידער בלאָנקע איך זיך אַרום איבער די פּראַגער גאַסן. איך קויף איין אַ פֿולן רוקזאַק מיט פּראָוויאַנט, באַוווּנדער דאָס נייע לעבן, דעם פֿיבערהאַפֿטן האַנדל אָן יידן, די באַשיידנקייט פֿון די רוסישע זעלנער.
„טוואַרדע, מיענקע!" (האַרטע, ווייכע!) — רופֿן פֿראַנק און פֿריי וואַ־לוטע־הענדלער, נאָר הונדערט־פּראָצענטיקע אַריער.
איך זע שיכורים, פּראָסטיטוטקעס, צניעותדיקע באַלעבאָסטעס, פּוי־ערים, פּויערטעס, אַ פֿולן מאַרק מיט מענטשן, אַז ס'איז שווער זיך אַדורכ־צושטופּן. און דאָך איז אַלץ ווי איינגעהילט אין טרויער, מעלאַנכאָליע און שטומען וויי.
עמעצער עפֿנט אַ טיר פֿון אַ טשייניע (טייהויז). עס זעצט אַרויס אַ געדיכטע פּאַרע צוזאַמען מיט האַרמאָשקע־טענער. אַלץ צעשווימט אין דער קאַלטער לופֿט.
אין אַ ווינקל, אויף אַ טרעפּל — אַן איינגעקוליעטער בעטלער. זיין

קאַפּ איז פֿאַרבונדן מיט אַ ברודיקער שמאַטע. צוויי האַלב־גרויע וואָנסעס ציטערן. ער טוליעט זיך אומבאַהאָלפֿן אין אַ שוואַרץ געבלומטן קאָץ.

פֿונקען טאַנצן מיר פֿאַר די אויגן. איך פֿאַל צו צום בעטלער.

— טאַטע! טאַטעשי! טאַטעניו!

— הממם? ה־מ־ם, מוממ — —

— טאַטעשי, — שריי איך צו אים — מעגסט שוין רעדן. דו מוזסט מער נישט זיין קיין טויב־שטומער! דערקענסטו מיך נישט? טאַטע!

— אוממם, חיהשי, יאָאָא, — יאָמערט און קלאָגט דער טאַטע — חיהשי, קינד מיינס, הייב מיך אונטער! איך קאָן נישט גיין, די פֿיס זענען מיר אָפּגענומען. וווּ איז ישראליק? אוממם, ישראליק, מיין ישראליק! וווּ איז ער?

— ער לעבט, טאַטעשי, ער לעבט!

— אוממם! — הערט ער נישט אויף צו וויינען — געלויבט איז גאָט! ווען ישראליק צוקומען אַהער?

— ער איז נישט אין וואַרשע, טאַטעשי, איך האָב באַקומען פֿון אים אַ בריוו, — נאָר איך אָפּ דעם טאַטן — ער איז געווען אין אַ לאַגער און וועט אַהיימקומען. איך וועל דיר דערנאָך איבערלייענען זיין בריוו, אָבער איצט מוז איך דיך אַוועקנעמען פֿון דאַנען.

דער טאַטע שפּאַרט זיך אָן אויף מיר. ער רעדט, וויינט און לאַכט, מישט די ווערטער, פֿאַרגעסט וועגן וואָס מיר רעדן. איך נעם אים אַרום און דעמאָלט דערזע איך, אַז זיין קאָץ איז באַדעקט מיט טויזנטער לייז, איבער זיינע צעריסענע מלבושים ראָיעט זיך ממש.

— וווּ אַהין ווילסטו מיך נעמען, חיהשי?

— אַמבעסטן וואָלט געווען, מען זאָל דיך אַריינגעמען אין אַ שפּיטאָל, טאַטעשי, וואַרט, עס פֿאָרט אַ ריקשע. „העי, ריקשאַ!״

.9

דער טאַטע געפֿינט זיך זינט עטלעכע טעג אין אַ מיליטערישן לאַזאַרעט, צוזאַמען מיט רוסישע לייכט־פֿאַרווונדעטע זעלנער. איך האָב איבערגעקויפֿט דעם וועכטער, דעם סאַניטאַר און אַפֿילו דעם דאָקטער. איך האָב געצאָלט מיט גאָלד, מיט חפֿצים.

דער סאַניטאַר האָט דעם טאַטן אָפּגעוואַשן און אָפּגעגאָלט. ער האָט די אַלטע מלבושים פֿאַרברענט, בלויז דעם קאָץ האָט ער דעזינפֿעקטירט און איבערגעלאָזט.

איך האָב פֿון זאַשקאַן באַקומען בעטגעוואַנט און וועש. דער טאַטע איז דער איינציקער אינעם שפּיטאָל, וואָס ליגט אויף איבערגעצויגן בעט־

געוואַנט. די זעלנער ליגן אויף שטרוי און דעקן זיך צו מיט אויסגעריבענע, אַלטע קאָצן, אָדער מיט די שינעלן.

צוזאַמען מיטן טאַטן געפינען זיך אינעם צימער נאָך זעקס זעלנער, כמעט אַלע אין די מיטעלע יאָרן. זיי זענען מוטלאָז, שטיל, אַפּאַטיש. ווען איך בין זיי מכבד מיט ציגאַרעטן — צינדן זיך אָן פייערלעך אין זייערע אויגן. די קליינע צוטיילונג פון מאַכאָרקע סטאַרטשעט זיי קוים אויף איין טאָג אין דער וואָך. ציגאַרעטן זענען אַ נישט צוגענגלעכער לוקסוס. דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן פּאַרציען זיי זיך מיט דעם איידעלן רויך פון „פּלאָסקע"־ציגאַרעטן. זיי מאַכן דערביי קאָמישע מינעס, פאַרגלייזן די אויגן, גלעטן זיך די בייכער און לאַכן קינדעריש.

עס איז פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך, פאַר וואָס עס ווערן אַזוי שטיפ־מוטעריש באַהאַנדלט און פאַרזאָרגט רוסישע, קראַנקע סאָלדאַטן. אויף פרישטיק באַקומט יעדער פון זיי אַ שטיק ראַזעווע ברויט מיט שוואַרצע, נישט אָפּגעזיסטע, משונהדיקע ציקאָריע. דער סאַניטאַר ברענגט אַריין אין עמער דעם געטראַנק, וואָס ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען קאַווע און יע־דער פון די קראַנקע טרינקט וויפל זיין האַרץ גלוסט...

— חיהלע, לייען מיר נאָך אַ מאָל ישראליקס בריוו — בעט זיך דער טאַטע.

און איך לייען אַרויס פון אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס עס קומט מיר אויף די צונג.

— נעכטן האָסטו נישט געלייענט וועגן דעם, אַז ער באַמיט זיך צו באַ־קומען אַ דערלויבעניש צו קאָנען פאָרן מיט דער באַן, כדי שנעלער אַהיים־צוקומען.

— איך האָב, ווייזט אויס, איבערגעהיפּערט...

דער טאַטע פרייט זיך און שטראַלט פון שמחה. מיר גלוסט זיך צו וויינען, דער ליגן איז אַזאַ פיינלעכער, אַזאַ ווייטיקלעכער, אַז ער שטיקט מיך ממש.

דער טאַטע דערציילט מיר שעהן לאַנג, ווי אַזוי ער האָט זיך אויס־באַהאַלטן פאַרן טויט, זייענדיק אַ טויב־שטומער בעטלער. ער דערציילט קאָמישע און טרויעריקע עפּיזאָדן:

באַלד אין דער ערשטער וואָך נאָכן פאַרלאָזן זשאַליבאָזש, האָט ער געמאַכט „שותפות" מיט אַ בעטלער, אַ שיכור, אַן אַוואַנטוריסט, וועל־כער האָט ביים טאַטן מיט כוח צוגענומען דעם „פאַרדינסט". דערפאַר אָבער האָט זיך דער טאַטע נוקם געווען, אַראָפּוואַרפנדיק דעם „שותף" פונעם געמיינזאַמען געלעגער אין אַ פאַרלאָזטער סטאָדאָלע, ביי אַ בליג־דער, אַלטער אלמנה. די אַלטע האָט פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל פאַרדונגען

ביידע בעטלער אַ האָלצערנעם „ווערקאַ" מיט שטרוי. דאָס בעטל איז גע־ווען צו שמאָל פאַר ביידע. אָבער אין פּראַקטיקע נעכט האָט עס געהאַט אַ מעלה: זייענדיק צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, איז געווען וואַרעמער.

נאָענט פאַר „באָזשע־נאַראָדזעניע" האָט דער שותּף אָנגעשריבן אויף אַ טאָוול מיט גרויסע, קרומע אותיות: „וועסאָליך שוויאָנט" (אַ פרייליכן יום־טוב) און אונטער די צוויי ווערטער, מיט קלענערע אותיות: „יעסטעם גלוכאָניעמי, דאַרויטשע צאַ לאַסקאַ!" (איך בין אַ טויב־שטומער, שענקט, וואָס איינער קען!). דעם טאָוול האָט דער „שותּף" אויפגעהאָנגען אויפן טאַטנס האַלדז און געהייסן אים גיין פון הויז צו הויז.

דער גלח האָט געשענקט, אַנשטאָט אַ מטבע, אַ באַנקנאָט. אינעם טונ־קעלן דרויסן האָט געוואַרט דער בעטלער און געפּאַדערט דעם „ריווח". ווען דער טאַטע האָט געוואָלט אַ טייל פון דעם געלט איבערלאָזן פאַר זיך און ער האָט אָנגעהויבן זשעסטיקולירן מיט די הענט, האָט דער בעטלער אים אָנגעכאַפּט ביים האַלדז, אומגעוואָרפן און געקאַפּעט. דער טאַטע האָט זיך פאַרגעסן און אַרויס מיט אַ ליאַרעם: „גוואַלט, ראַטויטשע!" (גע־וואַלד, ראַטעוועט!).

דער אַוואַנטוריסט האָט זיך מוראדיק דערשראָקן פאַרן „נס" אין דער הייליקער „יום־טוב־נאַכט, ווען אַ שטומער האָט פּלוצלינג באַקומען לשון... ער איז געפאַלן פאַרן טאַטן אויף די קני, געוויינט, געקלאַפּט זיך אין האַרצן און אין אַ רגע אַרום נעלם געוואָרן.

פון דעמאָלט אָן האָט דער טאַטע געהאַט אַליין פאַר זיך דאָס בעט און אויך דעם „פאַרדינסט".

איך הער זיך צו צו זיינע ביטערע און טראַגי־קאָמישע איבערלעבענישן. אַ סך מאָל ווילט זיך לאַכן און דאַך קעמף איך מיט טרערן, וואָס שטעלן זיך מיר אין די אויגן. בידנער, אויסגעמאַטערטער טאַטע!

ער דערציילט אָן אַ שיעור מעשיות. פאַנטאַסטישע, אומגלייבלעכע און דאָך אמתדיקע! ביז צו ווייטיק וואַרהאַפּטיקע.

— אַמשטאַרקסטן האָט מיך געמאַטערט די בענקשאַפט נאָך דער היים, נאָך שרהקן, נאָך אייך, קינדער, נאָך נאָענטע, היימישע; נאָך דער פריי־הייט צו מעגן רעדן, צו מעגן רואיק שלאָפן, צו האָבן אַ טלית און תּפילין און שטאַרבן צווישן אייגענע, ווי אַ ייד.

— ווי אַזוי ביסטו אַרויס פון וואַרשע, טאַטעשי?

— ווען די דייטשן האָבן באַזיגט די אויפשטענדלער אין זשאָליבאָזש און פאַרנומען דעם אָפּשניט, וווּ איך בין געווען באַהאַלטן — האָבן זיי די אַלטע לייט געהייסן גיין וווּ אַהין יעדער וויל. דעמאָלט האָב איך אָנ־געהויבן וואַנדערן איבער דערפער אין דער סביבה פון וואַרשע. איך האָב

געגלייבט, אַז ביי זאַשקאָן אין פּראַגע וועלן מיר זיך אָפּזוכן. אָבער נאָך דער באַפרייאונג האָב איך פאַרגעסן זאַשקאָס אַדרעס. בין איך אַרומגע־קראָכן פון גאַס צו גאַס, פון הויז צו הויז, זוכנדיק דאָס טויער, וואָס איז מיר געבליבן אין זכרון. און אָט האָבן מיר זיך געטראָפן, געלויבט צו גאָט, געלויבט איז גאָט. — — —

.10

אסתר איז מיט מיר. עס איז בסך־הכל עטלעכע טעג נאָכן אָנקומען פון די רוסן און — ווי וואָכן וואָלטן שוין אַריבער.

היינט איז לענסקי געקומען מיט אַ בשורה, אַז ער האָט געפונען אי־צעלעס איידעם, וולאַדעקן.

— קומט, — רייבט ער די הענט פון פרייד — קומט, וועט איר עפּעס זען!

ער פירט אונדז אויף האַזשע־גאַס. מיר גייען איבער הייף, קופּעס גרוז, חורבות, ביז צו אַ פּירעק, אַן אַרומגערינגלטן מיט האַלב־צעשמעטערטע ווענט.

לענסקי דערנענטערט זיך צו אַ פאַרבליבענעם, כמעט נישט באַשע־דיקטן קאַכל־אויוון, נעמט אים אַרום מיט ביידע הענט און טוט אַ ציִ צו זיך. דער אויוון רירט זיך פון אָרט, ער רוקט זיך אויף צוויי שינעס. באַלד באַווייזט זיך אין דער ערד, אויפן אָרט, ווו דער אויוון איז פריער געשטאַנען — אַ רונדיק לאָך. לענסקי בייגט זיך אַראָפּ, שפּאַרט זיך אָן אויף ביידע הענט און אַזוי, ליגנדיק אויפן בויך, לאָזט ער אַראָפּ די פיס אין לאָך אַריין און שאַרט זיך, ביז ער פאַרשווינדט אין גאַנצן.

— קומט אויך אַראָפּ, — הערט זיך פון אונטן זיין קול — קומט, וועלן מיר טרינקען אַ „לחיים"!

אסתר האָט מורא אָנצושטרענגען אירע קראַנקע פיס, אָבער די נייגע־ריקייט איז שטאַרקער. זי ריטשט זיך אַראָפּ, נאָך איר — איך.

דאָס, וואָס איך האָב דאָרט געזען, שטייגט איבער יעדע פאַנטאַזיע.ביים שיין פון אַ קליין נאַפט־לעמפּל שיילן זיך אויס די קאָנטורן פון אַ טיפן גרוב, ווו עס קאָנען קוים שטיין דריי פערזאָן. פון איין זייט געפינט זיך אַן אויסגעהוילטקייט, ווי אַ גרויסער באַקאויוון. דאָרט זענען די גע־לעגערס, דאָרט געפינט זיך אויך די שפּייזקאַמער און מאַגאַזין פון אַלערליי ווערטפולע זאַכן. אין דער קעגנאיבערדיקער וואַנט — אַ פאַרטיפונג אָנ־געפילט מיט געווער, אַמוניציע, פאַרשידענע מכשירים און פלעשער משקה. אין דער דריטער וואַנט — אַזאַ מין קאַטאַפאַלק, באַדעקט מיט אַ פלושע־נער דעק, ווו מען קאָן זיצן.

אין גרוב איז דאָ אַן אײַזערן קאַכאײַוועלע, עס הענגען טעפּ, אַ „וואַנ־דערטאָפּ״ צום באַקן. עס שטייט אַן עמער מיט וואַסער, אַ האַלבער זאַק מעל, קאַשע, אַרבעס, אַ גרעסערע צאָל פאַרשידענע קאָנסערוון־פּושקעס.

דאָס אײַוועלע צום קאָכן און באַקן איז אײַנגעמויערט אין דער וואַסער־רער, כדי דער רויך, וואָס קאָן פאַרראַטן, זאָל זיך נישט אָנזען אין דרויסן.

איך הער זיך צו צו וולאַדעקס דערציילן. דער טרויער פון זײַנע ווער־טער שפּרייט זיך פונאַנדער, ווי אַ נעפּל איבער לאַנקעס. איך פּרוּוו מיר פאָרשטעלן די לאַנגע חדשים דאָ, אין גרוב, ווען יעדער פון די באַהאַל־טענע האָט זיך אײַנגעהערט צום מרה־שחורהדיקן קלאַפּן פון זײַן אייגן האַרץ, אָפט מאָל אויך צו דײַטשישע טריט און צום בילן פון זייערע שפּיר־הינט...

די לופט אין גרוב שטיקט. וולאַדעק איז מלא שמחה פון אונדזער באַזוך. דער אינזשעניער, ווי אַ בעל־הבית, דערלאַנגט גלעזלעך מיט וואָדקע, פּילט אַן טעלער מיט הייסער, גוט־געשמאַלצענער גריץ.

איך קוק זיך צו צו וולאַדעקן. ער איז מוראַדיק בלאַס, פאַרעלטערט און קאָן נישט אַרומגיין. דאָס חדשים־לאַנגע זיצן אין גרוב, דער שימל און ווילגאָטש, דאָס נישט באַוועגן מיט די פיס אַזאַ לאַנגע צייט — זענען די סיבות דערפון, וואָס אַלע גלידער ברעכן אים. ער האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק געפּרוּווט אַרויסגיין און נישט געקאָנט. אַ ביטערער שמייכל באַזעצט זיך אים אויף די ליפּן. זײַנע שוואַרצע אויגן, אָט גליִען זיי אויף, אָט פאַרלעשן זיי זיך. אַ האַרטע פאַרביסנקייט טשאַיעט זיך אין די טיפע ברוזדעס אַרום זײַן מויל. וולאַדעק שווײַגט, אָבער דאָס שווײַגן פּרעסט און דריקט מיט שווערקייט. ווען ער טרעפט זיך אַן מיטן אינזשעניערס בליק, ווערט בײַ אים דאָס פּנים מילד, ווייטיקלעך־טרויעריק און פאַרצויגן, ווי בײַ אַ קינד פאַרן אַרויסווייַנען.

— ווייסטו, חיהלע, — זאָגט וולאַדעק שטיל — ווייסטו, אַז — — — —

איך צאַפּל אויף: „חיהלע״, ער האָט מיר געזאָגט „חיהלע״, אָנגערופן מײַן נאָמען פון „דאָרט״...

— וולאַדעק, רוף מיך נאָך אַ מאָל בײַם נאָמען, איך בעט דיך, זאָג נאָך אַ מאָל „חיהלע״, אַזוי לאַנג נישט געהערט דאָס וואָרט. — — —

איך באַהערש זיך, כדי נישט אַרויסצווויינען.

— חיהלע, — דערהער איך ווידער וולאַדעקס שטים — איך באַוווּנ־דער, ווי טיף מיר זענען אײַנגעוואָרצלט אין יידישקייט, ווי שטאַרק מיר זענען געבונדן מיט אונדזער אָ־עם פאָלק, מיטן עבר. וואָס מער פּורעניות, אַלץ פעסטער קניפּט אונדז דער גורל צוזאַמען.

— נאַ זדראָוויע! — מישט זיך אַרײַן לענסקי מיט אַ כוסה אין האַנט.

.11

און ווידער הער איך דערציילן, דאָס מאָל פון וואָלאַדעקס מויל, וועגן די קאַמפן אויף אַלטשטאָט, וועגן זיין אַנטלויפן פון דאָרטן דורך די קאַנאַלן אין שטאָט־צענטרום („שרודמיעשטשע"), וועגן זיין פאַרבלייבן צווישן די חורבות פון וואַרשע, נאָכן פולשטענדיקן צוזאַמענברעכן פונעם פוילישן אויפשטאַנד.

צוערשט איז וואָלאַדעק געווען אין אַ בונקער אויף ווספּולנע־גאַס 26. דאָרט האָבן זיך איינציקווייז צוזאַמענגעקליבן פינף און צוואַנציק פערזאָן. דאָס זענען געווען יידן מיט אַן אויסגעשפּראָכן סעמיטישן אויסזען, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן זיך בעת דעם אויפשטאַנד דעקאָנספּירירט און וויל אַלע פּאָלאַקן אַרום האָבן שוין געוווסט, אַז דאָס זענען יידן — האָבן זיי, נישט קוקנדיק אויף דעם „גוטן" אַרישן אויסזען, געמוזט זיך באַהאַלטן.

צווישן די „לאָקאַטאָרן" פונעם בונקער אויף ווספּולנע האָבן זיך אויך געפונען דוד גוזשיק, דער דירעקטאָר פון וואַרשעווער דזשאָינט־ביוראָ, און בערנאַרד, אַ באַקאַנטער בונדישער עסקן. עס איז דאָרט אויך געווען איין „אַריערין"; אַ פּאָלקע, וואָס איז אַראָפּ אין בונקער צוזאַמען מיט אַ ייד, וועלכן זי האָט געליבט.

וואָלאַדעק דערציילט וועגן דער סיבה פון פאַרלאָזן דעם פריערדיקן בונקער און באַזעצן זיך אין דעם דאָזיקן, וווּ מיר געפינען זיך איצט:

אינעם ערשטן בונקער האָבן רעגירט צוויי אונטערוועלט־מענטשן, פאַר וועלכע אַלע האָבן געציטערט. זיי האָבן באַשטימט, ווער עס דאַרף גיין אויף „שאַבער", ווער זאָל שטיין אויף דער וואַך און ווער אָפּטאָן די פאַרשידענע אַרבעטן אינעווייניק.

צווישן די בונקער־איינוווינער האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט צוויי כוואַטסקע בחורים. יעדן אָוונט פלעגן זיי גיין אויף שאַבער. וואָס האָבן זיי אַלץ נישט מיטגעברענגט צוריקקומענדיק! אַלערליי פּראָדוקטן, פעלץ־מאַנטלען, לעדער, טעקסטיל־שטאָף, חפצים.

איין מאָל האָבן זיי מיטגעברענגט פיר אויסגעדאַרטע, פאַרהונגערטע, האַלב־טויטע יידן, וואָס האָבן זיך ביז איצט אויסבאַהאַלטן אין אַ חורבה. דער פּחד ביי די פיר יידן איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו קיין עסן זענען זיי נישט געגאַנגען זוכן. ווען נישט די צוויי שאַבראָוניקעס, וואָלטן זיי אָפּגעשטאָרבן פון הונגער און דורשט.

בעת די יאָטן האָבן מיטגעברענגט אין בונקער אַריין די „געסט", האָבן די צוויי אונטערוועלטניקעס אויפגעהויבן אַ „ויצעקו":

— זיי וועלן אונדז פאַרלייזיקן! — האָט געשריגן איינער.

— ווער דאַרף זיי דאָ?! — האָט זיך געבייזערט דער צווייטער — עס איז דאָך „פּגרים״ און דווקא זיי קאָנען גורם זיין אַ „ווסיפע״! קיין נוצן וועלן זיי דאָך זיכער נישט ברענגען! דאַרפן צוליב פיר אומקומען עטלעכע צוואַנציק?

אָבער עס האָט זיך נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל זיי אַרויס־טרייבן. נאָך לאַנגע אַמפּערנישן איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז די „בייע״ זאָלן בלייבן אין בונקער ביז זיי וועלן „קומען צו זיך״ און דערנאָך מוזן זיי זיך זוכן אַ צווייט אָרט.

נאָך צען טעג האָבן די צוויי רעגירערס געזאָגט „גענוג״. דעמאָלט האָט זיך וולאַדעק אויפגעשטעלט און דערקלערט, אַז ער גייט צוזאַמען מיט די פיר. אין אַ פינצטערער נאַכט זענען זיי אַרויס און געפונען אָט דעם בונקער, וועלכן מיר באַזוכן איצטער.

פון די פיר יידן זענען געבליבן נאָר צוויי. איינער האָט עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייאונג באַקומען אַ בלוט־שטורץ און געשטאָרבן. דער צווייטער איז ביינאַכט געגאַנגען זוכן עסן און מער נישט צוריקגעקומען. וולאַדעק ווייסט אַפילו נישט, ווי אַזוי יענער איז אומגעקומען.

וולאַדעק מיט זיינע צוויי בונקער־חברים קאָנען נישט אַרומגיין. זיי שאַרן זיך, ווי קינדער, וואָס הייבן אָן שטעלן די ערשטע טריט.

אַ טאָג נאָכן איינגעמען וואַרשע דורך דער רויטער אַרמיי האָבן זיי נאָך אַלץ נישט געוווּסט וועגן דער באַפרייאונג.

„עס האָט זיך געהערט פון אויבן אַ גערויש, אַ געפּאָרעריי״ — דער־ציילט איינער פון זיי — „מיר האָבן זיך געשראָקן, אַז די דייטשן מאַכן חרוב דאָס רעשט ביסל איבערגעבליבענע הייזער. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך נישט גערירט פון אָרט... ביינאַכט האָב איך זיך אַרויסגעשאַרט און געהערט רעדן רוסיש, געזען שייטערס און אַרום דעם פייער — רויט־אַרמייער. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר פון פרייד נישט געשלאָפן און דאָך ביז אין דער פרי מורא געהאַט אַרויסצושטעקן די קעפּ: טאָמער וועלן נאָך די דייטשן צוריקקומען!

— טרינקט! — ווישט דער אינזשעניער די נאָז צוזאַמען מיט די אויגן. ער שעמט זיך מיט זיינע טרערן.

— וולאַדעק, — וווּנדער איך זיך — פאַר וואָס זיצט איר נאָך אַלץ אינעם לאָך? וואָס טוט זיך מיט אייך?

— גאַנץ פּשוט: ערשטנס — קאָן איך נישט אַרומגיין, צווייטנס — האָבן מיר נישט ווו אַהין צו גיין און דריטנס, מוזן מיר זיך רעכענען מיט אונדזער ביסל אָנגעזאַמלטע זאַכן. דאָס איז דאָך אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן. זאָלן מיר עס לאָזן, אָט אַזוי, הפקר?

— אָ, איך וועל אייך שוין פון דאַנען אַרויסנעמען. איך האָב שוין אין פראַגע אַ וווינונג פאַר אייך! — כאַפּט דער אינזשעניער אָן וולאַדעקן און טוט מיט אים אַ שאָקל, ווי אַ פרומער ייד מיט אַ לולב.

מיר ציען אַרויס וולאַדעקן און זיינע חברים פונעם בונקער. וולאַדעק קאָן איבערהויפּט נישט גיין. די צוויי אַנדערע באַוועגן זיך לאַנגזאַם מיט אייגענע כוחות. זיי האַלטן זיך אָן איינער אין צווייטן און גייען פּאַמעלעך; רוען אַ רגע און הייבן ווידער אָן גיין. וולאַדעק האַלט זיך אָן פון איין זייט אין לענסקיס אָרעם, פון דער צווייטער — אין מיינעם. מיר גייען אַרויס אויף דער גאַס.

עס פאָרן פאַרביי פאַרשידענע אויטאָמאָבילן. עס ציען לאַנגע קאָלאָנעס לאַסט־אויטאָס. צו אַלע רופט לענסקי: „עמך"?! אויך ער זוכט אַ ייד. וויל ער אונדז דערפרייען, אָדער האָט ער טאַקע ליב יידן? איך דערקען וואָס אַ מאָל מער זיין ווערט, זיין איידלמוט, מענטשלעכקייט און אמתע הומאַני־טאַרישקייט.

12.

אויפן פּלאַץ פאַרן „אייזערנעם טויער" האָב איך היינט געזען אַ זייער גרויסן שטויס צוזאַמענגעפּרוירענע מענטשלעכע קערפּערס, באַדעקט מיט אַ שיכט שניי. דאָס בילד גייט מיר נאָך ווי אַ שאָטן. איך דערציייל וועגן דעם לענסקין. ער „באַרואיקט" מיך, אַז אויף דער וואָלסקע, אויך ביים זאַקסישן גאָרטן און אויף נאָך אַנדערע פּלעצער קאָן איך זען אַ סך גרעסע־רע סטערטעס פון דעם מין. „גאַנץ וואַרשע איז איין גרויסער צמענטאַזש — זאָגט ער טרויעריק — אָבער אין פרילינג וועלן ווידער בליען בלומען".

— — — — — — — — — — — — — — —

אויף דער קרולעווסקע שפּרייזט אַ יידישע פרוי מיט צעשויבערטע האָר. איר׳ע הענט פאַרבראָכן, דאָס פּנים אויסגעקרימט פון פאַרשידנאַרטיקע אויסדרוקן: פרייד, טרויער, ווילדע הנאה. פון איר מויל טראָגט זיך אַ געהייל אין מאַמע־לשון: „אוי, אַ בראָך האָט מיך געטראָפן. איך מעג דאָך שרייען אויף יידיש: אַ בראָך האָט מיך געטראָפן!"

איך לויף איר נאָך. עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז חנה וואָל־דוועשעס, אונדזער אַמאָליקע משרתטע.

— חנה, חנה! — רוף איך.

די פרוי בלייבט שטיין. זי פאַרמרוזשעט אויף אַ רגע די אויגן, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען. באַלד קוקט זי מיך ווידער אָן, ווי פון ווייט, ווייט.

— פון וואַנען נעמט איר עס, אַז איך הייס חנה?

— עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איר זענט מיינס אַ באַקאַנטע. אָבער איך האָב אַ טעות. זייט מוחל.

— און אפשר הייס איך טאַקע חנה? איך האָב פאַרגעסן מיין אמתן נאָמען. מיינט איר, אַז איך הייס חנה? איך האָב געהאַט אַזוי פיל נעמען, איך האָב געשטאַמט פון אַזוי פיל פאַראַפיעס, געהאַט אַזוי פיל מאַמעס און טאַטעס — און אין אמתן האָב איך קיינעם נישט! און אפשר קאָנט איר מיר זאָגן, ווי אַזוי איך הייס, פון וואַנען איך שטאַם, ווו עס ווױנט מיין משפחה און ווו עס געפינט זיך מיין היים? ווו ווױן איך? איך וויל אַהיימפאָרן און געדענק נישט דעם אַדרעס, די שטאָט, די גאַס, דעם נומער פון הויז. אין וועלכער ריכטונג גיין? איך האָב אויך פאַרלוירן די האָפענונג און קאָן נישט אָפּזוכן גאָט, וועלכער איז מיר אַוועקגעקומען אין געטאָ. מען האָט אים, ווייזט אויס, אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע צוזאַמען מיט מיינע קינדער! און די האָפענונג? כי, כי, כי! אוי, אַ בראָך האָט מיך גע־טראָפן, איך מעג שוין שרייען אויף יידיש: „אַ בראָך האָט מיך געטראָפן"!

און זי לויפט ווייטער און ווייטער מיט איר בראָך, וועגן וועלכער זי מעג שוין אויסשרייען אויף יידיש...

— — — — — — — — — — — — — —

איך קריך אַרום איבער די חורבות פון אָפּגעמעקטן געטאָ. וואָס פאַראַ וויסטעניש! נישטאָ קיין סימן פון די וואַרשעווער גאַסן. בלויז רעשטלעך מויערן און אָפּגעדעקטע הויכע קוימענס, ווי פאַרגליווערטע, צום הימל אויסגעצויגענע הענט, וואָס בעטן רחמים.

די פיס פאַרפּלאָנטערן זיך מיר כסדר אין צעדרייטע, פאַרוויקלטע שטיקער אייזן און דראָט. איך הער זייער שטילן, איינזאַמען קרעכץ. אַרום און אַרום וואָיעט און יאָמערט אַ ווינט. זאָגט ער אפשר קדיש? זיצן די חורבות שבעה? איז אפשר אַ שטויבעלע פונעם אַש נאָך מיין מאַמען אַריין מיר אין אויג און דעריבער איז מיר אַזוי פינצטער?

.13

דאָס שטיבל אויף מאַקאָטאָוו איז ווידער אויפגערוימט, ריין און וואַרעם. קוילן ברענגט מען פון פאַרלאָזטע הייזער. כמעט אַלע קעלערס זענען פונאַנדערגעקאָפּיעט. דאָס האָבן די דייטשן אַזוי געזוכט באַגראָבענע אוצרות.

איך בין געווען אין וולאָכי, ביי מאַרטאַן, גענומען מיינע זאַכן און געזעגנט זיך מיט איר. איך האָב איר נישט אויסגעזאָגט, ווער איך בין; בעסער צו זיין פאַרזיכטיק.

מען הערט, אַז „אַקאָוצעס" הרגענען יידן. נישט תופס צו זיין, אָבער

אַזוי זעט אויס די ווירקלעכקייט און דערפֿאַר איז טאַקע בעסער נאָך אַלץ צו זיין אויף „אַרישע פּאַפּירן".

די וואַרשעווער גאַסן וועלן ווידער באַלעבט פֿון מענטשן. צווישן די חורבות וואַקסן אויס בודקעס, קראָמען, סטראַגאַנעס. מען קאָן שוין אַלץ באַקומען. ווען דער טאַטע וועט זיך פֿילן בעסער, וועל איך אים נעמען צו זיך.

כמעט אַלע לאָקאַטאָרן פֿון הויז זענען צוריקגעקומען. מיט סטאַכן האָב איך זיך געטראָפֿן ביי זאָשקאָן. מיין גאַנצע סחורה, אויך סטאַכס האָב און גוטס, איז פֿאַרברענט געוואָרן. פֿון דעם הויז אויף קאָשטשעלנע, ווו זיי האָבן געוווינט, איז קיין זכר נישט געבליבן. בלויז אין קעלער האָבן מיר אויסגעגראָבן די באַהאַלטענע פֿלעשער מיט שריפֿטן, דאָקומענטן און בילדער.

אסתר איז ביי מיר. מיר וועלן זיך קיין מאָל נישט צעשיידן.

די ענגשאַפֿט אין וואַרשע איז גרויס. אָפֿט נעסטן צוויי פֿאַמיליעס אין איין שטוב. סטאַכן איז געלונגען צו פֿאַרכאַפּן אין מאָקאָטאָוו אַ דירה פֿון צוויי צימערן. די מישליוווסקאַ האָט צו זיך אַריינגענומען אַ משפּחה פֿון דריי דערוואַקסענע מענטשן: אַ לערער, זיין פֿרוי, אַ ביבליאָטעקאַרין, און איר שוועסטער — אַ לאָמע, בייזע אלמנה. זיי שעלטן ביי יעדער געלעגנ־הייט די יידן און רעדן מיט שנאה וועגן די „מאָשקעס" און „אַבראַמקעס", וואָס וועלן מסתמא אָנקומען פֿון רוסלאַנד. גלייכצייטיק באַטאָנען זיי ביי יעדער געלעגנהייט: „מיר זענען דעמאָקראַטן". זיי דערציילן סודותדיק, אַז די „א.ק." (אַרמיאַ קראַיאָוואַ) גרייט זיך אָפּצורוימען יעדן ייד, וואָס וועט זיך באַווייזן. אַזוי־ערנאָך וועט פּוילן פֿאַרהיט ווערן פֿון אַ נייער „יידן־פֿאַר־פֿלייצונג".

איך מוז נאָך כסדר בלייבן אין קאָנספּיראַציע, „אויף אַרישער זייט". איך מיין, אַז כ׳וועל אין פּוילן נישט קאָנען צוריקבאַקומען מיין אמתן נאָ־מען. דער ראַטנפֿאַרבאַנד פֿאַרזיכערט, אַז די רויטע אַרמיי האָט אונדז געבערענגט די ישועה און דאָך פֿיל איך זיך זיכערער אַלס אַריערין.

.14

אין איינעם פֿון די הייזער אויף טאַרגאָווע־גאַס אין פּראַגע געפֿינט זיך דער ניי־געשאַפֿענער יידישער קאָמיטעט. דער אינזשעניער, וואָס ווייסט וועגן אַלץ דער ערשטער, האָט אונדז געבראַכט די ידיעה און געהייסן אַהינגיין, כדי זיך איינצושרייבן אינעם בוך פֿון די לעבן־געבליבענע יידן. ער באַטאָנט, אַז אַ דאַנק די דאָזיקע רשימות, האָבן זיך אָפּגעזוכט „אַ סך" קרובים און נאָענטע. זענען מיר טאַקע אַהין געגאַנגען, אסתר און איך.

שוין פון דער ווייטנס האָט מען געקאָנט דערקענען, ווו עס געפינט זיך דער קאָמיטעט. עס האָבן דאָרט, פאַרן הויז, געהויערט אויף פעק און פעקלעך מענטשלעכע געשטאַלטן. צוקומענדיק נענטער, האָבן מיר געטראָפן אויף דער גאַס, אין טויער און אויף די טרעפ אויסגעמאַטערטע, אָפּגע־ריסענע, אויסגעדאַרטע מענטשן. אויך אין די צימערן זענען געזעסן און געלעגן קראַנקע, פאַרלייזיקטע, האַלב־ווילדע נפשות. פרויען אָנמעכטיקע, געשוואָלענע, מיט קאָלטנס אויף די קעפּ, מיט פאַראייטערטע אויגן, אָפּגע־פרוירענע אברים, יאַסלעס אָן ציין, קאָמיש אויסגעקרומטע מיילער; פאַר־פייניקטע, אויסגעלאָשענע, געשלאָגענע דורך אַלע קללות פון דער תוכחה. אַ מאָדנע שארית הפליטה אין די לאַפּעס פון דער גורל־הידרע, וואָס הערט נישט אויף צו זייגן זייער בלוט.

אַ געדיכטער טרויער קנוילט זיך און פאַרשטעלט די שיינקייט פון דער וועלט.

— איך האָב געמיינט, ליגנדיק אין גרוב, אַז אַ חוץ מיר וועט זיך קיינער נישט ראַטעווען — כאָרכלט אַ משונהדיק נפש, מער ענלעך צו אַ מאַלפּע, ווי צו אַ מענטש — אָבער דאָך קומען זיי צו ביסלעך, די רעשט־לעך; איינער קען נישט דעם צווייטן.

— עס איז געקומען בלויז אַ „דעלעגאַציע" פון יענער וועלט — ענט־פערט אונטערהוסטנדיק, אַ דאַרער, הויכער מאַן — נאָר אַ דעלעגאַציע! אָבער פון וועמען קומען מיר? ווער שיקט אונדז, צו וועמען גייען מיר און וואָס ווילן מיר? וואָס דאַרפן דען טויטע מער ווי רו?!

— נישט ריכטיק, — שרייט איינער — אויך מיר, די עצמות היבשות, וועלן ווידער אויפלעבן! „ונתתי עליכם גידים, והעליתי עליכם בשר, וקרמתי עליכם עור, ונתתי בכם רוח וחייתם".

— און איך, — הילט זיך פעסטער אַרום מיט זיין צעריסענער קאָלדרע אַ באַבערדלטער, געלער ייד — איך וויל פאַרשעלטן די וועלט —

— זי איז שוין פאַרשאָלטן, — כריפּעט דער ערשטער — דער יושר איז דערהרגעט, גוטסקייט און מענטשלעכקייט טיף, טיף באַגראָבן און מיר אַלע זענען לעבעדיקע מצבות אויף זייערע קברים. בררר... עס איז מיר קאַלט! פאַר וואָס ברענגט מען נישט קאַ הייסן שלוק?

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ שווערע, דערשלאָגענע, בין איך אַרויס אויף דער גאַס. פאַרן הויז האָב איך געטראָפן אַננאַן מיט איר ייִנגל. מיר האָבן זיך אמתדיק דער־פרייט און צעקושט, ווי שוועסטער.

— טייערע, וואָס טוט מען ווייטער? — פרעגט זי, אַרומקוקנדיק זיך אומרואיק אין אַלע זייטן — איך האָב נאָך אַלץ מורא צו ווערן אַ יידישקע.

נעכטן האָב איך באַמערקט אויפֿן טויער פֿון הויז, וווּ מיר וווינען, אַ מגן־דוד, אָן אָנגעצייכנטן מיט קרייד. עטלעכע הייזער ווייטער, ווידער אַ מגן־דוד אויף אַ טויער. איבער נאַכט האָבן גויאישע הענט באַצייכנט אויף דעם אופֿן אַ סך הייזער. יידן האָבן זיך דערשראָקן און באַלד אין דער פֿרי פֿאַר־לאָזט די וווינונגען. ווער ווייסט, אפֿשר גרייטן די כוליגאַנעס צו אַ פּאָגראָם און דעריבער האָבן זיי אָנגעצייכנט די הייזער, עס זאָל זיי לייכטער זיין צו געפֿינען די קרבנות?! נישט גוט, טייערע, — זיפֿצט אַננאַ — נישט גוט! מיר זענען נאָך אַלץ אויף דער „אַרישער זייט".

אמת. אַננאַ מיטן זון פֿיגורירן נאָך ביז איצט אַלס גויים. אויך איך הייס נאָך מאַלאַרסקאַ און האָב מורא „צו ווערן" אַ יידישקע.

.15

דער טאַטע וווינט שוין ביי מיר אין שטוב. ער זעט ווידער אויס, ווי אַ נאָרמאַלער מענטש, עסט מיט אַ לעפֿל־גאָפּל, טראָגט אַ קלאָר העמד, האָט אַ פֿריי פּנים; און דאָך שפּילט ער נאָך אַלץ די ראָל פֿון אַ טויב־שטומען. ער זשעסטיקולירט און רעדט מיט די הענט זיין שטום לשון, ווי אַן אמתער שטומער. מיינע שכנים ווייסן דאָך נישט, אַז מיר זענען יידן, דער טאַטע קען שוואַך פּויליש — זענען מיר פֿאַרזיכטיק. אָבער ווען די שכנים זענען נישטאָ, עטעמט דער טאַטע אָפּ און דערלויבט זיך צו רעדן שעפּטשענדיק. עס בינדט זיך אים דעמאָלט אויף די צונג און ער רעדט און דערציילט אָן אויפֿהער. ער מאַכט פּלענער אויף שפּעטער, ווען ישראל וועט צוריקקומען; ער טרוימט וועגן פֿאַרלאָזן וואַרשע און וואַרט אָפּ דעם טאָג פֿון צוריק־קערן זיך אַהיים.

אינטערעסאַנט, ווי די מחשבות זיינע זענען פֿול מיט האָפֿענונג, פֿול מיט גלויבן. מיר, דאַקעגן, איז אַזוי שווער, אַזוי פּוסט! אַלץ איז פֿאַר מיר פֿאַרגאַנגען, געענדיקט. אַלץ איז אַוועק צוזאַמען מיט ישראלן. איך בין אַזוי עלנט, אַזוי מיד! אָן דעם קלענסטן חשק צו גיין ווייטער. אייגנטלעך, צו־ליב וואָס זיך מאַטערן? וואָלט נישט בעסער געווען צו ענדיקן מיט זיך?!

ענדיקן?! און אויב ישראל מיט יאַנקלען, אָדער אַפֿילו איינער פֿון זיי וועט צוריקקומען און איך וועל שוין נישט זיין? פֿאַרלירן דעם מוט איצט, ווען איך בין פֿריי?

ניין! דעם טויט מיידט מען סיי ווי סיי נישט אויס. ער מוז דאָך קומען, פֿריער אָדער שפּעטער. זאָל ער נאָך אַ ביסל וואַרטן און איך וועל זיך אויסברענען ביז צום סוף ווי אַ ליכט. אויפֿפּרעסן אינעם פֿלאַם דאָס איי־גענע לעבן און לייכטן ביז צום לעצטן צאַנק, ביז צום לעצטן צאַפּל...

— — — — — — — — — — — — — — —

עס זענען פֿאַראַן טעג אָן אַ נאָמען. טעג, וועלכע מען קאָן צו גאָרנישט פֿאַרגלייכן, מיט גאָרנישט אָפּמעסטן. ערשט נאָכן אָפּלויף פֿון אַ געווויסער צייט, איז לייכטער וועגן זיי צו קלערן און אפשר אויך צו רעדן.

קיין מאָל אָבער מעקט די צייט נישט אויס אַזוינע פֿיינלעכע איבער־לעבענישן, וואָס זענען מיר באַשערט געווען אין משך פֿון די פֿיר טעג, זייענדיק אין ביעלסק, צוזאַמען מיט מיין מאַנס משפּחה.

פֿינצטערע מערך־נעכט וועלן אפשר דערציילן, ווי אַזוי טרערן ווערן פֿאַרפֿרוירן אויף אַ נאַכטיקער, קאַלטער שויב.

האָבן זיי עס מיר געזאָגט, אַז אויב ישראל איז נישטאָ, בין איך פֿאַר זיי אַ פֿרעמדע? האָבן מיינע אויערן נישט פֿאַרהערט? האָט געברענגט דערצו די מורא, זיי זאָלן נישט דאַרפֿן זיך טיילן מיט דעם, וואָס ס׳איז געבליבן?

אַכצן קילאָמעטער ציט זיך דער וועג פֿון ביעלסק קיין פּלאָצק. אַכצן קילאָמעטער קאָנען זיין אָן אַ סוף, ווען מען גייט אַ קראַנקע, מיט פֿיבער, אָן אַ „וואוהין״, אָן אַ ציל, צו דער גרויסער איינזאַמקייט, צו דער תהומי־קער פּוסטקייט.

.16

מיין געוועזענע וווינונג אין פּלאָצק איז פֿאַרנומען פֿון אַ פּוילישער שוסטער־משפּחה.

נישט צום דערקענען די שטובן, דאָס געוועלב. נייע מענטשן, נייע מעבל־שטיק. אין קוך־צימער — אַ שוסטער־וואַרשטאַט. ריחות פֿון לעדער, דזשעגעך, פֿאַראיילעצט הזיר־פֿעטס.

די שוסטערקע פֿרעגט וואָס איך וויל; זי ווייסט נישט, אַז איך בין די אייגנטימערין פֿון דער וווינונג. אַ נישט זיכערע, אַ פֿאַרשעמטע, זאָג איך עס איר. זי פֿאַרלירט זיך נישט. מיט אַ כיטרען שמייכל דערקלערט זי, אַז איך וועל אַוודאי באַקומען אַ צווייטע וווינונג לויט מיינע באַדער־פֿענישן, פֿאַרדינסטן און אויפֿן סמך פֿון אַ שיין פֿון וווינונגס־אַמט.

זי בעט מיך אַפֿילו נישט זיצן. איך פֿרעג זי, צי זי דערלויבט מיר אַ קוק צו טאָן אויף מיין געוועזענער שלאָפֿשטוב. „פּראָשען״, — ווייזט זי אָן מיטן פֿינגער — אָבער גיי שטיל; מיין טאָכטער איז פֿאַרקילט און ליגט אין בעט״.

איך בלייב שטיין אויף דער שוועל. אין מיין ברייט טשעטשאָט־בעט ליגט אַ יונג, בלאָנד שיקסל. צוויי בלויע אויגן קוקן אויף מיר מיט חוצפּה און טענה. איבערן מיידלס קאָפּ גרינט אויף דער וואַנט מיין באַליבטע פּאַלמע, די אויסגעמאָלטע פֿון באַקאַנטן מאָלער סטזשאַלקאָ. אַ לאַנגע

צייט האָט ער געאַרבעט ביי דעם דאָזיקן בוים, וואָס איז אַרויסגעקומען ווי לעבעדיק. איצט איז די פּאַלמע אָפּבלאַקירט, פאַרחלשט, נעבעכדיק. נעבן דער פּאַלמע העגגען פאָטאָגראַפיעס, הייליקע בילדער, פאַרמען פון כאַליעוועס, מאָסן, אַפילו אַ פּאָר אַלטע הויזן.

...דאָ, ביים פענצטער, איז געשטאַנען תמרהלעס בעטל. דאָ, ווידער — דער טאַפּטשאַן, אַנטקעגן איבער — די טאַאַלעט מיטן שפּיגל. איך שטיי איינגעבויגן און קאָן זיך נישט אויסגלייכן. כ'בין שטיל און ביים זינען. רואיק פאַרלאָז איך מיין געוועזענע היים.

אַ קורצער ווינט־פּלאַטער, ווי אַ ווידערקול פון אַ טיפן זיפץ, לויפט נעבן מיר אַדורך. אַנטלויפן פון דאַנען, וואָס שנעלער אַנטלויפן!

— סאַנשאַדקאַ קאַכאַנאַ! — כאַפּט מיך אַרום אויף דער גאַס מיין אַמאָליקע שכנטע, פרוי וואַראַנצאָוו, אַ רוסישע גויע. זי קושט מיך און פירט אַריין צו זיך אין שטוב.

איר וווינונג, אַזוי ווי זי אַליין, האָט זיך גאַרנישט געענדערט.

— באַטיושקאַ, גאָט מיינער, — שאָקלט די וואַראַנצאָווא איבער מיר מיטן קאָפּ — כ'האָב דיך קוים דערקענט. ווי דו זעסט אויס, בידולאַ! (אָרעמע!).

זי גרייט צום טיש, צווינגט מיך צו עסן. דערנאָך בעט זי פּאָר מיר אַ בעט און לייגט אַריין צופוסנס אַ וואַרעם־פלאַש.

— וויין נישט, שכנטע, — גלעט זי מיינע האָר — וועסט זען, דיין מאַן וועט דיר צוריקגעגעבן ווערן. דיין גרויסער צער איז אַן אָפּצאָל פּאַר זיין צוריקקומען.

.17

איך בין אין לאָדזש און וווין מיט אסתרן. די לעצטע איבערלעבענישן האָבן מיך פיזיש און גייסטיק צעבראָכן. כ'בין קראַנק, ליג אין בעט און שפּיי מיט בלוט. אסתר רופט דאָקטוירים, באַזאָרגט מעדיקאַמענטן און באַגייט זיך מיט מיר, ווי מיט אַ קליין קינד. זי טרעט נישט אָפּ פון מיר און איז פשוט דערשיטערט פון מיין צושטאַנד.

— ווי איז עס מעגלעך? — איז אסתר ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל מעלה גרה אירע מחשבות. — ווי אַזוי האָבן זיי זיך דערוואָגט אַזויער־נאָך קעגן דיר צו האַנדלען? דערצו נאָך, ווען זייער לעבן האָבן זיי נאָר דיר צו פאַרדאַנקען! האָט די מלחמה נאָך ווייניק אָנגעלערנט? שפּילט נאָך אַלץ געלט די הויפּט־ראָלע, אַפילו איצט?

דער בין השמשות וואַרפט פונאַנדער וואָס אַ מאָל טונקעלערע שאָטנס.

יעדע פון אונדז איז פאַרזונקען אין געדאַנקען. פון צייט צו צייט וואַרפט אסתר אַרויס פון זיך עטלעכע אָפּגעריסענע ווערטער:

— שרעקלעך! אומגלייבלעך!

באַלד שפּרינגט זי אויף:

— אוי, די רפואה! נאַ, נעם, חיהלע, דו מוזסט זיין געזונט! וועסט זען, ישראל מיט יאַנקלען וועלן קומען און אפשר הוטקאַ אויך? כאָטש וועגן איר שרעק איך זיך צום מיינסטן. זי איז שטענדיק געווען אַזאַ שוואַכע! הוטקאַ מיט אירע קליינע הענטעלעך שלעפּט שווערע קלעצער האָלץ אין אַ סיבירער וואַלד! איר לעצטער בריוו פון דאָרט, מיט דריי און אַ האַלב יאָר צוריק איז געווען אַ פאַרצווייפלטער. לעבט זי נאָך? מען קאָן משוגע ווערן פון אַריינקלערן!

.18

דעם ערשטן אַפּריל פאַר טאָג האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף אַ האַלוצינאַציע. כ׳האָב ממש געהערט, ווי פון ווייט, ווייט רופט מיך ישראל: „העלוש, העלוש!"

איך בין אַראָפּ פון בעט, צו צום פענצטער און געוואָרפן אַ בליק אויפן פאַרשלאָפענעם פוסטן הויף: קיין לעבעדיק נפש!

שנעל טו איך זיך אָן, נעם דעם מאַנטל און שעפּטשע, ווי אין אַ תפילה: „טייערער, איך גיי!"

אסתר שפּרינגט אַראָפּ פון בעט, כאַפּט מיך אַרום:

— חיהלע, וואָס טוסטו?

— ישראל רופט מיך, איך מוז גיין!

— חיהשי, לייג זיך צוריק. עס האָט זיך דיר געחלומט. ביסט נאָך קראַנק, האָסט היץ, טאָרסט נישט אַרויסגיין! מיט אַ גריפּע מוז מען זיין פאָרזיכטיק. איך וועל דיר צולייגן אַ קאַלטן קאָמפּרעס צום קאָפּ. לייג זיך, חיהשי!

— ביסט מיך חושד, אַז איך בין אַראָפּ פון זינען? כ׳פאַרזיכער דיך, אסתר, אַז איך בין אַבסאָלוט מיושב, אָבער כ׳מוז גיין, ישראל רופט מיך. אפשר ליגט ער ערגעץ אַ פאַרוווּנדעטער, אָדער קראַנקער און וואַרט אויף מיר? אפשר וויל ער זיך מיט מיר געזעגענען?

— ווייַ איז מיר! פאַר וואָס אַזוי פיל אומגליק? חיהלע, מאַטער מיך נישט און לייג זיך!

איך רייס זיך אַרויס פון אסתרס הענט און לויף אַראָפּ פון די טרעפּ.

כ׳לויף איבער פוסטע, פאַרטאָגיקע, לאָדזשער גאַסן. אַ קאַלטער ערב־פרילינג־ווינט, אַ פייכטער און רויער, פּאַטשט מיר איז פּנים. די טראַמ־

ווייען קורסירן נאָך נישט. ווו אַהין לויף איך? צו דער באַן־סטאַציע. און פון דאָרט ווו אַהין זאָל איך פאָרן? און פאָרן מוז איך. „סרוליטשקו, ווו ביסטו, ווו זאָל איך דיך זוכן? גיב אַ צייכן, טייערער, פיר מיך!״

אָט איז די סטאַציע, דאָס קאַסע־פענצטערל. בלויז צוויי מענטשן שטייען פאַר מיר.

— דאָקאָנד? (ווו אַהין?) — פרעגט דער בילעטן־פאַרקויפער.

— נישט קיין נפקא־מינא, — ענטפער איך — ווו אַהין דו ווילסט.

— ביסט נישט ביים זינען, פּאַני?!

— גוט, גיב קיין וואַרשע. ניין, ניין, גיב קיין קאָלושקי. דאָרט וועל איך זען, ווו אַהין ווייטער.

איך באַקום אַ בילעט. דער פּרייז איז פינף־פּאַכיק גרעסער, ווי מיט אַ טאָג פריער. אַ פּאַסאַזשיר בייזערט זיך און ברומט:

— כאַפּט זיי אַ דונער, די שאַבראַווניקעס! צוליב זיי מוזן מיר ליידן און צאָלן געזאַלצענע פרייזן! מיינען טאַקע אונדזערע חכמים, די באַן־דירעקטאָרן, אַז דאָס וועט אָפּשרעקן די שמוגלערס?

— אפשר, — ענטפערט אים אַ הייזעריק קול — בערלין איז נאָך נישט גענומען, דאָס אַרומרייזן פון די שאַבראַווניקעס שטערט דעם מיליטער־פאַרקער; אפשר וועט דער הויכער פּרייז פאַר בילעטן פאַרקלענערן דעם ווילדן געיעג נאָך לייכטע פאַרדינסטן.

אין מיין מוח שמעלצן זיך צוזאַמען אַלע רייד. אויטאָמאַטיש גיי איך אַריין אין וואַגאָן; כ׳באַמערק אפילו נישט, ווען דער צוג רירט פון אָרט. ער לויפט, לויפט, יאָגט זיך מיט מיינע געדאַנקען, קלאַפּט, סאַפּעט צאָרנדיק, און רופט מיט ישראלס קול: „העלוש, העלוש!״

אַרום אַכט אַ זייגער טוט די לאָקאָמאָטיוו אַ ווילדן פייף: קאָלושקי! ווידער שטיי איך ביים קאַסע־פענצטערל. ווידער הער איך: „דאָ־קאָנד?״. ווידער ווייס איך נישט: וואַרשע, אָדער גדיניאַ; גדאַנסק אָדער קראָקע. ווידער הער איך: „פּאַני קפּי זע מניע, טשי טעזש מאַ זשלע וו׳ גלאָוויע!״ (שפּאַסט פון מיר, אָדער ביסט געווירט אויפן קאָפּ!).

איך קויף אויס אַ בילעט קיין וואַרשע, באַצאָל הונדערט זלאָטעס. אַרום צוועלף אַ זייגער דאַרף אָנקומען דער צוג פון פויזן, וואָס פאָרט קיין וואַרשע. אָן אויפהער זשומעט מיר אין די אויערן ישראלס שטים: „העלוש, העלוש״.

און אפשר בין איך טאַקע משוגע? — פרעג איך זיך אַליין. אפשר זעט אַזוי אויס דער אָנפאַנג פון משוגעת? ניין, — שטעל איך פעסט — איך בין אין גאַנצן מיושבדיק.

כדי זיך איבערצוצייגן, אַז איך בין ביים פולן שכל, פּרווו איך זיך

דערמאָנען אַלע איינצלהייטן פון מיינע קינדער־יאָרן. דערנאָך די שפּע־טערדיקע תקופה פון מיין לעבן. אַלץ איז באַלויכטן, ווי פון אינעווייניק און דאָך אַרומגעהילט אין שוואַרצע נעפּלען, אין אַ נעץ פון אומרו, וואָס באַפאַלט אַ מענטשן ביים דערמאָנען דאָס פאַרלוירענע גליק, דעם נאָענטן עבר.

תמרהלע איז געבוירן געוואָרן דעם 5־טן מערץ 1938 און דערהרגעט האָט מען זי דעם 13־טן אויגוסט 1942. מאַלגאָשאַ איז געבוירן דעם 20־טן יולי 1943, אומגעקומען — דעם 19־טן אַפּריל 1944. אין ניינצן טעג אַרום איז איר ערשטע יאָרצייט — קאָן אַ משוגענע אַזוי גענוי אַלץ געדענקען?

איך זיץ אויף אַ באַנק ביים אַריינגאַנג צו דער סטאַציע. אַ דראַבנע רעגנדל, ווי אַדורכגעזיפּט דורך אַ געדיכטער זיפּ, נעצט מיר דאָס פּנים, די האָר, דעם מאַנטל. אַ קעלט. עס שווידערט מיך. אין די שלייפן קלאַפּט דער בלוטשלאַג. די פיס זענען שווער. עס ווילט זיך שלאָפן, עס ווילט זיך ליגן אין בעט, זיין אין אַ וואַרעמער שטוב.

„העלוש, העלוש!" — רופט ישראלס שטים פון ווייט, ווייט.

און אפשר בין איך טאַקע...? זאָגן דען נישט אַלע משוגעים, אַז זיי זענען מיושב? האָט פּינקוס, דער לערער, נישט גערעדט און געלערנט, ווי אַ נאָרמאַלער מענטש? ער פלעגט זיך בלויז אונטערשרייבן „נאַפּאָ־לעאָן דער פינפטער".

טאָ פאַר וואָס־זשע טראַכט איך וועגן אַלץ אַזוי קלאָר?! אָט זע איך דער מאַמעס דלאָניעס. זי האָט געהאַט אַ באַבע־נאָגל אויפן קליינעם פינ־גער פון דער לינקער האַנט. איך האָב אַלס קינד שטענדיק מיטגעפּילט דעם קליינטשיקן בעל־מום און געשפּילט זיך מיט אים מער ווי מיט די איבעריקע, געזונטע פינגער אירע. איך פלעג פאַר אָט דעם פינגער ניי־היטעלעך און געבייזערט זיך, געוויינט, ווען די מאַמעשי האָט נישט גע־וואָלט אַזאַ היטעלע אָנטאָן אויפן שפּיץ „קעפּל" פון דער קליינטשיקער קאַליקע.

און דו, ברודער מיינער, דו „יאַנקעלע יחסן", ווו ביסטו איצטער? צו דער בר־מצוה האָסטו באַקומען אַ זיידן קאַפּאָטקעלע, הויכע געמזענע שטיוועלעך... דערנאָך ביסטו פּלוצלינג אויסגעוואַקסן, באַקומען אַ דיק קול, אַ גאָלדענעם מאָך אַרום די באַקן, פאַרכמורעטע, גרוי־גרינע אויגן, ווי דער הימל פאַר אַ געוויטער; אויגן עקשנותדיקע, אָנגעזאַפּטע מיט טרויער און נישט זעלטן מיט טרערן. און כאָטש ביסט היינט דערוואַקסן, אַ מאַנס־פּאַרשוין — דאָך ביסטו פאַר מיר געבליבן דער קליינטשיקער, שוואַכער, אומבאַהאָלפענער יאַנקעלע.

מיט וויפל פעדים בינדט אונדז דער בשותפותדיקער נעכטן! פאַר

דיר האָב איך געשריבן די זכרונות. כ׳האָב געוואָלט, אַז די בלעטלעך זאָלסטו כאָטש אָנטרעפן נאָכן צוריקקומען „אַהיים״. זעסט, איך לעב און וועגן דיר ווייס איך גאָרנישט. נישט וועגן אַלץ האָב איך דיר געשריבן אין מיינע זכרונות, נישט וועגן אַלץ. איך האָב פאַרשוויגן אַ סך ווייטאָג־לעכע מאָמענטן: כאָטשבי אַזוינע, ווי די לעצטנס אַדורכגעלעבטע אין ביעלסק. — — —

„העלוש, העלוש!״ — שעלעשטשעט אינעם ווינט ישראלס שטים. „העלוש״ — צאַפּלט דאָס האַרץ. „העלוש״ — רוישט דאָס בלוט אין די שלייפן.

איך אַנטלויף פון דעם פריקרע אָרט. איך מיש זיך אויס מיט די פּאַ־סאַזשירן אין וואַרטע־צימער. דער שטיינערנער דיל איז באַדעקט מיט אַ צעגאָסענער, שיטערער בלאָטע. די שיך טרעטן אין אַ ווייכער מאַזשע. אַ טריבע גרויקייט הילט אַרום דעם קאַלטן, אָפּגעריסענעם וואַרטע־זאַל. אַ טוכלעקייט שלאָגט פון די ברודיקע ווענט, פון דעם אויסבלאַקירטן, אָרעם געקליידעטן המון, פון די שמוגלערס, וואָס שנאַפּן נאָך לייכטע פאַר־דינסטן, פון דער גאַנצער נאָך־מלחמהדיקער אביונישקייט.

די שעהן רוקן זיך. עס איז שוין צווייע, האַלב דריי — קיין צוג זעט מען נישט. איך גיי צום פענצטערל נאָך אינפאָרמאַציעס.

— פּאַני, צי לעבן מיר אין נאָרמאַלע צייטן? — הייבט מיט די אַקס־לען דער באַאַמטער — ווייסטו דען נישט, אַז די מלחמה איז נאָך נישט געענדיקט? ווילסט אַ פּינקטלעכן צוג־פאַרקער?!

שלעפּ איך ווידער די שווערע פיס, הער זיך ווידער איין אינעם ווייטן רוף „העלוש״, פאַרוויש דעם אַרום און כישוף מיר אויס ישראלס געשטאַלט, זיינע גוטע אויגן. מיינע ליפּן שמייכלען, ווי איך וואָלט אַנטקעגן געגאַנגען דעם לאַנג אָפּגעוואַרטן גליק. און אפשר באַהאַלט זיך אויס דאָס אמתע לעבן אין טרוים? ווער זאָגט עס, אַז דער קאַלטער פאַרשטאַנד און נישט די אויסגעחלומטע ליבע, איז די מאָס, מיט וועלכער מען מעסט אונדזער קורצן דאַזיין? — —

אויף זייטיקע רעלסן וועקסלט מען איבער פּוסטע וואַגאָנען. מען טשעפּעט צו אַ לאָקאָמאָטיוו.

— וווּ אַהין גייט דער דאָזיקער צוג? — פרעג איך אַ דורכגייענדיקן באַן־אָנגעשטעלטן.

— קיין לאָדזש. דער צוג וועט וואַרטן, ביז עס וועט אָנקומען דער עקספּרעס פון וואַרשע.

„איך וועל צוריקפאָרן אַהיים״ — באַשליס איך און — קויף אַ בילעט צוריק קיין לאָדזש.

אינעם קופּע פֿאַרנעם איך אַן אָרט ביים פֿענצטער. איינצלנע רייזנדע שטייגן איין. ביים פֿייף פֿון אָנקומענדיקן וואַרשעווער עקספּרעס־צוג אַנט־שטייט אַ געדרודער. מענטשן לויפֿן אַהין און צוריק. איך קוק אַרויס און זע, ווי הונדערטער פּאַסאַזשירן שטייגן אויס פֿונעם אָנגעקומענעם עקס־פּרעס און כמעט אַלע לויפֿן צו דעם צוג, אין וועלכן איך זיץ.

איך קוק אַפּאַטיש אויף דער מאַסע קעפּ, פֿיס, וואָס באַוועגן זיך און טראַכט מיר: וואָס וואָלט עס גאָט געשאַט, ווען צווישן די אַלע מענטשן וואָלט אויך געווען מיין ישראל? צווישן די הונדערטער, הונדערטער שפּרייזנדיקע פֿיס — אויך זיינע פֿיס?

מיינע אויגן האָבן געזוכט און נישט געזען און נישט געוווּסט, אַז טאַקע צווישן די אָנגעקומענע און אַריינשטייגנדיקע אין דעם צוג, וואָס גייט קיין לאָדזש — געפֿינט זיך ישראל. כ'האָב נישט באַמערקט און נישט געוווּסט. אָבער ווען דער צוג האָט גערירט פֿון אָרט און איך האָב אָנגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אין דער וואַנט פֿון וואַגאָן, איז מיר געוואָרן אַזוי לייכט, אַזוי גוט אויפֿן האַרצן. איך הער נישט מער דאָס רופֿן „העלוש", עס איז פֿאַרשוווּנדן דאָס געפֿיל פֿון אומרו, דער דראַנג צו באַוועגונג, איילעניש... שטיל. שטיל און נעימותדיק.

דער צוג לויפֿט. עס צעוואַקסט זיך אין מיר אַ רו, אַ מילדע שלוהדי־קייט. דאָס מאָנאָטאָניקע קלעקאָטשען פֿון די רעדער וויגט מיך איין. עס חלומט זיך מיר דער „גרינער פּלאַץ" פֿון סטאָצקער וואַלד. צווישן די ביימער זע איך ישראלן מיט יאַנקלען. די מאַמעשי כאַפּט מיך אַן ביים אָרעם.

— פּאַני, לאָדזש! — וועקט מיך און טרייסלט מיין אַקסל אַ פּויערטע, מיין שכנטע פֿונעם קופּע.

— — — — — — — — — — — — — — —

אסתּר עפֿנט מיר די טיר. זי כאַפּט מיך אַרום און איז ממש גליקלעך מיט מיין צוריקקומען. אין שטוב זענען דאָ טעלעכע באַקאַנטע. אַלע פֿרייען זיך מיט מיר. אסתּר טוט מיר אויס דעם מאַנטל, פֿירט צו צום טיש און דערלאַנגט גלייך טיי.

— ווי דו זעסט אויס, ווי דו זעסט אויס! — זיפֿצט זי איבער מיר — טרינק אויס די טיי און לייג זיך באַלד אין בעט אַריין! עס זאָל דיר כאָטש נישט האָבן געשאַט דאָס היינטיקע משוגעת.

פּלוצלינג — אַ קלונג ביי דער טיר. אסתּר לויפֿט עפֿענען און גלייך דערהער איך איר ווילדן אויסגעשריי:

— העלו! יאַנעק יעסט!! (העלו, יאַנעק איז דאָ!).

אין דער טיר שטייט אַ הויכער, אויסגעדאַרטער מאַן, אָנגעטאָן אין אַ דריי־פֿערטלדיקער בעקעשע. ער איז אַזוי ענלעך צו ישראלן, אָבער

איך פאַרשטיי נישט, וואָס עס טוט זיך איצט. אַלץ איז אַזוי אומרעאַל, ווי דער היינטיקער קאָשמאַרנער טאָג. איך קאָן זיך נישט אויפשטעלן, און כ׳פאַרשטיי נישט, וואָס דאָ קומט פאָר. איך זיץ און ער שטייט, ווארט. די מענטשן אין שטוב און אַלץ אַרום איז אומבאַוועגלעך, פאַרגליווערט, שטום. דאָס אַלץ דויערט געציילטע סעקונדן און — פּלוצלינג שפּרינג איך אויף. עס רייסט זיך מיר אַרויס אַן אוממענטשלעך געשריי, אַ ווילד־משוגהדיק געהייל און איך פאַל אַרויף אויף ישראלן...

סוף פונעם באַנד „אויף דער אַרישער זייט״

קאַפּיטלען:

פאָרוואָרט	מ. צאַנין
א בריוו צום ברודער	זייט 9
ביי סטאַכן	" 21
ביי פראַנעקן	" 30
אין דער אייגענער וווינונג	" 93
אַלס „גאָספּאָשע"	" 151
אַפּריל 1943 — פון דער זייט מויער	" 209
אין ראַדאָשטש	" 225
מאַלגאָשאַ	" 239
געראַנגל	" 265
אַליין	" 283
די באַפרייאונג	" 339